STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10650

VI SHTOL HOT ZIKH FARHARTEVET

Nikolay Ostrovsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ניקאָלײַ אָסטראָווסקי

ווי שטאָל האָט זיך פאַרהאַרטעוועט

ראָמאַנ אינ צוויי טײלנ

מעלוכע־פאַרלאַג פונ ווײַסרוסלאַנד
מינסק — נאַצסעקטער — 1937

Printed in Soviet Union

НИКОЛАЙ ОСТРОВСКИЙ

КАК ЗАКАЛЯЛАСЬ СТАЛЬ

МОСКВА, ГОСУДАРСТВЕННОЕ ИЗДАТЕЛЬСТВО
„ХУДОЖЕСТВЕННАЯ ЛИТЕРАТУРА“

די איבערזעצונג ליטעראריש באארבעט פונ מ. קולבאק

פאָרוואָרט

דער ראָמאַנ „ווי שטאָל האָט זיכ פארהארטעוועט“ באווײַזט פריִער פונ אלצ, וויאַזוי אינ דער גרויסער פראָלעטארישער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, אינ די שלאכטנ קעגנ די קאפּיטאליסטנ, אימפּעריִאליסטנ, אינטערווענטנ, פריצים, פּעטליוראָווצעס אונ נאציִאָנאליסטנ פונ פארשיידענע קאָלירנ איז געוואָקסנ אונ געפעסטיקט זיכ דער קלאסנ־באוווסטזײַנ פונ די ארבעטער אונ פונ דער פּויערישער אָרעמשאפט אונ עס זײַנע געבוירנ געוואָרנ העלדנ פונ די ארבעטער אונ פּויערים.

די אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט אופגעזאמלט אונטער די שלאכט־פאָנעס מיליאָנעס ארבעטנדיקע, וואָס האָבנ זיכ געשטעלט אונטער דער קאָמאנדע פונ די רומפולע מיליטערישע פירער—וואָראָשילאָוו, פרונזע, בודיאָני, קאָטאָווסקי, טשאפּײַעוו, דער לעגענדארער שטשאָרס, וואָס אינ זײַנ דיוויזיע האָט געקעמפט אויכ ניקאָלײַ אָסטראָווסקי. די גרויסע פּארטיי פונ לענינ־סטאלינ האָט זיי געפירט אינ שלאכט פאר דער אידיי פונ סאָציִאליזמ, פאר דער מאכט פונ סאָוועטנ, פאר דער וועלט־רעוואָליוציע. נ. א. אָסטראָווסקיס ראָמאַנ שפּיגלט בוילעט אָפּ די הערלעכקייט פונ דעמ דאָזיקנ קאמפּ.

פאר מיליאָנעס ארבעטערשער אונ קאָלווירטישער יוגנט פונ אוקראַינע האָט נ. אָסטראָווסקיס ראָמאַנ א באזונדערע באדײַטונג, דערפאר ווײַל אפּ אוקראַינע, אינ די באדינגונגענ פונעמ קאָמפּליצירטסטנ אונ אָנגעשטרענגטנ קאמפּ מיט די באנדעס פונ דער צענטראלער ראדע, פונ פּעטליורענ, מיט די דײַטשישע אונ פּוילישע אָקופּאנטנ, ווײַסגווארדייער האָבנ זיכ פארהארטעוועט אויסגעצייכנטע צענדליקער אונ הונדערטער העלדנ—קאָרטשאגינס. אינ די רייענ פונעמ קעמפערישנ קאָמיוג פונ אוקראַינע איז אויסגעוואָקסנ אונדזער העלד אונ אווטאָר—ניקאָלײַ אָסטראָווסקי.

די צארישע זעלבסטהערשונג, די פּריצים אונ קאפּיטאליסטנ האָבנ אלצ מער פארשטארקט די עקספּלואטאציע אונ די אונטערדריקונג פונ די ארבעטנדיקע. זיי האָבנ געהאָפט, אז זיי וועלנ הערשנ אייביק. די דאָזיקע דעספּאָטנ האָט זיכ געדוכט, אז דורכ אָפּרעכענענ זיכ מיטנ ארבעטער־קלאס אונ פּויערטומ, דורכ פאנאנדערברענענ דעמ נאציִאָנאלנ האס אונ דורכ

פּאָגראָמען, וועלן זיי פאַרניכטן אַלץ, וואָס איז לעבעדיק, וואָס קעמפט פאַרן סאָציאַליזם. אָבער דער דרוק פון דער צארישער זעלבסטהערשונג און קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע איז געוואָרן אומדערטרעגלעך. און דער געוויטער איז אויסגעבראָכן. אין די דאָזיקע סאַמע אַנטשיידנדיקע טעג פון דער רעוואָליוציע האָט וולאַדימיר איליטש גערופן „מע זאָל די סאַמע אַנטשלאָסענע עלעמענטן פון אונדזערע „שלאָגלער" און די אַרבעטער־יוגנט, ווי אויך די בעסטע מאַטראָסן אויסטיילן אין ניט־גרויסע אָטריאַדן, אַפּ צו פאַרנעמען אַלע וויכטיקסטע פונקטן און אַפּ אָנטיילנעמען אומעטום, אין אַלע וויכטיקע אָפּעראַציעס". און אָט די וויכטיקסטע פונקטן האָבן אין די אָקטיאַבער־טעג פאַרנומען הונדערטער, טויזנטער קאָרטשאַגינס.

אין דעם געשטאַלט פון זשוכרײַען באַווײַזט אונדז ניקאָלײַ אָסטראָווסקי א פלאַמיקן באָלשעוויק, די אַלטע באָלשעוויסטישע גוואַרדיע, וועלכע האָט מיט ליבשאַפט דערצויגן דעם אונטערוואַקסנדיקן דאָר אין גײַסט פונעם קאַמף פאַר דער זאַך פונעם אַרבעטער־קלאַס און זײַן גרויסער פּאַרטיי.

זייער אינטערעסאַנט באַווײַזט דער ראָמאַן, וויאַזוי די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט אויפגעוועקט דעם באַוווסטזײַן פון די אונטערדריקטע מאַסן אין די סאַמע פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך פון אוקראַינע און האָט פאַרשאַרפט דעם קלאַסן־האַס.

ניקאָלײַ אָסטראָווסקי גיט אין דעם ראָמאַן ניט ווייניק אינטערעסאַנטע בילדער פונעם לעבן און קאַמף פון די פּראָלעטאַריער און פויערישער אָרעמשאַפט, ער דעמאַסקירט דאָס באַלעגופנטום, די בורזשואַזיע, דאָס קליינבירגערטום. ער גיט א בולעטע כאַראַקטעריסטיק פון דער ראָל פון דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ, פון איר געזעלשאַפטלעכער לאַגע, איר אומפייקײַט צו פאַרשטיין די טרײַב־קרעפטן פון דער רעוואָליוציע.

אין אָסטראָווסקיס ראָמאַן קומט פאָר א קאַמף צווישן פּאַווקען און דעם גימנאַזיסט פון לעשטשינסקיס מישפּאָכע. די גײַוועדיקײַט פונעם גימנאַזיסט, זײַן גרויסהאַלטערײַ, די אָפּגעהאַקטע, טרוקענע, הארצלאָזע געדאַנקען, לײַכטזיניקײַט, געמיינהײַט, נידערטרעכטיקײַט און פאַראַט — אָט ווי עס ווערט כאַראַקטעריזירט דאָס קינד, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אינעם קליינבירגערלעכן נעסט און איז פאַרזונקען אין האָוועניש, שמאָלקעפּלדיקײַט, באַלעבעטלדיקן פּראָווינציעלן לעבן. פונקט ווי א קליין פישל ארום א הײַפיש דערנערט זיך מיט דעם, וואָס עס בלײַבט איבער פונעם הײַפיש, אַזוי האָט אויך דאָס דאָזיקע קליינבירגערטום געלעבט פון די איבערבלײַבעכצן פון די פּריצים און גרויסבורזשואַזיע, גרייטנדיק פאַר. זיי פון זײַנע זין לאַקייען און שפּאָנען אַפּ פאַרשיידענע געביטן פון דער אַזויגערופענער „געזעלשאַפטלעכער טעטיקײַט".

גאָר אַנדערש איז דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז היסטאָריש דורכן גאַנצן גאַנג פון דער אַנטוויקלונג פון קלאַסן־קאַמף צוגעגרייט צו אַרויסטרעטן אַפּ

דער ארענע פונ קאמפ פאר די אינטערעסנ פונ זײַנ קלאס, פאר די אינטע־
רעסנ פונ דער גאנצער מענטשהײַט. אונ די פראָלעטארישע יוגנט האָט זיכ
אינ די טעג פונ אָקטיאבער זעלבסטאָפּפערדיק אָפּגעגעבנ דעמ קאמפ פארנ
סאָציאַליזמ, האָט זיכ געשטעלט אונטער די פאָנעס פונ די באָלשעוויקעס.
יוגנט איז א גרויסע קראפט. דאָס לעבנ שלאָגט דאָנ ווי א קוואל. די
יוגנט שטייט מעסירעסנעפּעשדיק אינ די רייענ פונ דער רומפולער, אומבא־
זיגבארער רויטער ארמיי אפ דער שוצ פונ פססר. מיטנ קאָמיוג אינ דער שפּיצ,
אונטער דער אָנפירונג פונ דער פארטיי אונ דעמ פירער פונ אלע ארבעטנ־
דיקע — דעמ כ׳ סטאלינ — פילט זי אויס אפ די פארשיידנסטע באצירקנ פונ
דער סאָציאַליסטישער בויונג, אינ דער וויסנשאפט, טעכניק, קונסט, ליטע־
ראטור די גרעסטע אופגאבנ. אונ אינ אסאכ פאלנ באקרוינענ דער קאָמיוג
אונ די יוגנט, מיט וועלכע ער פירט אָנ, די זיגנ אינ דער אינדוסטריע,
אפנ טראנספּאָרט, אינ דער לאנדווירטשאפט, אינ דער נאציאָנאַל־קולטורעלער
בויונג, אינ דעמ גאנצנ אלטעגלעכנ לעבנ פונעמ סאָוועטנלאנד.

סײַ אינ דעמ גרויסנ סאָציאַליסטישנ געוועט, סײַ איצט אינ דער מעכטי־
קער סטאכאנאָווישער באוועגונג באווײַזט דער קאָמיוג — הונדערטער אונ
טויזנטער יונגע ארבעטער אונ קאָלווירטניקעס — בײַשפּילנ פונ העראָישקײַט,
דרייסטקײַט, אונ אינ שלאָגלערישער סאָציאַליסטישער ארבעט דערציט ער
נײַע מענטשנ פונ דער סאָציאַליסטישער עפּאָכע.

אפ די העלדנטאטנ פונ דער פארגאנגענהײַט אונ אפ די מוסטערנ פונ
סאָציאַליסטישער ארבעט אינ דער גרויסער סאָציאַליסטישער בויונג איבער־
צײַגנ זיכ די ארבעטנדיקע, אונטערדריקטע מאסנ פונ גאָר דער וועלט אינ
דעמ, וואָס פאר א ניט־אויסשעפּלעכער קוואל פונ רעוואָליוציאָנערער אונ
ארבעטנדיקער שעפערישקײַט עס פארמאָגט אונדזער פאָלק.

איבערגעגעבנקײַט צו זײַנ סאָציאַליסטישנ היימלאנד, דער פארטיי פונ
לענינ־סטאלינ, אויסשליסלעכע דרייסטקײַט באווײַזט אלייג דער אווטאָר פונעמ
ראָמאנ „ווי שטאָל האָט זיכ פארהארטעוועט“. צוגעשמידט צומ בעט דורכ
א שווערער קרענק, ארבעט ער אומדערמידלעכ, שאפט, לעבט מיטנ סאמע
ברויזנדיקנ לעבנ פונ אונדזער גרויסער עפּאָכע, אונ פונ איר שעפּט ער אָנ
א שיר קויכעס, ענערגיע, מונטערקײַט, ענטוזיאַזמ, באָלשעוויסטישע לײַדנ־
שאפט. זײַנ געשטאלט איז א בוילעטער בײַשפּיל פאר דעמ אונטערוואקסנ־
דיקנ דאָר, וויאַזוי מע דארפ לעבנ אונ ארבעטנ. „דאָס סאמע טײַערע פארנ
מענטשנ — דאָס איז דאָס לעבנ, — זאָגט ער מיטנ מויל פונעמ העלד פונעמ
ראָמאנ, פּאווע קאָרטשאגינ, — דאָס ווערט אימ געגעבנ איינ מאָל, אונ דורכ־
לעבנ עס דארפ מענ אזוי, אז עס זאָל ניט זײַנ פּײַנלעכ ווייטעקדיק פאר די
דורכגעלעבטע יאָרנ אָנ א ציל, אז עס זאָל ניט אויסקומענ פלאמענ פונ
שאנדע פאר דער נידערטרעכטיקער אונ קליינלעכער פארגאנגענהײַט אונ אז,
שטארבנדיק, זאָל מענ קענענ זאָגנ: דאָס גאנצע לעבנ אונ אלע קויכעס זײַ־

נען אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר דאָס סאַמע דערהויבענע אין דער וועלט—דעם קאַמף פאַר דער באַפרײַונג פֿון דער מענטשהײַט".

אַזאַ איז געווען די מעסירעסנפעשדיקע איבערגעגעבנקײַט דעם סאָציאַליזם פֿון דער פּראָלעטאַרישער יוגנט און פֿון איר ווונדערבאַרן אוואַנגאַרד—פֿונעם קאָמיוג אין די גרויסע שלאַכטן פֿאַרן טריומף פֿון אָקטיאַבער. אַזאַ איז די מעסירעסנפעשדיקע איבערגעגעבנקײַט פֿון דער סאָוועטישער יוגנט אויך איצט, אין סאָציאַליסטישער אַרבעט. אַזאַ וועט זי אויך זײַן אין די קינפטיקע שלאַכטן פֿאַרן אַלוועלטלעכן אָקטיאַבער.

פּאַוועל איז דער הויפּט-העלד פֿונעם ראָמאַן. באַטייליקנדיק זיך אין שלאַכט קעגן די פּעטליוראָווצעס, העטמאַנצעס, דײַטשישע אָקופּאַנטן, ווײַסע און ווײַס-פּאָליאַקן, און דערנאָך זײַענדיק אויף פּאַראַנטוואָרטלעכער קאָמיוגישער אַרבעט, אַלעמאָל האָט פּאַוועל דרייסט געקעמפט מיט די קלאַסן-סאָנים, שטענדיק אָפּקלאַפּנדיק זייער פּאַראַקשנטן קעגנשטעלן זיך דער רעוואָליוציע.

אָבער פּאַוועל איז יונג. אויף זײַן קעמפערישן לעבנסוועג פֿאַרבינדן זיך קנופּן פֿון ליבע-סימפּאַטיעס, איבערלעבונגען. אין דעם ראָמאַן וועט דער לייענער געפֿינען אַסאַך מוסטערן פֿון עמעסער פּרײַנטשאַפֿט פֿון מענטשן, וואָס זײַנען פֿאַרייניקט דורכן קאַמף פֿאַר די העכסטע אידעאַלן פֿון דער מענטשהײַט. די איצטיקע יוגנט וועט שעפּן פֿונעם דאָזיקן בוך אַסאַך לעבנס-דערפֿאַרונג, קעדיי אויסמײַדן פֿעלערן, אויסוואָרצלען די איבערבלײַבענישן פֿונעם אַלטן שטייגער, קעמפֿן קעגן געמיינקײַט און אויף אַ נײַעם אופֿן, אויף אַ רעוואָליוציאָנערן בויען די פֿאַמיליע.

און אויב פּאַוועל האָט אַ טאָעס געהאַט אין זײַנע סימפּאַטיעס צו אַ מיידל, וואָס האָט נאָך ניט צעריסן די פֿעדעם פֿון קרויוועשאַפֿט, וועלכע פֿאַרבינדן זי מיט אַ ניט-פּראָלעטאַרישער סוויווע, איז, ניט געקוקט אויף דער גאַנצער לײַדנשאַפֿט פֿון זײַן געפֿיל, האָט עס פּאַוועל אַרויסגעריסן פֿון האַרצן און זיך אײַנגאַנצן אָפּגעגעבן דעם קאַמף פֿאַרן סאָציאַליזם.

ניט די שטערבלעכע וווּנדן אין בלוטיקן שלאַכט, ניט די שווערע קראַנקײַט, וואָס דראָט דעם לעבן זײַנעם, האָבן קאָרטשאַגינען ניט צעבראָכן. ניט שווינענדיק די קויכעס זײַנע, ווי נאָר ער שטעלט זיך אויף די פֿיס, שליסט ער זיך ווידער אײַן אין ברויזנדן לעבן, טראָגט העלדיש איבער די אומגעהויערע שווערקײַטן פֿון די ערשטע יאָרן פֿונעם אופֿשטעלונג-פּעריאָד און בירגערקריג, פֿונעם קאַמף מיט באַנדיטיזם, סאַבאָטאַזש, שעדיקערײַ, און, ווי אַ טיטאַן, טראָגט ער די גרעסטע אַרבעט-אָנלאָדונג אויף פֿאַרשיידענע באַצירקן פֿון דער פֿאָלק-ווירטשאַפֿט, ווויהין עס האָט אים געוואָרפֿן די פּאַרטיי און דער קאָמיוג. אומעטום, ווו ער האָט נאָר באַגעגנט, האָט ער אויפֿגעדעקט און דעמאַסקירט די אָפֿענע און באַהאַלטענע סאָנים, אומדערמידלעך געקעמפֿט קעגן דעם מענשעוויזם און טראָצקיזם אין דער פּאַרטיי און קאָמיוג, קעגן אַלע אָפּנויגן—פֿאַר דער לענינישער גענעראַלער פּאַרטיי-ליניע.

פאוועל קאָרטשאגין שטויסט זיך אָן אַף א ניט־פילבארער באציִונג צו אים. ווי גערעכט עס איז געווען דער כ׳ לעניִן, וואָס האָט גערופן צום קאמף קעגן קולטורלאָזיקייט, ביוראָקראטיזם! און איצט ווערן שוין אזעלכע ביישפילן פון ביוראָקראטיזם אלץ ווייניקער און ווייניקער. ווי גערעכט עס איז דער כ׳ סטאלין, וואָס האָט געוואָרפן דעם רוף וועגן אופמערקזאמקייט צו מענטשן, ווייל „פון אלע ווערטפולע קאפיטאלן, וועלכע זיינען פאראן אַף דער וועלט, איז דער סאמע ווערטפולער און דער סאמע אנטשיידענער—דאָס זיינען מענטשן, קאדרען״. וועגן דעם זאָגט איידעס דער מעכטיקער אופבלי פון קולטור, דער געבורט פון גרויסע טאלאנטן, דער וווקס פון סאָוועטישע שרייבער, פון מענטשן פון וויסנשאפט און קונסט, וועלכע האָבן אין אונדזער בליִענדיקן לאנד אלע מעגלעכקייטן צו אנטוויקלען זייערע פייִקייטן.

די מעדיצין איז נאָך הילפלאָז צו אופשטעלן נ. אָסטראָווסקיס געזונט. אָבער פון די רייען איז ער ניט ארויסגעפאלן. העלדיש באזיגט ער די קראנקייט, לעבט, שאפט און וועט נאָך לאנג שאפן צום נוצן פון סאָציאליזם. ניקאָליי אָסטראָווסקי האָט ארייַנגעשריבן אין דער געשיכטע פונעם אָרדענטרעגערישן קאָמיוג ניט ווייניק העלדנטאטן, דרייסטקייט און הערויִשקייט. פאר זיינע שלאכט־פארדינסטן, פאר זיין טאלאנטפול ווערק, ליטעראַרישער שאפונג, וואָס מיט איר שארפן געווער זעצט ער פאָר צו קעמפן פאר דער אויסבויונג פון א קלאסנלאָזער סאָציאליסטישער געזעלשאפט, האָט די פארטיי און די ארבעטער־פויערישע רעגירונג באלוינט אים מיט דער העכסטער באלוינונג—מיט א לענין־אָרדען.

אונדזער רומפולער קאָמיוג, פונוואנען עס שטאמט אָסטראָווסקי, דערציט טויזנטער, צענדליקער טויזנטער, מיליאָנען מענטשן, וועלכע באלעבן מיטן בלוט פון זייער הארצן די אנטוויקלונג און דעם אופבלי פון די פראָדוציר־קויכעס פון אונדזער לאנד, קעמפן און וועלן דערלעבן ביזן פולשטענדיקן זיג פון דער זאך פון לענין־סטאלינס פארטיי אין גאַר דער וועלט.

ג. אי. פּעטראָווסקי.

ערשטער טייל

ערשטער קאפיטל

— ווער עס איז פון אײַך פאר יאָנטעוו געקומען צו מיר אהיים ענטפערן אפ די לעקציעס—שטייט אוף!

א פעטער מענטש, אן אָפּגעלאָזענער, אין א ריאסע, מיט א שווערן צײ־לעם אפן האלדז, האָט דראָענדיק א קוק געטאָן אפ די שילער.

די קליינע בייזע אויגעלעך האָבן דורכגעשטאָכן אלע זעקס שילער, וואָס האָבן זיך אופגעהויבן פון די פארטעס,—פיר ייִנגלעך און צוויי מיידלעך. זיי האָבן מיט מוירע געקוקט אפ אים.

— איר, זיצט,—האָט דער פּאָפּ א מאך געטאָן מיט דער האנט צו די מיידלעך.

יענע האָבן זיך שנעל אװעקגעזעצט און לײַכט אָפּגעזיפצט.

דעם פּאָפּ וואסיליס אויגן האָבן זיך אײַנגעגעסן אין די פיר פיגורלעך.

— קומט נאָר אהער, ליבינקע!

דער פּאָפּ וואסילי האָט זיך אופגעהויבן, אָפּגערוקט דעם שטול און איז צוגעגאנגען הארט צו די קינדער, וואָס האָבן זיך צונויפגעטוליעט אין איין קופּקע.

— ווער רויכערט עס דאָ פון אײַך, אויסוורפן?

אפ דער דאָזיקער פראגע האָבן אלע פיר געענטפערט שטילערהייט:

— מיר רויכערן ניט, פּאָטערל.

דעם פּאָפּס געזיכט איז געוואָרן צונטער־רויט.

— איר רויכערט ניט, גאסן־יונגען? און ווער האָט עס די מאכאָרקע אין דעם טייג ארײַנגעשאָטן? איר רויכערט ניט? אָט וועלן מיר טאקע באלד א קוק טאָן! קערט אויס די קעשענעס. נו, גיכער! איך זאָג דאָך אײַך עפּעס! נו, קערט אויס!

דרײַ האָבן אָנגעהויבן ארויסלייגן אלץ פון די קעשענעס אפן טיש.

דער פּאָפּ האָט בא זיי דורכגעקוקט אופמערקזאם די נעט, געזוכט שפּורן פון טאבעק, אָבער ער האָט גאָרנישט ניט געפונען און זיך גענומען צום פערטן, א יונג מיט שווארצע אויגן, אין א גרוי העמדל און אין בלויע הויזן מיט לאטעס אפ די קני.

— און וואָס שטײסטו, ווי א לײמענער גולעם?

דער, וואָס מיט די שווארצע אויגן, האָט געקוקט מיט פארטײַעטער סינע און דומפ געענטפערט:

— בא מיר זײַנען ניטאָ קײן קעשענעס,—ער האָט א גלעט געטאָן מיט די הענט איבער די פארנײטע נעט.

— א־א־א־א! ניטאָ קײן קעשענעס! מײנסט טאקע, אז איך ווײס ניט, ווער עס האָט געקענט אָפּטאָן אזא שטיקל ארבעט, פאטערן מיר דעם טײג! דו מײנסט, אז דו וועסט נאָך איצט אויך בלײַבן אין שול? נײן, טײַערער, דאָס וועט דיר ניט ארײַנגײן גלאט. יענעם מאָל האָט זיך נאָך דײַן מאמע אײַנגעבעטן, מע זאָל דיך איבערלאָזן, אָבער איצט איז שוין אן עק. מארש פון קלאס!—ער האָט אים שטארק א נעם געטאָן פארן אויער, ארויסגעשלײַדערט אין קאָרידאָר און פארמאכט נאָך אים די טיר.

דער קלאס איז אנשוויגן געוואָרן, האָט זיך אײַנגענורעט. קײנער האָט ניט פארשטאנען, פארוואָס מע האָט קאָרטשאגינען ארויסגעטריבן פון שול. בלויז סעריאָזשקע ברוזשאק, פּאווקעס כאווער און פרײַנט, האָט געזען, ווי פּאווקע האָט דאָרטן אין קיך ארײַנגעשאָטן אין דעם פּאָפּס פּײסעכדיקן טײג א הויפן מאכאָרקע, דאָרטן, אין קיך, וווּ עס האָבן אפּן פּאָפּ געוואַרט די זעקס אָפּשטײענדיקע שילער. זײ איז שוין אויסגעקומען ענטפערן אף די לימודים באם פּאָפּ אינדערהײם.

דער ארויסגעטריבענער פּאווקע האָט זיך צוגעזעצט אפן נידעריקסטן טרעפּל פונעם גאנעק. ער האָט געטראכט וועגן דעם, וויאזוי זאָל ער קומען אהײם און וואָס זאָל ער זאָגן דער מאמען, דער זאָרגעוודיקער מאמען, וואָס ארבעט פון אינדערפרי ביז שפּעט אין דער נאכט אלס קעכן בא אן אקציזנעם אינספּעקטער.

פּאווקעס האָבן געשטיקט די טרערן.

„נו, וואָס זאָל איך איצטער טאָן? אָבער אלץ צוליב דעם פארשאָלטענעם פּאָפּ, צו וואָסער שווארציאָר האָב איך עס אים געדארפט ארײַנשיטן די מאכאָרקע? סעריאָזשקע האָט מיך אָנגערעדט. „לאָמיר,—זאָגט ער,—ארײַנשיטן דער דאָזיקער מיִעסער בריִע". האָבן מיר גענומען און ארײַנגעשאָטן. סעריאָזשקען איז אדורך גלאט, אָבער מיך וועט מען געוויס דורכיאָגן".

שוין לאנג ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן די סינע צו דעם פּאָטער. וואסילי. אײנמאָל האָט זיך פּאווקע צעהארגעט מיט מישקע לעווטשוק, און מע האָט אים איבערגעלאָזן „אָן מיטיק". קעדײ ער זאָל ניט איבערקערן די וועלט אין לײדיקן קלאס, האָט דער לערער ארײַנגעפירט דעם יונגאטש צו די עלטערע אין צווײטן קלאס. פּאווקע האָט זיך אוועקגעזעצט אף דער הינטערשטער פּארטע.

דער לערער, א דארינקער, אין א שווארצ פּידזשאקל, האָט דערצײלט וועגן דער ערד, וועגן די פּלאנעטעס. פּאווקע האָט געהערט און אזש גע-

עפנט דאָס מויל פון פארווונדערונג, וואָס די ערד עקזיסטירט שוין הינדערט מיליאָנען יאָרן און וואָס די שטערן—אויך, אשטייגער, אזוי ווי די ערד. ער איז אָפ אזויפיל געווען איבערראשט פון דעם, וואָס ער האָט געהערט, אז אים האָט זיך אפילע פארוואָלט אופשטיין און זאָגן דעם לערער: „אין זאקאָנבאָזשי שטייט אנדערש געשריבן". אָבער ער האָט מוירע געהאט, ער זאָל עפּעס ניט כאפן דערפאר.

אָפ זאקאָן באָזשי פלעגט דער פּאָפּ שטענדיק שטעלן פּאַווקען א פּינפ. אלע טראָפּארן, דעם נייעם און אלטן טעסטאמענט האָט פּאַווקע געוווּסט אָפ קלאָר; ער האָט פּעסט געוווּסט, וואָס האָט גאָט אין וואָס פאר א טאָג באַשאַפן. פּאַווקע האָט באשלאָסן דערגיין די זאך באם פּאָפּ וואסילי. אָפ דער ערשטער לעקציע טאַקע, ווי נאָר דער פּאָפּ האָט זיך ארייַנגעזעצט אין שטול, האָט פּאַווקע אופגעהויבן די האנט און, אז ער האָט באקומען די דערלויבעניש צו ריידן, איז ער אופגעשטאנען.

— פּאָטערל, פארוואָס זאָגט דער לערער אין עלטערן קלאס, אז די ערד שטייט שוין פון מיליאָנען יאָרן, און ניט ווי עס שטייט געשריבן אין זאקאָנבאָזשי—פינפ טויז...—נאָר ער איז באלד געבליבן געפּלעפּט פון דעם פּאָטער וואסיליס קוויטשעדיקן געשריי:

— וואָס האָסטו געזאָגט, אויסוואורפ? אָט אזוי לערנסטו עס גאָטס וואָרט!

פּאַווקע האָט נאָך ניט באוויזן א פּיפּס צו טאָן, ווי דער פּאָפּ האָט אים אָנגעכאפּט פארביידע אויערן און געגומען זעצן מיטן קאָפּ אָן דער וואנט. אין א ווייַלע ארום האָט מען אים, א צעשלאָגענעם און דערשראָקענעם, ארויסגעשלײַדערט אין קאָרידאָר.

פּאַווקע האָט באקומען דעם עמעסן כיילעק פון דער מאמען.

אפמאָרגן איז זי אוועק אין שול און האָט אײַנגעבעטן דעם פּאָטער וואסילי, ער זאָל צונעמען איר זון אָפ צוריק. פון דעמלט אָן האָט פּאַווקע פײַנט געקראָגן דעם פּאָפּ טאכלעס סינע. פײַנט געקראָגן און מוירע געהאט פאר אים. קיינעם האָט ער ניט מויכל געווען די קליינע באליידיקונגען; ער האָט אויך ניט געקענט מויכל זײַן דעם פּאָפּ די ניט־פארדינטע שמיץ, ער איז געוואָרן פארביטערט און זיך פארטײַעט.

נאָך אסאך קליינע אוולעס האָט דאָס ייִנגל איבערגעטראָגן פון דעם פּאָפּ וואסילי. דער פּאָפּ פלעגט אים ארויסטרײַבן אָפ יענער זײַט טיר. וואָכנווײַז נאָכאנאנד געשטעלט אים אין ווינקל פאר קלייניקײַטן און קיינמאָל ניט אויסגעפרעגט בא אים די לעקציעס, און דערפאר איז אים אויסגעקומען פאר פּייסעך גיין צוזאמען מיט די אָפּגעשטאנענע צום פּאָפּ אהיים אָפּגעבן די לימודים. דאָרטן, אין קיך, האָט עס פּאַווקע ארײַנגעשאָטן מאכאָרקע אין דעם פּייסעכדיקן טייג.

קיינער האָט ניט געזען, און פונדעסטוועגן האָט דער פּאָפּ זיך באלד דערוווּסט, וועמעס שטיקל ארבעט דאָס איז.

... די לעקציע האָט זיך געענדיקט. די קינדער האָבן זיך א שאָט ארויס געטאָן אפן הויף און ארומגעשטעלט זיך ארום פּאווקען. ער האָט כמורנע געשוויגן. סעריאָזשקע ברוזשאק איז פון קלאס ניט ארויס. ער האָט געפילט, אז אויך ער איז שולדיק, נאָר העלפן דעם כאָווער האָט ער מיט גאָרנישט ניט געקענט.

אין אָפענעם פענצטער פון לערער־צימער האָט זיך ארויסגערוקט דער קאָפּ פונעם שול־פּארוואלטער יעפרעם וואסיליעוויטש, פון זיין דיקן באס האָט פּאווקע אופגעציטערט.

— שיקט מיר גלייך ארײַן קאָרטשאגינען! — האָט ער אויסגעשריען.

און פּאווקע איז מיט הארצקלאפּעניש אוועק אין לערער־צימער.

*

דער באַלעבאָס פונעם וואָקזאַל־בופעט, אן עלטערער, א בלייכער, מיט פארבלאָזטע, אָפּגעקראָכענע אויגן, האָט געכאַפּט א קוק אף פּאווקען, וואָס איז געשטאַנען אָנאַזייַט.

— וויפל איז ער אַלט?

— צוועלף, — האָט געענטפערט די מאמע.

— מיילע, זאָל ער בלייבן. די באַדינגונגען זײַנען: אכט רובל א כוידעש מיט עסן אין די ארבעט־טעג. א מעסלעס ארבעטן, א מעסלעס אינדערהיים, און ניט גאנווענען.

— וואָס רעדט איר! וואָס רעדט איר! גאנווענען וועט ער ניט, איך בין אייך אָרעוו, — האָט א דערשראָקענע געזאָגט די מאמע.

— נו, זאָל ער שוין היינט צוטרעטן צו דער ארבעט, — האָט דער באַלע־באָס געהייסן, און א קער טוענדיק זיך צו דער פארקויפערן, וואָס איז געשטא־נען לעבן אים באַם טאָמבאַנק, האָט ער געזאָגט: — זינע, פיר אָפּ דאָס יינגל אין געשיר־שטוב. זאָג פראָסינקען, זי זאָל אים געבן ארבעט אָנשטאָט גרישקען.

די פאַרקויפערן האָט א וואָרף געטאָן דעם מעסער, מיט וועלכן זי האָט געשניטן שינקע, א מאך געטאָן צו פּאווקען מיטן קאָפּ און איז אוועק דורכן זאַל צו דער זײַטיקער טיר, וואָס האָט געפירט אין דער געשיר־שטוב. פּאוו־קע איז אוועק נאָך איר. די מאמע איז פארשמײַעט נאָכגעגאַנגען און גע־שעפּטשעט צו אים אין אײַלעניש:

— דו פּאווּלושע, סטארע זיך, זע, אז דו זאָלסט ניט דורכפאַלן.

און באַגלייטנדיק דעם זון מיט א טרויעריקן בליק, איז זי אוועק צום ארויסגאַנג.

אין דער געשיר־שטוב איז די ארבעט געגאַנגען אין פולן ברען: א באַרג טעלער, גאָפּלען, מעסערס אפן טיש, און עטלעכע פרויען האָבן זיי איבער־געווישט מיט די האַנטעכער, וואָס זײַנען בא זיי געווען אריבערגעוואָרפן אי־בער די אַקסלען.

א געלער יינגל מיט צעפודלטע, ניט געקאמטע האָר, עטוואָס אַן עלטערער פאַר פאַווקען, האָט זיך געייסעקט אַרום צוויי גרויסע סאַמאָוואַרן.

די געשיר־שטוב איז פול געווען מיט דאמפ פון א גרויסן קעסל הייסע וואַסער, אין וועלכן מע האָט געוואשן דאָס געפעס, און פאַווקע האָט אין דער ערשטער רגע ניט געקענט אַרויסזען די פּענעמער פון די אַרבעטנדיקע פרויען. ער איז געשטאַנען אינמיטן געשיר־שטוב, ניט וויסנדיק, וואָס ער האָט צו טאָן און וווהין זיך אַהינצוטאָן.

די פאַרקויפערן זינען איז צוגעגאַנגען צו איינער פון די פרויען, וואָס האָבן געוואַשן דאָס געפעס, אָנגענומען זי פאַרן אַקסל און געזאָגט:

— אָט האָט איר אײַך, פּראַסינקע, א נײַעם יינגל, אָנשטאָט גרישקען. דו זאָג אים, וואָס ער האָט צו טאָן.

זי האָט זיך א קער געטאָן צו פאַווקען, אָנגעוויזן אים אַף דער פרוי, וואָס זי האָט נאָרוואָס אָנגערופן פּראַסינקע, און געזאָגט:

— זי איז דאָ די עלטסטע. וואָס זי וועט זאָגן, דאָס זאָלסטו טאָן. — זינע האָט זיך אויסגעקערעוועט און איז אַוועק אין בופעט.

— גוט, — האָט שטיל געענטפערט פאַווקע און פרעגנדיק געקוקט אַף פּראַסיען, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים. יענע האָט, ווישנדיק דעם שווייס פון שטערן, געקוקט אַף אים פון אויבן אַראָפּ, ווי זי וואָלט אָפּגעשאַצט זײַן ווערט, און פאַרקאַטשענדיק דעם אַראָפּגעפאַלענעם אַרבל, האָט זי א זאָג געטאָן מיט א וווּנדערלעך־אָנגענעמער האַרציקער שטים:

— דײַן אַרבעט, ליבינקער, איז א גאַנץ פּאַשעטע: אָט דעם דאָזיקן קעסל וועסטו אָנוואַרעמען, הייסט עס, אַלע אינדערפרי, עס זאָל אין אים זײַן שטענדיק געזאָדענע וואַסער, האַלץ, פאַרשטייט זיך, זאָלסטו אָנהאַקן, ווידער אָט די דאָזיקע סאַמאָוואַרן שטעלן איז אויך דײַן אַרבעט. ווידער, אַז מע וועט דאַרפן, וועסטו שײַערן די מעסער און גאָפּלען און די עמערס שמוץ אַרויס־טראָגן. אַרבעט וועט דיר קלעקן, ליבינקער, וועסט גאַנץ גוט שוויצן, — האָט זי געזאָגט אַף איר קאָסטראָמער דיאַלעקט. פון דעם דאָזיקן אַרט ריידן, פון איר ראָזעווון פּאָנעם און פונעם פאַריסענעם נעזל איז פאַווקען עפּעס גע־וואָרן פריילעך.

„די דאָזיקע מומינקע איז, ווײַזט אויס, גאָר נישקאָשעדיק", האָט ער בא זיך באַשטימט. ער איז געוואָרן דרייסטער און זיך געווענדט צו פּראַסיען:

— און וואָס זאָל איך איצטער טאָן, מומינקע?

ער האָט א זאָג געטאָן און זיך באַלד פאַרהאַקט. א הילכיקער געלעכטער פון די פרויען, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער געשיר־שטוב, האָט פאַרהילכט זײַנע לעצטע ווערטער.

— כאַ־כאַ־כאַ... פּראַסינקע האָט שוין אפילע זיך אויסגעפונען א פּלי־מעניק...

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָט מער פון אַלעמען געלאַכט פּראַסיע אַליין.

צוליבנ דאמפ האָט פאווקע ניט ארויסגעזענ איר געזיכט, פראָסיע איז סאכאקל אלט געווענ אכצנ יאָר.

שוינ איינגאנצנ א פארלאָרענער, האָט ער זיכ א קער געטאָנ צומ ייִנגל אונ געפרעגט:

— וואָס האָב איכ איצטער צו טאָנ?

דאָס ייִנגל האָט אָבער פונ דער פראגע זיכ בלויז אויסגעלאכט:

— דו פרעג בא דער מומענ, זי וועט דיר שוינ אלצ אָפדרוקנ, איכ בינ דאָ נאָר צײַטווײַליק.—ער האָט זיכ אויסגעקערעוועט אונ איז ארויסגעשפרונגענ אינ דער טיר, וואָס האָט געפירט אינ קיכ ארײַנ.

— קומ אהער, העלפ אויסווישנ די גאָפלענ,—האָט פאווקע דערהערט די שטימ פונ איינער אנ ארבעטערנ, שוינ ניט קיינ יונגער געשיר־וועשערנ.

— וואָס הירזשעט איר? וואָס האָט דאָ אזוינס דאָס ייִנגל געזאָגט? נא, נעמ,—זי האָט פאווקענ דערלאנגט א האנטעכ,—נעמ איינ עק אינ די ציינער, אונ דעמ צווייטנ צי אָנ אפנ קאנט. נא דיר א גאָפל אונ וויש אימ אויס די ציינדעלעכ, אהער־אהינ, אזוי, אז עס זאָל אפילע קיינ שפרענקעלע ניט בלײַבנ. בא אונדז קוקט מענ אפ די זאכנ שטרענג. די באלעבאטימ קוקנ איבער די גאָפלענ, אונ אויב זיי וועלנ באמערקנ שמוצ,—איז די עמעסע קלאָג. די באלעבאָסטע וועט איינס אונ צוויי נעמענ אונ ארויסטרײַבנ.

— וואָס הייסט די באלעבאָסטע?—האָט פאווקע ניט פארשטאנענ.—אײַער באלעבאָס איז דאָכ דער, וואָס האָט מיכ צוגענומענ.

די געשיר־וועשערנ האָט זיכ פאנאנדערגעלאכט.

— אונדזער באלעבאָס, זונעלע, איז נאָר א מינ מעבל־שטיק, א ווייכע פערינע. די באלעבאָסטע טראָגט דאָ די הויזנ. זי איז הײַנט ניטאָ. אז דו וועסט דאָ ארבעטנ, וועסטו זענ.

די טיר אינ געשיר־שטוב האָט זיכ געעפנט, אונ עס זײַנענ ארײַנ דרײַ אָפיציאנטנ מיט הרודעס שמוציקע געפעס אינ די הענט. איינער פונ זיי, א ברייטפלייציקער, מיט קאָסע אויגנ אונ מיט א פירקאנטיק פאָנעמ, האָט א זאָג געטאָנ:

— רירט זיכ אביסל גיכער, באלד קומט אָנ דער צוועלפאזייגערדיקער, אונ איר פאָרקעט זיכ דאָ.

ער האָט א קוק געטאָנ אפ פאווקענ:

— אונ דער ווער איז?

— דאָס איז א נײַער כעוורעמאנ,—האָט פראָסיע געענטפערט.

— א, א נײַער,—האָט ער געזאָגט,—איז אָט האָסטו דיר.—זײַנ שווערע האנט האָט זיכ אראָפגעלאָזנ אפ פאווקעס אקסל אונ אימ א שטויס געטאָנ צו די סאמאָווארנ,—זיי דארפנ בא דיר שטענדיק זײַנ פארטיק, אונ דו טו א קוק, איינער האָט זיכ אויסגעלאָשנ, אונ דער צווייטער קוימ וואָס ער

עטעמט. הײַנט וועט עס דיר אראָפּגײן גלאַט, אָבער אויב דאָס וועט זיך איבערכאַזערן אויך מאָרגן, וועסטו כאַפּן אין באַק. פאַרשטאַנען?

ניט אויסרײדנדיק קײן וואָרט, האָט זיך פּאַווקע א נעם געטאָן צו די סאַמאָוואַרן.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן פּאַווקעס האָרעפּאַשנער לעבן. קײנמאָל האָט זיך פּאַווקע אַזוי ניט געסטאַרעט, ווי אין זײַן ערשטן אַרבעט־טאָג. ער האָט פאַרשטאַנען: דאָ איז ניט אינדערהײם, וווּ מע קען ניט פאָלגן דער מאַמען. דער, וואָס מיט די קאָסע אויגן, האָט געזאָגט קלאָר און דײַטלעך, אַז אויב ער וועט ניט פאָלגן,—איז באַלד אין באַק אַרײַן.

עס האָבן גענומען פליִען פונקען פון די גראָבבײַכיקע פירעמערדיקע סאַמאָווערן, ווען פּאַווקע האָט אַראָפּגעשלעפּט א שטיוול פון פוס, אָנגעטאָן אים אויפן קוימען פון סאַמאָוואַר און גענומען בלאָזן.

ער האָט געכאַפּט די עמערס מיט שמוץ און געלאָפן צום אָפּגוס־גרוב. ער האָט אונטערגעלײגט האָלץ אונטערן קעסל וואַסער, געטריקנט אויף די זידנדיקע סאַמאָוואַרן די נאַסע האַנטעכער, געטאָן אַלץ, וואָס מע האָט אים געהײסן.

שפּעט אין אָוונט איז דער פאַרמאַטערטער פּאַווקע אַוועק אונטן אין קיך. די באַיאָרנטע געפּעס־וועשערין אַניסיע האָט א קוק געטאָן אויף דער טיר, וואָס האָט הינטער זיך באַהאַלטן פּאַווקען, און געזאָגט:

— דאָס יאַטל איז עפּעס ניט בא זיך: וואַרפט זיך ווי א מעשוגענער. אַפּנים, אַז ניט פון נאַכעס האָט מען אים געשיקט אַרבעטן.

— יע, א יאַט א פלינקער,—האָט פראָסיע געזאָגט,—אַזאַ דאַרף מען ניט אונטעריאָגן.

— ער וועט זיך גיך אָנלויפן,—האָט דערווידערט לושע,—די ערשטע טעג סטאַרען זיך אַלע...

זיבן אַזײגער אינדערפרי, א פאַרמאַטערטער פון דער שלאָפלאָזער נאַכט און פונעם קעסײדערדיקן אַרומלויפן, האָט פּאַווקע איבערגעגעבן די קאָכיקע סאַמאָוואַרן זײַן סמענע—א דיקפּענעמדיקן ייִנגל מיט כוצפּעדיקע אויגעלעך.

פעסטגעשטעלט, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג און אַז די סאַמאָוואַרן זידן, האָט דאָס יאַטל פאַרוקט די הענט אין די קעשענעס, א שפּײַ געטאָן פון צווישן די צײנער און מיט אַן אָנשטעל פון פאַראַכטונג פון אויבן אַראָפּ א קוק געטאָן מיט די עטוואָס ווײַסלעכע אויגן אויף פּאַווקען. ער האָט א זאָג געטאָן מיט א טאָן, וואָס דערלאָזט ניט קײנשום דערווידערונג:

— עך, דו קאַפּעלירש! מאָרגן קומסטו זעקס אַזײגער אויף דער סמענע.

— פאַרוואָס עפּעס זעקס?—האָט פּאַווקע געפרעגט.—מע בײַט זיך דאָך אום זיבן.

— זאָל זיך יענער בײַטן, װער עס בײַט זיך, און דו קום זעקס. און אויב דו װעסט אסאך בילן, װעסטו באלד כאפּן א טונק אין פּאָרטרעט אַרײַן. װאָס זאָגסטו צו אים? א שטיק גאָרנישט, נאָרװאָס אָנגעקומען—און פּראװועט שוין קוראַזש.

די געשיר־װעשערנס, װאָס האָבן איבערגעגעבן די דעזשורסטװע די נײַ־געקומענע, האָבן טשיקאװע נאָכגעשפּירט דעם שמועס פון די צװיי ייִנגלעך. דער פרעכער טאָג און די כוצפּעדיקע אופירונג פון דעם יאטל האָט פאװ־קענ אופּגעבראכט. ער האָט זיך צוגערוקט אפּ א טראָט צו זײַן סמענע און האָט זיך צוגעגרייט פארפאָרן דעם יאטל דעם גאָר פּײַנעם קנאַק. אָבער די מוירע צו װערן דורכגעיאָגט שוין אין דעם ערשטן טאָג פון דער ארבעט האָט אים אָפּגעהאלטן. אײַנגאנצן א פארפּינצטערטער, האָט ער געזאָגט:

— כאפּ ניט אזוי, שפּרינג ניט, װעסט זיך אָפּבריִען. מאָרגן װעל איך קומען זיבן, און שלאָגן זיך קען איך ניט ערגער פאר דיר; אויב דו װעסט װעלן אויספּרובירן—איז ביטע.

דער קענגער איז אָפּגעטראָטן אפּ א טראָט צום קעסל און האָט פארכי־דעשט געקוקט אפּ דעם צעפּודלטן פּאװוקען: אזא קאטעגאָרישן װידערשטאנד האָט ער ניט דערװארט און האָט זיך אביסל פארלאָרן.

— נו, מײַלע, מירן זען,—האָט ער ארויסגעמורמלט.

פּאװוקע איז ארויס פון װאָקזאל צוזאמען מיט די פרויען און האָט זיך אפּגיך געלאָזן אהיים.

דער ערשטער טאָג איז אדורך קעשורע, און פּאװוקע האָט געשפּרײַזט אהיים מיטן געפיל פון א מענטשן, װאָס האָט ערלעך פארדינט זײַן אָפּרו. איצטער ארבעט ער שוין אויך, איצט קען אים שוין קיינער ניט זאָגן, אז ער איז א קעסט־קינד.

די פרימאָרגנדיקע זון האָט זיך פויל אופגעהויבן פון הינטער דעם רי־זיקן ביניען פון זעג־מיל. באלד װעט זיך שוין פּאװוקעס שטיבל באװײַזן, אָט דאָ, באלד נאָך לעשטשינסקעס הויף.

„די מאמע שלאָפט מיסטאָמע ניט, און איך קער זיך אום פון דער אר־בעט,—האָט פּאװוקע געטראכט און איז פּײַפנדיק עפּעס אװעק שנעלער.—עס האָט זיך באקומען גאָרניט אזוי שלעכט, װאָס מע האָט מיך פון שול ארויס־געװאָרפן. אלצײַנס װאָלט דער פארשאָלטענער פּאָפּ ניט געלאָזט לעבן, און איצטער שפּײַ איך אפּ אים,—האָט פּאװוקע געטראכט. צוקומענדיק צום שטוב און עפענענדיק דאָס פערטל, האָט ער זיך דערמאָנט: „יענעם, דעם װײַסינקן, װעל איך אומבאַדינגט צעפּראסקען דעם פּאָנעם, אומבאַדינגט״.

די מאמע האָט זיך אפּן הויף געפּאָרעט ארום סאמאָװאר. זי האָט דער־זען דעם זון און א צעטראָגענע געפרעגט:

— נו, װי?

— גוט,—האָט פּאװוקע געענטפערט.

די מאַמע האָט אים וועגן עפּעס געוואָלט וואָרענען. ער האָט פאַרשטאַנען,—אין דעם אָפענעם פענצטער פונעם צימער האָט זיך געזען די ברייטע פּלייצע פון זיין ברודער אַרטיאָם.

— וואָס, אַרטיאָם איז געקומען צו פאָרן?—האָט ער אַ פרעג געטאָן פאַרלאָרענערהייט.

— נעכטן איז ער געקומען צו פאָרן און וועט זיך אָפּשטעלן דאָ. ער וועט אַרבעטן אין דעפּאָ.

פּאַווקע האָט ניט גאַר זיכער געעפנט די טיר אין שטוב אַריין.

די ריזיקע פיגור, וואָס איז געזעסן באַם טיש מיטן רוקן צו אים, האָט זיך אומגעקערט, און אַף פּאַווקען האָבן פון אונטער געדיכטע שוואַרצע ברעמען אַ קוק געטאָן דעם ברודערס שטרענגע אויגן.

— אַ, דער מאַכאָרעטשניק איז געקומען? נו, וואָס מאַכסטו?

דער שמועס מיטן געקומענעם ברודער האָט אויסגעזען צו זיין ניט קיין באַזונדערס אָנגענעמער.

„אַרטיאָם ווייס שוין פון אַלץ,—האָט פּאַווקע אַ טראַכט געטאָן.—אַרטיאָם קען נאָך אויסזידלען, ער קען אויך אַריינליייגן עטלעכע קלעפּ”.

פּאַווליק האָט זיך אַביסל געשראָקן פאַר אַרטיאָמען.

אָבער אַרטיאָם האָט, ווייזט אויס, ניט געטראַכט צו שלאָגן זיך. ער איז געזעסן אַפן בענקל, אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס אָן טיש, און האָט געקוקט אַף פּאַווקען מיט אַ שטאַרן בליק—עפּעס אַזוי ווי פון אויבן אַראָפּ אָדער עפּעס אַזוי ווי מיט פאַראַכטונג.

— זאָגסטו, אַז דעם אוניווערסיטעט האָסטו שוין געענדיקט, אַלע וויסנשאַפטן דורכגעגאַנגענע און איצט האָסטו זיך גענומען פאַר די עמערס שמוץ?—האָט אַרטיאָם געזאָגט.

פּאַווקע האָט איינגעשפּאַרט די אויגן אין אַ צעשפּאָלטענער ברעט פון דיל און אויפמערקזאַם באַטראַכט דאָס אַרויסגעשפּרונגענע קעפּל פון אַ טשוועק.

אַרטיאָם האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש און איז אַוועק אין קיך.

„מ'וועט שוין אָפּקומען, ווייזט אויס, אָן אַ קאָמפּרעס”, האָט פּאַווקע פאַרלייכטערט אָפּגעזויפצט.

בייסן טיי טרינקען האָט אַרטיאָם רויק אויסגעפרעגט פּאַווקען וועגן דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין קלאַס.

פּאַווקע האָט דערציילט אַלץ.

— וואָס וועט פון דיר ווייטער זיין, וויבאַלד דו וואַקסט אַזאַ גאַסנייונג?—האָט טרויעריק געזאָגט די מאַמע.— נו, וואָס זאָל מען טאָן מיט אים? און אין וועמען איז ער דאָס געראָטן? גאָט מיינער, וויפל צאָרעס איך האָב זיך דאָס אָנגעליטן פונעם דאָזיקן יינגל!—האָט זי זיך געקלאָגט.

אַרטיאָם האָט אָפּגערוקט פון זיך די ליידיקע שאָל און, ווענדנדיק זיך צו פּאַווקען, האָט ער געזאָגט:

— נו, איז אָט, גוטער ברודער, וויבאַלד עס האָט זיך שוין אַזוי גע־מאַכט, טאָ האַלט זיך איצטער ווי אַ מענטש. אַפֿ דער אַרבעט מאַך ניט קיין שטיק, נאָר טו אַלץ, וואָס מ׳דאַרף; אויב מע וועט דיך פֿון דאָרטן אַרויס־וואַרפֿן, וועל איך דיר אַזוי אָנרײַבן, אַז דו וועסט האָבן צו געדענקען. נעם זיך עס אַרײַן אין קאָפּ. גענוג צו מאַטערן די מאַמען. ווהין דער שוואַרציאָר זאָל זיך ניט געבן אַ קער, איז אומעטום אַ קלאָג, אומעטום מאַכט ער עפּעס אָן. אָבער איצט זאָל שוין נעמען אַ סאָף. וועסט אָפּאַרבעטן אַ יאָר — וועל איך בעטן, מע זאָל דיך צונעמען פֿאַר אַ ייִנגל אין דעפּאָ, וואָרעם פֿון די עמערס שמוץ וועט קיין מענטש פֿון דיר ניט אַרויסקומען. מע דאַרף זיך לערנען אַ מעלאָכע. איצטער ביסטו נאָך קליין, אָבער אין אַ יאָר אַרום וועל איך בעטן, — עפּשער וועט מען דיך צונעמען. איך קלײַב זיך איבער אַהער און וועל דאָ אַרבעטן. די מאַמע וועט מער ניט דינען. גענוג פֿאַר איר צו בייגן דעם הויקער פֿאַר יעדן אויסוווּרף, אָבער דו זע, פּאַווקע, זײַ אַ מענטש.

ער האָט זיך אויפֿגעהויבן אין זײַן גאַנצן ריזיקן וווּקס, אָנגעטאָן דאָס רעקל, וואָס איז געהאַנגען אַפֿן וועגטל פֿון שטול, און אַ זאָג געטאָן צו דער מוטער:

— איך דאַרף זיך דאָ אַרויסכאַפּן צוליב אַן איגיען אַפֿ אַ ווײַלע. — ער האָט זיך אײַנגעבויגן באַם דורכגאַנג פֿון טיר און איז אַרויס. שוין אין הויף, פֿאַרבײַגייענדיק דעם פֿענצטער, האָט ער געזאָגט:

— כ׳האָב דיר דאָרטן געבראַכט שטיוול און אַ מעסערל, די מאַמע וועט עס דיר אָפּגעבן.

*

דער וואָקזאַל־בופֿעט איז געווען אָפּן נאָכאַנאַנד אַ קײַלעכדיקן מעסלעס.

דער אײַזנבאַן־קנופּ האָט פֿאַרייניקט זעקס ליניעס. דער וואָקזאַל איז שטענדיק געווען געפּאַקט מיט מענטשן, און בלויז אַפֿ צוויי־דרײַ באַנאַכטיקע שאָען, אינעם איבערײַס צווישן צוויי באַנען, פֿלעגט ער זיך באַרויִקן. דאָ אַפֿן וואָקזאַל פֿלעגן זיך באַגעגענען און זיך צעפּאָרן אין פֿאַרשיידענע זײַטן הונדערטער עשאַלאָנען. פֿון איין פֿראָנט אַפֿן צווייטן. פֿון דאָרטן — מיט צע־קאַליעטשעטע, צעקריפּלטע מענטשן, און אַהין — מיט שטראָמען נײַע מענטשן אין גרויע, אייניאַרטיקע שינעלן.

צוויי יאָר האָט זיך פּאַווקע אַרומגעדרייט אַפֿ זײַן אַרבעט. די קיך און די געשיר־וועשערײַ — אָט דאָס איז אַלץ, וואָס ער האָט געזען פֿאַר די דאָ־זיקע צוויי יאָר. אין דער גרויסער קעלער־קיך איז געגאַנגען אַ פֿיבערהאַפֿ־טע אַרבעט. עס האָבן געאַרבעט איבער צוואַנציק מענטשן. צען אָפֿיציאַנטן זײַנען אומגעלאָפֿן פֿון בופֿעט אין קיך. באַקומען האָט שוין פּאַווקע ניט אַכט, נאָר צען רובל. ער איז אויסגעוואַקסן פֿאַר די צוויי יאָר, קרעפּטיקער גע־וואָרן. צאָרעס האָט ער פֿאַר דער דאָזיקער צײַט געהאַט אויסצושטיין גענוג.

האלב יאָר האָט ער זיכ געוואָנדלט אינ קיכ אלס קוכער־ייִנגל, נאָכדעמ ווידער ארויסגעפלויגנ אינ געשיר־וועשערײַ, עס האָט אימ ארויסגעשלײַדערט דער אלמעכטיקער שעפ, אימ איז ניט געפעלנ געוואָרנ דאָס האָנעדאָווע ייִנגל, וואָס קענ נעמענ איינס אונ צוויי אונ דערלאנגענ מיט א מעסער פאר א פאטש. מע וואָלט אימ שוינ לאנג דורכגעיאָגט דערפאר פונ דער ארבעט, אָבער אימ האָט געהאָלפנ די ארבעטפײַקײַט.

ארבעטנ האָט פאווקע געקענט מער פונ אלעמענ, ניט ווערנדיק פארמאטערט.

ווענ אינ בופעט איז געווענ פול, האָט ער זיכ ארומגעיאָגט ווי א פארסאמטער, מיט טאצנ, שפרינגענדיק אראָפ, איבער פיר־פינפ טרעפלעכ מיטאמאָל, אינ קיכ ארײַנ אונ צוריק.

באנאכט, ווענ אינ ביידע בופעט־זאלנ פלעגט ווערנ שטילער דער געדראנג, פלעגנ זיכ אונטנ, אינ די שפײַכלערס פונ קיכ, צונויפקלײַבנ די אָפיציאנטנ. עס פלעגט זיכ אָנהייבנ א מעשוגענע אזארט־שפיל: אינ אנ „איינ אונ צוואנציק” אונ א „נײַנטל”. פאווקע האָט ניט איינ מאָל געזענ אסיגנאציעס אפ די טישנ. פאווקע איז ניט ניספאָעל געוואָרנ פונ די גרויסע געלטער. ער האָט געוווּסט, אז יעדערער פונ זיי באקומט אינ א מעסלעס בא דרײַסיק־פערציק רובל טיי־געלט. צו קערבל, צו האלבע רובלס־קלײַבט מענ עס צונויפ. אונ נאָכדעמ שיקערט מענ אונ מע מאזיקט זיכ אינ קאָרטנ. פאווקע האָט אפ זיי געטראָגנ א הארצ.

„מיִעסע אויסוווּרפנ!—האָט ער געטראכט.—אָט ארטיאָמ, דער בעסטער סאָרט שליאָסער, אונ באקומט אכט אונ פערציק רובל, אונ איכ—צענ; זיי אָבער שפארנ אָנ אינ די קעשענעס אזויפיל פאר איינ מעסלעס—אונ פאר וואָס? פארנ צוטראָגנ אונ צונעמענ. זיי האלטנ אינ איינ טרינקענ אונ שפילנ אינ קאָרטנ”.

פאווקע האָט זיי געהאלטנ, פונקט אזויווי די באלעבאטימ, פאר פרעמדע, פײַנטלעכע. „זיי, די נישטיקײַטנ, גייענ דאָ ארומ ווי לאקייענ, אונ די ווײַבער מיט די זינדלעכ לעבנ אינ די שטעט, ווי די גווירימ”.

זיי פלעגנ ברענגענ צו פירנ זייערע זינדלעכ אונ גימנאזיסטישע קליידער. זיי פלעגנ אויכ ברענגענ די ווײַבער, צעשווומענע פונ ווילטעק. „געלט האָבנ זיי אוודע מערער ווי יענע הערנ, וועלכע זיי באדינענ”, האָט פאווקע געטראכט. ער איז אויכ ניט ניספאָעל געוואָרנ פונ דעמ, וואָס פלעגט פאָרקומענ באנאכט אינ די ווינקלעכ פונ קיכ אונ אינ די שפײַכלערס פונ בופעט. פאווקע האָט גוט געוווּסט, אז יעדע איינע געפעס־וועשערנ אונ יעדע פארקויפערנ וועט זיכ ניט לאנג האלטנ בא דער ארבעט אינ בופעט, אויב זי וועט זיכ ניט פארקויפנ פאר עטלעכע רובל יעדערנ, וואָס האָט דאָ מאכט אונ קויעכ.

פּאווקע האָט ארייַנגעקוקט אינ דער סאמע טיפעניש פונ לעבנ, אפ זייַנ דעק, אינ ברונעמ אריַינ, אונ מיט טוכלע שימל, מיט קויטיקער נאסקייַט האָט אנ אָטעמ געטאָנ אפ אימ, פּאווקענ, וועלכער האָט געגארט אזוי צו אלצ, וואָס איז נייַ, אומבאקאנט.

ארטיאָמענ האָט זיכ ניט אייַנגעגעבנ אייַנאָרדענענ דעמ ברודער פאר א ייִנגל אינ דעפּאָ: ייִנגער פונ פופצנ יאָר האָט מענ ניט אָנגענומענ. פּאווקע האָט געווארט אפנ טאָג, ווענ ער וועט ארויסגייַנ פונדאנענ, אימ האָט געצויגנ צו דער גרויסער געמויערטער פארויכערטער געבייַדע.

אָפּט איז ער געווענ בא ארטיאָמענ, בעגאנגענ מיט אימ ארומקוקנ די וואגאָנעס אונ זיכ באמיט מיט עפּעס אימ צו העלפנ.

עס איז אימ באזונדערס אומעטיק געוואָרנ, ווענ פּראָסיע איז אוועק פונ דער ארבעט.

דאָס לאכנדיקע יונגע מיידל איז שוינ דאָ ניט געווענ, אונ פּאווקע האָט שארפער דערפילט, ווי שטארק ער האָט זיכ מיט איר באפרייַנדעט. קומענדיק אינדערפרי אינ געשיר־וועשערייַ, הערנדיק דאָס קריגנ זיכ פונ די היימלאָזע וויַיבער, האָט ער געפילט עפּעס א פוסטקייַט אונ אנ אייַנזאמקייַט.

*

בייסנ באנאכטיקנ איבערייַס, אונטערלייגנדיק האָלצ אונטערנ קעסל, האָט זיכ פּאווקע צוגעזעצט אפ די שפּיצ פינגער פאר דעמ אָפענעמ טירל פונעמ אויוועלע; פארזשמורענדיק די אויגנ, האָט ער געקוקט אפנ פייַער—עס איז געווענ גוט פונ דער ווארעמקייַט פונ אויוונ. אינ געשיר־וועשערייַ איז קיינער ניט געווענ.

ער האָט ניט באמערקט, ווי די געדאנקענ האָבנ זיכ אומגעקערט צו דעמ, וואָס עס איז פאָרגעקומענ דאָ ניט לאנג, צו פּראָסיענ, אונ עס איז בוילעט אופגעשווומענ פאר די אויגנ דאָס בילד:

שאבעס, בייסנ באנאכטיקנ איבערייַס, האָט זיכ פּאווקע אראָפּגעלאָזנ איבער די טרעפּ אינ קיכ ארייַנ. באמ פארקירעווענ זיכ פונ די טרעפּ איז ער אויס נייַגעריקייַט ארופגעקראָכנ אפ די האָלצ, קעדיי ארייַנקוקנ אינ שפּייַכלער, ווו עס פלעגנ זיכ געווינלעכ פארזאמלענ די קאָרטנשפּילער.

די שפּיל איז דאָרטנ געווענ אינ רעכטנ ברענ. זאליוואנאָוו, א צעפּארעטער פונ אופרעגונג, האָט געהאלטנ דעמ באנק.

אפ די טרעפּ האָבנ זיכ דערהערט טריט. ער האָט א קוק געגעבנ אפהינטנ: פונויבנ האָט זיכ אראָפּגעלאָזנ פּראָכאָשקע. פּאווקע איז ארונטערגעקראָכנ אונטער די טרעפּ אונ אָפּגעווארט, ביז יענער וועט דורכגייַנ אינ קיכ ארייַנ. אונטער די טרעפּ איז געווענ פינצטער, אונ פּראָכאָשקע האָט אימ ניט געקענט זענ.

פּראָכאָשקע האָט זיך פאַרקערעוועט אפ אונטן, און פּאווקע האָט געזען זײַן ברייטע פּלייצע און דעם גרויסן קאָפּ. פונויבן, פון די טרעפּ, איז נאָך עמעצער אראָפּגעלאָפן מיט אײַליקע לײַכטע טריט, און פּאווקע האָט דערהערט א באַקאַנטע שטים:

— פּראָכאָשקע, ווארט צו.

פּראָכאָשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט, ער האָט זיך אויסגעקערעוועט און א קוק געטאָן אינדערהויך.

— וואָס ווילסטו?—האָט ער א בורטשע געטאָן.

די טריט אפ די טרעפּ האָבן זיך אראָפּגעלאָזן נידעריקער, און פּאווקע האָט דערקענט פּראָסיען.

זי האָט אָנגענומען דעם אָפיציאַנט פאַרן אָרבל און מיט א פאַרשטיקטער שטים, וואָס האָט זיך אלע ווײַלע איבערגעריסן, האָט זי געזאָגט:

— פּראָכאָרקע, ווו זשע איז דאָס געלט, וואָס דער אָפיצער האָט דיר געגעבן?

פּראָכאָר האָט האַסטיק אַרויסגעריסן די האַנט.

— וואָס? דאָס געלט? ניט שוין־זשע האָב איך דיר ניט אָפּגעגעבן?—האָט ער געזאָגט בייז און שאַרף.

— אָבער ער האָט דאָך דיר געגעבן דרײַ הונדערט רובל!—און אין פּראָ־סיעס שטים האָט זיך געהערט א פאַרטויבטער געיאָמער.

— דרײַ הונדערט רובל זאָגסטו?—האָט גיפּטיק אַרויסגערעדט פּראָכאָש־קע.—איז וואָס, דו ווילסט זיי באַקומען? צי איז עס, גנעדיקע פּרוי, אביסל ניט צו טײַער פּאַר א געשיר־וועשערן? איך רעכן, אז עס וועט קלעקן די פּופציק, וואָס איך האָב דיר געגעבן. זע נאָר, הוילע גיט־דאָ־געדאַכט! שע־נערע פּריצטעלעך, געבילדעטע—נעמען אויך ניט אזויפיל געלט. זאָג א דאַנק דערפאַר,—א נאַכט דורכשלאָפן און געכאַפּט פּופציק קערבלעך. ניטאָ קיין נאַראָנים. א צענערל, צוויי—וועל איך דיר נאָך געבן, און גענוג, און אויב דו וועסט ניט זײַן קיין נאַר,—וועסטו נאָך צופּאַרדינען. איך וועל דיר פאַר־שאַפן פּראָטעקציע.—אָפּגעזאָגט די לעצטע ווערטער, האָט זיך פּראָכאָשקע אויסגעדרייט און איז אוועק אין קיך.

— אויסוואורף, מיִעסקײַט,—האָט אים נאָכגעשריִען פּראָסיע. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן די האָלץ און זיך צעוויינט.

ניט צו איבערגעבן, ניט צו דערציילן די געפילן, וואָס האָבן באַהערשט פּאווקען, ווען ער האָט דערהערט דעם דאָזיקן געשפּרעך. שטייענדיק אינ־דערפינצטער אונטער די טרעפּ, האָט ער געזען די אופּציטערנדיקע פּראָסיע, וועלכע האָט זיך געקלאַפּט מיטן קאָפּ אָן די שײַטלעך האָלץ. פּאווקע האָט זיך ניט אָפּגערופן, ער האָט געשוויגן, פיבערהאַפט זיך אײַנגעקלאַמערט אין די טשוהונענע פּרענטן פון די טרעפּ, און אין קאָפּ האָט דורכגעשווינדלט און איז געבליבן זיצן א געדאַנק בוילעט, קלאָר:

„זיי האָבן שוין זי אויך פאַרקויפט, אויסוואָרפן. עך, פּראָסיע, פּראָ־סיע!..“

נאָך טיפער און שטאַרקער האָט זיך פאַרטײַעט א סינע צו פּראָכאָשקען, און אַלע אַרומיקע זײַנען אים געוואָרן מיִעס און עקלדיק. „עך, ווען איך האָב קויען, וואָלט איך צעהאַרגעט אפֿ טויט דעם דאָזיקן אויסוואָרף! פאַר־וואָס בין איך ניט אזא גרויסער און אזא שטאַרקער, ווי אַרטיאָם?“

די פײַערדלעך אין אויוון האָבן אופגעפלאַמט און זיך געלאָשן, עס האָבן געציטערט זייערע רויטע צונגען, זיך צונויפגעגאָסן אין א לאַנג בלוילעך פלעכטל: פּאַווקען האָט זיך אויסגעדוכט, אז עפעס א לעצ רייצט זיך מיט אים און שטעלט אים אַרויס זײַן צונג.

שטיל איז געווען אין צימער, עס האָט בלויז געקנאַקט אין אויוועלע, און באַם קראַן האָט זיך געהערט דער גלײַכמעסיקער קלאַנג פון פאַלנדיקע טראָפּנס.

*

אוועקשטעלנדיק אפֿן פּאָליצע די לעצטע העל־אויסגעשײַערטע פאַן, האָט קלימקע אויסגעווישט די הענט. אין קיך איז קיינער ניט געווען. דער דע־זשורנער קיכער און די קעכנס זײַנען געשלאָפן אין קליידער־צימער. אפֿ דרײַ נאַכט־שאָען איז אַנשוויגן געוואָרן די קיך. און די דאָזיקע שאָען האָט קלימקע שטענדיק פאַרבראַכט אינדערהויך בא פּאַווקען. גוט באַזרײַנדעט האָט זיך דאָס קיך־ייִנגל מיטן שוואַרצוויגיקן קעסל־הייצער. אַרופגייענדיק אינדער־הויך, האָט קלימקע דערזען פּאַווקען, זיצנדיק אפֿ די שפּיץ פינגער פאַר דעם אָפענעם אויוועלע. פּאַווקע האָט אפֿן וואַנט באַמערקט דעם שאָטן פון א באַ־קאַנטער צעפּודלטער פיגור און ער האָט א זאָג געטאָן, ניט אומקערנדיק זיך:

— זעצ זיך, קלימקע.

דאָס קיך־ייִנגל איז אַרופגעקראָכן אפֿ די צונויפגעלייגטע שײַטלעך האָלצ. ער האָט זיך אוועקגעלייגט אפֿ זיי, א קוק געטאָן אפֿן שווײַגנדיקן פּאַווקען און א זאָג געטאָן שמייכלענדיק:

— וואָס טוסטו, קישעפּסט אפֿן פײַער?

פּאַווקע האָט קוים אָפּגעריסן די אויגן פון די פײַערדיקע צונגען. אפֿ קלימקען האָבן געקוקט צוויי גרויסע גלאַנצנדיקע אויגן. קלימקע האָט אין זיי דערזען א פאַרבאַהאַלטענעם טרויער. צום ערשטן מאָל האָט קלימקע דער־זען דעם דאָזיקן טרויער אין די אויגן פון זײַן כאַווער.

— א מאָדנער ביסטו עפעס הײַנט, פּאַוקע, — האָט ער אַרויסגעזאָגט זײַן פאַרוווּנדערונג און, שווײַגנדיק א ווײַלע, האָט ער געפרעגט: — עס האָט עפעס געטראָפן בא דיר?

פּאַווקע האָט זיך אופגעהויבן און זיך אוועקגעזעצט האַרט לעבן קלימקען.

— עס האָט גאָרנישט געטראָפן, — האָט ער געענטפערט מיט א פאַר־

שטיקטנ קאָל.—מיר איז דאָ שווער, קלימקע.—אונ זײַנע הענט, וואָס זײַנענ געלעגנ אפ די קני, האָבנ זיכ צונויפגעפּרעסט אינ פויסטנ.

— וואָס איז דאָס אפ דיר הײַנט אָנגעפאלנ?—האָט טאָרגעזעצט קלימקע, זיכ אופהייבנדיק אפ די עלנבויגנס.

— וואָס עס איז הײַנט אָנגעפאלנ, זאָגסטו? עס איז שטענדיק אזוי, פונ זינט איכ בינ אָנגעקומענ אהער ארבעטנ. דו גיב נאָר א קוק, וואָס דאָ טוט זיכ! מיר ארבעטנ, ווי די קעמלענ, אונ אלס דאנק דערפאר דערלאנגט מענ אינ די ציינער, ווער נאָר עס וויל, אונ פונ קיינעמ איז ניטאָ קיינ שוצ. מיכ מיט דיר האָבנ די באלעבאטימ געדונגענ זיי צו דינענ, אָבער שלאָגנ האָט יעדערער רעכט, ווער נאָר עס האָט קויעכ. וואָרעמ מעגסט זיכ צערײַסנ, וועסטו אלעמענ ניט צופרידנ שטעלנ, אונ וועמענ דו וועסט ניט צופרידנ שטעלנ, פונ יענעמ כאפסטו ארײַנ. דו סטארעסט זיכ אלצ אזוי צו טאָנ, ווי ס'באדארפ צו זײַנ, אז קיינער זאָל זיכ ניט קענענ טשעפּענ, ווארפסט זיכ אינ אלע זײַטנ, אָבער אלציינס, האָסט וועמענ־עס־איז ניט צוגעטראָגנ עפּעס צו דער צײַט,—איז אינ באק...

קלימקע האָט אימ א דערשראָקענער איבערגעריסנ:

— דו שרײַ ניט אזוי, וואָרעמ עמעצער קענ ארײַנגיינ אונ דערהערנ. פאווקע איז אופגעשפּרונגענ.

— זאָל מענ הערנ, אלציינס וועל איכ אוועק פונדאנענ. ראמענ דעמ שנײַי פונ די רעלסנ איז שוינ אויכ בעסער, אונ דאָ... א קײַווער, איינ גאַ־נעוו איז גרעסער פונ דעמ צווייטנ. הײַנט וויפל געלט זיי האָבנ עס! אונדז האלטנ זיי פאר בעהיימעס, אונ מיט די מײַרלעכ טוענ זיי וואָס זיי ווילנ; אונ טאָמער טרעפט אמאָל עפּעס א ווילדע, וועלכע גיט זיכ ניט אונטער, יאָגט מענ זי דורכ איינס אונ צוויי. וווהינ זאָלנ זיי זיכ אהינטאָנ? מע נעמט אָנ היימלאָזע, הונגעריקע, זיי האלטנ זיכ דאָ פארנ שטיקל ברויט, דאָ קענענ זיי כאָטש אָפּעסנ אונ זיי גייענ אפ אלצ צוליב הונגער.

ער האָט עס געזאָגט מיט אזא קאַעס, אז קלימקע, טוירע האָבנדיק, אז עמעצער וועט דערהערנ זייער געשפּרעכ, איז אופגעשפּרונגענ אונ האָט פאר־מאכט די טיר, וואָס האָט געפירט אינ קיכ. אונ פאווקע האָט אלצ גערעדט אונ גערעדט פונ דעמ, וואָס איז אימ געווענ אָנגעזאָליעט אפנ הארצנ.

— אָט דו, קלימקע, שווײַגסט, ווענ מע שלאָגט דיכ. פארוואָס שווײַגסטו?

פאווקע האָט זיכ אוועקגעזעצט אפנ בענקל באמ טיש אונ האָט מיד אראָפּגעלאָזנ דעמ קאָפּ אפ די הענט. קלימקע האָט אָנגעלייגט האָלצ אינ אויװעלע אונ זיכ אויכ צוגעזעצט צומ טיש.

— הײַנט וועלנ מיר ניט לייענענ?—האָט ער געפרעגט בא פאווקענ.

— ניטאָ קיינ ביכל,—האָט פאווקע געענטפערט,—דער קיאָסק איז צוגע־מאכט.

— וואָסי, ער פארקויפט הײַנט ניט?—האָט זיכ קלימקע פארוווּנדערט.

— די זשאנדארמען האָבן אַרעסטירט דעם פאַרקויפער. מע האָט באַ אים עפּעס געפונען,— האָט פּאווקע געענטפערט.

— פאַר וואָס?

— פאַר פּאָליטיק, זאָגט מען.

קלימקע האָט פאַרגאַפט אַ קוק געטאָן אויף פּאווקען.

— און וואָס באַטײַט עס די פּאָליטיק?

פּאווקע האָט געקוועטשט מיט די אַקסלען.

— דער שוואַרציאָר ווייס! מע זאָגט, אַז אויב עמעצער גייט קעגן קייסער, רופט זיך דאָס אָן „פּאָליטיק".

קלימקע האָט זיך דערשראָקן אַ קער געטאָן:

— ניט שוין־זשע זײַנען פאַראַן אַזעלכע?

— איך ווייס ניט,— האָט פּאווקע געענטפערט.

די טיר האָט זיך געעפנט, און אין געשיר־וועשערײַ איז אַרײַן די פאַרשלאָפענע גלאַשע.

— פאַרוואָס שלאָפט איר עפּעס ניט, יאַטלעכן? מע קען אַף אַ שאָ כאַפּן אַ דרעמל, קאַלומאַן עס איז קיין צוג ניטאָ. גיי, פּאווקע, איך וועל אַכטונג געבן אויפן קעסל.

*

צו פּאווקעס שטעלע איז געקומען אַ סאַך פריִער, ווי ער אַליין האָט געטראַכט. עס האָט זיך אויסגעלאָזן אַזוי, ווי ער האָט גאָרניט פאַרויסגעזען.

אין איינעם פון די פראָסטיקע יאַנוואַר־טעג האָט פּאווקע זיך געקליבן צו פאַרענדיקן די סמענע און גיין אַהיים, אָבער דער יאַט, וואָס האָט אים געדאַרפט פאַרבײַטן, איז נאָך ניט געקומען. פּאווקע איז אַוועק צו דער באַלעבאָסטע און געמאָלדן, אַז ער גייט אַוועק אַהיים, נאָר יעגע האָט אים ניט אָפּגעלאָזן. דעם פאַרמאַטערטן פּאווקען איז אויסגעקומען אָפּאַרבעטן נאָך אַ מעסלעס, און צו נאַכט־צו איז ער געבליבן איינגאַנצן אָן קויכעס. איינעם איבערײַס האָט מען געדאַרפט אָנגיסן די קעסלען און אופקאָכן זיי צום דרײַאַזייגערדיקן צוג.

פּאווקע האָט אָפּגעדרייט דעם קראַן—קיין וואַסער איז ניט געגאַנגען. די וואַסער־פּאָמפּע האָט, ווײַזט אויס, ניט געאַרבעט. ער האָט געלאָזן דעם קראַן אָן אָפּגעדרייטן, זיך אַוועקגעלייגט אויף די האָלץ און אַנשלאָפן געוואָרן: די מידקײַט האָט אים גוואַלדיק געוואָרן.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך צעכאָרכלט און צעבורטשעט דער קראַן, און דאָס וואַסער האָט זיך גענומען גיסן אין קעסל, אָנגעפילט אים ביז די ברעגן און אַוועקגערונען איבער די קאַכלנע פליטעס אויפן דיל פון דער געשיר־וועשערײַ, ווו עס איז, ווי געווייינלעך, קיינער ניט געווען. דאָס וואַסער האָט פאַרגאָסן דעם דיל און האָט זיך דורכגעריסן פון אונטערן טיר אין זאַל אַרײַן.

רינעלעכ האָבנ זיכ דורכגעזאפּט אונטער די זאכנ אונ טשעמאָדאנעס פונ די שלאָפנדיקע פּאסאזשירנ. קיינער האָט עס ניט באמערקט. אונ בלויז ווענ דאָס וואסער האָט אונטערגענעצט א פּאסאזשיר, וואָס איז געשלאָפנ אפנ דיל, אונ יענער האָט זיכ אופגעכאפּט אונ אָנגעהויבנ שרײַענ, האָבנ זיכ אלע א וואָרפ געטאָנ צו די זאכנ. עס האָט זיכ אָנגעהויבנ א טומל.

אונ דאָס וואסער איז אלצ צוגעקומענ אונ צוגעקומענ.

פּראָכאָשקע, וואָס האָט אופגעראמט דעמ טיש אינ צווייטנ זאל, האָט זיכ געלאָזנ לויפנ אפנ געשריי פונ די פּאסאזשירנ אונ, שפּרינגענדיק איבער לור־זשעס, איז ער אונטערגעלאָפנ צומ טיר אונ מיט קויעכ זי אופגעפּראלט. דאָס וואסער, וואָס די טיר האָט פּארהאלטנ, האָט שטראָמיק א כלייצ געטאָנ אינ זאל ארײַנ.

די געשרייענ זײַנענ שטארקער געוואָרנ. אינ געשיר־וועשערײַ זײַנענ ארײַנגעלאָפנ די דעזשורנע אָפיציאנטנ. פּראָכאָשקע האָט זיכ א וואָרפ געטאָנ צומ שלאָפנדיקנ פּאווקענ.

קלעפּ האָבנ זיכ איינער נאָכנ אנדערנ געשאָטנ אפנ קאָפּ פונ דעמ יינגל, וואָס האָט זיכ פּאר ווייטעק קיינ אָרט ניט געקענט געפינענ.

פונ שלאָפ האָט ער גאָרנישט ניט פּארשטאנענ. אינ די אויגנ האָבנ אופ־געבליצט העלע בליצנ, אונ א ברענענדיקער ווייטעק האָט דורכגענומענ זײַנ גאנצנ קערפּער.

א צעמאזיקטער האָט ער זיכ קוימ דערשלעפּט אהיימ.

אינדערפרי האָט ארטיאָמ, א בייזער, א כמורנער, אויסגעפרעגט פּאווקענ וועגנ דער געשיכטע.

פּאווקע האט אלצ דערציילט, ווי עס איז געווענ.

— ווער האָט דיכ צעשלאָגנ?—האָט ארטיאָמ כמורנע א פרעג געטאָנ.

— פּראָכאָשקע.

— גוט. ליג.

ארטיאָמ האָט אָנגעטאָנ דעמ פּעלצ אונ איז, ניט זאָגנדיק קיינ וואָרט, ארויס.

*

— קענ איכ זענ דעמ קעלנער פּראָכאָר?—האָט א פרעג געטאָנ בא גלאשקענ אנ אומבאקאנטער ארבעטער.

— ער וועט באלד ארײַנגיינ, ווארט אופ,—האָט זי געענטפערט.

די ריזיקע פיגור האָט זיכ אָנגעשפּארט אָנ בײַשטידל.

— גוט, כ׳וועל צוווארטנ.

פּראָכאָר, וואָס האָט געטראָגנ א גאנצנ בארג געפעס, האָט, א שטויס טוענ־דיק מיטנ פוס די טיר, זיכ ארײַנגערוקט אינ געשיר־וועשערײַ.

— אָט דאָס איז ער,—האָט גלאשע געזאָגט, אָנווײַזנדיק אפּפּראָכאָרנ.

ארטיאָמ האָט געמאַכט א טראָט פאָרויס, אראָפּגעלאָזנ שווער די האנט אפ דעמ קעלנערס אקסל אונ, קוקנדיק אימ גלײַכ אינ די אויגנ, געפרעגט:

— פארוואָס האָסטו מײַנ ברודער פּאווקענ געשלאָגנ?

פראָכאָר האָט געוואָלט ארויסבאפרײַענ דעמ אקסל, אָבער א שרעקלעכער זעצ פונ א פויסט האָט אימ אומגעוואָרפנ אפנ דיל; ער האָט זיכ געפּרווט אופהייבנ, אָבער א צווייטער קלאַפּ, נאָכ שרעקלעכער פונעמ ערשטנ, האָט אימ צוגעשמידט צומ דיל.

די איבערגעשראָקענע געפּעס־וועשערנס האָבנ זיכ א וואָרפ געטאָנ אָנאזײַט.

ארטיאָמ האָט זיכ אויסגעקערעוועט אונ איז אוועק צומ ארויסגאנג.

פראָכאָשקע האָט זיכ געוואַלגערט אפנ דיל מיט א צעבלוטיקטנ פּאָנעמ.

אינאָוונט איז ארטיאָמ ניט געקומענ אהיימ פונ דעפּאָ.

די מאמע האָט זיכ דערוווּסט: ארטיאָמ זיצט אינ זשאנדארמעריע.

אינ זעקס מעטלעס ארומ האָט זיכ ארטיאָמ אומגעקערט אהיימ אינאָוונט, ווענ די מאמע איז שוינ געשלאָפנ. ער איז צוגעגאנגענ צו פּאווקענ, וועלכער איז געזעסנ אפנ בעט, אונ צארט א פרעג געטאָנ:

— נו, ביסט געקומענ צו זיכ, גוטער ברודער? — ער האָט זיכ צוגעזעצט דערנעבנ. — עס טרעפט נאָכ ערגער. — אונ שווײַגנדיק א ווײַלע, האָט ער צוגעגעבנ: — נישקאָשע, וועסט אװעקגײנ אפ דער עלעקטרעסטאנציע, איכ האָב שוינ וועגנ דיר גערעדט. דאָרטנ וועסטו זיכ אויסלערנענ א מעלאָכע.

פּאווקע האָט פעסט א דריק געטאָנ מיט ביידע הענט ארטיאָמס ריזיקע האנט.

צווייטער קאפיטל

אינעמ קליינעמ שטעטל האָט זיכ מיט א שטורעמ אריינגעריסנ די אומ־געריכטע ידיעה: „דעמ קייסער האָט מענ אראָפּגעוואָרפנ!“

אינ שטעטל האָט מענ ניט געוואָלט גלויבנ.

פונ צוג, וואָס איז געקומענ צו קריכנ אינ א שניי־שטורעמ, האָבנ זיכ אפּנ פּעראָנ ארויסגעקייקלט צוויי סטודענטנ מיט ביקסנ איבער די שינעלנ אונ אנ אָטריאד רעוואָליוציאָנערע סאָלדאטנ מיט רויטע בענדלעכ אפ די ארבל. זיי האָבנ ארעסטירט די סטאנציע־זשאנדארמענ, אנ אלטנ פּאָלקאָווניק אונ דעמ גאָרניזאָנ־נאטשאלניק. דעמלט האָט מענ שוינ אינ שטעטל גענומענ גלויבנ. איבער די פארשנייטע גאסנ האָבנ זיכ געלאָזנ גיינ צומ פּלאצ טויזנטער מענטשנ.

מע האָט זשעדנע געהערט די נייע ווערטער: פרייהייט, גלייכהייט, ברי־דערלעכקייט.

עס זיינענ אוועק די רוישיקע טעג, אָנגעזאפּטע מיט באגייסטערונג אונ פרייד. עס איז אָנגעקומענ א שטילשטאנד, אונ בלויז די רויטע פאָנ אפ דער געביידע פונ שטאָט־אופּראווע, ווו עס האָבנ זיכ איינגעפעסטיקט אלס באלע־באטימ מענשעוויקעס אונ בונדאָווצעס, האָט גערעדט וועגנ דער פאָרגעקומע־נער ענדערונג. ווייטער איז אלצ געבליבנ ווי געווענ.

צומ סאָפ ווינטער האָט זיכ אינ שטעטל אָפּגעשטעלט א גווארדייישער קאוואלערגארדישער פּאָלק. אינ די פרימאָרגנס איז מענ געפאָרנ עסקא־דראָנענווייז צו דער סטאנציע כאפּנ דעזערטירנ, וואָס זיינענ געלאָפנ פונ דאָרעמ־מייִרעווודיקנ פראָנט.

בא די קאוואלערגארדער זיינענ די פענעמער זאטע, אנ אוילעמ איז עס א וווקסיקער, א געזונטער. די אָפיצערנ זיינענ מערסטנטייל גראפנ אונ פירשטנ, די שליפעס—גאָלדענע, אפ די רייטער־הויזנ—זילבערנע קאנטנ, אלצ ווי בייסנ קייסער—פונקט ווי עס וואָלט גאָר קיינ רעוואָליוציע ניט געווענ.

עס האָט דורכגעמארשירט פארביי דאָס זיבעצעטע יאָר. פאר פאווקענ, קלימ־קענ אונ סעריאָזשע ברוזשאק האָט זיכ קיינ זאכ ניט געענדערט. די באלע־באטימ זיינענ געבליבנ די אלטע. בלויז אינעמ רעגנדיקנ נאָיאבער האָט זיכ

אָנגעהויבן טאָג עפּעס אומגעווײנלעכס. אפן וואָקזאַל האָבן זיך אָנגעהויבן באַווײַזן נײַע מענטשן, איבערהויפּט פון סאָלדאַטן אין די אָקאָפּעס, מיטן מאָד־נעם נאָמען—„באָלשעוויקעס״.

פונוואַנען נעמט זיך אַזאַ נאָמען, עפּעס אַזאַ פּעטטער, אַ וואָגיקער,—האָט זיך קיינער ניט געקענט אָנשטויסן.

די גוואַרדייער איז געווען שווערלעך אײַנצוהאַלטן די דעזערטירן פון פראָנט. אַלץ אָפטער פלעגן פלאַצן די וואָקזאַל־שויבן פונעם ביקסן־קנאַל. פון פראָנט זײַנען געלאָפן גאַנצע מאַכנעס, און באַם פאַרהאַלטן פלעגן זיי זיך פאַרטיידיקן מיט באַגנעטן. אין אָנהייב דעקאַבער האָבן זיי אַ פלייץ געטאָן גאַנצע עשאַלאָנענווײַז.

די גוואַרדייער האָבן פאַרפלייצט דעם וואָקזאַל, געוואָלט פאַרהאַלטן די לויפנדיקע, אָבער מע האָט זיי פאַריאָגט מיט אַ גראַגערײַ פון קוילנוואַרפערס. געוווּנטע צום טויט, האָבן זיי זיך אַרויסגעשאָטן פון די וואַגאָנעס.

די גרויע פראָנטאָוויקעס האָבן פאַרטריבן די גוואַרדייער צוריק אין שטאָט אַרײַן. פאַרטריבן און זיך אומגעקערט צוריק אפן וואָקזאַל, און ווידער זיך גערוקט עשאַלאָן נאָך עשאַלאָן.

*

אין פרילינג טויזנט נײַן הונדערט אַכצנטן יאָר זײַנען דרײַ יונגע כאַ־ווירים געגאַנגען פון סעריאָזשעס ברוזשאַקן, וווּ זיי האָבן גע־בראָקט אַ „זעקס און זעכציק״. אפן וועג האָבן זיי פאַרקערעוועט אין קאָר־טשאַגינס סעדל. זיי האָבן זיך צוגעלייגט אפן גראָז. עס איז געווען אומעטיק. אַלע געווײנלעכע מעלאָכעס האָבן זיי שוין דערעסן. מע האָט אָנגעהויבן טראַכטן, ווי בעסער צו פאַרברענגען דעם טאָג. פונהינטן האָט זיך דערהערט אַ טופּען פון פערדישע טלאָען, און אפן וועג איז אַרויסגעריטן אַ רײַטער. דער פערד האָט מיט איין ריס זיך אַריבערגעוואָרפן איבערן רוי, וועלכער האָט אָפּגעטיילט דעם שאָסיי פונעם נידעריקן פּאַרקן פון סעדל. דער קאַוואַ־לעריסט האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער נאַהײַקע צו פּאַווקען און קלימקען, וואָס זײַנען געלעגן אפן גראָז:

— עי, יאַטן מײַנע, אהער!

פּאַווקע און קלימקע האָבן אַ שפּרונג געטאָן אפּ די פיס און צוגעלאָפן צום פּאַרקאַן. דער רײַטער איז געווען אײַנגאַנצן אַ פאַרשטויבטער. מיט אַ דיקן שיכט גרויען וועג־שטויב איז געווען באַדעקט דאָס היטל, דאָס אַראָפּ־גערוקטע אפן נאַקן, דאָס כאַקי־העמדל און די כאַקי־הויזן. אפּ אַ פעסטן סאָלדאַטישן רימען איז געהאַנגען אַ נאַהאַן און צוויי דײַטשישע באָמבעס.

— טראָגט אַרויס אַ טרונק וואַסער, כעווריע!—האָט דער רײַטער געבעטן. און ווען פּאַווקע איז אַוועקגעלאָפן אין שטוב נאָך וואַסער, האָט ער זיך גע־ווענדעט צו סעריאָזשקען, וואָס האָט אפּ אים געגלאָצט מיט די אויגן:

— זאָג, יאטל, וואָס פאר א מאכט איז דאָ אין שטאָט?

סעריאָזשקע האָט אין איינלעניש געגומענ אויסדערציילן דעם געקומע־נעם אלע שטאָטישע נייעס:

— שוין צוויי וואָכן, ווי בא אונדז איז קיינשום מאכט ניטאָ. די זעלבסט־שוץ איז בא אונדז די מאכט. אלע איינוווינער גייען באנאכט לויט דער רייע היטן די שטאָט. און ווער זייט איר? — האָט סעריאָזשקע פון זיין זייט פארגעבן א פראגע.

— נו, אויב דו וועסט אסאך וויסן, וועסטו גיך אלט ווערן, — האָט מיט א שמייכל געענטפערט דער רייטער.

פאווקע איז געלאָפן פון שטוב, האלטנדיק אין די הענט א קענדל וואַסער.

דער רייטער האָט דורשטיק מיט איין אָטעם אויסגעטרונקען ביזן דעק, האָט אָפּגעגעבן דאָס קענדל פאווקען, א צי געטאָן דאָס ציימל און, א ריס טוענדיק זיך פון אָרט, זיך גלייך אוועקגעטראָגן צום סאָסנע־וועלדל.

— ווער איז דאָס געווען? — האָט פאווקע מיט פארוווּנדערונג א פרעג געטאָן בא קלימקען.

— פונוואנען זאָל איך וויסן? — האָט יענער געענטפערט, קוועטשנדיק מיט די אקסלען.

— מיסטאָמע וועט זיך ווידער בייטן די מאכט, דעריבער זיינען עס די לעשטשינסקעס נעכטן ארויסגעפאָרן. און וויבאלד די רייכע אנטלויפן, הייסט עס, אז עס וועלן קומען פארטיזאנער, — האָט ענדגילטיק און פעסט געלייזט די דאָזיקע פּאָליטישע פראגע סעריאָזשקע.

זיינע מאָטיוון זיינען געווען אַזוי איבערצייגנדיקע, אז עס האָבן מיט אים באלד איינגעשטימט פאווקע און קלימקע.

די כעווריע האָבן נאָך ניט באוויזן זיך דורכצושמועסן וועגן דעם ווי עס באדארף צו זיין, ווי אפן שאָסיי האָבן ווידער געגומען טופען טלאָען.

אלע דריי האָבן זיך א לאָז געטאָן צום פארקאן.

פון וואלד, פון הינטער דעם וואלד־אויסגעערס הויז, וואָס די יאטן האָבן עס קוים ארויסגעזען, האָבן זיך געררוקט מענטשן, פורן, און גאָר ניט ווייט אפן שאָסיי — א מאן פופצן רייטער מיט ביקסן אינדערברייט פונעם זאָטל. פאָרויס די רייטער — צווייען: איינער — אן עלטערער, אין א כאקי־פרענטש, איבערגעבונדן מיט אָפיצערישע רימענס, מיט א בינאָקל אפן ברוסט, און נעבן אים — דער רייטער, וואָס די יאטן האָבן אים נאָרוואָס געזען. אפן פרענטש באַם עלטערן איז געווען א רויטער באנד.

— און וואָס האָב איך געזאָגט? — האָט סעריאָזשקע א שטויס געטאָן מיטן עלנבויגן פאווקען אין זייט. — דו זעסט, א רויטער באנד. פארטיזאנער. זאָלן מיר ארויס די אויגן, אויב איך זאָג ליגן... — און אויסשרייענדיק פון פרייד, האָט ער ווי א פויגל זיך אריבערגעוואָרפן איבערן פארקאן אפן גאס.

ביידע כאווירים האָבנ זיכ געלאָזנ נאָכ אים. אלע דרײַ זײַנענ איצט געשטאַנענ באַם ברעג פונ שאָסיי אונ געקוקט אפ די אָנקומענדיקע רײַטער.

די רײַטער זײַנענ צוגעפאָרנ גאָר נאָענט. דער באַקאַנטער רײַטער האָט א שאָקל געטאָנ צו די יאַטנ מיטנ קאָפּ אונ, אָנווײַזנדיק אפ לעשטשינסקעס הויז, האָט ער געפרעגט:

— ווער וווינט אינ אָט דעם הויז?

— פּאַוקע, באַמיִענדיק זיכ ניט אָפּשטיינ פונ דעם רײַטערס פערד, האָט דערציילט:

— דאָ וווינט דער אדוואָקאַט לעשטשינסקי. ער איז נעכטנ אנטלאָפנ. ער האָט זיכ, מיסטאָמע, דערשראָקנ פאַר אײַכ...

— פונוואַנענ ווייסטו, ווער מיר זײַנענ? — האָט שמייכלענדיק געפרעגט דער עלטערער.

פּאַוקע האָט געענטפערט, אָנווײַזנדיק אפנ באַנד:

— אונ דאָס וואָס איז? מע זעט גלײַכ...

אפנ גאַס האָבנ זיכ ארויסגעשאָטנ די אײַנוווינער, וועלכע האָבנ מיט נײַגעריקײַט באַטראַכט דעם אָטריאַד, וואָס איז ארײַנ אינ שטאָט. די דרײַ כאַווירים זײַנענ געשטאַנענ באַם שאָסיי אונ געקוקט אפ די פאַרבײַגייענדיקע פאַרשטויבטע, פאַרמאַטערטע רויטגוואַרדייער.

ווענ עס האָט דורכגעדונערט איבער די שטיינער דער איינציקער האַרמאַט פונ אָטריאַד אונ עס זײַנענ דורכגעפאָרנ די פורנ מיט די קוילנוואַרפערס, זײַנענ די כעווריע אוועק נאָכ די פּאַרטיזאַנער. אהיים זײַנענ זיי זיכ צעגאַנגענ ערשט נאָכ דעם, ווי דער אָטריאַד האָט זיכ אָפּגעשטעלט אינ צענטער שטאָט אונ גענומענ זיכ אײַנאָרדענענ אינ די הײַזער.

אינאָוונט זײַנענ אינעם גרויסנ גאַסטצימער פונ לעשטשינסקיס הויז, ווו עס האָט זיכ אָפּגעשטעלט דער שטאַב פונ אָטריאַד, געזעסנ פיר מאַנ ארום א גרויסנ טיש מיט געשניצטע פיסלעכ: דרײַענ פונעם קאָמאַנדיר־באַשטאַנד אונ דער קאָמאַנדיר פונ אָטריאַד, כאַווער בולגאַקאָוו — א מענטש אינ די יאָרנ, מיט סימאָנימ פונ גראָווקײַט אינ די האָר.

בולגאַקאָוו האָט צעוויקלט אפנ טיש א קאַרטע פונ דער גובערניע, געטײַטלט איבער איר מיטנ נאָגל, אָפּשטעמפּלענדיק ליניעס, אונ גערעדט, הענדנדיק זיכ צו איינעמ מיט פעסטע באַקנביינער אונ געזונטע ציינער, וואָס איז געזעסנ קעגניבער:

— דו זאָגסט, כאַווער יערמאַטשענקאָ, דאָ וועט מענ זיכ דאַרפנ שלאָגנ, אונ איכ קלער, אז מע דאַרפ אינדערפרי אָפּטרעטנ. עס וואָלט אפילע געווענ גוט טאָנ דאָס בנאַכט, אָבער די מענטשנ זײַנענ מיד. אונדזער אויפגאַבע איז — באַווײַזנ אָפּטרעטנ צו קאַזאַטינ, קאָלזמאַנ די דײַטשנ זײַנענ אהינ ניט דערגאַנגענ פריִער פאַר אונדז. געבנ א ווידערשטאַנד מיט אונדזערע קויכעס — דאָס איז דאָכ לעכערלעכ... איינ האַרמאַט מיט דרײַסיק סנאַריאַדנ,

צווי הונדערט באגנעטן און זעכציק שווערדן—א גוואַלדיקע קראַפט... די דײַטשן גייען, ווי אַן אײַזערנער שטראָם. מיר וועלן זיך קענען שלאָגן מיט זיי, בלויז פאַרייניקנדיק זיך מיט אַנדערע צוריקמאַרשירנדיקע רויטע טיילן. וואָרעם מיר דאַרפן דאָך האָבן אין זינען, אַז, אויסער דײַטשן, האָבן מיר אויפן וועג אַסאַך אַנדערע קאָנטער־רעוואָליוציאָנערע באַנדעס. מײַן מיינונג איז— מאָרגן, טאַקע אינדערפרי, אָפּטרעטן און אויפרײַסן דאָס בריקל הינטער דער סטאַנציע. ביזוואַנען די דײַטשן וועלן עס פאַריכטן, וועט אַדורך אַ צוויי־דרײַ טעג. מיטן אײַזנבאַן וועלן זיי דערווײַל ניט קענען רוקן זיך פאָרויס. ווי טראַכט איר, כאַווײרים? לאָמיר באַשליסן,—האָט ער זיך געווענדעט צו די, וואָס זײַנען געזעסן באַם טיש.

סטרוזשקאָוו, וואָס איז געזעסן קעגן בולגאַקאָוון, אַביסל אָנדערזײַט, האָט אַ קײַ געטאָן מיט די ליפּן, אַ קוק געטאָן אויף דער קאַרטע, נאָכדעם אויף בול־גאַקאָוון און ענדלעך מיט מאַטערנישן אַרויסגעקוועטשט די ווערטער, וואָס זײַנען געבליבן סטאַרטשען אין האַלדז:

— איך... האַלט... אונטער בולגאַקאָוון.

דער ייִנגסטער, אין אַן אַרבעטער־בלוזע, האָט אויך אײַנגעשטימט:

— בולגאַקאָוו רעדט צו דער זאַך.

און בלויז יערמאַטשענקאָ, דער, וואָס האָט באַטאָג גערעדט מיט די יאַטן, האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין.

— איז צו וואָס פאַר אַ שווארציאַר האָבן מיר דערמלט דעם אָטריאַד צו־נויפגעקליבן? קעדיי אָפּצוטרעטן פון די דײַטשן אָן אַ שלאַכט? לויט מײַן מיי־נונג, דאַרפן מיר זיך דאָ מיט זיי אַ שלאָג טאָן. געגנוג דרייען אַ קאָפּ... ווען עס ווענדט זיך אָן מיר, וואָלט איך זיך אומבאַדינגט געשלאָגן...—ער האָט האַס־טיק אָפּגערוקט דעם שטול, זיך אויפגעהויבן און גענומען שפּרײַזן איבערן צימער.

בולגאַקאָוו האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אומצופרידנהײַט.

— שלאָגן דאַרף מען זיך מיט אַ טאָלק, יערמאַטשענקאָ, און וואָרפן מענטשן אויף אַ זיכערן דורכפאַל און אויף אומקום—דאָס קענען מיר ניט טאָן, און דאָס איז לעכערלעך. הינטער אונדז גייט אַ גאַנצע דיוויזיע מיט שווערער אַר־טילעריע, מיט געפּאַנצערטע מאַשינעס... מע דאַרף זיך ניט מאַכן קינדעריש, כאַווער יערמאַטשענקאָ...— און ווענדנדיק זיך שוין צו די איבעריקע, האָט ער געענדיקט:—אַלזאָ, איז באַשלאָסן, מאָרגן אינדערפרי טרעטן מיר אָפּ.

— די צווייטע פראַגע איז וועגן דער פאַרבינדונג,—האָט בולגאַקאָוו פאָר־געזעצט די באַראַטונג,—אויב וויפל מיר טרעטן אָפּ די לעצטע, פאַלט אויף אונדז די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן די אַרבעט אין הינטערלאַנד בײַ די דײַטשן. דאָ איז אַ גרויסער אײַזנבאַנקנופּ, דאָס שטעטל האָט צוויי וואָקזאַלן. מיר דאַרפן זאָרגן וועגן דעם, אַז אויף דער סטאַנציע זאָל אַרבעטן אַ זיכערער כאַווער.

איצט וועלן מיר באשליסן, וועמען פון אונדזערע איבערלאָזן דאָ אפּ אוועק־שטעלן די ארבעט. מערקט אָן קאנדידאטורן.

— איך האלט, אז דאָ דארף בלייבן דער מאטראָס זשוכריי,—האָט געזאָגט יערמאטשענקאָ, צוגייענדיק צום טיש.—ערשטנס, איז זשוכריי פון די היגע קאנטן. צווייטנס, ער—א שלאָסער און מאָנטיאָר,—וועט זיך קענען איינאָרדע־נען ארבעטן אפּ דער סטאנציע. מיט אונדזער אָטריאד האָט קיינער פיאָדאָרן ניט געזען—ער וועט ערשט אָנקומען באנאכט. א יאט איז ער מיט א קאָפּ אפּ די פּלייצעס און ער וועט דאָ אוועקשטעלן די ארבעט. איך מיין, אז דאָס איז דער סאמע פּאסיקער מענטש.

בולגאקאָוו האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— ריכטיק, איך בין מיט דיר איינשטימיק, יערמאטשענקאָ. איר כאוויירים, דערווידערט ניט?—האָט ער זיך געווענדט צו די איבעריקע. ניין. הייסט עס, אז די פראגע איז אויסגעשעפּט. מיר לאָזן איבער פאר זשוכריין געלט און א מאנדאט אפּ דער ארבעט.

— איצט די דריטע, די לעצטע פראגע, כאוויירים,—האָט געזאָגט בול־גאקאָוו.—דאָס איז די פראגע וועגן געווער, וואָס איז פאראן אין שטאָט. דאָ איז פאראן א פולער סקלאד מיט ביקסן.—צוואנציק טויזנט שטיק, וואָס זיינען נאָך פארבליבן פון דער צארישער מילכאָמע. זיי ליגן אין א פויערישן שפּייכלער, און אלע האָבן שוין אָן זיי פארגעסן. מיר האָט וועגן דעם דערציילט א פויער, דער באלעבאָס פון שפּייכלער. ער וויל פון זיי פּאָטער ווערן... איבערלאָזן פאר די דייטשן דעם דאָזיקן שפּייכלער טאָר מען געוויס ניט. איך האלט, אז מע דארף אים אונטערצינדן, און טאקע באלד, קעדיי צו אינדערפרי־צו זאָל שוין אלץ זיין פארטיק. אָבער אונטערצינדן איז געפערלעך: דער סקלאד שטייט באם עק שטאָט, צווישן אָרעמע הויפן. עס קענען זיך נאָך אָנצינדן די פוי־ערישע הייזער.

סטרוזשקאָוו, א פעסט געבויטער, מיט א לאנג ניט געגאָלטער באָרד, האָט זיך א ריר געטאָן:

— צ... צ... צו וואָס פארברענען? איך ה... ה... האלט, מע דארף צ... צ... צעטיילן דאָס געווער צווישן דער בא... באפעלקערונג.

בולגאקאָוו האָט זיך שנעל א קער געטאָן צו אים:

— צעטיילן, זאָגסטו?

— ריכטיק. אָט דאָס איז ריכטיק!—האָט אנטציקט אויסגעשריען יערמא־טשענקאָ.—צעטיילן די ארבעטער און דער איבעריקער באפעלקערונג, ווער עס וועט וועלן. וועט זיין, וויניקסטנס, מיט וואָס א קראצ צו טאָן די דייטשן די זייטן דעמלט, ווען זיי וועלן צוקוועטשן דעם אוילעם. און צו־קוועטשן וועלן זיי דאָך, מיסטאָמע, פעסט. ווען עס וועט שוין ווערן ניט אויסצוהאלטן, וועט זיך כעוורע א נעם טאָן צום געווער. סטרוזשקאָוו האָט ריכטיק געזאָגט: צעטיילן. עס וואָלט אפילע גוט געווען אין דערפל אויך

ארײַנפירנ. די פויערימלעכ וועלנ עס פארוקנ טיפער, אונ ווי נאָר די דײַטשנ וועלנ אָנהייבנ רעקוויזירנ אפ רײנ, וועלנ די ביקסעלעכ זײַנ ביז גאָר גרייטיק.

בולגאקאָוו האָט זיכ צעלאכט.

— יע, אָבער די דײַטשנ וועלנ דאָכ באפעלנ אָפּגעבנ דאָס געווער, אונ אלע וועלנ אָפּטראָגנ.

יערמאטשענקאָ האָט פּראָטעסטירט:

— נו, ניט אלע וועלנ אָפּטראָגנ. ווער עס וועט ברענגענ, אונ ווער עס וועט איבערלאָזנ.

בולגאקאָוו האָט מיט א פרעגנדיקנ בליק באטראכט אלע זיצנדיקע.

— צעטיילנ, צעטיילנ די ביקסנ,—האָט יערמאטשענקע אונ סטרושקאָוו אונטערגעהאלטנ א יונגער ארבעטער.

— נו, מיילע, הייסט עס, אז מיר פארטיילנ,—האָט בולגאקאָוו אײַנגעשטימט.—אָט דאָס זײַנען אלע פראגנ,—האָט ער געזאָגט, אופשטייענדיק פונ טיש.—איצט וועלנ מיר קענענ ביז אנידערפרי אָפּרוענ. אז זשוכרײַ וועט קומענ, זאָל ער ארײַנגייענ צו מיר. איכ וועל מיט אימ א שמועס טאָנ. אונ דו, יערמאטשענקאָ, גיי קאָנטראָליר דורכ די פּאָסטנס.

געבליבנ אליינ, איז בולגאקאָוו אוועק אינ שלאָפצימער פונ די באלעבאטימ, וואָס איז געוועגנ בישכיינעס מיטנ גאסט-צימער, אונ, אויסשפּרייטנדיק אפנ מאטראצ דעמ שינעל, האָט ער זיכ צוגעלייגט.

*

אינדערפרי האָט זיכ פאווקע אומגעקערט פונ דער עלעקטרעסטאנציע. שוינ א גאנצ יאָר, ווי ער ארבעט אלס געהילפ פונעמ הייצער.

אינ שטעטל האָט געהערשט אנ אויסערגעוויינלעכע אופלעבונג. די דאָזיקע אופלעבונג האָט זיכ אימ גלײַכ געוואָרפנ אינ די אויגנ. אפנ וועג האָט ער אלצ אָפטער אונ אָפטער באגעגנט אײַנוווינער, וואָס האָבנ געטראָגנ צו איינע, צוויי אָדער דרײַ ביקסנ. פאווקע האָט זיכ גענומענ אײַלנ אהיימ, ניט פארשטייענדיק, וואָס דאָ קומט פאָר. בא לעשטשינסקעס הויפ האָבנ זיכ ארופגעזעצט אפ די פערד זײַנע נעכטיקע באקאנטע.

ארײַנגעלאָפנ אינ שטוב, האָט ער זיכ אפגיכ אײַנגעוואשנ אונ אז ער האָט זיכ דערוווסט פונ דער מאמענ, אז ארטיאָמ איז נאָכ ניטאָ, איז פאווקע ארויסגעשפּרונגענ אונ געלאָזנ זיכ לויפנ צו סעריאָזשקע ברוזשאקנ, וואָס האָט געוווינט אינ דעמ צווייטנ עק שטאָט.

סעריאָזשקע איז געוועגנ א זונ פונ א געהילפ-מאשיניסט. זײַנ טאטע האָט פארמאָגט אנ אייגנ קליינ שטיבל אונ אזא פונקט קליינע ווירטשאפט.

סעריאָזשקע איז אינדערהיימ ניט געוועגנ. זײַנ מאמע, א דיקע פרוי, בלוט אונ מילכ, האָט אומצופרידנ א קוק געטאָנ אפ פאווקענ.

דער שוואַרציאָר וויס אים, ווּ ער איז! ער האָט זיכ ארויסגעריסנ א בליאסק אפ טאָג, דער ניטגוטער בעמט אים. געווער, — זאָגט ער, טיילט מענ ערגעצ, איז ער, מיסטאָמע, דאָרטנ. מע דארפ אייכ אריינשיטנ שמיצ, סמאָר־קאטע יעוואָנים איינע. שוינ אביסל צופיל צעלאָזנ געוואָרנ. ניטאָ קיינ באַ־הוטע מינוט. גרויס זיינענ דאָס ווי די ארבעס, אונ — נאט אייכ גאָר געווער. דו זאָג אים, דעם אויסוווּרפ: אויב ער וועט ברענגענ אהיים כאָטש איינ קויל, וועל איכ אים דעם קאָפּ ארונטערנעמענ. ער וועט אָנשלעפּנ אלע קלאָגנ, אונ נאָכדעם גייט ענטפער פאר אים. אונ דו וואָס? לויפסט אויכ אהינ?

אָבער פאווקע האָט שוינ ניט געהערט, וואָס סעוויאָזשקעס צעקאָכטע מאמע האָט גערעדט, אונ איז ארויסגעלאָפנ אינ גאס.

אפנ שאָסיי איז געגאנגענ א מאנצביל אונ געטראָגנ צו ביקס אפ ביידע אקסלענ.

— פעטער, זאָג, ווו האָסטו עס געקראָגנ? — איז צו אים צוגעלאָפנ פאווקע.

— אָנ דאָרטנ, אינ ווערכאָווינע, טיילט מענ.

— פאווקע איז אוועקגעלאָפנ אָנ אָנ אָטעם לויטנ אָנגעוויזענעם אדרעס. דורכגעלאָפנ צוויי גאסנ, האָט ער זיכ אָנגעשטויסנ אפ א יינגל, וואָס האָט געשלעפּט א שווערע פעכאָטע־ביקס מיט א באגנעט.

— ווו האָסטו גענומענ די ביקס? — האָט אים פאווקע אָפּגעשטעלט.

— דאָרטנ, קעגנ שול טיילנ עס פאנאנדער אָט די פונעם אָטריאד, אָבער עס איז שוינ גאָרנישט ניט געבליבנ. א גאנצע נאכט האָט מענ געטיילט, איצט ליגנ שוינ נאָר פוסטע קאסטנס. אלצ צענומענ שוינ. אונ איכ טראָג דאָס די צווייטע, — האָט מיט שטאָלצ פארענדיקט דאָס יאטל.

די באקומענע ידיעה האָט פאווקענ פארשאפט פיל אגמעסנעפעש.

„עכ, דער טייוול זאָל עס נעמענ, געדארפט באלד לויפנ אהינ, אונ ניט גייג אהיים! — האָט ער אינ פארצווייפלונג געטראכט, — אָבער וויאזוי האָב איכ עס געקענט פארזוענ?"

אונ פלוצלינג איז ער פארכאפּט געוואָרנ פונ א געדאנק. ער האָט זיכ האסטיק א קער געטאָנ צוריק, אָנגעיאָגט מיט א דריי שפרונגענ דעם אוועק־געגאנגענעם יינגל אונ מיט קויעכ א ריס געטאָנ די ביקס פונ זיינע הענט.

— דו האָסט שוינ איינע גענוג, אונ דאָס איז פאר מיר. — האָט מיט א טאָנ, וואָס דערלאָזט ניט קיינשום דערווידערונגענ, א זאָג געטאָנ פאווקע.

דאָס יאטל, אופגעבראכט פונ דעם, וואָס מע בארויבט אים אינ מיטנ העלנ טאָג, האָט זיכ א וואָרפ געטאָנ אפ פאווקענ, אָבער יענער איז אָפּגע־שפרונגענ אפ א טראָט צוריק, אויסגעשטעלט דעם באגנעט אונ אויסגעשריענ:

— טראָג זיכ אָפּ, אניט וועסטו זיכ נאָכ אָנשטעכנ!

דאָס יאטל האָט זיכ צעוויינט פונ הארצווייטעק, איז אנטלאָפנ אפ צוריק אונ געשאָטנ פעכ אונ שוועבל פונ אָנמעכטיקנ קאַעס. אונ פאווקע האָט זיכ

א באפרידיקטער געלאָזנ לויפנ אהיים; איבערגעשפרונגענ דעם פארקאנ, ארײַנגעלאָפנ אינ שטעלכל, פארוקט די געקראָגענע ביקס אפנ באלקנ אונטערנ דאכ אונ, פריילעכ פײַפנדיק, ארײַנ אינ שטוב.

*

פײַנ זײַנענ די זומער־אָוונטנ אפ אוקראַינע אינ אזעלכע קליינע שטעטלעכ, ווי שעפעטאָווקע, ווו דער מיטנ איז שטעטל אונ דער ארום איז דאָרפ.

אינ אזעלכע שטילע זומערדיקע אָוונטנ איז די גאנצע יוגנט אינדרויסנ. מיידלעכ, פארעבקעס,—אלע בא זייערע גאנקעס, אינ די סעדער, סעדלעכ, פאָשעט אפנ גאס, אפ די קלעצער, וואָס זײַנענ אָנגעוואָרפנ צום בויענ. זיי שטייענ גרופעסווײַז, פאָרלווײַז. מע לאכט, מע זינגט...

די לופט ציטערט פונ דער געדיכטקײַט אונ פונ דעם בלומענ־דופט. טיפ אינ הימל בלישטשענ קוים־קוים די שטערנ ווי גלי־ווערעמ, אונ א שטימ דערטראָגט זיכ ווײַט־ווײַט...

פאווקע האָט ליב זײַנ הארמאָניק. מיט ליבע שטעלט ער אוועק אפנ קני זײַנ זינגענדיקנ ווינער צווײַרײַיקנ הארמאָניק. די פלינקע פינגער רירנ קוימ אָנ די קלאווישנ, לויפנ זיכ דורכ פונ אויבנ אראָפ גיכ, פלינק. געדיכט זיפצנ אָפ די באסנ, אונ דער הארמאָניק פארגייט זיכ אינ א רוישיקנ העפקערדיקנ געזאנג...

דער הארמאָניק צאפלט, אונ ווי לאָזט מענ זיכ עס ניט אוועק אינ א טאנצ? ווערסט זיכ ניט אײַנהאלטנ—די פיס גייענ אליינ. הייס אָטעמט דער הארמאָניק. ס'איז גוט צו לעבנ אפ דער וועלט!

הײַנט אינאָוונט איז געווענ באזונדערס פריילעכ. עס האָט זיכ פארזאמלט אפ די בערווענעס, בא דער שטוב, ווו עס האָט געווינט פאווקע, פריילעכע יונגווארג, אונ היטלכיקער פאר אלעמענ—האלעטשקע, פאווקעס שכיינע. זי, דעמ שטיינהעקערס טאָכטער, האָט ליב א טאנצ טאָנ, א זונג טאָנ מיט די יאטנ. א שטימ האָט זי—אנ אלט, א ברוסט־שטימ, א סאמעטענע.

פאווקע האָט מוירע פאר איר. דאָס צינגל איז בא איר א שארפס. זי זעצט זיכ אוועק נעבנ פאווקענ אפ די בערווענעס, נעמט אימ שטארק ארומ אונ קײַכט:

— עכ, דו, הארמאָניסט העלדישער! א שאָד, וואָס דו ביסט, יאָט, עטוואָס ניט דערוואקסנ, ווענ ניט, וואָלסטו געווענ פאר מיר נישקאָשע פונ א מאנדל. כ'האָב ליב הארמאָניסטנ, דאָס הארצ גייט בא מיר אויס נאָכ זיי.

פאווקע ווערט רויט אזש ביז די האָר־וואָרצלענ,—גוט וואָס אינאָוונט זעט מענ ניט. ער רוקט זיכ אָפ פונ דער שטיפערקע, נאָר יענע האלט אימ פעסט—לאָזט אימ ניט אָפ.

— וווהינ־זשע, ליבינקער, אנטלויפסטו? נו, אָט האָסטו דיר דעם שיינעם כאָסנ,—וויצלט זי זיכ.

פאווקע פילט מיטן אקסל איר שטײַפֿע ברוסט, און דערפֿון ווערט ער עפּעס אומרויִק, אופגערעגט, און פון דעם געלעכטער ארום טרייסלט זיך שטענדיק די שטילע גאס.

פאווקע שפּארט זיך אײַן מיט א האנט אין האלקעס אקסל און זאָגט:

— דו שטערסט מיר שפּילן, רוק זיך אָפּ.—און ווידער אן אופרײַס פון געלעכטער, מע וויצלט זיך און מע טרײַבט שפּאס.

מארוסיע מישט זיך ארײַן:

— פאווקע, שפּיל אויס עפּעס אן אומעטיקס, אז עס זאָל א נעם טאָן באם הארצן.

לאנגזאם ציִען זיך אָן די שפּיל־זעק, די פינגער גייען שטיל—אן אלעמען באקאנטע, אייגענע מעלאָדיע. האלינע כאפּט די ערשטע אונטער, נאָך איר— מארוסיע און די איבעריקע:

Зібралися всі бурлаки
до рідноі хати,
тут нам мило,
тут нам любо
в журбі заспівати...

און עס טראָגן זיך אוועק אינדערווײַט, צום וואלד, יונגע הילכיקע שטימען, וואָס זינגען דאָס ליד.

— פאווקע!—דאָס איז ארטיאָמס שטים.

פאווקע דריקט אופ דעם הארמאָניק, פארשפּיליעט די רימענס.

— מע רופט מיך. איך גיי אוועק.

מארוסיע זאָגט צו אים בעטנדיק:

— נו, זיץ נאָך אביסל, שפּיל נאָך אביסל, וועסט נאָך באוויַזן אהיים.

אָבער פאווקע אײַלט זיך:

— ניין, מאָרגן וועלן מיר ווידער א שפּיל טאָן. אָבער איצט דארף מען גיין. ארטיאָם רופט.

און ער לויפט אפ יענער זײַט גאס צום שטיבל.

געעפנט די טיר אין צימער, זעט ער,—באם טיש זיצט ראָמאן, ארטיאָמס כאווער, און נאָך א דריטער, אן אומבאקאנטער.

— דו האָסט מיך גערופן?—פרעגט פאווקע.

ארטיאָם האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו פאווקען און זיך געווענדט צום אומבאקאנטן:

— אָט דאָס איז ער טאקע, דאָס ברודערל מײַנס.

יענער האָט פאווקען דערלאנגט א בײַנערדיקע האנט.

— אָט וואָס, פאווקע,—האָט זיך ארטיאָם געווענדט צום ברודער.—דו זאָגסט, אז בא אײַך אפ דער עלעקטרעסטאנציע איז קראנק געוואָרן א מאָנ־

טיאַר. מאָרגן דערוויס זיך, צי וועט מען ניט צונעמען אַפ זײַן אָרט אַ מענטשן, וואָס קאָן די אַרבעט. אויב מע דאַרף, וועסטו קומען און זאָגן.

דער אומבאַקאַנטער האָט זיך אַרײַנגעמישט.

— ניין, איך וועל גיין צוזאַמען מיט אים. כ'וועל זיך אַליין דורכריידן מיטן באַלעבאָס.

— עס איז געוויס נייטיק אַ מענטש. הײַנט האָט דאָך די סטאַנציע ניט געאַרבעט, ווײַל סטאַנקאָוויטש איז קראַנק געוואָרן. דער באַלעבאָס איז צוויי מאָל געקומען צו לויפן—אַלץ געזוכט עמעצן, מיט וועמען צו פאַרבײַטן אים, אָבער ער האָט ניט געפונען. און לאָזן אין דער אַרבעט די סטאַנציע מיט איין הייצער, האָט ער באַ זיך ניט געקאָנט פועלן. דער מאָנטיאָר איז קראַנק געוואָרן אַפ טיפוס.

— נו, איז אָט, דער געשעפט איז געבאַכט,—האָט געזאָגט דער אומבאַקאַנטער.—מאָרגן וועל איך זיך אַרײַנכאַפּן נאָך דיר, און מיר וועלן גיין צוזאַמען,—האָט ער זיך געווענדט צו פּאַווקען.

— גוט.

פּאַווקע האָט זיך באַגעגנט מיט דעם אומבאַקאַנטנס גרויע רויִקע אויגן, וואָס האָבן אים אופמערקזאַם דערלערנט. דער פעסטער שטאַרער קוק האָט פּאַווקען אַביסל צעטומלט. דאָס גרויע רעקל, פאַרשפּיליעט פון אויבן ביזן אַראָפּ, איז אַפ דער ברייטער פּלייצע געלעגן זייער שטײַף,—ווײַזט אויס, אַז דעם באַלעבאָס איז געווען ענג אין אים. דעם קאָפּ האָט פאַרייניקט מיט די אַקסלען אַ פעטער אָקסנער האַלדז, און אינגאַנצן איז ער געווען אָנגעגאָסן מיט קראַפט, ווי אַ קרעפטיק־פאַרוואָרצלטער דעמב.

באַם געזעגנען זיך האָט אַרטיאָם געזאָגט:

— דערווײַל אַ גוטן, נשוכרײַ, מאָרגן וועסטו גיין מיטן ברודער און וועסט אײַנאָרדענען דעם גאַנצן עניען.

*

די דײַטשן זײַנען אַרײַן אין שטאָט אין דרײַ טעג אַרום נאָך דעם, ווי דער אָטריאַד איז אַוועק. וועגן זייער אָנקומען האָט אָנגעזאָגט דער פײַף פון אַ לאָקאָמאָטיוו אַפ דער סטאַנציע, וואָס איז פאַריאָסעמט געוואָרן פאַר די לעצטע עטלעכע טעג. איבערן שטאָט האָט זיך צעטראָגן די ידיעה:

—די דײַטשן גייען.

און די שטאָט האָט זיך אַ ריר געטאָן, ווי אַ צערייצטער מוראַשניק, כאָטש אַלע האָבן שוין לאַנג געוווּסט, אַז די דײַטשן דאַרפן קומען. אָבער מע האָט אין דעם עפּעס שוואַך געגלויבט. און אָט זײַנען די דאָזיקע שרעקלעכע דײַטשן שוין ניט ערגעץ־ווו, נאָר טאַקע דאָ, אין שטאָט.

די אַלע אײַנוווינער האָבן זיך צוגעקלעפּט צו די פּאַרקאַנס, צו די פּערטלעך. אַפן גאַס האָט מען מוירע געהאַט אַרויסצוגיין.

און די דײַטשנ זײַנענ געגאנגענ אײנס נאָכ אײנס, ווי א קײטעלע, פונ בײדע זײַטנ, איבערלאָזנדיק פרײַ דעמ שאָסײ, געגאנגענ אינ טונקל-גרינע מונדירנ, מיט די ביקסנ אינ די הענט, גרײט צו שיסנ. אפ די ביקסנ — ברײטע באגנעטנ, ווי מעסערס. אפ די קעפ — שווערע שטאָלענע העלמס, אפ די פלײצעס גרויסע רוקזעק. אונ געגאנגענ זײַנענ זײ פונ דער סטאנציע צומ שטאָט אינ א דורכוויסיקער סטענגע, געגאנגענ אָנגעשפיצטע, גרײט יעדע מינוט צו געבנ א ווידערשטאנד, כאָטש קײנער אינ שטאָט האָט זיכ ניט געקליבנ אָנפאלנ אפ זײ. פאָרויס האָבנ מארשירט צוויי אָפיצערנ מיט מאוזערס אינ די הענט. אינמיטנ שאָסײ — א העטמאנישער סטארשינא, א דאָלמעטשער, אינ א בלויענ אוקראיִנישנ זשופאנ אונ אינ א פאפאכע.

די דײַטשנ האָבנ זיכ אויסגעשטעלט אינ א קרײַז אפנ פלאצ אינ צענטער שטאָט. מע האָט אָנגעהויבנ זעצנ אינ פויק, עס האָט זיכ צונויפגעזאמלט א קלײנער עולמ פונ די מער דרײסט-געוואָרענע באלעבאטימ. דער סטארשינא אינעמ זשופאנ איז ארופגעקראָכנ אפנ גאנעק פונ אפטײק אונ אינדערהויכ איבערגעלײענט דעמ באפעל פונעמ קאָמענדאנט, מאיאָר קאָרפ.

אינ באפעל איז געווענ געשריבנ:

1

א י כ ב א פ ע ל:

אלע בירגער פונ שטאָט זײַנענ מעכויעוו צו ברענגענ אינ מעשעכ פונ 24 שאָ, דאָס שיס- אונ קאלט-געווער, וואָס זײ האָבנ. פאר ניט אויספילנ דעמ דאָזיקנ באפעל — שיסנ.

2

אינ שטאָט ווערט דערקלערט מיליטער-צושטאנד, ארויסגײנ נאָכ 8 אזײגער אינאָוונט איז פארבאָטנ.

שטאָט-קאָמענדאנט — מ א י אָ ר ק אָ ר פ.

אינ דעמ הויז, וווּ עס איז פריִער געווענ די שטאָט-אופראווע, אונ נאָכ דער רעוואָליוציִע — דער ראט פונ ארבעטער-דעפוטאטנ, האָט זיכ ארײַנגעקליבנ די דײַטשישע קאָמענדאטור. באמ גאנעק פונ הויז איז געשטאנענ א זעלנער, שוינ ניט אינ א שטאָלענעמ העלמ, נאָר אינ א פאראדנער קאסקע, מיט א ריזיקנ קײזערלעכנ אָדלער. דאָ טאקע, אינ הויפ, איז געווענ דער סקלאד פארנ געווער, וואָס מע האָט צונויפגעטראָגנ.

א גאנצנ טאָג האָבנ די איבערגעשראָקענע באלעבאטימ, מוירע האָבנדיק פאר דער דראָונג צו דערשאָסנ ווערנ, געטראָגנ געווער. קײנ דערוואקסענע האָט מענ ניט געזענ. דאָס געווער האָבנ געטראָגנ יונגטלעכע אונ קינדער. די דײַטשנ האָבנ קײנעמ ניט פארהאלטנ.

די, וואָס האָבן ניט געוואָלט טראָגן, האָבן באַנאַכט אַרויסגעוואָרפן דאָס געווער פֿאַשעט אַפּן שאָסיי, און אינדערפֿרי האָט עס אַ דײַטשישער פּאַטרול געקליבן. צונויפגעלייגט אַף אַ וואָגן און אָפּגעפירט אין קאָמענדאַנטור.

איינס אַזייגער באַטאָג, ווען עס איז אויסגעגאַנגען דער טערמין צו אָפּגעבן דאָס געווער, האָבן די דײַטשישע סאָלדאַטן צוגעציילט זייערע טראָפייען. סאַכאַקל האָט מען אָפּגעגעבן פֿערצן טויזנט ביקסן. אַלזאָ, זעקס טויזנט האָבן די דײַטשן צוריק ניט באַקומען. די דורכויסיקע אונטערזוכונגען, וואָס די דײַטשן האָבן געמאַכט, האָבן געגעבן זייער אומבאַדײַטנדיקע רעזולטאַטן.

אַפּמאָרגן באַגינען האָט מען הינטערן שלאָס, באַם אַלטן ייִדישן בייסאַלמען, דערשאָסן צוויי אַרבעטער־אײַזנבאַנער, באַ וועלכע מע האָט ביים דער אונטערזוכונג געפֿונען באַהאַלטענע ביקסן.

*

אַרטיאָם, אויסהערנדיק דעם באַפֿעל, איז אײַליק אַוועק אַהיים.

אין הויף האָט ער באַגעגנט פּאַווקען, אים אָנגענומען פֿאַרן אַקסל און שטיל, אָבער אַקשאָנעסדיק אַ פֿרעג געטאָן:

— דו האָסט עפּעס געבראַכט אַהיים פֿונעם געווער־לאַגער?

פּאַווקע האָט זיך געקליבן פֿאַרשווײַגן וועגן דער ביקס, אָבער זאָגן אַ ליגן דעם ברודער האָט ער ניט געוואָלט, און ער האָט אים אַלץ דערציילט.

זיי זײַנען אַוועק צוזאַמען אין שטאַל. אַרטיאָם האָט אַרויסגעשלעפּט די ביקס פֿון אונטער דער סטעליע, אַרויסגענומען פֿון איר דעם שלאָס, אַראָפּגעצויגן דעם באַגנעט און, אָנעמענדיק די ביקס פֿאַר דער רער, זיך צעפּאַכעט און מיטן גאַנצן קויעך אַ זעץ געטאָן זי אָנעם סטויפּ פֿון פּאַרקאַן. דער קאָלבן איז זיך צעפֿלויגן אַף פּיצלעך. די רעשטן פֿון דער ביקס האָט מען פֿאַרוואָרפן ווײַט אין דער פּוסטקע הינטערן גערטל. דעם באַגנעט און דעם שלאָס האָט אַרטיאָם אַרײַנגעוואָרפן אין אָפּטרעט.

אָפּגעטאָן דאָס אַלץ, האָט זיך אַרטיאָם אַ קער געטאָן צום ברודער:

— ביסט שוין ניט קיין קלײנינקער, פּאַווקע, דאַרפֿסטו פֿאַרשטיין, אַז מיט געווער טאָר מען זיך ניט שפּילן. איך זאָג דיר ערנסט, טראָג גאָרנישט ניט אַהיים. דו ווייסט, אַז איצט קען מען דערפֿאַר באַצאָלן מיטן לעבן. זע, נאַר מיך ניט אָפּ. אויב דו וועסט ברענגען און מע וועט געפֿינען, וועט מען מיך דעם ערשטן דערשיסן. דיך, אַזאַ סמערקל, וועט מען ניט טשעפּען: צײַטן זײַנען איצטער מיִעסע, פֿאַרשטייסט?

פּאַווקע האָט צוגעזאָגט גאָרנישט ניט צו ברענגען.

ווען זיי זײַנען ביידע געגאַנגען דורכן הויף אין שטוב אַרײַן, האָט זיך באַם טויער פֿון די לעשטשינסקעס אָפּגעשטעלט אַ ברישטשקע. פֿון איר זײַנען אַרויס דער אַדוואָקאַט מיט דער ווײַב און זייערע קינדער—נעלי און וויקטאָר.

— די פויגעלעך זײַנען געקומען צו פליִען,—האָט ארטיאָם בײַז אַ זאָג געטאָן.—עך, ווען זיך עס אָנהייבן אַ פארדרייעניש. כאַפּט עס דער שווארציאָר!—און ער איז ארײַן אין שטוב.

א גאנצן טאָג האָט פּאווקע געבענקט נאָך דער ביקס. אין דער זעלבער צײַט האָט זײַן כאַוועֶר סעריאָזשקע שטארק געהאָרעוועט אין אן אלטן פארלאָזענעם שטאל און געגראָבן מיט א רידל די ערד בא דער וואנט פון שטאל. ענדלעך איז די גרוב פארטיק געוואָרן. סעריאָזשקע האָט אהין ארײַנגעלייגט דרײַ נײַינקע אין שמאטעס פארוויקלטע ביקסן, וועלכע ער האָט באקומען בייסן צעטיילן. אָפּגעבן די דײַטשן האָט ער זיך ניט געקליבן—ניט צוליב דעם האָט ער זיך געמאטערט א גאנצע נאכט, אז ער זאָל זיך נאָכדעם דארפן צעזעגענען מיט זײַן רויב.

פארשאָטן די גרוב מיט ערד, האָט ער זי הארט אײַנגעטראָטן און אָנגעשלעפּט אפן אויסגעגלײַכטן אָרט א בארג מיסט און אלטווארג; קריטיש באטראכטנדיק די רעזולטאטן פון זײַן ארבעט און אײַנגעפינענדיק זיי פאר צופרידנשטעלנדיקע, האָט ער אראָפּגענומען פון קאָפּ דאָס היטל און אויסגעווישט דעם שווייס פון שטערן. „נו איצטער זאָלן זיי זוכן. און אויב מע וועט געפינען, ווייס מען ניט וועמעס שטאל דאָס איז".

פּאווקע האָט זיך עפּעס אומבאמערקט באפרײַנדעט מיטן שטרענגן מאָנטיאָר, וועלכער האָט שוין בא א כוידעש צײַט געארבעט אפ דער עלעקטרעסטאנציע. זשוכרײַ פלעגט אָנווײַזן דעם געהילף-הייצער די קאָנסטרוקציע פון דער דינאמאָ און פלעגט אים לערנען ארבעטן.

דאָס פייִקע יינגל האָט אויסגענומען בא דעם מאטראָס. זשוכרײַ פלעגט ווען קומען צו ארטיאָמען אין די פרײַע טעג. דער מעיושעוודער און ערנסטער אָפּט מאטראָס פלעגט געדולדיק אויסהערן אלע שטייגער-געשיכטעס, באזונדערס ווען די מאמע האָט זיך געקלאָגט אפ פּאווקעס שטיק. ער האָט געקענט אזוי באַרויִקנדיק ווירקן אפ דער צעקאָכטער מאריע יאקאָוולעווונע, אז יענע פלעגט פארגעסן אָן אלע אירע צאָרעס און פלעגט ווערן מונטערער.

עפּעס איינמאָל האָט זשוכרײַ אָפּגעשטעלט פּאווקען אין הויף פון דער עלעקטרעסטאנציע, צווישן די אופגעלייגטע שטאבעלן האָלץ. ער האָט א שמייכל געטאָן און געזאָגט:

— די מאמע דערציילט, אז דו האָסט ליב שלאָגן זיך. „ווי א האָן איז ער—זאָגט זי—ראק ער וואָלט זיך געשלאָגן".—זשוכרײַ האָט זיך גוטמוטיק צעלאכט.—שלאָגן זיך איז, ביכלאל, ניט שלעכט, נאָר מע דארף וויסן, וועמען צו שלאָגן און פארוואָס צו שלאָגן.

פּאווקע, ניט וויסנדיק, צי זשוכרײַ וויצלט זיך איבער אים אָדער ער רעדט ערנסט, האָט געענטפערט:

— אומזיסט שלאָג איכ זיכ ניט, שטענדיק איז דאָ פאר עפעס.

זשוכרייַ האָט אים אומדערוואַרטעט פאָרגעלייגט:

— ווילסט, וועל איכ דיכ אויסלערנענ שלאָגנ זיכ אפ אנ עמעס.

פאווקע האָט פארווּנדערט אפ אים א קוק געטאָנ.

— וואָס הייסט, אפ אנ עמעס?

— אָט וועסטו זענ.

אונ פאווקע האָט אויסגעהערט די ערשטע קורצע לעקציע וועגנ ענגלישנ באָקס.

ניט לייַכט האָט זיכ פאווקענ געגעבנ די דאָזיקע וויסנשאפט, אָבער באנומענ האָט ער זי אויסגעצייכנט. ניט איינ מאָל האָט ער זיכ איבערגעקייַקלט, אוועקגעשלייַדערט פונ זשוכרייַס א זעצ מיטנ פויסט, אָבער ער׳האָט זיכ ארויסגעוויזנ פאר א פלייַסיקנ אונ געדולדיקנ שילער.

אינ איינעמ א הייסנ טאָג, געקומענ פונ קלימקענ, האָט פאווקע זיכ ארומגעדרייט איבערנ צימער, ניט געפונענ זיכ קיינ ארבעט אונ ער האָט באשלאָסנ פארקלייַבנ זיכ אפ זייַנ באליבטנ אָרט, אפנ דאכ פונעמ וואכ־בייַדל, וואָס איז געשטאנענ אינ ווינקל פונ סאָד, הינטערנ הויז. ער איז דורכגעגאנגענ דורכנ הויפ, אריינ אינ גערטל אונ, צוקומענדיק צומ שטאל, איז ער ארופגעקראָכנ איבער די קאנטנ אפנ דאכ. דורכגעקלעטערט די געדיכטע קארשנ־צווייַגנ, וואָס האָבנ זיכ אראָפגעבויגנ איבערנ שטאל, איז ער ארויסגעקראָכנ אפנ מיטנ דאכ אונ זיכ צוגעלייגט אפ דער זונ.

מיט איינ זייַט איז דאָס וואכ־בייַדל ארויסגעגאנגענ צו די לעשטשינסקיס אינ סאָד, אונ אז מע זאָל צוקלעטערנ צומ ברעג, קענ מענ זענ דעמ גאנצנ סאָד אונ איינ זייַט פונ דעמ הויז. פאווקע האָט ארויסגערוקט דעמ קאָפ איבערנ קאנט אונ דערזענ א טייל פונ הויפ אונ די בריטשקע, וואָס איז דאָרטנ געשטאנענ. ער האָט באמערקט, ווי דער אָרדינאנט פונעמ דייַטשישנ לייטענאנט, וואָס איז אייַנגעשטאנענ אפ קווארטיר בא די לעשטשינסקיס, רייניקט מיט א בערשטל זייַנ שעפס קליידער. פאווקע האָט ניט איינ מאָל געזענ דעמ לייטענאנט באמ טויער פונעמ הויפ.

דער לייטענאנט איז געווענ א קלייַנוווּקסיקער, מיט רויטע באקנ, מיט קלייַנינקע אונטערגעשאָרענע ווענצעלעכ, אינ ברילנ אונ אינ א היטל מיט א לאקירטנ דאשעק. פאווקע האָט געוווּסט, אז דער לייטענאנט וווינט אינ דעמ זייַטיקנ צימער, וואָס זייַנע פענצטער זייַנענ ארויסגעגאנגענ אינ סאָד אונ האָבנ זיכ געזענ פונ דאכ.

איצטער איז דער לייטענאנט געזעסנ באמ טיש אונ עפעס געשריבנ. נאָכדעמ האָט ער גענומענ דאָס אָנגעשריבענע אונ איז ארויס. איבערגעבנדיק דעמ בריוו דעמ אָרדינאנט, איז ער אוועק מיטנ שטעג פונ סאָד צומ פערטל, וואָס האָט געפירט אפנ גאס. באמ געפלאָכטענעמ זומער־בייַדל האָט זיכ דער לייטענאנט אָפגעשטעלט, ווייַזט אויס, גערעדט מיט עמעצנ. פונ בייַדל איז

אַרויס נעלי לעשטשינסקאַיאַ. נעמענדיק זי אונטערנ האַנט, איז דער לייטענאַנט אַוועק מיט איר צום פּערטל, אונ ביידע זײַנען אַרויס אָפנ גאַס.

דאָס אַלץ האָט פּאַוזקע באַטראַכט. ער האָט זיך שוינ געקליבנ אײַנדרעמלענ, נאָר מיטאַמאָל האָט ער דערזענ, אַז אינ דעם לייטענאַנטס צימער איז אַרײַנ דער אָרדינאַנט. ער האָט אָפּגעהאַנגענ דעם מונדיר אָפנ הענגער, געעפנט דאָס פענצטער אינ סאָד אַרײַנ, אָפּגערײַמט דעם צימער און איז אַרויס, פאַרמאַכנדיק נאָכ זיך די טיר. באַלד האָט אים פּאַוזקע דערזענ באַם פערד־שטאַל.

דורכנ אָפענעם פענצטער האָט פּאַוזקע גוט געזענ דאָס גאַנצע צימער. אָפנ טיש זײַנענ געלעגנ רימענס, פאַרשיידענע און נאָכ עפּעס א גלאַנצנדיקס.

געטריבנ פונ אומגעהויערער נײַגעריקײַט, איז פּאַוזקע שטיל איבערגעקראָכנ פונ דאַכ אָפנ שטאַם פונעם קאַרשנבוים און זיך אַראָפּגעלאָזנ אינ סאָד צו די לעשטשינסקיס. ער האָט זיך אײַנגעבויגנ, איז אינ עטלעכע שפּרונגענ צוגעלאָפנ צום אָפענעם פענצטער און אַרײַנגעקוקט אינ צימער. אָפנ טיש איז געלעגנ א פּאַס מיט א פּאַרטופיי און א שיידל מיט א זעלטענעם צוועלפקויליקנ „מאַנליכער“.

פּאַוזקענ האָט פאַרכאַפּט דער אָטעם. עטלעכע סעקונדעס איז אינ אים פאָרגעקומענ א קאַמפּ, אָבער, געטריבנ פונ העפקערדיקער דרייסטקײַט, האָט ער זיך איבערגעבויגנ, א נעמ געטאָנ דאָס שיידל, אַרויסגעשלעפּט פונ אים דעם נײַעם שוואַרצנ רעוואָלווער און אַראָפּגעשפּרונגענ אינ סאָד. אומקוקנדיק זיך, האָט ער פּאָרזיכטיק אַרײַנגערוקט דעם רעוואָלווער אינ קעשענע און זיך געלאָזנ דורכנ סאָד צום קאַרשנבוים. אַרופגעקלעטערט גיכ, ווי א מאַלפּע, אָפנ דאַכ, האָט פּאַוזקע א קוק געטאָנ אַהינטער: דער אָרדינאַנט האָט רויִק געפירט א שמועס מיטנ קאָניוכ. אינ סאָד איז געווענ שטיל... ער איז אַראָפּגעקראָכנ פונ דאַכ און איז אַנטלאָפנ אַהיים.

די מאַמע האָט זיך געײַסעקט אינ קיכ, געגרייט דעם מיטיק, און זי האָט ניט אַכטונג געגעבנ אָפּ פּאַוזקענ.

געכאַפּט א שמאַטע, וואָס איז געלעגנ אונטערנ קאַסטנ, האָט פּאַוזקע זי אַרײַנגערוקט אינ קעשענע, האָט זיך אומבאַמערקט אַרויסגערוקט אינ טיר, דורכגעלאָפנ דורכנ סאָד, איבערגעקראָכנ איבערנ פּאַרקאַנ און איז אַרויס אָפנ שליאַכ, וואָס פירט צום וואַלד. מיט דער האַנט האָט ער אונטערגעהאַלטנ דעם רעוואָלווער, וואָס האָט אים שווער געקלאַפּט איבערנ פוס, און ער איז מיט די גאַנצע קויכעס געלאָפנ צום אַלטנ, אײַנגעפאַלענעם ציגל־זאַוואָד.

די פּיס האָבנ קוים אָנגערירט די ערד, דער ווינט האָט געפײַפט אינ די אויערנ.

באַם אַלטנ ציגל־זאַוואָד איז געווענ שטיל. דער וואו־ניט־וואו דורכגעבראָכענער הילצערנער דאַכ, די קופּעס צעבראָכענע ציגל און די צעפאַלענע

ברעג־אויוונס האָבן אָנגעוואָרפן אַן אומעט. אלץ איז דאָ פאַרוואָקסן געוואָרן מיט בוריאַן. בלויז די דריי כּאווייריִם פלעגן זיך דאָ נאָר אַמאָל פאַרקלייבן שפּילן. פּאווקע האָט דאָ געוווּסט אַסאַך פאַרבאָרגענע ערטער, ווו מע קען באהאלטן דאָס געגאַנווענע גוטס.

אַרייַנקריכנדיק אין לאָך פונעם אויוון, האָט ער זיך פאַרזיכטיק אַרומגע־קוקט, נאָר דער שליאַך איז געווען פּוסט. שטיל האָבן געדרוישט די סאָסנעס. אַ לייַכטער ווינט האָט געדרייט דעם שטויב פון שליאַך. עס האָט שטארק געשמעקט מיט פעך.

אפן סאַמע דעק פונעם אויוון, אין ווינקל, האָט פּאווקע אַוועקגעלייגט דעם רעוואָלווער, פאַרוויקלט אין שמאטעס און צוגעדעקט אים מיט אַ קופּקע אַלטע ציגל. אַרויסגעקראָכן פון דאָרטן, האָט ער פאַרשאָטן מיט ציגל דעם אַרייַנגאַנג אין אויוון, אַרייַנגעגומען אין קאָפּ ווי עס זייַנען דאָרט אויסגע־לייגט די ציגל און, אַרויסגייענדיק אפן שליאַך, איז ער לאַנגזאַם אַוועק צוריק.

עס האָבן עטוואָס געציטערט די פיס אויבן אין די קני.

„מיט וואָס וועט זיך דאָס אַלץ אויסלאָזן?” האָט ער געטראַכט, און דאָס האַרץ האָט זיך אים צונויפגעדריקט עפעס נאָגנדיק־אומרויִק.

אפ דער עלעקטרעסטאַנציע איז ער אַוועק פריִער ווי געוויינלעך, אַבי ניט זייַן אינדערהיים. ער האָט גענומען דעם שליסל באַם וועכטער און גע־עפנט די ברייטע טיר פון דער געבייַדע, ווו עס זייַנען געשטאַנען די באַ־וועגערס. בעשאַס ער האָט געריייניקט דעם לופט־דורכגאַנג, געפּאָמפּעט וואַ־סער אין קעסל און אייַנגעהייצט, האָט ער געטראַכט:

„וואָס טוט זיך איצטער אין לעשטשינסקיס הויף?”

שפּעט, שוין אַזייגער עלף, איז צו פּאווקען אַרייַן זשוכרייַ, אַרויסגערופן אים אין הויף און שטיל געפרעגט:

— פאַרוואָס איז עס בא אייַך היינט געווען אַן אונטערזוכונג?

פּאווקע האָט אַ צעשראָקענער אופגעציטערט.

— וואָס הייסט, אַן אונטערזוכונג?

זשוכרייַ האָט, שווייַגנדיק אַ ווייַלע, צוגעגעבן:

— יע, עפעס ניט פויגלדיק. דו ווייסט ניט, וואָס זיי האָבן געזוכט?

פּאווקע האָט גוט געוווּסט, וואָס זיי האָבן געזוכט, אָבער דערציילן זשוכ־רייַען וועגן דעם געגאַנווענעם רעוואָלווער, האָט ער זיך ניט געקאָנט באַשליסן. אינגאַנצן ציטערנדיק פון אופרעגונג, האָט ער געפרעגט:

— אַרטיאָמען האָט מען אַרעסטירט?

— קיינעם האָט מען ניט אַרעסטירט, נאָר אַלץ אין שטוב האָט מען אי־בערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ.

פון די דאָזיקע ווערטער איז פּאווקען געוואָרן אַביסל לייַכטער, אָבער דער אומרו איז ניט דורכגעגאַנגען. עטלעכע מינוט האָט יעדערער געטראַכט

וועגן זײַנס. אײנער פון זײ, װיסנדיק די סיבע פון דער אונטערזוכונג, איז געװען אומרויִק פאר די רעזולטאטן, דער צװײטער האָט גאָרניט געװוסט און דעריבער איז ער געװאָרן שטארק װאכזאם.

„דער רועך װײס זײ, עפּשער האָבן זײ עפּעס דערשמעקט װעגן מיר? ארטיאָם װײס װעגן מיר גאָרנישט. טאָ פארװאָס איז בא אים די אונטערזוכונג? מע דארף זײַן פאָרזיכטיקער״—האָט זשוכרײַ געטראכט.

שװײַגנדיק איז מען זיך צעגאנגען. איטלעכער צו זײַן ארבעט.

און אין הויף איז געװען א גרויסע בעהאָלע.

דער לײטענאנט, דערזען, אז עס איז ניטאָ דער רעװאָלװער, האָט ארויסגערופן דעם אָרדינאנט; און אז ער איז דערגאנגען, אז דער רעװאָלװער איז פארפאלן געװאָרן, האָט ער, װאָס איז שטענדיק געװען קאָרעקט און אײַנגעהאלטן, דערלאנגט דעם אָרדינאנט א געזונטן פּלאם אין באק; יענער האָט זיך א װאקל געטאָן פונעם פּאטש, נאָר ער איז געבליבן שטײן אויסגעצויגן װי א סטרונקע און, שולדיק פינטלענדיק מיט די אויגן, געװארט מיט האכנאָע װאָס װעט זײַן װײַטער.

דער אדװאָקאט, װאָס מע האָט אים ארויסגערופן אף א דערקלערונג, איז אויך געװען אופגעבראכט און האָט זיך אנטשולדיקט פארן לײטענאנט דערפאר, װאָס בא אים אין הויז האָט פּאסירט אזא אומאנגענעמלעכקײַט.

װיקטאָר לעשטשינסקי, װאָס איז דאָ בײַגעװען, האָט ארויסגעזאָגט דעם פאָטער די סװאָרע, אז דעם רעװאָלװער האָבן געקענט גאנװענען די שכײנים, באזונדערס דער כוליגאן פּאװעל קאָרטשאגין. דער פאָטער האָט באלד גענומען דערקלערן דעם לײטענאנט זײַן זונס געדאנק, און יענער האָט גלײַך אָפּגעגעבן א פאראָרדענונג ארויסרופן א נאריאד אף אן אונטערזוכונג.

די אונטערזוכונג האָט ניט געגעבן קײנשום רעזולטאטן. דער צופאל מיטן פארפאלענעם רעװאָלװער האָט פּאװקען איבערצײַגט, אז אפילע אזעלכע ריזיקאלישע אונטערנעמונגען ענדיקן זיך אָפטמאָל אויך בעשאָלעם.

דריטער קאפיטל

טאָניע איז געשטאַנען באַם אָפענעם פענצטער. זי האָט לאַנגווײַליק געקוקט אַף דעם באַקאַנטן היימישן סאַד, אַף די הויכע שלאַנקע טאָפּאָלן, וואָס רינגלען אים אַרום און וואָס ציטערן קוים פון יעדן מינדסטן ווינטל. איר האָט זיך ניט געגלויבט, אַז אַ גאַנץ יאָר האָט זי ניט געזען איר היימישן הויף. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ערשט נעכטן האָט זי פאַרלאָזן אָט די אַלע באַקאַנטע ערטער פון דער קינדהייט און היינט זיך אומגעקערט מיטן אינדערפריִען צוג.

קיין זאַך האָט זיך דאָ ניט געענדערט: די זעלבע פּינקטלעך אַרומגעשאָרענע רייען מאַלינע־קוסטעס, די זעלבע געאָמעטריש־אויסגעלייגטע סטעזשקעלעך, פאַרפלאַנצטע מיט דער מאַמעס באַליבטע בלומען „אַניוטעס אויגעלעך". אַלץ אין סאַד איז ריין און אויפגעראַמט. אומעטום איז קענטיק די פעדאַנטישע האַנט פון דעם געלערנטן וואַלד־צוכטלער. און טאָניען איז לאַנגווײַליק פון די דאָזיקע אויסגערייניקטע, אָנגעצייכנטע וועגעלעך.

טאָניע האָט גענומען דעם ניט־דערליינענטן ראָמאַן, געעפנט די טיר פון דער וועראַנדע, אַראָפּ פון די טרעפּ אין סאַד אַרײַן, אַ שטויס געטאָן דאָס קליינינקע געפאַרבטע פּערטל און איז לאַנגזאַם אַוועק צום סאַזשלקע, וואָס באַם וואָקזאַל, נעבן דער וואַסער־פּאָמפּע.

אויסמײַדנדיק דאָס בריקל, איז זי אַרויס אַפן שליאַך. דער שליאַך איז געווען ווי אַן אַלייע. פון רעכטס—די סאַזשלקע, באַזוימט מיט אַ געדיכטן חערבע־ווערדל, פון לינקס האָט זיך אָנגעהויבן דער וואַלד.

זי האָט זיך לעכאַטכילע געלאָזט גיין צו די סאַזשלקעס, נעבן דער אַלטער שטיינהעקערײַ, נאָר זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, באַמערקנדיק אונטן באַם סאַזשלקע אַ פאַרהויבענע ווענטקע.

אָנגעבויגן איבער אַ קרומער ווערבע, האָט זי מיט דער האַנט פאַנאַנדערגערוקט די צווײַגן און דערזען אַ פאַרברוינט יאַטל, אַ באָרוועסן, מיט הויזן פאַרקאַטשעטע העכער איבער די קני. לעבן אים איז געשטאַנען אַ פאַרזשאַווערטע בלעכענע פּושקע מיט ווערעם. דאָס יאַטל איז געווען פאַרנומען מיט זײַן באַשעפטיקונג און האָט ניט באַמערקט טאָניעס אָנגעשטרענגטן בליק.

— נים שוין־זשע איז דאָ פאראן פיש?

פאווקע האָט זיך בייז אומגעקוקט.

האַלטנדיק זיך פאר א ווערבע, אָנגעבויגן נידעריק צום וואסער, איז גע־שטאנען אן אומבאקאנט מיידל. זי איז געווען אָנגעטאָן אין א ווייַסער מאַט־ראָסקע מיט א בלויען קראגן און שטרייַפּעלעך און אין א העל־גרויער קורצער קלייד. באַזוימטע שקאַרפּעטן האָבן פעסט ארומגעכאפּט די שלאנקע פאַרברוינטע פיס אין ברוינע טופליעס. די קאשטאנען־האָר זייַנען געווען צונויפגעקליבן אין א שווערן צאָפּ.

די האנט מיט דער ווענטקע האָט עטוואָס א ציטער געטאָן. דאָס גענ־דזשעגע שווימערל האָט א שאָקל געטאָן מיטן קעפּל, און פון אים איז זיך אין קרייַזן צעלאָפן דער אופגערודערטער גלייַכער שפּיגל פונעם וואסער.

און די שטומע הינטער אים האָט געזאָגט צעטראָגן:

— עס פּיקט, איר זעט, עס פּיקט...

פאווקע האָט זיך איינגאנצן פארלאָרן. ער האָט א ריס געטאָן די ווענטקע. צוזאמען מיט די וואסער־שפּריצן איז ארויסגעשווומען דער וואָרעם, וואָס האָט זיך געדרייט אפן האטשיק.

„נו, איצט וועסטו שוין כאפּן אסאך מיט אביסל! דער שווארציאַר האָט אָנגעטראָגן די דאָזיקע", האָט פאווקע אופגערעגט געטראכט, און קעדיי באַ־האַלטן זייַן צעטומלטקייט, האָט ער פארוואָרפן די ווענטקע אביסל ווייַטער אין וואסער אריין—צווישן צוויי וואסער־געוויקסן, אקוראט דאָרטן, וווהין מע האָט נים געדארפט פארווארפן, ווייַל דער האטשיק האָט זיך געקענט פארטשעפּען אָן א וואָרצל.

ער האָט זיך באטראכט און, נים אומקערנדיק זיך, א שיפּ געטאָן אין דער זייַט פונעם מיידל, וואָס איז געזעסן אפן ברעג:

— וואָס גוואַלדעוועט איר? אזוי וועלן זיך דאָך אַלע פיש צעלויפן.

און ער האָט דערהערט פונדערהויך אָפּשפּאָטנדיקע, כויזעקדיקע רייד:

— זיי זייַנען זיך שוין צעלאָפן פון אייַער אויסזען אַלייַן. צי דען זשע כאפּט מען עס באטאָג פיש? עך, שלימאזלדיקער פישער!

דאָס האָט שוין צופיל אָנגערירט פאווקען, וועלכער האָט זיך געסטארעט אויסצוהאַלטן העפלעכקייַט. ער איז אופגעשטאנען, אָנגערוקט דאָס היטל אפן שטערן, וואָס דאָס איז בא אים שטענדיק געווען א סימען פון קאַעס, און א זאָג געטאָן, צוקלייַבנדיק באַזונדערס דעליקאַטע ווערטער:

— עפשער וואָלט איר, פרייַלן, זיך אָפּגעטראָגן פונדאנען ערגעץ אַנ־דערשווו?

טאָניעס אויגן האָבן זיך קוים־קוים פארשמעלערט. זיי האָבן זיך צע־פינקלט מיט א פארבייַגעלאָפּענעם שמייכל.

— צי דען שטער איך אייַך?

אין איר שטים איז שוין נים געווען קיין שפּאָט. עס איז אין איר גע־

ווענ עטוואָס פריַינטלעכס, פרידלעכס, אונ פאווקע, וואָס האָט זיכ געקליבנ אריַינזאָגנ גראָבע רייד דער דאָזיקער ווער־וויס פונוואנענ געקומענער „פריַילנ", איז געבליבנ אנטוואָפנט.

— מיילע, קוקט, אויב איר האָט כיישעק. דאָס אָרט איז מיר ניט קיינ שאָד,—האָט ער איַינגעשטימט, זיכ צוגעזעצט ווידער אונ א קוק געטאָנ אפנ שווימערל. דאָס שווימערל האָט זיכ צוגעטוליעט צומ וואסער־געוויקס. אונ עס איז געווענ קלאָר, אז דער זאטשיק האָט זיכ פארטשעפעט אָנעמ וואָרצל. א שלעפ טאָנ אימ האָט זיכ פאווקע ניט אנטשלאָסנ.

„אויב ער האָט זיכ פארטשעפעט, וועסטו אימ שוינ ניט אָפריַיסנ. אונ אָט די וועט אוואדע לאכנ. וואָלט זי זיכ כאָטש אָפטראָגנ פונדאנענ", האָט ער געטראכט.

אָבער טאָניע האָט, איַינזעצנדיק זיכ באקוועמער אפ דער זיכ קוימ הויַ־דענדיקער, אויסגעבויגענער ווערבע, אוועקגעלייגט אפ די קני דאָס בוכ אונ אָנגעהויבנ נאָכשפירנ נאָכנ פארברויגטנ שווארצויגיקנ גאסניונג, וואָס האָט זי אזוי אומפריַינטלעכ באגעגנט אונ וואָס לייגט אויכ איצט בעקיוונ ניט קיינ אכט אפ איר.

פאווקע זעט גוט אינ דעמ וואסער־שפיגל די געשטאלט פונ דער מיידל אפנ בוימ. זי לייענט, אונ ער שלעפט פאוואָלינקע די פארטשעפעטע ווענט־קע. דאָס שווימערל טוקט זיכ, דער האָר־פאָדעמ ציט זיכ אָנ.

„ער האָט זיכ פארטשעפעט, „א בייזער יאָר!" פליט דורכ א געדאנק, אונ מיט א קרומנ בליק דערזעט ער אינעמ וואסער לאכנדיקע אויגנ.

איבערנ בריקל בא דער וואסער־פאָמפע זיַינענ דורכגעגאנגענ צוויי יונגע־לייט—גימנאזיסטנ פונ זיבעטנ קלאס. איינער—דער זונ פונעמ דעפאָ־נאַ־טשאלניק, דעמ אינזשעניער סוכארקאָ, א וויַיסער, אינ זומערשפרענקלעכ, א זיבעצניאָריקער לעב־יונג, דער געשטופלטער שורקע, ווי מע האָט אימ א נאָ־מענ געגעבנ אינ שול. ער האָט געטראָגנ א גוטע ווענטקע, אינ מויל האָט ער העפקערדיק געהאלטנ פארביסנ א פאפיראָס. הארט לעבנ אימ—וויקטאָר לעשטשינסקי, א שלאנקער, אויסגעצערטלטער באָכערל.

סוכארקאָ האָט זיכ איבערגעבויגנ צו וויקטאָרנ אונ אימ אינטערגע־ווונקענ:

— דאָס איז א מיידעלע א צימעס, נאָכ איינע אזא וועסטו ניט געפינענ. מעגסט מיר גלויבנ, א ראָ־מאנ־טי־שע פערזאָנ. זי לערנט זיכ אינ קיעוו אינ זעקסטנ קלאס. געקומענ צומ טאטנ אפ זומער. ער איז דאָ דער עלטסטער וואלד־אופזעער. זי איז באקאנט מיט מיַינ שוועסטער ליזע. איכ האָב איר אנומלט אָנגעקנאקט א בריוול, ווייסט, אינ א געהויבענעמ גיַיסט. כ'בינ פאר־ליבט, הייסט עס, כ'גיי פונ זינענ אראָפ אונ ווארט מיט ציטער אפ איַיער ענטפער. אונ דערצו אפילע פונ נאדסאָנענ ארויסגעסקראָבעט א פאסיק לידל.

— נו, אונ זי וואָס?—האָט מיט ניַיגעריקיַיט געפרעגט וויקטאָר.

סוכאַרקאָ האָט געענטפערט אביסל פאַרלאָרן:

— פאַרשטייסט, זי ברעכט זיך, מאַכט דעם אָנשטעל. פאַטער ניט קיין פּאַפּיר, זאָגט זי. אָבער דאָס איז שטענדיק אזוי פון אָנהייב. אין די דאָזיקע איניאָנים בין איך שוין א דורכגעטריבענער יונג. ווייסט, ניטאָ קיין כיישעק לאַנג אַרומגיין און זיך נאָכשלעפּן. אַסאַך בעסער איז נעמען און אַוועקגיין אינאָוונט אין די רעמאָנט־באַראַקעס און פאַר א דרײַערל אויסקלײַבן אַזא שיינהײַט, אַז דו וועסט לעקן פון איר די פינגער. און אָן קיינע אָנשטעלן. איך בין מיט וואָלקע טיכאָנאָוון געגאַנגען — דו קענסט דעם וועג־מײַסטער?

וויקטאָר האָט זיך אַזש פאַרקרימט פון פאַראַכטונג:

— דו פאַרנעמסט זיך מיט אַזעלכע מיִעסע זאַכן, שורע?

שורע האָט א קײַ געטאָן דעם פּאַפּיראָס, אויסגעשפּײַט און א זאָג געטאָן מיט כוואַליע:

— זע נאָר, סאַראַ שטיק אומשולד דאָס איז. מיר ווייסן, מיט וואָס איר פאַרנעמט זיך.

איבערשלאָגנדיק אים, האָט וויקטאָר געפרעגט:

— וועסטו מיך באַקענען מיט אָט דער?

— אַוודאי, לאָמיר גיין גיכער, קאָלזמאַג זי איז נאָך ניט אַוועק. נעכטן האָט זי אַליין אינדערפרי פיש געכאַפּט.

די כאַווײרים האָבן זיך שוין דערנעענטערט צו טאָניען. אַרויסנעמענדיק דעם פּאַפּיראָס פון מויל, האָט סוכאַרקאָ זיך מײַסע פראַנט אויסגעבויגן און זי באַגריסט.

— גוטמאָרגן, מאַדמואַזעל טומאַנאָוואַ. וואָס, איר כאַפּט פיש?

— ניין, איך קוק, ווי מע כאַפּט, — האָט טאָניע געענטפערט.

— איר זײַט ניט באַקאַנט? — האָט זיך צוגעײַלט סוכאַרקאָ, אָנעמענדיק וויקטאָרן פאַר דער האַנט. — מײַן כאַווער וויקטאָר לעשטשינסקי.

וויקטאָר האָט שעמעוודיק דערלאַנגט טאָניען די האַנט.

און פאַרוואָס כאַפּט איר הײַנט ניט קיין פיש? — האָט זיך סוכאַרקאָ באַמיט פאַרפירן א געשפּרעך.

— איך האָב ניט גענומען די ווענטקע, — האָט טאָניע געענטפערט.

— איך וועל באַלד ברענגען נאָך א ווענטקע, — האָט זיך סוכאַרקאָ ווי גענומען אײַלן. — איר כאַפּט דערווײַל מיט מײַנער, און איך וועל באַלד ברענגען.

ער האָט אויסגעפילט דאָס וואָרט, וואָס ער האָט געגעבן וויקטאָרן צו באַקאָנען אים מיט טאָניען, און ער האָט זיך באַמיט איבערלאָזן זיי זאַלבע־צווייט.

— ניין, מיר וועלן שטערן, דאָ כאַפּט מען שוין, — האָט טאָניע געענטפערט.

— וועמענ שטערנ?—האָט געפרעגט סוכארקאָ.—אכ, אָט דעמ?—ער האָט בלויז איצט באמערקט פאווקענ, וואָס איז געזעסנ אינ די קוסטעס.—נו, דעמ דאָזיקנ וועל איכ געבנ דעמ וועג פונדאנענ איינס אונ צוויי.

טאָניע האָט ניט באוויזנ אימ צו פארהאלטנ. ער האָט זיכ אראָפּגעלאָזג אונטנ, צו פאווקענ.

— נו, פארנעמ זיכ פונדאנענ מיט דער ווענטקע אינ אָט דער רעגע.—האָט סוכארקאָ זיכ א קער געטאָנ צו פאווקענ.—גיכער, פלינקער,—האָט ער געזאָגט, זעענדיק, אז פאווקע זעצט פאָר רויִק כאפּנ.

פאווקע האָט אופגעהויבנ דעמ קאָפּ אונ א קוק געטאָנ אפ סוכארקאָנ מיט א בליק, וואָס האָט ניט צוגעזאָגט קיינ גוטס.

— אונ דו זײַ א קאפּעלע אײַנגעהאלטענער, וואָס האָסטו אזוי צעעפנט דעמ פיסק?

— וואָ־אָ־אָ־ס?—איז סוכארקאָ געוואָרנ אנ אופגעזאָדענער.—דו רעדסט נאָכ, דו קלאָגעדיקער שלעפער! טראָג זיכ אָפּ פונדאנענ!—אונ ער האָט א זעצ געטאָנ מיטנ נעזל פונ שוכ איבערנ פושקע מיט די ווערעמ. די פושקע האָט זיכ איבערגעקערט אינדערלופטנ אונ ארײַנגעפאלנ אינ וואסער. טראָפּנס וואסער האָבנ פארשפריצט טאָניעס געזיכט.

— סוכארקאָ, ווי שעמט איר זיכ ניט?—האָט זי אויסגעשריִענ.

פאווקע איז אופגעשפרונגענ. ער האָט געוווסט, אז סוכארקאָ איז א זונ פונעמ נאטשאלניק פונ דעפּאָ, וווּ עס האָט געארבעט ארטיאָמ, אונ אויב ער וועט א זעצ טאָנ אינ דער צעקראָכענער געלער צורע, וועט דער גימנאזיסט זיכ פארקלאָגנ פאר זײַנ פאָטער, אונ דער איניענ קענ אוואדע דערגיינ ביז צו ארטיאָמענ. דאָס איז געווענ די איינציקע סיבע, וואָס האָט אימ אָפּגע־האלטנ פונ אָנברעכנ טייקעפ סוכארקאָנ די ביינער.

סוכארקאָ, דערפילנדיק, אז פאווקע וועט־אימ טאקע באלד דערלאנגענ, האָט זיכ א וואָרפ געטאָנ פאָרויס אונ מיט ביידע הענט א שטויס געטאָנ אינ ברוסט פאווקענ, וועלכער איז געשטאנענ באמ וואסער. יענער האָט א מאכ געטאָנ מיט די הענט, זיכ אויסגעבויגנ, אָבער זיכ אײַנגעהאלטנ אפ די פיס אונ איז ניט ארײַנגעפאלנ אינ וואסער.

סוכארקאָ איז געווענ עלטער פאר פאווקענ אפ צוויי יאָר אונ ער האָט געהאט א נאָמענ פונ אנ ערשטראנגיקנ שלעגער אונ סקאנדאליסט.

באקומענדיק א זעצ אינ הארצנ, איז פאווקע גאָר געוואָרנ אויסער זיכ.

— אויב אזוי! טאָ נא דיר!—אונ מיט א קורצנ מאכ מיט דער האנט האָט ער סוכארקענ ארײַנגעפּלעמט אינ פּאָנעמ א הייכנ פּאטש. נאָכדעמ, ניט לאָזנדיק אימ קומענ צו זיכ, האָט ער זיכ אײַנגעקלאמערט אינ דער גימנא־זיסטישער קורטקע, א צי געטאָנ אימ צו זיכ אונ ארײַנגעשלעפּט אינ וואסער ארײַנ.

איבער די קני אין וואסער, מיט פארנעצטע גלאַנצנדיקע שיך און הויזן, האָט סוכארקאָ מיט אַלע קויכעס זיך באמיט אויסרייַסן פון פאווקעס קלאַ־מערדיקע הענט. א שטויס געטאָן דעם גימנאזיסט אין וואסער, איז פאווקע ארויסגעשפרונגען אפן ברעג.

דער צעיושעטער סוכארקאָ האָט זיך א לאָז געטאָן נאָך פאווקען, גרייט צערייַסן אים אפ שטיקער.

פאווקע איז ארויסגעשפרונגען אפן ברעג, האָט זיך שנעל א קער גע־טאָן צו סוכארקאָן, וואָס איז געווען גרייט צום אָנגרייַפן. ער האָט זיך דער־מאָנט:

„דעם אָנשפאר אפ דער לינקער פוס, די רעכטע אָנגעשטרענגט און עטוואָס אויסגעבויגן, א קלאפ נים נאָר מיט דער האנט, נאָר אויך מיטן גאנצן קערפער, פונונטן ארופ, אונטערן קין".

— א־אאיינס!..

עס האָבן א זעץ געטאָן ציינער. סוכארקאָ האָט א געשריי געטאָן פון שרעקלעכן ווייטעק אין קין און פון דער צעביסענער צונג, אומגעלומפערט א מאך געטאָן מיט די הענט און האָט שווער, מיטן גאנצן קערפער, א פליוך געטאָן אין וואסער.

און אפן ברעג האָט זיך טאָניע געשטיקט פון געלעכטער.

— בראוואָ, בראוואָ! — האָט זי געשריען, פאטשנדיק מיט די הענט. — דאָס איז ווונדערלעך!

פאווקע האָט געכאפט די ווענטקע, זי א צי געטאָן און, אָפרייַסנדיק דעם שנור, וואָס האָט זיך פארטשעפעט, ארויסגעשפרונגען אפן שליאך.

און אז ער איז אוועק, האָט ער געהערט, ווי וויקטאָר האָט געזאָגט צו טאָניען:

— דאָס איז דער סאמע ביטערער כוליגאן, פאווקע קאָרטשאגין.

*

אפ דער סטאנציע איז געוואָרן אומרויק. פון אייַזנבאן זייַנען דערגאנ־גען קלאנגען, אז די ארבעטער הייבן אָן שטרייַקן. אפ דער שכיינעסדיקער גרויסער סטאנציע האָבן די דעפאָ־ארבעטער פארקאָכט א קאשע. די דייַטשן האָבן ארעסטירט צווי מאשיניסטן, וואָס מע האָט זיי כוישעד געווען, אז זיי האָבן טראנספאָרטירט אופרופן. צווישן די ארבעטער, וואָס זייַנען געווען פארבונדן מיטן דאָרף, האָבן זיך אָנגעהויבן גרויסע אומרוען, וואָס זייַנען ארויסגערופן געוואָרן דורך די רעקוויזיציעס, ווי אויך דורך דעם, וואָס די פריצים האָבן זיך אומגעקערט צוריק אין זייערע מאיאָנטקעס.

די נאהייַקעס פון די העטמאנישע סטראזשניקעס האָבן געפאסעוועט די פויערישע פלייצעס. אין דער גובערניע האָט זיך אנטוויקלט א פארטיזאנישע

באוועגונג. עס זײַנען שוין געווען בא א צענדליק פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן, אָרגאַניזירטע דורכ די באָלשעוויקעס.

זשוכריי האָט אינ די דאָזיקע טעג ניט געוווּסט פונ קיינ רו. ער האָט דורכגעפירט א גרויסע ארבעט פאר דער צײַט, וואָס ער איז געווען אינ שטעטל. ער האָט זיכ באקאנט מיט אסאכ ארבעטער־אײַזנבאנער, געגאנגען אפ ווע־טשערינקעס, ווו עס פלעגט זיכ פאַרזאמלען די יוגנט, אונ געשאפן א פעס־טע גרופּע, וואָס איז באשטאנען פונ די דעפּאָ־שלאָסערס אונ פונ די זעג־מיל־ארבעטער. ער האָט אויכ געפּרוּווט אָנטאפּן ארטיאָמען. אפ זײַנ פראגע, ווי קוקט ארטיאָמ אפ דער באָלשעוויסטישער ארבעט אונ אפ דער פּאַרטיי, האָט דער קרעפטיקער שלאָסער אימ געענטפערט:

— ווייסט, פיאָדאָר, וואָס איז שײַעכ די דאָזיקע פּאַרטייען, קלײַב איכ זיכ ווייניק וואָס פונאנדער. נאָר העלפנ, אויב מע וועט דארפנ, בינ איכ שטענדיק גרייט. קענסט מיכ האָבנ אינ זינען.

פיאָדאָר איז דערמיט אויכ געווען צופרידנ. ער האָט געוווּסט, אז אר־טיאָמ איז אנ אייגענער יאַט, אונ האָט ער עפּעס געזאָגט, וועט ער עס טאָנ. „אונ ביז דער פּאַרטיי איז נאָכ דער מענטש, ווײַזט אויס, ניט דערגאנגענ. נישקאָשע, די צײַט איז איצט אזא, אז ער וועט זיכ גיכ אויסלערנענ“, האָט געטראכט דער מאַטראָס.

פיאָדאָר איז אריבער פונ דער ארבעט אפ דער עלעקטרעסטאנציע אינ דעפּאָ ארײַנ, ווו עס איז געווענ באקוועמער צו ארבעטנ. אפ דער עלעקטרע־סטאנציע איז ער געווען אָפּגעריסנ פונ דער אײַזנבאנ.

די באוועגונג אפ דער אײַזנבאנ איז געווען א קאָלאָסאַלע. די דײַטשנ האָבנ ארויסגעפירט קיינ דײַטשלאנד טויזנטער וואגאָנעס פונ אלצ, וואָס זיי האָבנ אָנגעראַבעוועט אינ אוקראינע: קאָרנ, ווייצ, פי...

*

אומגעריכט האָט די העטמאַנישע מאכט ארעסטירט אפ דער סטאנציע דעמ טעלעגראפיסט פּאָנאָמאַרענקאָ. געשלאָגנ האָט מענ אימ אינ דער קאָ־מענדאַטור אכזאָריעסדיק, אונ, קענטיק, אז ער האָט דערציילט וועגנ דער אגיטאַציע, וואָס עס האָט געפירט ראָמאַנ סידאָרענקאָ, ארטיאָמס א כאַווער פונ דעפּאָ.

נאָכ ראָמאַנען זײַנענ אינ דער ארבעט־צײַט געקומענ צוויי דײַטשנ אונ א העטמאַנער—דער געהילפ פונעמ סטאנציע־קאָמענדאַנט. צוגייענדיק צומ ווארשטאַט, ווו עס האָט געארבעט ראָמאַנ, האָט דער העטמאַנער, ניט אויס־רײדנדיק קיינ איינ וואָרט, דערלאנגט אימ מיט דער נאהײַקע איבערנ פּאָנעמ.

— קומ, אויסוואורף, נאָכ אונדז! דאָרטנ וועלנ מיר וועגנ עפּעס־וואָס א שמועס טאָנ,—האָט ער געזאָגט, מוירעדיק אויסגעשטשירעט די ציינער, אונ

געגומעג שלעפּג דעם שלאָסער פארג ארבל.—דאָרטג, בא אונדז, וועסטו שוינ אגיטירג!

ארטיאָמ, וואָס האָט געארבעט אפ דער דערבייִקער שרויפבאנק, האָט א וואָרפ געטאָג די פייל, זיכ א רוק געטאָג מיט זייג גאנצער גרייס אפּג העטמאנער און, צוריקהאלטנדיק דעמ אָנוואקסנדיקג קאַעס, האָט ער אויסגעכריפּעט:

— ווי וואגסטו צו שלאָגג זיכ, מענוויל?

דער העטמאנער האָט זיכ אָפּגערוקט אהינטער און געגומענ עפּענעג די שייד פוג רעוואָלווער. דער גידעריקער קורצפּיסיקער דייטש האָט אראָפּגענומעג פוג אקסל די שווערע ביקס מיטג ברייטג באגנעט און א זעצ געטאָג מיטג שלאָס.

— האלט!—האָט ער אויסגעבילט, גרייט צו שיסג בא דער ערשטער באוועגונג.

דער ריזיקער שלאָסער איז הילפלאָז געשטאנענ פארג דאָזיקג נישטיקג סאָלדאטל, אָנמעכטיק עפּעס צו טאָג.

מע האָט ארעסטירט ביידג. ארטיאָמען האָט מענ איג א שאָ ארום ארויסגעלאָזג, און ראָמאנען האָט מעג פארשפּארט איג באגאזש-קעלער.

איג צעג מינוט ארום האָט איג דעפּאָ שוינ קייגער גיט געארבעט. די דעפּאָ-ארבעטער האָבג זיכ פארזאמלט איג סטאנציע-סאָד. צו זיי האָבג זיכ פארייניקט אנדערע ארבעטער, סטרעלאָטשניקעס און די, וואָס האָבג געארבעט איג מאטעריאלג-שפּייכלער. אלע זייגעג געווענ שרעקלעכ אופגעבראכט. עמעצער האָט אָנגעשריבג אג אופרופ מיט דער פאָדערונג צו באפרייעג ראָמאנען און פּאָנאָמארענקאָג.

דער צאָרג האָט זיכ גאָכ מער פארשטארקט, ווענ דער העטמאנער, וואָס איז געקומעג צו פליעג צומ גאָרטג מיט א מאכנע סטראזשניקעס, האָט, פּאָכענדיק מיטג רעוואָלווער, געשריעג:

— אויב איר וועט ניט אוועקגייג, וועלג מיר אפּנשטעל אלעמעג ארעסטירג! און אנדערע וועלג מיר גאָכ שטעלג צום וואנטל אויכ.

אָבער די געשרייעג פוג די פארביטערטע ארבעטער האָבג אים געצוווּנגעג זיכ אָפּטראָגג צו דער סטאנציע. פוג שטאָט זייגעג שוינ איבערג שאָסיי געפלויגג לאסט-אווטאָס, פולע מיט דייטשישע סאָלדאטג, וואָס עס האָט ארויסגערופג דער סטאנציע-קאָמענדאנט.

די ארבעטער האָבג זיכ געגומענ צעלויפג אהיים. פוג דער ארבעט זייגעג אוועק אלע, אפילע דער דעזשורנער פוג סטאנציע. זשוכרייס ארבעט האָט זיכ געלאָזט פילג. דאָס איז געווען די ערשטע מאסג-ארויסטרעטונג אפ דער סטאנציע.

די דייטשג האָבג אוועקגעשטעלט אפּג פּעראָג א שווערג קוילגוואָרפער. ער איז געשטאנעג ווי א יאגד-הונט איג דערווארטונג. מיט דער האנט אפּג

הענטל איז לעבן אים אפ די שפּיץ פינגער געזעסן איינגעבויגן א דייטשי־
שער קאפּראל.

דער וואָקזאל איז געוואָרן ליידיק.

באנאכט האָבן זיך אָנגעהויבן ארעסטן. מע האָט אויך צוגענומען ארטיאָ־
מען. זשוכרײַ האָט אינדערהיים ניט גענעכטיקט. אים האָט מען ניט געפונען.

מע האָט אלעמען צונויפגענומען אינעם גרויסן פּראכט־פּאקהויז און
ארויסגעשטעלט אן אולטימאטום: אָדער אומקערן זיך צו דער ארבעט, אָדער
מיליטערישער פעלד־געריכט.

אפ דער ליניע האָבן געשטרײַקט קימאט אלע אײַזנבאן־ארבעטער. אין
מעשעך פונעם מעסלעס איז ניט אָנגעקומען קיין איין צוג. הונדערט צוואנ־
ציק קילאָמעטער וויַטער איז געגאנגען א שלאכט מיט א גרויסן פּארטיזאנישן
אָטריאַד, וואָס האָט איבערגעשניטן די ליניע און אופגעריסן די בריקן.

באנאכט איז אפ דער סטאנציע געקומען אן עשאלאָן מיט דייטשישע
סאָלדאטן: אָבער דער מאשיניסט, זײַן געהילף און דער הייצער זײַנען אנט־
לאָפן פון לאָקאָמאָטיוו. אויסער דעם מיליטערישן עשאלאָן, האָבן אפ דער
סטאנציע געוואַרט אפ זייער ריי צום אָפּפאָרן נאָך צוויי צוגן.

עפענענדיק די שווערע טיר פונעם פּאקהויז, זײַנען ארײַן דער קאָמענ־
דאנט פון דער סטאנציע, א דײַטשישער לייטענאנט, זײַן געהילף און א גרו־
פּע דײַטשן.

דער געהילף פונעם קאָמענדאנט האָט אויסגערופן:

— קאָרטשאגין, פּאָלענטאָווסקי, ברוזשאק. איר פאָרט איצט מיט א צוג־
בריגאדע. פאַר אָפּזאָגן זיך—דערשיסן אפן אָרט. איר פאָרט?

די דרײַ ארבעטער האָבן א שאָקל געטאָן מיט די אראָפּגעלאָזענע קעפּ.
אונטער א וואך האָט מען זיי אװעקגעפירט צום לאָקאָמאָטיוו, און דער גע־
הילף פונעם קאָמענדאנט האָט שוין אויסגערופן די נעמען פון דעם מאשי־
ניסט, געהילף און הייצער פארן צווייטן עשאלאָן.

*

דער לאָקאָמאָטיוו האָט קאָעסדיק געשפּריצט מיט בינטלעך ליכטיקע פונ־
קען. ער האָט טיף געעטעמט און, בוערנדיק די פינצטערניש, האָט ער זיך
געצויגן איבער די רעלסן אין דער טיפקײַט פון דער נאכט. אָנגעוואָרפן
קוילן אין קעסל, האָט ארטיאָם פארהאקט מיטן פוס דאָס איַזערנע טירל,
א צי געטאָן א זופּ וואסער פונעם טשײַניק מיטן פאריסענעם נעזל, וואָס איז גע־
שטאנען אפן קאסטן, און זיך געווענדט צום אלטן מאשיניסט פּאָלענטאָווסקין:

— מיר פירן, זאָגסטו, טאטעשי?

יענער האָט בייז א פינטל געטאָן פון אונטער די געדיכטע ברעמען:

— יע, וועסט שוין בעמיילע פירן, ווען מע דערלאנגט דיר מיט א באג־
נעט אין הינטן ארײַן.

— ווארפן אלץ און אנטלויפן פון לאָקאָמאָטיוו,—האָט פאָרגעלייגט ברוזשאַק, קוקנדיק קרום אַפן דײַטשישן סאָלדאַט, וואָס איז געזעסן אַפן טענדער.
— איך טראַכט אויך אַזוי,—האָט א בורטשע געטאָן ארטיאָם,—אָבער אָט דער דאָזיקער נעפּעש, וואָס טאַרטשעט הינטערן פּלייצע.
— יע,—האָט ניט קלאָר ארויסגעשטאַמלט ברוזשאַק, ארויסרוקנדיק זיך אין פענצטער.
צורוקנדיק זיך נעענטער צו ארטיאָמען, האָט פּאָלענטאָווסקי שטיל א שעפּטשע געטאָן:
— מיר טאָרן ניט פירן, פאַרשטייסט? דאָרטן גייט א שלאַכט, די אויפשטענדלער האָבן אופגעריסן דעם וועג, און מיר וועלן אהין ברענגען די דאָזיקע קלאָווים, וואָס וועלן פון זיי איינס און צוויי מאַכן א טעל. ווייסט, זונעלע, איך האָב באַם קייסער ניט געפירט אין דער צײַט פון שטרײַקן, און וועל איצט אויך ניט פירן. עס וועט זײַן א כאַרפּע ביזן קייווער, אויב מיר וועלן צו אונדזערע אייגענע ברידער ברענגען דאָס אומגליק. די לאָקאָמאָטיוו־בריגאַדע איז זיך דאָך צעלאָפן. זיי האָבן מיטן לעבן ריזיקירט, און פונדעסטוועגן זײַנען זיך די יאַטן צעלאָפן. מיר טאָרן בעשומויפן ניט צושטעלן אהין דעם צוג. ווי מיינסטו?
— איך בין אײַנשטימיק, טאַטעשי. אָבער וואָס וועסטו מאַכן מיט אָט דעם?—און ער האָט מיט די אויגן אָנגעוויזן אַפן סאָלדאַט.
דער מאַשיניסט האָט זיך א קנייטש געטאָן, אויסגעווישט מיט פּאַקליע דעם פארשוויצטן שטערן און א קוק געטאָן מיט די אנטצונדענע אויגן אַפן מאַנאָמעטער, ווי ער וואָלט געהאָפט געפינען דאָרטן אן ענטפער אַף דער שווערער פראַגע. נאָכדעם האָט ער זיך ביטער, מיט א געפיל פון פארצווייפלונג, אויסגעזידלט.
ארטיאָם האָט א זופּ געטאָן וואַסער פון טשײַניק. ביידע האָבן געטראַכט וועגן איינס און דאָס זעלבע, אָבער קיינער האָט זיך ניט באַשלאָסן דער ערשטער ארויסזאָגן דעם דאָזיקן געדאַנק. ארטיאָם האָט זיך דערמאָנט אָן זשוכרײַס ווערטער:
— וואָס טראַכטסטו, ברודערל, וועגן דער באָלשעוויסטישער פארטיי און די קאָמוניסטישע אידייען?
און זײַן, ארטיאָמס, ענטפער:
— העלפן בין איך שטענדיק גרייט, קענסט זיך אַף מיר פארלאָזן...
„פײַנע הילף, מיר פירן טאַליאָנים...״
פּאָלענטאָווסקי האָט זיך איבערגעבויגן איבערן קעסטל מיט די אינסטרומענטן, זײַט בא זײַט מיט ארטיאָמען, און האָט קוים ארויסגערעדט:
— און מיט אָט דעם דאַרף מען מאַכן א סאָף. פאַרשטייסט?
ארטיאָם האָט אופגעציטערט. פּאָלענטאָווסקי האָט א קריץ געטאָן מיט די ציין און צוגעגעבן:

— קיינ אנדער אויסוועג איז ניטאָ. מירנ אים אוועקפאטערנ, אונ דעם רעגוליאטער מיט די הייב־שטאנגענ—אינ אויוונ אריינ, דעם לאָקאָמאָטיוו—אפ א פארלאנגזאמטנ גאנג, אונ אראָפ פונ לאָקאָמאָטיוו.

אונ ווי ער וואָלט אראָפגעוואָרפנ א שווערנ זאק פונ די פלייצעס, האָט ארטיאָמ געזאָגט:

— גוט.

אָנבייגנדיק זיכ צו ברוזשאקנ, האָט ארטיאָמ איבערגעגעבנ דעמ געהילפ וועגנ דעמ אָנגענומענעמ באשלוס.

ברוזשאק האָט ניט באלד געענטפערט. יעדערער פונ זיי איז געגאנגענ אפ זייער א גרויסער ריזיקע. בא אלעמענ זייַנענ אינדערהיימ געבליבנ געזינדנ. באזונדערס גרויס איז געווענ פאָלענטאָווסקיס געזינד: בא אימ זייַנענ אינדערהיימ געבליבנ נייַנ מענטשנ. אָבער יעדערער האָט פארשטאנענ, אז פירנ טאָר מענ ניט.

— רעכט, איכ בינ אייַנשטימיק,—האָט ברוזשאק געזאָגט,—אָבער ווער וועט אימ...—ער האָט ניט פארענדיקט די פראזע, וואָס איז פאר ארטיאָמענ געווענ פארשטענדלעכ.

ארטיאָמ האָט זיכ א קער געטאָנ צומ אלטנ, וואָס האָט זיכ געייסעקט ארומ רעגוליאטער, אונ האָט א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ, געבנדיק צו פארשטיינ, אז ברוזשאק איז אויכ אייַנשטימיק מיט זייער מיינונג, נאָר דערבייַ, געפייַניקט פונ דער ניט־געלייזטער פראגע, האָט ער זיכ צוגערוקט נעענטער צו פאָלענטאָווסקינ.

— אָבער ווי וועלנ מיר דאָס טאָנ?

יענער האָט א קוק געטאָנ אפ ארטיאָמענ.

— דו הייב אָנ, דו ביסט דער געזינטסטער. מיט א לאָמ וועלנ מיר אימ דערלאנגענ איינ מאָל—אונ פארטיק.—דער אלטער איז געווענ שטארק אומרויִק.

ארטיאָמ האָט זיכ אָנגעכמורעט:

— בא מיר וועט זיכ עס ניט באקומענ. עפעס הייבנ זיכ ניט די הענט. דער סאָלדאט איז דאָכ, אייגנטלעכ גערעדט, ניט שולדיק. אימ האָט מענ אויכ געטריבנ מיטנ באגנעט.

פאָלענטאָווסקי האָט א פינקל געטאָנ מיט די אויגנ.

— ניט שולדיק זאָגסטו? אָבער מיר זייַנענ דאָכ אויכ ניט שולדיק, וואָס מע האָט אונדז, אהער פאריאָגט. מיר פירנ דאָכ א שטראָפ־אָטריאד. די דאָזיקע אומשולדיקע וועלנ צעשיסנ פארטיזאנער, אונ יענע, וואָס זייַנענ זיי שולדיק?.. עכ, דו, שלימאזל איינער. געזונט ווי א בער, וואָס־זשע איז אָבער די פולע פונ דיר?..

— רעכט,—האָט ארטיאָמ ארויסגערעדט מיט א כריפּ, נעמענדיק דעמ לאָמ, נאָר פאָלענטאָווסקי האָט א שעפטשע געטאָנ:

— איך וועל נעמען, באַ מיר איז עס זיכערער. דו נעם דאָס רידל און קריך ארויף אפן טענדער אראָפּוואַרפן קוילן. אויב עס וועט זײַן נייטיק, וועסטו דערלאַנגען דעם דײַטש מיטן רידל, און איך וועל קלוימערשט גיין פאַנאַנדער־שאַרן די קוילן.

ברוזשאַק, וואָס האָט געהערט פּאַלענטאָווסקיס רייד, האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— ריכטיק, אַלטער.—און ער האָט זיך געשטעלט באַם רעגוליאַטער.

דער דײַטש, אין א געוועזענעם היטל אָן א דאַשעק מיט א רויטע אָקאָ־לישקע, איז געזעסן אפן ברעג פונעם טענדער, די ביקס—צווישן די פיס, און האָט געראויכערט א ציגאַר, זעלטן וואַרפנדיק א בליק אף די אַרבעטער, וואָס האָבן זיך געצייסעקט אפן לאָקאָמאָטיוו.

ווען אַרטיאָם איז ארויפגעקראָכן אינדערהויך שאַרן די קוילן, האָט דער דײַטש אף דעם ניט געלייגט קיין באַזונדער אכט. נאָכדעם, ווען פּאַלענטאָווסקי האָט אים מיט א צייכן געבעטן זיך אָפּרוקן, קלוימערשט צוליב דעם, וואָס ער האָט באַדאַרפט אָפּשאַרן די גרויסע שטיקער קוילן פון ברעג טענדער, האָט דער דײַטש זיך אָפּגערוקט צום טירל, וואָס פירט אין בײַדל פון לאָקאָ־מאָטיוו.

דער דומפּער, קורצער זעץ פון לאָם, וואָס האָט דורכגעבראָכן דעם דײַטשס שאַרבן, האָט דערשיטערט אַרטיאָמען און ברוזשאַקן. דעם סאָלדאַטס קערפּער איז ווי א זאַק אַראָפּגעפאַלן אין דורכגאַנג.

דאָס גרויע געוועזענע היטל האָט זיך שנעל באַגאָסן מיט בלוט. עס האָט א קנאַק געטאָן די ביקס, וועלכע האָט זיך אָפּגעקלאַפּט אָן דעם אײַזערנעם קאַנט.

— פאַרטיק,—האָט א שעפּטשע געטאָן פּאַלענטאָווסקי, אוועקוואַרפנדיק דעם לאָם, און ער האָט צוגעגעבן ווי אין פיבער:—איצט בלײַבט שוין פאַר אונדז ניט קיינשום וועג צוריק.

זײַן שטים האָט זיך איבערגעריסן. אָבער, באַהערשנדיק די שווײַגעניש, וואָס האָט אף אַלעמען געדריקט; איז זי באַלד איבערגעגאַנגען אין א געשריי:

— שרויף אַרויס דעם רעגוליאַטער, גיכער!—האָט ער אויסגעשריִען.

אין א מינוט צען אַרום איז אַלץ געווען פאַרטיק. דער לאָקאָמאָטיוו, אָן אַן אָנפירונג, האָט לאַנגזאַם פאַרטאָרמאָזירט זײַן גאַנג.

שווער באַוועגט זײַנען אינעם פײַערדיקן קרײַז פונעם לאָקאָמאָטיוו אַרײַנ־געטראָטן די טונקעלע בײַוועגיקע סילועטן פון דיביימער און באַלד ווידער געפאַלן אין דער געדיכטער פינצטערניש. די אויגן פונעם לאָקאָמאָטיוו, שטרעבנ־דיק דורכצובויערן די פינצטערניש, האָבן זיך אָנגעשטויסן אף איר געדיכטער נעץ און האָבן באַ דער נאַכט אויסגעקעמפט בלויז א צענדליק מעטער.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט, ווי פאַרלירנדיק די לעצטע קויכעס, געאָטעמט אַלץ לאַנגזאַמער און לאַנגזאַמער.

— שפרינג, זונעלע! — האָט ארטיאָם דערהערט הינטער זיך פּאָלענטאָוסקיס שטים. ער האָט באַפרייט די האַנט, מיט וועלכער ער האָט זיך געהאַלטן אָן פאַרענטש. דער מעכטיקער קערפּער איז מיט דעם קויעך פון אינערציע אַוועק־געפלויגן פאָרויס, און די פיס האָבן זיך פעסט אָנגעשטויסן אָן דער ערד, וואָס האָט זיך פון אונטער זיי ארויסגעריסן. דורכגעלאָפן צוויי טריט, איז ארטיאָם געפאַלן און זיך שווער איבערגעקוליעט איבערן קאָפּ.

פוןביידע טרעפלעך פונעם לאָקאָמאָטיוו זײַנען פאַראַמאָל אראָפּגעשפּרונ־גען נאָך צוויי שאָטנס.

*

בא די ברוזשאַקס אינדערהיים איז געווען ניט פריילעך. אַנטאָנינע וואַ־סיליעוונע, סעריאָזשקעס מאַמע, האָט זיך פאַר די לעצטע טעג גאָר ארויסגע־שלאָגן פון די קוילעס. פונעם מאַן זײַנען קיין ידיעות ניט געווען. זי האָט געוווּסט, אַז די דײַטשן האָבן אים צוזאַמען מיט פּאָלענטאָווסקין און קאָרטשאַגי־נען גענומען אין אַ באַן־בריגאַדע. נעכטן זײַנען געקומען דרײַען פון דער העטמאַנישער וואַך און האָבן גראָב, מיט אַ זידלערײַ, אויסגעפרעגט זי וועגן דעם מאַן.

פון די דאָזיקע רייד האָט זי זיך נעפלהאַפט אָנגעשטויסן, אַז עס איז געשען עפּעס אַן אומגליק, און ווען די וואַך איז אַוועק, האָט די פרוי, לײַדנדיק פון שווערער אומבאַוווּסטקײַט, פאַרבונדן דאָס טיכל און זיך גענו־מען קלײַבן גיין צו מאַריע יאַקאָווליעוונע, האָפנדיק דערוויסן זיך בא איר וועגן דעם מאַן.

די עלטערע טאָכטער וואַליע, וועלכע האָט געראַמט אין קיך, זעענדיק, אַז די מאַמע גייט אַוועק, האָט געפרעגט:

— גייסט ווײַט, מאַמע?

אַנטאָנינע וואַסיליעוונע האָט אַ קוק געטאָן אויף דער טאָכטער און געענט־פערט מיט פולע אויגן טרערן:

— כ'וועל גיין צו די קאָרטשאַגינס. עפשער וועל איך זיך בא זיי עפּעס דערוויסן וועגן דעם טאַטן. אויב סעריאָזשקע וועט קומען, טאָ זאָג אים, זאָל ער צוגיין אויף דער סטאַנציע צו די פּאָלענטאָווסקיס.

די טאָכטער האָט ווארעם ארומגענומען די מאַמע פאַר די אַקסלען און זי באַרויקט, באַגלייטנדיק צו דער טיר:

— דו זײַ ניט אַזוי צעטראָגן, מאַמע.

מאַריע יאַקאָווליעוונע האָט באַגעגנט די פרוי ברוזשאַק, ווי שטענדיק, פרײַנטלעך. ביידע פרויען האָבן געהאָפט דערהערן אייגע פון די אַנדערע עפּעס נײַעס, אָבער באַלד נאָך די ערשטע ווערטער איז די דאָזיקע האָפענונג פאַרשוווּנדן.

בא די קאָרטשאַגינס איז באַנאַכט אויך פאָרגעקומען אַן אונטערזוכונג. מע האָט געזוכט ארטיאָמען. אַוועקגייענדיק, האָט מען פאַרזאָגט מאַריע

יאקאָווליעוונענ, אז ווי נאָר דער זונ וועט זיכ אומקערנ, זאָל זי באלד אָנזאָגנ אינ קאָמענדאנטור.

קאָרטשאגינע איז געווענ שרעקלעכ איבערגעשראָקנ פונ דעמ באנאכטיקנ באזוכ פונעמ פאטרול. זי איז געווענ אליינ, פאווקע האָט, ווי שטענדיק, געארבעט באנאכט אפ דער עלעקטרעסטאנציע.

פאווקע איז געקומענ גאנצפרי. אויסגעהערט דער מאמעס דערציילונג וועגנ דער באנאכטיקער אונטערזוכונג און וועגנ דעמ, אז מע זוכט ארטיאָמענ, האָט ער דערפילט, אז זיינ גאנצער וועזנ גיסט זיכ אָנ מיט א דריקנדיקנ אומרו פארנ גורל פונעמ ברודער. ניט געקוקט אפ דעמ אונטערשייד פונ די כאראקטערס און אפ דער אויסערלעכער שטרענגקייט ארטיאָמס, האָבנ די ברידער שטארק ליב געהאט איינע די אנדערע. דאָס איז געווענ א הארבע ליבע, א טיפ פארבאָרגענע, אָנ דערקלערונגענ, און פאוועל האָט קלאָר באגריפנ, אז ס'איז ניטאָ יענער קאָרבנ, וועלכנ ער זאָל ניט אימשטאנד זיינ צו ברענגענ פארנ ברודער אָנ וואקלונגענ, אויב עס וועט נאָר נייטיק זיינ.

ניט אָפגערוט, איז ער אוועקגעלאָפנ אפ דער סטאנציע אינ דעפאָ אופזוכנ זשוכרייענ, נאָר ער האָט אימ ניט געפונענ. פונ די באקאנטע ארבעטער האָט ער זיכ גאָרניש ניט געקענט דערוויסנ וועגנ עמעצנ פונ די, וואָס זיינענ אוועקגעפאָרנ מיטנ צוג. עס האָט אויכ גאָרניש ניט געוווסט די געזינד פונ דעמ מאשיניסט פאָלענטאָווסקי. פאווקע האָט אינ הויפ באגעגנט באָריסנ, פאָלענטאָווסקיס יינגסטנ זונ. פונ אימ האָט ער זיכ דערוווסט, אז באנאכט איז אויכ בא די פאָלענטאָווסקיס געווענ אנ אונטערזוכונג, מע האָט געזוכט דעמ טאטנ.

אזוי איז פאווקע געקומענ מיט גאָרניש צו דער מאמענ, זיכ מיד א וואָרפ געטאָנ אינ בעט אריינ און באלד איינגעזונקענ אינ אנ אומרויקנ שלאָפ.

*

וואליע האָט זיכ אומגעקוקט אפנ קלאפ אינ טיר.

— ווער איז דאָרטנ?—האָט זי געפרעגט און אראָפגענומענ דאָס קייטל פונ טיר.

אינ דער אָפענער טיר האָט זיכ באוויזנ מארטשענקאָס צעפאטלטער געלער קאָפ. קלימקע איז, ווייזט אויס, גיכ געלאָפנ, אימ האָט פארכאפט דער אָטעמ, און ער איז רויט געוואָרנ פונ געלאפ.

— די מאמע איז אינדערהיימ?—האָט ער געפרעגט וואליענ.

— ניינ, אוועק.

— וווהינ איז זי אוועק?

— דאכט זיכ, צו די קאָרטשאגינס.—וואליע האָט קלימקענ, וואָס האָט זיכ שוינ געקליבנ אנטלויפנ, אָנגעכאפט פארנ ארבל.

יענער האָט ניט אנטשלאָסנ א קוק געטאָנ אפנ מיידל.

— גלאַט אזוי, פארשטייסט, איכ האָב צו איר אנ איניען.

— וואָס פאר אנ איניען?—האָט וואליע גענומענ אונטעריאָגנ דעמ יאט.—נו, רייד שוינ גיכער, געלער בער דו אייגער, רייד שוינ, ווי ער ציט עס די נעשאָמע,—האָט מיט א באפעלערישנ טאָנ קאָמאנדעוועט דאָס מיידל.

קלימקע האָט פארגעסנ אלע פּאָרזיכט-מיטלענ, זשוכרייס קאטעגאָרישנ באפעל איבערצוגעבנ דאָס צעטעלע בלויז אנטאָנינע וואסיליעוונעס פערזענלעכ, האָט ארויסגעשלעפּט פונ קעשענע א שמוציק שטיקל פּאפּיר אונ דערלאַנגט עס דער מיידל. ער האָט ניט געקאָנט אָפּזאָגנ דער דאָזיקער בלאָנדער שוועסטער סעריאָזשקעס, ווייל ער, דער געלינקער קלימקע, איז געווענ ניט נאָר גלייכגילטיק צו דער דאָזיקער ווילדער מיידל. עמעס, דאָס באשיידענע קינ-יינגל וואָלט פאר קיינ פאל זיכ ניט מודע געווענ אפילע פאר זיכ אליינ, אז אימ געפעלט סעריאָזשקעס שוועסטער. ער האָט איר אָפּגעגעבנ דאָס פּאַפּירל, וועלכע יענע האָט אפגיכ דורכגעלייענט.

„טייערע טאָניע! באומרויק זיכ ניט. אלצ איז גוט. מיר לעבנ אונ זיינענ געזונט. אינגיכנ וועסטו זיכ דערוויסנ מערער. גיב איבער די אנדערע, אז אלצ איז אינ אָרדענונג. מע זאָל זיכ ניט באומרויקנ. דאָס צעטעלע פארניכט. זאַכאַר".

איבערגעלייענט דאָס צעטעלע, האָט זיכ וואליע א וואָרפ געטאָנ צו קלימקענ.

— געלער בער, ליבינקער מיינער, ווו האָסטו עס באקומענ? זאָג, ווו האָסטו עס באקומענ, דו אומגעלומפּערט בערעלע?—אונ זי האָט מיט אלע קויכעס געמינטערט דעמ פארלאָרענעמ קלימקענ. אונ ער האָט זיכ אפילע ניט ארומגעזענ, ווי ער האָט געמאכט דעמ צווייטנ גריינ.

— דאָס האָט מיר זשוכריי אפ דער סטאנציע איבערגעגעבנ.—ער האָט זיכ אָבער דערמאָנט, אז דאָס האָט מענ ניט געטאָרט זאָגנ, אונ האָט צוגעגעבנ:

— אָבער ער האָט געזאָגט, קיינעמ ניט באווייזנ.

— נו, גוט, גוט!—האָט זיט וואליע צעלאכט.—איכ וועל קיינעמ ניט זאָגנ. נו, לויפ, געלינקער, צו פאווקענ, דאָרטנ וועסטו אויכ טרעפנ די מאמע.—זי האָט לייכט אונטערגעשטופּט דעמ קינ-יינגל אינ פּלייצע.

אינ איינ אויגנבליק איז קלימקעס געלער קאָפּ פארשוווּנדנ הינטערנ פערטל.

*

קיינער פונ די דריי האָט זיכ אהיימ ניט אומגעקערט. אינאָווגט איז זשוכריי געקומענ צו די קאָרטשאגינס אונ דערציילט מאריע יאקאָווליעוונען וועגנ אלצ, וואָס עס האָט פּאסירט אפנ לאָקאָמאָטיוו. ער האָט באַרויִקט, ווי נאָר ער האָט געקאָנט, די דערשראָקענע פרוי אונ דערציילט, אז אלע דריי האָבנ זיכ איינגעאָרדנט ווייט אינ א פארוואָרפענעמ דאָרפ, בא ברוזשאקס א פעטער, אז זיי זיינענ דאָרט אויסער יעטווידער געפאר. נאָר אומקערנ זיכ אהיימ

קענען זיי איצט, פאַרשטייט זיך, בעשומופּנ ניט, אָבער אז די דײַטשן האַלטן שמאָל און מע קען זיך ריכטן אין דער נאָענטסטער צײַט אַפּ ענדערונגען.

די דאָזיקע געשעענישן האָבן נאָכמער באַפרײַנדעט די געזינדן פון די, וואָס זײַנען אוועקגעפאָרן מיטן צוג. מיט גרויס פרייד האָט מען געלייענט די צעטע־לעך, וואָס די געזינדן פלעגן זעלטן באַקומען, נאָר אין די הײַזער איז געוואָרן פּוסטער און שטילער.

איינמאָל איז עפּעס זשוכרײַ ווי צופעליק אַרײַן צו דער אַלטער פּאָלענטאָוו־סקע און האָט איר איבערגעגעבן צוויי קערענקעס.

— אָט האָט איר, מאַמעשי, שטיצע פונעם מאַנ. אָבער זעט נאָר, מאַמעשי, קיי־נעם קיין אײַנ וואָרט ניט.

די אַלטע האָט אים מיט דאַנק געדריקט די האַנט.

— א דאַנק. א גרויסן דאַנק. עס איז שוין געווען גאָר ביטער, ניט גע־ווען וואָס צו געבן עסן די קינדער.

דאָס איז געווען פון דעם געלט, וואָס עס האָט איבערגעלאָזן בולגאַקאָוו. „נו, נו, מיר וועלן זען, וואָס עס וועט זײַן ווײַטער. דער שטרײַק איז אַפילע אַראָפּגעריסן געוואָרן, כאָטש אונטער דער דראָונג פון שיסן אַרבעטן די אַרבעטער, אָבער דער פײַער האָט זיך אָנגעצונדן, וועסט אים שוין ניט פאַרלעשן, און יענע דרײַען זײַנען ווילדע יונגען. אָט דאָס זײַנען פּראָלעטאַריער", האָט מיט אַנציקונג געטראַכט דער מאַטראָס, גייענדיק פון די פּאָלענטאָוו־סקיס אין דעפּאָ אַרײַנ.

*

אין דער אַלטינקער כאָרעווער קוזניע, וואָס איז געשטאַנען אין עק דאָרף וואָראָביאָווע באַלקע, אויסגעדרייט מיט איר פּאַרויכערטער וואַנט צום שליאַך, איז געשטאַנען פּאָלענטאָווסקי באַם פּלאַמיקן שלונג פון האָרן און, זשמורענדיק זיך פון העלער שײַן, האָט ער געדרייט מיט א לאַנגן צוואַנג א רויט־צע־גליטן שטיק אײַזן.

אַרטיאָם האָט געצויגן פּאַרן אונטערגעהאַנגענעם הייבשטאַנג, וואָס האָט צעבלאָזן די לעדערנע זעק.

גוטמוטיק שמייכלענדיק זיך אין באָרד אַרײַנ, האָט דער מאַשיניסט גע־רעדט:

— א באַלמעלאָכע וועט איצט אין דאָרף ניט פּאַרפאַלן ווערן, אַרבעט וועט זיך געפינען וויפל דאָס האַרץ גלוסט. כ׳וועל אַן אַרבעט טאָן א וואָכ־צוויי, און גאַנץ מעגלעך, אַז מע וועט קענען א שטיקל כאַזער און מעל צו־שיקן אַהיים. באַם פּויערל, זונעלע, איז א שמיד שטענדיק א בעקאָוועדיקער מענטש. מיר וועלן זיך דאָ אָפּקאָרמענען, ווי די בורזשויען, כע־כע, זאַכאַר ווידער איז זיך א באַזונדערער איניען, ער האַלט זיך מער אָן דער פּויערישקײַט, גענומען זיך אַקערן די ערד צוזאַמען מיט זײַנ פּעטער. וואָס־זשע, דאָס איז גאַנץ

קלאָר. באַ מיר מיט דיר, אַרטיאָם, איז טאַקע ניטאָ גאָרנישט באַ דער געשאַמע, אייביקע פּראָלעטאַריער, ווי מע זאָגט עס, כע־כע. און זאַכאַר האָט זיך אָפּ דער העלפט צעטיילט, איינס פוס אָפּגעלאָזט. אין דאָרף.—ער האָט אָנגענומען מיטן צוואַנג דעם צעגליטן שטיק אייזן און צוגעגעבן שוין ערנסט, פאַרטראַכטערהייט:—אונדזער זאַך איז גאָרניט פויגל־דיק, זונעלע. אויב מע וועט די דייטשן אינגיכן ניט געבן די פור, וועט אונדז אויסקומען א וואָרפּ טאָן זיך קיין יעקאַטערינאָסלאַוו אָדער אין ראָסטאָוו, אַניט וועט מען א נעם טאָן פאַרן העלדזל און מע וועט, ווי טאָג איז קלאָר, אופהענגען צווישן הימל און ערד.

— יע,—האָט אַרויסגעבורטשעט אַרטיאָם.

— וואָס מאַכן עפּעס דאָרטן אונדזערע. צי טשעפּען זיך ניט צו זיי די הייַדאַמאַקעס?

— יע, מאַטעשי, פאַרקאָכט א קאַשע. איצט איז כאָטש זאָג זיך אָפּ פון דער היים.

דער מאַשיניסט האָט אַרויסגעכאַפּט פון האָרן א בלוילעכן הייסן שטיק און שנעל אוועקגעלייגט אים אַפּ דער קאָוואַדלע.

— נו, זונעלע, דערלאַנג!

אַרטיאָם האָט א כאַפּ געטאָן דעם שווערן האַמער, וואָס איז געשטאַנען באַ דער קאָוואַדלע, פאַרהויבן אים מיט קויעך איבערן קאָפּ און געגעבן א זעץ. א גאַרב העלע פונקען האָט זיך מיט א לייַכטן שורשענדיקן קנאַק צעשפּריצט איבער דער קוזניע, באַלויכטנדיק אַפּ א ווײַלע אירע פינצטערע ווינק־לעך.

פּאָלענטאָווסקי האָט געקערט דעם צעגליטן שטיק אונטער די מעכטיקע קלעפּ פון האַמער, און דאָס אײַזן האָט זיך געהאָרכזאַם געלאָזט ציִען, ווי ווייכער וואַקס.

אין דעם צעעפנטן טויער פון קוזניע האָט מיט א מילדן ווינט אַרײַנגע־אָטעמט די טונקעלע נאַכט.

*

די אָזערע אונטן—א פינצטערע, א גרויסע; די סאָסנעס, וואָס האָבן זי אַרומגעקלאַמערט פון אַלע זײַטן, שאָקלען מיט די מעכטיקע קעפּ.

„ווי לעבעדיקע", טראַכט טאָניע. זי ליגט אין א באַגראָזטן טאָלעכל אַפּן גראַניט־ברעג. הויך, אויבן, איז דער וואַלד, און אונטן—האַרט באַם צופוסן פון אָפּריס—די אָזערע. דער שאָטן פון די אַרומיקע פעלזן מאַכט די ברעגן פון דער אָזערע נאָך טונקעלער.

דאָס איז טאָניעס באַליבט ווינקעלע. דאָ, א ווערסט ווײַט פון דער סטאַנציע, אין די אַלטע שטיינ־העקערײַען, אין די טיפע פאַרוואָרפענע גרי־בער, האָבן אַרויסגעשפּרודלט קוואַלן, און איצט האָבן זיך אויסגעבילדעט

דרײַ דורכפּלוסיקע אַזערעס. אונטנ, באַם צוגאנג צו דער אָזערע, הערט זיכ א פּלעסקענ. טאָניע הייבט אופּ דעמ קאָפּ אונ, צעגעמענדיק מיט די הענט די צווײַגנ, קוקט זי אראָפּ: פונ ברעג צומ מיטנ אָזערע שווימט א שטארק פארברוינטער, עלאסטישער קערפּער. טאָניע זעט דעמ טונקעלנ רוקנ אונ דעמ שווארצנ קאָפּ פונ דעמ שווימער. ער פּאָרשקעט, ווי א יאמ־פערד, צעשנײַדט דאָס וואסער מיט קורצע קלאַפּטער, קערט זיכ איבער, קוליעט זיכ, טוקט זיכ אונ, ענדלעכ, ווערנדיק מיד, לייגט ער זיכ אוועק אפנ רוקנ, פארזשמורענדיק די אויגנ פונ דער העלער זונ, בלײַבט פארגליווערט, צעשפּרייטנדיק די הענט אונ עטוואָס אויסבייגנדיק זיכ.

טאָניע האָט אָפּגעלאָזנ דאָס צווײַגל. „דאָס איז דאָכ ניט שיינ“, האָט זי א טראַכט געטאָנ אונ גענומענ לייענענ.

פארכאפּט פונעמ בוכ, וואָס לעשטשינסקי האָט איר געגעבנ, האָט טאָניע ניט באמערקט, ווי עמעצער איז איבערגעקראָכנ איבער דער גראניטער פעלזנ־וואנט, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעמ פּלאַצ, אפּ וועלכנ זי איז געזעסנ, פונ דעמ וואלד. אונ בלויז ווענ אפּ איר בוכ איז אראָפּגעפאלנ א שטיינדל פונ אונטערנ פוס פונ דעמ, וואָס איז אהער אריבערגעקראַכנ, האָט זי אופגעהויבנ דעמ קאָפּ אונ דערזענ פאווקע קאָרטשאגינענ, וואָס איז געשטאנענ אפנ פּלאַצ. ער איז געשטאנענ א פארוווּנדערטער פונ דער פּלוצלינגדיקער באגעגעניש, אונ אויכ צעטומלט האָט ער זיכ געקליבנ אוועקגיינ.

„דאָס האָט ער זיכ עס איצט געבאָדנ“, האָט זיכ טאָניע אָנגעשטויסנ, ווארפנדיק א בליק אפּ פאווקעס נאסע האָר.

— וואָס, כ'האָב אײַכ איבערגעשראָקנ? כ'האָב ניט געוווּסט, אז איר זײַט דאָ, אזוי, אז איכ בינ דאָ ארײַנגעפאלנ צופעליק.—אונ פאווקע האָט זיכ אָנגענומענ מיט דער האנט פארנ פעלז־וואנט. ער האָט אויכ דערקאָנט טאָניענ.

— איר שטערט מיר ניט. אויב איר ווילט, קענענ מיר אפילע ריידנ וועגנ עפּעס וואָס.

פאווקע האָט מיט פארוווּנדערונג א קוק געטאָנ אפּ טאָניענ.

— וועגנ וואָס וועלנ מיר מיט אײַכ ריידנ?

טאָניע האָט א שמייכל געטאָנ.

— נו, וואָס־זשע שטייט איר? איר קאָנט זיכ זעצנ אָט־אָ־דאָ.—אונ זי האָט אָנגעוויזנ אפּ א שטיינ.—זאָגט, ווי רופט מענ אײַכ?

— פאווקע קאָרטשאגינ.

— אונ מיכ רופט מענ טאָניע. אָט האָבנ מיר זיכ שוינ באקאנט.

פאווקע האָט אינ פארלעגנהײַט געקנייטשט דאָס היטל.

— רופט מענ אײַכ פאווקע?—האָט טאָניע איבערגעריסנ דאָס שווײַגנ.—פארוואָס פאווקע? דאָס קלינגט ניט פײַנ, בעסער פאוועל. איכ וועל אײַכ אזוי רופנ. אונ איר קומט אהער אָפט... זי האָט געוואָלט זאָגנ: באָד

זיך, נאָר ניט וועלנדיק דערציילן, אַז זי האָט אים געזען אַ הוילן אין וואַ־סער, האָט זי צוגעגעבן:—שפּאַצירן?

— ניין, ניט אַפּט. ווען עס איז דאָ פרייע צייט.—האָט פּאַוועל געענט־פערט.

— איר אַרבעט ערגעץ?—איז טאַניע געווען נייגעריק צו וויסן.

— אַלס הייצער אַף דער עלעקטרעסטאַנציע.

— זאָגט, ווו האָט איר זיך אויסגעלערנט אַזוי קונציק שלאָגן זיך?—האָט טאַניע פּלוצלינג געשטעלט אים אַן אומדערוואַרטע פראַגע.

— וואָס גייט אייך אָן מיין שלאָגן זיך?—האָט פּאַוועל אומצופרידן אַ בורטשע געטאָן.

— זייט ניט אײנקאַעס, קאַרטשאַגין,— האָט זי אַרויסגעזאָגט, פילנדיק, אַז פּאַווקע איז ניט צופרידן פון איר פראַגע.—מיך אינטערעסירט דאָס זייער. דאָס איז געווען דער עמעסער קלאַפּ! מע טאָר ניט שלאָגן אַזוי אומבעראַכ־מאָנעסדיק.—און זי האָט זיך צעלאַכט.

— און איר וואָס? איר האָט געזשאַלעוועט?—האָט פּאַוועל געפרעגט.

— ניין, אַבסאָליוט ניט געזשאַלעוועט. פאַרקערט, סוכאַרקאָ האָט באַקו־מען, וואָס ער האָט פאַרדינט. און מיר האָט די דאָזיקע סצענע פאַרשאַפט אַסאַך פאַרגעניגן. מע זאָגט, אַז איר שלאָגט זיך אָפּט.

— ווער זאָגט?—האָט פּאַוועל אָנגעשפּיצט די אויערן.

— אָט וויקטאָר לעשטשינסקי זאָגט, אַז איר זייט אַ פּראָפעסיאָנעלער שלעגער.

פּאַוועלן איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן.

— וויקטאָר איז אַן אויסוואורף, אַ פּוסטעפּאַסניק. זאָל ער זאָגן אַ דאַנק, וואָס ער האָט דעמלט אויך ניט באַקומען. איך האָב געהערט, ווי ער האָט וועגן מיר גערעדט. אָבער עס האָט זיך ניט געוואָלט פּאַטשקען די הענט.

— פאַרוואָס זידלט איר זיך אַזוי, פּאַוועל? דאָס איז ניט שיין,—האָט אים איבערגעשלאָגן טאַניע.

פּאַוועל האָט זיך אָנגעבלאָזן.

„צו וואָס פאַר אַ טייוול האָב איך זיך צערעדט מיט אָט דער דאָזיקער פריילן. זע נאָר, ווי זי קאָמאַנדעוועט: דאָס געפעלט איר ניט „פּאַווקע", דאָס „זידלט זיך ניט",—האָט ער געטראַכט.

— פאַרוואָס זייט איר אײנקאַעס אַף לעשטשינסקין? — האָט טאַניע גע־פרעגט.

—אַ פריילן אין הויזן. אַ פריציש זינדל, די נעשאָמע פון אים! באַ מיר שמאַרצן די הענט אַף אַזעלכע: ער וויל אַלץ אַף די פינגער אָנטרעטן. ווייל ער איז רייך, מעג ער אַלץ, און איך שפּיי אַף זיין רייכקייט. זאָל ער נאָר ווען־ניט־איז אַ ריר טאָן, וועט ער באַלד באַקומען דעם עמעסן ביי־לעק. אַזאַ דאַרף מען לערנען נאָר מיטן פויסט,—האָט ער גערעדט אויפגערעגט.

טאָניע האָט באַדויערט, וואָס זי האָט אין געשפּרעך אָנגערירט לע־שטשינסקין. דער דאָזיקער יאָט האָט, ווי עס ווייַזט אויס, געהאַט אַלטע כעזשבוינעס מיטן אויסגעצערטלטן גימנאַזיסט, און זי האָט איבערגעפירט דעם געשפּרעך אויף אַ מער רויִקער טעמע: זי האָט אָנגעהויבן אויספרעגן פּאַוולען וועגן זייַן געזינט און וועגן דער אַרבעט.

אומבאַמערקט פאַר זיך האָט פּאַוועל אָנגעהויבן ענטפערן גענוי אויף דעם מיידלס פראַגן, פאַרגעסנדיק אָן זייַן פאַרלאַנג אַוועקצוגיין.

—זאָגט, פאַרוואָס האָט איר זיך ניט געלערנט וויַיטער?—האָט טאָניע גע־פרעגט.

—מע האָט מיך פון שול אַרויסגעיאָגט.

—פאַרוואָס?

פּאַווקע איז רויט געוואָרן.

— איך האָב דעם פּאָפּ אַרייַנגעשאָטן מאַכאָרקע אין טייג אַרייַן. נו, האָט מען מיר געגעבן די פּור. אַ שלעכטער איז ער געווען, דער פּאָפּ, מע האָט פון אים מאַמעש ניט געקענט לעבן.—און פּאַוועל האָט איר וועגן אַלץ דערציילט.

טאָניע האָט געהערט מיט נייַגעריקייַט. ער האָט פאַרגעסן אָן זייַן פאַרלעגנהייַט, דערציילט איר, ווי אַן אַלטן באַקאַנטן, וועגן דעם, אַז דער ברודער האָט זיך ניט אומגעקערט פון דער ריַיזע מיטן צוג. זיי האָבן אַפילו ניט באַמערקט, ווי זיי זייַנען אין אַ פריַינטלעכן, לעבעדיקן שמועס אָפּגעזעסן אויפן פעלד עטלעכע שעה. ענדלעך האָט זיך פּאַווקע געכאַפּט און איז אויפגעשפּרונגען.

— מיר איז דאָך שוין צייַט אויף דער אַרבעט. אָט פאַרפלאַפּלט זיך, איך דאַרף דאָך נאָך די קעסלען הייצן. אָט וועט עס דאַנילע מאַכן אַ טומל.— און ער האָט אומרויִק געגומען ריידן:—נו, זייַט געזונט, פריַילן. איצט דאַרף איך העגדום-פּענדום יאָגן אין שטאָט אַריַין.

טאָניע האָט זיך פלינק אויפגעהויבן און אָנגעטאָן דעם זשאַקעט.

— איך דאַרף שוין אויך גיין. קומט צוזאַמען.

— נו, ניין, איך לויף, דאָ זייַט איר מיר קיין פּאָר ניט.

— פאַרוואָס? לאָמיר זיך פּרווון איבעריאָגן איינער דעם אַנדערן: מירן זען, ווער וועט גיכער.

פּאַווקע האָט פון אויבן-אַראָפּ אַ קוק געטאָן אויף איר:

— איבעריאָגן? ווי קומט איר צו מיר!

— נו, מירן זען. לאָמיר פריִער פונדאַנען אַרויס.

פּאַוועל איז איבערגעשפּרונגען איבערן שטיין, דערלאַנגט טאָניען אַ האַנט, און זיי זייַנען אַרויסגעלאָפן אין וואַלד אויפן ברייטן גלייַכן אויסגעהאַקטן וועג, וואָס האָט געפירט צו דער סטאַנציע.

טאָניע האָט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן וועג.

— נו, איצט לאָמיר לויפן: איינס, צוויי, דריַי. כאַפּט!—און זי האָט זיך אַ ריס געטאָן, ווי אַ שטורעם, פאָרויס.

גיך־גיך האָבן א שווינדל געטאָן די פּאָדעשוועס פון אירע שיך, דער בלוי־ער זשאקעט האָט זיך צעפלאטערט פונעם ווינט.

פּאוועל האָט זיך א יאָג געטאָן נאָך איר.

„איינס־און־צוויי דעריאָג איך זי“, האָט ער געטראכט, לויפנדיק נאָכן שי־מערירנדיקן זשאקעט. אָבער דעריאָגט האָט ער זי ערשט באַם סאָפ פונעם אויסגעהאקטן וואלד־פּאס, ניט ווײַט פון דער סטאנציע. ער איז מיט אימפּעט אָנגעלאָפן און פעסט אָנגעכאפּט זי פאר די אקסלען.

— פּאראַן! געכאפּט, פייגעלע!—האָט ער זיך צעשריִען פריילעך, אָפּכאפּנ־דיק דעם אָטעם.

— לאָזט אָפּ, ס'טוט וויי,—האָט זיך טאָניע פּארטיידיקט.

זיי זײַנען געשטאנען ביידע מיט א פארכאפּטן אָטעם, מיט קלאפּנדיקע הערצער, און טאָניע, אָן אָנמעכטיקע פונעם מעשוגענעם געלאָף, האָט זיך געטוואָס, ווי צופעליק, צוגעדריקט צו פּאוועלן, און דערפון איז זי אים גע־ווארן נאָענט. דאָס האָט געדויערט איין אויגנבליק, אָבער ס'האָט זיך פאר־געדענקט.

— מיך האָט קיינער ניט געקענט דעריאָגן,—האָט זי געזאָגט, זיך באַ־פרײַענדיק פון זײַנע הענט.

זיי האָבן זיך באלד צעשיידט. פּאוועל האָט א מאך געטאָן באַם געזע־גענען זיך מיטן היטל און איז אוועקגעלאָפן אין שטאָט.

ווען פּאוועל האָט געעפנט די טיר אין קאָטשעהארקע, האָט זיך דאנילע, וואָס האָט זיך שוין געייסעקט ארום אויוון, בייז אומגעקוקט:

— וואָלסט שוין געקומען נאָך שפּעטער, איך וועל פאר דיר אײַנהייצן צי וואָס?

אָבער פּאווקע האָט פריילעך א פּאטש געטאָן דעם הייצער איבערן פּליי־צע און פרידלעך געזאָגט:

— איין רעגע, זיידע, און ס'וועט ווערן אונטערגעהייצט.—ער האָט זיך א נעם געטאָן צו די האָלץ, וואָס איז געווען אופגעלייגט אין שטאבעלן.

צו האלבנאכט, ווען דאנילע האָט, ליגנדיק אפ האָלץ, זיך צעכראָפּעט ווי א פערד, האָט פּאוועל, ארומנישטערנדיק מיטן אייל־קענדל אומעטום איבערן באוועגער, אָפּגעווישט מיט פּאקליע די הענט, ארויסגעשלעפּט פון קעסטל די צוויי־און־זעכציקסטע פּאָרזעצונג פון „דזשוזעפּע גאריבאלדי“ און זיך פאר־טיפט אין לייענען דעם פארכאפּנדיקן ראָמאן וועגן די אומענדלעכע פּאסי־רונגען פון גאריבאלדין, דעם לעגענדארן פירער פון די נעאפּאָליטאנישע „רויטהעמדלדיקע“.

„זי האָט א קוק געטאָן אפן הערצאָג מיט אירע שיינע בלויע אויגן“...

„און בא אָט דער זײַנען אויך בלויע אויגן,—האָט זיך פּאוועל דערמאָנט.—זי איז עפּעס א מאָדנע. אפ יענע, אפ די רײַכינקע, גאָרניט ענלעך,—האָט ער געטראכט.—און זי לויפט ווי א שעד“.

פארטיפט אין די דעריגערונגען וועגן דער באטאָניקער באַגעגעניש, האָט פּאוועל ניט געהערט דעם אָנוואקסנדיקן רויש פונעם באוועגער, וואָס האָט געציטערט פון אָנשטרענגונג; די קאָלאָסאַלע באוועג־ראָד האָט זיך האסטיק געדרייט, און די בעטאָנענע פּלאַטפאָרמע, אויף וועלכער זי איז געשטאַנען, האָט נערוועז אופגעציטערט.

פּאַווקע האָט געכאַפּט אַ בליק אויפן מאַנאָמעטער: דער ווײַזער האָט אויף עטלעכע שטריכן איבערגעשפּרונגען די רויטע סיגנאַל־ליניע.

— אַך, דו טײַוול! — האָט זיך פּאַוועל אַ ריס געטאָן פון קעסטל. ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום הייבשטאַנג, וואָס פירט אָפּ דעם דאַמף, אַ דריי געטאָן אים צוויי מאָל, און הינטערן וואַנט פון דער קאַטשעקהאַרקע האָט הייזעריק געגומענע שיפּען דער דאַמף, וואָס איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן דורך דער אָפּפיר־טרויב אין טײַך אַרײַן. אַראָפּלאָזנדיק דעם הייב־שטאַנג, האָט פּאַווקע איבערגעלייגט דעם רימען אויף דער ראָד, וואָס באַוועגט די פּאָמפּע.

פּאַווקע האָט זיך אומגעקוקט אויף דאַנילען; יענער איז זיך רויִק געשלאָפן, ברייט צעעפנט דאָס מויל, און אויסגעשפּילט מיט דער נאָז מוירעדיקע קלאַנגען.

אין אַ האַלבער מינוט אַרום האָט זיך דער ווײַזער פון מאַנאָמעטער אומגעקערט צוריק אויפן אַלטן אָרט.

*

צעשיידט זיך מיט פּאַוועלען, איז טאָניע אַוועק אַהיים. זי האָט געטראַכט וועגן דער נאָרוואָס פּאָרגעקומענער באַגעגעניש מיטן דאָזיקן שוואַרצויגיקן יונג און, אַליין עס ניט באַגרײַפנדיק, געווען דערמיט צופרידן.

„סאַראַ פײַער ער פאַרמאָגט, וויפל אײַנגעשפּאַרטקייט! און ער איז גאָר ניט אַזאַ גראָבער־יונג, ווי מיר האָט זיך אויסגעדוכט. אַלנפאַלס, ער איז גאָר ניט ענלעך אויף אָט די אַלע צעקראַכענע גימנאַזיסטן...“

ער איז געווען פון אַן אַנדער מין מענטשן. ער איז געווען פון יענער סוויווע, מיט וועלכער טאָניע האָט זיך ביז איצט נאָענט ניט צוזאַמענגעשטויסן.

„אים קאָן מען נעמען אײַן די הענט, — האָט זי געטראַכט, — און דאָס וועט זײַן אַן אינטערעסאַנטע פרײַנטשאַפט“.

צוגייענדיק צום שטוב, האָט טאָניע דערזען, ווי אין סאָד זיצן ליזע סוכאַרקאָ, נעלי און וויקטאָר לעשטשינסקי. וויקטאָר האָט געלייענט. זיי האָבן, ווײַזט אויס, געוואַרט אויף איר.

זי האָט זיך באַגריסט מיט אַלעמען און זיך צוגעזעצט אויף אַ בענקל. אינמיטן פונעם פוסטן, לײַכטזיניקן שמועס האָט וויקטאָר לעשטשינסקי זיך צוגעזעצט צו טאָניען און שטיל געפרעגט:

— איר האָט איבערגעלייענט דעם ראָמאַן?

— אכ, יע, דעם ראָמאַן!—האָט זיך טאָניע געכאַפּט.—און איך האָב אים...
זי האָט שיר ניט געזאָגט, אַז זי האָט דאָס בוך פאַרגעסן בא דער אָזערע.
— נו, ווי איז ער אײַך געפעלן געוואָרן?—וויקטאָר האָט אויפמערקזאַם
געקוקט אף איר.
טאָניע האָט זיך פאַרטראַכט און, לאַנגזאַם צייכענענדיק מיטן נעזל פון
שוך אפן זאַמד פון שטעגל עפּעס א מעשונעדיקע פיגור, האָט זי אופגע־
הויבן דעם קאָפּ און א קוק געטאָן אף אים.
— ניין, איך האָב אָנגעהויבן אַן אַנדער ראָמאַן—א מער אינטערע־
סאַנטן.
— אזוי גאָר,—האָט וויקטאָר באַליידיקט געזאָגט.—און ווער איז דער
אווטער?—האָט ער געפרעגט.
— טאָניע האָט א קוק געטאָן אף אים מיט פינקלדיקע, כויזעקדיקע אויגן.
— קיינער ניט...
— טאָניע, לאָד אײַן די געסט אין צימער אַרײַן. עס וואַרט דער טיי!—
האָט א זאָג געטאָן טאָניעס מאַמע, וואָס איז געשטאַנען אפן באַלקאָן.
נעמענדיק אונטער די הענט ביידע מיידלעך, איז טאָניע אוועק צום שטוב.
וויקטאָר, גייענדיק פונהינטן, האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ איבער די ווערטער,
וואָס טאָניע האָט געזאָגט, ניט פאַרשטייענדיק זייער זין.

*

דער נײַער, נאָך ניט באַזיניקטער, אָבער דײַטלעך אָנגעקומענער גע־
פיל אינעם לעבן פונעם יונגן הייצער איז געווען אזוי אומבאַקאַנט, אזוי אומ־
פאַרשטענדלעך—אופרעגנדיק. ער האָט אופגערודערט דעם שטיפערישן, אומ־
רויִקן יאַט.
טאָניע איז געווען א טאָכטער פונעם עלטסטן וואַלד־אופזעער, און דער
עלטסטער וואַלד־אופזעער איז פאַר אים געווען דאָס זעלבע, וואָס דער אדוואָ־
קאַט לעשטשינסקי.
אויסגעוואַקסן אין אָרעמקײַט און הונגער, האָט זיך פּאַוועל פײַנטלעך
באַצויגן צו די, וואָס זײַנען, לויט זײַן באַגריף, געווען רײַכע. צו זײַן גע־
פיל איז פּאַוועל צוגעגאַנגען פאָרזיכטיק און מיט אומצוטרוי. טאָניען האָט
ער ניט געהאַלטן ווי האַלינען, די טאָכטער פונעם שטיינהעקער, פאַר אַן איי־
גענער, פּאַשעטער, פאַרשטענדלעכער. ער האָט זיך צו טאָניען באַצויגן מיט
אומצוטרוי, גרייט צו געבן א שאַרפן ווידערשטאַנד יעטווידער אויסדרוק פון
כויזעק און גײַוועדיקער באַציִונג צו אים, דעם נישטיקן הייצער־יינגל, מיצאַד
דעם דאָזיקן שיינעם און געבילדעטן מיידל.
א גאַנצע וואָך האָט זיך פּאַוועל ניט געזען מיט דעם וואַלד־אופזעערס
טאָכטער, און הײַנט האָט ער באַשלאָסן גיין צו דער אָזערע. ער איז בעקיוון
געגאַנגען פאַרבײַ איר שטוב, האָפנדיק זי צו באַגעגענען. לאַנגזאַם גיי־

ענדיק פארבײַ דעם פּארקאַן פֿונעם הויף, האָט ער אין סאַמע סאָף פֿונעם סאָד באַמערקט אַ באַקאַנטע מאַטראָסקע. ער האָט אױפֿגעהױבן אַ סאָסנע־שישקע, װאָס איז געלעגן באַם פּאַרקאַן, זי אַ װאָרף געטאָן, צילנדיק אין דער װײַסער בלוזקע.

טאָניע האָט זיך גיך אויסגעקירעװעט. באַמערקנדיק פּאַװעלן, איז זי צוגעלאָפֿן צום פּאַרקאַן. זי האָט זיך פֿרײלעך צעשמײכלט און געגעבן אים די האַנט.

— ענדלעך זײַט איר דאָך געקומען, — האָט זי אַ דערפֿרײטע געזאָגט. — װוּ זײַט איר פֿאַרפֿאַלן געװאָרן די גאַנצע צײַט? איך בין געװען בײַ דער אָזערע, כ'האָב דאָרט אַ בוך פֿאַרגעסן, געטראַכט אַלץ, אַז איר װעט אַרײַנקומען. קומט אַהער, צו אונדז אין סאָד אַרײַן.

פּאַװקע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אָפּ נײן.

— כ'װעל ניט גײן.

— פֿאַרװאָס? — אירע ברעמען האָבן זיך אױפֿגעהױבן פֿון פֿאַרװוּנדערונג.

— אײַער פֿאָטער װעט דאָך, מיסטאָמע, זיך אָנהײבן זידלען, איר װעט נאָך באַקומען אַ כײלעק פֿאַר מיר. נאָך װאָס, װעט ער זאָגן, האָסטו געבראַכט צו פֿירן אַהער אַזאַ שלעפּער?

— איר רעדט נאַרישקײַטן, פּאַװעל, — איז טאָניע אינקאַעס געװאָרן. — גײט שױן אַהערצו, מײַן פֿאָטער װעט קײנמאָל גאָרנישט ניט זאָגן, אָט איר װעט שױן אַלײן זען. קומט.

זי איז צוגעלאָפֿן, געעפֿנט דאָס פֿערטל, און פּאַװעל, ניט אינגאַנצן זיכער, איז אַװעק נאָך איר.

— איר האָט ליב לײענען ביכער? — האָט זי געפֿרעגט, װען זײ האָבן זיך געזעצט בײַ אַ קײַלעכדיקן טיש, װאָס איז געװען אײַנגעגראָבן אין דער ערד.

— כ'האָב זײער ליב, — האָט פּאַװעל לעבהאַפֿט געזאָגט.

— װעלכער פֿון די איבערגעלײענטע ביכער איז אײַך מער פֿון אַלע געפֿעלן?

פּאַװעל האָט אַ טראַכט געטאָן און געענטפֿערט:

— „דזשוזעפּע גאַריבאַלדי".

— דזשוזעפּע גאַריבאַלדי, — האָט טאָניע פֿאַריכט. — אײַך געפֿעלט זײער דער דאָזיקער בוך?

— יע, איך האָב אים איבערגעלײענט אין אַכט און זעכציק פֿאָרזעצונגען; יעדעס מאָל, װען איך באַקום געהאַלט, קויף איך פֿינף שניק. אָט איז געװען אַ מענטש דער גאַריבאַלדי! — פּאַװעל האָט גערעדט מיט אַנציקונג. — אָט אַ העלד! דאָס פֿאַרשטײ איך! װיפֿל איז אים אױסגעקומען זיך ראַנגלען מיט סאָנים, און שטענדיק איז ער געבליבן דער זיגער. אין אַלע לענדער אױסגן געװען! עך, װען ער װאָלט איצט געלעבט, װאָלט איך צו אים צוגעשטאַנען. ער האָט אין זײַן קאָמפּאַניע אַרײַנגענומען באַלמעלאָכעס און זיך שטענדיק געשלאָגן פֿאַר די אָרעמע.

— איר ווילט, ווען איך אײַך באַוויַיז אונדזער ביבליאָטעק?—האָט טאַ־ניע געזאָגט און אים גענומען פאַר דער האַנט.

— נו, ניין, אין שטוב וועל איך ניט גיין,—האָט פּאַוועל קאַטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט.

— פאַרוואָס אַקשנט איר זיך? אָדער איר האָט עפּעס מוירע?

פּאַוועל האָט א קוק געטאָן אף זײַנע באָרוועסע פיס, וואָס זײַנען געווען ניט איבעריק ריין, און זיך א קראַץ געטאָן אין פּאַטיליצע.

— אײַער מאַמע אָדער דער טאַטע וועלן מיך ניט אַרויסיאָגן פון דאָרטן?

— וואַרפט אַוועק, סאָפּקאָלסאָפּ, די דאָזיקע רייד, אַניט וועל איך אינדער־עמעסן אינקאַעס ווערן,—האָט זיך טאָניע צעקאָכט.

— נו, וואָס? לעשטשינסקי לאָזט ניט אַרײַן צו זיך אין שטוב. מיט אונדזערע א מענטש רעדט ער אין קיך. איך בין צו זיי געגאַנגען וועגן איינעם אַן איניקע, האָט מיך נעלי אפילו אין צימער ניט אַרײַנגעלאָזט,—מיסטאָמע, איך זאָל זיי די טעפּיכער ניט פאַטערן, דער שווארציאָר ווייס זי,—האָט פּאַוועל א שמייכל געטאָן.

— קומט. לאָמיר גיין.—זי האָט אים גענומען פאַר די אַקסלען און פרײַנט־לעך אַרײַנגעשטויסן אפן באַלקאָן.

אַרײַנפירנדיק אים אין א צימער מיט א גרויסער דעמבענער שאַפע, האָט טאָניע צעעפנט אירע טירלעך. פּאַוועל האָט דערזען עטלעכע הונ־דערט ביכער, וואָס זײַנען געשטאַנען אין גלײַכע רייען, און איז דער־שטוינט געוואָרן פון דער גוואַלדיקער אשירעס.

— מיר וועלן גלײַך געפינען פאַר אײַך אַן אינטערעסאַנטן בוך, און איר זאָגט מיר צו, אַז איר וועט שטענדיק קומען צו אונדז זיי נעמען. גוט?

פּאַוועל האָט פריילעך א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— איך האָב ליב ביכלעך.

זיי האָבן פאַרבראַכט עטלעכע שאָ זייער גוט און פריילעך. זי האָט אים באַקענט מיט איר מוטער. דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן שוין גאָרניט אזוי שרעקלעך. אויך טאָניעס מאַמע איז פּאַוועלן געפעלן געוואָרן.

טאָניע האָט פּאַוועלן אַרײַנגעפירט אין איר צימער, זי האָט אים געוויזן אירע ביכער און לערנביכער.

באַם טואַלעט־טישל איז געשטאַנען א קליינער שפּיגל. טאָניע האָט צוגע־פירט צו אים פּאַוועלן און לאַכנדיק געזאָגט:

— פאַרוואָס זײַנען בא אײַך אַזעלכע ווילדע האָר? איר שערט זיי גאָר ניט און איר קאַמט זיי קיינמאָל ניט?

— איך נעם זיי אראָפּ אף ריין, ווען זיי וואַקסן אויס. וואָס נאָך זאָל מען טאָן מיט זיי?—האָט זיך פּאַוועל פאַרענטפערט.

טאָניע האָט לאַכנדיק גענומען פונעם טואַלעט־טישל א קעמעלע און מיט פלינקע באַוועגונגען פאַרקאַמט זײַן צעפּאַטלטן קאָפּ האָר.

— אָט איצט איז גאָר עפּעס אנדערש, — האָט זי געזאָגט, באטראכטנדיק פּאוועלנ. — די האָר דארפ מענ ארומשערנ שיינ, וואָרעמ אניט גייט איר ארומ ווי א ווילד עקסל.

טאָניע האָט א קוק געגעבנ מיט א קריטישנ בליק אפ זייַנ אָפּגעקראָכע־נעמ געלנ העמדל אונ אפ די צעריסענע הויזנ, אָבער זי האָט גאָרנישט ניט געזאָגט.

פּאוועל האָט דעמ דאָזיקנ קוק באמערקט, אונ אימ איז געוואָרנ א כאר־פּע פאר זייַנ אָנטאָנ.

באמ געזעגענענ זיכ, האָט טאָניע אימ אייַנגעלאדנ קומענ צו איר אינ שטוב. זי האָט גענומענ בא אימ א וואָרט, אז ער וועט קומענ אינ צוויי טעג ארומ אונ זיי וועלנ גיינ צוזאמענ כאפּנ פיש.

פּאוועל איז מיט איינ קער ארויסגעשפּרונגענ דורכנ פענצטער אינ סאָד אריַינ: דורכגיינ ווידער די צימערנ אונ באגעגענענ זיכ מיט דער מאמענ האָט זיכ אימ ניט געוואָלט.

*

נאָכ ארטיאָמס אָפּפּאָרנ איז די לאגע אינ קאָרטשאגינס הויזגעזינד גע־וואָרנ א שווערע. פּאוועלס פארדינסטנ האָבנ ניט געקלעקט.

מאריע יאקאָווליעווגע האָט באשלאָסנ דורכשמועסנ זיכ מיטנ זונ: צי דארפ זי זיכ ניט נעמענ ווידער פאר אנ ארבעט. די לעשטשינסקיס האָבנ זיכ אקוראט געגויטיקט אינ א קעכנ. אָבער פּאוועל איז געווענ קעגנ:

— ניינ, מאמע, איכ וועל זיכ אויסגעפינענ נאָכ א צוגאָב־ארבעט. אפּנ זעגמיל באדארפ מענ האָבנ ארבעטער אפ אופלייגנ ברעטער. א האלבנ טאָג וועל איכ דאָרטנ ארבעטנ, אונ דאָס וועט קלעקנ פאר אונדז. אונ דו גיי שוינ ניט מער אפ ארבעט, וואָרעמ ארטיאָמ וועט אפ מיר זייַנ אינקאעס, ער וועט זאָגנ: ניט געקענט זיכ באגיינ אָנ דעמ, אז די מאמע זאָל ניט גיינ אפ ארבעט.

די מאמע האָט גענומענ דערווייַזנ, ווי נייטיק עס איז, זי זאָל גיינ אר־בעטנ, אָבער פּאוועל האָט זיכ פאראקשנט, אונ זי האָט אייַנגעשטימט.

אפּמאָרגנ האָט שוינ פּאוועל געארבעט אינ זעגמיל, אויסגעלייגט צומ טריקענענ די פריש צעזעגטע ברעטער. ער האָט דאָרט באגעגנט באקאנטע יאטנ: מישקע לעוושוקאָוונ, מיט וועלכנ ער האָט זיכ געלערנט אינ שול, אונ וואניע קולעשאָוונ. ער האָט זיכ גענומענ זאלבענאנד מיט מישענ ארבעטנ פונ שטיק. דער פארדינסט האָט זיכ באקומענ א גאנצ פייַנער. באטאָג האָט פּאוועל געארבעט אפ דער זעגמיל אונ אינאָוונט איז ער געלאָפנ אפ דער עלעקטרעסטאנציע.

צומ סאָפ פונ צענטנ טאָג האָט פּאוועל געבראכט דער מאמענ דאָס פאר־דינטע געלט. אָפּגעבנדיק עס, האָט ער אינ פארלעגנהייַט זיכ א טאָפּטשע געטאָנ אונ ענדלעכ געזאָגט:

— ווייסט, מאמע, קויפ מיר א סאטינענע העמדל, א בלויס,— געדענקסט, אזא ווי די, וואָס איז בא מיר געווענ פאראיאָרנ. אפ דעמ וועט אוועקגיינ א העלפט געלט, אָבער איכ וועל נאָכ פארדינענ, האָב קיינ מוירע ניט, וואָרעמ דאָס העמדל איז שוינ בא מיר גאָר אָנ אלטס,— האָט ער זיכ פארענטפערט, ווי ער וואָלט זיכ אנטשולדיקט פאר זײַנ ביטע.

— אוואדע, אוואדע וועל איכ קויפנ, פּאוולושע, הײַנט טאקע, אונ מאָרגנ וועל איכ עס אופנייענ. האָסט דאָכ טאקע ניט קיינ נײַ העמדל.— זי האָט ליבלעכ א קוק געטאָנ אפנ זונ.

*

פּאוועל האָט זיכ אָפּגעשטעלט בא דער פּאריקמאכערסקע, אָנגעטאפּט אינ קעשענע א רובל אונ איז ארײַנ אינ טיר.

דער שערער, א געשיקטער יונג, האָט, באמערקנדיק דעמ ארײַנגעקומענעמ, לויט דער געוווינשאפט א ווײַז געטאָנ אפנ שטול.

— זעצט זיכ.

פּאוועל האָט זיכ ארײַנגעזעצט אינ טיפנ באקוועמענ שטול אונ דערזענ אינ שפּיגל א פארשעמטע, פארלאָרענע פיזיאָנאָמיע.

— מיט דער מאשינקע?— האָט געפרעגט דער שערער.

— יע, דאָס הייסט, ניינ— ביכלאל שערט אָפּ. נו, ווי הייסט עס בא אײַכ?— אונ ער האָט געמאכט א פארצווייפלטנ זשעסט מיטנ האנט.

— איכ פארשטיי,— האָט א שמייכל געטאָנ דער שערער.

אינ א פערטל שעה ארומ איז פּאוועל ארויס א פארשוויצטער, א פארמאטערטער, אָבער א פײַנ אָפּגעשאָרענער אונ פארקאמטער. דער שערער האָט לאנג אונ אקשאָנעסדיק געהאָרעוועט איבער די צעפּאטלטע פּאסמעס האָר, אָבער דאָס וואסער אונ דאָס קעמעלע האָבנ געזיגט, אונ זײַנע האָר זײַנענ געווענ גלענצנדיק אויסגעלייגט.

אפנ גאס האָט פּאוועל פרײַ אָפּגעעטעמט אונ טיפער אָנגערוקט דאָס היטל.

„וואָס וועט זאָגנ די מאמע, אז זי וועט דערזענ?"

*

כאפּנ פּיש, ווי ער האָט צוגעזאָגט, איז פּאוועל ניט געקומענ, אונ טאָניע האָט עס באַליידיקט.

„ער איז ניט זייער אופמערקזאמ, דער דאָזיקער שמוציקער הייצער", האָט זי מיט פארדראָס געטראכט, אַבער ווענ פּאוועל איז אפמאָרגנ אויכ ניט געקומענ, איז איר געוואָרנ לאנגווײַליק.

זי איז שוינ געווענ גרייט צו גיינ שפּאצירנ, בײַס די מאמע האָט געעפנט די טיר צו איר אינ צימער אונ געזאָגט:

— צו דיר, טאָניטשקע, זײַנען געקומען געסט. מע קען?

אין דער טיר איז געשטאַנען פּאַוועל. טאָניע האָט אים אפילו פון ערשטן אויגנבליק ניט דערקענט. ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין א בלוי סאַטינען העמדל און שוואַרצע הויזן. די אויסגעפּוצטע שטיוול האָבן געגלאַנצט, און — דאָס האָט טאָניע גלײַך באַמערקט — ער איז געווען אָפּגעשוירן, די האָר האָבן ניט געסטאַרטשעט אין פּאַטלעס, ווי פריִער, און דער שמוציקער היטל איז פאַר איר איצטער אויסגעוואַקסן גאָר אין אַן אַנדער געשטאַלט.

טאָניע האָט געוואָלט אַרויסזאָגן איר פאַרווונדערונג, אָבער ניט וועלנדיק אַרײַנפירן אין פאַרלעגנהייט דעם יאַט, וואָס האָט זיך אַכוץ דעם אויך ניט גאָר באַקוועם געפילט, האָט זי געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי האָט ניט באַמערקט די דאָזיקע גוואַלדיקע ענדערונג.

זי האָט אים אָנגעהויבן אויפוואַרפן:

— ווי שעמט איר זיך ניט! פאַרוואָס זײַט איר ניט געקומען כאַפּן פיש? אַזוי־אָ האַלט איר עס וואָרט?

— איך האָב די טעג געאַרבעט אַפ דער זעגמיל און האָב ניט געקענט קומען.

ער האָט ניט געקענט זאָגן, אַז קעדיי צו קענען קויפן א העמדל און הויזן פאַר זיך, האָט ער געדאַרפט אַרבעטן די טעג איבער די קויכעס.

אָבער טאָניע האָט זיך וועגן דעם אַליין אָנגעשטויסן, און איר גאַנצע קלעמעניש אַפּ פּאַוועלן איז פאַרשוווּנדן.

— קומט שפּאַצירן צום טײַך, — האָט זי פאָרגעלייגט. — און זיי זײַנען אַוועק אין סאָד, און פון דאָרטן — אַפּן שליאַך.

און שוין ווי פאַר א פרײַנט, האָט ער טאָניען דערציילט דעם גרויסן סאָד וועגן דעם רעוואָלווער, וואָס ער האָט געגאַנוועט באַם לייטענאַנט, און ער האָט איר צוגעזאָגט אין איינעם פון די נאָענטסטע טעג פאַרקלײַבן זיך מיט איר טיף אין וואַלד א לערן טאָן זיך שיסן.

— זע, גיב מיך ניט אַרויס, — האָט ער אומדערוואַרט געזאָגט „דו“.

— איך וועל דיך קיינמאָל קיינעם ניט אַרויסגעבן, — האָט טאָניע פײַער־לעך צוגעזאָגט.

פערטער קאפיטל

א שארפערן אָנראכמאָנעסדיקער קלאסנקאמפ האָט ארומגעכאפט אוקראַיִנע. אלצ א גרעסערע און גרעסערע צאָל מענטשנ האָט זיכ גענומענ צומ געווער, און יעדע שלאכט האָט געבוירנ נײַע אָנטיילנעמער.

ווײַט אינ דער פארגאנגענהײַט זײַנענ אוועק די פארנ קלײנבירגער רויִקע טעג.

ס׳האָט געדרייט א זאווערוכע, וואָס האָט מיט הארמאטנ־שאָסנ אופגעטרייסלט די אלטע הײַזקעס, און דער באלעבעסל האָט זיכ געדריקט צו די ווענט פונ די קעלערס, צו די אליינ אבי־ווי געמאכטע טראנשייענ.

א לאווינע פעטליורישע באנדעס פונ פארשיידענע קאָלירנ און שאָטירונגענ האָט פארפלייצט די גובערניע: קלייניקע און גרויסע באטקעס, פארשיידענע גאָלובס, ארכאנגעלנ, אנגעלנ, גאָרדיִעס און אנ אומענדלעכע צאָל אנדערע.

אויסגעשפּראָכענע באנדיטנ, געוועזענע אָפיצערנ, רעכטע און לינקע אוקראַיִנישע עסערנ.—יעדער דרייסטער אוואנטיוריסט, וואָס האָט צונויפגעזאמלט א הײַפל קעפּ־שנײַדער, האָט זיכ דערקלערט אלס אטאמאנ, האָט צעוויקלט א געל־בלויע פאָנ, אנערקענענדיק זיכ אלס פעטליוראָוועצ, און ער האָט באקומענ די מאכט אינ די גרענעצנ פונ זײַנע קויכעס און מעגלעכקײַטנ.

אָט פונ די דאָזיקע פארשיידנארטיקע באנדעס, פארשטארקטע פונעם באלעגופנטום און פונ די גאליציאנישע פּאָלקנ פונ דעם באלאגערונג־קאָרפּוס פונעם אטאמאנ קאָנאָוואלעצ, האָט אויסגעבילדעט זײַנע פּאָלקנ און דיוויזיעס דער „האלאָווני אטאמאנ פעטליורע". אינעם דאָזיקנ עסעריש־באלעגופישנ זומפּ פלעגנ זיכ ארײַנרײַסנ רויטע פארטיזאנישע טיילנ, און די ערד האָט געציטערט אונטער הונדערטער און טויזנטער טלאָענ, טאטשאנקעס און ארטילעריִשע פורנ.

אינ אפּרעל פונ יענעמ אומרויִקנ 19־טנ יאָר האָט דער אפּ טויט איבערגעשראָקענער, געפּלעפּטער קליינבירגער, אויסרײַבנדיק אינדערפרי די פארשלאָפענע אויגנ און אָפּעפענענדיק די פענצטער פונ זײַנ הײַזל, אומרויִק געפרעגט באמ שכנ, וואָס איז פריִער פאר אימ אופגעשטאנענ:

— אווטאָנאָמ פעטראָוויטש, וואָס פאר א מאכט איז אינ שטאָט?

און אוטאָנאָם פּעטראָוויטש האָט, אונטערהייבנדיק די הויזן, דערשראָקן זיך ארומגעקוקט.

— איך ווייס ניט, אפאנאס קירילאָוויטש. באנאכט זיינען עפּעס וועלכע געקומען. מירן א קוק טאָן: אויב מע וועט באראבעווען יידן, איז א סימען, אז פּעטליוראָווצעס, און אויב „כאווירים״, איז דאָס גלייך קענטיק אינעם ריידן. אָט קוק איך זיך טאקע ארום, קעדיי וויסן, וואָס פאר א פּאָרטרעטל ארויסהענגען, קעדיי ניט ארייַנפאלן אין עפּעס א צאָרע, וואָרעם איר ווייסט: געראסים לעאָנטיעוויטש, מיין שאָכן, האָט ניט גוט אכטונג געגעבן, האָט ער גענומען און ארויסגעהאנגען לענינען, און צו אים זיינען אקוראט ארייַנגעשפּרונגען דרייַען: ווייַזט זיך ארויס, פון פּעטליורישן אָטריאד. ווי זיי האָבן דערזען דעם פּאָרטרעט, האָבן זיי זיך דאָס א נעמ געטאָן צום באַלעבאָס! מע האָט אים ארייַנגעצימבלט, פאַרשטייט איר מיך, א נאָהייַקעס צוואנציק. „מיר,— זאָגן זיי,— וועלן פון דיר, קעלעוו איינער, קאָמוניסטישע מאָרדע, מאכן א טעל״. וויפל ער האָט זיך ניט פארענטפערט, וויפל ער האָט ניט געשריִען, האָט ניט געהאָלפן.

באמערקט הייפּעלעך באוואָפנטע, וואָס גייען אפן שאָסיי, האָט דער קליינבירגער פארמאכט די טירן און זיך באהאלטן, זאָל די בייזע שאָ ניט זיין...

און די ארבעטער האָבן מיט פארשטיקטער סינע געקוקט אפ די געלבלויע פאָנען פון די פּעטליורישע באנדיטן. אָנמעכטיקע קעגן דער דאָזיקער כוואליע פון סאמאָסטיינעם שאָוויניזם, פלעגן זיי קומען צו זיך בלויז דאן, ווען אין שטעטל פלעגן זיך, ווי א קלין, ארייַנשנייַדן די דורכגייענדיקע רויטע טיילן, וואָס האָבן זיך פארטיידיקט קעגן די „זשאָוטאָ־בלאָקיטניקעס״ [1], וואָס האָבן זיי ארומגערינגלט פון אלע זייטן. א טאָג־צוויי האָט רויט געפלאטערט די אייגענע לייַבלעכע פאָן איבער דער אופּראווע. אָבער ווי נאָר די טייל איז אוועק, איז ווידער אָנגעקומען נאכט.

איצט איז באלעבאָס פון שטאָט דער פּאָלקאָווניק גאָלוב, „די רום און שטאָלץ״ פון דער זאדנעפּראָווער דיוויזיע.

נעכטן איז זיין אָטריאד פון צוויי טויזנט מערדער פייַערלעך ארייַן אין שטאָט. דער פאן פּאָלקאָווניק איז געפאָרן פאָרויס פארן אָטריאד אפ א פּרעכטיקן שווארצן אָגער. ניט געקוקט אפ דער פרילינגדיקער וואַרעמער זון, איז ער געווען אָנגעטאָן אין א קאווקאזער בורקע, אין א פּעלצענעם זאפּאָראָזשער היטל מיט א מאלינעווער דעק און אין א טשערקעסקע מיט פולער באוואָפענונג: א קינזשאל און א שווערד פון געשמידטן זילבער.

ער איז שיין, דער פאן פּאָלקאָווניק גאָלוב: די ברעמען שווארצע, דאָס געזיכט א בלייכס, מיט א לייַכטער געלקייַט פון קעסיידערדיקער שיכרעס.

---

[1] זשאָוטאָ־בלאָקיטני—אפ אוקראַיניש—געל־בלוי.

דער פאַנ פּאָלקאָווניק האָט ניט איין מאָל געליײענט וועגן דער זאַפּאָראָזשער סעטש. דער פאַנ פּאָלקאָווניק ווייס גוט די זאַפּאָראָזשער מינהאָגים. און איצט האָט ער געשפּילט די ראָל פון א זאַפּאָראָזשער ניט ערגער פון אַן ארטיסט אין א פּראָווינציעלן טעאַטער. אין די צײַנ—א ליולקע. געוועז איז דער פאַנ פּאָלקאָווניק ביז דער רעוואָליוציע אַן אגראָנאָם אפ פּלאַנטאַציעס פון א צוקער־זאַוואָד, אָבער לאַנגוויילִיק איז דאָס דאָזיקע לעבן, ניט צו פארגלײַכן מיט דער לאַגע פון אַן אַטאַמאַן, און ארויסגעשווומען איז דער אגראָנאָם אפן אויבערפלאַך פון דעם שמוץ, וואָס האָט פארשווענקט דאָס לאַנד, ארויסגעשווומען שוין אלס פּאַנ פּאָלקאָווניק גאָלוב.

אינעם אײַנציקן טעאַטער פון שטעטל איז איַנגעאָרדנט געוואָרן א רײַכער אָוונט לעקאָוועד די געקומענע. די גאַנצע „פראַכט“ פון דער פּעטליורישער אינטעליגענץ איז דאָ בײַגעווען: אוקראַיִנישע לערער, דעם פּאָפּס צוויי טעכטער—די זייער שיינע עלטערע טאָכטער—אַניע, די ייִנגערע—דינע, „פּריצימלעך“—געוועזענע אָנגעשטעלטע בא דעם גראַפ פּאָטאָצקי,—און א גאַנצער היפּל שטאָטישע קליינבירגער, וואָס האָבן זיך אָנגערופן „פּרײַע קאַזאַקנטום“, אוקראַיִנישע עסערישע רעשטלעך.

דער טעאַטער איז געווען פול געפּאַקט. אָנגעטאָן אין נאַציאָנאַלע אוקראַיִנישע קאָסטיומען, פארביקע, אויסגענייטע אין בלומען, אָנגעטאָן אין אַ שיר פארשיידנפארביקע קארעלן, זײַנען די לערערקעס, דעם פּאָפּס טעכטער און די קליינבירגערישע טעכטערלעך געווען ארומגערינגלט מיט א גאַנצן קאַראַהאָד סטאַרשינעס אין קלינגעוודיקע שפּאָרן. דערבײַ האָבן די דאָזיקע סטאַרשינעס געהאט אַן אויסזען, גלײַך מע וואָלט זיי געהאט אראָפּגענומען פון אלטע בילדער מיט אויסגעמאָלטע זאַפּאָראָזשצעס.

עס האָט געדונערט דער פּאָלק־אָרקעסטער. אפ דער סצענע האָט מען זיך פּיבערהאַפּט געגרייט צו דער פּאָרשטעלונג „נאַזאַר סטאָדאָליע“.

עס איז ניט געווען קיין עלעקטרע. דעם פּאַנ פּאָלקאָווניק האָט מען וועגן דעם ראַפּאָרטירט אין שטאַב. אויסהערנדיק זײַן אדיוטאַנט, דעם כאָרונזשי פּאַליאַניצע, וועלכער האָט אינדערעמעסן געהייסן פּאָדפּאָרוטשיק פּאָליאַנצעוו, האָט דער פּאָלקאָווניק, וואָס האָט זיך פּערזענלעך געקליבן באָערן דעם אָוונט מיט זײַן אָנוועזנהײַט, א זאָג געטאָן נאָכלעסיק, אָבער באַפעלעריש:

— עס זאָל זײַן ליכט. כאָטש שטארב, נאָר געפינ א מאָנטיאָר און לאָז די עלעקטרעסטאַנציע.

— ס׳וועט זײַן, הער פּאָלקאָווניק!

דעם כאָרונזשי פּאַליאַניצע איז ניט אויסגעקומען שטארבן און ער האָט געפונען מאָנטיאָרן.

אין א שאָ ארום האָבן צוויי פּעטליוראָווצעס געפירט פּאַוולען צו דער עלעקטרעסטאַנציע. פונקט אזוי האָט מען אויך געבראַכט א מאָנטיאָר און א מאַשיניסט.

פאליאניצע האָט געזאָגט קורץ:

— אויב ביז זיבן אזייגער וועט ניט זײַן קיין באלײַכטונג, וועל איך אופהענגען אלעמען דרײַען! — ער האָט אָנגעוויזן מיט דער האנט אף דעם אײַזערנעם פּרענט.

דער דאָזיקער קורץ־פאָרמולירטער אויספיר האָט זײַן ציל דערגרייכט, און צו דער געהעריקער צײַט איז געווען באלײַכטונג.

דער אָוונט איז שוין געווען אינעם פולן ברען, ווען עס איז אָנגעקומען דער פאן פאָלקאָווניק מיט זײַן דאמע — דער טאָכטער פונעם בופּעטשיק, וואָס בא אים אינ הויז האָט ער געוווינט. דאָס איז געווען א הויך־ברוסטיקע מויד מיט קאָרנפארביקע האָר.

דער רײַכער בופעטשיק האָט זײַן טאָכטער געלערנט אינ גימנאזיע פונ דער גובערניִעלער שטאָט.

אוועקגעזעצט זיך אפ בעקאָוועדיקע ערטער בא דער סאמע סצענע, האָט דער פאן פּאָלקאָווניק געגעבן א צייכן, אז מע קען אָנהייבן, און דער פאָרהאנג האָט זיך באלד געעפנט. פאר די צושויער האָט דורכגעשווינדלט דער רוקן פונעם רעזשיסער, וואָס איז אנטלאָפן פונ דער סצענע.

אינ דער צײַט פונעם ספּעקטאקל האָבן די בײַוועזנדיקע סטארשינעס און זייערע דאמען אריבערגעפעקלט פונ בופעט אינ האלדז ארײַן א היפש ביסל סאמאָהאָן, וואָס אים האָט צוגעשטעלט פאליאניצע, וועלכער איז אומעטום געווען פול און פיל, און אויך קאָלערליי מײַכאָלים, באקומען אינ אָרדענונג פונ רעקוויזיציע. צום סאָף פונעם ספּעקטאקל זײַנען אלע געווען שטארק אונטערן גלעזל. ארופשפּרינגענדיק אפן סצענע, האָט פאליאניצע טעאטראליש א מאך געטאָן מיט דער האנט און אויסגעשריִען:

— שאנאָווני דאָבראָדי, זאראז פּאָטשניעם טאנצי [1].

אינ זאל האָט מען איינמוטיק אפּלאָדירט. אלע זײַנען ארויס אינ הויף און געגעבן א מעגלעכקײַט די פּעטליורישע סאָלדאטן, מאָביליזירטע צו באוואכן דעם אָוונט, ארויסצושלעפּן די שטולן און באפרײַען דעם זאל.

אינ א האלבע שעה ארום איז דער טעאטער געווען פול מיט געפילדער.

די פעטליורישע סטארשינעס, צעלאָזט זיך אפ וואָס די וועלט שטייט, האָבן ווילדיונגעריש דערלאנגט א „האָפּאק" מיט די אָרטיקע „שיינהײַטן", וואָס האָבן זיך צערויטלט פאר היץ. פונ דער טופּעריי פונ זייערע שווערע פיס האָבן זיך געטרייסלט די ווענט פונ דעם אלטיטשקן טעאטער.

אינ דער זעלבער צײַט איז פונ דער זײַט פונ מיל ארײַנגעפאָרן אינ שטאָט א באוואָפנטער רײַטער־אָטריאד.

די פּעטליורישע פעלד־וואך, וואָס איז געשטאנען מיט קוילנווארפערס אינ עק שטאָט, באמערקנדיק, אז עס באוועגן זיך רײַטער, האָט זיך אָנגע־

---

[1] געערטע גוטע לײַט, באלד הייבן מיר אָן טאנצן.

הויבן באומרויִקן און זיך א וואָרפ געטאָן צו די קוילנוואַרפערס. עס האָבן א קלאַפ געטאָן די שלעסער. אין דער נאַכט האָט זיך צעטראָגן א שאַרפער געשריי:

— שטיי! ווער גייט?

פון דער פינצטערניש האָבן זיך אַרויסגערוקט צוויי טונקעלע פיגורן, און איינע פון זיי האָט, דערנעענטערנדיק זיך צו דער פעלד-וואַך, מיט א הויכן שיקערן באַס אויסגעריטשעט:

— איך בין דער אַטאַמאַן פּאַווליוק מיט מײַן אָטריאַד. און איר זײַט באָלובאָווער?

— יע,— האָט געזאָגט דער סטאַרשינאַ, וואָס איז אַרויס אים אַנטקעגן.

— ווו זאָל איך צעשטעלן דעם אָטריאַד?— האָט געפרעגט פּאַווליוק.

— איך וועל באַלד פרעגן אין טעלעפאָן באַם שטאַב,— האָט אים געענטפערט דער סטאַרשינאַ און איז פאַרשוווּנדן אינעם קליינינקן הײַזל באַם שלאַכט.

אין א מינוט אַרום איז ער פון דאָרטן אַרויסגעפלויגן און באַפוילן:

— נעמט אַראָפּ, כלאָפּצעס, דעם קוילנוואַרפער פון וועג. לאָזט א וועג דעם פּאַן אַטאַמאַן.

פּאַווליוק האָט אָנגעצויגן דאָס צײַמל און אָפּגעשטעלט דעם פערד לעבן באַלויכטענעם טעאַטער, אַרום וועלכן מע האָט געשמאַק שפּאַצירט.

— אָהאָ, דאָ איז פריילעך,— האָט ער געזאָגט, זיך א קער טוענדיק צום יעסאַול, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אים.— לאָמיר אַראָפּקריכן, הוקמאַטש, און א הוליע טאָן באַ דער געלעגנהייט. מירן זיך אויסקלײַבן רעכטע ווײַבער, דאָ זײַנען זיי פּאַראַן, דער טײַוול ווייס וויפל. היי, סטאַלעזשקאָ,— האָט ער א געשריי געטאָן,— צעשטעל די כלאָפּצעס איבער די הײַזער! מיר בלײַבן דאָ. דער קאָנוואָי בלײַבט מיט מיר.— און ער איז שווער אַראָפּגעשפּרונגען פונעם פערד, וואָס האָט זיך א וואַקל געטאָן אונטער אים.

באַם אַרײַנגאַנג אין טעאַטער האָבן פּאַווליוקן אָפּגעשטעלט צוויי באַוואָפנטע פּעטליוראָווצעס:

— א בילעט?

אָבער יענער האָט פאַראַכטנדיק א קוק געטאָן אף זיי און אָפּגערוקט איינעם מיטן אַקסל. נאָך אים האָבן זיך אף דעם זעלבן אופן דורכגערוקט א מענטשן צוועלף פון זײַן אָטריאַד. זייערע פערד זײַנען געשטאַנען טאַקע דאָ, צוגעבונדענע צום פּאַרקאַן. די נײַ-אָנגעקומענע האָט מען באַלד באַמערקט.

באַזונדערס האָט זיך אויסגעטיילט מיט זײַן ריזיקער פיגור פּאַווליוק גופא, אינעם אָפיצערישן פּרענטש פון גוטן געוואַנט, מיט בלויע גוואַרדייִשע הויזן און א האָריקער פּאַפּאַכע. איבערן אַקסל— א מאַוזער, פון קעשענע שטעקט אַרויס א האַנט-גראַנאַט.

— ווער איז עס?— האָבן זיך גענומען שושקען די, וואָס זײַנען געשטאַ־

נען אַרום דעם קרײַז, װוּ עס איז איצט געגאַנגען א װױליונגערישן װיכער־טאַנצ גאַלובס געהילף.

אין פאַר מיט אים האָט זיך געדרייט דעם פּאַפּס עלטערע טאַכטער. די קליידלעך, צעפלויגענע איצט אין דער לופט ווי די פאַכערס, האָבן אַנטפּלעקט פאַר די אַנציקטע קריגסלײַט די זײַדענע רייטוזן פון דעם פּאַפּס טאָכטער, וואָס האָט זיך צעלאָזט אף אַלע קיילים.

דורכגעבערנדיק זיך א וועג מיט די אַקסלען, איז פּאַווליוק אַרײַן אינעם סאַמע קרײַז.

פּאַווליוק האָט מיט א פאַרנעפּלטן בליק געקוקט אף די פיס פון דעם פּאַפּס טאָכטער, מיט דער צונג באַלעקט די איבערגעטריקנטע ליפּן און איז אַוועק גלײַך דורכן אוילעם צום אָרקעסטער, זיך געשטעלט בא דער ראַמפּע און א מאַך געטאָן מיט דער געפלאָכטענער נאַהײַקע:

— דערלאַנג א האָפּאַק!

דער דיריזשאָר פון אָרקעסטער האָט אף דעם ניט געלייגט קיין אַכט.

דעמלט האָט פּאַווליוק שאַרף א מאַך געטאָן מיט דער האַנט און א צי געטאָן לענגויס דער פּלייצע פון דעם דיריזשאָר מיט דער נאַהײַקע. יענער איז אופגעשפרונגען ווי פון א ביס.

די מוזיק האָט זיך מיטאַמאָל איבערגעריסן, דער זאַל איז אין איין אויגנבליק אַנשוויגן געוואָרן.

— דאָס איז א פרעכהײַט!— האָט זיך צעקאָכט דעם בופעטשיקס טאָכ־טער.— דו דאַרפסט עס ניט דערלאָזן,— זי האָט נערוועז געדריקט דעם עלנ־בויגן פונעם פּאָלקאָווניק גאַלוב, וואָס איז געזעסן לעבן איר.

גאַלוב האָט זיך שווער אופגעהויבן, א שטויס געטאָן מיטן פוס דעם שטול, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים, געמאַכט דרײַ טריט צו פּאַווליוקן און זיך אָפּגעשטעלט הארט נעבן אים. ער האָט באַלד דערקענט פּאַווליוקן. גאַ־לוב האָט געהאַט נאָך ניט קיין פאַרענדיקטע כעזשבוינעס מיט דעם דאָזיקן קאָנקורענט אף דער מאַכט אינעם אויעזד.

מיט א וואָך צוריק האָט פּאַווליוק אונטערגעשטעלט דעם פּאַן פּאָלקאָוו־ניק א פיסל אפן סאַמע כאַזערישן אויפן.

אין ברענען פון קאַמף מיטן רויטן פּאָלק, וואָס האָט שוין ניט דאָס ערשטע מאָל געטרייבערט די גאַלובאָווער, האָט פּאַווליוק, אָנשטאָט צו שלאָגן די באָל־שעוויקעס פון טיל, זיך ארײַנגעריסן אין שטעטל, דערשטיקט די קליינצאָ־ליקע פעלד־וואַכן פון די רויטע און, ארויסשטעלנדיק א שוץ־אָטריאַד אפן וועג, אײַנגעאָרדנט אין שטעטל א שוידערלעכן פּאָגראָם. פאַרשטייט זיך, ווי עס האָט געפּאַסט פאַר א „שטשירי" פּעטליוראָוועץ, האָט זיך דער פּאָגראָם אויסגעלאָזן צו דער יידישער באַפעלקערונג.

אין דער זעלבער צײַט האָבן די רויטע געמאַכט א טייל פונעם רעכטן פלאַנג פון די גאַלובאָווער און זײַנען אַוועק. און איצט האָט זיך דער דאָ־

זיקער פרעכער ראָטמיסטער אַרײַנגעריסן אהערצו און האָט נאָך די האָזע צו שלאָגן אינעם פאַן פּאָלקאָווניקס אָנווענזנהײַט זײַן אײגענעם קאַפּעלמײַס־טער. נײן, דאָס האָט ער ניט געקענט דערלאָזן. גאָלוב האָט פאַרשטאַנען, אַז איבער וועט איצט ניט אָנלערנען דעם פּאַריסענעם אַטאַמאַנדל, וועט זײַן אויטאָריטעט אין פּאָלק באַטל ווערן.

אײַנזויגנדיק זיך אײנער דעם צווייטן אין די אויגן, זײַנען זײ עטלעכע רעגעס געשטאַנען שווײַגנדיק.

פעסט צונויפגעדריקט אין האַנט דעם שווערד און אָנטאַפּנדיק מיט דער צווייטער האַנט דעם נאַהאַן, האָט גאָלוב א ריטשע געטאָן:

— ווי וואַגסטו שלאָגן מײַנע מענטשן, אויסוואורף!?

פּאַווליוקס האַנט איז לאַנגזאַם אוועקגעקראָכן צום שײדל פונעם מאַוזער.

— קאָכט זיך ניט, פּאַניע גאָלוב, קאָכט זיך ניט! איר קענט זיך נאָך ברעכן דעם קאַרק. קריכט מיר ניט אין די בײנער, איך קען אין קאַס ווערן.

דאָס האָט איבערגעפולט דעם קאָס פון געדולד.

— נעמט זײ, אַרויסוואַרפן זײ פון טעאַטער און אַרײַנשיטן יעדערן צו פינף און צוואַנציק הײסע! — האָט גאָלוב אויסגעשריגן.

אַף די פּאַווליוקאָווצעס האָבן זיך, ווי א טשאַטע יאַגד־הינט, א וואָרף געטאָן פון אַלע זײַטן די סטאַרשינעס.

עמעצנס א שאָס האָט א קנאַל געטאָן, און די, וואָס האָבן זיך געשלאָגן, האָט זיך פאַרדרײט, פאַרקרײַזט, איבערן זאַל, ווי צוויי טשאַטעס הינט. אינעם בלינדן געשלעג האָט מען געהאַקט אײנע די אַנדערע מיט די שווערדן, געכאַפּט פאַר די טשופּרינעס און פאַרן האַלדז. איבערגעשראָקענע אַף טויט, האָבן די פרויען מיט א כאָוער־געקוויטש געלאָזט זיך לויפן. אָנאָזײַט פון די צונויפגעקלאַמערטע.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט מען די אַנטוואָפנטע פּאַווליוקאָווצעס אַרויסגעשלעפּט אַפן הויף, ניט אויפהערנדיק זײ שלאָגן, און אַרויסגעשלײַדערט אַף דער גאַס.

פּאַווליוק האָט אינעם געשלעג פאַרלאָרן די פּאַפּאַכע. מע האָט אים צע־מאַזיקט דעם פּאָנעם, אַנטוואָפנט, — ער איז געווען אויסער זיך. אַרופשפּרינגענ־דיק מיט זײַן אַטריאַד אַף די פערד, האָט ער זיך אוועקגעיאָגט איבער דער גאַס.

דער אָוונט איז אַראָפּגעריסן געוואָרן. נאָך דעם, וואָס עס איז פאָרגע־קומען, האָט קײנער אַפילע ניט געטראַכט צו פאַרברענגען דאָ. די פרויען האָבן זיך אַנטשײדן אָפּגעזאָגט גײן טאַנצן און האָבן געפאָדערט, מע זאָל זײ אָפּפירן אַהײם. אָבער גאָלוב האָט זיך אײַנגעשפּאַרט.

— קײנעם פון זאַל ניט אַרויסלאָזן, אוועקשטעלן א וואַך, — האָט ער באַ־פוילן.

פאליאניצע האָט טייקעף אויסגעפילט דעם באַפעל.

אַף די פילצאַליקע פראָטעסטן האָט גאַלוב פאַראַקשנט געענטפערט:

— טענץ ביז אינדערפרי, גערעטע דאַבראָדייקעס און דאַבראָדייעס. איך אַליין טאַנץ דעם ערשטן טור וואַלס.

די מוזיק האָט ווידער אָנגעהויבן שפּילן, אָבער פאַרוויילן זיך איז פונ־דעסטוועגן ניט אויסגעקומען.

דער פאַלקאָווניק האָט נאָך ניט באַוויזן דורכגיין מיט דעם פּאָפּס טאָכ־טער איין קרייז, ווי די וואַכליַיט, וואָס האָבן זיך אַריַינגעריסן אין די טירן, האָבן אויסגעשריגן:

— דעם טעאַטער רינגלען אַרום פּאַווליוקאָווצעס!

דאָס פענצטער בא דער סצענע, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען צום גאַס, איז מיט אַ טראַסק אַרויסגעפלויגן, און אין דער דורכגעבראָכענער ראַם האָט זיך אַריַינגערוקט די מאָרדע פון אַ טעמפּשנוקיקן קוילנוואַרפער. די מאָרדע זיַינע האָט זיך נאַריש געדרייט, אָנטאַפּנדיק די שליַיכנדיקע פיגורן, וואָס זיַינען פון איר, ווי פון אַ טייוול, אָפּגעלאָפן אַפן מיטן זאַל.

פאַליאַניצע האָט אויסגעשאָסן אין סטעליע, אינעם טויזנט־ליכט־לאַמפּ, און דער לאַמפּ האָט, פלאַצנדיק ווי אַ באָמבע, באַשאָטן אַלעמען מיט אַ דריבנעם רעגן פון גלאָז.

עס איז געוואָרן פינצטער. פון גאַס האָט מען געשריגן:

— גייט אַרויס אַלע אין הויף!—און עס האָט זיך געהערט אַ מוירעדיקע זידלעריַי.

ווילדע, היסטערישע געשרייען פון פרויען, די ווילדע קאָמאַנדע פון גאַ־לובן, וועלכער האָט זיך אומגעטראָגן איבערן זאַל, באַמיִענדיק זיך אויפצור־קלייבן די פאַרלוירענע סטאַרשינעס, די שיסעריַי און געשרייען אַפן הויף—דאָס אַלץ האָט זיך צונויפגעגאָסן אין אַן אומגעהויערן ליאַרעם. קיינער האָט ניט באַמערקט, ווי דער פלינק־אַרויסגעשפּרונגענער פאַליאַניצע, אַרויסלויפנ־דיק דורך אַ הינטערגאַנג אַף דער שכייניִשער ליידיקער גאַס, האָט זיך גע־יאָגט צו גאַלובס שטאַב.

אין אַ האַלב שאָ אַרום איז אין שטאָט געגאַנגען אַן עמעסע שלאַכט. די שטילקייט פון דער נאַכט איז אויפגערודערט געוואָרן דורך אַן אומופהער־לעכער שיסעריַי. מיט אַ דריבנער קנאַלעריַי האָבן געשטעפּט די קוילנוואַר־פער.

די פולשטענדיק צעשראָקענע באַלעבאַטים זיַינען אַראָפּגעשפּרונגען פון זייערע וואַרעמע בעטן און צוגעפאַלן צו די פענצטער.

די שיסעריַי ווערט שטילער. בלויז אין עק שטאָט בילט מיט איבעריַיסן אַ קוילנוואַרפער.

די שלאַכט ווערט איַינגעשטילט. עס שאַריִעט אַז טאָג...

*

קלאַנגען וועגן א פּאָגראָם זײַנען אַרומגעגאַנגען איבערן שטאָט. זיי זײַנען פאַרקראָכן אויך אין די ייִדישע הײַזלעך,—קליינינקע, נידעריקע, מיט קרומע פענצטערלעך. די הײַזלעך האָבן זיך עפּעס אַף אַ מעשונעדיקן אופן צעגעטוליעט צום שמוציקן רוי, וואָס פירט צום טײַך. אין די דאָזיקע קעסטעלעך, וואָס הייסן הײַזער, האָט אין אַן אומגעהויערער ענגשאַפט געווינט די ייִדישע אָרעמשאַפט.

אין דרוקערײַ, ווו עס האָט שוין דאָס צווייטע יאָר געאַרבעט סעריאָזשקע ברודשאַק, זײַנען די זעצער און די אַרבעטער געווען ייִדן. סעריאָזשע האָט זיך מיט זיי אויפגעלעבט, ווי מיט אייגענע, און אין אַן איינהײַטלעכער געזינד האָבן זיי זיך אַלע געהאַלטן קעגן דעם באַלעבאָס, דעם אָפּגעפרעסענעם, זעלבסטצופרידענעם הער בלומשטיין. צווישן דעם באַלעבאָס און די אַרבעטער פון דרוקערײַ איז שטענדיק געגאַנגען אַן אומופהערלעכער קאַמף. בלומשטיין האָט זיך אַלץ געקליגט אַראָפּרײַסן וואָס מער, באַצאָלן וואָס ווייניקער. און אַף דעם דאָזיקן באָדן האָט זיך ניט איין מאָל פאַרמאַכט אַף צוויי—דריי וואָכן די דרוקערײַ. די דרוקער האָבן געשטרײַקט, זיי זײַנען געווען פערצן מאַן. סעריאָזשע, דער סאַמע ייִנגסטער, האָט צוועלף שעה געדרייט די ראָד פון דער דרוק־מאַשין.

הײַנט האָט סעריאָזשע באַמערקט די אומרויִקײַט פון די אַרבעטער. פאַר די לעצטע אומרויִקע כאַדאָשים האָט די דרוקערײַ געאַרבעט פון באַשטעלונג צו באַשטעלונג. מע האָט געדרוקט אויפרופן פונעם „האַלאָווני אַטאַמאַן“. סעריאָזשען האָט אָפּגערופן אין ווינקל דער טובערקוליאָזער זעצער מענדל. קוקנדיק אַף אים מיט זײַנע טרויעריקע אויגן, האָט ער געזאָגט:

— דו ווייסט, אַז אין שטאָט ריכט מען זיך אַף אַ פּאָגראָם?

סעריאָזשע האָט פאַרוווּנדערט אַ קוק געטאָן.

— ניין, איך ווייס ניט.

מענדל האָט אַוועקגעלייגט זײַן אויסגעטריקנטע, געלע האַנט סעריאָזשען אַפן אַקסל און פאַרטרויִלעך ווי אַ פאָטער אָנגעהויבן:

— אַ פּאָגראָם וועט זײַן. דאָס איז אַ פאַקט. מע וועט שלאָגן ייִדן. איך פרעג בא דיר: דו ווילסט העלפן דײַנע כאַווײרים אין דער דאָזיקער צאָרע אָדער ניט?

— געוויס וויל איך, אויב איך וועל נאָר קענען. רייד, מענדל.

די זעצער האָבן זיך צוגעהערט צום געשפּרעך.

— דו ביסט אַ ווילער יאַט, סעריאָזשע, מיר טרויען דיר. דײַן טאַטע איז דאָך אויך אַן אַרבעטער. לויף־זשע באַלד אַהיים און גיב אַ רייד מיטן טאַטן: צי וועט ער אײַנשטימען באַהאַלטן בא זיך אינדערהיים עטלעכע אַלטע לײַט און פרויען, און מיר וועלן זיך פאָרויס דערריידן, ווער עס וועט זיך בא אײַך אויסבאַהאַלטן. נאָכדעם גיב אַ רייד מיט די היימיקע, בא ווע־

מען נאָך קענ. מען זיך באהאלטנ. קיינ רוסנ טשעפּענ ניט דערווײַל די דאָ־זיקע באַנדיטנ. לויפ, סעריאָזשע, די צײַט איז טײַער.

— גוט, מענדל, זײַ זיכער, איך וועל באלד א לאָפּ טאָנ צו פאווקענ אונ קלימקענ, בא זיי וועט מענ באַשײַמט צונעמענ.

— ווארט א ווײַלינקע,—איז מענדל אומרויִק געוואָרנ, פארהאלטנדיק סעריאָזשענ, וואָס האָט זיך געײַלט אוועקגיינ.

— ווער זײַנענ, זיי עס, דער פאווקע אונ דער קלימקע? דו קענסט זיי גוט?

סעריאָזשע האָט זיכער א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ.

— ווי־זשע דענ. מײַנע כעווריע. פאווקע קאַרטשאגינ, זײַנ ברודער איז א שלאָסער.

— א, קאַרטשאגינ,—האָט זיך מענדל בארויִקט.—דעמ קענ איך, צוזאמענ מיט אימ געוווינט אינ איינ שטוב. דעמ קענ מענ. גיי, סעריאָזשע, אונ קער זיך אומ גיכער מיט אנ ענטפער.

סעריאָזשע איז ארויסגעלאָפנ אפנ גאַס.

דער פּאָגראָמ האָט זיך אָנגעהויבנ אפנ דריטנ טאָג נאָכנ שלאכט צווישנ די פּאווליוקאָווצעס אונ גאָלובאָווצעס.

פארלירנדיק אינ דער באנאכטיקער שלאכט צוויי צענדליק מענטשנ, האָט זיך פאווליוק אָפּגעטראָגנ פונ שטאָט אונ פארנומענ דאָס שכײנעסדיקע שטעטל. פונקט אזויפיל מענטשנ האָבנ פארלאָרנ די גאָלובאָווצעס.

די געהארגעטע האָט מענ אײַליק אוועקגעפירט אפנ צווינטער אונ אינ דעמ זעלבנ טאָג באגראָבנ אָנ באזונדערער פײַערלעכקײַט, ווײַל בארימענ זיך איז דאָ ניט געווענ מיט וואָס. ביידע אטאמאנענ האָבנ זיך א הריזע געטאָנ, ווי צוויי גאמיקע הינט, אונ מאכנ א טומל מיט דער לעווײַע איז געווענ אומבאקוועמ. פאליאניצע האָט אפילע געוואָלט מאכנ די לעווײַע מיט א קנאַק, דערקלערנדיק פאווליוקנ פאר א רויטנ באנדיט, אָבער קעגנ אימ איז געווענ דער גאנצער עסערישער קאָמיטעט, וואָס אינ דער שפּיצ פונ אימ איז גע־שטאנענ דער פּאָפּ וואסילי.

דער באנאכטיקער צוזאמענשטויס האָט ארויסגערופנ אינ גאָלובס פּאָלק אנ אומצופרידנקײַט, באזונדערס אינ גאָלובס קאָנוואי־סאָטניע, ווו עס איז געווענ די גרעסטע צאָל געהארגעטע. אונ קעדיי לעשנ די דאָזיקע אומצו־פרידנקײַט אונ אופהייבנ די שטימונג, האָט פאליאניצע פאָרגעלייגט גאָלובנ „פארלײַכטערנ די עקזיסטענצ",—ווי ער האָט זיך מיט כויזעק אויסגעדריקט וועגנ פּאָגראָמ. ער האָט געגומענ דערווײַז גאָלובנ די נייטיקײַט דערפונ, פארופנדיק זיך אפ דער אומצופרידנקײַט פונעמ אָטריאד. אונטער פּאליאני־צעס דראָונגענ האָט דער פּאָלקאָווניק אײַנגעשטימט, כאָטש ער האָט לעכאַט־כילע ניט געוואָלט שטערנ די רו אינ שטאָט איידער זײַנ כאסענע מיטנ בור־פעטשיקס טאָכטער.

עמעס, אביסל האָט דעם פאָלקאָווניק ארײַנגעבראכט אין פארלעגנהײַט די דאָזיקע אָפעראציע אין פארבינדונג מיט זײַנ ארײַנטרעטנ אין דער עסעדישער פארטיי. כוצדעם קענעג די סאָנים שאפנ ארום זײַנ נאָמענ ניט־געוווּנטשענע רייד, אז ער, דער פאָלקאָווניק גאָלוב, איז א פאָגראָמשטשיק, און מע וועט באשטימט אָנריידנ אפ אים דעם „האָלאָווני אטאמאנ". אָבער דערווײַל איז גאָלוב געווענ ווייניק וואָס אָפהענגיק פונעמ „האָלאָווני", ער האָט זיך מיט זײַנ אָטריאד באוואָרגט אליינ אפ זײַנ אייגענער אכרײַעס, און דער „האָלאָווני" האָט אליינ ווויל געוווסט, וואָס פאר א כאַיל עס דינט בא אים. ער האָט אליינ ניט איינ מאָל געפאָדערט, מע זאָל אים אפ די נויטנ פונ דער דירעקטאָריע געבנ מעזומאָנים פונ די אזוי גערופענע רעקוויזיציעס. און וואָס שײַעך דעם שעם פונ א פאָגראָמשטשיק, איז ער שוינ בא גאָלובנ געווענ א גאנצ סאָלידער, צוגעבנ צו אים האָט מענ געקענט זייער ווייניק.

אינדערפרי האָט זיך אָנגעהויבנ דער פאָגראָם.

דאָס שטעטל איז געשווומענ אינעם באגינענדיקנ גרויענ רויכל. די פוסטע גאסנ, וואָס האָבנ, ווי אויסגעווייקטע לײַוונטענע פלאכטעס, אײַנגעוויקלט אינ אומאָרדענונג די אומגעלומפערט פארבויטע יידישע קווארטאלנ, זײַנענ געווענ טויט. די בליִנדלעכע פענצטערלעך זײַנענ געווענ פארהאנגענ און פעסט פארהאקט מיט לאָדנ.

פונ אויסנ האָט זיך געדוכט, אז די קווארטאלנ שלאָפנ מיט א פעסטנ פארטאָגיקנ שלאָף. אָבער אינ די הײַזלעך איז מענ ניט געשלאָפנ. די געזינדנ, אָנגעטאָנענע, האָבנ זיך געגרייט צו דעם אומגליק, וואָס הייבט זיך אָנ. זיי האָבנ זיך פארזאמלט אינ א ווע‌לכנ־עס־איז צימערל, און בלויז די קליינע קינדער, וואָס פארשטייענ גאָרנישט, זײַנענ געשלאָפנ מיט א זאָרגלאָז־רויִקנ שלאָף בא די מאמעס אפ די הענט.

לאנג האָט אינעם דאָויקנ פרימאָרגנ פאליאניצענ, גאָלובס אדיוטאנט, געוועקט דער נאטשאלניק פונ גאָלובס קאָנוואָי, סאלאָמיגע, א שווארצער מיט א ציגײַנערישנ פאָנעם, מיט א בלוילעכנ שראַם פונ א שווערד־שניט אפנ באק.

דער אדיוטאנט האָט שווער דערוואכט פונ שלאָף. ער האָט זיך בעשומדיפנ ניט געקענט אָפרײַסנ פונעם נארישנ כאָלעם. עס האָט אים נאָך אלצ געדראפעט מיט די נעגל איבערנ האלדז א הויקערדיקער שעד, וואָס האָט געמאכט מאָדנע האוויעס, פונ וועלכנ ער האָט זיך ניט געקענט באפרײַענ א גאנצע נאכט. און ווענ ער האָט, ענדלעך, אופגעהויבנ דעם קאָפ, וואָס האָט זיך בא אים געשפאָלטנ פונ ווייטעק, האָט ער פארשטאנענ: דאָס וועקט אים סאלאָמיגע.

— נו, שטיי שוינ אופ, כאָליערע,— האָט אים געטרייסלט פארנ אקסל סאלאָמיגע.— שוינ שפעט, צײַט אָנצוהייבנ. האָסט געדארפט נאָך מער ארײַנגיסנ!

פאליאניצע האָט זיך שוין אינגאַנצן אופגעכאַפּט, ער האָט זיך אוועקגע־זעצט, זיך פארקרימט פון דעם, וואָס אים האָט געברענט אפן הארצן, ער האָט אויסגעשפּײַט דאָס ביטערלעכע שפּײַעכץ.

— וואָס אָנהייבן?—האָט ער אויסגעגלאָצט א פּאָר טאמעוואטע אויגן אפ סאלאָמיגען.

— וואָס הייסט וואָס? די זשידעס טרייבערן. ווייסט ניט?

פאליאניצע האָט זיך דערמאָנט: יע, עמעס. ער האָט זיך גאָר פארגעסן, נעכטן האָט מען היפּש אויסגעטרונקען אפן כוטער, וווהין דער פאן פּאָל־קאָווניק האָט זיך פארקליבן מיט זײַן קאלע און מיט נאָך א הײַפל קאָלע־געס—שיקורים.

אָפּטראָגן זיך פון שטאָט אפ דער צײַט פון פּאָגראָם איז פאר גאָלובן געווען באקוועם. נאָכדעם וואָלט ער געקענט זאָגן, אז עס איז פּאָרגעקומען א מיספארשטייעניש אין זײַן אָפּוועזנהײַט. און פאליאניצע וועט באוויַיזן אלץ אָפּטאָן ווי געהעריק. אָ, דער דאָזיקער פאליאניצע איז א גרויסער ספּע־ציאַליסט אין איניען פון „פארלײַכטערן“.

ער האָט זיך ארופגעגאָסן אן עמער וואסער אפן קאָפּ, און צו אים האָט זיך צוריקגעקערט די פייִקײַט צו דענקען. ער האָט גענומען אומלויפן איבערן שטאב און אָפּגעבן פארשיידענע באפעלן.

די קאָנוווי־סאָטניע איז שוין געזעסן אפ די פערד. דער פּאָרזיכטיקער פאליאניצע האָט, קעדיי אויסמײַדן מעגלעכע שוועריקײַטן, באפוילן ארויס־שטעלן א פעלד־וואך, וואָס זאָל אָפּטיילן דעם אײַזנבאנישן ארבעטער־יִישעוו פון דער שטאָט.

אין סאָד בא די לעטשטשינסקעס איז ארויסגעשטעלט געוואָרן א קוילן־ווארפער, וואָס האָט ארויסגעקוקט אפן שליאך.

אין פאל, אויב די ארבעטער וואָלטן געטראכט זיך ארײַנמישן, וואָלט מען זיי באגעגנט מיט בלײַ.

ווען אלע צוגרייטונגען זײַנען געווען פארענדיקט, זײַנען דער אדיוטאנט און סאלאָמיגע ארופגעשפּרונגען אפ די פערד.

און שוין ריידנדיק זיך אין וועג, האָט זיך פאליאניצע דערמאָנט:

— שטיי, שיר ניט פארגעסן. גיב אהער צוויי פורן: מיר וועלן זיך א סטארע טאָן פאר גאָלובן נאָדאן. האָ... האָ... האָ... דאָס ערשטע רויב, ווי שטענדיק, פארן קאָמאנדיר, און די ערשטע ווײַב—כאַ־כאַ־כאַ—מיר, דעם אדיוטאנט. פארשטאנען, לײַמענער גוילעם?—דאָס לעצטע האָט זיך באצויגן צו סאלאָמיגען.

יענער האָט א גלאָץ געטאָן אפ אים מיט געלבלעכע אויגן.

— ס'וועט פאר אלעמען סטײַען.

מע איז אוועקגעפאָרן מיטן שאָסיי. פאָרויס—דער אדיוטאנט און סאלאָ־מיגע, פונהינטן—אין אומאָרדענונג די כאָפּטע רײַטער.

דאָס רויכל פונעם פּרימאָרגן האָט זיך אויסגעקלאָרט. באַם צווישטאָקיקן הויז מיט דער פאַרזשאַווערטער שילד „גאַלאַנטעריי־קראָם. פוקס" האָט פּאַליאַניצע אָנגעצויגן דאָס צײַמל.

די גרויע דינפּיסיקע קליאַטשע זײַנע האָט אומרויִק א קלאַפּ געטאָן מיט דער טלאָ אָן שטיין.

— נו, מיט גאָטס הילף וועלן מיר פונדאַנען טאַקע אָנהייבן,—האָט פּאַליאַניצע געזאָגט, אַראָפּשפּרינגענדיק אַף דער ערד.

— איי, כלאָפּצעס, קריכט אַראָפּ פון די פערד,—האָט ער זיך א קער געטאָן צו דעם קאָנוואָי, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט,—די פּאַרשטעלונג הייבט זיך אָן,—האָט ער דערקלערט.—כלאָפּצעס, איבער די שאַרבנס קיינעם ניט קלאַפּן, אַף דעם וועט קומען די צײַט; קיין ווײַבער אויך ניט טשעפּען. אויב עס איז ניט גרויס דער כיישעק, וועט איר זיך אײַנהאַלטן ביזן אָוונט.

איינער פון קאָנוואָי האָט, אויסטשירענדיק די שטאַרקע ציינער, פּראָטעסטירט:

— פּאַרוואָס עפּעס, פּאַניע כאָרונזשי. און אויב מיטן גוטן ווילן?

אַרום האָט מען זיך צעהירזשעט. פּאַליאַניצע האָט א קוק געטאָן אַפן ריידנדיקן מיט אַנציקטער באַווילִיקונג.

— נו, פאַרשטייט זיך, אויב מיטן גוטן ווילן, איז טוט. דאָס קען קיינער ניט פאַרווערן.

צוגייענדיק צו דער פאַרמאַכטער טיר פון מאַגאַזין, האָט פּאַליאַניצע א שטאַרקן שטויס געטאָן זי מיטן פוס, אָבער די פעסטע דעמבענע טיר האָט אפילו ניט א ציטער געטאָן.

אָנהייבן האָט מען באַדאַרפט ניט פונדאַנען. דער אַדיוטאַנט איז אַוועק הינטערן דאַך, צוגעגאַנגען צו דער טיר, וואָס פירט אין כוקס דירע, צוהאַלטנדיק מיט דער האַנט דעם שווערד. הינטער אים האָט זיך געלאָזן סאַלאָמיגע.

אין הויז האָט מען באַלד דערהערט דאָס קלאַפּן פון טלאָען איבערן ברוק, און ווען די טופּעדײַ איז שטיל געוואָרן באַ דער קראָם און דורך די ווענט האָבן זיך דערטראָגן שטימען, האָבן זיך די הערצער ווי אָפּגעריסן און די גופים זײַנען ווי אָפּגעשטאָרבן. אינעם הויז זײַנען געווען דרײַען.

דער גווירפוקס איז נאָך נעכטן אַנטלאָפן פון שטאָט צוזאַמען מיט זײַנע טעכטער און מיט דער פרוי, און אין הויז האָט ער איבערגעלאָזן היטן דאָס גוטס זײַן דינסט ריווע, א שטילע, דערשלאָגענע 19־יאָריקע מיידל. קעדיי איר זאָל ניט זײַן שרעקלעך אין א ליידיקער דירע, האָט ער איר פאָרגעלייגט ברענגען אהער אין שטוב אירע אַלטע—דעם פאָטער און די מוטער— און זאַלבעדריט זאָלן זיי דאָ וווינען, ביז ער וועט זיך אומקערן.

דער כיטרער קאָמערסאַנט האָט אײַנגערעדט די נאָכגיביקע ריווע, אז קיין פּאָגראָם, קען זײַן, וועט גאָר ניט פאָרקומען. וואָס וועלן זיי נעמען באַ אָרעמע־

ליים? דערפאר, אז ער וועט זיך אומקערן, וועט ער שוין איר, ריוועג, געבן א מאטאָגע אפּ א קלייד.

אלע דרייַען האָבן זיך אין אנגסטלעכע האָפענונגען צוגעהערט: עפּ־שער וועט מען דורכפאָרן פארבייַ, עפּשער האָבן זיי א טאָעס געהאט, עפּ־שער האָבן זיך יענע אָפּגעשטעלט ניט בא זייער הויז, עפּשער האָט זיך דאָס פאַשעט אויסגעדוכט. אָבער ווי אָפּפרעגנדיק די דאָזיקע האָפענונגען, האָט מען דומפּ א זעץ געטאָן אין טיר פונעם מאגאזין.

דער אלטער פייסעך מיטן זילבערנעם קאָפּ, מיט די קינדעריש דערשראָ־קענע בלויע אויגן, וועלכער איז געשטאַנען בא דער טיר, וואָס פירט אין מאגאזין, האָט געגומען שעפּטשען א טפילע. ער האָט מיספּאלעל געווען צום אלמעכטיקן גאָט מיט דער גאנצער לייַטשאפטלעכקייַט פון א פאנאטיקער. ער האָט אים געבעטן אָפּווענדן די געפאר פונ זייַן הויז, און די דערבייַ־שטייענדיקע אלטע ווייב זייַנע האָט צוליבן שעפּטשען פון זייַן טפילע ניט דערהערט באלד דעם רויש פון די טריט, וואָס האָבן זיך דערנעענטערט.

ריווע האָט זיך פארטייַעט אינעם סאמע ווייַטן צימער, היגטער א גרויסן דעמבענעם בופעט.

א שארפער, גראָבער זעץ אין טיר האָט אָפּגעהילכט מיט א צוקנדיקן ציטער אין די קערפּערס פון די אלטע.

— עפן אוף! — עס האָט זיך דערהערט א קלאַפּ, א שארפערער פארג ערשטן, און א זידלערייַ פון צעקאָעסטע מענטשן.

אָבער עס איז ניטאָ קיין קויעך אופצוהייבן די הענט און אוראָפּנעמען דאָס קייטל.

פונדרויסן האָבן אָפּט געגומען קלאַפּן קאָלבנס פון ביקסן. די טיר האָט געגומען שפרינגען אפּ די זאווערעס און זי האָט נאָכגעגעבן, געגומען זיך שפאלטן.

די שטוב איז פול געוואָרן מיט באוואָפנטע מענטשן, וואָס האָבן געגור־מען נישטערן איבער אלע ווינקעלעך. די טיר אין קראָם ארייַן האָט מען ארויסגעהאקט מיט א זעץ פון א קאָלבן. אהין איז מען ארייַן, מע האָט אופ־געעפנט דעם פארוקער פון דער אויסווייניקסטער טיר.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס ראבעווען.

ווען די פורן זייַנען שוין געווען אָנגעלאָדן ביז אינדערהויך מיט מאנור־פאקטור, שיך און אנדערע רויב, האָט זיך סאלאָמיגע אוועקגעלאָזן צו גאָ־לובס דירע, און אז ער האָט זיך אומגעקערט צוריק אין שטוב, האָט ער דערהערט א ווילדן געשריי.

פאליאניצע, איבערלאָזנדיק זייַנע יונגען טרייבערן די קראָם, איז ארייַן אין צימער. באטראכטנדיק די דרייַען מיט זייַנע גרינלעכע שארפע אויגן, האָט ער א זאָג געטאָן, ווענדנדיק זיך צו די אלטע:

— טראָגט זיך אָפּ!

סײַ דער טאטע און סײַ די מאמע האָבנ זיכ פונ אָרט ניט גערירט.

פאליאניצע האָט געמאכט א טראָט פאָרויס און האָט לאנגזאמ א צי געטאָנ פונ שייד דאָס שווערד.

— מאמע!—האָט הארצרײַסנדיק אויסגעשריִענ די טאָכטער. דעמ דאָזיקנ געשריי האָט עס דערהערט סאלאָמיגע.

פאליאניצע האָט זיכ א קער געטאָנ צו די ארײַנגעקומענע כאווײרימ זײַנע און א זאָג געטאָנ קורצ:

— שלײַדערט זיי ארויס!—ער האָט אָנגעוויזנ אפ די אלטע, און ווענ יענע האָט מענ מיט גוואלד ארויסגעשטויסנ הינטער דער טיר, האָט פאליאניצע געזאָגט צו סאלאָמיגענ, וואָס איז אָנגעגאנגענ:—דו שטיי א ווײַלע דאָ הינטער דער טיר, און איכ וועל זיכ דאָ מיט דער מיידעלע דורכשמועסנ וועגנ עפּעס.

ווענ דער אלטער פייסעכ האָט זיכ א וואָרפ געטאָנ אפנ געשריי צו דער טיר, האָט א שווערער זעצ אינ ברוסט אימ אָפּגעוואָרפנ צו דער וואנט. דער אלטער איז געבליבנ אָנ אָטעמ פונ ווייטעק. אָבער דעמלט האָט זיכ אינ סאלאָמיגענ אײַנגעקלאמערט, ווי א וואָלפיכע, די שטענדיק שטילע אלטע טויבע.

— אוי, לאָזט, וואָס טוט איר?

זי האָט זיכ געריסנ צו דער טיר, און סאלאָמיגע האָט ניט געקענט אָפּדרײַסנ אירע אלטע פינגער, וואָס האָבנ זיכ פיבערהאפט אײַנגעגעסנ אינ זײַנ זשופאנ.

פייסעכ איז געקומענ צו זיכ, א וואָרפ געטאָנ זיכ איר צוהילפ.

— לאָזט, לאָזט!.. אָ, מײַנ טאָכטער!

זיי האָבנ באנאנד אָפּגעשטויסנ סאלאָמיגענ פונ דער טיר. ער האָט בייז א ריס געטאָנ דעמ נאהאנ פונ הינטערנ פאס און א זעצ געטאָנ מיטנ געקאָוועטנ הענטל איבער דעמ גרויענ קאָפּ פונעמ אלטנ. פייסעכ איז שווײַגנדיק אנידערגעפאלנ.

און פונ צימער האָט זיכ געטראָגנ ריוועס געשריי.

ווענ מע האָט ארויסגעשלעפּט אפנ גאס די פונ זינענ גערירטע טויבע, האָט זיכ די גאס צעהילכט מיט אומענטשלעכע געשרייענ און געבעטנ וועגנ הילפ.

די געשרייענ אינ שטוב האָבנ אופגעהערט.

ארויסגייענדיק פונ צימער, האָט פאליאניצע, ניט קוקנדיק אפ סאלאָמיגענ, וועלכער האָט זיכ שוינ אויכ גענומענ פארנ הענטל פונ טיר, אימ אָפּגעשטעלט:

— גיי ניט—זי איז דערשטיקט געוואָרנ: איכ האָב זי עטוואָס מיטנ קישנ צוגעדעקט.—און איבערשפרײַזנדיק איבער פייסעכס טויטנ קערפּער, איז ער ארײַנגעטראָטנ אינ א טונקעלער געדיכטער פּליסיקײַט.

— עפּעס ניט געלונגענ האָט זיכ עס אָנגעהויבנ,— האָט ער ארויסגעקוויטשעט, שוינ ארויסגייענדיק אפנ גאס.

נאָך אים זײַנען שווײַגנדיק געגאַנגען די איבעריקע, און פֿון זייערע פֿיס זײַנען אַפּן דיל פֿון צימער און אויף די טרעפּ געבליבן בלוטיקע פֿלעקן.

און אין שטאָט איז שוין דער פּאָגראָם געווען אין פֿולן גאַנג. עס האָבן אופגעפלאַקערט קורצע ווילדע געראַנגלען צווישן די פּאָגראָמשטשיקעס, וואָס האָבן ניט געקענט צעטיילן צווישן זיך דאָס רויב. דאָ און דאָרט האָבן זיך פֿאַר־הויבן אַרויסגעכאַפּטע שווערדן. און קימאַט אומעטום איז געגאַנגען אַ געשלעג.

פֿון ביר־הויז האָט מען אַרויסגעקײַקלט אַפּן ברוק דעמבענע צענעמערדי־קע פֿעסער.

נאָכדעם איז מען געקראָכן איבער די הײַזער.

קיינער האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין ווידערשטאַנד. מע האָט געבישטערט איבער די הײַזער. אײַליק האָט מען געזוכט אומעטום און מע איז אוועק אָנגעלאָדענע, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אופגערודערטע הורבעס שמאַטעס און פּוך פֿון אופגעשניטענע קישנס און פּערענעס.

אינעם ערשטן טאָג זײַנען געווען בלויז צוויי קאָרבאָנעס: ריווע און איר פֿאָטער, אָבער די אָנקומענדיקע נאַכט האָט מיט זיך געטראָגן אומבאַדינגט אומקום.

אָוונט־צו האָט זיך די גאַנצע פֿאַרשיידנאַרטיקע שאַקאַלן־באַנדע אָנגע־שיקערט אַף טויט. די שיקערע פּעטליוראָווצעס האָבן געוואַרט אַף דער נאַכט.

די פֿינצטערניש האָט צעבונדן די הענט. אינעם שוואַרצן כוישעך איז לײַכטער דערוועגן אַ מענטשן: אַפֿילע אַ שאַקאַל האָט אויך ליב די נאַכט, און ער פֿאַלט דאָך אויך אָן בלויז אַף פֿאַרוואונדטע.

אַסאַך וועלן ניט פֿאַרגעסן די דאָזיקע שרעקלעכע צוויי נעכט און דרײַ טעג. וויפֿל צעקריפּלטע, צעריסענע לעבנס, וויפֿל יונגע קעפּ זײַנען גראָ געוואָרן אין די דאָזיקע בלוטיקע שאָען, וויפֿל טרערן איז דאָ פֿאַרגאָסן גע־וואָרן, און ווער ווייס, צי זײַנען געווען מער גליקלעכע די, וואָס זײַנען גע־בליבן לעבן, מיט אויסגעליידיקטע נעשאָמעס, מיט אומענטשלעכע ליידן פֿון אייביקער כאַרפּע, מיט אַ ווייטעק, וואָס מע קען דאָס גאָר ניט איבערגעבן, מיט אַ ווייטעק וועגן די אַף אייביק אומגעקומענע נאָענטע פֿרײַנט. גלײַכ־גילטיקע צו אַלץ, זײַנען געלעגן אין די שמאָלע געסעלעך יונגע מיידלשע קערפּערס מיט פֿיבערדיק פֿאַרוואָרפֿענע הענט, פֿאַרפֿײַניקטע, צונויפֿגע־קאָרטשעטע, געשענדעטע.

און בלויז באַם סאַמע טײַכל אין נאָכעם דעם שמידס הויז האָבן די שאַ־קאַלן, וואָס האָבן זיך אַרופֿגעוואָרפֿן אַף זײַן יונגער פֿרוי סאָרע, באַקומען אַ שאַרפֿן ווידערשטאַנד.

דער גיבער דער שמיד, אַן אָנגעגאָסענער מיט קויעך פֿון זײַנע פֿיר און צוואַנציק יאָר, מיט שטאָלענע מוסקולן פֿון אַ האַמערער, האָט ניט געוואָלט אָפּגעבן זײַן פֿרוי.

אין א שוידערלעכן קורצן געראנגל אינעם קליינינקן הייזל האָבן זיך, ווי צוויי פוילע קאוועס, צעשפּאָלטן צוויי פּעטליורישע קעפּ. א שרעקלעכער אין זיין קאפּ פון א פארורטיילטן, האָט דער שמיד צאָרנדיק־גאר־ביסן פארטיידיקט צוויי לעבנס, און לאנג האָבן געקנאלט טרוקענע שאָסן באַם טייַך, וווהין עס זיינען זיך צונויפגעלאָפן די גאָלובאָוועס, וואָס האָבן דערפילט א געפאר. אויסשיסנדיק אלע קוילן, האָט נאָכעם די לעצטע קויל אָפּגעגעבן סאָרען, און אליין זיך א וואָרף געטאָן דעם טויט אנטקעגן, האלטנדיק אויסגעשטרעקט דעם באגנעט. ער איז געפאלן, א פארשניטענער פון א בלייענעם האָגל, באלד אפן ערשטן טרעפּל, צודריקנדיק די ערד מיט זיין שווערן קערפּער.

אַ זאטע פערדלעך האָבן זיך אין שטעטל באוויזן טאקעצע פויערימלעך פון די נאָענטע דערפער, זיי האָבן אָנגעלאָדן די פורן מיט דעם, וואָס זיי איז געפעלן געוואָרן. אין דער באגלייטונג פון זייערע זין און קרוויוים, וואָס זיינען געווען אין גאָלובס אָטריאד, האָבן זיי געיילט קערן זיך אין דאָרף צוויי—דריי מאָל אהין און צוריק.

סעריאָזשע ברוזשאק, וואָס האָט מיטן טאטן אויסבאהאלטן אין קעלער און אפן בוידעם א העלפט פון די כאוויירים פון דרוקעריי, האָט זיך אומגעקערט דורכן גאָרטן צו זיך אין שטוב; ער האָט דערזען א מענטשן, וואָס איז געלאָפן איבערן שאָסיי.

מאכנדיק מיט די הענט, אין א לאנגן געלאטעטן סורדוט, אָן א היטל, קוים אָפּכאפּנדיק דעם אָטעם, איז געלאָפן אן אלטער ייִד, וואָס זיין געזיכט איז טויט־בלאס געווען פון שרעק. פונהינטן, שנעל אָניאָגנדיק אים, אָנגעבויגן אפ געבן אים א קלאפּ, איז אפ א גרויען פערד געפלויגן א פעטליראָוועץ. הערנדיק דאָס צאָקען פונעם פערד הינטער זיך, האָט דער אלטער אופגעהויבן די הענט, ווערנדיק דערמיט זיך פארטיידיקן. סעריאָזשע האָט זיך א ריס געטאָן אפן שליאך, זיך א וואָרף געטאָן צום פערד, פארצאמט מיט זיך דעם אלטן:

— טשעפּע ניט, באנדיט, הונט!

דער רייטער האָט ניט געוואָלט אָפּהאלטן דעם זעץ מיטן שווערד און ער האָט א שניט געטאָן איבער דעם יונגן בלאָנדן קאָפּ.

פינפטער קאפיטל

די רויטע האָבן אקשאָנעסדיק געיאָגט די טיילן פונעם „האָלאָווני״ אטא־מאַן פעטליורע. גאָלובס פּאָלק איז ארויסגערופן געוואָרן אפן פראָנט. אין שטעטל איז פארבליבן א קליינע וואך און די קאָמענדאטור.

מענטשן האָבן אָנגעהויבן קומען צו זיך. די יידישע באפעלקערונג, באַנוצנדיק זיך מיטן צייטווייליקן שטילשטאנד, האָט מעקאבער געווען די געהארגעטע, און אין די קלייניקע הייזקעס פון די יידישע קווארטאלן האָט זיך ווידער אָנגעהויבן א לעבן.

אין די שטילע אָוונטן האָבן זיך פונדערווייטנס דערטראָגן ווי אומקלאָרע דונער־קנאלן. ערגעץ־ווו ניט ווייט זיינען געגאנגען שלאכטן.

די אייזנבאנער זיינען זיך צעקראָכן פון דער סטאנציע איבער די דערפער. זיי האָבן געזוכט ארבעט.

די גימנאזיע איז געווען פארמאכט.

אין שטאָט איז דערקלערט געוואָרן קריגס־צושטאנד.

*

אן אומהיימלעכע, אָנגעכמורעטע נאכט.

אין אזעלכע נעכט קענען ברייט צעעפנטע שווארצאפלען ניט בייקומען די פינצטערניש, און מענטשן באוועגן זיך טאפּנדיק, בלינד, ריזיקירנדיק צעברעכן דעם קאָפּ אין יעדער רוי.

דער באלעבאטישער מענטש ווייס: אין אזא צייט דארף מען זיצן אינדערהיים און ניט ברענען אומזיסט קיין פייער. ז'י שיין קען צוציען עמעצן א ניט־געבעטענעם. בעסער פאר אלץ איז אינדערפינצטער. ס'איז רויקער. פאראן מענטשן, וואָס זיינען שטענדיק אומרויק. זאָלן זיי זיך גיין. מיט זיי האָט דער באלעבאטישער מענטש קיינשום אייסעק ניט. אָבער אליין וועט ער ניט גיין. זייט זיכער, ער וועט ניט גיין.

און אין אזא נאכט איז געגאנגען א מענטש.

ער האָט זיך דערקליבן צו קאָרטשאגינס שטיבל, פאָרזיכטיק אָנגעקלאפּט אין פענצטער. ניט באקומענדיק קיין ענטפער, האָט ער א קלאפּ געטאָן נאָכאמאָל מיט מער אקשאָנעס.

פאווקע זעט אין כאַלעס: אַפּ אים צילט אָן דעם קוילנוואַרפער עפעס אַ מאָדנע בריִע, וואָס איז גאָר ניט ענלעך צו אַ מענטשן; ער פרוווט אַנטלויפן, אָבער אַנטלויפן איז ניטאָ וווהין, און דער קוילנוואַרפער קנאַלט עפעס גאָר שרעקלעך.

די שויב ציטערט פון די אָקשאַנעסדיקע קלעפּ.

אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, איז פאוועל צוגעגאַנגען צום פענצטער און געפּרוווט דערזען, ווער עס קלאַפּט. אָבער אויסער אַן אומקלאָרן, טונקעלן סילועט, האָט ער גאָרנישט ניט געזען.

ער איז געווען אַליין אין שטוב. די מאַמע איז אַוועקגעפאָרן צו דער עלטערער טאָכטער, וואָס איר מאַן האָט געאַרבעט פאַר אַ מאַשיניסט אַפּ אַ צוקער־זאַוואָד. אַרטיאָם ווידער איז געוואָרן אַ שמיד אין שכייניש ן דאָרף, ער האָט אויסגעאַרבעט מיטן האַמער אַפּ צום עסן.

קלאַפּן האָט געקענט בלויז אַרטיאָם.

פאוועל האָט באַשלאָסן עפענען דאָס פענצטער.

— ווער איז דאָרט? — האָט ער אַ פרעג געטאָן אין דער פינצטערניש.

הינטערן פענצטער האָט זיך אַ באַוועג געטאָן אַ פיגור, און אַ גראָבער, צוגעשטיקטער באַס האָט געענטפערט:

— דאָס בין איך, זשוכריי.

אַפן פענצטער־ברעטל האָבן זיך אַרופגעלייגט צוויי הענט, און אין אייך הייך מיט פאוועלס געזיכט איז אויסגעוואָקסן פיאָדאָרס קאָפּ.

— איך בין צו דיר געקומען נעכטיקן. פאַרשטייסט, ברודערקע? — האָט ער געשעפּטשעט.

— נו, פאַרשטייט זיך, — האָט פריינטלעך געענטפערט פאוועל. — וואָס איז דאָ פאַר אַ רייד? קריך אין פענצטער אַריַין.

פיאָדאָרס שווערע פיגור האָט זיך אַריַינגעשטופּט אין פענצטער.

פאַרמאַכנדיק נאָך זיך דאָס פענצטער, איז פיאָדאָר ניט באַלד אָפּגעטראָטן פון אים. ער איז געשטאַנען און זיך צוגעהערט, און ווען די לעוואָנע האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון הינטער די וואָלקנס און עס איז געוואָרן קענטיק דער שליאַך, האָט ער אים באַטראַכט אויפמערקזאַם און זיך אומגעקערט צו פאוועלען.

— מיר וועלן ניט אויפוועקן די מאַמע? זי שלאָפט מיסטאָמע.

פאוועל האָט פיאָדאָרן געזאָגט, אַז אינדערהיים איז אויסער אים קיינער ניטאָ. דער מאַטראָס האָט זיך דערפילט פריַיער און האָט אָנגעהויבן ריידן העכער:

— פאַר מיר, גוטער ברודער, האָבן זיך די דאָזיקע שינדער גענומען ערנסט. זיי זוכן זיך נויקעם פאַרן לעצטן טומל אַפּ דער סטאַנציע. ווען כעוורע וואָלט געווען מער אייניק, וואָלטן מיר בייסן פּאָגראָם געקענט איַינ־אָרדענען די „גרויע זשופּאַנעס" אַ פיַינעם אופן. אָבער, פאַרשטייסט, דער אוילעם האָט מוירע צו קריכן אין פיַיער. עס איז דורכגעפאַלן. איצט יאָגט

מען זיך נאָך מיר. צוויי מאָל האָט מען אפּ מיר א געיעג אײַנגעאָרדנט. הײַנט האָבן זיי מיך שיר ניט געפּאַקט. איך גיי מיר צו צום שטוב, פאַרשטייט זיך, מיט די הינטערהויפן, און שטעל זיך אָפּ באַם שטאָל. איך זע: אין סאָד שטייט עמעצער, ער האָט זיך צום בוים צוגעדריקט. נאָר דער באַגנעט האָט אים ארויסגעגעבן. איך האָב, פאַרשטייט זיך, געגומען דעם וועג. אָט ביז איך צו דיר געקומען. דאָ וועל איך, גוטער ברודערל, אפּ עטלעכע טעג זיך שטעלן אפן אַנקער. האָסט גאָרנישט קעגן? נו, איז גוט.

זשוכרײַ האָט סאָפּענדיק אראָפּגעצויגן די פאַרקויטיקטע שטיוול.

פּאַוועל איז געווען צופרידן פון זשוכרײַס קומען. די לעצטע צײַט האָט די עלעקטרעסטאַנציע ניט געאַרבעט, און פּאַוולען איז געווען אומעטיק אַליין אין א ליידיקער דירע.

מע האָט זיך געלייגט שלאָפן.

פּאַוועל איז באַלד אַנשלאָפן געוואָרן, און פיאָדאָר האָט נאָך לאַנג געדרייט. נאָכדעם האָט ער זיך אויפגעהויבן פון בעט און, גייענדיק שטיל מיט די באָרוועסע פיס, איז ער צו צום פענצטער. ער האָט לאַנג געקוקט אפּ דער גאַס, זיך אומגעקערט צוריק צום בעט און איז אײַנגעשלאָפן, באַזיגט פון דער מידקײַט. זײַן האַנט, פאַרוקט אונטערן קישן, איז געלעגן אפן שווערן קאָלט, דערוואַרעמענדיק אים מיט איר וואַרעמקײַט.

*

זשוכרײַס אומגעריכטע קומען באַנאַכט און דאָס געמיינזאַמע לעבן מיט אים אין פאַרלויף פון די דאָזיקע אַכט טעג האָבן זיך ארויסגעוויזן אלס זייער באַדײַטנדיקע פאַר פּאַוולען.

צום ערשטן מאָל האָט ער דערהערט פונעם מאַטראָס אַזויפיל אופרעגנדיקס, וויכטיקעס און נײַעס, און די דאָזיקע טעג זײַנען פאַרן יונגן הייצער געוואָרן באַשליסנדיקע.

דער מאַטראָס, א פאַרקועטשטער, ווי א מויז אין פּאַסטקע, צווישן צוויי באַהאַלטענע אויסשפּירונגען, האָט אויסגענוצט די געצוווּנגענע אומטעטיקײַט און איבערגעגעבן דעם דורשטיק-הערנדיקן פּאַוולען זײַן גאַנצע פלאַמיקע סינע און די פײַנטשאַפט צו די „זשאָווטאָ-בלאַקיטניקעס”, וואָס האָבן דערשטיקט דעם גאַנצן קאַנט.

גערעדט האָט זשוכרײַ פאַרביק, קלאָר, פאַרשטענדלעך, מיט א פּאָשעטער שפּראַך. פאַר אים האָט ניט עקזיסטירט גאָרנישט אַזוינס, וואָס איז אונטער א פראַגע-צייכן. דער מאַטראָס האָט פעסט געוווּסט זײַן וועג, און פּאַוועל האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז דער דאָזיקער גאַנצער קנויל פאַרשיידענע פּאַרטייען מיט שיינע נעמען: סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן, סאָציאַל-דעמאָקראַטן, פּוילישע פּאַרטיי סאָציאַליסטן—דאָס זײַנען בייזע סאָנים פון די אַר-

בעטער, און נאָר די באָלשעוויסטישע פאַרטיי איז די איינציקע רעוואָליוציאָנערע, אומגעוואַקלטע פאַרטיי, וואָס קעמפט קעגן אַלע רייַכע.

פריִער האָט זיך פּאַווע אין דעם אָן א שיר געפּלאָנטערט.

און דער גרויסער, שטאַרקער מענטש, דער איבערצייַגטער באָלשעוויק, וואָס איז געווען פאַרהאַרטעוועט פון יאַמ־שטורעמס, דער מיטגליד פון רסדאפּ(ב) פון טויזנט נייַן הונדערט פופצנטן יאָר, דער באַלטישער מאַטראָס פיאָדאָר זשוכרייַ, האָט דערציילט דעם יונגן הייצער, וואָס האָט געקוקט אַף אים מיט באַצויבערטע אויגן, דעם האַרבן עמעס פון לעבן.

— איך, ברודער, בין קינדווייַז אויך געווען אַזא ווי דו,—האָט ער געזאָגט,—ניט געוווסט, ווו די קויכעס אַהינצוטאָן. עס האָט פון מיר אַרויסגעשפּאַרט א שטאָלצע נאַטור. געלעבט אין אָרעמקייַט. ס'פלעגט טרעפן, דו קוקסט אַף די זאַטע און אויסגעפּוצטע באַלעבאַטישע זינדלעך, און עס כאַפּט דיך אָן א סינע. אָפט האָב איך זיי געשלאָגן אָנראַכמאָנעסדיק, אָבער דערפון האָט זיך גאָרנישט באַקומען, אויסער מוירעדיקע קלעפּ פונעם טאַטן. אין איינזאַמען קאַמף וועסטו דאָס לעבן ניט איבערמאַכן. דו, פּאַוולושע, פאַרמאָגסט אַלץ, כדי צו זייַן א גוטער קעמפער פאַר דער אַרבעטער־זאַך, מער ניט, וואָס דו ביסט זייער יונג און דו האָסט זייער א שוואַכן באַגריף וועגן קלאַסן־קאַמף. איך וועל דיר, ברודערל, דערציילן וועגן דעם עמעסן וועג, ווייַל איך ווייס, פון דיר וועט אַרויסקומען א לייַט. שטילינקע און צוגעשמירטע פאַרטראָג איך ניט. איצט האָט זיך אַף דער גאַנצער וועלט א סרייפע אָנגעצונדן. עס זייַנען אויפגעשטאַנען די שקלאַפן, און דאָס אַלטע לעבן דאַרף מען אַראָפּלאָזן אַפן דעק. אָבער אַף דעם איז נייטיק א כעווראַ געוואַגטע, ניט קיין מאַמעס זינדלעך, נאָר אַן אוילעם א פעסטער, וואָס קריכט ניט אין לאָך פאַרן געשלעג, ווי א פרייַס פונעם ליכט, נאָר שלאָגט אָן ראַכמאָנעס.

ער האָט מיט קויעך א זעץ געטאָן מיטן פויסט איבערן טיש.

זשוכרייַ איז אויפגעשטאַנען; אַרייַנגערוקנדיק די הענט אין די קעשענעס, אַנגעכמורעטער, האָט ער גענומען שפּרייַזן איבערן צימער.

פיאָדאָרן האָט געמאַטערט די אומטעטיקייַט. ער האָט זייער באַדויערט, וואָס ער איז געבליבן אינעם דאָזיקן שטעטל, און האַלטנדיק זייַן ווייַטער־דיקן זיצן דאָ פאַר אומנוצלעך, האָט ער פעסט באַשטימט אַריבערפּעקלען זיך איבערן פראָנט די רויטע טיילן אַנטקעגן.

אין שטאָט איז געבליבן א גרופּע פון נייַן פאַרטיי־מיטגלידער, וואָס האָבן געדאַרפט פירן די אַרבעט.

„איר וועט זיך באַגיין אָן מיר אויך, און איך קען מער ניט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. גענוג אַזוי אויך באַגראָבן צען כאַדאָשים", האָט מיט אויפרעגונג געטראַכט זשוכרייַ.

— ווער ביסטו, פיאָדאָר?—האָט אים איינמאָל געפרעגט פּאַווע.

זשוכרײַ איז אופגעשטאנען און פארוקט די הענט אין די קעשענעס. ער האָט אין ערשטן אויגנבליק ניט פארשטאנען די פראגע.

— צי דען ווייסטו ניט, ווער איך בין?

— איך טראכט, אז דו ביסט א באָלשעוויק אָדער א קאָמוניסט,—האָט שטיל געענטפערט פאוועל.

זשוכרײַ האָט זיך צעלאכט, מיט שפאס א זעץ געטאָן אין זײַן ברייטער ברוסט, וואָס איז געווען פארצויגן אין א געשטרײַפטן לײַב־העמד.

— דאָס איז קלאָר, ברודערקע. עס איז פונקט אזוי פאקט, ווי דאָס, אז א באָלשעוויק און א קאָמוניסט איז איינס און דאָס זעלבע.— און ער איז מיט־אמאָל געוואָרן ערנסט.—וויבאלד דו פארשטייסט עס, טאָ געדענק, אז קיינעם טאָר מען וועגן דעם אין ערגעץ ניט דערציילן, אויב דו ווילסט ניט, אז מע זאָל מיר די קישקעס ארויסלאָזן. פארשטאנען?

— פארשטאנען,—האָט פאוועל געענטפערט.

אפן הויף האָבן זיך דערהערט שטימען, און די טיר האָט זיך אָנ א קלאַפ אופגעעפנט. זשוכרײַס האנט האָט זיך פלינק ארײַנגערוקט אין קעשענע, אָבער ער האָט זי באלד פון דאָרטן צוריק ארויסגענומען. אין צימער איז מיט אן איבערגעבונדענעם קאָפּ ארײַן סעריאָזשע ברוזשאק, אן אויסגעדאר־טער, א בלייכער. נאָך אים זײַנען ארײַן וואַליע און קלימקע.

— גוטמאָרגן, שווארציאָר,— האָט סעריאָזשע שמייכלענדיק דערלאנגט די האנט פאוולען.—מיר זײַנען צו דיר זאלבעדריט צוגאסט געקומען. וואַליע לאָזט מיך ניט איינעם אליין. זי האָט מוירע. און קלימקע לאָזט ניט וואַליען אליין, ער האָט אויך מוירע. ער איז אפילע א געלער, אָבער פונדעסטוועגן קלײַבט ער זיך פאנאנדער, ווען, ווהין עס איז געפערלעך צו לאָזן אליין.

וואַליע האָט שפאסנדיק אים פארמאכט מיט דער האנט דאָס מויל.

— אָט א פּלאפּלער,—האָט זי זיך צעלאכט,—ער לאָזט הײַנט קלימקען ניט לעבן.

קלימקע האָט גוטמוטיק געלאכט, ווײַזנדיק די ווײַסע ציינער.

— וואָס קען מען האָבן צו א קראנקן מענטשן? דער שארבן איז בא אים קאַליע, פלוידערט ער טאקע.

אלע האָבן זיך צעלאכט.

סעריאָזשע, וואָס איז נאָך ניט געקומען צו זיך פונעם קלאַפּ, האָט זיך צוגעשפארט אפ פאוועלס בעט, און אינגיכן האָט זיך צווישן די כאַווײרים אָנגעהויבן א הייסער שמועס. שטענדיק א פריילעכער און א האָפערדיקער, האָט סעריאָזשע, וואָס איז איצט געווען דערדריקט און שווײַגנדיק, דערציילט זשוכרײַען, ווי דער פעטליוראָוועץ האָט אים דערלאנגט דעם קלאַפּ.

זשוכרײַ האָט געקענט די אלע, וואָס זײַנען געקומען צו פאוולען. ער איז ניט איין מאָל געווען בא די ברוזשאקס. אים איז געווען געפעלן די דאָזיקע יוגנט, וואָס האָט נאָך ניט געפונען איר וועג אינעם געווירבל פון קאמף, אָבער

וועלכע האָט קלאָר אויסגעדריקט די שטרעבונג פון איר קלאַס. און ער האָט אופמערקזאַם געהערט די דערציילונגען פון די יונגע יאַטן וועגן דעם, ווי יעדערער פון זיי האָט געהאָלפן באַהאַלטן בא זיך יידישע געזינדן, ראַטעווענדיק זיי פונעם פּאָגראָם. אינעם דאָזיקן אָוונט האָט ער פיל געהערט וועגן באָלשעוויקעס, וועגן לענינען, העלפנדיק יעדערן פון זיי באַנעמען די געשעענישן.

שפּעט אינאָוונט האָט פּאַוועל באַגלייט די געסט.

זשוכרײַ פלעגט אַלע אָוונט אַוועקגיין און זיך אומקערן באַנאַכט. ער האָט זיך דערעדט פאַרן אַוועקפאָר מיט די איבערבלײַבנדיקע כאַווירים וועגן זייער אַרבעט. אין דער דאָזיקער נאַכט האָט זיך זשוכרײַ ניט צוריקגעקערט. פּאַוועל האָט זיך אופגעכאַפּט אינדערפרי און דערזען א פּוסטע בעט.

פאַרכאַפּט פון עפּעס אַן אומקלאָרן פּאָרגעפיל, האָט קאָרטשאַגין זיך גיך אָנגעטאָן און איז אַרויס פון שטוב. פאַרשלאָסן די טיר און אַוועקגעלייגט דעם שליסל אפן אָפּגערעדטן אָרט, איז פּאַוועל אַוועק צו קלימקען, האָפנדיק צו דערוויסן זיך בא אים עפּעס וועגן פיאָדאָרן. קלימקעס מאַמע, א נידעריקע, ברייטפּלייציקע פרוי, מיט א געשטופּלטן פּאָנעם, האָט געוואַשן וועש, און אפן קאָרטשאַגינס פראַגע, צי ווייס זי ניט, ווו איז פיאָדאָר, האָט זי געענטפערט קורץ:

— וואָס איז, איך האָב מער ניט קיין געשעפטן, ווי דײַנע פיאָדאָרן נאָכקוקן? צוליב אים, דעם שוואַרציאָר, האָט מען בא זאָזוליכען די גאַנצע שטוב איבערגעקערט. אפן וואָס דאַרפסטו אים האָבן? וואָס איז דאָס פאַר א קאָמפּאַניע? געפונען זיך כאַווירים: קלימקע, דו...—זי האָט פאַרביטערט ווײַטער געוואַשן די וועש.

A 9061

קלימקעס מאַמע האָט געהאַט א שאַרפן צינגל, פלעגט זיך שטענדיק זידלען.

פון קלימקען איז פּאַוועל אַוועק צו סעריאָזשען. ער האָט אים דערציילט, פון וואָס ער איז אומרויִק. וואַליע האָט זיך אַרײַנגעמישט אין געשפּרעך:

— וואָס ביסטו אַזוי צעטראָגן? ער איז, קען זײַן, בא באַקאַנטע געבליבן.—אָבער אין איר שטים איז ניט געווען קיין זיכערקײַט.

בא די ברוזשאַקס האָט פּאַוועל ניט געקענט אײַנזיצן. ער איז אַוועק, ניט געקוקט אפן דעם, וואָס מע האָט אים אײַנגערעדט, ער זאָל בלײַבן צו מיטיק.

ער איז צוגעגאַנגען אַהיים מיט דער האָפענונג טרעפן זשוכרײַען.

די טיר איז געווען צוגעמאַכט אפן שלאָס. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט א שווערן געפיל: אים האָט זיך ניט געוואָלט אַרײַנגיין אין דער ליידיקער דירע.

עטלעכע מינוט איז ער א פאַרקלערטער געשטאַנען אפן הויף, און, געטריבן פון עפּעס אַן אומקלאָרן געפיל, איז ער אַוועק אין שטאַל, זיך פאַר־

ליבנ אונטערנ דאכ, אונ אָפטרייסלענדיק זיכ פונעם שפינוועבס, האָט ער ארויסגעשלעפט פונ א באהאלטענעם ווינקעלע דעם שווערנ „מאנליכער", א פארחיקלטנ אינ שמאטעס.

ער איז ארויס פונ שטאל, פיל. ״ק אינ קעשענע די רעגנדיקע שווערקייַט פונ רעוואָלווער, אונ ער איז אווע צום סטאנציע.

וועגנ זשוכרייַענ האָט ער זיכ ג ינישט ניט דערוווּסט. אומגעקערט זיכ צוריק, האָט ער לעבנ באקאַנטנ הויפ פונעם וואלד־אופזעער פארלאנגזאמט דעם טראָט. מיט אומקלאָרער האָפענונג האָט ער געקוקט אינ פענצטער פונעם הויז, אָבער דער סאָד אונ דאָס הויז זייַנענ געווענ פוסט. ווענ דער הויפ איז געבליבנ פונהינטנ, האָט ער זיכ אומגעקוקט אפ די שטעגעלעכ פונ סאָד, וואָס זייַנענ געווענ באדעקט מיט פאראיאָריקע פארוועלקטע בלעטער. ווי א פארוואָרפענער, א פארלאָזענער האָט ער אויסגעזעענ, דער סאָד. ווייַזט אויס, אז עס האָט זיכ ניט צוגערירט צו אים די זאָרגעווודיקע האנט פונעם באלע־באָס, אונ פונ דער דאָזיקער פוסטקייַט אונ שטילקייַט פונעם אלטנ גרויסנ הויז איז אים געוואָרנ נאָכ אומעטיקער.

די לעצטע צאנקערייַ זייַנע מיט טאָניענ איז געווענ די סאמע ערנסטע צווישנ אלע פריִערדיקע. פאָרגעקומענ איז עס אומדערווארט, קימאט מיט א כוידעש צוריק.

לאנגזאמ שפרייַזנדיק אינ שטאָט אריַינ, פארוקנדיק טיפ די הענט אינ די קעשענעס, האָט פאוועל זיכ דערמאָנט אָנ דעם, ווי עס איז אויסגעבראָכנ די קריגערייַ.

בייס איינער פונ די צופעליקע באגעגענישנ אפנ שליאכ האָט אים טאָניע גערופנ צו איר צוגאסט.

— דער טאטע אונ די מאמע גייענ אוועק צו די באָלשאנסקעס אפ גע־בורטסטאָג־פייַערונג. אינדערהיימ בלייַב איכ איינע אליינ. קומ צו גיינ, פאוו־לושע. מירנ לייענענ זייער אנ אינטערעסאנטנ בוכ, לעאָניד אנדרייעווס — „סאשקע זשיגוליאָוו". איכ האָב אים שוינ איבערגעלייענט, אָבער מיט דיר וואָלט איכ אים מיט פארגעניגנ פונדאָסנייַ איבערגעלייענט. מיר וועלנ זייער גוט פארברענגענ אנ אָוונט. וועסט קומענ?

פונ אונטער דעם ווייַסנ היטעלע, וואָס האָט פעסט ארומגעכאפט די גע־דיכטע קאשטאנ־האָר, האָבנ אפ קאָרטשאגינענ, אויסווארטנדיק געקוקט אירע גרויסע אויגנ.

— איכ וועל קומענ.

אונ זיי האָבנ זיכ צעשיידט.

פאוועל האָט געייַלט צו די מאשינעס, אונ פונעם געדאנק, אז אים שטייט פאָר זייַנ א גאנצנ אָוונט אינ טאָניעס געזעלשאפט, האָבנ די אויוונס, ווי עס האָט זיכ אים אויסגעדוכט, געברענט העלער אונ די שייַטלעכ האָלצ האָבנ געקנאקט פרייליכער.

אין יענעם אָוונט האָט אַפֿ זײַן קלאַפּ אין דער ברייטער פּאַראַדנער טיר אים געעפֿנט טאָניע. זי האָט אַביסל אין פֿאַרלעגנהײַט געזאָגט:

— באַ מיר זײַנען געסט. איך האָב זיך אַפֿ זיי ניט געריכט, פּאַוולושע. אָבער דו דאַרפֿסט ניט אַוועקגיין.

קאָרטשאַגין האָט זיך אַ קער געטאָן צוריק און זיך געקליבן אַוועקגיין.

— קום,—האָט זי אים אָנגעכאַפּט פֿאַרן אַרבל.—זיי וועט זײַן נוצלעך זיך באַקענען מיט דיר.—און אַרומכאַפּנדיק אים מיט דער האַנט, האָט זי אים דורכגעפֿירט דורכן עסצימער צו זיך.

אַרײַנגייענדיק אין איר צימער, האָט זי זיך געווענדעט צו די זיצנדיקע יונגעלײַט און שמייכלענדיק געזאָגט:

— איר זײַט ניט באַקאַנט? מײַן פֿרײַנט פּאַוועל קאָרטשאַגין.

אַרום דעם קליינעם טישל אינמיטן צימער זײַנען געזעסן: ליזע סוכאַרקאָ, אַ פֿײַנינקע, אַ שוואַרצביינעוודיקע גימנאַזיסטקע מיט אַ קאַפּריזנעם מײַלכל, מיט קאָקעטיש פֿאַרקאַמטע האָר, עפּעס אַ לאַנגער יונגער יאַט אין אַ פֿײַנעם שוואַרצן פּידזשאַק, מיט צוגעגלעטע, פֿון וועזשעטאַל גלאַנצנדיקע האָר, מיט גרויע אויגן און מיט אַ לאַנגווײַליקן בליק. דעם יאַט האָט פּאַוועל ניט געקענט. צווישן זיי איז אין אַ פֿראַנטישער גימנאַזיסטישער קורטקע געזעסן וויקטאָר לעשטשינסקי. אים האָט פּאַוועל באַמערקט דעם ערשטן, ווי נאָר טאָניע האָט געעפֿנט די טיר.

לעשטשינסקי האָט באַלד דערקענט קאָרטשאַגינען, און זײַנע דינע בויגנאַרטיקע ברעמען האָבן זיך פֿאַרוווּנדערט אויפֿגעהויבן.

פּאַוועל איז געשטאַנען אין טיר אַ ווײַלע שווײַגנדיק, אָפּברײַענדיק וויקטאָרן מיט אַ בײַזן קוק. דאָס דאָזיקע אומגעשיקטע שווײַגן האָט טאָניע געײַלט צו צעשטערן. זי האָט אײַנגעלאַדן פּאַוולען אַרײַנגיין, און ווענדנדיק זיך צו ליזען, האָט זי געזאָגט:

— באַקענט זיך.

נײַגעריק באַטראַכטנדיק דעם אַרײַנגעקומענעם, האָט זיך סוכאַרקאָ אויפֿגעהויבן.

פּאַוועל האָט זיך שאַרף אומגעקערט און איז אַפּגיך אַוועק דורך דעם האַלב־פֿינצטערן עסצימער צום אַרויסגאַנג. טאָניע האָט אים אָנגעיאָגט שוין אַפֿ די טרעפּ און, אָנכאַפּנדיק אים פֿאַר די אַקסלען, האָט זי אויפֿגערעגט געזאָגט:

— פֿאַרוואָס ביסטו אַוועק? איך האָב דאָך בעקיוון געוואָלט, אַז זיי זאָלן זיך באַקענען מיט דיר.

אָבער פּאַוועל האָט אַראָפּגענומען פֿון די אַקסלען אירע הענט און שאַרף געענטפֿערט:

— ניטאָ וואָס אַרויסצושטעלן מיך אַפֿ באַקוקן פֿאַר די דאָזיקע פּוסטעפּאַסניקעס. מיר איז מיט דער דאָזיקער קאָמפּאַניע ניט אָנגענעם צו זיצן אינאיינעם. דיר זײַנען זיי, עפּשער, אָנגענעם, אָבער איך קען זיי ניט אָנזען.

איכ האָב ניט געוווּסט, אַז דו פּירסט מיט זיי כאַווערשאַפט, ווענ ניט, וואָלט איכ צו דיר קיינמאָל ניט געקומענ.

טאָניע האָט, פאַרהאַלטנדיק איר אופגעבראַכטקייַט, אים איבערגעשלאָגנ:

— ווער האָט דיר געגעבנ רעכט אַזוי מיט מיר צו ריידנ? איכ פרעג באַ דיר ניט, מיט וועמענ דו כאַווערסט זיכ אונ ווער עס קומט צו דיר.

אראָפּגייענדיק פונ די טרעפּלעכ אינ סאָד אַרייַנ, האָט פּאַווּעל אַ זאָג געטאָנ שאַרפ:

— טאָ זאָלנ זיי זיכ גיינ, אונ איכ וועל מער ניט קומענ. — אונ איז אוועקגעלאָפנ צום פּערטל.

פונ דעמאָלט אָנ האָט ער זיכ מיט טאָניענ ניט געזעענ. בייַס דעם פּאָגראָם, ווענ פּאַווּעל מיטנ מאָנטיאָר האָבנ באַהאַלטנ אַפ דער עלעקטרעסטאַנציע יידישע געזינדנ, האָט ער די קריגערייַ מיט טאָניענ פאַרגעסנ. איצטער האָט זיכ אים ווידער געוואָלט באַגעגענענ זיכ מיט איר.

זשוכרייַס פאַרשווינדנ אונ די איינזאַמקייַט, וואָס איז אים פאַרגעשטאַנענ איינעם אַליינ אינ דירע, האָבנ אַפ אים געווירקט שווער. די גרויע לייַלעכ פונעם שאָסיי, נאָכ ניט קיינ אויסגעטריקנטע פונעם פרילינגדיקנ קויט, מיט לעכער, וואָס זייַנענ געווענ אָנגעפּילט מיט אַ גראָער קאַשע, האָט פאַרקערעוועט אַפ רעכטס.

אַהינטער דער אומגעלומפּערט-אַרויסגערוקטער שטוב, וואָס אַפנ סאַמע שליאַכ, מיט דער אָפּגעקראָכענער, קרעציקער וואַנט, זייַנענ זיכ צונויפגעגאַנגענ צוויי גאַסנ.

*

אַפ דער איבערקרייצונג, באַם צעראַבירטנ קיאָסק מיט דער דורכגעבראָכענער טיר, אַפ וועלכער עס איז געהאַנגענ מיטנ קאָפּ אַראָפּ אַ שילד: „קראָם פונ מינעראַלע וואַסער“, האָט זיכ וויקטאָר לעשטשינסקי צעזעגנט מיט ליזען.

פאַרהאַלטנ איר האַנט אינ זייַנער, האָט ער גערעדט, קוקנדיק אויסדריקלעכ איר אינ די אויגנ:

— איר וועט קומענ? איר נאַרט ניט אָפּ?

ליזע האָט קאָקעטיש געענטפערט:

— כ'וועל קומענ, כ'וועל קומענ, איר זאָלט וואַרטנ.

אונ אוועקגייענדיק האָט זי אים אַ שמייכל געטאָנ מיט צוזאָגנדיקע, ברוינע פאַרנעפּלטע אויגנ.

אָפּגייענדיק אַ טריט צענ, האָט ליזע דערזענ, ווי אַפנ שאָסיי גייענ אַרויס פונ הינטערנ שייר-וועג צוויי מענטשנ. פאָרויס איז געגאַנגענ אַ יאָדערדיקער אַרבעטער מיט אַ ברייטער ברוסט, אינ אַ צעשפּיליעטנ רעקל, וואָס אונטער אים האָט זיכ אַרויסגעזענ אַ געשטרייַפּט לייַבל, אינ אַ שוואַרצ היטל, אַרופגערוקט אַפנ שטערנ, מיט אַ טונקל-בלויער געשווילעכצ אונטערנ אויג.

ער האָט געשפּרייזט פעסט מיט די עטוואָס אויסגעבויגענע פיס, אָנגעטאָ־נענע אינ געלע קורצע שטיוול.

דרייַ טריט הינטער אימ, קימאט זיכ איינשפּארנדיק מיטנ באגנעט אימ אינ פּלייצע, איז געגאנגענ א פּעטליוראָוועצ אינ א גרויענ זשופּאנ מיט צוויי פּאטראָנטאשנ אפנ פּאס.

פונ אונטער דעמ האָריקנ היטל האָבנ אפ דעמ נאקנ פונעמ ארעסטירטנ געקוקט צוויי שמאָלינקע וואכזאמע אויגנ. די מיט מאכאָרקע פארויכערטע געלע וואָנצעס האָבנ געסטארטשעט אינ די זייַטנ.

ליזע האָט עטוואָס פארלאנגזאמט די טריט אונ איז אריבער אפ דער צווייטער זייַט שאָסיי. אונ הינטער איר איז אפנ שאָסיי ארויס פּאוועל.

פארקערעוודיק אפ רעכטס פונ שליאכ צו זיכ אהיימ, האָט ער אויכ דערזענ די גייענדיקע.

זייַנע פיס זייַנענ צוגעוואָקסנ צו דער ערד. אינ דעמ פאָדערשטנ האָט ער גלייַכ דערקענט זשוכרייַענ.

„אָט פארוואָס ער האָט זיכ ניט אומגעקערט!"

זשוכרייַ האָט זיכ דערנעענטערט. קאָרטשאגינס הארצ האָט אָנגעהויבנ מוירעדיק קלאפּנ. די געדאנקענ זייַנענ געלאָפנ איינער נאָכ דעמ אנדערנ, מע האָט זיי ניט געקענט אייַנהאלטנ אונ אויספורעמענ. צו קליינ איז געווענ דער טערמינ פאר א באשלוס. איינס איז געווענ קלאָר: זשוכרייַ איז א פאר־פאלענער.

אונ קוקנדיק אפ די, וואָס האָבנ זיכ דערנעענטערט, האָט זיכ פּאוועל פארלאָרנ אינעמ געווירבל פונ די געפילנ, וואָס האָבנ אימ ארומגעכאפּט.

„וואָס טוט מענ?"

אינ דער לעצטער מינוט האָט ער זיכ דערמאָנט: אינ קעשענע בא אימ ליגט א רעוואָלווער. ווי נאָר זיי וועלנ דורכגיינ פארבייַ, אויסשיסנ אינ פּליי־צע דעמ דאָזיקנ, וואָס מיט דער ביקס. אונ דעמלט איז פיאָדאָר פרייַ. אונ פונ אָט דעמ מאָמענטאלנ באשלוס האָט אופגעהערט דער טאנצ פונ די גע־דאנקענ. שטייַפ, ביז ווייטעק, האָבנ זיכ בא אימ צונויפגעפּרעסט די ציינער. ערשט נעכטנ האָט דאָכ אימ פיאָדאָר געזאָגט: „אונ אפ דעמ באדארפ מענ א כעוורע א געוואגטע..."

פּאוועל האָט זיכ שנעל ארומגעקוקט אפ הינטער. די גאס, וואָס האָט גע־פירט אינ שטאָט, איז געווענ פרייַ. אפ איר האָט מענ ניט געזענ קיינשומ לעבעדיקנ נעפעש. פונפאָרנט האָט זיכ געייַלט דורכגיינ א פרויענ־פיגור אינ א פרילינגדיקנ קורצנ מאנטל. זי וועט ניט שטערנ. די צווייטע גאס אָנאזייַט פונעמ שייד־וועג האָט ער ניט געקענט זענ. בלויז פונדערווייַטנס, אפנ וועג צו דער סטאנציע, האָבנ זיכ געזענ מענטשלעכע פיגורנ.

פּאוועל איז צוגעגאנגענ צומ ראנד פונ שאָסיי. זשוכרייַ האָט דערזענ קאָר־טשאגינענ, ווענ יענער איז געווענ פונ אימ אפ א מעהאלעכ פונ עטלעכע טריט.

ער האָט אַפּ אים אַ קוק געטאָן מיט איין אויג. די געדיכטע ברעמען האָבן אַ ציטער געטאָן. ער האָט אים דערקענט און פון אומדערוואַרטקייט פאַרלאַנגזאַמט דעם טראָט. זײַנע פּלייצעס האָט זיך אָנגעשטויסן אָן דעם שפּיץ פונעם באַגנעט.

— הער, דו, ריר זיך, וואָרעם באַלד קריגסטו מיטן קאָלבן! — האָט דער קאָנוואָיר אויסגעקוויטשעט אַף אַ שאַרפן פאַלצעט.

זשוכרײַ האָט אָנגעהויבן שפּרײַזן ברייטער. ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן פּאַוולען, אָבער ער האָט זיך אײַנגעהאַלטן און, אַלס צייכן פון באַגריסונג, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

מוירעדיק האָבנדיק צוציִען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם גלוואָנ־ציקן, האָט פּאַוועל, דורכלאָזנדיק פאַרביי זיך זשוכרײַען, זיך אָפּגעקערט אַנאַזייט, ווי ער וואָלט קלוימערשט גלײַכגילטיק געווען צו אַלץ, וואָס עס קומט דאָ פאָר.

אָבער אין קאָפּ האָט געזשומעט אַן אומרויִקער געדאַנק: „אויב איך וועל אויסשיסן אין אים און ניט טרעפן, קען נאָך די קויל טרעפן זשוכ־רײַען...״

צי דען האָט מען אָבער געקענט טראַכטן, ווען דער פּעטליוראָוועץ איז שוין געווען דערנעבן?

און עס איז פאָרגעקומען אַזוי: מיט פּאַוולען האָט זיך אויסגעגלײַכט דער געלוואָנציקער קאָנוואָיר. קאָרטשאַגינ האָט פּלוצלינג זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים, אָנגעכאַפּט די ביקס און מיט אַ שאַרפער באַוועגונג אָנגעבויגן זי צו דער ערד.

דער באַגנעט האָט מיט אַ קלונג אַ קריץ געטאָן די שטיינער.

דער פּעטליוראָוועץ האָט זיך ניט געריכט אַף אַן אָנפאַל און איז אַף אַ ווײַלע געבליבן געליימט, אָבער באַלד טאַקע האָט ער אַ ריס געטאָן די ביקס צו זיך מיט אַלע קויכעס. ארופוואַרפנדיק זיך מיטן גאַנצן קערפּער, האָט פּאַ־וועל אײַנגעהאַלטן די ביקס. עס האָט אַ קנאַל געטאָן אַ שאָס. די קויל האָט זיך אַ זעץ געטאָן אָן אַ שטיין און איז פײַפנדיק אָפּגעשפּרונגען אַפּ צוריק אין רוי אַרײַן.

פונעם שאָס איז זשוכרײַ אָפּגעשפּרונגען אַנאַזייט און זיך אומגעקערט. דער קאָנוואָיר האָט מיט רעציכע געריסן די ביקס פון פּאַוועלס הענט. ער האָט זי געריסן, אויסדרייענדיק דעם יאַם די הענט. אָבער פּאַוועל האָט ניט ארויס־געלאָזן די ביקס. דעמלט האָט דער צעקאָכטער פּעטליוראָוועץ מיט אַ שאַר־פער באַוועגונג אַ שלײַדער געטאָן פּאַוולען אַף דר'ערד. אָבער אויך דער דאָזיקער פּרוּוו צו באַפרײַען די ביקס האָט זיך ניט אײַנגעגעבן. פאַלנדיק אַפּן ברוק האָט פּאַוועל אַ שלעפּ געטאָן נאָך זיך אויך דעם קאָנוואָיר, און עס זײַנען ניט געווען יענע קויכעס, וואָס זאָלן אים צווינגען ארויסלאָזן דאָס געווער אין אַזאַ מאָמענט.

אין צוויי שפרונגען איז זשוכריי געווען דערנעבן. זיין אייזערנער פויסט האָט, באַשרייבנדיק אַ בויגן, זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן קאָנוואָיִרס קאָפּ. און אין אַ רעגע אַרום איז דער פעטליוראָוועץ, וואָס זשוכריי האָט אים אָפּגעריסן פונעם ליגנדיקן קאַרטשאַגין און צוויי מאָל שטאַרק אַ זעץ געטאָן אין פּאָנעם אַריין, ווי אַ שווערער זאַק אַנידערגעפאַלן אין רוי.

די זעלבע שטאַרקע הענט האָבן אויפגעהויבן פון דער ערד פּאַוולען און אים אַוועקגעשטעלט אויף די פיס.

*

דערווייטערט פון דעם שיידוועג אויף אַ הונדערט טריט, איז זיך וויקטאָר געגאַנגען און געפייפט אויפן מאָטיוו: „דאָס האַרץ פון אַ שיינהייט איז גענייגט צו פאַראַטן". ער איז נאָך געווען אונטער דער ווירקונג פון דער באַגעגעניש מיט ליזען און פון איר צוזאָג צו טרעפן זיך מאָרגן באַם פאַרלאָזענעם זאַוואָד.

אין גימנאַזיע זיינען צווישן די פאַרקאָכטע ליבהאָבער צו שפּאַצירן מיט מיידלעך אַרומגעגאַנגען קלאַנגען וועגן ליזע סוכאַרקאָ, ווי וועגן אַ דרייסט מיידל אין פראַגן פון ליבע.

דער פרעכער און אין זיך איינגעגלויבטער סעמיאָן זאַליוואַנאָוו האָט איינמאָל דערציילט וויקטאָרן, אַז ער האָט באַהערשט ליזען. און כאָטש לעשטשינסקי האָט ניט גאָר געגלויבט סיאָמקען, איז ליזע פאַר אים דאָך געווען אַן אינטערעסאַנטער און אינטריגירנדיקער אָביעקט, און מאָרגן האָט ער באַשטימט זיך דערוויסן, צי זאָגט זאַליוואַנאָוו עמעס.

„אויב זי וועט נאָר קומען, וועל איך זיין אַנטשיידן. אָט דערלויבט זי דאָך, מע זאָל זי קושן. און אויב סיאָמקע האָט ניט געזאָגט קיין ליגן..." זיינע געדאַנקען האָבן זיך איבערגעריסן. ער האָט זיך אָפּגעקערט, דורכלאָזנדיק פאַרביי צוויי פעטליוראָווצעס. איינער פון זיי איז געפאָרן פאַרויס אויף אַ קורצעקיק פערדל, אומוויגנדיק אַ ברעזענטענעם עמער, ווייזט אויס, אויף אָנטרינקען דעם פערד. דער צווייטער, אין אַ קורצן קאַפטל, אין ברייטע בלויע הויזן, האָט, האַלטנדיק זיך מיט דער האַנט פאַר דעם רייטערס קני, עפּעס פריילעך דערציילט.

דורכגעלאָזן זיי, האָט זיך וויקטאָר געקליבן גיין ווייטער, נאָר אַ שאָס, וואָס האָט זיך צעהילכט אויפן שאָסיי, האָט אים אָפּגעשטעלט. וויקטאָר האָט זיך אַ קער געטאָן אַהינטער און דערזען, ווי דער רייטער האָט אַ צופּ געטאָן דעם פערד און זיך אַוועקגעיאָגט אויפן שאָס. נאָך אים איז געלאָפן דער צווייטער, צוהאַלטנדיק מיטן האַנט דעם שווערד.

לעשטשינסקי איז אַוועקגעלאָפן נאָך זיי, און ווען ער איז שוין געווען נאָענט לעבן שאָסיי, האָט ער דערהערט נאָך אַ שאָס. פון הינטערן שייד־וועג האָט זיך אויף וויקטאָרן ווילד אַ שלייַדער געטאָן דער רייטער. ער האָט גע־

זעצט דעם פערד מיט די פיס און מיטן ברעזענטענעם עמער און, ארײַנשפּרינ־גענדיק אינעם ערשטן טויער, האָט ער אויסגעשריִען צו די, וואָס זײַנען געווען אין הויף:

— כלאָפּצעס צום געווער, דאָרטן האָט מען אונדזערן א מענטשן גע־הארגעט!

אין א ווײַלע ארום זײַנען פון הויף ארויסגעלאָפן עטלעכע מענטשן, קנאקנדיק מיט די ביקסן־שלעסער.

וויקטאָרן האָט מען ארעסטירט.

אפן שאָסיי האָבן זיך צונויפגעקליבן עטלעכע מענטשן. צווישן זיי וויק־טאָר און ליזע, וואָס מע האָט זי פארהאלטן, ווי אן איידעס.

פון שרעק איז זי געבליבן שטיין אפן אָרט, ווען פארבײַ איר זײַנען דורכגעלאָפן זשוכרײַ און קאָרטשאגין. זי האָט מיט פארוווּנדערונג דערקענט אין דעם יאט, וואָס איז אָנגעפאלן אפן פעטליוראָווער, דעם, מיט וועלכן טאָניע האָט זי געוואָלט באקאָנען.

איינער נאָכן אנדערן זײַנען זיי אריבערגעשפּרונגען איבערן פּארקאן פון עפּעס א הויף, און באלד טאַקע איז אפן שאָסיי ארויסגעפלויגן דער רײַטער. דערזעענדיק זשוכרײַען, וואָס איז אנטלאָפן מיט דער ביקס, און דעם קאָנוואָיִר, וואָס האָט זיך אָנגעשטרענגט אופצושטיין פון דער ערד, האָט ער א יאָג געטאָן דעם פערד צום פּארקאן.

זשוכרײַ האָט זיך א קער געטאָן אפ הינטער, אופגעהויבן די ביקס און אויסגעשאָסן אין אים. דער רײַטער האָט זיך א וואָרף געטאָן אפ הינטער.

קוים באוועגנדיק מיט די צעמיימעסטע ליפּן, האָט דער קאָנוואָיִר דער־ציילט וועגן דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען.

— וואָס־זשע האָסטו, יאָלד, ארויסגעלאָזן פון די הענט אן ארעסטירטן? איצט וועסטו באקומען פינף און צוואנציק שאָמפּאָלן איבערן הינטערכיילעך.

דער קאָנוואָיִר האָט בייז אָפּגעענטפערט:

— דו ביסט, זע איך, א גרויסער כאָכעם. „ארויסגעלאָזן פון די הענט“. ווער האָט עס געקענט וויסן, אז יענער אויסוווּרף וועט זיך אפ מיר א וואָרף טאָן ווי א ווילדער?

ליזען האָט מען אויך אויסגעפרעגט. זי האָט דערציילט דאָס זעלבע, וואָס דער קאָנוואָיִר. אָבער זי האָט פארשוויגן, אז זי קען דעם אָנפאלער. מע האָט זיי פונדעסטוועגן אוועקגעפירט אין קאָמענדאַנטור.

בלויז אינאָוונט האָט מען זיי לויטן באפעל פונעם קאָמענדאנט אָפּגע־לאָזן. ער האָט אפילו פאָרגעלייגט פערזענלעך באגלייטן ליזען אהיים. אָבער זי האָט זיך אָפּגעזאָגט. פון קאָמענדאנט האָט זיך געהערט דער רייעך פון בראנפן, און פון דעם פאָרשלאג, האָט זי געזען, וועט קיין גוטס ניט ארויס.

באגלייט האָט זי וויקטאָר.

צו דער סטאַנציע איז געווען ווײַט, און גייענדיק געאַרעמט מיט ליזען, האָט זיך וויקטאָר געפרייט מיט דעם, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען.

— אָבער איר ווייסט, ווער עס האָט באַפרײַט דעם אַרעסטירטן?—האָט ליזע געפרעגט, ווען זי איז שוין געווען נאָענט לעבן דער היים.

— ניין, פּונוואַנען זאָל איך עס וויסן.

— איר געדענקט יענעם אָוונט, ווען טאָניע האָט אונדז געוואָלט באַקאַ־נען מיט איינעם א יונגנמאַן?

וויקטאָר האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— מיט פּאַוועל קאָרטשאַגינען?—האָט ער געפרעגט פֿאַרוואונדערט.

— יע, דאַכט זיך, אַז זײַן פֿאַמיליע איז קאָרטשאַגין. איר געדענקט, ער איז אוועק אַזוי מאָדנע? אָט ער איז עס געווען.

וויקטאָר איז געשטאַנען א געפּלעפּטער.

— איר האָט קיין טאָעס ניט געהאַט?—האָט ער געפרעגט בא ליזען.

— ניין, איך האָב אויסגעצייכנט פֿאַרגעדענקט זײַן געזיכט.

— פֿאַרוואָס־זשע האָט איר דאָס ניט דערציילט דעם קאָמענדאַנט?

ליזע איז געוואָרן אויפגעבראַכט:

— איר טראַכט, אַז איך קען באַגיין אַזא נידערטרעכטיקייט?

— וואָס האַלט איר פֿאַר א נידערטרעכטיקייט? דערציילן, ווער עס איז אַנגעפֿאַלן אַפֿ א קאָנוואָיר, איז לויט אײַער מיינונג, א נידערטרעכטיקייט?

— און לויט אײַער מיינונג—אַן ערנטאַט? איר האָט פֿאַרגעסן, וואָס זיי טוען. איר ווייסט ניט, וויפֿל אין גימנאַזיע זײַנען דאָ ייִדישע יעסומים, און איר ווילט, איך זאָל זיי נאָך דערציילן וועגן קאָרטשאַגינען? א שיינעם דאַנק, עס איז מיר אפילע ניט אײַנגעפֿאַלן.

לעשטשינסקי האָט זיך ניט גערעכנט אַפֿ אַזא ענטפֿער. אים האָט גאָרניט געוואָלט צו פֿאַרפֿירן א קריג מיט ליזען, און ער האָט זיך באַמיט אָנהייבן ריידן וועגן עפּעס אַנדערש.

— זײַט ניט אינקאַעס, ליזע, איך האָב דאָס געלאַכט. איך האָב ניט געוווסט, אַז איר זײַט אַזא פּרינציפּיעלע.

— אָבער עס האָט זיך באַקומען ניט קיין שיינע געשיכטע,—האָט טרוקן געענטפֿערט ליזע.

לעבן סוכאַרקאָס שטוב האָט זיך וויקטאָר געזעגנט און געפרעגט:

— איר וועט קומען, ליזע?

און ער האָט דערהערט איר אומבאַשטימטן:

— איך ווייס ניט.

גייענדיק צום שטאָט, האָט וויקטאָר געטראַכט:

„נו אויב איר, מאַדמואַזעל, האַלט עס פֿאַר ניט־אָרנטלעך, האָב איך אָבער וועגן דעם גאָר אַן אַנדער מיינונג. פֿאַרשטייט זיך, מיר איז אַלצײַנס, ווער עס האָט וועמען באַפרײַט".

איך, דעם יאַכסן, דעם פּוילישן שליאַכטיטש לעשטשינסקי, זײַנען גע־ווען דערווידער סײַ די, סײַ יענע. סײַווי וועלן אינגיכן קומען די פּוילישע לעגיאָנען, און ערשט דעמלט וועט עס זײַן די עמעסע מאכט, די עכט־שליאַכטישע פון רעטש פּאָספּאָליטאַ. אָבער אין געגעבענעם פאַל איז פאַראַן אַ מעגלעכקײַט צו ליקווידירן דעם אויסוווּרף קאָרטשאַגין. זיי וועלן אים איינס און צוויי דעם קאָפּ אַראָפּדרייען.

וויקטאָר איז געבליבן אין שטעטל אליין. ער האָט געוווינט בא זײַן מו־מען, בא דער פרוי פונעם וויצע־דירעקטער פון צוקער־זאַוואָד. דער טאַטע, די מאַמע און נעלי האָבן שוין לאַנג געוווינט אין וואַרשע, ווו סיגיזמונד לעשטשינסקי האָט פאַרנומען אַ בעקאָוועדיקן אָרט.

צוגעגאַנגען צו דער קאָמענדאַנטור, איז וויקטאָר אַרײַן אין דער פאַנאַנ־דערגעעפנטער שטוב־טיר.

אין אַ ווײַלע אַרום איז ער געגאַנגען, באַגלייט פון פיר פּעטליוראָווצעס צו קאָרטשאַגינס שטוב.

ער האָט אָנגעוויזן אַף דעם באַלויכטענעם פענצטער און שטיל גע־זאָגט:

— אָט דאָ איז דאָס,—ער האָט זיך אַ קער געטאָן צום כאָרונזשי, וואָס איז דאָ נעבן אים געשטאַנען און געפרעגט:—איך קען שוין גיין?

— ביטע, מיר וועלן זיך אַליין ספּראַווען. אַ דאַנק פאַר דער געפעלי־קײַט.

וויקטאָר האָט שנעל אַוועקגעשפּרײַזט איבערן טראָטואַר.

*

באַקומען דעם לעצטן קלאַפּ אין רוקן, איז פּאַוועל אַרופגעפאַלן מיט די אויסגעשטרעקטע הענט אַף דער וואַנט פונעם פינצטערן צימער, וווהין מע האָט אים געבראַכט. און אַז ער האָט אָנגעטאַפּט מיט די הענט עטוואָס ענלעכס אַף נאַרעס, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט, אַ פאַרמאַטערטער, אַ צעמאַ־זיקטער, אַ דערשלאָגענער.

מע האָט אים אַרעסטירט דאַן, ווען ער האָט זיך אַף דעם ניט געריכט. „ווי האָבן זיך וועגן אים געקאָנט דערוויסן די פּעטליוראָווצעס? קיינער האָט דאָך אים ניט געזען? וואָס וועט איצטער זײַן? ווו איז זשוכרײַ?"

ער האָט זיך צעשיידט מיטן מאַטראָס בא קלימקען אינדערהיים. פּאַוועל איז אַוועק צו סעריאָזשען, און זשוכרײַ האָט געוואַרט, עס זאָל ווערן נאַכט, קעדיי זיך אַרויסקלײַבן פון שטאָט.

„גוט, וואָס איך האָב באַהאַלטן דעם רעוואָלווער אין דעם ראָבן־נעסט,— האָט פּאַוועל אַ טראַכט געטאָן.—וואָרעם אויב זיי וואָלטן אים געפונען, וואָלט שוין געווען אַ בראָך צו מײַנע יאָרן. אָבער ווי האָבן זיי זיך דאָס

דערוווסט?״—די דאָזיקע פראגע האָט געמאטערט מיט איר אומבאשטימט־קייט.

די פעטליוראָווצעס האָבן גאָר ווייניק נוצן געהאט פון קאָרטשאגינס האָב און גוטס. דעם אָנצוג און די הארמאָשקע האָט דער ברודער צוגענו־מען אין דאָרף, די מאמע האָט אוועקגעפירט איר קופערט, און די פעטליו־ראָווצעס, וואָס האָבן אויסגעניטשטערט אין אלע ווינקעלעך, איז אָנגעקומען גאָרנישט מיט נישט.

דערפאר וועט פאַווּעל קיינמאָל ניט פארגעסן דעם וועג פון דער היים ביז דער קאָמענדאנטור. די נאכט איז געווען א פינצטערע, כאָטש נעם זיך ארויס די אויגן. דער הימל איז געווען פארצויגן אין א כמארע. געטריבן פון די זייטן און פונהינטן מיט אומבעראכמאָנעסדיקע קלעפּ, איז ער גע־גאנגען צעטומלט און פארטעמפּט.

הינטער דער טיר האָבן זיך געהערט שטימען. אינעם שכיינעסדיקן צי־מער איז געווען די קאָמענדאנטישע וואך. אין שפּאלט אונטער דער טיר—א העלער פאסיק ליכט. קאָרטשאגין איז אופגעשטאנען און, קריכנדיק פּאזע דער וואנט, איז ער טאפּנדיק אדורכגעגאנגען דעם צימער. קעגן די נארעס האָט ער אָנגעטאפּט א פענצטער מיט פעסטע געציינדלטע גראטעס. א פרווו געטאָן מיט דער האנט—פעסט איינגעמויערט. דאָ איז פריִער, ווייזט אויס, געווען א שפּייכלער.

דערקליבן זיך צו דער טיר, איז ער א ווײַלע געשטאנען און זיך צוגעהערט. נאָכדעם האָט ער לײַכט אָנגעקוועטשט אפ דער קליאמקע. די טיר האָט שוידערלעך א סקריפּע געטאָן.

— ניט אויסגעשמירט, א בייזער יאָר,—האָט זיך פאוועל אויסגעזידלט.

דורך דער אופגעעפנטער שמאָלינקער שפּארונג האָט ער דערזען עמעצנס פארברודיקטע פיס מיט צעדרייטע פינגער אפּ א ברעג פון א נארע. נאָך א לײַכטער קוועטש אפּ דער קליאמקע, און די טיר האָט זיך שוין הילכיק צעסקריפּעט. פון די נארעס האָט זיך א הייב געטאָן א פארשלאָפענע, צע־פודלטע פיגור, וואָס האָט מיט אלע פינף פינגער אכזאָריעסדיק געקראצט דעם פארלײַזיקטן קאָפּ און גענומען שיטן מיט נײַן מאָס רייד. דער פארשווין האָט לאנגוויַליק־פויל פארענדיקט דאָס אכטגאָרנדיקע זידלוואָרט, האָט זיך א נעם געטאָן פאר דער ביקס, וואָס איז געשטאנען צוקאָפּנס, און פלעגמאטיש א זאָג געטאָן:

— פארמאך די טיר, און פּרוּוו בא מיר נאָכאמאָל ארויסקוקן, וועסטו כאפּן א קני אין...

פאוועל האָט צוגעמאכט די טיר. אין דערבײַיִקן צימער האָט מען גע־הירזשעט.

אסאך האָט ער איבערגעטראכט אין דער דאָזיקער נאכט. דער ערשטער פּרווו ארײַנצומישן זיך אין קאמף האָט זיך פאר אים, פאר קאָרטשאגינען,

געגדיקט אזוי ביטער. באלד פונעם ערשטנ טראָט אָנ האָט מענ אים שוינ געכאפט אונ פארשפארט, ווי א מויז אינ א פאסטקע.

ער איז אזוי זיצנדיק ארײַנגעפאלנ האלב אינ דרעמל, אונ עס איז ארויסגעשוואומענ די געשטאלט פונ זײַנ מוטער, איר מאָגער אונ צעקנייטשט פאָנעם מיט אזעלכע נאָענטע מילדע אויגנ. א געדאנק האָט פארבײַגעשוועבט: „גוט, וואָס זי איז ניטאָ. וויניקער צאָרעס".

פונ פענצטער איז אפנ דיל געפאלנ א גרויער קוואדראט.

די פינצטערניש איז צוביסלעכווײַז אָפּגעטראָטנ. עס איז אָנגעקומענ דער באגינענ.

זעקסטער קאַפּיטל

אינעם גרויסן אַלטן הויז האָט זיך געלויכטן בלויז איין פענצטער, וואָס איז געווען פאַרצויגן מיט אַ פאָרהאַנג. אין הויף האָט זיך טרעזאָר, צוגעבונדן אַפ אַ קייט, צעבילט אַפ אַ הילכיקן באַס.

טאָניע הערט ווי דורכן כאָלעם דער מאַמעס שטילע שטים:

— ניין, זי שלאָפט נאָך ניט. גייט אַרײַן, ליזע.

די לײַכטע טריט און דאָס צערטלעכע הייסע אַרומנעמען פון דער כאַווערטע האָבן אינגאַנצן פאַרטריבן דעם דרעמל.

טאָניע שמייכלט מיט אַ מידן שמייכל.

— גוט, ליזע, וואָס דו ביסט געקומען. באַ אונדז איז אַ סימכע; נעכטן איז אַדורך דער קריזיס באַם טאַטן, און הײַנט שלאָפט ער רויִק אַ גאַנצן טאָג. און איך מיט דער מאַמען האָבן אויך אָפגערוט פון די שלאָפלאָזע נעכט. דערצייל, ליזע, אַלע נײַס.—און טאָניע ציט צו איר כאַווערטע צו זיך אַפן דיוואַן.

— אָ, נײַס איז דאָ זייער אַסאַך! אַ טייל פון זיי קען איך דערציילן נאָר דיר אַליין.—לאַכט ליזע און קוקט כיטרע אַף יעקאַטערינע מיכײַלאָוונע.

טאָניעס מאַמע האָט אַ שמייכל געטאָן. טאָניעס מאַמע איז געווען אַ שטאַלטנע דאַמע, ניט געקוקט אַף אירע זעקס און דרײַסיק יאָר, מיט פלינקע באַוועגונגען פון אַ יונג מיידל, מיט קלוגע גרויע אויגן און מיט ניט קיין שיינעם, אָבער דערפאַר ליבן און ענערגישן געזיכט.

— אין אַ ווײַלע אַרום וועל איך אײַך מיט פאַרגעניגן איבערלאָזן אַליין. און איצט דערציילט אַזוינע נײַס, וואָס אַלע מעגן הערן,—האָט זי זיך געכאָכמעט און צוגערוקט אַ שטול צום דיוואַן.

— די ערשטע נײַס—מיר וועלן זיך מער ניט לערנען. דער שול־ראַט האָט באַשטימט אַרויסגעבן דעם זיבעטן קלאַס אַן אַטעסטאַט. איך בין זייער צופרידן,—האָט ליזע מונטער דערציילט.—עס איז מיר אַזוי נימעס געוואָרן די דאָזיקע אַלגעברע און געאָמעטריִע! און צוליב וואָס דאַרף מען דאָס אַלצדינג! די יינגלעך וועלן זיך נאָך עפּשער ווײַטער לערנען, כאָטש זיי ווייסן אַליין ניט, ווו. אומעטום פּראָנטן, שלאַכטן. אַ שרעק... אונדז וועט מען כאַ־

סענע מאכן, און בא א ווײַב פֿאָדערט מען ניט קיין אַלגעברע. — האָט ליזע זיך צעלאַכט.

געזעסן א ווײַלע מיט די מיידלעך, איז יעקאַטערינע מיכײַלאָוונע אוועק צו זיך אין צימער.

ליזע האָט זיך צוגערוקט נעענטער צו טאָניען, ארומגענומען איר כאַ־ווערטע און איר דערציילט בעסאָד וועגן דעם, וואָס איז פֿאָרגעקומען אפֿן שאָסיי.

— שטעל זיך פֿאָר, ווי איך האָב זיך פֿאַרוווּנדערט, טאָניטשקע, ווען איך האָב דערקענט אין דעם אנטלויפֿנדיקן... וועמען מיינסטו? וועמען?

טאָניע, וועלכע האָט נײַגעריק געהערט די מײַסע, האָט פֿאַרוווּנדערט גע־קוועטשט מיט די אקסלען.

— קאָרטשאגינען! — האָט ליזע מיטאמאָל אויסגעשאָסן.

טאָניע האָט א ציטער געטאָן און זיך קרענקלעך אײַנגעגנורעט:

— קאָרטשאגינען?

ליזע, א צופֿרידענע פֿון דעם עפֿעקט, וואָס זי האָט געמאכט, האָט שוין גענומען איבערגעבן וועגן איר אמפּערניש מיט וויקטאָרן.

פֿארכאַפּט פֿונעם דערציילן, האָט ליזע ניט באמערקט, מיט וואָס פֿאַר א בלייכקײַט עס האָט זיך פֿארצויגן טאָניעס געזיכט, ווי אירע דינע פֿינגער האָבן נערוועז געצופּט דעם דינעם שטאָף פֿון דער בלויער בלוזקע.

ליזע האָט ניט געוווּסט, ווי שטארק עס האָט זיך בא טאָניען פֿארקלעמט דאָס הארץ. זי האָט ניט געוווּסט, פֿארוואָס עס צוקן אזוי אומרויִק די געדיכטע וויִעס פֿון טאָניעס ווונדערבארע אויגן.

טאָניע האָט שוין ניט געהערט די מײַסע וועגן דעם שיקערן כאָרונזשי. עס האָט זי געמאטערט נאָר איין געדאנק: „וויקטאָר לעשטשינסקי ווייס דאָך, ווער דאָס איז געווען. צוליב וואָס האָט עס אים ליזע געדארפֿט דער־ציילן?“ אזוי, ניט ווילנדיק, האָט זי די דאָזיקע פֿראזע ארויסגעזאָגט אפֿן קאָל.

— וואָס האָסטו געזאָגט? — האָט ליזע ניט פֿארשטאנען.

— פֿארוואָס האָסטו דערציילט לעשטשינסקען וועגן פּאַוולושען, דאָס הייסט, וועגן קאָרטשאגינען? ער וועט דאָך אים ארויסגעבן...

ליזע האָט דערווידערט:

— וואָס רעדסטו? עס הייבט זיך ניט אָן. פֿארוואָס זאָל ער דאָס סאָפּ־קאָלסאָפּ טאָן?

טאָניע האָט זיך האסטיק אופֿגעזעצט און מיט די הענט צונויפֿגעדריקט די קני אזש ביז ווייטעק.

— דו, ליזע, הייבסט גאָרנישט ניט אָן צו פֿארשטיין. ער און קאָרטשאַ־גין דאָס זײַנען דאָך סאָנים, און דאָ איז נאָך א זאך... דו ביסט באגאנגען א גרויסן פֿעלער, וואָס דו האָסט וויקטאָרן דערציילט וועגן פּאַוולושען.

ליזע האָט בלויז איצט באמערקט, ווי טאָניע איז צערודערט. און דאָס דאָזיקע צופעליק ארויסגעזאָגטע וואָרט „וועגן פאוולושען” האָט איר אופגעעפנט די אויגן אף זאכן, וועגן וועלכע זי האָט זיך בלויז געפּלהאפּט אָנגעשטויסן.

זי האָט זיך דערפילט ניט־ווילנדיק פאר שולדיק, און זי איז אין פאר־לעגנהייט אנשוויגן געוואָרן.

„הייסט עס, אז ס'איז טאקע עמעס”, האָט זי געטראכט.

מאָדנע, בא טאָניען מיטאמאָל אזא לײַדנשאפט—און צו וועמען?—צו א פּראָסטן ארבעטער... איר האָט זיך זייער געוואָלט א שמועס טאָן אף דער דאָזיקער טעמע, אָבער צוליב איידלקייט וועגן האָט זי זיך אָפּגעהאלטן. זי האָט געוואָלט מיט עפּעס פארגלעטן איר שולד און האָט אָנגעכאפּט טאָניען פאר די הענט.

— דו ביסט זייער אופגערעגט, טאָניטשקע?

טאָניע האָט צעשטרייט געענטפערט:

— ניין, עס קען זײַן, אז וויקטאָר איז ערלעכער, ווי איך טראכט וועגן אים.

אינגיכן איז געקומען דעמיאנאָוו, א פּראָסטער, אומגעלומפּערטער יאט, וואָס האָט געלערנט מיט זיי אין איין קלאס.

ביז זײַן אָנקומען האָט זיך דער געשפּרעך בא די מיידלעך עפּעס ניט געקלייעט.

נאָך דעם, ווי זי האָט ארויסבאגלייט די כאווײרים, איז טאָניע לאנג גע־שטאנען אליין. אָנגעלענט אָן פּערטל, האָט זי געקוקט אפן טונקעלן פּאס פונעם שליאך, וואָס פירט אין שטאָט ארײַן. אף איר האָט געעטעמט דער אייביקער וואנדער־ווינט, וואָס איז געווען אָנגעזאפּט מיט קאלטער פײַכט־קייט און פרילינגדיקער פרייעניש. בייז, מיט נעפּלדיק־רויטע שווארצאפּלען האָבן אין דער ווײַט געפינקלט די פענצטערלעך פון די שטאָטישע הײַזער. אָט דאָרטן איז עס, דאָס דאָזיקע שטעטל, וואָס איז אזוי פרעמד פאר איר. אין אָט דעם שטעטל, אונטער איינעם פון די דעכער, ניט וויסנדיק וועגן דער געפאר, איז ער, איר ברויזנדיקער כאוועד. און עס קען זײַן, ער האָט שוין פארגעסן אָן איר. וויפל טעג זײַנען עס דורכגעלאָפן ווי א קייט נאָך זייער לעצטער באגעגעניש? ער איז דאן געווען אומגערעכט, אָבער אלץ איז שוין לאנג פארגעסן. מאָרגן וועט זי אים ווידער זען, און עס וועט זיך ווידער אומקערן די פרײַנטשאפט, א ברויזנדיקע, א גוטע. די פרײַנטשאפט וועט זיך אומקערן, טאָניע ווייס עס, אבי די נאכט זאָל ניט פאראטן. די נאכט איז עפּעס אזא בייזע, פונקט ווי זי וואָלט זיך פארטײַעט און געלויערט... עס איז קאלט.

טאָניע האָט געוואָרפן דעם לעצטן בליק אפן שליאך און איז ארײַן אין שטוב. אין בעט, אײַנגעטוליעט אין קאָלדרע, האָט זי אָנגעהויבן אײַנשלאָפן מיטן געדאנק: אבי די נאכט זאָל ניט פאראטן!..

באגינענ, ווענ אינ שטוב איז מענ נאָכ געשלאָפֿנ, האָט זיכ טאָניע אופֿ־געכאַפּט אונ זיכ אײַליק אָנגעטאָנ. שטיל, קעדיי קײנעם ניט אופֿוועקנ, איז זי ארויס אינ הויפֿ, אָפּגעבונדנ טרעזאָרנ, דעמ גרויסנ צעפּאַטלטנ הונט, אונ איז אוועק מיט אימ אינ שטאָט. קעגנ קאַרטשאַגינס שטוב האָט זי זיכ אָפּ־געשטעלט אַפֿ א מינוט אונ ניט געוווּסט וואָס צו טאָנ. נאָכדעמ האָט זי א שטויס געטאָנ דאָס פֿערטל אונ איז אַרײַנ אינ הויפֿ. טרעזאָר איז געלאָפֿנ פֿאָרויס, דרײיענדיק מיטנ עק...

אינעמ זעלבנ פֿרימאָרגנ איז ארטיאָמ צוריקגעקומענ פֿונ דאָרפֿ. ער איז געקומענ צו פֿאָרנ אַפֿ א פֿור צוזאמענ מיטנ שמיד, בא וועלכנ ער האָט געארבעט. ער האָט ארופֿגעוואָרפֿנ אַפֿנ אַקסל א זאַק מעל, וואָס ער האָט פֿאַרדינט אינ דאָרפֿ, אונ איז אוועק איבערנ הויפֿ. נאָכ אימ האָט דער שמיד געטראָגנ זײַנע אַלע איבעריקע פּעקלעכ. בא דער אָפֿענער טיר האָט ארטיאָמ אראָפּגעוואָרפֿנ דעמ זאַק פֿונ דער פּלײצע אונ אויסגעשריִענ:

— פּאַווקע!

אָבער קײנ ענטפֿער האָט ער ניט באַקומענ.

— וואָס שטײסטו? טראָג אינ שטוב אַרײַנ!—האָט צוגײענדיק א זאָג גע־טאָנ דער שמיד.

ארטיאָמ האָט אוועקגעלײגט די פּעקלעכ אינ קיכ, אונ אַז ער איז אַרײַנ אינ צימער, איז ער געבליבנ שטײנ א געפּלעפּטער.

אַלצ איז געווענ איבערגעריִעט, איבערגעדרײט מיטנ קאָפּ אראָפּ—אַלטע שמאַטעס זײַנענ געלעגנ צעשלײַדערט אַפֿנ דיל.

— וואָס איז דאָ פֿאַר א שווארציאָר!—האָט פֿאַרוווּנדערט אויסגעשריִענ ארטיאָמ אונ זיכ א קער געטאָנ צומ שמיד.

— יע, א מישאַנינע,—האָט יענער צוגעשטימט.

— ווו איז דאָס יינגל אהינגעקומענ?—האָט זיכ שוינ ארטיאָמ גענומענ בײזערנ.

אָבער אינ שטוב איז געווענ פּוסט, אונ פֿרעגנ איז ניט געווענ בא וועמענ.

דער שמיד האָט זיכ געזעגנט אונ איז אוועקגעפֿאָרנ.

ארטיאָמ איז ארויס אינ הויפֿ אונ זיכ גענומענ ארומקוקנ.

„איכ הײב ניט אָנ צו פֿאַרשטײנ, וואָס טוט זיכ עס דאָ? די שטוב איז אָפֿנ, פּאַווקע איז ניטאָ".

הינטער אימ האָבנ זיכ דערהערט טריט. ארטיאָמ האָט זיכ אויסגעקערע־וועט. אנטקעגנ אימ איז מיט אָנגעשפּיצטע אויערנ געשטאַנענ א גרויסער הונט. פֿונ פֿערטל איז געגאַנגענ צומ שטוב אַנ אומבאַקאַנטע מײדל.

— איכ דאַרפֿ זענ פּאַוועל קאָרטשאַגינענ,—האָט זי שטיל געזאָגט, באַ־טראַכטנדיק ארטיאָמענ.

— איכ דאַרפֿ אימ אויכ זענ. דער שווארציאָר ווײס, ווהינ ער איז

אהינגעקומען. איך בין נאָרוואָס געקומען צו פאָרן, די שטוב איז אָפֿן, און ער איז ניטאָ. און איר זײַט געקומען צו אים, יע?—האָט ער זיך געווענדט צו דער מיידל.

אָנשטאָט אַן ענטפער האָט ער דערהערט אַ פראַגע:

— איר זײַט קאָרטשאַגינס ברודער—אַרטיאָם?

— יע, וואָס איז דען?

אָבער דאָס מיידל האָט אים ניט געענטפערט און אומרויִק געקוקט אפֿ דער אָפענער טיר. „פאַרוואָס בין איך ניט געקומען נעכטן? ניט שוינ־זשע?.. ניט שוינ־זשע?..״—און עס איז איר געוואָרן נאָך שווערער אפֿן האַרצן.

— איר האָט געטראָפֿן די שטוב אָפֿן, און פּאַוועל איז ניט געווען?—האָט זי געפרעגט בײַ אַרטיאָמען, וואָס האָט געקוקט אפֿ איר.

— און איר, אייגנטלעך, וואָס דאַרפט איר האָבן צו פּאַוולען?

טאָניע האָט זיך צו אים צוגערוקט נעענטער, אַרומגעקוקט זיך און אָנגעהויבן האַסטיק ריידן:

— אפֿ זיכער ווייס איך ניט. נאָר אויב פּאַוועל איז ניטאָ אינדערהיים, האָט מען אים אַרעסטירט.

— פאַרוואָס?—האָט זיך אַרטיאָם נערוועז אַ טרייסל געטאָן.

— לאָמיר אַרײַנגיין אין צימער,—האָט טאָניע געזאָגט.

אַרטיאָם האָט זי אויסגעהערט שווײַגנדיק. ווען זי האָט אים איבערגעגעבן אַלץ, וואָס זי האָט געוווּסט, איז ער אַזש פאַרצווייפלט געוואָרן.

— עך, דער רוּעך זאָל עס נעמען. עס האָבן געפעלט קלאָגן, האָט מען עס דיר אָנגעטראָגן,—האָט ער דערשלאָגן אַ ברום געטאָן.—איצט פאַרשטיי איך, פאַרוואָס איז אין צימער אַזאַ האַרמידער. דער שוואַרציאָר האָט אים אָבער אַרײַנגעשלעפּט אין דער דאָזיקער בלאָטע... ווו זאָל מען אים איצטער זוכן? און איר, פרײַלן, ווּעמעס זײַט איר?

— איך בין דעם וואַלד־אויפזעער טומאַנאָווס טאָכטער. פּאַוולען קען איך.

— אַ־אַ,—האָט אַרטיאָם ניט קלאָר אַרויסגעשטאַמלט.—אָט, מעל געבראַכט אפֿ אונטערצוהאַלטן די נעשאָמע דעם כעווערמאַן. און נאַ דיר גאָר אַזאַ מין זאַך...

טאָניע און אַרטיאָם האָבן ביידע שווײַגנדיק געקוקט איינע אפֿ די אַנדערע.

— איך גיי אַוועק. איר וועט אים, עפּשער געפינען.—האָט שטיל טאָניע געזאָגט און זיך אָפּגעזעגנט מיט אַרטיאָמען.—אינאָוונט וועל איך צו אײַך אַרײַנקומען, וועט איר מיר זאָגן.

אַרטיאָם האָט שווײַגנדיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

*

אין אַ ווינקל פענצטער האָט געזשומעט אַ דאַרע פליג, וואָס האָט זיך אויפגעכאַפּט פון ווינטערדיקן שלאָף. אפֿן ברעג פונעם אַלטן, אויסגעריבע־

עם דיוואַן, אָנגעשפּאַרט די הענט אָן די קני, איז געזעסן אַ יונגע פּויער־טע, וואָס האָט גלייַכגילטיק געקוקט אַפן שמוציקן דיל.

דער קאָמענדאַנט האָט, קייַענדיק אַ פּאַפּיראָס אין ווינקל פון מויל, ברייט דערשריבן דעם בויגן פּאַפּיר און אונטער דעם אונטערשריפט „קאָ־מענדאַנט פון שטאָט שעפּעטאָווקע כאָרונזשי" האָט ער מיט פאַרגעניגן אויסגעשטעלט זייַן געקרייַזלטן אונטערשריפט מיט אַ קונציקן דריידל אַפן עק. אין טיר האָט זיך דערהערט אַ קלינגען פון שפּאָרן. דער קאָמענדאַנט האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ.

פאַר אים איז געשטאַנען מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטער האַנט סאַלאָמיגע.

— וואָס פאַר אַ ווינט האָט דיך אָנגעטראָגן?—האָט אים באַגריסט דער קאָמענדאַנט.

— אַ פייַנער ווינט, אַ באַהונער האָט מיר די האַנט צעשעדיקט ביזן ביין.

סאַלאָמיגע האָט, ניט לייגנדיק קיין אכט אַף דעם, וואָס עס איז בייַגע־ווען אַ פרוי, זיך שטאַרק אויסגעזידלט.

— וואָס־זשע ביסטו געקומען אהער, פאַריכטן זיך?

— פאַריכטן וועלן מיר זיך אַף יענער וועלט. אַפן פראָנט קוועטשט מען, אַז עס גייט אַ רויך.

דער קאָמענדאַנט האָט אים אָפּגעשטעלט, אָנווייַזנדיק מיטן קאָפּ אַף דער פרוי:

— מיר וועלן דערנאָך אַ שמועס טאָן.

סאַלאָמיגע האָט זיך שווער אוועקגעזעצט אַפן בענקל און אראָפּגענומען דאָס היטל מיט דער קאָקאַרדע, אַף וועלכער עס איז געווען אויסגעשניטן אַן עמאַליעווער דרייַצאַן,—דער מעלוכישער צייכן פון או. נ. ר.[1].

— מיך האָט גאַלוב געשיקט אהער,—האָט ער שטיל אָנגעהויבן. אין־גיכן וועט אהער אָנקומען אַ דיוויזיע סיטשעווע שיסער. ביכלאַל וועט זיך דאָ פאַרקאָכן די עמעסע קאַשע, דאַרף איך דאָ מאַכן אָרדענונג. עס קען זייַן, אַז דער „האַלאָוונאָי" וועט קומען. מיט אים עפּעס אַן אויסלענדישער פויגל, דעריבער זאָל דאָ קיינער ניט ריידן וועגן „פאַרלייַכטערן". וואָס שרייַבסטו דאָס?

דער קאָמענדאַנט האָט איבערגערוקט דעם פּאַפּיראָס אין צווייטן ווינקל פון מויל.

— דאָ זיצט בא מיר איינער אַ כעווּרעמאַן, אַ יאַטל. פאַרשטייסט, אַף דער סטאַנציע האָבן מיר געכאַפּט אָט דעם זעלביקן זשוכרייַען, געדענקסט, אָט דעם, וואָס האָט אָנגערייצט די אייַזנבאַנער אַף אונדז.

— נו, נו?—האָט זיך פאַרינטערעסירט צוגערוקט סאַלאָמיגע.

— פאַרשטייסט, אמעלטשענקאָ, דער גוילעם, דער סטאַנציע־קאָמענדאַנט,

[1] או. נ. ר. —אוקראַיִנישע פאָלק־רעפּובליק.

האָט אימ מיט איינ קאָזאק אָפּגעשיקט צו אונדז, אונ דער, וואָס זיצט דאָ בא מיר, האָט אימ אָפּגעשלאָגנ אינמיטנ העלנ טאָג, אנטוואָפנט דעמ קאָזאק, ארויסגעזעצט אימ די ציינ אונ א גוטנ טאָג. זשוכריי איז נעלעמ געוואָרנ, אונ דער איז ארייַנגעפאלנ. אָט טו א לייענ דעמ מאטעריאל.—ער האָט צוגערוקט צו סאלאָמיגענ א פּעקל פארשריבענע פּאפּירנ.

יענער האָט עס שנעל דורכגעקוקט, מישנדיק די פּאפּירנ מיט דער לינקער געזונטער האנט. איבערגעלייענט, האָט ער זיך אייַנגעגעסנ מיטנ בליק אינעמ קאָמענדאנט:

— אונ דו ביסט בא אימ גאָרנישט דערגאנגענ?

דער קאָמענדאנט האָט נערוועז א צי געטאָנ דעמ דאשעק פונ זייַנ היטל.

— פינפ טעג מאטער איך זיך מיט אימ. ער שווייַגט: „איך ווייס גאָרנישט,—זאָגט ער,—איך האָב אימ ניט באפרייַט”. עפּעס א באנדיטישער קריפּל. פארשטייסט, דער קאָנוואָיר האָט אימ דערקענט, שיר ניט דערשטיקט אימ דאָ, די מיִעסקייַט, איך האָב אימ מיט גוואלד אָפּגעריסנ. אמעלטשענקאָ האָט דעמ קאָזאק אפ דער סטאנציע פינפ אונ צוואנציק שאָמפּאָלנ ארייַנגעקנאקט פארנ ארעסטירנ, האָט ער אימ דערפאר דאָ דערלאנגט אינ די זייַטנ. האלטנ אימ ווייַטער איז ניטאָ צו וואָס. איך שרייַב איינ שטאב, מע זאָל דערלויבנ אָפּלייגנ אימ.

סאלאָמיגע האָט טראכטנדיק ארויסגעשפּייַט.

— ער האָט באדארפט ארייַנפאלנ אינ מייַנע הענט, וואָלט ער שוינ גערעדט. ווי קומסטו, א גאלעכס א זונ, צו פירנ אנ אויספאָרשונג. וואָס פאר א קאָמענדאנט קענ שוינ זייַנ פונ א סעמינאריסט? שאָמפּאָלנ האָסטו אימ געגעבנ?

דער קאָמענדאנט איז אופגעקאָכט געוואָרנ.

— דו דערלויבסט זיך שוינ אביסל צופיל. דייַנע וויצנ קענסטו האלטנ פאר זיך. דער קאָמענדאנט בינ איך דאָ אונ איך בעט ניט ארייַנמישנ זיך.

סאלאָמיגע האָט א קוק געטאָנ אפנ אָנגעבלאָזענעמ קאָמענדאנט אונ זיך פאנאדערגעלאכט:

— כא־כא... איַי, גאלאָכישער זונ, נאָר בלאָז זיך ניט. וואָרעמ דו קענסט נאָך פּלאצנ. כאפּט דיך דער רוח מיט דייַנע געשעפטנ אינאיינעמ. דו זאָג בעסער, ווו נעמט מענ א פּאָר פלאש סאמאָהאָנ?

דער קאָמענדאנט האָט א שמייכל געטאָנ:

— דאָס קענ מענ.

— אונ אָט־אָ דעמ,—האָט סאלאָמיגע א שטעל געטאָנ דעמ פינגער אפנ פּאפּיר,—אויב דו ווילסט, אז מע זאָל אימ צעקנאקנ אפנ נאָגל, שטעל אימ, אָנשטאָט זעכצנ יאָר, אכצנ יאָר. דאָס קונצעניר ליגט דאפּקע אינ דעמ, ווענ ניט, קענענ זיי נאָך ניט באשטעטיקנ.

*

אין שפּײַכלער זײַנען זיי געװען זאַלבעדריט. אַן אַלטער מיט אַ באָרד אין אַן אָפּגעקראָכענעם קאַפּטן איז געלעגן צונויפגעדרייט אַף די נאַרעס, אונטערבייגנדיק אונטער זיך די דאַרע פיס אין ברייטע לײַוונטענע הויזן. אים האָט מען אַרײַנגעזעצט דערפאַר, וואָס פון זײַן שטאַל איז פאַרפאַלן געוואָרן אַ פערד פון אַ פעטליוראָוועץ, וועלכער איז בײַ אים אײַנגעשטאַנען. אַפּן דיל איז געזעסן אַן עלטערע פרוי מיט כיטרע געניייווישע אויגעלעך, מיט אַ שאַרפן קוק, אַ סאַמאָהאָן-טרײַבערן, וועלכע מע האָט באַשולדיקט אין גאַנווענען אַ זייגער און אַנדערע ווערטפולע כפייצים. אין ווינקל אונטערן פענצטער, מיט דעם קאָפּ אַף דעם צעקנייטשטן היטל, איז קימאַט אין אָנמאַכט געלעגן קאַרטשאַגין.

אין שפּײַכלער האָט מען אַרײַנגעפירט אַ יונגע פרוי מיט איבערגעשראָקענע גרויסע אויגן, אין אַ קאָלירט טיכל, אונטערגעבונדן אַף אַ פּויערישן אופן.

די פרוי איז געשטאַנען אַ ווײַלע און זיך נאָכדעם אוועקגעזעצט לעבן דער סאַמאָהאָן-טרײַבערן.

יענע האָט טשיקאַווע אויסגעפרעגט די נײַנקע און אַלץ געמאָלן מיט דער צונג:

— דו זיצסט, מיידעלע?

ניט באַקומענדיק קיין ענטפער איז זי אַלץ ניט אָפּגעטראָטן:

— פאַרוואָס האָט מען דיך, אַהער, האַ? צי ניט פאַר סאַמאָהאָן-איניען אַמאָל?

די פויערטע האָט זיך אופגעהויבן, אַ קוק געטאָן אַף דער צוגעשטאַנענער פרוי און געענטפערט שטיל:

— ניין, פאַר אַ ברודער האָט מען מיך אַרײַנגעזעצט.

— און ער וואָס האָט אַזוינס געטאָן? — איז די פרוי צוגעשטאַנען.

דער אַלטער האָט זיך אַרײַנגעמישט:

— וואָס לאָזטו זי ניט צורו? אַ מענטשן איז, קען זײַן, ניט ליב אַף דער וועלט צו קוקן, און דו האַלטסט אין איין פּלאַפּלען.

די פרוי האָט זיך באַלד אַ קער געטאָן צו די נאַרעס:

— און דו, וואָס גייסטו מיר דאָ אָנווײַזן? איך רייד מיט דיר, וואָס?

דער אַלטער האָט אויסגעשפּיגן:

— וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט צו אַ מענטשן?

אין שפּײַכלער איז געוואָרן שטיל. דאָס מיידל האָט אויסגעשפּרייט אַ גרויסע טוך, אוועקגעלייגט דעם קאָפּ אַף דער האַנט און זיך צוגעשפּאַרט.

די סאַמאָהאָן-טרײַבערן האָט זיך אַ נעם געטאָן צום עסן. דער אַלטער האָט אַראָפּגעלאָזן די פיס אַפּן דיל, ניט געײַלט פאַרדרייט אַ פּאַפּיראָס פון מאַכאָרקע און פאַרויכערט. איבערן שפּײַכלער האָבן זיך צעשפּרייט וואָלקנס שטינקנדיקער רויך.

דאָס ווײַבל האָט געטשאווקעט מיט אַ אָנגעשטאָפּט מויל און געבורשעט:

— וואָלסט כאָטש געלאָזן אָפּעסנ רויִק, אָנ איפּעש, האָט זיכ דאָ אוועקגעזעצט רויכערנ אָנ א סאָפּ.

דער אַלטער האָט זיכ גיפּטיק צעלאַכט:

— האָסט מוירע, אַז דו וועסט אַראָפּגייג פונ לײַב? באַלד וועסטו דאָכ שוינ אינ טיר ניט דורכקריכנ, וואָלסט בעסער אָט־אָ דעמ יאַטל געגעבנ עפּעס אָפּעסנ, אַז דאָס שטופּט אַלצ אינ זיכ.

די פרוי האָט זיכ א באַליידיקטע פאַרענטפערט:

— איכ זאָג אימ: עס,— וויל ער ניט. אונ וואָס עס איז שײַעכ מיר, בײַס אָפּ די צונג: דײַנע עס איכ ניט.

די יונגע פרוי האָט זיכ א קער געטאָנ צו דער סאַמאָהאָנ־טרײַבערנ. זי האָט אָנגעוויזנ מיטנ קאָפּ אינ קאָרטשאַגינס זײַט אונ געפרעגט:

— איר ווייסט ניט, פאַרוואָס ער זיצט?

די פרוי האָט זיכ דערפרייט, וואָס מע האָט מיט איר אָנגעהויבנ ריידנ, אונ האָט גערנ געענטפערט:

— דאָס איז א היגער יאַט. דער קעכנ קאָרטשאַגינעס ייִנגערער זונ.— אונ אָנבייגנדיק זיכ איר צומ אויער, האָט די פרוי געשעפּטשעט:

— ער האָט א באָלשעוויק באַפרײַט. דאָ איז געוועג איינער א מאַטראָס, בא זאָווליכענ, בא מײַנער א שכיינע, אײַנגעשטאַנענ אָפּ קוואַרטיר.

דאָס מיידל האָט זיכ דערמאָנט: „איכ שיק אוועק אינ שטאַב, זיי זאָלנ דערלויבנ אָפּלייגנ אימ...”

*

די סטאַנציע האָבנ איינער נאָכנ אַנדערנ אָנגעפילט עשאַלאָנען. אינ אומאָרדענונג האָבנ זיכ פונ דאָרטנ אַרויסגעשאָטנ קורעניעס (באַטאַליאָנענ) סיטשעווע שיסער. איבער די רעלסנ איז לאַנגזאַמ געקראָכנ דער פּירוואַגאָביקער פאַנצערצוג „זאַפּאָראָזשעצ”, א געשמידטער אינ שטאָל. פונ די פּלאַטפאָרמעס האָט מענ אַראָפּגעשלעפּט האַרמאַטנ. פונ די לאַסט־וואַגאָנעס האָט מענ אַרויסגעפירט פערד. דאָ טאַקע האָט מענ זיי אָנגעזאָטלט, זיכ אַרופגעזעצט, אונ פאַנאַנדערגעשטויסנ די פאָרמלאָזע מאַכנעס פוסגייער, האָבנ זיי זיכ דורכגעשפּאַרט אַפּנ סטאַנציע־הויפ, ווו עס האָט זיכ אויסגעשטעלט דער קאַוואַלעריע־אָטריאַד.

עס האָבנ געטומלט די סטאַרשינעס, אויסשרײַענדיק די נומערנ פונ זייערע טיילנ.

דער וואָקזאַל האָט געהודיעט, ווי א בינשטאָק. פונ דער פאָרמלאָזער קופּע פאַרשיידנשטימיקע, פילדערנדיקע מענטשנ האָבנ זיכ ביסלעכווײַז אויסגעשטעלט קוואַדראַטנ פונ ווזוואָדנ, אונ אײַנגיכנ האָט זיכ דער שטראָמ באַוואָפנטע מענטשנ אַרײַנגעגאָסנ אינ שטאָט. ביזנ סאַמע אָוונט האָבנ איבערנ

שאָסיי געטראַסקעט פורן און עס האָבן זיך געשלעפּט הינטערשטע רעשטלעך פון דער דיוויזיע סיטשעווער שיסער, וואָס איז אַרייַן אין שטאָט.

און, ענדלעך, האָט שליסנדיק די קאָלאָנע, דורכמאַרשירט די שטאַב־ראָטע, וואָס האָט זיך געריסן אַף הונדערט צוואַנציק העלדזער:

Шо за шум, шо за гам
Сочинився?
То Петлюра на Вкраини
Появився...

קאַרטשאַגין האָט זיך אופגעהויבן צום פענצטער. דורך דער טונקלעניש פונעם אָנהייב אָוונט האָט ער דערהערט א גערויש פון רעדער אַף דער גאַס, א טופּערייַ פון אַסאַך פיס, פּילשטימיקע לידער.

פונהינטן האָט מען שטיל געזאָגט:

— קענטיק, מיליטער גייט אַרייַן אין שטאָט.

קאַרטשאַגין האָט זיך א קער געטאָן אַף הינטער.

דאָס האָט גערעדט דאָס מיידל, וואָס מע האָט נעכטן געבראַכט.

ער האָט געהערט איר דערציילונג. די סאַמאָהאָן־טרייַבערן האָט זיך אירס דערשלאָגן. זי איז פון א דאָרף, זיבן וויאָרסט פון שטאָט. איר עלטערער ברודער הריצקאָ, א רויטער פּאַרטיזאַן, האָט בייס די סאָוועטן אָנגעפירט מיטן קאָמבעד.

ווען די רויטע זייַנען אַוועק, האָט זיך אויך הריצקאָ אַרומגעגאַרטלט מיט א קוילנוואַרפער־לענטע און איז אַוועק מיט זיי. און איצטער לאָזט מען ניט לעבן דער געזינד. איין פערד געווען, האָט מען אים אויך צוגענומען. דעם פאָטער האָט מען אין שטאָט געפירט: ער האָט זיך גענוג אָנגעליטן, זיצנדיק אונטערן שלאָס. דער סטאַראָסטע, וואָס איז געווען פון די, וועמען הריצקאָ האָט צוגעקוועטשט, שיקט איצטער, אויס נעקאָמע, צו זיי אַף קוואַרטיר פאַרשיידענע מענטשן. די געזינד איז אינגאַנצן באַדאַלעס געוואָרן. נעכטן איז אין דאָרף געקומען דער קאָמענדאַנט מאַכן אַן אָבלאַווע, האָט אים דער סטאַראָסטע געבראַכט צו זיי. דער קאָמענדאַנט האָט זיך צוגעקוקט צו דער מיידל, און אינדערפרי האָט ער זי צוגענומען אין שטאָט „אַפן פאַרהער".

קאַרטשאַגינען האָט זיך ניט געשלאָפן. די רויִקייט איז פון אים אינגאַנצן פאַרשוווּנדן. און איין געדאַנק, פון וועלכן מע האָט זיך ניט געקענט אָפּטשעפּען, איין געדאַנק: „וואָס וועט זייַן ווייַטער?" — האָט זיך אים אַלץ געדרייט אין קאָפּ.

דער צעמאַזיקטער קערפּער האָט שטאַרק ווי געטאָן. דער קאָנוואָיִר האָט אים געמיימעסט מיט א ווילדן קאַעס.

קעדיי אָפּטרייַבן פון זיך די וויסטע געדאַנקען, האָט ער זיך גענומען צוהערן צו דער שעפּטשערייַ פון זייַנע שכיינים.

גאָר שטיל האָט דאָס מיידל דערציילט, ווי דער קאָמענדאַנט איז צו איר צוגעשטאַנען, געדראָט, אײַנגערעדט, און באַקומענדיק אַ ווידערשטאַנד, איז ער ווילד געוואָרן. „כ׳וועל דיך אַרײַנזעצן,—זאָגט ער,—אין קעלער, דו וועסט בא מיר פון דאָרטן ניט אַרויס“.

די פינצטערניש האָט פאַרהילט די ווינקלען. פאָרויס איז געווען אַ נאַכט, אַ שטיקנדיקע, אַן אומרויִקע. ווידער געדאַנקען וועגן דעם אומבאַוווּסטן מאָרגן. די זיבעטע נאַכט, און דאַכט זיך, אַז כאַדאָשים זײַנען אַדורך. עס איז האַרט צו ליגן. דער ווייטעק איז ניט שטילער געוואָרן. אין שפּײַכלער זײַנען איצט בלויז דרײַ. דער אַלטיטשקער אַף די נאַרעס כראָפּעט, ווי בא זיך אַפן אויוון. דער אַלטיטשקער איז פילאָסאָפיש רויִק און שלאָפט באַנאַכט שטאַרק. די סאַמאָהאָן־טרײַבערן האָט דער כאָרונזשי אַרויסגעלאָזן, זי זאָל קריגן בראַנפן. כריסטינע און פאַוועל ליגן אַפן דיל, קימאַט איינע לעבן די אַנדערע. נעכטן האָט ער סעריאָזשקען געזען דורכן פענצטערל. לאַנג איז יענער געשטאַנען אַפן גאַס, געקוקט אומעטיק אַף די פענצטער פונעם הויז.

„ער ווייס, קענטיק, אַז איך בין דאָ“.

דרײַ טעג האָט מען אים איבערגעגעבן שטיקלעך שוואַרצן זויערן ברויט. ווער האָט עס איבערגעגעבן, האָט מען ניט געזאָגט. צוויי טעג האָט ניט געלאָזט רוען מיט קעסיידערדיקע פאַרהערן דער קאָמענדאַנט:

— וואָס קען עס אַלץ באַטײַטן?

אַף די פאַרהערן האָט ער גאָרנישט ניט געזאָגט, געלייקנט שפּיין און ביין. פאַרוואָס ער האָט געשוויגן, האָט ער אַליין ניט געוווּסט. ער האָט געוואָלט זײַן דרייסט, געוואָלט זײַן שטאַרק, ווי יענע, וועגן וועלכע ער האָט גע־לייענט אין די ביכער. און ווען מע האָט אים צוגענומען און אַוועקגעפירט באַנאַכט, און בא דער געבײַדע פונעם דאַמפ־מיל האָט איינער פון די קאָנוואָיִרן געזאָגט: „צו וואָס שלעפן אים, פאַניע כאָרונזשי? אַ קויל אין רוקן—און גאָר“, איז געוואָרן שרעקלעך. יע, עס איז שרעקלעך שטאַרבן צו זעכצן יאָר! וואָרעם טויט—הייסט דאָך שוין קיינמאָל מער ניט לעבן.

כריסטינע טראַכט אויך. זי ווייס מער, וויפל דער דאָזיקער יאַט. ער, מיסטאָמע, ווייס נאָך ניט... און זי האָט געהערט.

ער שלאָפט ניט, וואַרפט זיך באַנאַכט. אַ שאָד, אוי, סאַראַ שאָד עס איז כריסטינען דער דאָזיקער יינגל, נאָר זי האָט אייגענע צאָרעס: זי קען ניט פאַרגעסן די שרעקלעכע ווערטער פונעם קאָמענדאַנט: „איך וועל מיט דיר מאָרגן אַ סאָף מאַכן. ווילסט ניט מיט מיר, וועסטו גיין אין קאַראַולקע. די קאַזאַקן וועלן זיך ניט אָפּזאָגן. קלײַב אויס“.

„אוי, ווי שווער, און עס איז ניטאָ פונוואַנען צו וואַרטן אַף הילף. וואָס בין איך שולדיק, וואָס הריצקאָ איז אַוועק מיט די רויטע. אוי, ווי עס איז שווער צו לעבן אַף דער וועלט!“

א טעמפּער ווייטעק דריקט צונויף די האַלדז, א פאַרצווייפלונג און אן אויסוועג, און איימע האָט זי ארומגעכאַפּט, און כריסטינע האָט זיך צעוויינט מיט א פאַרשטיקטן קאָל.

איר יונגער קערפּער ציטערט אויף פון גרויס טרויער און פאַרצווייפלונג. אין ווינקל באַ דער וואַנט האָט זיך א ריר געטאָן א שאָטן...

— וואָס איז מיט דיר?

כריסטינע שעפּטשעט צו אים הייס—זי דערציילט אויס איר גאַנצע ביטערע האַרץ פאַרן יונגן יאַט. ער הערט, שווייגט, מער ניט זיַין האַנט האָט זיך אַרויפגעלייגט אויף כריסטינעס הענט.

— זיי ווילן מיך פאַרפּיַיניקן, די אויסוואורפן,—האָט זי, שלינגענדיק די טרערן, מיט שרעק געשעפּטשעט.—איך בין א פאַרפאַלענע, די מאַכט איז באַ זיי.

וואָס האָט ער, פּאַוועל, געקענט זאָגן דער דזשיקער מיידל? ניטאָ קיין ווערטער, ניטאָ וואָס צו זאָגן. דאָס לעבן האָט צונויפגעקוועטשט ווי א רייף.

ניט לאָזן זי מאַרגן נעמען, קעמפן? מע וועט צעמיימעסן אויף טויט אָדער מע וועט גאָר דערלאַנגען מיטן שווערד איבערן קאָפּ—און אן עק. און קעדיי כאָטש עטוואָס א צערטל טאָן דאָס דזשיקע אומגליקלעכע מיידל, האָט ער זי א גלעט געטאָן ווייך איבערן האַנט. דער מיידלס געוויין איז געוואָרן שטילער. פון צייט צו צייט פלעגט דער וואַך-זעלנער באַם אַריַינגאַנג אויסשריַיען צו די דורכגייענדיקע דעם געווייַנלעכן: „ווער גייט?", און ס'איז ווידער שטיל געוואָרן. דער אַלטיטשקער שלאָפט שטאַרק. לאַנגזאַם זיַינען געגאַנגען די מינוטן. ער האָט ניט פאַרשטאַנען, ווען עס האָבן אים פעסט אַרומגענומען א פאָר הענט און צוגעצויגן צו זיך.

— הער, ליבינקער,—שעפּטשען צו אים הייסע ליפּן,—איך בין אַלציינס א פאַרפאַלענע: אויב ניט דער אָפיצער, וועלן יענע פאַרמוטשען. נעם מיך, ליב ייִנגעלע, קעדיי ניט יענער קעלעוו זאָל מיַין מיידלשאַפט אוועקנעמען.

— וואָס רעדסטו, כריסטינע?

אָבער די שטאַרקע הענט האָבן אים ניט אָפּגעלאָזן. די ליפּן זיַינען הייסע, פולע ליפּן, פון זיי איז שווער זיך אָפּצורייסן. די ווערטער דער מיידלס זיַינען פּראָסטע, צערטלעכע. ער ווייס דאָך, פאַרוואָס זי רעדט איצט אַזעלכע ווערטער.

און אָט איז אַנטלאָפן אין ערגעץ אַנאַזוים דאָס הײַנטיקע. ער האָט פאַרגעסן דעם שלאָס אויפן טיר, דעם געלבן קאַזאַק, דעם קאָמענדאַנט, די ווילדע קלעפּ, די זיבן פאַרשטיקטע, שלאָפלאָזע נעכט, און אויף אן אויגנבליק זיַינען געבליבן בלויז הייסע ליפּן און א געזיכט, וואָס איז עטוואָס פײַכט פון טרערן.

מיטאַמאָל איז אַרויפגעקומען אויפן געדאַנק טאָניע:

„ווי האָט מען עס געקענט אָן איר פאַרגעסן?.. די וואונדערבאַרע, נאָענטע אויגן".

עס האָט אים געסטײַעט קױכעס זיך אָפּצורײַסן. װי אַ שיקערער האָט ער זיך אױפגעהױבן און זיך אָנגעכאַפּט מיט די הענט פאַר דער גראַטע. כריסטי־נעס הענט האָבן אים אױסגעפונען.

— װאָס איז מיט דיר?

װיפל געפיל איז געװען אין דער דאָזיקער פראַגע! ער בײגט זיך אָן צו איר, דריקט איר פעסט די הענט און זאָגט:

— איך קען ניט, כריסטינע, דו ביסט אַ גוטע, — און ער האָט נאָך עפּעס געזאָגט אַזױנס, װאָס ער האָט אַלײן ניט פאַרשטאַנען.

ער האָט זיך אױסגעגלײַכט, קעדײ איבערײַסן די דאָזיקע אומדערטרעג־לעכע שטילקײַט, און אַ שפּרײַז געטאָן צו די נאַרעס. ער האָט זיך אװעק־געזעצט אױף ברעג פון דער נאַרע און גענומען טורקען דעם אַלטן:

— זײדע, גיב פאַרױכערן, איך בעט דיך.

אין װינקל, פאַרװיקלט אין טיכל, האָט געװײנט דאָס מײדל.

באַטאָג איז געקומען דער קאָמענדאַנט, און די קאָזאַקן האָבן כריסטינען אַװעקגעפירט. זי האָט זיך מיט די אױגן צעזעגנט מיט פּאַװלען. אין זײַ איז געלעגן אַ פאָרװורף. און װען הינטער איר האָט זיך פאַרהאַקט די טיר, איז אים געװאָרן נאָך שװערער און טריבער.

דער אַלטיטשקער האָט זיך ביז אײנאָװנט ניט געקענט דערשלאָגן פון דעם יונגן קײן אײן װאָרט. עס האָט זיך געביטן דער קאַראַול און די קאָ־מענדאַנטישע קאָמאַנדע. אײנאָװנט האָט מען געבראַכט אַ נײַעם אַרעסטירטן. פּאַװעל האָט דערקענט אין אים דאָליניקן, אַ סטאָליער פון צוקער־זאַװאָד. דאָס איז געװען אַ פעסט־געבױטער אַרבעטער, אַ נידעריקער, אין אַן אָפּ־געקראָכן געל העמדל אונטער דעם אָפּגעניצטן פּידזשאַק. ער האָט מיט אַן אױפמערקזאַמען בליק באַקוקט דעם שפּײַכלער.

פּאַװעל האָט אים געזען אין 1917 יאָר אין פעװראַל, װען די רעװאָליר־ציע האָט זיך דערקײַקלט אױך צום שטעטל. אױף די רױשיקע דעמאָנסטראַ־ציעס האָט ער געהערט בלױז אײן באָלשעװיק. דאָס איז געװען דאָליניק. ער איז אַרױפגעקראָכן אױף אַ פּאַרקאַן באַם שליאַך און געהאַלטן אַ רעדע צו די סאָלדאַטן. עס האָט זיך פאַרגעדענקט זײַן שלוס־געדאַנק:

— האַלט זיך, סאָלדאַטן, פאַר די באָלשעװיקעס, זײ װעלן ניט פאַרקױפן!

פון דעמאָלט אָן האָט ער דעם סטאָליער ניט באַגעגנט.

דער אַלטער האָט זיך דערפרײט מיטן נײַעם שכן. אים איז, זעט אױס, געװען שװער צו זיצן שװײַגנדיק אַ גאַנצן טאָג. דאָליניק האָט זיך אַװעקגעזעצט נעבן אים אױף נאַרע, פאַרױכערט מיט אים אַ פּאַפּיראָס און פאַנאַנדערגעפרעגט װעגן אַלץ.

נאָכדעם האָט ער זיך צוגעזעצט צו קאָרטשאַגינען.

— און באַ דיר װאָס הערט זיך גוטס? — האָט ער געפרעגט דעם יאַט. — װי קומסטו אַהער?

ער האָט געענטפֿערט גאַנץ קאַרג. דאָלינִיק האָט געפֿילט, אַז זײַן מיט־שפּרעכער געטרויט אים ניט, דעריבער איז ער אַזוי קאַרג אויף רייד. אָבער ווען דער סטאָליער האָט זיך דערוווּסט, אין וואָס מע באַשולדיקט דעם יונג, האָט ער פֿאַרוווּנדערט גענומען קוקן אויף קאָרטשאַגינען מיט זײַנע קלוגע אויגן. ער האָט זיך צוגעזעצט דערנעבן.

— דו האָסט, זאָגסטו, באַפֿרײַט זשוכרײַען? אַזוי גאָר. איך האָב גאָרניט געוווּסט, אַז מע האָט דיך אַרעסטירט.

פּאַוועל האָט פֿון אומדערוואַרטקייט זיך אויפֿגעהויבן אויפֿן עלנבויגן.

— וואָס פֿאַר אַ זשוכרײַ. איך ווייס פֿון גאָרנישט. מאַלע וואָס מע וועט מיר צושרײַבן.

אָבער דאָלינִיק האָט זיך שמייכלענדיק צוגערוקט צו אים נאָך נענטער.

— הער אויף, כאַווערל, פֿאַר מיר באַהאַלט זיך ניט. איך ווייס מער פֿון דיר.

און שטיל, אַז דער אַלטער זאָל ניט הערן:

— כ׳האָב אַליין זשוכרײַען באַגלייט, ער איז שוין, מיסטאָמע, געקומען אויף אָרט. פֿיאָדאָר האָט מיר אַלץ דערציילט וועגן דעם דאָזיקן צופֿאַל. — ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, טראַכטנדיק וועגן עפּעס, און צוגעגעבן:

— אַ יאַט ביסטו, ווײַזט זיך אַרויס, אַ רעכטער. נאָר אָט דאָס, וואָס דו זיצסט, וואָס זיי ווייסן וועגן אַלץ, — דאָס איז גאָר, קען מען זאָגן, צו אַלדי קלאָגן, דאָס טויג אויף קאַפּאָרעס.

ער האָט אַראָפּגעוואָרפֿן דעם פּידזשאַק, אויסגעשפּרייט אים אויפֿן דיל, זיך אַוועקגעזעצט, אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע אָן וואַנט, און האָט ווידער גענומען דרייען אַ פּאַפּיראָס.

די לעצטע ווערטער דאָלינִיקס האָבן פּאַוולען אַלץ געזאָגט. עס איז געווען קלאָר: דאָלינִיק איז אַן אייגענער מענטש. ווײַבאַלד ער האָט באַגלייט זשוכרײַען, הייסט עס, אַז...

אינאָוונט האָט ער שוין געוווּסט, אַז דאָלינִיק איז אַרעסטירט געוואָרן פֿאַר אַגיטאַציע צווישן די פּעטליוריִשע קאַזאַקן. ער איז אַרײַנגעפֿאַלן, ווען ער האָט צעטיילט אויפֿרופֿן פֿון גובערניאַלן רעווקאָם, אין וועלכע מע האָט זיי גערופֿן אונטערגעבן זיך און איבערגיין צו די רויטע.

דער פֿאָרזיכטיקער דאָלינִיק האָט פּאַוולען דערציילט ניט קיין סאַך.

„ווער ווייס, — האָט ער געטראַכט, — מע וועט נעמען נעריקן דעם יאַט מיט שאָמפּאָלן. ער איז נאָך יונג“.

שפּעט אינאָוונט, באַם לייגן זיך שלאָפֿן, האָט ער אַלע זײַנע סוואָרעס אַרויסגעזאָגט אין אַ קורצער אַלגעמיינער פֿראַזע:

— די לאַגע מײַנע און דײַנע, קאָרטשאַגין, קען מען זאָגן, איז גאָר ניט קיין פֿויגלדיקע. מירן אַ קוק טאָן, וואָס דערפֿון וועט אַרויס־קומען.

אפן צווייטן טאָג איז אין שפּיַכלער צוגעקומען נאָך אַן אַרעסטאַנט, דער אַלטער באַוווסטער שערער שלוימע זעלצער, מיט גרויסע אויערן און אַ לאַנגן האַלדז. ער האָט זיך געהיצט און דערציילט דאָליניקן, מאַכנדיק מיט די הענט:

— נו, איז אָט, פוקס, בלוושטיין און טראַכטענבערג וועלן אים גיין באַגעגענען מיט ברויט און זאַלץ. זאָג איך: איר ווילט טראָגן ברויט מיט זאַלץ—טראָגט, אָבער ווער וועט זיי אונטערשרײַבן פון דער גאַנצער ייִדישער באַפעלקערונג? אַנטשולדיקט, קיינער ניט. זיי לוינט. פוקס האָט אַ קראָם, טראַכטנבערג—אַ מיל. און וואָס האָב איך? און באַ דער איבעריקער אָרעמשאַפט? באַ די דאָזיקע עווייונים איז אויך גאָרנישט ניטאָ. אָבער באַ מיר איז אַ לאַנגע צונג. הײַנט גאָל איך איינעם אַ סטאַרשינאַ, פון די נײַע, וואָס מע האָט ניט לאַנג צוגעשיקט. „זאָגט,—זאָג איך,—דער אַטאַמאַן פּעטליורע ווייס וועגן די פּאָגראָמען אָדער ניט? ער וועט צונעמען די דאָזיקע דעלעגאַציע?״ עך, וויפל מאָל האָב איך געהאַט צאָרעס פון מײַן צונג! וואָס, טראַכט איר, האָט געטאָן דער דאָזיקער סטאַרשינאַ, ווען איך האָב אים אָפּגעגאָלט, אָנגעפודערט און געמאַכט אַלץ וואָס בעסער דאַרף מען ניט? ער שטעלט זיך אוועק און, אָנשטאָט צו באַצאָלן מיר געלט, אַרעסטירט ער מיך פאַר אַגיטאַציע קעגן דער מאַכט.

זעלצער האָט אַ זעץ געטאָן מיטן פויסט אין האַרצן:

— וואָס פאַר אַן אַגיטאַציע? וואָס אַזוינס האָב איך געזאָגט? איך האָב בלויז געפרעגט באַ אַ מענטשן... און דערפאַר זעצט מען מיך אַרײַן...

היצנדיק זיך, האָט זעלצער געדרייט אַ קנעפל אַף דאָליניקס העמדל, געשלעפט אים דאָ פאַר איינער, דאָר פאַר דער צווייטער האַנט.

דאָליניק האָט ניט־ווילנדיק אָנגעהויבן שמייכלען, הערנדיק דעם אופגערעגטן שלוימען. ווען דער שערער איז אַנשוויגן געוואָרן, האָט דאָליניק ערנסט געזאָגט:

— עך, שלוימע, ביסט דאָך אַ קלוגער מענטש, און דו האָסט זיך געמאַכט צום נאַר. געפונען אַ צײַט, ווען צו קלאַפּן מיט דער צונג. איך וואָלט דיר ניט געראַטן אַרײַנפאַלן אַהער.

זעלצער האָט אַ קוק געטאָן אַף אים, ווי ער וואָלט אים גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, און האָט אַ פאַרצווייפלטער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. די טיר האָט זיך אופגעעפנט, און אין שפּיַכלער האָט מען אַרײַנגעשטויסן די שוין באַקאַנטע סאַמאָהאָן־טרײַבערן. זי האָט ביטער געשאָלטן דעם קאַזאַק, וואָס האָט זי געפירט.

— אַ פײַער זאָל אײַך טרעפן צוזאַמען מיט אײַער קאָמענדאַנט! סע זאָל אים כאַפּן די ניכפּע פון מײַן סאַמאָהאָן!

דער וואַך־וועלנער האָט פאַרהאַקט הינטער איר די טיר, און מע האָט געהערט, ווי ער האָט פאַרוקן דעם שלאָס.

דאָס ווײַבל האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף דער נאַרעס; דער אַלטער האָט זי באַגעגנט מיט כּעס:

— וואָס, ווידער צו אונדז, קאַלעקאַטקע? מײַלע, זעץ זיך, זײַ אַ גאַסט.

די סאַמאָהאָן־טרײַבערן האָט גאַנץ גראָב אַ קוק געטאָן אויפן אַלטן, מיט־גענומען איר קלומעקל און זיך איבערגעזעצט אויפן דיל לעבן דאַליניקן.

מע האָט זי ווידער אַרײַנגעזעצט נאָך דעם, ווי מע האָט פֿון איר אַרויס־באַקומען עטלעכע פֿלעשלעך סאַמאָהאָן.

הינטער דער טיר איז קאַראָולקע האָבן זיך דערהערט געשרייען, אַ טומל. עמעצנס אַ שאַרפֿע שטימע האָט אָפּגעגעבן באַפֿעלן. אַלע אַרעסטירטע פֿון שפּײַכלער האָבן אַ קער געטאָן די קעפּ צו דער טיר.

*

אויפֿן פּלאַץ, בײַם קלײנינקן קלויסטערל מיטן אַלטן גלאָקן־טורעם, איז פֿאָר־געקומען אַן אויסערגעוויינלעכע געשעעניש פֿאַרן שטעטל. אַרומגעכאַפּט דעם פּלאַץ פֿון דרײַ זײַטן, האָבן זיך אין גלײַכע גראָדעקן צעשטעלט די טײלן פֿון דער דיוויזיע סיטשעווע שיסער אין דער פֿולער שלאַכט־באַוואָפֿענונג.

פֿון פֿאָרנט, אָנהײבנדיק פֿון פֿאָרטאַל פֿונעם קלויסטער, האָבן זיך, אײַנ־שפּאַרנדיק אינעם פֿאַרקאַן פֿון שול, אויסגעצויגן אין רייען און אויסגע־שטעלט אין שאַכמאַט־קוואַדראַטן דרײַ פּוסגײער־פּאָלקן.

אַ גרויסע שמוציקלעכע מאַסע, מיט ביקסן צוגעשטעלטע צום פֿוס, אין אומ־געלומפּערטע אײַזערנע רוסישע העלמען, וואָס זײַנען געווען ענלעך אויף קיר־בעסן איבערגעשניטן אויף העלפֿט, געדיכט באַהאַנגענע מיט פּאַטראָנעס, זײַנען זיי געשטאַנען, די פּעטליורישע סאָלדאַטן פֿון דער אַמערסטן שלאַכטפֿײַקער דיוויזיע פֿון דער „דירעקטאָריע".

אַ גוט אָנגעטאָנענע און באַשוכטע פֿון די רעזערוון פֿון דער געוועזענער צאַרישער אַרמײ, מער ווי אויף העלפֿט קאָמפּלעקטירט פֿון באַלעגופֿים, וואָס האָבן באַוווסטזיניק געקעמפֿט קעגן די סאָוועטן, איז די דאָזיקע דיוויזיע אַריבערגעוואָרפֿן געוואָרן אַהער אין שטעטל צו פֿאַרטײדיקן דעם וויכטיקסטן סטראַטעגישן אײַזנבאַן־קנופּ.

פֿון שעפּעטאָווקע זײַנען אין פֿינף פֿאַרשײדענע זײַטן געלאָפֿן די גלאַנ־ציקע לענטעס פֿון די ליניעס. פֿאַרלירן דעם דאָזיקן פּונקט האָט פֿאַר פּעט־ליורען באַטײַט—פֿאַרלירן אַלץ. בײַ דער „דירעקטאָריע" איז שוין אַזוי אויך געבליבן אַ ברעקל טעריטאָריע. אַלס הויפּטשטאָט פֿון דער פּעטליוראָווו־שטשינע איז געוואָרן דאָס באַשײדענע שטעטל וויניצע.

דער „האַלאָווני אַטאַמאַן" האָט באַשלאָסן פּערזענלעך דורכקאָנטראָלירן די טײלן. אַלץ איז געווען גרייט אים צו באַגעגענען.

אין די הינטערשטע רייען, פֿאַרוקט אָנאַזײַט, האָט מען אין ווינקל פֿונעם פּלאַץ אַוועקגעשטעלט אַ פּאָלק פֿון נײַ־מאָביליזירטע. דאָס איז געווען אַ

באָרוועסע, בונט־אָנגעטאָנענע יוגנט. קיינער פון די דאָזיקע יונגע דאָרפישע יאַטן, וואָס מע האָט זיי אראָפּגעשלעפּט בייס די באנאַכטיקע אָבלאַוועס פון אויוון אָדער געכאַפּט אין גאַס, האָט ניט געטראַכט גיין מילכאָמע האַלטן.

— ניטאָ קיין נאַראָנים,—האָבן זיי געזאָגט.

העכסטנס, וואָס האָט זיך איינגעגעבן די פּעטליוריסע אָפיצערן,—דאָס איז—ברענגען די מאָבילי זירטע אונטער א קאָנוואָי אין שטאָט אריין, איינטיילן זיי אין ראָטעס און "קורעניעס און ארויסגעבן געווער.

אָבער אפן צווייטן טאָג איז א דריטל פון די געבראַכטע פארשוווּנדן געוואָרן, און מיט יעדער טאָג איז געוואָרן אלץ ווייניקער סאָלדאַטן.

ארויסגעבן זיי שטיוול איז געווען מער ווי לייכטזיניק, כוץ דעם איז גאָר ניט געווען אזויפיל שטיוול. עס איז ארויסגעגעבן געוואָרן א באַפעל: קומען צו פריזיוו אָנגעשוכטע. דער באַפעל האָט געגעבן וווּנדערלעכע רעזולטאַטן. פונוואַנען האָבן זיך עס גענומען אזוינע מאָדנע טראַנטעס, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אפ די פיס בלויז מיט דער הילף פון דראָט אָדער שטריקלעך?

אפן פּאַראַד האָט מען זיי געבראַכט באָרוועסע.

אהינטער די פּוסגייער האָט זיך אויסגעשטעלט גאָלובס קאַוואַלעריע־פּאָלק.

די קאַוואַלעריסטן האָבן פאַרשטעלט דעם וועג פאַר דעם געדיכטן האַמוינ נייגעריקע. אַלעמען האָט זיך געוואָלט א קוק טאָן אפן פּאַראַד.

דער האָלאָווני אַטאַמאַן אַליין וועט קומען! אין שטאָט זיינען אזעלכע געשעענישן פאָרגעקומען זעלטן, און דורכלאָזן אַן אומזיסטע פאָרשטעלונג האָט קיינער ניט געוואָלט.

אפ די טרעפלעך פון קלויסטער האָבן זיך פאַרזאַמלט פּאָלקאָווניקעס, יעסאַולן, דעם פּאָפּס ביידע טעכטער, א הייפל אוקראַינער לערער, א גרופּע "פרייע" קאַזאַקן, דער עטוואָס איינגעהויקערטער פּאָרזיצער פון אופּראַווע—ביכלאַל, די אויסדערוויילטע, וואָס שטעלן פאַר די "געזעלשאַפטלעכקייט", און צווישן זיי, אין א טשערקעסקע, דער הויפּט־אינספּעקטער פון די פּוסגייער־טיילן. ער האָט קאָמאַנדעוועט מיטן פּאַראַד.

אין קלויסטער האָט זיך אָנגעטאָן דער פּאָפּ וואָסיל אין די פייערלעכע קליידער.

פעטליורען האָט זיך געגרייט א פייערלעכער אופנעם. מע האָט געבראַכט און אוועקגעשטעלט א פאָן: געל מיט בלוי. פאַר דער דאָזיקער פאָן האָבן געדאַרפט שווערן די מאָביליזירטע.

דער דיוויזיע־קאָמאַנדיר האָט זיך אפ אַן אַלטן אָפּגעקראָכענעם "פאָרד" געלאָזן צום וואָקזאַל נאָך פעטליורען.

דער פּעכאָטע־אינספּעקטער האָט צוגערופן צו זיך טשערניאַקן, א שלאַנקן פּאָלקאָווניק מיט פראַנטיש־פאַרדרייטע וואָנצעלעך.

— נעמט מיט זיך נאָך עמעצן, קאָנטראָלירט דורך די קאָמענדאַנטור און

דעם טיל, אלץ זאָל זײַן ריין און אופגעראמט. אויב עס זײַנען דאָ ארעס־טירטע, קוקט דורך, נישטיקײַטן יאָגט דורך.

טשערניאק האָט א קלאפ געטאָן מיט די קנאפלען, מיטגענומען א יע־סאול, וואָס האָט זיך אים געמאכט אונטערן האנט, און אוועקגעריטן.

דער אינספעקטער האָט זיך ליבלעך געווענדעט צו דעם פאפס עלטערער טאָכטער:

— און ווי איז בא אײַך מיטן מיטיק, אלץ איז בא אײַך אין אָרדענונג?

— אָ, יע, דאָרטן זאָרגט שוין דער קאָמענדאנט,—האָט געענטפערט דעם פאפס טאָכטער, אײַנזויגנדיק זיך מיט די אויגן אינעם שײנעם אינספעקטער.

מיטאמאָל האָט זיך אלץ א ריר געטאָן: איבערן שאָסיי איז, צופאלנדיק צום האלדז פון פערד, געפלויגן א רײַטער. ער האָט געמאכט מיט דער האנט און האָט געשריִען:

— מע פאָרט!

— אפ די ערטער!—האָט אויסגעריטשעט דער אינספעקטער.

די סטארשינעס זײַנען אוועקגעלאָפן צו די סאָלדאטישע טײלן.

ווען דער „פאָרד" האָט אָנגעהויבן ניסן באם „פאָרטאל פון קלויסטער, האָט דער אָרקעסטער גענומען שפילן: „שטשע נע וומערלא אוקראַינא".

פון אוטאָמאָביל איז באלד נאָכן דיוויזיע־קאָמאנדיר אומגעלומפערט ארויסגעקראָכן דער „האלאָוונאָי" אטאמאן פעטליורע אליין", א מענטש פון מיטעלן וווּקס מיט א פעסט אוועקגעזעצטן קאנטיקן קאָפּ אפ א רויטן קארק. אין א בלויען זשופאן פון גווארדײַישן געוואנט, א פארצויגענעם מיט א געלן גארטל, צו וועלכן עס איז געווען צוגעשפיליעט א קלײנינקער בראַ־נינג אין א זאמשעווע שײדל. אפן קאָפּ א כאקי־„קערענקע", אפ איר א קאָ־קארדע מיט אן עמאלענעם דרײַצאָן.

אין סעמיאָן פעטליורעס פיגור איז ניט געווען גאָרנישט קריגערישעס, ער האָט אויסגעזען גאָר ניט ווי א מיליטערמאן.

אומצופרידן מיט עפעס, האָט ער אויסגעהערט דעם קורצן ראפאָרט פונעם אינספעקטער. נאָכדעם האָט זיך צו אים געווענדט מיט א באגריסונג דער פאָרזיצער פון אופראווע.

פעטליורע האָט צעשטרײַט געהערט, קוקנדיק איבער זײַן קאָפּ אפ די אויסגעשטעלטע פאלקן.

— לאָמיר אָנהייבן דעם דורכקוק,— האָט ער א ווונק געטאָן צום אינ־ספעקטער.

ארופגעגאנגענע אפ דעם קלײנעם בריקל בא דער פאָן, האָט פעטליורע זיך געווענדט מיט א צענמינוטיקער רעדע צו די סאָלדאטן: מיט די באָל־שעוויקעס שלאָגן זיך ביזן לעצטן טראָפּן בלוט, זײ האָבן פארניכטעט די פרײַע אוקראַינע, און נאָר ער, פעטליורע, איז איר אײנציקער פארטײדיקער, און, פארשטייט זיך, אויך זײ, די סאָלדאטן.

די רעדע איז געװען ניט קײנ איבערצײַגנדיקע, געהאַלטנ האָט זי פּעט־ליורע אָנ באַזונדערער באַגײַסטערונג, װײַזט אויס, א מידער פונ װעג. גע־ענדיקט האָט ער אונטער די קאַזיאָנע געשרײענ פונ די סאָלדאַטנ: „סלאַװאַ! סלאַװאַ!" ער איז אראָפּגעקראָכנ פונ בריקל אונ אָפּגעװישט מיט א טיכל דעם פאַרשװיצטנ שטערנ. נאָכדעם איז ער מיטנ אינספּעקטער אונ מיטנ די־װיזיע־קאָמאַנדיר ארומגעגאַנגענ פאַרבײַ די טײלנ.

פאַרבײַגעגאַנגענ לענגויס די רײענ מאָביליזירטע, האָט ער אומצופרידנ פאַרזשמורעט די אויגנ אונ נערװעז געביסנ די ליפּנ.

צום סאָף פונעם דורכקוק, װענ די מאָביליזירטע זײַנענ װזװאָד נאָכ װזװאָד צוגעגאַנגענ אינ ניט־גלײַכע רײענ צו דער פאָנ, בא װעלכער עס איז מיט א יעװאַנגעליע געשטאַנענ דער פּאָפּ װאַסילי, אונ האָבנ געקושט פריער די יעװאַנגעליע אונ דערנאָכ דעם װינקל פונ פאָנ, איז פאָרגעקומענ עפּעס, אַפ װאָס מע האָט זיכ ניט גערעכנט.

אומבאַװוסט פונװאַנענ האָט זיכ אפנ פּלאַצ צו פּעטליורענ דורכגעמאַכט א װעג א דעלעגאַציע. מיט ברויט אונ זאַלצ אינ די הענט איז ארויסגע־קראָכנ דער רײַכער װאַלד־סוחר בלױשטײנ, הינטער אים דער גאַלאַנטע־רײ־קרעמער פוקס אונ נאָכ דרײַ בעקאָװעדיקע סאָחרים.

בלױשטײנ האָט זיכ אויסגעבויגנ, װי א לאַקײ, אונ דערלאַנגט פּעטליורענ א טאַצ. צוגענומענ האָט עס דער סטאַרשינאַ, װאָס איז געשטאַנענ דערנעבנ.

— די ײדישע באַפעלקערונג דריקט אויס איר אויפריכטיקע אנערקענונג אונ אכטונג אײַכ, דעם הויפּט פונ דער מעלוכע. אָט איז, ביטע, א באַגרי־סונג־בריװ.

— גוט, —האָט א בורטשע געטאָנ פּעטליורע, דורכקוקנדיק אפגיכ דעם פּאַפּיר.

אָבער דאָ איז ארויסגעטראָטנ פוקס.

— מיר בעטנ בא אײַכ האַכנאָעדיק, אז מע זאָל אונדז געבנ די מעג־לעכקײט עפענענ די געשעפטנ אונ פאַרטײדיקנ אונדז פונ פּאָגראָמענ, —האָט פוקס ארויסגעקװעטשט דאָס שװערע װאָרט.

פּעטליורע האָט זיכ כמורנע אָנגעבלאָזנ.

— מײַנ ארמײ פאַרנעמט זיכ ניט מיט קײנ פּאָגראָמענ. איר דאַרפט עס פאַרגעדענקענ.

פוקס האָט אומבאַהאָלפנ א קװעטש געטאָנ מיט די פּלײצעס.

פּעטליורע האָט נערװעז א צוק געטאָנ מיט אנ אקסל. ער איז געװענ בײז אַפ דער דעלעגאַציע, װאָס איז געקומענ אזוי ניט צום אָרט. ער האָט זיכ אויסגעקערעװעט. הינטער זײַנ פּלײצע איז געשטאַנענ גאָלוב, בײַסנדיק די שװאַרצע װאָנצעס.

— דאָ קלאָגט מענ זיכ אַפ אײַערע קאַזאַקנ, פּאַניע פּאָלקאָװניק. קלײַבט זיכ פאַנאַנדער אינ דעם איניענ אונ נעמט אָנ מיטלענ, —האָט פּעטליורע גע־

זאָגט און, ווענדנדיק זיך צום אינספּעקטער, האָט ער באַפוילן: — מיר הייבן אָן דעם פּאראד.

די שלימאַזלדיקע דעלעגאַציע האָט זיך בעשומויפן ניט געריכט אַף אַ באַגעגעניש מיט גאָלובן און זי האָט גענייַלט פאַרשווינדן.

די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון די צושויער איז געווען געווענדט אַף דער צוגרייטונג פונעם צערעמאָניאַלן מאַרש. עס האָבן זיך דערהערט די שאַרפע ווערטער פון דער קאָמאַנדע.

גאָלוב איז געגאַנגען גלייַך אַף בלוושטיינען מיט אַן אויסערלעך רויִקן געזיכט, און געזאָגט האָט ער דייַטלעך, נאָר שעפּטשענדיק:

— טראָגט זיך אָפּ פון דאַנען גיכער, ניט־געטויפטע נעשאָמעס, אַניט צעהאַק איך אייַך אַף שטיקלעך.

עס האָט געהילכט דער אָרקעסטער, און די פּאָדערשטע טיילן האָבן אָנגעהויבן דורכגיין איבערן פּלאַץ. צוגעגאַנגען צום אָרט, וווּ עס איז געשטאַנען פּעטליורע, האָבן די סאָלדאַטן מעכאַניש געשריִען „סלאַווא" און פאַרקערעוועט איבערן שאָסיי אין די זייַטיקע גאַסן אַרייַן. פּאָרויס פון די ראָטעס, אָנגעטאָן אין נייַע קליידער פון כאַקי־פאַרב, האָבן פרייַ מאַרשירט די סטאַרשינעס, ווי אַף אַ שפּאַציר, מאַכנדיק מי׳מ די שטעקעלעך. די דאָזיקע מאָדע צו מאַרשירן מיט שטעקעלעך, ווי אויך שאָמפּאָלן בא די סאָלדאַטן, האָבן די סיטשעוויקעס אייַנגעפירט אַלס אַ נייַס.

הינטן זייַנען געגאַנגען די מאָביליזירטע, געגאַנגען אין אַ צעשאָטענער מאַסע, פאַרלירנדיק דעם טראָט, אַרופקריכנדיק איינער אַף דעם אַנדערן.

דער שאָרך פון די באָרוועסע פיס איז געווען אַ שטילער. די סטאַרשינעס האָבן מיט אַלע קויכעס זיך באַמיט צו מאַכן אָרדענונג אין די טיילן, אָבער דאָס איז געווען אומעגלעך. ווען עס איז צוגעגאַנגען די צווייטע ראָטע, האָט אַ רעכטפלאַנגיקער יונגער יאַט אין אַ לייַווונטענעם העמדל זיך פאַרקוקט אַפן „האָלאָווני". צעעפנט דאָס מויל פון פאַרווונדערונג, איז ער אַרייַנגעקראָכן מיטן פוס אין אַ גרוב און האָט זיך אין זייַן גאַנצער גרייס אויסגעצויגן איבערן שאָסיי.

די ביקס האָט מיט אַ קלונג זיך אַ קייַקל געטאָן איבער די שטיינער. דער יאַט האָט געפּרוווט אויפהייבן זיך, אָבער די, וואָס זייַנען געגאַנגען פונהינטן, האָבן אים אַלץ ווידער צוריק געשטויסן.

צווישן די צושויער האָט זיך דערהערט אַ געלעכטער. דער ווזוואָד האָט צעמישט די אָרדענונג. איבערן פּלאַץ איז מען שוין געגאַנגען אַבי ווי. דאָס שלימאַזלדיקע יאַטל האָט געכאַפּט די ביקס און נאָכגעיאָגט די זייַניקע.

פּעטליורע האָט זיך אָפּגעקערט אָנאָזייַט פונעם דאָזיקן אומאָנגענעמען ספּעקטאַקל; ניט וואַרטנדיק ביז עס וועט דורכגיין די גאַנצע קאָלאָנע, איז ער אַוועק צום אויטאָמאָביל.

דער אינספּעקטער האָט, גייענדיק נאָך אים, פאָרזיכטיק געפרעגט:

— דער פאַנ אַטאַמאַנ וועט ניט בלײַבנ אפֿנ מיטיק?

— ניינ, — האָט האַסטיק א זאָג געטאָנ פעטליורע.

הינטער דעמ הויכנ קלויסטער־פּאַרקאַנ, צווישנ די מאַסנ צושויער, האָבנ געקוקט אפֿ דעמ פּאַראַד סעריאָזשע ברוזשאַק, וואַליע אונ קלימקע.

פעסט ארומגעכאַפּט מיט די הענט די פרענטנ פונ די אײַזערנע גראַטעס, האָט סעריאָזשע מיט א קוק פול מיט סינע זיכ אײַנגעגעסנ אינ די פּענעמער פונ די, וואָס זײַנענ געשטאַנענ אונטנ.

— קומ, וואַליע, מע פאַרמאַכט שוינ דאָס קרעמל, — האָט ער געזאָגט ארויסרופּעדיש־הויכ, אזוי, אז אלע זאָלנ הערנ, אונ זיכ אָפּגעריסנ פונ די גראַטעס. אפֿ אימ האָט מענ זיכ פאַרווּנדערט אומגעקוקט.

ניט לייגנדיק אפֿ קיינעמ קיינ אכט, איז ער אַוועק צומ פּערטל. נאָכ אימ איז אַוועק די שוועסטער אונ קלימקע.

*

צוגעריטנ צו דער קאָמענדאַנטור, זײַנענ דער פּאָלקאָווניק טשערניאַק אונ דער יעסאַול אראָפּגעשפּרונגענ פונ די פערד. איבערגעגעבנ די פערד דעמ אָרדינאַנט, זײַנענ זיי אפּגיכ ארײַנ אינ דער קאַראַולקע.

— ווּ איז דער קאָמענדאַנט? — האָט טשערניאַק שאַרפּ א פרעג געטאָנ באַמ אָרדינאַנט.

— איכ ווייס ניט, — האָט יענער אויסגעבעקעט. — ערגעצ אַוועק.

טשערניאַק האָט באַטראַכט די שמוציקע, ניט־אופגעראַמטע קאַראַולקע מיט די צעפּאָרעגע געלעגערס, אפֿ וועלכע ס'זײַנענ זיכ האָפּערדיק געלעגנ די קאָמענדאַנטישע קאַזאַקנ אונ האָבנ אפילע ניט געטראַכט אופצושטיינ באַמ ארײַנקומענ פונ די סטאַרשינעס.

— וואָס פאַר א כאַזער־שטאַל האָט איר דאָ געמאַכט? — האָט טשערניאַק אויסגעריטשעט. — וואָס וואַלגערט איר זיכ דאָ, ווי די טראָגעדיקע כאַזיירימ? — איז ער אָנגעפאַלנ אפֿ די ליגנדיקע.

איינער פונ די קאַזאַקנ האָט זיכ אַוועקגעזעצט, האָט זאַט אָפּגעגרעפּצט אונ בייז א בורטשע געטאָנ:

— וואָס שרײַסטו? מיר האָבנ אנ אייגענעמ שרײַער.

— וואָס האָסטו געזאָגט? — איז טשערניאַק אזש אונטערגעשפּרונגענ. — מיט וועמענ רעדסטו עס, בעהיימישע צורע? איכ בינ פּאָלקאָווניק טשערניאַק! גע־הערט, קעלעוו איינער? שוינ זאָל מענ אופשטיינ, אניט שיט איכ דאָ אלעמענ ארײַנ שאָמפּאָלנ! — איז ארומגעלאָפנ איבערנ קאַראַולקע דער צעהיצטער פּאָל־קאָווניק. — אינ איינ מינוט זאָל מענ מיר דעמ גאַנצנ שמוצ אויסקערנ, די בעטנ אופראַמענ, די צורעס די אייגענע ברענגענ אינ א מענטשישנ אויסזעענ. אפֿ וועמענ זײַט איר ענלעכ? ניט קיינ קאַזאַקנ, נאָר א באַנדע פונ די וועגנ.

ער איז צעקאָכט געוואָרן ביז גאָר. ער האָט ווילד א זעץ געטאָן מיטן פוס אין דעם עמער מיט שמוץ, וואָס איז אים געשטאַנען אפן וועג.

דער יעסאול איז פון אים ניט אָפּגעשטאַנען. ער האָט זיך אָן א שיר געזידלט, פעסט געפּאַכט מיט דער דרײַרימענדיקער נאהײַקע און אַלעמען אַראָפּגעטריבן פון גאַלעגער.

— דער האַלאָווני אטאמאַן נעמט צו דעם פּאראַד. ער קען אהער אַרײַנגיין. רירט זיך גיכער!

דערזען, אז דער איניען נעמט אָן אַן ערנסטן כאַראַקטער און אז מע קען אינדערעמעסטן באַקומען שאָמפּאָלן,—טשערניאַקס נאָמען איז אַלעמען געווען גוט באַקאַנט,—האָבן די קאַזאַקן גענומען אומלויפן ווי פאַרסאַמטע.

די אַרבעט האָט געקאָכט.

— מע דאַרף א קוק טאָן די אַרעסטירטע,—האָט פאַרגעלייגט דער יעסאול.—ווער ווייס זיי, וועמען זיי האַלטן דאָ? דער האָלאָוונאָי וועט אַרײַנקוקן—קען זיך באַקומען א מיעסער איניען.

— בא וועמען איז דער שליסל?—האָט טשערניאַק געפרעגט באַם וואַכזעלנער.—עפנט גלײַך אויף.

דער עלטערער איז אײַליק צוגעלאָפן און געעפנט דעם שלאָס.

— און ווו איז דער קאָמענדאַנט? וואָס, איך וועל דאָ לאַנג וואַרטן? באַלד זאָלט איר אים געפינען און צושיקן אהערצו,—האָט טשערניאַק געקאָמאַנדעוועט.—די וואַך אַרויספירן אין הויף, אויסשטעלן אין אָרדענונג... פאַרוואָס זײַנען די ביקסן אָן באַגנעטן?

— מיר האָבן זיך ערשט נעכטן געביטן,—האָט זיך פאַרענטפערט דער עלטערער.

ער האָט זיך א וואָרף געטאָן צו דער טיר אופזוכן דעם קאָמענדאַנט.

דער יעסאול האָט מיטן פוס א זעץ געטאָן אין טיר פון שפּײַכלער. פונעם דיל זײַנען אופגעשטאַנען עטלעכע מענטשן, די איבעריקע זײַנען געבליבן ליגן.

— עפנט די טירן,—האָט טשערניאַק געקאָמאַנדעוועט,—דאָ איז ווייניק ליכט.

ער האָט זיך אײַנגעקוקט אין די פּנעמער פון די אַרעסטירטע.

— פאַרוואָס זיצסטו?—האָט ער שאַרף א פרעג געטאָן דעם אַלטן, וואָס איז געזעסן אפּ די נאַרעס.

יענער האָט זיך אופגעהויבן, אונטערגעצויגן די הויזן און, אביסל שטאַמלענדיק, אַן אָנגעשראָקענער פון דעם שאַרפן געשריי, האָט ער אויסגעבעבעט:

— איך ווייס אַליין אויך ניט. מע האָט אַרײַנגעזעצט—זיץ איך. א פערדל איז פון מײַן הויף פאַרפאַלן געוואָרן, בין איך דאָך אָבער אין דעם ניט שולדיק.

— וועמעס פערדל?—האָט אים איבערגעשלאָגן די רייד דער יעסאול.

— א קאזיאָנער. די, וואָס שטייען בא מיר איַין, האָבן אים פארשיקערט, און אפ מיר ווארפט מען ארופ.

טשערניאַק האָט א וואָרף געטאָן א פלינקן קוק אפן אלטן פון אויבן ביז אראָפ און אומגעדולדיק א צוק געטאָן מיטן אקסל.

— נעם צו דיַינע שמאטעס און מארש פונדאנען!—האָט ער אויסגעשריען. ער האָט זיך א קער געטאָן צו דער סאמאָהאָן־טרייַבערן.

דער אלטער האָט צוערשט ניט געגלויבט, אז מע באפרייַט אים, און ווענדנדיק זיך צום יעסאול, האָט ער אָנגעהויבן פינטלען מיט די בלינדלעכע אויגן:

— הייסט עס, אז ס'איז מיר דערלויבט אוועקצוגיין?

יענער האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— ווארפ זיך ארויס שנעלער.

דער אלטער האָט אפגיך אָפגעבונדן פון די נארעס זיַין טאָרבע און איז מיט א זיַיט ארויסגעשפרונגען אין טיר.

— און פארוואָס האָט מען דיך ארעסטירט?—האָט שוין טשערניאַק אויסגעפרעגט די סאמאָהאָן־טרייַבערן.

יענע האָט, קיַיענדיק א שטיק קוכן, אָנגעהויבן שיטן:

— מיך, פאניע נאטשאלסטווע, האָט מען אריַינגעזעצט ניט יושערדיק. איך בין אן אלמאָנע, מיַין סאמאָהאָן האָט מען געטרונקען, און מיך האָט מען נאָכדעם אריַינגעזעצט.

— וואָסי, דו האנדלסט מיט סאמאָהאָן?—האָט טשערניאַק געפרעגט.

— וואָס איז עס, מישטיינס געזאָגט, פאר א האנדל,—האָט זיך די פרוי באליידיקט.—ער, דער קאָמענדאנט, האָט גענומען פיר פלעשער און קיין גראָשן ניט באצאָלט. און אזוי טוען אלע: סאמאָהאָן טרינקט מען, און קיין געלט צאָלט מען ניט. אויך מיר א האנדל.

— גענוג, טראָג זיך די מינוט אפ צום טיַיוול.

די פרוי האָט ניט געוואַרט, אז מע זאָל איר נאָכמאָל איבערכאזערן דעם באפעל און, כאפנדיק דאָס קוישל, האָט זי זיך דאנקבאר פארנויגט און מיטן רוקן זיך געלאָזן גיין צו דער טיר.

— גאָט זאָל איַיך צושיקן געזונט, הערן נאטשאלסטווע.

דאָליניק האָט געקוקט אפ דער דאָזיקער קאָמעדיע מיט ברייט צעעפנטע אויגן. קיינער פון די ארעסטירטע האָט ניט פארשטאנען, וואָס דאָ קומט פאָר. איינס איז געווען קלאָר: די געקומענע מענטשן זיַינען עפעס נאטשאלסטווע, וואָס האָבן די מאכט איבער די ארעסטירטע.

— און דו פארוואָס?—האָט טשערניאַק זיך געווענדט צו דאָליניקן.

— אופשטיין פארן פאָלקאָווניק!—האָט א רעווע געטאָן דער יעסאול.

דאָליניק איז לאנגזאם און שווער אופגעשטאנען פון דיל.

— פארוואָס זיצסטו, פרעג איך? — האָט טשערניאַק איבערגעכאַזערט די פראגע.

דאַליניק האָט א ווײַלע געקוקט אף דעם פּאַלקאָווניקס פארדרייטע וואָנצן, אף זײַן גלאַט־ראזירטנ געזיכט, נאָכדעם אפן דאשעק פון דער נײַינקער „קע־רענקע" מיט דער עמאַלענער קאָקאַרדע, און מיטאמאָל האָט בא אים דורכ־געשווינדלט א מעשונעדיקער געדאנק: „טאָמער וועט טאקע געלינגען?"

— מיך האָט מען ארעסטירט דערפאר, וואָס איך בינ אומגעגאנגען אינ שטאָט נאָך אכט אזייגער, — האָט ער געזאָגט דאָס ערשטע, וואָס איז אים ארופּ אפן געדאנק.

ער האָט געוואַרט און איז געווען אינגאנצן באנומען פון פײַנלעכער אָנ־שטרענגונג.

— פּארוואָס שלעפּסטו זיך ארום בײנאכט?

— ניט בײנאכט, אזייגער עלף.

ער האָט געהערט און שוינ ניט געגלייבט אינ דעם מעשונעדיקן גליק. די קני האָבן אים א ציטער געטאָן, ווען ער האָט דערהערט דעם קורצן: — טראָג זיך אָפּ.

דאַליניק האָט אזש פארגעסן זײַן פּידזשאק, ער האָט געמאכט א טראָט צו דער טיר, און דער יעסאול האָט שוינ געפּרעגט דעם ווײַטערדיקן.

קאָרטשאגינ איז געווען דער לעצטער. ער איז געזעסן אפן דיל, אינגאנצן א צעטומלטער פון דעם אלעמען, וואָס ער האָט דאָ געזען, און האָט אפילע ניט באוויזן צו באנעמען, אז מע האָט דאַליניקן אָפּגעלאָזן. פארשטיין, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, האָט ער ניט געקענט. אלעמען לאָזט מען אָפּ. אָבער דאַליניק, דאַליניק... ער האָט געזאָגט, אז מע האָט אים ארעסטירט פאר ארומגיין בײנאכט... ענדלעך, האָט ער פארשטאנען.

דער נאטשאלניק האָט אָנגעהויבן אויספרעגן דעם דארינקן זעלצערן מיט די זעלבע ווערטער:

— פארוואָס זיצסטו?

דער בלייכער, אופגערעגטער שערער האָט געענטפערט האסטיק:

— מע זאָגט מיר, אז איך אגיטיר, אָבער איך פארשטיי ניט, אינ וואָס באשטייט מײַנ אגיטאציע.

טשערניאַק האָט זיך אָנגעשפּיצט.

— וואָס? אגיטאציע? — וועגנ וואָס אגיטירסטו?

זעלצער האָט אינ פארצווייפלונג א קוועטש געטאָן מיט די אקסלען.

— איך ווייס ניט. איך האָב מערניט געזאָגט, אז מע קלײַבט אונטערשריפטנ פון דער יידישער באפעלקערונג אף א ביטע צום האָלאָוונאַי אטאמאנ.

— אף וואָס פאר א ביטע? — האָבן צו זעלצערן זיך צוגערוקט דער יע־סאול און טשערניאַק.

— א ביטע וועגן אָפּשאַפן די פּאָגראָמען. איר ווייסט, בא אונדז איז פּאַר־געקומען א שרעקלעכער פּאָגראָם. די באַפעלקערונג האָט מוירע.

— קלאָר,—האָט אים אָפּגעהאַקט טשערניאַק,—מיר וועלן דיר שוין אָנשרײַבן א ביטע, זשידאָווסקע מאָרדע.—ער האָט זיך אויסגעקירעוועט צום יעסאַול און א זאָג געטאָן:— די דאָזיקע פּיירע דאַרף מען באַהאַלטן וואָס ווײַטער. צונעמען אים אין שטאַב. דאָרטן וועל איך מיט אים א שמועס טאָן פער־זענלעך, מירן זיך דערוויסן, ווער קלײַבט זיך עס דערלאַנגען א ביטע.

זעלצער האָט געפּרוּווט דערווידערן, אָבער דער יעסאַול, האָט שאַרף א הייב געטאָן די האַנט און אים אַראָפּגעלאָזן מיטן נאַהײַקע איבערן פּלייצע.

— שווײַג, אויסוואורף!

א צעקאָרטשעטער פון ווייטעק, האָט זיך זעלצער אָפּגערוקט אין ווינקל. זײַנע ליפּן האָבן אָנגעהויבן ציטערן, ער האָט קוים אײַנגעהאַלטן דעם גע־וויין, וואָס האָט זיך פון אים געריסן.

בא דער לעצטער סצענע איז קאָרטשאַגין אופגעשטאַנען. אין שפּײַכלער זײַנען פון די ארעסטירטע געבליבן בלויז ער און זעלצער.

טשערניאַק איז געשטאַנען פארן יונגן און אים באַטאַפּט מיט די שוואַר־צע אויגן.

— נו, און וואָס טוסטו דאָ?

אף זײַן פראַגע האָט דער פּאָלקאָווניק דערהערט א גיכן ענטפער:

— איך האָב אָפּגעשניטן א פּליגל פון א זאָטל, אף זוילן.

— פון וואָס פאַר א זאָטל?—האָט דער פּאָלקאָווניק ניט פאַרשטאַנען.

— בא אונדז זײַנען אײַנגעשטאַנען צוויי קאַזאַקן, האָב איך פון אַן אַלטן זאָטל אָפּגעשניטן א פּליגל אף זוילן, האָבן די קאַזאַקן מיך דערפאַר אַהער געבראַכט.—און פאַרכאַפּט פון דער מעשוגעדיקער האָפענונג ארויסצוגיין אף דער פרײַ, האָט ער צוגעגעבן:—ווען איך וואָלט געוווּסט, אז מע טאָר ניט...

דער פּאָלקאָווניק האָט מיט ביטל א קוק געטאָן אף קאָרטשאַגינען.

— מיט וואָס דער קאָמענדאַנט פאַרנעמט זיך דאָ. דער טײַוול ווייס אים, אויך מיר ארעסטאַנטן אופגעקליבן!—ער האָט זיך אויסגעדרייט צו דער טיר און אויסגעשריגן:—קענסט גיין אַהיים, און זאָג דעם טאַטן, ער זאָל דיר ארײַנשמײַסן ווי עס דאַרף צו זײַן. נו, וואַרף זיך ארויס!

ניט גלויבנדיק זיך אַליין, מיט א האַרץ, וואָס איז גרייט ארויסצושפּרינ־גען פון ברוסט, האָט קאָרטשאַגין א כאַפּ געטאָן פון דיל דאָליניקס פּידזשאַק און א וואָרף געטאָן זיך צו דער טיר. ער איז דורכגעלאָפן די קאַראַולקע און האָט זיך הינטערן רוקן פון טשערניאַקן, וואָס איז ארויסגעגאַנגען, דורכ־געגליטשט אין הויף, פון דאָרטן—צום פערטל און אפן גאַס.

אין שפּײַכלער איז אַן אײַנזאַמער געבליבן זיצן דער אומגליקלעכער זעלצער. ער האָט זיך מיט פּײַנלעכן טרויער אַרומגעקוקט, אינסטינקטיוו

מאכנדיק עטלעכע טריט צו דער טיר. אָבער אין קאַראָולקע איז אַרײַן דער וואַך־זעלנער, פאַרמאַכט די טיר, אויפגעהאַנגען אַ שלאָס און זיך אוועקגעזעצט אויפן בענקל, וואָס איז געשטאַנען לעבן טיר.

אויפן גאַנעק האָט זיך טשערניאַק, אַ צופרידענער, געווענדט צום יעסאַול:

— גוט, וואָס מיר האָבן אַהער אַרײַנגעקוקט. זע, וויפל מיסט ער האָט עס אַהער אָנגעשלעפּט, און דעם קאָמענדאַנט וועלן מיר אַרײַנזעצן אויף אַ וואָך צוויי. נו, פאָרן מיר, צי וואָס?

אין הויף האָט אויסגעשטעלט זײַן אָטריאַד דער עלטסטער. דערזעענדיק דעם פּאָלקאָווניק, איז ער צוגעלאָפן און אָפּגעראַפּאָרטירט:

— אַלץ איז אין אָרדענונג, פּאַניע פּאָלקאָווניק.

טשערניאַק האָט אַרײַנגעשטעלט די פוס אין רײַט־רונג און איז לײַכט אַרויפגעשפּרונגען אויפן זאָטל. דער יעסאַול האָט זיך געײַלט אַרום זײַן נאַראָווויסטן פערד. געטרעמען די לייצעס אין די הענט, האָט טשערניאַק געזאָגט צום עלטסטן:

— זאָג דעם קאָמענדאַנט, אַז איך האָב אויסגעראַמט דאָס גאַנצע מיסט, וואָס ער האָט דאָ אָנגעשטאָפּט. גיב אים איבער, אַז איך וועל אים אַרײַנזעצן אויף צוויי וואָכן פאַר דעם, וואָס ער האָט דאָ אָנגעמאַכט. און דעם, וואָס זיצט דאָרטן, זאָלט איר באַלד טאַקע אַריבערפירן אין שטאַב. דער קאַראָול זאָל זײַן גרייט.

— גרייט צו דינען, פּאַניע פּאָלקאָווניק, — האָט דער עלטסטער מיליטעריש סאַליוטירט.

אונטערטרײַבנדיק די פערד מיט די שפּאָרן, האָט זיך דער פּאָלקאָווניק מיטן יעסאַול געלאָזן אין גאַלאָפּ צום פּלאַץ, וווּ עס האָט זיך שוין פאַרענדיקט דער פּאַראַד.

*

אַריבערגעשפּרונגען דעם זיבעטן פּאַרקן, האָט זיך קאָרטשאַגין אָפּגעשטעלט. לויפן ווײַטער איז שוין מער קיין קויעך ניט געווען.

די הונגעריקע טעג אינעם פאַרשטיקטן, ניט־געלופטערטן שפּײַכלער האָבן בײַ אים אָפּגענומען די קויכעס. אַהיים טאָר מען ניט, און צו די ברוזשאַקס גיין — קען זיך עמעצער דערגייסן, און דאַן וועט מען מאַכן אַ טעל פון דער גאַנצער געזינד. וווהין־זשע?

ער האָט ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן, און ער איז געלאָפן דורך גערטנער און הינטער־הויפלעך פון רײַכע מאַיאָנטקעס. ער האָט זיך אַרומגעקוקט בלויז דאַן, ווען ער האָט זיך אָנגעשטויסן מיט דער ברוסט אָן עפּעס אַ פּאַרקאַן.

ער האָט אַ קוק געטאָן און איז געפּלעפט געוואָרן. הינטער דעם הויכן ברעטערדיקן פּאַרקאַן האָט זיך אָנגעהויבן דער סאָד פון דעם עלטסטן וואַלד־אויפזעער. אָט וווּהין עס האָבן אים געבראַכט די דורכויס מידע פיס. צי דען האָט ער געטראַכט אַהין קומען צו לויפן? ניין.

אָבער פּאַרוואָס־זשע איז ער געקומען דאַפקע צום הויף פונעם וואַלד־אופזעער?

אַפ דעם האָט ער ניט געקענט ענטפערן.

מע דאַרף ווי עס איז אָפּכאַפּן דעם אָטעם און נאָכדעם א טראַכט טאָן, וווהין ווײַטער גיין. אין סאָד איז דאָ א הילצערן בײַדל, דאָרטן וועט אים קיינער ניט דערזען.

קאָרטשאַגין האָט א שפרונג געטאָן, אָנגעכאַפּט זיך מיט דער האַנט אָן ברעג פון ברעט, זיך אופגעהויבן אַפן פּאַרקאַן און זיך אַריבערגעוואָרפן אין סאָד. ער האָט געכאַפּט א קוק אַפן הויז, וואָס האָט זיך קוים אַרויסגע־זען פון הינטער דיביימער, און איז אוועק צום בײַדל. דאָס בײַדל איז גע־ווען קימאַט פון אַלע זײַטן אָפן. זומער איז עס געווען פאַרהאַנגען מיט צווײַגלעך פון ווילדע ווײַנטרויבן. איצטער איז אַלץ געווען הויל.

ער האָט זיך א קער געגעבן צוריק צום פּאַרקאַן, אָבער עס איז שוין גע־ווען שפּעט: הינטער זיך האָט ער דערהערט א ווילדע בילערײַ. פונעם הויז איז איבער דעם מיט בלעטער פאַרשאָטענעם שטעגל, געלאָפן אַפ אים א ריזיקער הונט, וואָס האָט אָנגעפילט דעם גאָרטן מיט א שרעקלעכער בי־לערײַ.

פּאַווע האָט זיך צוגעגרייט פאַרטיידיקן זיך.

דעם ערשטן אָנפאַל האָט ער אָפּגעשלאָגן מיט א זעץ פונעם פוס. אָבער דער הונט האָט זיך געגרייט צו א צווייטן. און ווער ווייס, מיט וואָס עס וואָלט זיך פאַרענדיקט דער דאָזיקער געראַנגל, ווען פּאַווע וואָלט ניט דער־הערט א הילכיקע, באַקאַנטע שטימע:

— טרעזאָר, צוריק!

איבערן שטעגל איז געלאָפן טאָניע. אָפּגעשלעפּט פאַרן האַלדזבאַנד טרע־זאָרן, האָט זי זיך געווענדעט צו פּאַוולען, וואָס איז געשטאַנען באַם פּאַרקאַן:

— ווי קומט איר אַהער? דער הונט האָט דאָך אײַך געקענט צעבײַסן. גוט, וואָס איך...

זי האָט זיך פאַרהאַקט. אירע אויגן האָבן זיך ברייט צעעפנט. ווי ענ־לעך עס איז אַפ קאָרטשאַגינען דער דאָזיקער יונג, וואָס האָט פאַרבלאָנ־דזשעט אַהערצו, ווער ווייס וויאַזוי!

די פיגור באַם פּאַרקאַן האָט זיך א ריר געטאָן און שטיל א זאָג געטאָן:

— דו... איר דערקענט מיך?

טאָניע האָט אויסגעשריִען און האַסטיק א טראָט געטאָן צו קאָרטשא־גינען.

— פּאַוולושע, דו?

טרעזאָר האָט אָנגענומען איר אויסגעשריי פאַר א סיגנאַל צום אָנפאַלן און ער האָט זיך מיט א שטאַרקן שפרונג א וואָרף געטאָן פאָרויס.

— אוועק פונדאַנען!

באקומענ עפּלעכע שטויסנ פונ טאַניען, האָט טרעזאָר באַליידיקט פאַר־קוועטשט דעמ עק אונ איז אוועק צומ הויז.

טאַניע האָט פעסט געדריקט קאָרטשאַגינס הענט:

— דו ביסט פריַי?

— אונ דו האָסט געוווּסט?

ניט קענענדיק איַינהאַלטנ איר אופרעגונג, האָט טאַניע האַסטיק געענט־פערט:

— איכ ווייס אַלצ. מיר האָט דערציילט ליזע. אָבער ווי קומסטו אהער? מע האָט דיכ באַפריַיט?

קאָרטשאַגינ האָט מיד געענטפערט:

— מע האָט מיכ באַפריַיט אַלפי טאָעס. איכ בינ אנטלאָפנ. מע זוכט מיכ שוינ געוויס. אהער בינ איכ אריַינגעפאַלנ צופעליק. געוואָלט אָפּרוענ אינ ביַידל. — אונ ווי ער וואָלט זיכ אנטשולדיקט פאר איר, האָט ער צוגעגעבנ: — איכ בינ זייער מיד.

זי האָט א וויַילע געקוקט אפּ אימ אונ, איינגאַנצנ א באהערשטע פונ מיטגעפיל, פונ הייסער צערטלעכקיַיט, פונ אומרו אונ פרייד, האָט זי אימ גע־דריקט די הענט.

— פּאַווּלושע, ליבער, ליבער פּאַווּקע, טיַיערער מיַינער... איכ האָב דיכ ליב... הערסט?.. דו מיַינ איַינגעשפּאַרט יינגל, פאַרוואָס ביסטו דעמלט אוועק? איצטער וועסטו גייִנ צו אונדז, צו מיר. איכ וועל דיכ פאַר קיינ פאַל ניט אָפּלאָזנ. בא אונדז איז רויִק, וועסט דאָ זיַינ וויפל עס איז נייטיק.

קאָרטשאַגינ האָט געשאָקלט מיטנ קאָפּ אפּ ניינ.

— אויב מע וועט מיכ געפינענ בא איַיכ, וואָס וועט דאַנ זיַינ? איכ קענ ניט צו איַיכ.

אירע הענט האָבנ נאָכ שטארקער צונויפגעדריקט זיַינע פינגער, די וויִעס האָבנ א ציטער געטאָן, די אויגנ האָבנ זיכ פארדעקט מיט א גלאַנצ.

— אויב דו וועסט ניט גייִנ, וועסטו מיכ מער קיינמאָל ניט אָנזוענ. אר־טיאָמ איז דאָכ ניטאָ. אימ האָט מענ אונטער א וואַכ צוגענומענ אפּ א לאָ־קאָמאָטיוו. אַלע איַיזנבאַנער מאָבּיליזירט מענ. וווּהינ־זשע וועסטו גייִנ?

קאָרטשאַגינ האָט פארשטאַנענ איר אומרו, אָבער די מוירע צו שטעלנ אינ געפאַר דאָס מיידל, וואָס איז אימ געווענ אזוי טיַיער, האָט אימ אָפּ־געהאַלטנ. דאָס אַלצ, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, האָט אפּ אימ אָנגעוואָרפנ א מידקיַיט, עס האָט זיכ אימ געוואָלט אָפּרוענ, עס האָט געמאַטערט דער הונגער. ער האָט זיכ אונטערגעגעבנ.

ווענ ער איז געזעסנ אפּנ דיוואַנ אינ טאַניעס צימער, איז אינ קיכ צווישנ דער טאָכטער אונ מוטער פאָרגעקומענ א געשפּרעכ.

— הער, מאַמע. בא מיר אינ צימער זיצט איצט קאָרטשאַגינ, געדענקסט? מיַינ שילער. איכ וועל פונ דיר גאָרנישט ניט אויסבאַהאַלטנ. ער איז געווענ

אַרעסטירט פאַר באַפרײַען אײנעם אַ מאַטראָס אַ באָלשעוויק. ער איז אַנט־לאָפן, און ער האָט ניט ווו צו זײַן.—איר שטימע האָט אַ ציטער געטאָן.—איך בעט דיך, מאַמע, שטים אײַן אױף דעם, אַז ער זאָל איצט בלײַבן בײַ אונדז.

דער טאָכטערס אויגן האָבן בעטנדיק אַ קוק געטאָן אויף דער מוטער.

יענע האָט פאַרשנדיק געקוקט טאָניען אין די אויגן.

— גוט, איך בין ניט קעגן. אָבער ווו וועסטו אים אײַנאָרדענען?

טאָניע האָט זיך פאַרוויטלט און צעטומלט־אויפגערעגט האָט זי געענטפערט:

— איך וועל אים אײַנאָרדענען בײַ זיך אין צימער אויפן דיוואַן. דעם פּאַפּאַ מעג מען דערווײַל ניט דערציילן.

די מאַמע האָט אַ קוק געטאָן טאָניען גלײַך אין די אויגן.

— אָט דאָס איז טאַקע געווען די סיבה פון דײַנע טרערן?

— יע.

— ער איז דאָך נאָך גאָר אַ יינגל.

טאָניע האָט נערוועז געקנייטשט דעם אַרבל פון דער בלוזקע.

— יע, נאָר ווען ער וואָלט ניט אַוועק, וואָלט מען אים דערשאָסן, ווי אַ דערוואַקסענעם.

יעקאַטערינע מיכײַלאָווונע איז געווען צעטראָגן פון דעם, וואָס קאָרטשאַגין געפינט זיך אין שטוב. עס האָט זי באַאומרויִקט סײַ זײַן אַרעסט, סײַ טאָ־ניעס אָנסאָפּעקדיקע סימפּאַטיע צום דאָזיקן יינגל, סײַ דאָס, וואָס זי האָט אים אַבסאָליוט ניט געקענט.

טאָניען איז אָבער באַפאַלן דער אימפּעט פון אַ באַלעבאָסטע.

— ער דאַרף זיך אויסבאָדן, מאַמע. איך וועל דאָס באַלד אײַנאָרדענען. ער איז שמוציק, ווי אַן עמעסער הייצער. ער האָט זיך אַזויפיל צײַט ניט געוואַשן.

זי איז אומגעלאָפן, געטומלט, אײַנגעהייצט די וואַנע, צוגעגרייט וועש. און מיטאַמאָל, אָן קיין שום רייד, האָט זי אָנגעכאַפּט פּאַוולען פאַר דער האַנט און אים אַוועקגעשלעפּט באָדן זיך.

— דו דאַרפסט פון זיך אַלץ אַראָפּוואַרפן. אָט האָסטו אַן אָנצוג. די באַגאָדים דײַנע דאַרף מען אויסוואַשן. וועסט אָנטאָן אָט דאָס,—האָט זי גע־זאָגט און אים אָנגעוויזן אויפן שטול, ווו עס זײַנען אין אָרדענונג געווען צונויפגעלייגט אַ בלוי מאַטראָסן־העמדל מיט אַ געשטרײַפטן ווײַסן קראַגעלע און הויזן—„קליאָש".

פּאַוועל האָט זיך פאַרכידעשט אומגעקוקט. טאָניע האָט געשמייכלט.

— דאָס איז מײַן מאַסקאַראַדן־קאָסטיום. ער וועט דיר קליידן. נו, באַ־לעבאַטעווע, איך וועל אַוועקגיין. פאַר דער צײַט, וואָס דו וועסט זיך דאָ באָדן, וועל איך צוגרייטן עסן.

זי האָט פאַרהאַקט די טיר. ער האָט גאָרנישט ניט געקענט מאַכן. קאָרטשאַגין האָט זיך אויסגעטאָן און איז אַרײַן אין וואַנע.

אין א שאָ אַרום האָבן אַלע דרײַ — די מאַמע, די טאַטע און קאַר־טשאַגין — געגעסן אין קיך.

אַן אויסגעהונגערטער, האָט פּאַוועל אומבאַמערקט פאַר זיך אויסגעלײ־דיקט די דריטע טעלער. לעכאַטשיכע האָט ער זיך געשעמט פאַר יעקאַטערינע מיכײַלאָווגע. אָבער נאָכדעם, זעענדיק איר פרײַנטלעכע באַציִונג, האָט ער זיך דערפילט היימיש.

ווען זיי האָבן זיך נאָך מיטיק פאַרזאַמלט אין טאָניעס צימער, האָט פּאַ־וועל לויט יעקאַטערינע מיכײַלאָוונעס ביטע דערציילט וועגן אַלץ, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען.

— וואָס־זשע טראַכט איר ווײַטער טאָן? — האָט יעקאַטערינע מיכײַלאָוונע געפרעגט.

פּאַוועל האָט זיך פאַרטראַכט.

— איך וועל זיך זען מיט אַרטיאָמען. און נאָכדעם אַנטלויפן פון דאַנען.

— וווּהין?

— קיין אומאַן טראַכט איך אַריבערפאָרן אָדער קיין קיִעוו. איך ווייס נאָך אַליין ניט, אָבער פון דאַנען מוז מען זיך אומבאַדינגט אָפּטראָגן.

פּאַוועל האָט ניט געגלויבט, אַז אַלץ זאָל זיך האָבן אַזוי גיך איבערגע־ביטן. אינדערפרי — אין טפיסע, און איצט — טאָניע נעבן אים, ריינע קליידער, און דעריקער — ער איז פרײַ.

אָט ווי עס גיט זיך אַמאָל א קער דאָס לעבן: אָט איז שרעקלעכער כווישעך, און אָט גיט ווידער אַ שמייכל די זון. ווען ניט די געפאַר פון אַ נײַעם אַרעסט, וואָס איז געהאַנגען איבער אים, וואָלט ער איצט געווען אַ גליק־לעכער יאַט.

אָבער דאַפקע איצטער, קאָלזמאַנ ער איז דאָ, אינעם דאָזיקן גרויסן שטילן ילו, הײַזען איר אים געקענט פּאַקן.

מע האָט באַדאַרפט אַוועקגיין ערגעץ־אַנדערשוווּ, אַבי ניט בלײַבן דאָ.

אָבער אַוועקגיין פון דאַנען ווילט זיך לאַכלוטן ניט, כאַפּט עס דער רוּעך! ווי אינטערעסאַנט עס איז געווען צו לייענען וועגן דעם העלד גאַריבאַלדי! ווי ער האָט עס אים מעקאַנע געווען. אָבער גאַריבאַלדיס לעבן איז געווען אַ שווערס, מע האָט אים געטרויעדפּט אין גאָר דער וועלט. אָט האָט ער, פּאַוועל, סאַכאַקל זיבן טעג איבערגעלעבט אין שרעקלעכע יעסורים, און דאָך דאַכט זיך, אַז אַ גאַנצער יאָר איז דורכגעגאַנגען.

א העלד איז ער, פּאַווקע, זעט אויס, גאָר ניט קיין גוואַלדיקער.

— וועגן וואָס טראַכטסטו? — האָט זיך אָנגעבויגן איבער אים טאָניע.

אירע אויגן אין זייער טונקעלער בלויקײַט דוכטן זיך אים אויס, ווי זיי וואָלטן ניט האָבן קיין גרונט.

— טאָניע, ווילסט, וועל איך דיר דערציילן וועגן כריסטינקען...

— דערצייל, — האָט לעבהאפט געזאָגט טאָניע.

— ... אונ זי איז מער ניט געקומענ. — די לעצטע ווערטער האָט ער קוימ ארויסגערעדט.

אינ צימער האָט מענ געהערט, ווי עס האָט רעגלמעסיק געקלאפט דער זייגער. טאָניע האָט אראָפגעלאָזט דעמ קאָפ, גרייט פאנאנדערוויינענ זיכ, אונ ביז ווייטעק געביסנ די ליפנ.

פאוועל האָט א קוק געטאָנ אפ איר.

— איכ דארפ אוועקגייענ פונדאנענ, אונ הײַנט טאקע, — האָט פאוועל אנטשלאָסנ געזאָגט.

— ניינ, ניינ, דו וועסט הײַנט ניט אוועקגייענ!

אירע דינע ווארעמע פינגער האָבנ זיכ שטיל פארקליבנ אינ זײַנע געגרויזלטע צעפאטלטע האָר אונ זיי צארט געגלעט...

— טאָניע, דו דארפסט מיר העלפנ. מע דארפ זיכ דערוויסנ אינ דעפאָ וועגנ ארטיאָמענ אונ אוועקטראָגנ א צעטעלע סעריאָזשקענ. אינ ראָבנ-נעסט ליגט בא מיר א רעוואָלווער. איכ טאָר ניט ארויסגייענ, אָבער סעריאָזשקע דארפ אימ ארויסנעמענ, דו קענסט עס טאָנ?

טאָניע האָט זיכ אופגעהויבנ.

— איכ גיי גלײַכ צו סוכארקאָנ. מיט איר — אינ דעפאָ. דו שרײַב אָנ א צעטעלע. איכ וועל עס אוועקטראָגנ סעריאָזשענ. ווו וווינט ער? אונ אויב ער וועט וועלנ קומענ, זאָגנ אימ, ווו דו ביסט?

פאוועל האָט א טראכט געטאָנ אונ געענטפערט:

— זאָל ער אליינ ברענגענ אינ סאָד ארײַנ אינאָוונט.

טאָניע האָט זיכ אומגעקערט אהיימ שפעט. פאוועל איז שטארק געשלאָפנ. זי האָט אימ אָנגערירט מיטנ האנט אונ ער האָט זיכ אופגעכאפט. זי האָט צו אימ פריילעכ געשמייכלט.

— ארטיאָמ וועט באלד קומענ. ער איז נאָרוואָס געקומענ צו פאָרנ. מע וועט אימ אפ א גאראנטיע פונ ליזעס פאָטער אָפלאָזנ אפ א שאָ. דער לאָקאָמאָטיוו שטייט אינ דעפאָ. איכ האָב אימ ניט געקענט זאָגנ, אז דו ביסט דאָ. איכ האָב געזאָגט, אז איכ דארפ אימ איבערגעבנ עפעס זייער א וויכטיקע זאכ. נאָר אָט איז ער!

טאָניע איז אוועקגעלאָפנ צו דער טיר. ניט גלויבנדיק זײַנע אויגנ, איז ארטיאָמ, ווי א צוגעשמידטער, געבליבנ שטיינ אינ טיר. טאָניע האָט פארמאכט הינטער אימ די טיר, קעדיי דער טיפוס-קראנקער טאטע זאָל ניט דערהערנ אינ קאבינעט.

ווענ ארטיאָמס הענט האָבנ ארומגעכאפט פאוועלנ אינ זײַנע אָרעמס, האָבנ בא פאוועלנ א קנאק געטאָנ די ביינער.

— ברודערקע! פאווקע!

*

עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַזוי: פּאַוועל פאָרט מאָרגן. אַרטיאָם וועט אים אײַנאָרדענען אַפן לאָקאָמאָטיוו בא ברוזשאַקן, וועלכער פאָרט קיין קאַזאַטין.

אַרטיאָם, אַלעמאָל אַ שטרענגער, האָט פאַרלאָרן דעם גלײַכגעוויכט נאָך דעם, ווי ער האָט זיך אָנגעליטן פאַרן ברודער, ניט וויסנדיק וועגן זײַן גורל. איצטער איז ער געווען גליקלעך אָן אַ שיר.

— הייסט עס, אינדערפרי, פינף אַזייגער קומסטו צום ווירטשאַפט־שפּײַכלער. מע וועט אָנלאָדן האָלץ אַפן לאָקאָמאָטיוו, און דו וועסט זיך אַרופזעצן. עס וואָלט זיך געוואָלט מיט דיר אַ שמועס טאָן, אָבער שוין צײַט זיך אומקערן. מאָרגן וועל איך דיך באַגלייטן. פון אונדז פאַרמירט מען אַן אײַזנבאַן־באַטאַליאָן, ווי בא די דײַטשן — מיר גייען אונטער אַ וואַך.

אַרטיאָם האָט זיך אָפּגעזעגנט און איז אַוועק.

עס איז גיך צוגעפאַלן אָוונט. סעריאָזשע האָט געדאַרפט קומען צום פּאַרקאַן פון סאָד. קאָרטשאַגינ איז אין וואַרטן אומגעגאַנגען איבערן טונקעלן צימער פון איין ווינקל אין אַ צווייטן. טאָניע מיט דער מאַמען זײַנען געווען בא טומאַנאָוון.

מיט סעריאָזשען איז די באַגעגעניש פאָרגעקומען אינדערפינצטער און זיי האָבן שטאַרק געדריקט איינע די אַנדערע די הענט. מיט אים איז געקומען וואַליע. מע האָט גערעדט שטיל.

— איך האָב דעם רעוואָלווער ניט געבראַכט. בא דיר אין הויף זײַנען פול פּעטליוראָווצעס. עס שטייען פורן. אַ פײַער איז צעלייגט. אַפן בוים אַרופקריכן האָט מען בעשומויפן ניט געקענט. אָט ווי סע גייט ניט, — האָט זיך סעריאָזשע פאַרענטפערט.

— מײַלע, — האָט אים באַרויִקט פּאַוועל. — עס קען זײַן, אַז דאָס איז נאָך בעסער. אין וועג, אַז מע זאָל בא דיר פּאַקן, קען מען נאָך דעם קאָפּ אַראָפּנעמען. אָבער דו נעם אים צו אומבאַדינגט.

וואַליע האָט זיך צוגערוקט צו אים.

— ווען פאָרסטו?

— מאָרגן, וואַליע, פאַרטאָג.

— אָבער ווי האָסטו זיך אַרויסגעריסן? דערצייל.

פּאַוועל האָט שטילערהייט דערציילט אַפּגיך וועגן די ליידן, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען.

מע האָט זיך וואַרעם צעזעגנט. סעריאָזשע האָט זיך ניט געוויצלט. ער איז געווען אומרויִק.

— אַ גליקלעכע וועג, פּאַוועל. פאַרגעס ניט אָן אונדז, — האָט קוים אַרויסגערעדט וואַליע.

זיי זײַנען אַוועק און פאַרשוווּנדן באַלד אין דער פינצטערניש.

*

שטיל איז אינ שטוב. בלויז דער זייגער גייט מיט זײַנ ריטמישנ גאנג. קיינעם פונ די צוויי קומט ניט ארופ אפנ געדאנק אנשלאָפנ צו ווערנ, בייס אינ זעקס שאָ ארום דארפנ זיי זיך צעשיידנ און, קענ זײַנ, מער קיינ־מאָל ניט זענ איינער דעם צווייטנ. צי דענ קענ מענ ארויסזאָגנ פאר די עט־לעכע שאָ יענע מיליאָנ געדאנקענ און ווערטער, וואָס איטלעכער פונ זיי טראָגט אינ זיך?

יוגנט, פראכטפולע יוגנט, ווענ די לײַדנשאפט איז נאָך ניט באַ־גריפנ, ווענ מע פילט זי בלויז נעפלהאפט אינעם אָפטנ קלאפנ פונ הארצנ; ווענ די האנט ציטערט אופ אינ שרעק און שפּרינגט אָפּ צוריק בייסנ צופעליקנ אָנרירנ די ברוסט פונעם פרײַנט, און ווענ די יוגנטלעכע פרײַנטשאפט היט אָפּ פונעם לעצטנ טראָט! וואָס קענ זײַנ נעענטער פונ די הענט פונ דער ליבער, וואָס האָבנ ארומגעכאפט דעם האלדז, און פונ א קוש, א פלאמיקנ, ווי דער צופ פונ עלעקטרישנ שטראָם.

פאר דער גאנצער צײַט פונ דער פרײַנטשאפט איז דאָס דער צווייטער קוש. קאָרטשאגינענ האָט, אויסער דער מאמענ, קיינער ניט געצערטלט. דער־פאר האָט מענ אים אסאך געשלאָגנ. נאָך שטארקער האָט ער דעריבער גע־פילט טאָניעס צערטלעכקײַט. פאר זײַנ גאנצנ דערשלאָגענעם, גרוזאמענ לעבנ האָט ער ניט געוווסט, אז עס איז דאָ אזא פרייד.

דאָס דאָזיקע מיידל אפּ זײַנ וועג—דאָס איז א גרויסער גליק.

ער פילט דעם ריח פונ אירע האָר, און אים דאכט זיך, ער זעט אירע אויגנ.

— איך האָב דיך אזוי ליב, טאָניע. איך קענ עס דיר ניט דערציילנ, איך קענ ניט.

זײַנע געדאנקענ רײַסנ זיך איבער, ווי נאָכגיביק עס איז דער בויגעוו־דיקער קערפער... אָבער די יוגנט־פרײַנטשאפט איז העכער פונ אלצ.

— טאָניע, ווענ ס׳וועט זיך ענדיקנ דער שטורעם, וועל איך אומבאַ־דינגט ווערנ א מאָנטיאָר. אויב דו וועסט זיך פונ מיר ניט אָפּזאָגנ, אויב דו מיינסט עס אינדערעמעסנ ערנסט, און ניט צוליב שפּילערײַ, דעמלט וועל איך דיר זײַנ א גוטער מאנ. קיינמאָל וועל איך דיך ניט שלאָגנ. מעג איך שטארבנ, אויב איך וועל דיך מיט עפּעס באליידיקנ.

און מוירע האָבנדיק אײַנשלאָפנ ארומגענומענערהייט, אז עס זאָל ניט דערזענ די מאמע און זאָל ניט א טראכט טאָנ עפּעס שלעכטס, זײַנענ זיי זיך פאנאנדערגעגאנגענ.

דער טאָג האָט שוינ אופגעוואכט, ווענ זיי זײַנענ אײַנגעשלאָפנ, שליסנ־דיק א פעסטנ אָפּמאכ,—ניט פארגעסנ איינע די אנדערע.

גאנצ פרי האָט יעקאטערינע מיכײַלאָוונע אופגעוועקט קאָרטשאגינענ.

ער איז באלד אופגעשטאנענ.

ווענ ער האָט זיכ אינ וואנע־צימער איבערגעטאָנ אינ זייַנע אייגענע קליידער, ארופגעצויגנ די שטיוול, אָנגעטאָנ דאָליניקס פידזשאק, האָט די מאמע אופגעוועקט טאָניען.

זיי זייַנענ שנעל אוועק אינעם פייַכטנ פרימאָרגנדיקנ נעפּל צו דער סטאַנציע. זייַנענ צוגעגאנגענ הינטנ־ארומ צו די האָלצ־סקלאדנ. ארטיאָמ האָט מיט אומגעדולד געווארט אפ זיי בא דעמ אָנגעלאָדענעמ לאָקאָמאָטיוו מיט האָלצ.

פּאוואָליע איז צוגעגאנגענ דער מעכטיקער לאָקאָמאָטיוו „שטשוקא“, אייַנגעוויקלט אינ קנוילנ זידנדיקנ דאמפּ.

אינ פענצטער פונ דער לאָקאָמאָטיוו־קאבינע האָט ארויסגעקוקט ברוזשאק.

מע האָט זיכ אפגיכ אָפגעזעגנט. ער האָט זיכ פעסט אייַנגעקלאמערט אינ די אייַזערנע פארענטשנ פונ די לאָקאָמאָטיוו־טרעפּלעכ, ארופגעקראָכנ אינדערהויכ אונ זיכ באלד אויסגעקערעוועט אפ צוריק. באמ אריבערפאָר זייַנענ געשטאנענ צוויי באקאנטע פיגורנ—ארטיאָמ אונ הארט לעבנ אימ א שלאנקע, א קלייניניקע—טאָניע.

דער ווינט האָט בייז געשוויבערט דאָס קראגעלע פונ איר בלוזקע, געפאטלט אירע לאָקנ קאשטאנגענ־האָר. זי האָט געמאכט מיט דער האנט.

ארטיאָמ, כאפנדיק פונדערזייַט א בליק אפ טאָניען, וואָס האָט קוימ אייַנגעהאלטנ די טרערנ, האָט אָפגעזיפצט:

— אָדער איכ בינ פּאָשעט א גוילעמ, אָדער בא ד● דאָזיקע איז עפּעס א שרייַפל ניט אפ אנ אָרט. אָט האָסטו דיר פּאווקע! אָט איז דיר א שקעט!

ווענ דער צוג איז פארשווונדנ אהינטערנ שייד־וועג, האָט זיכ ארטיאָמ א קער געטאָנ צו טאָניען:

— נו, טאָ לאָמיר ווערנ גוטע פרייַנט.—אונ אינ זייַנ ריזיקער האנט האָט זיכ אויסבאהאלטנ טאָניעס קליינ הענטעלע.

פונדערווייַטנ האָט זיכ דערטראָגנ דער רויש פונעמ צוג, וואָס האָט אלצ פארשנעלערט זייַנ גאנג.

זיבעטער קאַפּיטל

א גאַנצע וואָך האָט דאָס שטעטל, אַרומגעגאַרטלט מיט אָקאָפּעס און אַרומגעפּלאָנטערט מיטנ שפּינוועבס פונ שטעכיקנ דראָט, זיכ אופגעכאַפּט און אײַנגעשלאָפנ אונטער דעמ קרעכצנ פונ האַרמאַטנ און אונטערנ קנאַלנ פונ ביקסנ. בלויז שפּעט באַנאַכט פלעגט ווערנ שטיל. און די שטילקייַט פלעגט צומאָל אופגעריסנ ווערנ פונ דערשראָקענע זאַלפנ: דאָס האָבנ איינע די אַנדערע געפּרוווט אָנטאַפּנ די סעקרעטנ. און באַגינענ פלעגנ זיכ אָפנ וואָקזאַל לעבנ די באַטאַרייעס אָנהייבנ ריַרנ מענטשנ. דער שוואַרצער שלונג פאַרנעמ האַרמאַט האָט בייז און מוירעדיק געהוסט. די מענטשנ האָבנ זיכ געייַלט אימ אָנקאָרמענענ מיט א נייַער פּאָרציע בלייַ. דער באָמבאַרדיר האָט געצויגנ פאַרנ שנור, און די, ערד האָט צומאָל אופגעציטערט. דרייַ וויאָרסט פונ שטאָט, איבערנ דאָרפ, וואָס איז געווענ פאַרנומענ פונ די רויטע, האָבנ זיכ די סנאַריאַדנ געטראָגנ מיט א וווּיענ און מיט א פייַפעריַי, אַלצ פאַרטויבט, און געפאַלנ, האָבנ זיי אופגעשויבערט צומ הימל צעריסענע פּלאַכטעס ערד.

אינ הויפ פונעמ פאַרצייַטיקנ פּוילישנ מאָנאַסטיר איז געשטאַנענ א באַטאַרייע פונ די רויטע. דער מאָנאַסטיר איז געשטאַנענ אָפ א הויכ בערגל אינמיטנ דאָרפ.

דער מילִיטקאָמ פונ דער באַטאַרייע, כ׳ זאַמאָסטינ, איז אופגעשפּרונגענ. ער איז געשלאָפנ, אָנשפּאַרנדיק דעמ קאָפּ אָפנ רעדער פונ האַרמאַט. פאַרצויגנ שטייַפ דעמ רימענ מיטנ שווערנ מאַוזער, האָט ער זיכ צוגעהערט צומ פלִי פונעמ סנאַריאַד און אָפּגעוואַרט דעמ אופרייַס. דער הויפ איז פול געוואָרנ מיט זייַנ קלינגעוודיקער שטימ:

— דערשלאָפנ וועלנ מיר מאָרגנ, כאַוויירימ! הייבט זיכ אור־אור־פ!

די אַרטילעריסטנ זייַנענ געשלאָפנ טאַקע דאָ באַ די האַרמאַטנ. זיי זייַנענ אופגעשפּרונגענ פונקט אַזוי גיכ, ווי דער מילִיטקאָמ. בלויז איינ סידאָרטשוק האָט מאַרודיעט, ער האָט אָנ כיישעק אופגעהויבנ דעמ פאַרשלאָפענעמ קאָפּ.

— אויסוווּרפנ, ערשט טאָג, און זיי בילנ שוינ. סאַראַ פּאַסקודנע בעוורע!

זאמאָסטינ האָט זיכ צעלאַכט:

— אומבאַוווּסטזיניקע עלעמענטנ, סידאָרטשוק. זיי רעכענענ זיכ ניט דער־מיט, וואָס דיר ווילט זיכ שלאָפּנ.

דער אַרטילעריסט האָט זיכ אופגעהויבנ, בורטשענדיק אומצופרידנ.

אינ עטלעכע מינוט אַרום האָבנ אַפנ מאָנאַסטיר־הויפ געדונערט האַרמאַטנ, אונ אינ שטאָט האָבנ זיכ געריסנ סנאַריאַדנ. אַפנ הויכנ קוימענ פונעם צוקער־זאַוואָד האָבנ זיכ אַפ אַ בריקל פונ ברעטער באַזעצט אַ פּעטליורי־שער אָפיצער מיט אַ טעלעפאָניסט.

אַרופגעקלעטערט האָבנ זיי דורכ די אײַזערנע טרעפּלעכ פונ קוימענ.

דאָס גאַנצע שטעטל איז געווענ ווי אַפנ דלאָניע. פונדאַנענ האָבנ זיי אָנגעפירט מיט דער אַרטילערישער שיסערײַ. זיי האָבנ געזענ יעדע באַווע־גונג פונ די רויטע, וואָס האָבנ באַלאַגערט דאָס שטעטל. הײַנט איז בא די באָלשעוויקעס אַ גרויסע אופלעבונג. דורכנ „צייס“ זעט מענ די באַוועגונג פונ זייערע טיילנ. לענגויס דעמ אײַזנבאַנ־וועג צומ פּאָדאָליער וואָקזאַל־צו האָט לאַנגזאַמ געפּויזעט אַ פּאַנצערצוג, וואָס האָט ניט אופגעהערט קנאַלנ פונ האַרמאַטנ. הינטער אימ האָבנ זיכ געזענ קייטנ פוסגייער. עטלעכע מאָל האָבנ זיכ די רויטע געוואָרפנ אינ אַטאַקע, געפּרווט פאַרכאַפּנ דאָס שטעטל, אָבער די סיטשעוויקעס האָבנ זיכ פאַרפעסטיקט אַפ די צוטריטנ, זיי האָבנ זיכ אַרומגעגראָבנ. אַנ אוראַגאַנישער פײַער האָט זיכ צעגאָסנ איבער די אָקאָפּעס. אַלצ אַרומ איז פול געוואָרנ מיט אַ ווילדער קנאַלערײַ פונ קוילנ. די קנאַלערײַ איז אויסגעוואָקסנ אינ אַ דורכויסיקער ברומערײַ אונ איז דערגאַנגענ צו דער העכסטער מאַדרייגע אינ מאָמענט פונ אַטאַקע. פאַרגאָסענע מיט אַ בלײַענעמ מאַבל, ניט אויסהאַלטנדיק די איבער־מענטשלעכע אָנשטרענגונגענ, זײַנענ די שלאַכט־רייענ פונ די באָלשעוויקעס אָפּגעטראָטנ אַפ צוריק אונ איבערגעלאָזנ אַפנ שלאַכט־פעלד אומבאַוועגלעכע קערפּערס.

הײַנט הילכנ די קלעפּ איבערנ שטעטל אַלצ אַקשאָנעסדיקער, אַלצ אָפּ־טער. די לופט שלײַדערט זיכ אומרויִק פונ דער האַרמאַטנ־שיסערײַ. פונ־דערהויכ, פונעמ זאַוואָדישנ קוימענ, איז צו זענ, ווי, צוגעפּאַלנ צו דער ערד, שטרויכלענדיק זיכ, גייענ אומופהערלעכ פאָרויס די באָלשעוויסטישע קייטנ. זיי האָבנ שוינ קימאַט ווי פאַרנומענ דעמ וואָקזאַל. די סיטשעוויקעס האָבנ אַרײַנגעצויגנ אינ שלאַכט אַלע זייערע פאַראַנענע רעזערוונ, אָבער זיי האָבנ ניט געקענט פאַרשטאָפּנ דעמ דורכרײַס, וואָס האָט זיכ געשאַפנ אַפנ וואָק־זאַל. די באָלשעוויסטישע שלאַכט־רייענ, פאַרכאַפּט פונ אַ ביטערער אַנטשלאָסנ־קײַט, האָבנ זיכ אַרײַנגעריסנ אינ די וואָקזאַל־גאַסנ. די פּעטליוראָווצעס פונ דריטנ פּאָלק סיטשעווע שיסער, וואָס האָבנ פאַרטיידיקט דעמ וואָקזאַל, זײַנענ אַרויסגעשטויסנ געוואָרנ דורכ אַ קורצנ שרעקלעכנ קלאַפּ פונ זייער לעצטער פּאָזיציע—פונ די בײַשטאָטישע סעדער אונ גערטנער—אונ זײַנענ אינ

אומאָרדענונג, אין צעוואָרפענע הײַפלעך געלאָפן אין שטאָט אַרײַן. ניט לאָנגדיק זיי קומען צו זיך, אָפשטעלן זיך, האָבן די רויטאַרמייִשע טיילן צעשמעטערט אין אַ באַגנעטן־שלאַכט די פאַרצאַמונג־פּאָסטנס און פול געמאַכט די גאַסן.

*

קיינשום קראַפט האָט ניט געקענט אײַנהאַלטן סעריאָזשע ברוזשאַקן אין קעלער, וווּ עס האָט זיך פאַרקליבן זײַן געזינד און די נאָענטסטע שכיינים. אים האָט געצויגן אין דרויסן. ניט געקוקט אַף דער מוטערס פּראָטעסטן, איז ער אַרויסגעקראָכן פון דעם קאַלטן קעלער. פאַרבײַ הויז האָט זיך דורכגעטראָגן, שיסנדיק אין אַלע זײַטן, דער פּאַנצער־אויטאָמאָביל „סאַהײַדאַטשני“. באַלד נאָך אים זײַנען געלאָפן אין אומאָרדענונג און פּאַניק די פּעטליורישע קייטן. אין סעריאָזשעס הויף איז אַרײַנגעלאָפן איינער פון די סיטשעוויקעס. ער האָט מיט אַ פיבערהאַפטער אײַליקײַט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם פּאַטראָנטאַש, דעם העלם און די ביקס, אַריבערגעשפּרונגען איבערן פּאַרקאַן און פאַרשוווּנדן אין די גערטנער. סעריאָזשע האָט באַשלאָסן אַרויסקוקן אַפן גאַס. איבערן שליאַך צום דאָרעם־מײַרעווודיקן וואָקזאַל זײַנען געלאָפן פּעטליוראָווצעס. זייער צוריקמאַרש איז פאָרגעקומען אונטער דער שוץ פון אַ פּאַנצער־אויטאָמאָביל. דער שאָסיי, וואָס פירט אין שטאָט אַרײַן, איז געווען פּוסט. אָבער אָט איז אַפן שליאַך אַרויסגעשפּרונגען אַ רויטאַרמייער. ער איז צוגעפאַלן צו דער ערד און אויסגעשאָסן לענגויס דעם שאָסיי. נאָך אים אַ צווייטער, אַ דריטער... סעריאָזשע זעט זיי: זיי בייגן זיך אײַן און שיסן גייענדיק. עס לויפט אָן אַן אָפּהאַלט אַ פאַרברוינטער כינעזער מיט אָנטצונדענע אויגן אין אַן אונטערשטער העמד, אַן איבערגעבונדענע מיט קוילנוואַרפער־לענטעס, מיט גראַנאַטעס אין ביידע הענט. פאָרויס אַלעמען, אויסשטעלנדיק אַ האַנט־קוילנוואַרפער, לויפט נאָך גאָר אַ יונגער רויטאַרמייער. דאָס איז די ערשטע קייט פון די רויטע, וואָס האָט זיך אַרײַנגעריסן אין שטאָט אַרײַן. אַ געפיל פון פרייד האָט אַרומגעכאַפּט סעריאָזשען, ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אַפן שאָסיי און אויסגעשריִען מיט אַלע קויכעס:

— זאָלן לעבן די כאַווײרים!

פון אומדערוואַרטקײַט האָט דער כינעזער אים שיר ניט אומגעוואָרפן. ער האָט זיך שיר ניט געקליבן אַכזאָריעסדיק אַ וואָרף טאָן זיך אַף סעריאָזשען, אָבער דער באַגײַסטערטער אויסזען פון יונג האָט אים אָפּגעשטעלט.

— וווּהין איז די פּעטליורלאַ אַנטלאָפן? — האָט מיט אַ פאַרשטיקטן אָטעם געשריִען צו אים דער כינעזער.

סעריאָזשע האָט אים אָבער ניט געהערט. ער איז גיך אַרײַנגעלאָפן אין הויף, געכאַפּט דעם פּאַטראָנטאַש און די ביקס, וואָס דער סיטשעוויק האָט אַראָפּגעוואָרפן, און זיך אַ לאָז געטאָן אָניאָגן די קייט. מע האָט אים באַמערקט

בלויז דאַן, ווען מע האָט זיך אַריינגעריסן אויפֿן דאַרעם־מײַרעוודיקן וואָקזאַל. אָפּגעשניטן עטלעכע עשאַלאָנען, וואָס זײַנען געווען אָנגעלאָדן מיט סנאַריאַדן און אַמוניציע, און אָפּגעוואָרפֿן דעם סוינע אין וואַלד אַרײַן, האָט מען זיך אָפּגעשטעלט, קעדיי איבערכאַפּן דעם אָטעם און זיך איבערפֿאָרמירן. דער יונגער קוילנוואַרפֿלער איז צוגעגאַנגען צו סעריאָזשען און פֿאַרוווּנדערט געפֿרעגט:

— פֿונוואַנען ביסטו, כאַווער?

— איך בין אַ היגער, פֿון שטעטל, איך האָב אַלץ געוואַרט, אַז איר זאָלט קומען.

סעריאָזשען האָבן אַרומגערינגלט רויטאַרמייער.

— מײַנע קען איך, — האָט פֿריידיק געשמייכלט דער כינעזער. — זײַנער האָט געשריִען: „דלאָסטווי, טאָוואַלישא!“ זײַנען אַ באָלשעוויק — אַן אונדזערער, אַ יונגער, אַ גוטער, — האָט ער צוגעגעבן, קלאַפּנדיק באַגײַסטערט סעריאָזשען אין פּלייצע.

און סעריאָזשעס האַרץ האָט פֿריידיק געקלאַפּט. מע האָט אים באַלד צוגענומען, ווי אַן אייגענעם. ער האָט צוזאַמען מיט זיי איינגענומען אין אַ באַגנעט־אַטאַקע דעם וואָקזאַל.

דאָס שטעטל האָט אָפּגעלעבט. די אויסגעמאַטערטע אײַנוווינער האָבן זיך אַרויסגעקליבן פֿון די קעלערס און זײַנען געלאָפֿן צו די טויערן אַ קוק טאָן אויף די רויטע טײַלן, וואָס גייען אַרײַן אין שטאָט. אַנטאָנינע וואַסיליעוונע און וואַליע האָבן דערזען סעריאָזשען, וואָס האָט געשפּרײַזט אין די רייען פֿון די רויטאַרמייער צוזאַמען מיט אַלעמען. ער איז געגאַנגען אָן אַ היטל, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ פּאַטראָנטאַש, מיט אַ ביקס אויפֿן פּלייצע.

אַנטאָנינע וואַסיליעוונע האָט אַ צעקאָכטע פֿאַרבראָכן די הענט.

סעריאָזשע, איר זון, האָט זיך אַרײַנגעמישט אין אַ געראַנגל. אָ, דאָס וועט אים גלאַט ניט אַראָפּ! גיט נאָר אַ טראַכט: פֿאַר גאַנץ שטאָט אין די אויגן גייט ער מיט אַ ביקס. און וואָס וועט נאָכדעם זײַן?

און פֿאַרכאַפּט פֿון די דאָזיקע געדאַנקען, האָט אַנטאָנינע וואַסיליעוונע ניט אויסגעהאַלטן און אויסגעשריִען:

— סעריאָזשקע, מאַרש אַהיים! טאַקע שוין! איך וועל דיר נאָך ווײַזן, אויסוווּרף. דו וועסט בײַ מיר מילכאָמע האַלטן! — און זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום זון מיטן געדאַנק אים אָפּצושטעלן.

אָבער סעריאָזשע, איר סעריאָזשע, וועמען זי האָט ניט איין מאָל געריסן פֿאַר די אויערן, האָט שטרענג אַ קוק געטאָן אויף דער מאַמען. ער איז רויט געוואָרן פֿון כאַרפּע און באַליידיקונג און קורץ אַ זאָג געטאָן:

— שרײַ ניט! איך וועל פֿונדאַנען אין ערגעץ ניט אַוועקגיין. — ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט און איז אַוועק ווײַטער.

אַנטאָנינע וואַסיליעוונע האָט זיך אָנגעצונדן:

— אָט אזוי רעדט מען עס מיט א מאמען? נו, אויב אזוי, זאָלסטו מיר ניט וואגן נאָכדעם אומצוקערן זיך אהיים.

— כ'וועל זיך טאקע ניט אומקערן!—האָט סעריאָזשע געענטפערט.—ער האָט זיך אפילע ניט אומגעקוקט אהינטער.

אנטאָנינע וואסיליעוונע איז געבליבן שטיין א פארלאָרענע אפן שליאכ, און פארביי זיינען אלץ געגאנגען רייען פארברוינטע, פארשטויבטע רויטאר־מייער.

— וויין ניט, מאמעשי! דעם זונעלע וועלן מיר פאר א קאָמיסאר אויס־קלייבן,—האָט זיך דערהערט עמעצנס א שטארקע וויצלדיקע שטימע.

א פריילעכער געלעכטער האָט זיך צעשאָטן איבערן וויזוואָד. פאָרויס דער ראָטע האָבן קרעפטיקע שטימען פארצויגן צוזאמען א ליד:

Смело, товарищи, в ногу,
Духом окрепнем в борьбе,
В царство свободы дорогу
Грудью проложим себе...

מעכטיק האָבן די רייען אונטערגעכאפט די ליד, און אין אלגעמיינעם כאָר האָט זיך געהערט די קלינגעוודיקע שטימע פון סעריאָזשען. ער האָט געפונען א נייע היים, און אין איר איז איין באגנעט זיינער, סעריאָזשעס.

*

אפן טויער פון לעשטשינסקיס הויף—א וויסער קארדאָן. אף אים איז אָנגעשריבן קורץ: „ר ע ו ק א ָ ם".

דערנעבן—א פלאמיקער פלאקאט. אין ברוסט אריין פון דעם, וואָס לייענט, איז געצילט א פינגער און אויגן פון א רויטארמייער. און אב און־טערשריפט:

„ביסט אריינגעטראָטן אין די רייען פון דער רויטער ארמיי?"

באנאכט האָבן די טויער פון פאָדיוו פאנאנדערגעקלעפט די דאָזיקע שטור־מע אגיטאטערן. און דאָ דערביי—דער ערשטער אופרוף פון רעווקאָם צו אלע ארבעטנדיקע פון דער שטאָט שעפעטאָווקע:

„כאווירים! דאָס פראָלעטארישע מיליטער האָט איינגענומען די שטאָט. עס איז ווידער אופגעשטעלט די סאָוועטנמאכט. מיר רופן די באפעלקערונג צו רויקייט. די בלוטיקע פאָגראָמשטשיקעס זיי־נען אָפגעשלאָגן געוואָרן, כדי זיי זאָלן זיך מער קיינמאָל ניט אומקערן צוריק, קעדיי זיי פארניכטן אינגאנצן, טרעט אריין אין די רייען פון דער רויטער ארמיי. מיט אלע קויכעס האלט אונטער

די מאכט פון די ארבעטנדיקע. די מיליטערישע מאכט אין שטאָט געהערט דעם גארניזאָן־נאטשאלניק, די ציווילע מאכט—דעם רעוואָ־ליוציאָנערן קאָמיטעט.

פאָרזיצער פון רעווקאָם דאָ ל י נ י ק".

אין לעשטשינסקיס הויף האָבן זיך באוויזן נייַע מענטשן. דאָס וואָרט „כאווער", פאר וועלכן מע האָט ערשט נעכטן געצאָלט מיטן לעבן, האָט איצט געקלונגען אף יעדן טראָט. דאָס אומגעהויער־רעגנדיקע וואָרט „כא־ווער"!

דאָליניק האָט פארגעסן שלאָפן און רוען.

דער סטאָליער האָט געבויט די רעוואָליוציאָנערע מאכט.

אף דער טיר פון א קליינינקן צימער אין הויז—א פיצל פאפיר. אפן פאפיר איז אָנגעשריבן מיט א בלייַפעדער: „פארטיי־קאָמיטעט". דאָ זיצט די כאווערטע איגנאטיעווע, א רויקע, אן אויסגעהאלטענע. איר און דאָליניקן האָט דער פאָדיוו איבערגעגעבן צו אָרגאניזירן די אָרגאנען פון דער סאָ־וועטנמאכט.

עס איז דורך איין טאָג, און עס זיצן שוין ארום די טישן מיטארבעטער, עס קלאפט א שרייַב־מאשינקע, עס איז אָרגאניזירט א דערנערונג־קאָמי־סאריאט. דער קאָמיסאר טיושיצקי איז א באוועגלעכער, א נערוויישער. טיושיצקי האָט געארבעט אפן צוקער־זאוואָד אלס געהילף־מעכאניקער. מיט דער אקשאָנעס פון א פאָליאק האָט ער שוין די ערשטע טעג פון פאר־פעסטיקן די סאָוועטנמאכט אָנגעהויבן דערלאנגען א קלאפ נאָך א קלאפ די אריסטאָקראטישע שפיצן פון דער געוועזענער פאבריק־אדמיניסטראציע, וואָס האָט זיך שטיל פארטייַעט מיט א באהאלטענער סינע צו די באָלשע־וויקעס.

אף דער פאבריק־פארזאמלונג, זעצנדיק צעקאָכט מיטן פויסט אָן באריער פון דער טריבונע, האָט ער געוואָרפן צו די פארזאמלטע ארבעטער הארטע, אומקאָמפּראָמיסלעכע ווערטער אין פויליש.

— פארשטייט זיך,—האָט ער געזאָגט,—וואָס עס איז געווען, וועט שוין מער קיינמאָל ניט זייַן. גענוג האָבן אונדזערע טאטעס און מיר אלע דאָס גאנצע לעבן שווער געארבעט אפן גראף פאָטאָצקי. מיר האָבן זיי פאלאצן געבויט, און דערפאר האָט דער יאסנאָוועלמאָזשני גראף אונדז געגעבן פונקט אזויפיל, אז מיר זאָלן פון הונגער ניט שטארבן בא דער ארבעט.

וויפל יאָר רייַסן אף אונדזערע הויקערס די גראפן פאָטאָצקעס און די פירשטן סאנגושקעס? ווייניק זייַנען דען צווישן אונדז, פוילישע ארבע־טער, טאראן אזעלכע, וועלכע פאָטאָצקי האָט געהאלטן אין יאָך פונקט אזוי, ווי די רוסן און אוקראַינער? איז אָט צווישן די דאָזיקע ארבע־טער גייען ארום קלאנגען, וואָס צווישן זיי האָבן פארשפרייט דעם גראפס און־

טערלעקער, אז די סאָוועטנמאכט וועט זיי אלעמען אין אן אײַזערנעם פויסט פארקוועטשן.

דאָס איז נידערטרעכטיקע רעכילעס, כאווײרים. קײנמאָל האָבן נאָך די ארבעטער פון פארשײדענע נאציאָנאליטעטן ניט געהאט אזעלכע פרײַהײַטן, ווי איצטער.

אלע פראָלעטאריער זײַנען ברידער, אָבער די פריצים וועלן מיר שוין דאפקע צוקוועטשן, זײַט זיכער.—זײַן האנט באשרײַבט א האלבקרײַז און לאָזט זיך ווידער אראָפ אפן באריער פון דער טריבונע.—און ווער האָט אונדז צעטײלט אפ פעלקער, ווער צווינגט צו פארגיסן ברידערלעך בלוט? די קײסאָרים און די אדעליקע האָבן פון פארצײַטן אָן געשיקט פוילישע פויערים אפ די טערקן, און שטענדיק איז איין פאָלק אָנגעפאלן און געשלאָגן א צווייטן. וויפל מענטשן האָט מען פארניכטעט, וואָס פאר אן אומגליקן זײַנען ניט פאָרגעקומען! אָבער וועמען איז דאָס געווען נייטיק? אונדז, וואָס? אינגיכן וועט זיך עס אָבער אלץ ענדיקן. עס איז געקומען א סאָף צו די דאָזיקע אויסוואורפן. די באָלשעוויקעס האָבן געוואָרפן דער גאנצער וועלט ווערטער, שרעקלעכע פאר די בורזשויען: „פראָלעטאריער פון אלע לענדער, פאראייניקט זיך!“ אָט אין וואָס עס איז אונדזער רעטונג, אונדזער האָפענונג אפ א גליקלעכן לעבן, אז דער ארבעטער זאָל דעם ארבעטער זײַן א ברודער. טרעט ארײַן, כאווײרים, אין דער קאָמוניסטישער פארטיי.

— עס וועט אויך זײַן א פוילישע רעפובליק, אָבער א סאָוועטישע, אָן די פאָטאָצקעס, וועלכע מיר וועלן פארניכטן מיטן וואָרצל, און אין דעם סאָוועטישן פוילן וועלן מיר אליין די באלעבאטים ווערן. ווער פון אײַך קען ניט בראָניק פטאשינסקין? דער רעווקאָם האָט אים באשטימט פארן קאָמיסאר פון אונדזער זאוואָד. „ווער עס איז געווען גאָרניט, וועט ווערן אלץ“. אויך בא אונדז וועט ווערן יאָנטעוו, כאווײרים, הערט זיך נאָר ניט צו צו די דאָזיקע באהאלטענע שלאנגען! און אויב אונדזער פראָלעטארישער צוטרוי וועט קומען צוהילף, וועלן מיר אָרגאניזירן א ברודערשאפט פון אלע פעלקער אין גאָר דער וועלט!

וואצלאוו האָט ארויסגעזאָגט די דאָזיקע נײַע ווערטער פון דער טיף פון זײַן פראָסטן, ארבעטערשן הארץ.

ווען ער איז אראָפ פון טריבונע, האָט די יוגנט אים באגלייט מיט מיטפילנדיקע אויסגעשרייען.

בלויז די עלטערע האָבן מוירע געהאט ארויסזאָגן זיך. ווער ווייס? עפשער וועלן מאָרגן די באָלשעוויקעס אָפטרעטן, און דעמאלט וועט אויסקומען צו באצאָלן פאר יעדן וואָרט. טאָמער וועסטו ניט גיין אפ דער טליִע, וועט מען פון זאוואָד געוויס ארויסיאָגן.

דער בילדונג־קאָמיסאר איז דער יונגער שלאנקער לערער טשערנאָפיסקי. דערווײַל איז ער דער איינציקער מענטש צווישן דער אָרטיקער לערערשאפט,

וואָס איז איבערגעגעבן די באָלשעוויקעס. קעגניבער רעווקאָם האָט זיך איינ־געאָרדנט די ראַטע פון „טשאַנ". אירע רויטארמייער דעזשורען אין רעווקאָם. אינאָהונט שטייט אין סאַד, פארן אריינגאנג, אַן אָנגעשפּיצטער „מאַקסים" מיט אַ שלאַנג — אַ סטענגע, וועלכע פארקריכט אין אופנעמער אריין. דער־נעבן — צווייען מיט ביקסן.

אין רעווקאָם גייט די כ־טע איגנאַטיעווא, זי קוקט זיך צו צום יונגינקן רויטארמייער און פרעגט:

— ווי אַלט זייט איר, כאַווער?

— שוין דאָס זיבעצנטע יאָר אַוועק.

— איר זייט אַ היגער?

דער רויטארמייער שמייכלט.

— יע, איך בין ערשט נעכטן בייסן שלאַכט אריינגעטראָטן אין דער אַרמיי.

איגנאַטיעווא קוקט אים אריין אין פּאָנעם.

— ווער איז אייער פאָטער?

— אַ געהילף־מאַשיניסט.

אין פערטל גייט אריין דאָליניק מיט עפּעס אַ מיליטער־מאַן. איגנאַטיעווא זאָגט, ווענדנדיק זיך צו אים:

— אָט האָב איך פארן רייקאָם פון קאָמיוג אַ טוער געפונען. ער איז אַ היגער. דאָליניק האָט מיט אַ גיכן קוק באַטראַכט סערגייען.

— ווער ביסטו? אַ, זאַכאַרס זון! נו, גיי, דריי אַן די יאַטן.

סעריאָזשע האָט פארוווּנדערט אַ קוק געטאָן אַף זיי.

— און ווי איז מיט דער ראַטע?

לויפנדיק שוין אַף די טרעפּלעך אַרופ, האָט דאָליניק אַ זאָג געטאָן:

— דאָס וועלן מיר איינאָרדענען.

אַף מאָרגן אינאָוונט איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיטעט פון קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד פון אוקראַינע.

אַ נייַ לעבן האָט זיך אריינגעריסן גיך און אומדערוואַרט. דאָס דאָזיקע לעבן האָט אים פול געמאַכט אינגאַנצן, פאַרדרייט אין זיין שטראָמיקן גע־ווירבל. סעריאָזשע האָט פארגעסן די היים, כאָטש זי איז געווען דאָ ערגעץ גאָר נאָענט.

ער, סעריאָזשע ברוזשאַק, איז אַ באָלשעוויק. צום צענטן מאָל האָט ער אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע אַ פּאַסעקל ווייסע פּאַפּיר, ווו עס איז אַף אַ בלאַנק פונעם קאָמיטעט קפּ(ב)או געווען אָנגעשריבן, אַז ער, סעריאָזשע, איז אַ קאָמיוגיסט און דער סעקרעטאַר פון קאָמיטעט. און אויב עמעצער וואָלט געקענט צווייפלען, איז איבער דער גימנאַסטיאָרקע אַף אַ רימען אין אַ ברע־זענטענעם קוסטאַרישן שיידל געהאַנגען אַ בעקאָוועדיקער „מאַנליכער" — אַ

מאטאָנע פונ דעמ טײַערנ פאווקענ. דאָס איז געווענ דער איבערצײַגנדיקסטער מאנדאט. עכ, א שאָד, ניטאָ פאוולושע!

סעריאָזשע איז גאנצענע טעג ארומגעלאָפנ לויט אופגאבעס פונ רעווקאָמ. אָט ווארט אויכ איצט אפ אימ איגנאטיעווא. זיי פאָרנ אפ דער סטאנציע, אינ פאָדיוו, ווו מע וועט געבנ פארנ רעווקאָמ ליטעראטור אונ צײַטונגענ. ער לויפט גיכ ארויס אפנ גאס. א טויער פונ פאָליט־אָפטייל ווארט אפ זיי מיט אנ אווטאָמאָביל לעבנ טויער פונ רעווקאָמ.

צומ וואָקזאל איז ווײַט. אפנ וואָקזאל זײַנענ אינ וואגאָנעס געשטאנענ דער שטאב אונ דער פאָליט־אָפטייל פונ דער ערשטער סאָוועטישער אוקראַיִנישער דיוויזיע. איגנאטיעווא נוצט ארויס די רײַזע אונ פרעגט אויס סעריאָזשענ:

— וואָס האָסטו געטאָנ אפ דײַנ געביט? האָסט געשאפנ אנ אָרגאניזאַציע? דו דארפסט אגיטירנ צווישנ דײַנע כאווײרימ, די קינדער פונ די ארבעטער. אינ דער נאָענטסטער צײַט דארפ מענ צונויפקלאפנ א גרופע קאָמוניסטישע יוגנט. מאָרגנ וועלנ מיר צונויפשטעלנ אונ אָפדרוקנ אנ אופרופ פונ קאָמיוג. נאָכדעמ וועלנ מיר אופקלײַבנ אינ טעאטער די יוגנט, מיר וועלנ מאכנ א מיטינג; ביכלאל וועל איכ דיכ באקאָנענ אינ פאָדיוו מיט דער כ־טע אוסטינאָוויטש. זי פירט, דאכט זיכ, די ארבעט צווישנ אײַערע כעוורע.

אוסטינאָוויטש האָט זיכ ארויסגעוויזנ פאר אנ אכצניאָריק מיידל מיט טונקעלע געשוירענע האָר, אינ א נײַער גימנאסטיאָרקע פונ כאקי־קאָליר, איבערגעבונדנ אינ טאליע מיט א שמאָל רימענדל. סעריאָזשע האָט זיכ פונ איר דערוווּסט זייער אסאכ נײַס אונ באקומענ א צוזאָג צו העלפנ אינ דער ארבעט. באמ געזעגענענ זיכ האָט זי אימ אָנגעלאָדנ מיט א פאק ליטעראטור אונ, באזונדערס, מיט א קלײנ ביכעלע—פראָגראמ אונ סטאטוט פונ קאָמיוג.

שפעט אינאָוונט האָט מענ זיכ אומגעקערט אינ רעווקאָמ. אינ סאָד האָט געווארט וואליע. זי האָט גענומענ פאָרווארפנ סערגייענ:

— ווי שעמסטו זיכ ניט! וואָס, דו האָסט זיכ שוינ גאָר אָפגעזאָגט פונ דער היימ? די מאמע וויינט צוליב דיר גאנצענע טעג, דער טאטע איז אינקאעס. עס וועט זײַנ א סקאנדאל.

— עס וועט גאָרנישט ניט זײַנ, וואליע. גיינ אהיימ האָב איכ קיינ צײַט ניט. ערנ־וואָרט, ניטאָ ווענ. הײַנט וועל איכ אויכ ניט קומענ. אָבער מיט דיר דארפ איכ זיכ דורכריידנ. קומ ארײַנ צו מיר.

וואליע האָט ניט געקענט דערקענענ איר ברודער. ער האָט זיכ אינגאנצנ געענדערט. אזוי ווי עמעצער וואָלט אימ עפעס אָנגעלאָדנ מיט עלעקטרע. אוועקגעזעצט די שוועסטער אפנ שטול, איז סעריאָזשע צוגעטראָטנ גלײַכ צו דער זאכ, אָנ ארומיקע גענג:

— די זאכ איז אָט וואָס. טרעט ארײַנ אינ קאָמיוג. דו פארשטייסט ניט? אינ קאָמוניסטישנ יוגנט־פארבאנד. איכ בינ אינ אָט דער זאכ דער פאָרזיצער. גלויבסט ניט? נא, אָט לייענ!

וואַליע האָט איבערגעלייענט און אין פאַרלעגנהייט געקוקט אױפֿן ברודער.
— וואָס וועל איך טאָן אין קאַמיוג?
סעריאָזשע האָט א קוועטש געטאָן מיט די אַקסלען.
— וואָס? ניטאָ וואָס צו טאָן? ליבינקע! איך שלאָף דאָך ניט קיין נעכט. מע דאַרף פאַנאַנדערוויקלען די אַגיטאַציע. איגנאַטיעוואַ זאָגט: מירן צונויפֿקלײַבן אַלעמען אין טעאַטער און וועלן דערציילן וועגן דער סאָוועטנמאַכט. און איך, זאָגט זי, דאַרף האַלטן אַ רעדע. איך מיין, אַז עס איז אַרויסגעוואָרפֿן, ווײַל, פֿאַרשטייט זיך, אַז איך ווייס ניט, ווי·אַזוי זי צו האַלטן, און איך וועל דורכפֿאַלן ווי אַ האָק. נו איז אָט, איז זאָג־זשע מיר, ווי האַלט עס בײַ דיר מיט דעם קאַמיוג?
— איך ווייס ניט, די מאַמע וועט דעמלט גאָר ווערן אויסער זיך.
— דו קוק ניט אויף דער מאַמען, וואַליע,— האָט סעריאָזשע דערווידערט.— זי קלײַבט זיך אין דעם ניט פֿאַנאַנדער. זי וויל נאָר, אַז אירע קינדער זאָלן זײַן לעבן איר. זי האָט גאָרנישט קעגן דער סאָוועטנמאַכט. פֿאַרקערט, זי פֿילט מיט. נאָר אויף פֿראָנט זאָלן זיך שלאָגן אַנדערע, ניט אירע זין. אָבער שוין־זשע איז דאָס ריכטיק? געדענקסט, ווי זשוכרײַ פֿלעגט אונדז דערציילן? אָט פּאַווקע, ער האָט טאַקע אויף דער מאַמען ניט געקוקט. איצט האָט זיך באַקומען, אַז מיר האָבן דאָ רעכט צו לעבן אויף דער וועלט, ווי עס באַדאַרף צו זײַן. נו, איז וואָס, וואַליע, צי דען וועסטו זיך טאַקע אָפּזאָגן? אײַ, וואָלט עס געווען גוט! דו וואָלסט זיך אַ נעם געטאָן צווישן די מיידלעך, און איך צווישן די יאַטן. דעם געלן שוואַרציאַר קלימקען וועל איך הײַנט טאַקע נעמען אין דער אַרבעט. נו, איז ווי, וואַליע, שטייסט צו צו אונדז אָדער ניט? אָט האָב איך אַ ביכעלע וועגן דער דאָזיקער זאַך.
ער האָט אַרויסגענומען פֿון קעשענע און האָט איר דערלאַנגט. וואַליע האָט, ניט אָפּרײַסנדיק די אויגן פֿון ברודער, שטיל געפֿרעגט:
— און וואָס וועט זײַן, אויב ס׳וועלן ווידער קומען די פּעטליוראָוועצעס?
סעריאָזשע האָט זיך צום ערשטן מאָל פֿאַרטראַכט אויף דער דאָזיקער פֿראַגע.
— איך וועל געוויס אַוועקגיין מיט אַלעמען. אָבער ווי זאָל זײַן מיט דיר? די מאַמע וועט אײַנדערעמעסן זײַן אומגליקלעך.—ער האָט געשוויגן.
— דו וועסט מיך פֿאַרשרײַבן, סעריאָזשע, אַזוי, אַז די מאַמע זאָל ניט וויסן און קיינער זאָל ניט וויסן, בלויז איך און דו. איך וועל מיט אַלץ העלפֿן, אַזוי וועט זײַן בעסער.
— ריכטיק, וואַליע.
אין צימער איז אַרײַן איגנאַטיעוואַ.
— דאָס איז מײַן שוועסטערקע וואַליע, כ׳טע איגנאַטיעוואַ. איך האָב מיט איר גערעדט אַ שמועס וועגן דער אידיי. זי איז אינגאַנצן צוגעפּאַסט, אָבער אָט, איר פֿאַרשטייט, די מאַמע איז בײַ אונדז אַ ערנסטע. מע קען זי

עפשער צונעמען אזוי, אז קיינער זאָל וועגן דעם ניט וויסן? אויב אונדז וועט, לאָמיר זאָגן, אויסקומען אַפּטרעטן, איז איך, פאַרשטייט זיך, נעם די ביקס און גיי, אָבער איר איז דאָך אַ שאָד די מאַמע.

איגנאַטיעווא איז געזעסן באַם ראָג טיש און געהערט אים אופמערקזאַם.

— גוט. אזוי וועט זײַן בעסער.

*

דער טעאַטער איז געפּאַקט מיט פֿילדערנדיקע יוגנט, וואָס עס האָבן פּארופֿן אהערצו די מעלדונגען וועגן דעם פֿאַרשטייענדיקן מיטינג, וועלכע זײַנען ארויסגעהאנגען געוואָרן איבערן שטאָט. עס שפּילט דער בלאָז־אָרקעסטער פֿון די ארבעטער פֿון צוקער־זאוואָד. די מערהײַט איז זאָל זײַנען שילער, גימנאזיסטקעס, גימנאזיסטן, שילער פֿון דער העכערער אָנפאנג־שול.

אַלעמען האָט זיי אהער צוגעצויגן ניט אזוי דער מיטינג, ווי דער ספּעקטאַקל.

ענדלעך האָט זיך אופגעהויבן דער פֿאָרהאנג, און אַפֿן סצענע האָט זיך באַוויזן דער סעקרעטאר פֿון אוקאָם, כ׳ ראַזין, וואָס איז נאָרוואָס געקומען פֿון אויעזד.

אַ קליינינקער, אַ דארינקער, מיט אַ שארפֿן נעזל, האָט ער צוגעצויגן צו זיך אַלעמענס אופמערקזאַמקײַט. זײַן רעדע האָט מען געהערט מיט גרויס אינטערעס. ער האָט גערעדט וועגן דעם קאַמף, וואָס האָט ארומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד, און האָט גערופֿן די יוגנט צו באַהעפֿטן זיך ארום דער קאָמוניסטישער פּארטיי. ער האָט גערעדט ווי אַן עכטער רעדנער. אין זײַן רעדע זײַנען געווען צופֿיל אזעלכע ווערטער, ווי „אָרטאָדאָקסאַלע מאַרקסיסטן", „סאָציאַל־שאָוויניזם" א. ד. ג., וועלכע די צוהערער האָבן, פֿאַרשטייט זיך, ניט פֿארשטאַנען.

ווען ער האָט געענדיקט, האָט מען אים באַלוינט מיט הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן. ער האָט איבערגעגעבן דאָס וואָרט סעריאָזשען און איז אוועקגעפֿאָרן.

עס האָט פּאַסירט דאָס, פֿאַר וואָס סעריאָזשע האָט זיך אזוי געשראָקן. קיין רעדע האָט זיך בא אים ניט באַקומען. „וואָס ריידן, וועגן וואָס?" האָט ער זיך געמאַטערט, געזוכט ווערטער און ניט געפֿונען זיי.

איגנאַטיעווא האָט אים ארויסגעהאָלפֿן, שעפּטשענדיק פֿון טיש:

— רייד וועגן אָרגאַניזירן אַ קעמערל.

סעריאָזשע איז באַלד אריבער צו פּראַקטישע מאָסטיטלען:

— איר האָט שוין אַלץ געהערט, כאַווײַרים, איצטער דארפֿן מיר שאַפֿן אַ קעמערל. ווער פֿון אײַך האַלט עס אונטער?

אין זאַל איז געוואָרן שטיל.

אוסטינאָוויטש איז געקומען צוהילף. זי האָט אָנגעהויבן דערציילן די צו־הערער וועגן די אָרגאַניזאַציעס פון דער יוגנט אין מאָסקווע. סעריאָזשע איז א צעטומלטער געשטאַנען אָנאַזײַט.

אים האָט אופגעבראַכט אזא באַציִונג צום אָרגאַניזירן דאָס קעמערל, און ער האָט בײַז געקוקט אפן זאַל. אוסטינאָוויטשן האָט מען געהערט ניט אופ־מערקזאַם. זאַליוואַנאָוו האָט עפּעס געשושקעט ליזע סוכאַרקאָ׳ן און געקוקט מיט ביטל אפ אוסטינאָוויטשן. אין דער פאָדערשטער רײַ האָבן גימנאַזיסטקעס פון די עלטערע קלאַסן מיט געפּודערטע נעזלעך און כיטרע שיסנדיקע אויג־לעך געשמועסט צווישן זיך. אין ווינקל, באַם אַרײַנגאַנג אפ דער סצענע, איז געשטאַנען א גרופּע יונגע רויטאַרמייער. צווישן זיי האָט סעריאָזשע דער־זען דעם באַקאַנטן יונגן קוילנוואַרפלער. ער איז געזעסן אפן ברעג פון דער ראַמפּע, עס האָט אים גערוועז געצופּט, און ער האָט געקוקט מיט האַס אפ די פּראַנטיש אָנגעטאָנענע ליזע סוכאַרקאָ און אַנאַ אַדאַמאָווסקע. זיי האָבן אפ קיינעם ניט געלייגט קיין אכט און גערעדט מיט זייערע קאַוואַ־ליערן.

אוסטינאָוויטש האָט געפילט, אז מע הערט זי ניט, האָט זי גיך פאַרענ־דיקט איר רעדע און אָפּגעטראָטן דאָס אָרט איגנאַטיעווען. איגנאַטיעוועס רויִקע רעדע האָט אײַנגעשטילט די צוהערער.

— כאַווייריִם יוגנט,— האָט זי געזאָגט,— יעדערער פון אײַך קען דורכ־טראַכטן דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געהערט, און איך בין זיכער, אז צווישן אײַך וועלן זיך געפינען כאַווייריִם, וואָס וועלן אוועק אין דער רעוואָליוציע ווי אַקטיווע אָנטיילנעמער, און ניט ווי צושויער. די טירן זײַנען פאַר אײַך אָפן, די מעניִע איז נאָר אין אײַך גופע. מיר ווילן, אז איר זאָלט זיך אַליין אַרויסזאָגן. מיר לאַדן אײַן די, וואָס ווילן עס טאָן.

אין זאַל איז ווידער געוואָרן שטיל. אָבער אָט האָט זיך פון די הינטער־שטע רייען דערהערט א שטים:

— איך וויל זאָגן!

און צום סצענע האָט זיך דורכגעמאַכט א וועג מישע לעווטשוקאָוו, אן ענ־לעכער אפ א בערעלע, מיט עטוואָס קרומע אויגן.

— וויבאַלד אזא איניען, דאַרף מען די באָלשעוויקעס העלפן, איך זאָג זיך ניט אָפּ. סעריאָזשקע קען מיך. איך פאַרשרײַב זיך אין קאָמיוג.

סעריאָזשע האָט זיך פריידיק צעשמייכלט.

— אָט זעט איר, כאַווייריִם! — האָט ער זיך מיטאַמאָל א ריס געטאָן צום מיטן סצענע.— איך האָב דאָך געזאָגט, אז מישקע איז אן אייגענער יאַט, ווײַל בא אים איז דער טאַטע געווען א סטרעלאָטשניק. א וואַגאָן האָט אים צוגעקוועטשט. דערפאַר האָט מישקע קיין בילדונג ניט באַקומען. אָבער אין אונדזער זאַך האָט ער זיך גרינג פאַנאַנדערגעקליבן, כאָטש קיין גימנאַזיעס האָט ער ניט געענדיקט.

אינ זאל איז געוואָרנ א טומל אונ עס האָבנ זיכ דערהערט אויסגעשרייענ.
א וואָרט האָט געבעטנ דער גימנאזיסט אָקושעוו, דעמ אפטייקערס א זונ, א יאט מיט אנ אויסגעפוצטער שעוועליורע האָר. ער האָט א צי געטאָנ די גימנאסטיאָרקע אונ אָנגעהויבנ:

— איכ אנטשולדיק זיכ, כאוויירימ. איכ פארשטיי ניט, וואָס מע הויל פונ אונדז. מיר זאָלנ זיכ פארנעמענ מיט פּאָליטיק? איז ווענ וועלנ מיר זיכ לערנענ? מיר דארפנ ענדיקנ די גימנאזיע. אָט אנ אנדער זאכ, ווענ מע וואָלט געשאפנ עפּעס א ספּאָרטיווע געזעלשאפט, א קלוב, ווו מע וואָלט זיכ געקענט צונויפקלײַבנ עפּעס א לייענ טאָנ. אָבער אזוי פארנעמענ זיכ מיט פּאָליטיק גאָר, אונ נאָכדעמ זאָל מענ דיכ דערפאר אופהענגענ. איכ מיינ, אז אפ דעמ וועט קיינער ניט מאסקימ זײַנ.

אינ זאל האָט זיכ דערהערט א געלעכטער. אָקושעוו איז אראָפּגעשפּרונגענ פונ סצענע אונ זיכ אוועקגעזעצט. זײַנ אָרט האָט פארנומענ דער יונגער קוילנווארפער. מיט קאעס אראָפּגערוקט דאָס היטל אפנ שטערנ, האָט ער א וואָרפ געטאָנ א צעקאָכטנ בליק אפ די רייענ אונ האָט שטארק אויסגעשריענ:

— איר לאכט, מיעסקײַטנ?

די אויגנ זײַנע — ווי צוויי ברענענדיקע קוילנ. טיפ ארײַנגעטעמט אינ זיכ די לופט אונ איינגאנצנ א פארציטערטער פונ צאָרנ, האָט ער אָנגעהויבנ ריידנ:

— מײַנ פאמיליע איז זשארקי איוואנ. איכ קענ ניט ניט דעמ טאטנ, ניט די מאמע. איכ בינ געווענ א פארוואָרלאָזטער; ווי א שלעפער זיכ ארומגעוואלגערט אונטער די פארקאנס, געהונגערט אונ ערגעצ ניט געהאט קיינ היימ. מײַנ לעבנ איז געווענ א הינטיש לעבנ, ניט אזוי ווי איר, מאמעס זינדלעכ. אונ אָט איז געקומענ די סאָוועטנמאכט, מיכ האָבנ די רויטארמייער צוגענומענ, געמאכט פאר א זונ פונ א גאנצנ ווזוואָד, באקליידט, באשוכט, אויסגעלערנט גראמאָטע, אונ דעריקער געגעבנ א מענטשלעכנ פארשטאנד. צוליב זיי בינ איכ געוואָרנ א באָלשעוויק אונ וועל אזוי בלײַבנ ביזנ טויט. איכ ווייס גאנצ גוט, פארוואָס עס גייט דער קאמפ: פאר אונדז, פאר די אָרעמע, פאר דער ארבעטער-מאכט. אָט איר הירזשעט דאָ, ווי די אָגערס, אונ אָט דאָס ווייסט איר ניט, אז אונטערנ שטאָט זײַנענ געפאלנ צוויי הונדערט כאוויירימ, אפ אייביק אומגעקומענ...— זשארקיס שטימ האָט זיכ צעקלונגענ, ווי אנ אָנגעצויגענע סטרונע. — דאָס לעבנ האָבנ זיי, ניט פארטראכטנדיק זיכ, אָפּגעגעבנ פאר אונדזער גליק, פאר אונדזער זאכ... אינעמ גאנצנ לאנד פאלנ קאָרבאָנעס, אפ אלע פראָנטנ, אונ איר אינ דער זעלבער צײַט דרייט דאָ א קאפּטער. איר ווענדט זיכ צו זיי, כאוויירימ, — האָט ער זיכ מיטאמאָל א קער געטאָנ צומ פּרעזידיומ-טיש, — אָט צו די דאָזיקע, — האָט ער מיטנ פינגער אָנגעוויזנ אפנ זאל, — אָבער צי וועלנ זיי קענענ פארשטיינ? ניינ! א זאטער איז דעמ הונגעריקנ ניט קיינ כאווער. דאָ האָט זיכ געפונענ בלויז איינער, ווײַל

ער איז אַן אָרעמער, אַ יאָסעם. מיר וועלן זיך באַגיין אָן איִם,—האָט ער זיך צעקאָכט אַ וואָרף געטאָן צו דער פאַרזאַמלונג,—בעטן זיך וועלן מיר ניט. צו אַלדי קלאָגן דאַרפן מיר האָבן אַזוינע! אַזוינע דאַרף מען שטעקעווען מיטן קוילנוואַרפער,—האָט ער, שטיקנדיק זיך, אויסגעשריִען צום סאָף, און אַראָפּגעלאָפן פון סצענע, אַפ קיינעם ניט געקוקט, איז ער אַוועק צום אַרויס־גאַנג.

פונעם פּרעזידיום איז אַפן אָוונט קיינער ניט געבליבן. ווען מע איז גע־גאַנגען צום רעווקאָם, האָט סעריאָזשע מיט פאַרביטערונג געזאָגט:

— אָט סאַראַ קאַשע ס'האָט זיך פאַרקאָכט! זשאַרקי איז דאָך גערעכט. באַ אונדז האָט זיך גאָרניִשט באַקומען מיט אָט די גימנאַזיסטלעך. אַ פאַר־דראָסיקע זאַך.

— ניטאָ וואָס צו וווּנדערן זיך,—האָט אים איבערגעריסן איגנאַטיעוואַ,—קיין פּראָלעטאַרישע יוגנט איז דאָ קימאַט ווי ניטאָ. די מערהייט איז אָדער קליינבורזשואַזיע, אָדער שטאָטישע אינטעליגענץ, קליינבירגער. אַרבעטן דאַרף מען צווישן די אַרבעטער. שאַפ זיך אַן אָנשפּאַר אַפ דער זעג־מיל און אַפן צוקער־זאַוואָד. אָבער פונעם מיטינג וועט פונדעסטוועגן זיין אַ נוצן. צווישן די שילער זיינען דאָ גוטע כאַווערים.

אוסטינאָוויטש האָט אונטערגעהאַלטן איגנאַטיעווען:

— אונדזער אויפגאַבע, סעריאָזשע, איז אומדערמידלעך אַריינשפּאַרן איין יעדנס באַוווּסטזיין אונדזערע אידייען, אונדזערע לאָזונגען. אַפ יעדער נייע געשעעניש וועט די פּאַרטיי ווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע אַרבעטנ־דיקע. מיר וועלן דורכפירן אַ גאַנצע ריי מיטינגען, באַראַטונגען, צוזאַמענ־פאָרן. דער פּאָדיוו עפנט אַפ דער סטאַנציע אַ זומער־טעאַטער. די נאָענטסטע טעג וועט קומען אַן אַגיטצוג, און אַן אַרבעט וועלן מיר צעוויקלען ברייט. געדענקסט, לעניִן האָט געזאָגט: „מיר וועלן ניט זיגן, אויב מיר וועלן ניט אַריינציִען אין קאַמף די מיליאָניקע מאַסן אַרבעטנדיקע".

שפּעט אינאָוונט האָט סערגיי באַגלייט אוסטינאָוויטשן צו דער סטאַנציע. באַם געזעגענען זיך האָט ער איר פעסט געדריקט די האַנט און אַפ אַ ווײַלע פאַרהאַלטן איר האַנט אין זיינער. אוסטינאָוויטש האָט קוים אַ שמייכל געטאָן.

אומגעקערט זיך אין שטאָט, איז סערגיי פאַרגאַנגען אַהיים.

סעריאָזשע האָט געשוויגן. ער האָט ניט געענטפערט אַפ דער מאַמעס גע־שרייען. אָבער ווען עס איז אַרויסגעטראָטן דער פאָטער, איז סעריאָזשע אַליין אַריבער אין אַן אָנגריף און האָט גלייך געצוווּנגען זאַכאַר וואַסיליעוויטשן זיך אונטערגעבן.

— הער נאָר, טאַטע, ווען איר האָט פאַר די דייטשן געשטרייקט און דערהאַרגעט אַפן לאָקאָמאָטיוו דעם סאָלדאַט פון דער וואַך, האָסטו געטראַכט וועגן דער געזינד? געטראַכט. און פונדעסטוועגן ביסטו געגאַנגען, ווייל דיך

האָט דײַן אַרבעטער־שער געװיסן געצװוּנגען. און איך האָב אויך געטראַכט װעגן דער היים. איך פאַרשטיי, אַז אויב מיר װעלן אַפּטרעטן, װעט מען אײַך צוליב מיר פאַרפאָלגן. אָבער דערפאַר, אויב מיר װעלן זיגן, װעלן מיר זײַן אויבנאָן. און אין שטוב זיצן קען איך ניט. דו, טאַטע, פאַרשטייסט עס אַלייין גוט. צו װאָס־זשע מאַכן דאָ אַ גאַנצן טומל? איך האָב זיך גענומען פאַר אַ גוטער זאַך, דו דאַרפסט מיך אונטערהאַלטן, העלפן, און דו מאַכסט גאָר סקאַנדאַלן. לאָמיר, טאַטע, מאַכן שאָלעם, דעמלט װעט די מאַמע אויך אויפֿהערן אָפּ מיר שרײַען.—ער האָט געקוקט אויפן טאַטן מיט זײַנע ריינע בלויע אויגן, מילד געשמייכלט, אַ זיכערער אין זײַן גערעכטיקייט.

זאַכאַר װאַסיליעװיטש האָט זיך אומרויִק גענומען דרייען אויפן בענקל און דורך די שטעכיקע האָר פון די געדיכטע װאָנצעס און דעם ניט געגאָלטן בערדל געװיזן זײַנע צעשמייכלטע געלבלעכע ציינער.

— קװעטשסט אויפן באַװוסטזײַן, דו דורכגעטריבענער יונג? מיינסט, אַז װיבאַלד דו האָסט צוגעבונדן אַ רעװאָלװער, װעל איך דיך ניט אָנװאַרעמען מיטן רימען?

אָבער אין זײַן שטים איז ניט געװען קיין קאַעס. אַ דריי געטאָן זיך אין פאַרלעגנהייט איבערן שטוב, האָט ער אַנטשלאָסן אויסגעצויגן דעם זון זײַן האַרטע האַנט און צוגעגעבן:

— דערלאַנג, סעריאָזשקע, װיבאַלד דו ביסט שוין באַרג־אַרויף, װעל איך דיך ניט טאָרמאָזירן, אָבער פון אונדז דאַרפסטו זיך ניט דערװײַטערן. קום צו גיין.

*

נאַכט. אַ פּאַסעק ליכט פון דער אָפּגעעפנטער טיר ליגט אויף די טרעפּ־לעך. אין דעם גרויסן צימער, װאָס איז מעבלירט מיט װייכע, פּליוש־געדעקטע דיװאַנעס, באַם ברייטן אַדװאָקאַטישן טיש זיצט מען זאַלבעפינפט. אַ זיצונג פון רעװקאָם. דאָליניק, איגנאַטיעװאַ, דער פאָרזיצער פון טשעקאַ טימאָשענקאָ, װאָס איז ענלעך אויף אַ קירגיז, אין אַ קובאַנקע, און צװייען פון רעװקאָם—דער אומגעלומפּערט־הויכער אײַזנבאַנער שודיק, און אָס־טאַפּטשוק, אַ דעפּאָ־אַרבעטער מיט אַ צוגעפּלעטשטן נאָז.

דאָליניק האָט זיך איבערגעבויגן איבערן טיש, אײַנגעגעסן זיך אין דער איגנאַטיעװע מיט אַן אַקשאָנעסדיקן בליק און מיט אַ כריפּעדיקער שטים אויסגעעגבערט יעטװידער װאָרט:

— מע דאַרף באַזאָרגן דעם פראָנט. די אַרבעטער דאַרפן עסן. װי נאָר מיר זײַנען געקומען, האָבן די הענדלער און מאַרק־ספּעקוליאַנטן אויפגעבלאָזן די פּרײַזן. סאָװעטיישע געלט נעמט מען ניט. מע האַנדלט אָדער מיט אַלטע, ניקאָ־לײַעװער, אָדער מיט קערענקעס. הײַנט טאַקע װעלן מיר אויסאַרבעטן פעסטע פּרײַזן, מיר פאַרשטייען גאַנץ גוט, אַז קיינער פון די ספּעקוליאַנטן

וועט ניט פארקויפנ לויט פעסטע פרײַזנ. זיי וועלנ אויסבאהאלטנ. דעמלט וועלנ מיר מאכנ אונטערזוכונגענ און רעקוויזירנ בא די הויטשינדער אלע סכוירעס. דאָ טאָר מענ ניט זײַנ צעקראָכנ. דערלאָזנ, אז די ארבעטער זאָלנ ווײַטער הונגערנ, קענענ מיר ניט. די כ־טע איגנאטיעווא וואָרנט, אז מע זאָל ניט איבערבייגנ דעמ שטעקנ. דאָס איז בא איר, וואָלט איכ געזאָגט, אינטעליגענטישע ווייכלײַביקײַט. דו באלײדיק זיכ ניט, זאָיע, איכ זאָג דאָס, וואָס עס איז. דערבײַ איז די זאכ ניט אינ די קלײנע הענדלער. אָט האָב איכ הײַנט באקומענ יעדיעס, אז באמ טראקטיר־אײגנטימער באָריס זאָנ איז פאראנ א געהײמער קעלער. אינ דעמ דאָזיקנ קעלער האָבנ גרויסע סאָכרימ נאָכ פאר די פעטליוראָווצעס באהאלטנ קאָלאָסאלע רעזערוונ סכוירע.—ער האָט אויסדרוקפול, מיט א גיפטיקנ שמײכל א קוק געטאָנ אפ טימאָ־שענקען.

— פונוואנענ האָסטו זיכ עס דערוווּסט?—האָט יענער פארלאָרנ א פרעג געטאָנ. אימ האָט פארדראָסנ, וואָס דאָליניק האָט די יעדיעס באקומענ פריִער פאר אימ, אינדערצײַט, ווענ וועגנ דעמ האָט פריִער פונ אלעמענ געדארפט וויסנ ער, טימאָשענקאָ.

— הע־הע!—האָט דאָליניק געלאכט.—איכ, ברודערקע, זע אלצ. ניט נאָר וואָס איכ ווײס וועגנ דעמ קעלער,—האָט ער פאָרגעזעצט,—איכ ווײס אויכ וועגנ דעמ, אז דו האָסט נעכטנ אויסגעזשליאָקעט א האלבע פלאש סאמאָ־האָנ מיטנ שאָפער פונעמ נאטשדיוו.

טימאָשענקאָ האָט זיכ גענומענ דרײענ אפנ שטול, און זײַנ געלבלעכ געזיכט איז אביסל רויט געוואָרנ.

— אָ, א ביטערע קײלע!—האָט ער אויסגעברומט מיט היספײַלעס. אָבער א קוק געטאָנ אפ דער אָנגעכמורעטער איגנאטיעווא, איז ער אנשוויגנ גע־וואָרנ. „אָט א שווארציאָר א סטאָליער! ער האָט זיכ אנ אײגענע טשעקא", האָט טימאָשענקאָ געטראכט, קוקנדיק אפנ פאָרזיצער פונ רעווקאָמ.

— דערוווּסט האָב איכ זיכ פונ סערגיי ברוזשאקנ,—האָט פאָרגעזעצט דאָלי־ניק.—ער האָט א באקאנטנ, וואָס האָט געארבעט אינ בופעט. האָט יענער זיכ דערוווּסט פונ די קיכער, אז זאָנ פלעגט זיי פריִער באזאָרגנ מיט אלעמ נײ־טיקנ אינ אנ אומבאגרענעצטנ סכומ. און נעכטנ האָט סעריאָזשע באקומענ פינקטלעכע יעדיעס: א קעלער איז דאָ, מע דארפ אימ בלויז געפינענ. אָט דו, טימאָשענקאָ, נעמ יאטנ, סעריאָזשענ. און הײַנט טאקע זאָל אלצ געפונענ ווערנ! אויב עס וועט זיכ אײַנגעבנ, וועלנ מיר באזאָרגנ די ארבעטער און דעמ אָפראָדקאָמדיוו.

אינ א האלבער שאָ ארומ זײַנענ אכט באוואָפנטע ארײַנ אינ טראקטיר. צוויי זײַנענ געבליבנ אפ דער גאס, באמ ארײַנגאנג.

דער באלעבאָס, א נידעריקער, א דיקער, ווי א צענעמערדיקע פאס, א באוואקסענער מיט געלע האָר, האָט, קלאפנדיק מיט דער הילצערנער פוס

געגומטע דרייען זיך פאר די אריַינגעקומענע און מיט א כריפּעדיקן גאָרגל־דיקן באס געפרעגט:

— וואָס דאַרפט איר, כאַווײרים? פאַרוואָס עפּעס אַזוי שפּעט?

הינטער זאָגנס פּליַיצע זיַינען אין שלאָפראָקן געשטאַנען די טעכטער און געזשמורעט די אויגן פון טימאָשענקאָס עלעקטרישן לעמפּל. און אינעם שכיינעסדיקן צימער האָט זיך קרעכצנדיק אָנגעטאָן די גווידערדיקע וויַיב.

טימאָשענקאָ האָט דערקלערט קורץ און שאַרף:

— מיר וועלן מאַכן אַן אונטערזוכונג.

יעדער קוואַדראַט פון דער פּאָדלאָגע איז אונטערזוכט געוואָרן. דער גרויסער שטאַל, וואָס איז געווען אָנגעוואַלגערט מיט האָלץ, די שפּיַיכלערס, די קיך און דער גרויסער קעלער—אַלץ איז גענוי אונטערזוכט געוואָרן. אָבער קיינשום שפּורן פון א געהיימן קעלער זיַינען ניט אופגעדעקט געוואָרן.

אין א קליינ צימערל בא דער קיך איז שטאַרק געשלאָפן דעם שענ־קערס דינסט. זי איז געשלאָפן אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט אפילע ניט גע־הערט, ווי מע איז אַריַין. סעריאָזשע האָט זי פאָרזיכטיק אופגעוועקט.

— וואָס, דו דינסט דאָ?—האָט ער געפרעגט בא דער פאַרשלאָפענער מיידל.

זי האָט אַרופגעצויגן אף די אַקסלען די קאָלדרע, זיך פאַרדעקט מיט דער האַנט פון דער שיַין און, ניט פאַרשטייענדיק גאָרנישט, האָט זי פאַרכידעשט געענטפערט:

— איך דין. און ווער זיַיט איר?

סעריאָזשע האָט איר דערקלערט, געהייסן איר אָנטאָן זיך און איז אַוועק.

אין דעם גערוימען עסצימער האָט טימאָשענקאָ אויסגעפרעגט דעם באַ־לעבאָס. דער שענקער האָט געסאָפּעט, האָט גערעדט אופגערעגט און גע־שפּריצט מיט שפּיַיעכצ:

— וואָס ווילט איר האָבן? בא מיר איז קיין אַנדער קעלער ניטאָ. איר פאַטערט אומזיסט ציַיט. איך זאָג איַיך, אַז ס׳איז אומזיסט. איך האָב טאַקע געהאַט א שענק, אָבער איצט בין איך אַן אָרעמאַן. די פעטליוראָווצעס האָבן מיך באַגאַזלט, שיר ניט אוועקגעהאַרגעט... איך בין זייער צופרידן פון דער סאָוועטנמאַכט. אָבער דאָס, וואָס איך האָב, דאָס זעט איר,—און ער האָט צעשפּרייט זיַינע קורצע דיקע הענט. און די אויגן מיט די בלוטיקע אָדערלעך זיַינען איבערגעשפּרונגען דאָ פון געזיכט פונעם טשעקאַ־פּאָרזי־צער אף סעריאָזשען, דאָ פון סעריאָזשען ערגעץ אין ווינקל און אפן סטעליע.

טימאָשענקאָ האָט נערוועז געביסן די ליפּן.

— הייסט עס, אַז איר ווילט פאָרט אויסבאַהאַלטן? איך פרעג איַיך צום לעצטן מאָל, ווו איז דער קעלער.

— וואָס איז מיט אײַכ, כאַווער מיליטערמאַנ,—האָט זיכ אַרײַנגעמישט דעמ שענקערס ווײַב,—מיר אַלײנ הונגערנ פּאַשעט! באַ אונדז האָט מענ אַלצ צוגענומענ.—זי האָט אַפילע געוואָלט זיכ צעוויינענ. נאָר עס האָט זיכ גאָרנישט ניט באַקומענ.

— איר הונגערט אונ האַלט פונדעסטוועגנ אַ דינסט,—האָט סעריאָזשע געזאָגט.

— אַכ, וואָס פאַר אַ דינסט! פּאַשעט אַנ אָרעמ מײדל האָט זיכ ניט וווּ אַהינצוטאָנ, לעבט זי באַ אונדז. זאָל אײַכ כריסטינקע אַלײנ זאָגנ.

— גענוג,—האָט טימאָשענקאָ אויסגעשריִענ, פאַרלירנדיק דעמ געדולד,— מיר טרעטנ צו צו דער זאַכ!

אָפּנ גאַס איז שוינ געווענ טאָג, אונ באַמ שענקער אינ שטוב איז נאָכ אַלצ פאָרגעקומענ די שטרענגע אונטערזוכונג. אַ צעקאָכטער פונ דעמ, וואָס דרײַצנ שאָ זוכעניש האָבנ זיכ אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט, האָט טימאָשענקאָ שוינ באַשלאָסנ איבערײַסנ די אונטערזוכונג, אָבער אינעמ קלײנינקנ צימערל פונ דער דינסט האָט סעריאָזשע, וואָס האָט זיכ שוינ געקליבנ אַוועקגײנ, מיטאַמאָל דערהערט אַ שטילע שושקערײַ פונ דער מײדל:

— מיסטאָמע אינ קיכ, אינ אויוונ.

אינ צענ מינוט אַרומ האָט זיכ אונטער דער צעוואָרפענער רוסישער אויוונ באַוויזנ אַנ אײַזערנע טיר פונ אַנ אַרײַנגאַנג. אונ אינ אַ שאָ אַרומ איז אַ צווייטאָניקער לאַסט־אויטאָמאָביל, אָנגעלאָדנ מיט פעסלעכ אונ זעק, אָפּגעפאָרנ פונ דעמ שענקערס הויז, וואָס איז געווענ אַרומגערינגלט מיט אַ האַמוינ ליידיקגײער.

*

אינ אַ הייסנ טאָג איז מיט אַ קלײנעמ קלומעקל געקומענ פונ וואָקזאַל מאַריע יאַקאָוולעוונע. זי האָט ביטער געוויינט, ווענ אַרטיאָמ האָט איר אויסדערציילט וועגנ פאַווקענ. עס זײַנענ פאַר איר אַוועק כווישעכדיקע טעג. לעבנ איז ניט געווענ פונ וואָס, אונ מאַריע יאַקאָוולעוונע האָט זיכ אײַנגעאָרדנט וואַשנ וועש פאַר די רויטאַרמײער. דערפאַר האָבנ זיי אויסגעפּויעלט פאַר איר אַ מיליטערישנ פּאַיאָק.

אײנמאָל פאַרנאַכט איז עפּעס גיכער ווי אַלעמאָל דורכגעלאָפנ פאַרבײַ פענצטער אַרטיאָמ, אַ שטויס געטאָנ די טיר אונ אָפּנ שוועל נאָכ געזאָגט:

— פונ פאַווקענ אַ יעדיִע.

„טײַערער ברודער אַרטיאָמ,—האָט פאַווקע געשריבנ.—איכ גיב דיר צו וויסנ, ליבער ברודער, אַז איכ לעב, כאָטש איכ בינ ניט אינגאַנצנ געזונט. עס האָט מיר געטראָפנ אַ קויל אינ היפט, אָבער איכ פאַריכט זיכ. דער דאָקטער זאָגט, אַז די בײנ האָט ניט געליטנ. זײַ ניט אומרויִק פאַר מיר, אַלצ וועט דורכגײנ קעשורע. עפּשער וועל איכ באַקומענ אורלויב, וועל איכ קומענ צו פאָרנ, ווענ איכ וועל אַרויס פונ לאַזאַרעט. באַ דער מאַמענ בינ איכ ניט געווענ, עס האָט זיכ באַקומענ אַזוי, אַז איכ בינ איצט אַ רויט־

ארמייער פונ דער קאוואלערישער בריגאדע אפנ נאָמענ פונ כ׳ קאָטאָווסקי, וועלכער איז איַיך געוויס באַוווסט מיט זייַנ העלדישקיַיט. אזוינע מענטשנ האָב איך נאָך ניט געזענ אונ איך האָב גרויס אָפּשיַי פארנ קאָמבריג. צי איז געקומענ צו פאָרנ אונדוער מאמעשי? אויב זי איז א״נדערהיימ, איז א הייסנ גרוס איר פונ איר זונ דעמ יינגערנ, אונ איך בעט אנטשולדיקונג פאר דער באומרויִקונג. דייַנ ברודער.

ארטיאָמ, גיי צו צומ וואלד־אופזעער אונ דערצייל וועגנ דעמ בריוו״.

אסאך טרערנ האָט מאריע יאקאָווליעווגע פארגאָסנ. איר זונ, וואָס איז ארויפ פונ גלייַכנ וועג, האָט אפילע ניט אָנגעשריבנ זייַנ אדרעס, ווו ער ליגט.

*

סעריאָזשע פלעגט אלצ אָפּטער זיך אריַינכאַפּנ אפנ וואָקזאל אינ דעמ גרינעמ פאסאזשיר־וואגאָנ מיט דער אופשריפט: „אגיטפראָפּ פונ פאָדיוו“. דאָ, אינ דעמ קליינעמ קופע, האָבנ געארבעט אוסטינאָוויטש אונ מעדוועדיעווא. די לעצטע, שטענדיק מיט א פאפיראָס אינ מויל, האָט געשמייכלט כיטרע מיט די ווינקעלעך פונ די ליפּנ.

אומבאמערקט האָט זיך דער סעקרעטאר פונ קאָמיוגישנ רייַקאָמ דערנעענטערט מיט אוסטינאָוויטשנ, אונ אויסער די פּעק ליטעראטור אונ צייַטונגענ, פלעגט ער נאָך פירנ מיט זיך פונ וואָקזאל אנ אומקלאָרנ פריידיקנ געפיל פונ דער קורצער באגעגעניש.

דער טעאטער, וואָס דער פּאָדיוו האָט געעפנט, איז יעדנ טאָג געווענ פול געפאקט מיט ארבעטער אונ רויטארמייער. אפ די רעלסנ איז געשטאנענ ארומגעוויקלט אינ בונטע פלאקאטנ דער אגיטצוג פונ דער צוועלפטער ארמיי. דער אגיטצוג האָט קייַלעכדיקע מעטלעטנ געלעבט מיט א קאָכיקנ לעבנ. עס האָט געארבעט א דרוקעריַי, מע האָט ארויסגעלאָזנ צייַטונגענ, בלעטלעך, פּראָקלאמאציעס. דער פראָנט איז נאָענט. צופעליק איז סעריאָזשע איינמאָל אינאָוונט אריַינ אינ טעאטער. צווישנ די רויטארמייער האָט ער געטראָפנ אוסטינאָוויטשנ.

שפעט אינאָוונט, באגלייטנדיק זי אפ דער סטאנציע, ווו עס האָבנ געווויינט די טוער פונ פּאָדיוו, האָט סעריאָזשע אומגעריכט פאר זיך א פרעג געטאָנ:

— פארוואָס, כ״טע ריטע, ווילט זיך מיר שטענדיק דיך זענ? — אונ ער האָט צוגעגעבנ: — מיט דיר איז אזוי גוט! נאָך א באגעגעניש מיט דיר איז עפּעס דאָ מער מוט אונ ארבעטנ ווילט זיך אָנ א שיר.

אוסטינאָוויטש האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— אָט וואָס, כ׳ ברוזשאק, לאָמיר מיט דיר אָפּריידנ אפ וויַיטער, אז דו וועסט זיך ניט אריַינלאָזנ אינ לירִיק. איך האָב דאָס ניט ליב.

סעריאָזשע איז רויט געוואָרנ, ווי א שילער, וואָס האָט באקומענ אנ אויסרייד.

— איך האָב צו דיר גערעדט ווי צו א פריינט, — האָט ער געענטפערט, — און דו צו מיר... וואָס האָב איך דיר געזאָגט פאַר א קאָנטררעוואָלוציע? מער, כ'טע אוסטינאָוויטש, וועל איך, פאַרשטייט זיך, ניט זאָגן!

און געגעבן איר אפגיך די האנט, האָט ער זיך קימאט לויפנדיק געלאָזן אין שטאָט אריין.

עטלעכע טעג נאָכאנאנד האָט זיך סעריאָזשע ניט געוויזן אפן וואָקזאל. ווען איגנאטיעווא האָט אים גערופן אהין, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט. ער האָט זיך פאַרופן אף דעם, אז ער האָט ארבעט. ער איז טאקע אינדערעמעסן גע־ווען זייער פאַרנומען.

*

איינמאָל באנאכט האָט מען אויסגעשאָסן אין שודיקן, בייס ער האָט זיך צוריקגעקערט אהיים דורך דער גאַס, ווו עס האָבן געוווינט דעריקער העכערע אָנגעשטעלטע פונעם צוקער־זאוואָד, פאָליאקן. אין פאַרבינדונג מיט דעם האָט מען געמאכט אונטערזוכונגען. מע האָט געפונען געווער און דאָקומענטן פון פאשיסטישן פאַרבאנד.

אף א באראטונג אין רעווקאָם איז געקומען אוסטינאָוויטש. זי האָט אָפּ־גערופן סעריאָזשען אָנאזייט און רויק געפרעגט:

— וואָס איז מיט דיר, די קליינבירגערלעכע אייגנליבע האָט דיך פאַר־כאפט? א פערזענלעכן געשפרעך טראָגסטו אריבער אף דער ארבעט? דאָס, כאָווער, טויג אף קאַפּאָרעס.

און ווידער האָט סעריאָזשע בא א געלעגנהייט אָנגעהויבן אריינכאפן זיך אין גרינעם וואגאָן.

ער איז געווען אף דער אויעזדישער קאָנפערענץ. צוויי טעג האָט מען געפירט הייסע דעבאטן. אפן דריטן האָט ער צוזאמען מיטן גאנצן פלענום זיך גענומען צום געווער און א גאנצן מעסלעס געטריבן אין די הינטער־טייכיקע וועלדער די באנדע פון זארודני, פעטליורעס א סטארשינא, וואָס מע האָט אים נאָך ניט צעקלאפּט ביזן סאָף.

בייס ער האָט זיך אומגעקערט, האָט ער געטראָפן בא איגנאטיעווען אוס־טינאָוויטשן. באגלייט זי ביז דער סטאנציע און באם זעגענען זיך שטארק־שטארק געדריקט איר האנט.

אוסטינאָוויטש האָט מיט קאַעס ארויסגעריסן די האנט. און ווידער האָט ער אין אגיטפּראָפּישן וואגאָן א לאנגע צייט ניט אריינגעקוקט. בעקיוון זיך ניט באגעגנט מיט ריטען, אפילע דעמלט, ווען דאָס איז געווען נייטיק. און אף איר איינגעשפּארטער פאָדערונג צו דערקלערן, פאַרוואָס ער פירט זיך אזוי אוף, האָט ער מיטאמאָל שארף א זאָג געטאָן:

— וואָס האָב איך מיט דיר צו ריידן? ווידער וועסטו מיר צונייען א וועלכע־עס־איז קליינבירגערלעכקייט אָדער פאַראט צו דעם ארבעטער־קלאס.

*

אפ דער סטאנציע זײַנען אָנגעקומען עשעלאָנען פון דער קאווקאזער דיוויזיע. אין רעוקאָם זײַנען געקומען צו פאָרן דרײַ פּאר־בּרוינטע קאָמאנדירן. איינער פון זיי א הויכער, א דארער און אן אי־בּערגעבונדענער מיט א געשטאמפּעוועטן פּאס, איז צוגעשטאנען צו דאָ־ליניקן:

— דו דערצייל מיר ניט קיין מײַסעס. גיב הונדערט פורן היי. די פּערד פּייגערן.

סעריאָזשען האָט מען געשיקט מיט צוויי רויטארמייער קריגן היי. אין א דאָרף האָט ער זיך אָנגעריסן אפ א באַלעגופישער באנדע. די רויטאר־מייער האָט מען אנטוואָפנט און צעמיימעסט שיר ניט אפ טויט. סעריאָזשע האָט באקומען וויניקער ווי אלע, אים האָט מען געשאנעוועט צוליב זײַן יונגקײַט. געבראכט זיי אין שטאָט ארײַן האָבן די קאָמבעדאָוועצעס.

אין דאָרף האָט מען אוועקגעשיקט אן אָטריאד. אפן צווייטן טאָג האָט מען געקראָגן היי.

סעריאָזשע איז א קראנקער געלעגן אין איגנאטיעוועס צימער, ניט וועלנדיק באומרויִקן די היימישע.

אוסטינאָוויטש איז געקומען. צום ערשטן מאָל האָט ער אין דעם דאָזיקן אָוונט דערפילט איר ליבע און קרעפטיקן דריקן די האנט, וואָס ער וואָלט זיך דאָס קיינמאָל ניט דערלויבט.

*

אין א הייסן מיטן־טאָג האָט זיך סעריאָזשע ארײַנגעכאפּט אין וואגאָן און געלייענט ריטען א בריוו פון קאָרטשאגינען. ער האָט איר דערציילט וועגן זײַן כאווער. אוועקגייענדיק האָט ער א זאָג געטאָן:

— כ׳וועל גיין אין וואלד, כ׳וועל זיך אויסבאָדן אין אָזערע.

אוסטינאָוויטש האָט זיך אופגעהויבן פון דער ארבעט און אים פארהאלטן:

— ווארט אופ, מירן גיין צוזאמען.

באם רויִקן שפּיגל פון דער אָזערע האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. עס האָט געצויגן מיט פרישקײַט פון דעם ווארעמען, דורכזיכטיקן וואסער.

— דו גיי צום שליאך און ווארט אופ. איך וועל זיך אויסבאָדן,—האָט אוסטינאָוויטש באפוילן.

סעריאָזשע האָט זיך צוגעזעצט אפ א שטיין לעבן בריקל און האָט אויס־געשטעלט זײַן פּאָנעם צו דער זון.

הינטער אים האָט געפּליעסקעט דאָס וואסער.

דורך די ביימער האָט ער אפן שליאך דערזען טאָניע טומאנאָווען און דעם מיליטקאָם פון אגיטצוג טשוזשאנינען. א שיינער, אין א פראנטישן פרענטש, איבערגעבונדן מיט א פּאָרטופּייע פון אסאך רימענס, אין סקריפּעדיקע כראָ־

מאָווע שטיוול, איז ער געגאַנגען מיט טאָניען געאָרעמט און האָט וועגן עפּעס דערציילט.

סעריאָזשע האָט דערקענט טאָניען. דאָס האָט זי געבראַכט דעם בריוו פון פּאַוולושען. זי האָט אויך שאַרף געקוקט אויף אים — קענטיק, אַז זי האָט אים אויך דערקענט. ווען זיי זײַנען צוגעגאַנגען צו סעריאָזשען, האָט ער אַרויסגענומען פון קעשענע דעם בריוו און אָפּגעשטעלט טאָניען.

— אַ װײַלינקע, — כאַוועטע, איך האָב אַ בריוו, וואָס האָט טיילווײַז אַ שײַכות אויך צו אײַך.

ער האָט איר דערלאַנגט אַ פאַרשריבן בויגעלע פּאַפּיר. טאָניע האָט באַ־פרײַט איר האַנט און גענומען לייענען דעם בריוו. דאָס בויגעלע האָט עט־וואָס אָנגעהויבן ציטערן אין איר האַנט, זי האָט אים אָפּגעגעבן סעריאָזשען און געפרעגט:

— מער ווייסט איר גאָרנישט וועגן אים?

— ניין, — האָט סערגיי געענטפערט.

פונהינטן האָבן אונטער אוסטינאָוויטשעס פיס אַ שאַרך געטאָן שטיינדלעך. טשוזשאַנין האָט באַמערקט ריטען. ער האָט זיך געווענדעט צו טאָניען און שטיל געזאָגט:

— קומט.

אוסטינאָוויטשעס שטים, וואָס אין איר האָט געקלונגען אַביסל כוּזוק און שפּאָט, האָט אים אָפּגעשטעלט:

— כאַווער טשוזשאַנין, אײַך זוכט מען דאָרטן אַרום אין צוג אַ גאַנצן טאָג. טשוזשאַנין האָט קרום אַ קוק געטאָן אויף איר:

— נישקאָשע, מע וועט זיך אָן מיר אויך באַגיין.

קוקנדיק אויף טאָניען מיטן מיליטקאָם, וועלכע זײַנען אַוועקגעגאַנגען, האָט אוסטינאָוויטש געזאָגט:

— ווען וועט מען שוין דורכטרײַבן דעם דאָזיקן גאָרנישט!

דער וואַלד האָט גערוישט, שאָקלענדיק מיט די מעכטיקע היטלען פון די דעמבן. די אָזערע האָט געצויגן צו זיך מיט איר פרישקייט. סעריאָזשען האָט אַ ציִ געטאָן זיך אויסבאָדן.

נאָכן באָדן זיך האָט ער אוסטינאָוויטשן געפונען ניט ווײַט פון דעם אויסגעהאַקטן שטיק וואַלד. זי איז געזעסן אויף אן אײַנגעפאַלענעם דעמב.

זיי זײַנען שמועסנדיק אַוועק טיף אין וואַלד. אויף אַ קליינעם פליין, אַ פאַרוואַקסענעם מיט הויכן גראָז, האָבן זיי באַשטימט אָפּרוען. אין וואַלד איז שטיל, עפּעס שושקען זיך די דעמבן. אוסטינאָוויטש האָט זיך צוגעלייגט אויפן ווייכן גראָז, אונטערגעלייגט די פאַרבויגענע האַנט אונטערן קאָפּ. אירע שלאַנקע פיס אין אַלטע געלאַטעטע שיכלעך האָבן זיך באַהאַלטן אין דעם הויכן גראָז. סעריאָזשע האָט אַ וואָרף געטאָן אַ צופעליקן קוק אויף אירע פיס, ער האָט דערזען לאַטעס אויף די שיך, אַ קוק געטאָן אויף זײַן שטיוול

מיט דער היפשער לאַכ, פונ וועלכער עס האָט ארויסגעקוקט א פינגער, אונ ער האָט זיכ צעלאכט.

— וואָס איז?

סעריאָזשע האָט באוויזנ דעמ שטיוול:

— וויאזוי וועלנ מיר עס אינ אזעלכע שטיוול מילכאָמע האלטנ?

ריטע האָט ניט געענטפערט. זי האָט געקייט א גרעזל אונ געטראכט וועגנ עפּעס אנדערש.

— טשוזשאניג איז א שלעכטער קאָמוניסט,—האָט זי ענדלעכ געזאָגט.—בא אונדז גייענ אלע פּאָליט־טוער אינ שמאטעס, אונ ער זאָרגט בלויז וועגנ זיכ. א צופעליקער מענטש איז ער אינ אונדזער פּארטיי... וואָס שייעכ דעמ פראָנט, איז דאָרטנ ווירקלעכ ערנסט. אונדזער לאנד וועט נאָכ לאנג אויסקרמענ אויסהאלטנ שווערע קאמפנ.—אונ שווייגנדיק א ווײַלע, האָט זי צוגעגעבנ:—אונדז, סערגיי, וועט אויסקומענ ארבעטנ מיטנ וואָרט אונ מיט דער ביקס. ווייסט וועגנ דער באשטימונג פונ צק צו מאָבילייזירנ א פערטל פונעמ באשטאנד פונ קאָמיוג אפנ פראָנט? איכ טראכט, סערגיי, אז מיר וועלנ זיכ דאָ לאנג ניט איינהאלטנ.

סעריאָזשע האָט געהערט אירע רייד, ער האָט מיט פארוווּנדערונג דערפילט אינ איר שטימע עפּעס ניט קיינ געוויינלעכע טענער. אירע שווארצע, פייכטע, לויכטנדיקע אויגנ האָבנ געקוקט אפ אימ.

ער האָט שיר ניט פארגעסנ אונ ניט געזאָגט איר, אז די אויגנ אירע זיינענ ווי א שפּיגעלע, אינ זיי זעט מענ אלצ, נאָר ער האָט זיכ באצייטנס איינגעהאלטנ.

ריטע האָט זיכ אופגעהויבנ אפנ עלנבויגנ.

— ווו איז דיינ רעוואָלווער?

סערגיי האָט מיט פארדראָס א טאפּ געטאָנ דעמ פּוסטנ פּאס.

— אינ דאָרפ האָט די באלעגופישע באנדע צוגענומענ דעמ רעוואָלווער.

ריטע האָט ארייַנגערוקט די האנט אינ קעשענע פונ דער גימנאסטיאָרקע אונ ארויסגענומענ א גלאנציקנ בראונינג.

— זעסט, סערגיי, יענעמ דעמב?—האָט זי אָנגעוויזנ מיטנ רער אפ א שטאמ, וואָס איז געווענ באדעקט מיט א צערונצלטער קאָרע, א טריט פינפ אונ צוואנציק פונ זיי. זי האָט אופגעהויבנ די האנט גלייכ מיטנ אויג אונ, קימאט ניט צילנדיק זיכ, אויסגעשאָסנ. עס האָט זיכ א שאָט געטאָנ די אראָפּגעשאָסענע קאָרע.

— זעסט?—האָט זי באפרידיקט געזאָגט אונ ווידער אויסגעשאָסנ. ווידער האָט א שאָרכ געטאָנ קאָרע אינ דעמ גראָז.

— נא,—האָט ריטע מיט כויזעק געזאָגט אונ איבערגעגעבנ אימ דעמ רעוואָלווער,—מירנ זענ, ווי דו שיסט.

פון דרײַ שאָסן האָט סעריאָזשע נאָר אײנעם ניט געטראָפן. ריטע האָט געשמײכלט.

— איך האָב געמײנט, אַז בײַ דיר וועט זײַן ערגער.

זי האָט אוועקגעלײגט דעם רעוואָלווער אויף דער ערד און זיך אויסגע־צויגן אויפן גראָז. דורכן שטאָף פון דער גימנאַסטיאָרקע האָבן זיך אויסגע־טײלט די קאָנטורן פון איר שטײַפער ברוסט.

— סערגײ, קום אַהער, — האָט זי שטיל געזאָגט.

ער האָט זיך צוגערוקט צו איר.

— זעסט דעם הימל? ער איז בלוי. בײַ דיר זײַנען פונקט אַזעלכע אויגן. דאָס איז ניט גוט. די אויגן בײַ דיר דאַרפן זײַן גרויע, שטאָלענע. בלוי — דאָס איז שוין עפּעס צופיל צאַרט.

און פּלוצים האָט זי אים אַרומגעכאַפּט פאַר דעם בלאָנדן קאָפּ און אים שטאַרק אַ קוש געטאָן אין די ליפּן.

*

עס זײַנען אַדורך צוויי כאָדאָשים. ס׳איז אָנגעקומען דער האַרבסט.

די נאַכט איז אָנגעקומען אומבאַמערקט און אײַנגעוויקלט די בײמער אין טונקעלן קרעפּ. דער טעלעגראַפיסט פון דיוויזיע־שטאַב האָט זיך איבער־געבויגן איבערן אַפּאַראַט, וואָס האָט געשאָטן מיט שרויט פון „מאָרזע" און אונטערגעכאַפּט די סטענגע, וואָס איז ווי אַ שמאָל שלענגעלע געקראָכן פון אונטער די פינגער. ער האָט שנעל פאַרשריבן אויף אַ בלאַנק די פראַזן, וואָס ער האָט צונויפגעשטעלט פון פונקטן און שטריכן:

„דעם נאַטשסטאַדיוו 1, אַ קאָפּיע דעם פאָרזיצער פון רעווקאָם פון שטאָט שע־פּעטאָווקע. איך באַפעל עוואַקוירן אַלע אַנשטאַלטן פון שטאָט אין צען שעה אַרום נאָכן באַקומען די דאָזיקע טעלעגראַמע. אין שטאָט איבערלאָזן אַ באַטאַליאָן, וואָס זאָל זײַן אונטערגעוואָרפן דעם קאָמאַנדיר פון N־ער פּאָלק, וואָס פירט אָן מיטן שלאַכט־באַצירק. דער שטאַדיוו, דער פּאָדיוו, אַלע מיליטערישע אַנשטאַלטן דאַרפן אָפּטרעטן צו דער סטאַנציע באַראַנטשעוו. וועגן אויספילן ראַפּאָרטירן דעם נאַטשדיוו. אונטערשריפטן".

אין צען מינוט אַרום האָט איבער די שטילע גאַסן פון שטאָט דורכגע־יאָגט אַ מאָטאָציקל, וואָס האָט געפינקלט מיטן אויג פונעם אַצעטילענעווען לאַמ־טערן. סאָפּענדיק האָט ער זיך אָפּגעשטעלט בײַם טויער פון רעווקאָם.

דער מאָטאָציקליסט האָט איבערגעגעבן די טעלעגראַמע דעם פאָרזיצער פון רעווקאָם דאָלינניקן. די מענטשן האָבן אָנגעהויבן לויפן. עס האָט זיך אויסגעשטעלט די „טשאָן"־ראָטע. אין אַ שעה אַרום האָבן איבערן שטאָט גע־טראַסקעט פורן, געלאָדענע מיט רעווקאָמישן אײגנס. מע האָט אַלץ געלאָדן אין וואַגאָנעס אויפן פאַראַליער וואָקזאַל.

סעריאָזשע האָט אויסגעהערט די טעלעגראַמע און איז באַלד אַרויסגע־פלויגן נאָכן מאָטאָציקליסט.

— כאווער, מע קען מיט אײַך פֿאָרן אפֿ דער סטאַנציע? — האָט ער געפֿרעגט דעם שאָפֿער.

— זעצט זיך פֿונהינטן, נאָר האַלט זיך שטאַרק.

א טראָט צען פֿון וואַגאָן, וואָס איז שוין געווען צוגעטשעפּעט צום עשעלאָן, האָט סעריאָזשע ארומגעכאַפּט ריטעס אַקסלען, און פֿילנדיק, אַז ער פֿאַרלירט עפּעס אַזוינס, וואָס איז אים טײַער, ניט אָפּצושאַצן, האָט ער געשעפּטשעט:

— זײַ געזונט, ריטע, מײַן טײַערער כאווער! מיר וועלן זיך נאָך באַגעגענען מיט דיר. אָבער זע, פֿאַרגעס מיך ניט. — ער האָט מיט שרעק דערפֿילט, אַז באַלד וויינט ער זיך פֿאַנאַנדער. מע האָט געדאַרפֿט אַוועקגיין. ניט האָבנדיק מער קיין קויעך צו ריידן, האָט ער בלויז ביז ווייטיק געדריקט אירע הענט.

*

דער פֿרימאָרגן האָט דערוויסט די שטאָט און דעם וואָקזאַל פּוסטע, פֿאַריאָסעמטע. עס האָבן אָפּגעפּײַפֿט, ווי געזעגנט זיך, די לאָקאָמאָטיוון פֿון דעם לעצטן צוג, און הינטער דער סטאַנציע האָט זיך פֿון ביידע זײַטן וועג אויסגעלייגט א פֿאַרטיידיקונג־קייט פֿון דעם באַטאַליאָן, וואָס איז איבערגעבליבן אין שטאָט.

עס זײַנען אַראָפּגעפֿאַלן געלע בלעטער, און דיביימער זײַנען געשטאַנען הוילע. דער ווינט האָט אָנגעכאַפּט די אופּגעקאָרטשעטע בלעטער און שטיל געקײַקלט זיי איבערן שליאַך.

סעריאָזשע, אָנגעטאָן אין א רויטאַרמייִשער שינעל, אײַנגאַנצן אַרומגעבונדן מיט לײַוונטענע פּאַטראָנטאַשן, האָט מיט א צענדליק רויטאַרמייער פֿאַרנומען דעם קרייץ־פּונקט באַם צוקער־זאַוואָד. מע האָט געוואַרט אפֿ די פּאָליאַקן.

אַוטאָנאָם פּעטראָוויטש האָט אָנגעקלאַפּט צו זײַן שאָכן געראַסים לעאָנטיעוויטשן. יענער, נאָך ניט קיין אָנגעטאָנענער, האָט אַרויסגעקוקט אין דער צעעפֿנטער טיר.

— וואָס איז געשען?

אַוטאָנאָם פּעטראָוויטש האָט אָנגעוויזן אפֿ די רויטאַרמייער, וואָס זײַנען געגאַנגען מיט די אויסגעשטרעקטע ביקסן, און אַלץ געווונקען צו זײַן שאָכן.

— זיי גייען אַוועק.

געראַסים לעאָנטיעוויטש האָט א פֿאַרזאָרגטער א קוק געטאָן אפֿ אים:

— איר ווייסט ניט, וואָס פֿאַר אַן עמבלעם האָבן די פּאָליאַקן?

— דאַכט זיך, אַן איינקעפּיקער אָדלער.

— ווו זשע קען מען אים באַקומען?

אַוטאָנאָם פּעטראָוויטש האָט זיך בייז געקראַצט דעם נאַקן.

— זיי איז גאַרנישט,—האָט ער געזאָגט, נאָך דעם ווי ער האָט א ווײַלע געטראכט,—גענומען און אוועק. און דו ברעך דאָ דעם קאָפּ, ווי צופּאסן זיך צו דער נײַער מאכט.

א קוילנוואַרפער האָט זיך דריבנע צעגראַגערט, שטערנדיק די רו. באַם וואָקזאַל האָט פּלוצעם אָנגעהויבן פּײַפן א לאָקאָמאָטיוו, און פון דאָרטן האָט א קרעכץ געטאָן מיט א שווערן זעץ פון א הארמאַט. הודיענדיק האָט הויך אין הימל געעקבערט מיט א קרעכץ די לופט א שווערער סנאַריאַד. ער איז אראָפּגעפאַלן אפן שליאך הינטערן זאוואָד און פּארקוטעט אין בלויע רויך די קוסטעס, וואָס באַם וועג. איבער דער גאס זײַנען, אלע ווײַלע ארומקוקנדיק זיך, אָפּגעטראָטן אָנגעכמורעטע רויטארמייִשע קייטן.

בא סעריאָזשען האָט זיך קיל אראָפּגעקײַקלט אפן באַק א טרער. ער האָט אײַליק אָפּגעווישט אירע שפורן, זיך ארומגעקוקט אפ די כאַווײרים. נײַן, קיינער האָט ניט געזען.

אין איינ ריי מיט סעריאָזשען איז געגאַנגען דער הויכער און דאַרער אנטעק קלאָפּאָטאָווסקי פון דער זעג-מיל. זײַנע פינגער זײַנען געלעגן אפן שלאָס פון דער ביקס. אנטעק איז געווען אומעטיק, פארזאָרגט. זײַנע אויגן האָבן זיך באגעגנט מיט סעריאָזשעס בליק, און אנטעק האָט דערווײַל ארויסגעגעבן זײַנע באהאלטענע געדאנקען...

— אונדזערע וועט מען רוידעפן, באזונדערס מײַנע. „א פּוילישער,—וועט מען זאָגן,—און איז קעגן די פּוילישע לעגיאָנען אוועק". מע וועט ארויסיאָגן דעם אלטן פון זעגמיל און מע וועט אים ארײַנשיטן שמיץ. כ'האָב געזאָגט דעם אלטן, ער זאָל גיין מיט אונדז, אָבער ס'האָט ניט געקלעקט בא אים קיין מוט אוועקצוואַרפן די געזינד. עך, אויסוואורפן, כאָטשבי וואָס גיכער זיך טרעפן מיט זיי!—און אנטעק האָט נערוועז פּאריכט דעם רויטארמייִשן העלם, וואָס איז אים אראָפּגעקראָכן אפ די אויגן.

... א גוטן דיר, לײַבלעכע שטעטל, אָרעמע, שמוציקע, מיט דײַנע קרומע הײַזקעס, מיטן צעהויקערטן שאָסיי! א גוטן, פרײַנט, א גוטן, וואַליע, זײַט געזונט, כאַווײרים, וואָס איר זײַט אוועקגעגאַנגען אין אונטערערד! עס רוקן זיך אָן פרעמדע, בייזע, אָנראכמאָנעסדיקע ווײַספּוילישע לעגיאָנען.

די דעפּאָ-ארבעטער, אין העמדלעך, דורכגעווייקטע אין מאזוט, באגלייטן מיט טרויעריקע בליקן די רויטארמייער, וואָס טרעטן אָפּ.

— מיר וועלן נאָך קומען, כאַווײרים!—האָט אופגערעגט אויסגעשריִען סעריאָזשע.

אכטער קאַפּיטל

דער טײַך גלאַנצט אָפּ טונקל אינעם פאַרטאָגיקן נעפּל; ער מורמלט און שווענקט זיך אָן די בײַברעגיקע הוילע שטיינדלעך. פון די ברעגן צום מיטן איז דער טײַך רויִק, זײַן שפּיגל זעט אויס ווי אומבאַוועגלעך און זײַן קאָליר איז אַ גרויער, אַ גלאַנצנדיקער. אינמיטן איז ער טונקל, אומרויִק, מיטן אויג זעט מען, אַז ער באַוועגט זיך, אײַלט אַפּ אַראָפּ־צו. דער טײַך איז שיין, פּרעכטיק. דאָס האָט וועגן אים גאָגאָל געשריבן זײַן גלענצנדיקן „וווּנדערלעך איז דער דניעפּער..." ווי אַ הויכע וואַנט לאָזט זיך אַראָפּ צום וואַסער דער הויכער רעכטער ברעג. ער האָט זיך ווי אַ באַרג אָנגערוקט אַפן דניעפּער, פּונקט ווי ער וואָלט זיך אָפּגעשטעלט אין זײַן באַוועגונג פאַר דער ברייטקײַט פונעם טײַך. דער לינקער ברעג אונטן איז אײַנגעבאָנען אין זאַמדיקע פּליכן. די פּליכן לאָזט איבער דער דניעפּער נאָך די פרילינגדיקע געוויסערן, ווען ער קערט זיך אום אין זײַנע ברעגן.

באַם טײַך, פאַרגראָבן אין דער ערד אין אַן ענגן אָקאָפּ, ליגן פינפע. זיי האָבן זיך כאַוועריש צעלייגט באַם טעמפּשנוקיקן „מאַקסימקע". דאָס איז דער פאָדערשטער „סעקרעט" פון דער זיבעטער שיסער־דיוויזיע.

באַם קוילנוואַרפער, מיטן פּאָנעם צום טײַך, האָט זיך אויסגעצויגן אַפּ אַ זײַט סעריאָזשע ברוזשאַק.

אויסגעמאַטערט פון די פילצאָליקע שלאַכטן, אונטערן שטורמישן פײַער פון דער פּוילישער אַרטילעריע, האָט מען נעכטן אָפּגעגעבן קיִעוו. מען איז אָפּגעטראָטן אַפן לינקן ברעג. מע האָט זיך פאַרפעסטיקט. די ווײַטערדיקע באַוועגונג פון די פּוילישע איבערן דניעפּער טאָר מען בעשומויפן ניט דערלאָזן.

דער צוריקמאַרש, די גרויסע פאַרלוסטן און ענדלעך דאָס אָפּגעבן קיִעוו דעם סוינע האָט שווער געווירקט אַפּ די רויטאַרמייער. די זיבעטע דיוויזיע האָט זיך העלדיש דורכגעשלאָגן דורך דער אַרומרינגלונג, זי איז געגאַנגען דורך וועלדער, און, אַרויסגייענדיק צום אײַזנבאַן באַ דער סטאַנציע מאַלין, האָט זי מיט אַ מעכטיקן קלאַפּ צעשמעטערט די פּוילישע טיילן, וואָס האָבן פאַרנומען די סטאַנציע, אָפּגעוואָרפן זיי אין וואַלד און באַפרײַט דעם וועג אַפּ קיִעוו.

איצט, ווענ די פרעכטיקע שטאָט איז אָפגעגעבנ געוואָרנ, זײַנענ די רויט־ארמייער געווענ אָנגעכמורעט. די פוילישע האָבנ פארנומענ ניט קיינ גרויסנ פלאצדארמ אפנ לינקנ ברעג באמ אײַזנבאנ־בריק, ארויסשטויסנדיק די רויטע טיילנ פונ דארניצע. אָבער רוקנ זיכ ווײַטער האָבנ זיי ניט געקענט, ניט געקוקט אפ זייערע אלע אָנשטרענגונגענ, ווײַל זיי האָבנ זיכ אָנגעשטויסנ אפ פארביטערטע קאָנטר־אטאקעס.

סעריאָזשע קוקט, ווי עס פליסט דער טײַכ, אונ ער קענ ניט ניט טראכטנ וועגנ דעמ פארגאנגענעמ טאָג.

נעכטנ, אינ האלבנ טאָג, פארכאפט פונ דעמ אלגעמיינעמ צאָרנ, האָט ער באגעגנט די ווײַספאָליאקנ אינ א קאָנטר־אטאקע; נעכטנ טאקע האָט ער צומ ערשטנ מאָל פאָנעמ על פאָנעמ זיכ צונויפגעשטויסנ מיט א יונגנ לעגיאָנער. יענער איז געלאָפנ אפ אימ, ארויסגעשטעלט פאָרויס די ביקס, מיט א פראנצויזישנ באגנעט, א לאנגנ, ווי א שווערד, געלאָפנ מיט א האָזנ־שפרונג אונ געשריִענ עפעס, וואָס ס'האָט זיכ ניט געקלעפט. עפעס א טייל פונ א סעקונדע האָט סערגיי געזענ זײַנע אויגנ, וואָס זײַנענ ברייטער געוואָרנ פונ צאָרנ. נאָכ איינ רעגע, אונ סערגיי האָט א זעצ געטאָנ מיטנ שפיצ פונעמ באגנעט איבערנ באגנעט פונעמ פאָליאק, אונ דער גלאנציקער פראנצויזישער־שארפ איז אָפגעוואָרפנ געוואָרנ אָנאזײַט.

דער פאָליאק איז געפאלנ...

סערגייס האנט האָט ניט א ציטער געטאָנ. ער ווייס, אז ער וועט נאָכ הארגענענ, ער, סערגיי, וואָס קענ אזוי צארט ליב האָבנ, וואָס האָט אזא שטארקנ געפיל פונ פרײַנטשאפט. ער איז ניט קיינ בייזער יאט, ניט קיינ גרויזאמער. אָבער ער ווייס, אז אינ כײַישנ האס האָבנ זיכ אפ זײַנ לײַבלעכ־נאָענטער רעפובליק א לאָז געטאָנ די דאָזיקע אָפגענארטע אונ צאָרנדיק אָנגעריצטע סאָלדאטנ, אונטערגעשיקטע פונ די וועלט־פאראזיטנ.

אונ ער, סערגיי, הארגעט צוליב דעמ, קעדיי דערנעענטערנ יענעמ טאָג, ווענ אפ דער ערד וועט מענ מער ניט הארגענענ איינער דעמ אנדערנ.

פארנ אקסל רירט אימ אָנ פאראמאָנאָוו.

— מירנ אָפטרעטנ, סערגיי, מע וועט אונדז באלד באמערקנ.

*

א יאָר צײַט האָט זיכ שוינ פאוועל קאָרטשאגינ ארומגעיאָגט איבערנ לײַבלעכ־נאָענטנ לאנד אפ א טאטשאנקע, אפנ פאָדערטייל פונ א הארמאט, אפ א גרוי פערדל מיט אנ אָפגעהאקטנ אויער. ער איז געוואָרנ מענעריש, קרעפטיק. ער איז אויסגעוואקסנ אינ ליידנ אונ אינ צאָרעס.

עס האָט שוינ באוויזנ צו פארהיילנ זיכ די הויט, וואָס איז אָנגעריבנ געוואָרנ ביז בלוט פונ די שווערע פאטראָנטאשנ, אונ עס איז שוינ פארהארטעוועט געוואָרנ דער שראמ פונ די מאָזאָליעס פונ דעמ ביקס־רימענ.

אסאַכ גרויל האָט זיכ פּאַוועל אָנגעזען פאַר דעם דאָזיקן יאָר. צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע רויטאַרמייער, אַזעלכע ווי ער, אָפּגעריסענע און נאַקעטע, אָבער פאַרכאַפּט פון אַ הייסן פלאַם צו קעמפן פאַר דער מאַכט פון זייער אייגענעם קלאַס, איז ער דורכגעגאַנגען צופוס הין און צוריק זיין היימלאַנד און בלויז צוויי מאָל זיכ אָפּגעריסן פון דעם שטורעם.

דאָס ערשטע מאָל צוליב דער וווּנד אין היפט, דאָס צווייטע—אין פראָסטיקן פעברואַל פונעם צוואַנציקסטן איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ קלעפּיקן, הייסן טיפוס.

שרעקלעכער פון די פּוילישע קוילנוואַרפערס האָט דער לייזיקער טיפוס געשניטן די רייען פון די פּאָלקן און דיוויזיעס פון דער צוועלפטער אַרמיי. די אַרמיי האָט זיכ צעוואָרפן אַפּ אַ גוואַלדיקן שטעכ, קימאַט איבער דער גאַנצער צאָפנדיקער אוקראַינע, און פאַרצאַמט די פּאָליאַקן די ווייטערדיקע באַוועגונג פאָרויס. קוים זיכ פאַריכט, האָט זיכ פּאַוועל אומגעקערט צוריק אין זיין טייל.

איצט האָט דער פּאָלק פאַרנומען אַ פּאָזיציע בא דער סטאַנציע פראָנטאָווקע, אַפּ דער אייזנבאַן־צווייג, וואָס פירט פון קאַזאַטין אַפּ אומאַנ.

אַ סטאַנציע אין וואַלד. אַ קליינע וואָקזאַל־געביידע, אַרום וועלכער עס האָבן זיכ צוגעטוליעט כאָרעווע הייזקעס, פאַרלאָזענע פון זייערע איינוווינער. וווינען דאָ איז געוואָרן אומעגלעכ. דאָס דריטע יאָר שוין ווי אָט פלעגן שטיל ווערן און אָט פלעגן ווידער זיכ צעפלאַקערן האַריגעס. וועמען האָט שוין פראָנטאָווקע ניט געזען פאַר דער דאָזיקער צייט?

ווידער זיינען ריי געוואָרן גרויסע געשעענישן. אין דער צייט, ווען די צוועלפטע אַרמיי, וואָס איז שרעקלעכ שיטער געוואָרן און טיילווייז דעזאָרגאַניזירט, איז אָפּגעטראָטן אונטערן דרוק פון די פּוילישע אַרמייען צו קיעוו, האָט די פראָלעטאַרישע רעפּובליק געגרייט די וויספּאָליאַקן, וואָס זיינען געווען פאַרשיקערט פון זייער זיגרייכן מאַרש, אַ פאַרניכטנדיקן קלאַפּ.

פון דעם ווייטן צאָפן־קאַווקאַז האָט מען אין אַ מיליטערישן מאַרש, אַזאַ, וואָס איז נאָכ ניט געהערט געוואָרן אין דער געשיכטע פון קריג, איבערגעוואָרפן אַפּ אוקראַינע די אין שלאַכטן־פאַרהאַרטעוועטע דיוויזיעס פון דער ערשטער רייטער־אַרמיי. די פערטע, זעקסטע, עלפטע און פערצנטע קאַוואַלעריע־דיוויזיעס זיינען צוגעגאַנגען איינע נאָכ די אַנדערע צום ראַיאָן פון אומאַנ. זיי האָבן זיכ גרופּירט הינטער אונדזער פראָנט און אַפּן וועג צו די אַנטשיידענע שלאַכטן אָפּגעשלייידערט די מאַכנאָווישע באַנדעס.

זעכצן מיט אַ האַלבן טויזנט שווערדן, זעכצן מיט אַ האַלבן טויזנט קעמפער, פאַרברוינטע פון דער סטעפּישער זון.

די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון דער העכסטער רויטער קאָמאַנדירונג און פון דער קאָמאַנדירונג פונעם דאָרעם־מיירעוודיקן פראָנט איז געלייגט געוואָרן אַפּ דעם, אַז אָט דער אַנטשיידענער קלאַפּ, וואָס ווערט געגרייט, זאָל

ניט פֿאַרויסגעזען ווערן פֿון די פּילסודסקיקעס. דער שטאַב פֿון דער רעפּובליק און פֿון די פּראַנטן האָט וואַכזאַם באַשיצט די גרופּירונג פֿון דער דאָזיקער רײַטער־מאַסע.

אָפּן אומאָנער באַצירק זײַנען איבערגעריסן געוואָרן די אַקטיווע אָפּעראַציעס. עס האָבן אומופּהערלעך געקלאַפּט די דירעקטע טעלעגראַפֿן פֿון מאָסקווע צום שטאַב פֿון פֿראָנט—קיין כאַרקאָוו, פֿונדאַנען צו די שטאַבן פֿון דער 14־טער און 12־טער אַרמיי. אין די שמאָלינקע פּאַסעקלעך פֿון די טעלעגראַפֿישע סטענגעס האָבן די „מאַרזיאַקעס" אָפּגעקלאַפּט שיפֿרירטע באַפֿעלן: „ניט דערלאָזן צוציִען די אָפּמערקזאַמקייט פֿון די פּאָליאַקן צו דער גרופּירונג פֿון דער רײַטער-אַרמיי". אויב עס האָבן זיך יאָ אָנגעקניפּט אַקטיווע שלאַכטן, איז בלויז דאָרטן, ווו דאָס פֿאַרויסרוקן זיך פֿון די פּאָליאַקן האָט געדראָט אַרײַנצוציִען אין שלאַכט די דיוויזיעס פֿון דער בודיאָנישער קאַוואַלעריע.

דער שײַטער פֿלאַטערט אין געלע פּאַטליעס. דער רויך גייט אַוועק אין גרויע רונגען ספּיראַליש אינדערהויך. מוקן האָבן ניט ליב קיין רויך; טראָגן זיי זיך אַרום האַסטיק און אומרויִק אין אַ גיכן רוי. אַביסל פֿונדערווײַטן, אַרום דעם פֿײַער, האָבן זיך, ווי אַ פֿאָכער, אויסגעזעצט די רויטאַרמייער. דער שײַטער פֿאַרבט אין קופּערנער פֿאַרב זייערע פּענעמער.

אָפּן שײַטער האָבן זיך אינעם בלויִלעכן אַש געהאַרעמעט די קעסעלעך.

אין די קעסעלעך בלעזלט זיך וואַסער. פֿון אונטער דער ברענענדיקער בערווענע האָט זיך אַרויסגעריסן אַ גנייוויש צינגל פֿונעם פֿלאַם און אַ לעק געטאָן מיטן ברעגעלע עמעצנס אַ צעפּאַטלטן קאָפּ. דער קאָפּ האָט זיך אָפּגעטרייסלט און אומצופֿרידן אַ וואָרטשע געטאָן:

— טפֿו, צו אַלדי שוואַרציאָר!

אַרום האָט מען זיך צעלאַכט.

אַן עלטערער רויטאַרמייער אין אַ געוואָנטענער גימנאַסטיאָרקע, מיט אונטערגעשאָרענע וואָנצעס, וואָס האָט נאָרוואָס באַטראַכט באַם פֿײַער די רער פֿון זײַן ביקס, האָט אַ זאָג געטאָן אָפּ אַ באַס:

— דער יאַט האָט זיך פֿאַרקאָכט אין דער וויסנשאַפֿט, פֿילט ער אַפֿילע ניט קיין פֿײַער.

— דו דערציִל אונדז, קאָרטשאַגין, וואָס האָסטו דאָרט אויסגעלייענט.

דער יונגער רויטאַרמייער האָט באַטאַפּט דאָס ביסל אָפּגעסמאַליעטע האָר און געשמייכלט.

— דאָס איז טאַקע אַ גוט ביכל, וואָס גוט הייסט, כאַווער אַנדראָשטשוק. זינט איך האָב עס אין האַנט גענומען, קען איך זיך פֿון אים בעשומויפֿן ניט אָפּרײַסן.

קאָרטשאַגינס שכן, אַ יונג מיט אַ פּאַריסענער נאָז, האָט זיך שטאַרק געפּאָרעט באַם רימענדל פֿון זײַן פּאַטראָנטאַש. ער האָט איבערגעביסן מיט די ציין דעם שטאַרקן פֿאָדעם און נײַגעריק געפֿרעגט:

— וועגנ וועמענ שרײַבט מענ דאָרטנ? — ער האָט פארוויקלט אפ דער נאָדל, וואָס האָט געשטעקט בא אימ אינ העלמ, דעמ רעשט פאָדעמ אונ צו־געגעבנ: — אויב וועגנ ליבע, אינטערעסיר איכ זיכ זייער.

ארומ האָט מענ זיכ צעהירזשעט. מאטוויי האָט אופגעהויבנ דעמ קאָפ, וואָס איז געווענ אָפגעשאָרנ אינ א „יאָזשיק", כיטרע פארזשמורעט זײַנע שעל־מישע אויגנ אונ געווענדט זיכ צומ יונג:

— אוואדע, ליבע איז א גוטע זאכ, סערעדא. דו ביסט א יאט א שיי־נער, א בילד! וווהינ מיר זאָלנ ניט קומענ, גייענ מיידלעכ נאָכ דיר אויס. נאָר בא דיר איז דאָ א קלײנינקער דעכוועקס. דײַנ נאָז איז ווי א צענערל. אָבער דאָס קענ מענ נאָכ פאריכטנ. אפנ שפיצ נאָז דארפ מענ אופהענגענ א צענפונטיקנ נאָוויצקי [1], וועט עס פאר איינ נאכט דיר אראָפציִענ אראָפ.

פונעמ הילכיקנ געלעכטער האָבנ זיכ צעכראָפעט די פערד, וואָס זײַנענ געווענ צוגעבונדנ צו די טאטשאנקעס פונ די קוילנוואָרפער.

סערעדא האָט זיכ פויל אויסגעקרעוועט.

— ניט אינ שיינקײַט איז די זאכ, נאָר אינעמ קעפעלע, — האָט ער אויס־דריקפול א קלאָפ געטאָנ זיכ אינ שטערנ. — א צונג האָסטו טאקע פונ קראָ־פעווע, אָבער אליינ ביסטו א גוילעמ פונ גוילעמ־לאנד, אז אפילע די אויערנ זײַנענ בא דיר קאלטע.

דער אָפטייל־קאָמאנדיר טאטאריאנאָוו האָט צענומענ די כאוויירימ, וואָס זײַנענ שוינ גרייט געווענ ארײַנטרעטנ אינ א געשלעג.

— נו, נו, כעוורע. גענוג צו רײַסנ זיכ. זאָל בעסער קאָרטשאגינ לייע־נענ, אויב עס האָט טאקע עפעס א ווערט.

— דערלאנג, פאוולושע, דערלאנג! — האָט זיכ דערהערט פונ אלע זײַטנ.

קאָרטשאגינ האָט צוגערוקט צומ פײַער דעמ זאָטל, זיכ אוועקגעזעצט אפ אימ אונ צעעפנט אפ די קני א קליינ דיק ביכל.

— דאָס דאָזיקע ביכל, כאוויירימ, רופט זיכ אָנ „די בינ". געקראָגנ האָב איכ עס באמ מיליטקאָמ פונ באטאליאָנ. עס ווירקט אפ מיר זייער דאָס דאָזיקע ביכל. אויב איר וועט זיצנ רויִק, וועל איכ לייענענ.

— רײַב! וואָס איז דאָ צו ריידנ! קיינער וועט ניט שטערנ.

ווענ צומ שײַטער איז מיטנ קאָמיסאר אומבאמערקט צוגעפאָרנ דער קאָ־מאנדיר פונ פאָלק כאווער פוזירעווסקי, האָט ער דערזענ עלפ פאָר אויגנ, וואָס האָבנ אומבאוועגלעכ געקוקט אפנ פאָרלייענער.

פוזירעווסקי האָט א קער געטאָנ דעמ קאָפ צומ קאָמיסאר אונ אָנגעוויזנ מיטנ האנט אפ דער גרופע.

— אָט איז א העלפט אויסשפירער פונ פאָלק. דאָרטנ זײַנענ בא מיר פיר אינגאנצנ גרינע קאָמיוגיסטנ, אָבער יעדערער פונ זיי האָט די ווערט פונ א

[1] נאָוויצקעס האנט־גראנאטע האָט בא 4 קילאָגראמ וואָג, ווערט באנוצט אפ אופרײַסנ דראָט־פארצאמונגענ.

גוטן רויטארמייער. אָט יענער, וואָס לייענט, און אָט יענער, דער צווייטער, זעסט? — אויגן ווי בא א וועלף, — דאָס איז קאָרטשאגין און זשארקי. זיי זײַנען כאווירים, אָבער צווישן זיי איז שטענדיק דאָ א באהאלטענע אייפערזוכט. פריער איז קאָרטשאגין בא מיר געווען דער ערשטער אויסשפּירער. איצטער האָט ער זייער א געפערלעכן קאָנקורענט. אָט איצט, זע, פירן זיי אומבאמערקט א פּאָליט־ארבעט, און איר ווירקונג איז זייער א גרויסע. וועגן זיי האָט מען צוגעטראכט א גוט וואָרט — „יונגע גווארדיע".

— דאָס לייענט דער פּאָליט־אָנפירער פון דער אויסשפּירונג? — האָט געפרעגט דער קאָמיסאר.

— ניין, דער פּאָליט־אָנפירער איז קראמער.

פּוזירעווסקי האָט א צי געטאָן דעם פערד פאָרויס.

— זײַט געגריסט, כאווירים! — האָט ער הויך אויסגעשריִען.

אלע האָבן זיך א קער געטאָן אהינטער. לײַכט אראָפּגעשפּרונגענע פון זאָטל, איז דער קאָמאנדיר צוגעגאנגען צו די זיצנדיקע.

— מיר ווארעמען זיך, וואָס? כאווירים? — האָט ער זיך צעלאכט מיט א ברייטן שמייכל, און זײַנע מוטיק געזיכט מיט די עטוואָס מאָנגאָלישע שמאָלינקע אויגן האָט פארלאָרן די שטרענגקייט.

דעם קאָמאנדיר האָט מען באגעגנט גאסטפרײַנטלעך און ליב, ווי א גוטן כאווער. דער מיליטקאָם איז געבליבן אפן פערד. ער האָט זיך געקליבן פאָרן ווײַטער.

פּוזירעווסקי האָט אָפּגעוואָרפן אפהינטער די שייך מיטן מאוזער, האָט זיך צוגעזעצט באם זאָטל לעבן קאָרטשאגינען און פאָרגעלייגט:

— מירן פארויכערן, וואָס? איך האָב גוטן טאבעק.

פארויכערט א פּאפּיראָס, האָט ער זיך געווענדט צום קאָמיסאר:

— דו פאָר, דאָראָנין. איך וועל דאָ בלײַבן. אויב מע וועט מיך דארפן האָבן אין שטאב, טאָ גיט צו וויסן.

ווען דאָראָנין איז אוועקגעפאָרן, האָט פּוזירעווסקי זיך געווענדט צו קאָרטשאגינען און פאָרגעלייגט:

— לייען ווײַטער, איך וויל אויך הערן.

איבערגעלייענט די לעצטע זײַטלעך, האָט פּאוועל אוועקגעלייגט דעם בוך אף די קני און פארטראכט געקוקט אפן פלאם.

עטלעכע מינוט האָט קיינער ניט ארויסגערעדט קיין וואָרט. אלע זײַנען געווען אונטערן אײַנדרוק פון דער בינס אומקום.

פּוזירעווסקי האָט געצויגן פון פּאפּיראָס און געוואַרט אף א מיינונג־אויסטויש.

— א שווערע געשיכטע, — האָט איבערגעריסן די שטילשווײַגעניש סערעדא. — פאראן, הייסט עס, אף דער וועלט אזעלכע מענטשן. אזוי וואָלט דער מענטש ניט אויסגעהאלטן, אָבער וויבאלד ער איז פאר אן אידיי געגאנגען, באקומט זיך שוין דאָס אלץ בא אים.

ער האָט גערעדט מיט א קענטיקער אופרעגונג. דער בוך האָט אף אים געמאכט א גרויסן אײַנדרוק.

אנדריושע פּאָמיטשעוו, א שוסטער־געזעל פון בעלאָצערקאָוו, האָט מיט קאעס אויסגעשריִען:

— ווען עס פאלט אַרײַן צו מיר אין די הענט דער קסיאָנדז, וואָס האָט אים מיטן קרייץ אין די ציינער דערלאנגט, וואָלט איך מיט אים, דעם אויסוורף, געמאכט א סאָף איינס און צוויי!

אנדראָשטשוק האָט צוגערוקט מיט א שטעקעלע דאָס קעסעלע נעענטער צום פײַער און איבערצײַגנדיק געזאָגט:

— שטארבן, אויב דו ווייסט פארוואָס, איז א גאנץ באזונדערע זאך. דאָ ווײַזט זיך גאָר באם מענטשן ארויס א גרויסער קויעך. שטארבן דארף מען אפילע אומבאדינגט געדולדיק, אויב דו פילסט, אַז דו ביסט גערעכט. פון דעם באקומט זיך העראָיִזם. איך האָב געקענט איינעם א יאטל, פּאָרײַקאָ האָט מען אים גערופן. האָט ער זיך פון היץ אף א גאנצן ווזוואָד אָנגעריסן, דעמלט האָבן אים די ווײַסע אין אָדעס אָפּגעלייגט. זיי האָבן ניט באוויזן אים דערלאנגען מיטן באגנעט, ווי ער האָט זיך אליין אונטער די פיס א גראנאטע אונטערגעוואָרפן. אליין זיך אף שטיקלעך, און ארום זיך צעלייגט א גאנצע קופּע ווײַסע. און א קוק טאָן אף אים פון אויבנוף — א גאָרנישט מיט א נישט. אָט וועגן אים שרײַבט דאָך קיינער ניט קיין ביכל, אָבער ס׳וואָלט געלוינט. פאראן אסאך בארימטע כעוורע צווישן אונדזערע יאטן.

ער האָט א מיש געטאָן מיטן לעפל אין קעסעלע, אויסגעצויגן די ליפּן, פארזוכט דעם טיי פון לעפל און ווײַטער געזאָגט:

— א טויט טרעפט אמאָל א הינטישער אויך. א מוטנער טויט, אָן קאָוועד. ווען בא אונדז איז געגאנגען די שלאכט אונטער איזיאסלאוול, א שטאָט אזא א פארצײַטיקע, נאָך פאר די פירשטן געבויט געוואָרן, אפן טײַך האָרין. פאראן דאָרטן א פוילישער קאָסטיאָל, ווי א פעסטונג, ניט צוצוטרעטן. נו איז אָט, זײַנען מיר ארײַנגעשפרונגען אהין. אין א קייט גייען מיר דורך די געסלעך. דעם רעכטן פלאנג האָבן בא אונדז לעטן געהאלטן. לויפן מיר ארויס, הייסט עס, אפן שאָסיי, ערשט לעבן א סאָד שטייען דרײַ פערד, צום פארקאנ צוגעבונדן, מיט זאָטלען.

נו, מיר, פארשטייט זיך, טראכטן: מירן אָפּלייגן די פּאָליאקעלעך. א צענדליק אונדזערע האָבן זיך אין הויפל ארײַן א וואָרף געטאָן. פּאָרויס מיט א גרויסן מאוזער גייט דער קאָמאנדיר פון זייער ראָטע, פון דער לעטישער.

צום שטוב צוגעקומען, די טיר איז אָפן, מיר — אהין. געטראכט — פּאָליאקן, און באקומען האָט זיך פארקערט. אונדזערער א ראזיעזד האָט דאָ געארבעט מײַסים. זיי זײַנען פריִער פאר אונדז אהער אָנגעקומען. מיר זעען, דאָ טוען זיך עפּעס גאָרניט קיין שיינע זאכן. א פאקט, פאר די אויגן: מע באאוולט א פרוי. דאָרטן האָט געוווינט א פויליש אָפיצערל. נו, האָבן זיי, הייסט עס, זײַן ווײַב

צוגעקוועטשט טאקע צו דער ערד. דער לעט, ווי גאָר ער האָט עס אַלץ דער־זען, האָט ער עפּעס אָפּ זײַן לאָשן אויסגעשריִען. מע האָט געכאַפּט יענע דרײַ און אין הויף געגומען אַרויסשלעפּן. מיר, רוסישע, זײַנען געווען בלויז צוויי, און אַלע איבעריקע—לעטן. דעם קאָמאַנדירס פאַמיליע איז געווען ברעדיס. כאָטש איך פאַרשטיי ניט אָפּ זייער לאָשן, אָבער איך זע, די זאַך איז אַ קלאָרע, די דרײַען וועט מען אָפּליייגן. אַ פעסטע כעוורע די דאָזיקע לעטן, פון קיזלשטיין אויסגעהאַקט. זיי האָבן צוגעשלעפּט יענע צו דעם געמויערטן פערד־שטאַל. אַ סאָף, טראַכט איך, מע וועט זיי געוויס אָפּליייגן. און איינער פון די געפּאַקטע, אַ יונג אַ גיבער מיט אַ פּאָנעם, רויט ווי ציגל, לאָזט זיך ניט, וואַרפט זיך. ער זידלט זיך אָפּ וואָס די וועלט שטייט. צוליב אַ ווײַבל, זאָגט ער, צום ווענטל שטעלן? די אַנדערע בעטן זיך אויך ראַכמים.

פון דעם אַלעמען האָט מיך אַ וואָרפּ געטאָן אין קעלט. לויף איך צו ברעדיסן און זאָג: „כאַווער ראָטע־קאָמאַנדיר, זאָל זיי דער טריבונאַל מיש־פּעטן. צו וואָס דאַרפסטו אײַנשמירן די הענט אין זייער בלוט? אין שטאָט האָט זיך די שלאַכט ניט געענדיקט, און מיר אייסעקן זיך דאָ מיט די דאָזיקע". אַז ער גיט זיך דאָס אַ קער צו מיר—איך האָב שוין כאַראָטע געהאַט אָפּ די אייגענע ווערטער. די אויגן זײַנען בא אים, ווי בא אַ טיגער. מיטן מאַוזער מיר אין די ציין. זיבן יאָר, אַז איך האַלט מילכאָמע, אָבער דאָסמאָל האָב איך ניט אויסגעהאַלטן. איך האָב זיך דערשראָקן. איך זע, ער וועט דער־הארגענען אָן שום רייד.

ער האָט אַ געשריי געטאָן אָפּ מיר אין רוסיש. קוים וואָס דו פאַרשטייסט אים: „מיט בלוט איז די פּאָן געפאַרבט, און די דאָזיקע זײַנען אַ שאַנדע פאַר דער גאַנצער אַרמיי. אַ באַנדיט באַצאָלט מיטן לעבן".

איך האָב ניט אויסגעהאַלטן, אַנטלאָפן פון הויף אָפּן גאַס, און פונהינטן האָט זיך דערהערט אַ שיסערײַ. געענדיקט, טראַכט איך. ווען מע איז אַוועק מיט דער קייט, איז שוין די שטאָט געווען אונדזערע. אָט וואָס עס האָט זיך באַקומען. מענטשן זײַנען ווי די הינט אומגעקומען. דער ראַזיעזד איז געווען פון די, וואָס זײַנען צו אונדז צוגעשטאַנען בא מעליטאָפּאָל. בא מאַכנאָען פריִער געווען, אַן אויליעם פון גאָר דער וועלט.

אָוועקגעשטעלט דאָס קעסעלע בא די פיס, האָט אַנדראָשטשוק אָנגע־הויבן אָפּבינדן דאָס קלומעקל מיטן ברויט.

— עס דרייט זיך אַרײַן צו אונדז אַזאַ פּאַסקודסטווע. וועסט אַלעמען ניט אײַנהיטן. קלוימערשט זיי סטאַרען זיך אויך פאַר דער רעוואָליוציע. און צוליב זיי לייגט זיך אַ פלעק אָפּ אַלעמען. אָבער צוקוקן איז געווען שווער. ביז איצט קען איך ניט פאַרגעסן,— האָט ער פאַרענדיקט, נעמענדיק זיך צום טיי.

ערשט שפּעט באַנאַכט איז אײַנגעשלאָפן די רויטע אויסשפּיר־גרופּע. דער אײַנגעשלאָפענער סערעדאַ האָט מיט דער נאָז אויסגעפּײַפט טרעלן. עס איז

געשלאָפֿן פּוזירעווסקי, אוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויפֿן זאָטל, און עפּעס האָט פֿאַרשריבן אין זײַן נאָטיץ־ביכל דער פֿאָליט־אָנפֿירער קראַמער.

אויפֿן צווייטן טאָג, אומגעקערט זיך פֿון אויסשפּיר, האָט פּאַוועל צוגע־בונדן צום בוים דעם פֿערד און צוגערופֿן צו זיך קראַמערן, וואָס האָט נאָר וואָס געענדיקט טרינקען טיי:

— הערסט, פּאָליטאָנפֿירער, ווי קוקסטו אויף אַזאַ זאַך: איך קלײַב זיך אי־בערפֿעקלען זיך אין דער ערשטער רײַטער־אַרמיי. זיי שטייט פֿאַר אויפֿטאָן גוואַלדיק־גרויסע זאַכן. ניט אומזיסט האָבן זיי זיך דאָ צונויפֿגעקליבן אין אַזאַ גרויסער צאָל. און אונדז דאָ וועט אויסקומען טאָפּטשען זיך אויף איין אָרט.

קראַמער האָט אויף אים פֿאַרכידעשט אַ קוק געטאָן.

— וואָס הייסט זיך איבערפֿעקלען? וואָס איז דיר די רויטע אַרמיי— אַ קינאָ? וואָס פֿאַר אַ פּאָנעם האָט עס? אויב מיר וועלן אַלע אָנהייבן לויפֿן פֿון איין טייל אין דער צווייטער, וועט עס האָבן אַ גאַנץ פֿײַנעם פּאָנעם!

— ניט אַלצייגס, ווו צו קעמפֿן?—האָט פּאַוועל איבערגעשלאָגן קראַמערן.— דאָ צי דאָרטן. איך דעזערטיר דאָך ניט אין הינטערלאַנד.

קראַמער האָט קאַטעגאָריש פּראָטעסטירט:

— און דיסציפּלין איז, לויט דײַן מיינונג, גאָרנישט, וואָס? בײַ דיר, פּאַוועל, איז אַלץ אין אָרדענונג, אָבער וואָס שײַך אַנאַרכיע, איז עס בײַ דיר פֿאַראַן. פֿאַרוואָלט זיך, איז גענומען און געטאָן. די פּאַרטיי און דער קאָמיוג זײַנען אָבער געבויט אויף אַן אײַזערנער דיסציפּלין. די פּאַרטיי איז העכער פֿון אַלץ. און יעדערער דאַרף זײַן ניט דאָרטן, ווו ער וויל, נאָר דאָרטן, ווו ער איז נייטיק. פּוזירעווסקי איז קעגן דעם, דו זאָלסט איבער־גיין? הייסט עס—געענוג, פֿאַרשפּאָרט די רייד.

דער הויכער, דאַרער קראַמער, מיטן געלבלעכן פּאָנעם, האָט זיך פֿאַר־הוסט פֿון אויפֿרעגונג. שטאַרק האָט זיך אײַנגעגעסן דאָס בלײַענע דרוקערישע שטויב אין זײַנע לונגען, אָפֿט האָט געברענט אויף זײַנע באַקן אַ ניט־געזונטע רויטקײַט.

ווען קראַמער האָט זיך באַרויִקט, האָט פּאַוועל געזאָגט ניט הויך, אָבער פֿעסט:

— דאָס אַלץ איז ריכטיק, אָבער צו די בודיאָנאָווצעס וועל איך איבער־גיין—דאָס איז קלאָר.

אויף מאָרגן אינאָוונט איז שוין פּאַוועל בײַם שײַטער ניט געווען.

*

אויפֿן שכייניש דערפֿל, אויפֿן בערגל, בײַ דער שול, האָבן זיך אין אַ ברייטן קרײַז צונויפֿגעקליבן די רײַטער. אויפֿן הינטערטייל פֿון אַ טאַטשאַנקע האָט אַ געזונטער בודיאָנאָווער, פֿאַררײַסנדיק דאָס היטל ביזן סאַמע פּאַטיליצע, געצופּט אויף שטיקער זײַן האַרמאָשקע. זי האָט בײַ אים געריטשעט, אָפֿט פֿאַר־

לאָרנ דעמ טאקט, אונ אינעמ קרײַז האָט א װױליונגערישער רײַטער אינ מױ־רעדיק־ברײטע רױטע גאליפע אָפּגעקנאקט א האָפּאק.

אפ דער טאטשאנקע אונ אפ די שכײנישע צאמענ זײַנענ ארופגעקראָכנ נײַגעריקע מײדלעכ אונ דאָרפישע יונגענ, א קוק טאָנ די װױליונגערישע טענצער פונ דער קאװאלעריע־בריגאדע, װאָס איז נאָרװאָס אָנגעקומענ אינ זײער דאָרפ.

— דערלאנג, טאָפּטאלאָ! קװעטש די ערד. עכ, דערלאנג, ברודערל! — האר־מאָניסט, דערלאנג פײַער!

אָבער די גרױסע פינגער פונעמ הארמאָניסט, װאָס קענענ צונױפבײגנ א פּאָדקעװע, האָבנ זיכ שװער באװעגט איבער די קלאװישנ.

— מאכנאָ האָט פארשניטנ קוליאבקאָ אפאנאסינ, — האָט מיט באדױערנ גע־זאָגט א פארברױנטער קאװאלעריסט. — געװענ א הארמאָניסט פונ ערשטנ סאָרט. אפנ רעכטנ פלאנג איז ער געגאנגענ אינ עסקאדראָנ. א שאָד א יאט. געװענ א גוטער קעמפער, אונ א הארמאָניסט דער בעסטער.

אינעמ קרײַז איז געשטאנענ פּאװעל. דערהערט די לעצטע װערטער, האָט ער זיכ צוגעשטופּט צו דער טאטשאנקע אונ אװעקגעלײגט די האנט אפנ הארמאָניק. דער הארמאָניק איז אנשװיגנ געװאָרנ.

— װאָס דארפסטו? — האָט דער הארמאָניסט אפ אימ קרומ א קוק געטאָנ. טאָפּטאלאָ האָט זיכ אָפּגעשטעלט. ארומ האָבנ זיכ דערהערט אומצופרידענע שטימענ:

— װאָס איז דאָרטנ? פארװאָס האָט מענ אופגעהערט שפּילנ?

פּאװעל האָט אױסגעצױגנ די האנט צומ רימענ:

— װײַז, כ'װעל א קאפּעטשקע א דרײ טאָנ.

דער בודיאָנאָװעצ האָט מיט אומצוטרױ א קוק געגעבנ אפנ אומבאקאנטנ רױטארמײער אונ אראָפּגענומענ אָומזיכער פונ אקסל דעמ רימענ.

פּאװעל האָט מיט א געװױנטנ זשעסט א לײג געטאָנ דעמ הארמאָניק אפנ קני, האָט אימ צענומענ, װי א פּאָכער, אונ אפנ גאנצנ אָטעמ פונעמ האר־מאָניק א נעמ געטאָנ אונ דערלאנגט א דרײדלדיקנ אונ ציקלדיקנ:

Эх, яблочко,
Куда котишься?
В губчека попадешь,
Не воротишься.

מאָמענטאל האָט טאָפּטאלאָ אונטערגעכאפּט דעמ באקאנטנ מאָטיװ. אונ א מאכ געטאָנ מיט די הענט, װי א פױגל, האָט ער זיכ א לאָז געטאָנ אי־בערנ קרײַז, אױסגעטאנצט גװאלדיקע דרײדלעכ, װױליונגעריש צוגעפּאטשט דערבײַ איבער די כאָליאװעס, איבער די קני, איבערנ פּאטיליצע, איבערנ

שטערן, הילכיק מיט דער דלאַניע איבערן פּאַדעשווע און ענדלעך—איבערן צעעפנטן מויל.

און דער האַרמאָניק האָט אָנגעטריבן, אונטערגעיאָגט מיט זײַן ווילדן שיקערן ריטם. טאָפּטאַלאָ האָט זיך פאַרדרייט, ווי א גאָר, אין זײַן ראָד, וואַרפנדיק מיט די פיס, קוים אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם.

— איך, אַך, איך, אַך!

*

דעם 5־טן יוני 1920 יאָר האָט בודיאָנעס רײַטער־אַרמײ, נאָך עטלעכע קורצע פאַרביטערטע שלאַכטן, דורכגעריסן דעם פּוילישן פראָנט אַפּן גרענעץ פון דער דריטער און פערטער פּוילישע אַרמייען, צעקלאַפּט די קאַוואַלעריע־בריגאַדע פונעם גענעראַל סאַוויצקי, וואָס האָט איר פאַרצאַמט דעם וועג, און האָט זיך געלאָזן אין דער ריכטונג צו זשיטאָמיר.

אַפּ ליקווידירן דעם דורכרײַס האָט די פּוילישע קאָמאַנדירונג מיט פיבער־האַפטער אײַליקײַט געשאַפן א שלאָג־גרופּע. פינף געפּאַנצערטע רויפּן־טאַנקעס, נאָרוואָס אַראָפּגענומענע פון די פּלאַטפאָרמעס אַפּ דער סטאַנציע פּאָגרע־בישטשע, האָבן געיילט צום אָרט פון דער שלאַכט.

אָבער די רײַטער־אַרמײ איז אַרומגעגאַנגען זאַרודניצע, פונוואַנען עס האָט זיך געגרייט דער קלאַפּ, און איז אַרויס אין טייל פון די פּוילישע אַרמייען.

לויט די שפּורן פון דער ערשטער רײַטער־אַרמײ האָט זיך א וואָרף געטאָן די קאַוואַלעריע־דיוויזיע פונעם גענעראַל קאָרניצקי. איר איז באַפוילן געוואָרן דעטאַלאַנגען א קלאַפּ אין טייל פון דער ערשטער רײַטער־אַרמײ, וועלכע האָט, לויט דער מיינונג פון דער פּוילישער קאָמאַנדירונג, געשטרעבט צו דערגרייכן דעם וויכטיקסטן סטראַטעגישן פונקט אין טייל פון די פּאָליאַקן—קאַזאַטין. אָבער דאָס האָט ניט פאַרלײַכטערט די לאַגע פון די ווײַסע פּאָליאַקן. האַגאַם זיי האָבן אַפּן צווייטן טאָג שוין פאַרנייט די לאָך, וואָס איז דורכגעריסן געוואָרן אַפּן פראָנט, און הינטער דער רײַטער־אַרמײ האָט זיך דער פראָנט צוזאַמענגעשלאָסן, אָבער אין טייל בא זיי האָט זיך אַרויסגעוויזן א מעכטיקער רײַטער־קאָלעקטיוו, וואָס האָט באַדאַרפט פאַרניכטן דעם סוינעס באַזעס און א וואָרף טאָן זיך אַפּ דער קיעווער גרופּע פון די פּאָליאַקן. אין וועג פון זייער פּאָרויסמאַרש האָבן די רײַטער־דיוויזיעס פאַרניכטעט די קליינע אײַזנבאַן־בריקן און צעשטערט די אײַזנבאַן־וועגן, קעדיי אָפּשנײַדן בא די פּאָליאַקן די וועגן אַפּ צוריק.

באַקומענדיק פון די געפאַנגענע יעדיעס וועגן דעם, אַז אין זשיטאָמיר געפינט זיך דער שטאַב פון דער אַרמײ,—אינדערעמעסן איז דאָרטן אויך געווען דער שטאַב פון פראָנט,—האָט דער קאָמאַנדאַרם פון דער רײַטער־אַרמײ באַשלאָסן פאַרכאַפּן די וויכטיקע אײַזנבאַן־קנופּן און די אַדמיניסטראַטיווע צענטרען—זשיטאָמיר און בערדיטשעוו. דעם 7־טן יוני אינדערפרי האָט זיך צו זשיטאָמיר שוין געיאָגט די פערטע קאַוואַלעריע־דיוויזיע.

אין איינעם פון די עסקאַדראָנען האָט אָנשטאָט דעם אומגעקומענעם קאָ־ליאַבקאָ זאָפֿן רעכטן פֿלאַנג געריטן קאַרטשאַגין. מע האָט אים צוגענומען אין עסקאַדראָן, לויט דער קאָלעקטיווער ביטע פֿון די רויטאַרמייער, וועלכע האָבן ניט געוואָלט אָפּלאָזן אַזאַ גוטן האַרמאָניסט.

מע האָט זיך צעוויקלט, ווי אַ פּאָכער, באַ זשיטאָמיר, יאָגנדיק די הייסע פֿערד. מיט אַ זילבערנעם גלאַנץ האָבן זיך צעפֿינקלט אַף דער זון די שווערדן.

עס האָט אָנגעהויבן קרעכצן די ערד, די פֿערד האָבן אָנגעהויבן סאָפּען. עס האָבן זיך אויפֿגעשטעלט אַף די ריַיט־רונגען די רויטאַרמייער.

שנעל־שנעל איז געלאָפֿן אונטער די פֿיס די ערד. און אַ גרויסע שטאָט, מיט סעדער, איז געלאָפֿן אַנטקעגן דער דיוויזיע. מען איז דורכגעשפּרונגען די ערשטע סעדער, זיך אַריַינגעריסן אין צענטער, און אַ שרעקלעכער „דער־לאַנגט!", אַן איימעדיקער ווי דער טויט, האָט אויפֿגעטרייסלט די לופֿט.

די געפּלעפּטע פּאָליאַקן האָבן קימאַט ניט אַרויסגעוויזן קיין ווידערשטאַנד. דעם אָרטיקן גאַרניזאָן האָט מען צעקוועטשט.

צוגעבויגן צום האַלדז פֿון פֿערד, איז געפֿלויגן קאַרטשאַגין, לעבן אים אַף אַ שוואַרצן דינפּיסיקן פֿערד — טאָפּטאַלאָ.

פֿאַר פּאַוולען אין די אויגן האָט דער וויליונגערישער בודיאָנאָווער צע־האַקט מיט אַן אומדערבאַרעמדיקן קלאַפּ אַ לעגיאָנער, וואָס האָט ניט באַוויזן אויפֿצוהייבן זיַין ביקס צום אַקסל.

מיט אַ קריצעריַי האָבן אָן די שטיינער פֿון ברוק געקלאַפּט די גע־שמידטע טלאָען. און פֿלוצלינג אַף דעם אויסבייג פֿון וועג — אַ קוילנוואַרפֿער, גלייך אײַנמיטן וועג, און, אָנגעבויגן איבער אים, דריַיען אין בלויע מונדירן און אין פּירקאַנטיקע קאַנפֿעדעראַטקעס. דער פֿערטער, מיט אַ גאָלדן פֿלעכטל אַפֿן קאָלנער, האָט דערזען די יאָגנדיקע ריַיטער און אַרויסגעוואָרפֿן פֿאָרויס די האַנט מיטן מאַוזער.

ניט טאָפּטאַלאָ, ניט פּאַוועל האָבן ניט געקאָנט איַינהאַלטן די פֿערד און האָבן גליַיך דעם טויט אין די נעגל אַריַין זיך אַ ריס געטאָן אַפֿן קוילנוואַרפֿער. דער אָפֿיצער האָט אויסגעשאָסן אין קאַרטשאַגינען... פֿאַרביַי... ווי אַ שפּערל האָט אַ צוויטשע געטאָן אַ קויל באַם באַק, און, אָפּגעשליַידערט מיט דער ברוסט פֿונעם פֿערד, האָט זיך דער אָפֿיצער אַ זעץ געטאָן מיטן קאָפּ אָן די שטיינער און איז אומגעפֿאַלן אַפֿן פֿלייצע.

אין דעם זעלבן אויגנבליק האָט ווילד, מיט פֿיבערהאַפֿטער איַילעניש, אָנגעהויבן הילכן דער קוילנוואַרפֿער. און טאָפּטאַלאָ איז אומגעפֿאַלן צוזאַמען מיטן שוואַרצן פֿערד, אַ צעביסענער פֿון אַ צענדליק בינען.

פּאַוועלס פֿערד האָט זיך אויפֿגעשטעלט אַף די הינטערשטע פֿיס, דער־שראָקן כראָפּענדיק, מיטאַמאָל אַריבערגעטראָגן זיַין ריַיטער איבער די מענטשן באַם קוילנוואַרפֿער, און דער שווערד, באַשריַיבנדיק אַ פֿינקלדיקן בויגן, האָט זיך אַריַינגעשניטן אין דעם בלויען קוואַדראַט פֿונעם היטל.

ווידער האָט דער שווערד א גלאַנץ געטאָן אינדערלופטן, גרייט אראָפּצו־לאָזן זיך אפּ דעם צווייטן קאָפּ, אָבער דער הייסער פערד האָט זיך א וואָרפּ געטאָן אפּ צוריק.

ווי א האסטיקער בארג־טײַך, האָט זיך א גאָס געטאָן אפּן וועג דער עסקאדראָן, און צענדליקער שווערדן האָבן גענומען פּאַסעווען די לופט.

*

די לאַנגע שמאָלע טורמע־קאָרידאָרן האָבן זיך אָנגעפּילט מיט געשרייען.

אין די קאַמערעס, וואָס זײַנען פול, ווי אַן אויג, מיט מענטשן, מיט אויס־געמאַטערטע, מידע פּנים, איז א צערודערונג. אין שטאָט גייט א שלאַכט — צי זאָל מען טאַקע גלויבן, אז דאָס קומט אָן די פרײַהײַט, אז דאָס האָבן זיך אומבאוווּסט פונוואַנען ארײַנגעריסן די אייגענע?

די שיסערײַ הערט מען שוין דאָ אין הויף. איבער די קאָרידאָרן לויפן ארום מענטשן. און פּלוצעם — א היימישער, א גוואַלדיק־היימישער: „כאַווער, קום ארויס!”

פּאַוועל איז צוגעלאָפן צו דער פאַרמאַכטער טיר מיטן קליינעם פענצטערל, צו וועלכן עס זײַנען געווען געווענדט צענדליקער אויגן. ער האָט א זעץ געטאָן צעקאָכט מיטן קאָלבן איבערן שלאָס. נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל.

— וואַרט אויף, איך וועל זי, די טיר, מיט א באָמבע, — האָט פּאַוולען אָפּ־געשטעלט מיראָנאָוו און האָט ארויסגעשלעפּט פון קעשענע א גראַנאַטע.

דער וווזוואָדני ציגאַרטשענקאָ האָט ארויסגעריסן די גראַנאַטע.

— שטיי, פּסיכ, וואָס טוסטו, ביסט מעשוגע געוואָרן? מע וועט באַלד ברענגען די שליסלען. ווו מע קען ניט אופּברעכן, וועלן מיר מיט שליסלען עפענען.

איבערן קאָרידאָר האָט מען שוין געפירט די אופזעער, אונטערשטופּנדיק זיי מיט נאַהאַנעס. דער קאָרידאָר איז פול געוואָרן מיט מענטשן אָפּגעריסענע, אומגעוואַשענע, נאָר ארומגעכאַפּטע מיט א מעשוגענער פרייד.

צעפּראַלט די ברייטע טיר, איז פּאַוועל ארײַנגעלאָפן אין קאַמערע.

— כאַווײַרים, איר זײַט פרײַ. מיר זײַנען בודיאָנאָווצעס, אונדזער דיוויזיע האָט פאַרנומען די שטאָט.

עפּעס א פרוי מיט אויגן פּײַכטע פון טרערן האָט זיך א וואָרפּ געטאָן צו פּאַוולען, ארומגענומען אים, ווי אַן אייגענעם, און זיך צעוויינט.

טײַערער פון אַלע טראָפייען, טײַערער פונעם זיג איז פאַר די קעמפער פון דער דיוויזיע געווען דאָס באפרײַען פינף טויזנט איינס און זיבעציק באָל־שעוויקעס, וואָס די ווײַסּפּאָליאַקן האָבן זיי פאַרטריבן אין די שטיינערנע קאַסטנס און וואָס האָבן געוואַרט אפּ קוילן און טליעס, און צוויי טויזנט פּאָליט־טוער פון דער רויטער ארמיי. פאַר די זיבן טויזנט רעוואָליוציאָנערן

איז די פינצטערע נאכט פלוצעמ פארוואנדלט געוואָרנ אינ א העלער זונ פונ א הייסנ יונ-טאָג.

איינער פונ די ארעסטירטע, מיט א געל פּאָנעמ, ווי ציטרינ־שאָלעכצ, האָט זיכ פריידיק א וואָרפ געטאָנ צו פאוולענ. דאָס איז געווענ שמועל לעכער, א זעצער פונ דער דרוקערײַ אינ שעפּעטאָווקע.

*

פאוועל האָט אויסגעהערט שמועלס דערציילונג. זײַנ געזיכט האָט זיכ באדעקט מיט א גרויענ וואָלקנ. שמועל האָט דערציילט וועגנ א בלוטיקער טראגעדיע אינ זײַנ היימישנ שטעטל, אונ זײַנע ווערטער זײַנענ געפאלנ אפנ הארצנ, ווי טראָפּנס צעשמאָלצענער מעטאל.

— צוגענומענ האָט מענ אונדז באנאכט אלעמענ מיטאמאָל, געמאָסערט האָט אונדז אנ אויסוואורפ א פּראָוואָקאטער. אלע זײַנענ מיר ארײַנגעפאלנ אינ די לאפּעס פונ דער מיליטער־זשאנדארמעריע. געשלאָגנ האָט מענ אונדז, פאוועל, אָנ ראכמאָנעס. איכ האָב זיכ געמאטערט ווייניקער פונ אנדערע: באלד נאָכ די ערשטע קלעפּ בינ איכ א'פאל געטאָנ א טויטער צו דער ערד, אָבער אנדערע זײַנענ געווענ שטארקערע. באהאלטנ האָבנ מיר ניט געהאט וואָס. די זשאנדארמעריע האָט אלצ געוווסט בעסער פאר אונדז. מע האָט געוווסט אונדזער יעטווידער טראָט.

פארוואָס זאָלנ זיי ניט וויסנ, וויבאלד צווישנ אונדז איז געזעסנ א פארעטער! ס'איז ניט איבערצודערציילנ וועגנ די דאָזיקע טעג. דו קענסט, פאוועל, אסאכ פונ די: וואליע ברוזשאק, ראָזע גריצמאנ פונ דער אויעזד־שטאָט, גאָר א קליינס, זיבעצנ יאָר אלט, א גוטע מיידל, אויגנ האָט זי געהאט אזוינע פול מיט צוטרוי, נאָכדעמ סאשע בונשאפּט, ווייסט, אויכ אונדזערער א זעצער, אזא פריילעכער יאט געווענ, ער האָט שטענדיק געמאָלט קאריקאטורנ אפנ באלעבאָס. נו איז אָט, ער, נאָכדעמ צוויי גימנאזיסטנ—נאָוואָסעלסקי אונ טוזשיצ. דו קענסט זיי אוודע. אונ די איבעריקע זײַנענ אלע פונ אויעזד־שטאָט אונ פונ שטעטל. סאכאקל האָט מענ ארעסטירט נײַנ אונ צוואנציק מאנ, צווישנ זיי זעקס פרויענ. אלעמענ האָט מענ מוירעדיק געפּײַניקט. וואליענ אונ ראָזענ האָט מענ פארגוואלדיקט באלד דעמ ערשטנ טאָג. זיי האָבנ זיכ זדעקעוועט, די אויסוואורפנ, וויפל דאָס הארצ האָט זיי געגלוסט. האלב טויטע האָט מענ זיי געבראכט אינ די קאמערעס. נאָכדעמ האָט ראָזע אָנגעהויבנ ריידנ ניט צו דער זאכ, אונ אינ עטלעכע טעג ארומ איז זי אינגאנצנ אראָפּ פונ זינענ.

אינ איר מעשוגאעס האָט מענ ניט געגלויבט. מע האָט זי געהאלטנ פאר א סימוליאנטקע, אונ אפ יעדער פארהער האָט מענ זי געשלאָגנ. אונ ווענ מע האָט זי געשאָסנ, איז אפ איר געווענ שרעקלעכ צו קוקנ. דאָס פּאָנעמ איז געווענ שווארצ פונ קלעפּ, אויגנ ווילדע, מעשוגענע—אנ אלטע.

וואליע ברוזשאק האָט זיכ ביז דער לעצטער מינוט געהאלטנ גוט. זיי

זײַנען געגאַנגען צום טויט, ווי עמעסע קעמפער. איך ווייס ניט, פּונוואַנען האָט זיך בא זיי גענומען קויכעס, אָבער צי דען קען מען דערציילן וועגן זייער טויט, פּאַוועל? מע קען ניט דערציילן. זייער טויט איז שרעקלעך, און מע קען עס מיט ווערטער ניט איבערגעבן... ברוזשאַק איז געווען פאַרמישט אין דאָס סאַמע געפערלעכע. דאָס האָט זי געהאַלטן די פאַרבינדונג מיט די ראַדיאָ־טעלעגראַפּיסטן פון פּוילישן שטאַב. מע האָט זי געשיקט אין אויעזד צוליב פאַרבינדונג, און בא איר האָט מען בייס דער אונטערזוכונג געפונען צוויי גראַנאַטעס און א בראַונינג. די גראַנאַטעס האָט איר איבערגעגעבן טאַקע דער פּראָוואָקאַטער. אַלץ איז געווען אײַנגעאָרדנט אזוי, קעדיי באַשולדיקן אונדז אין וועלן אופרײַסן דעם שטאַב.

עך, פּאַוועל, איך קען ניט ריידן וועגן די לעצטע טעג, אָבער וויבאַלד דו פאָדערסט, וועל איך דערציילן. דער פעלד־געריכט האָט באַשטימט: וואַליען און צוויי אַנדערע צו אופהענגען, די איבעריקע כאַווייריִם—צום שיסן.

די פּוילישע סאָלדאַטן, צווישן וועלכע מיר האָבן געאַרבעט, האָט מען געמישפּעט מיט צוויי טעג פריִער פאַר אונדז.

דעם יונגן קאַפּראַל, דעם טעלעגראַפיסט סנעגורקאָ, וואָס האָט ביז דער מילכאָמע געאַרבעט אַלס עלעקטראָמאָנטיאָר אין לאָדז, האָט מען באַשולדיקט אין פאַראַטן דאָס פאָטערלאַנד און אין קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע צווישן סאָלדאַטן און אים פאַרמישפּעט צום שיסן. ער האָט ניט דערלאַנגט קיין ביטע וועגן באַגנעדיקונג און איז דערשאָסן געוואָרן אין פיר און צוואַנציק שאָ אַרום נאָכן אורטייל.

וואַליען האָט מען אַרויסגערופן וועגן זײַן איניען פאַר אַן איידעס. זי האָט אונדז דערציילט, אַז סנעגורקאָ האָט זיך מוידע געוועזן, אַז ער האָט געפירט א קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע, אָבער ער האָט שאַרף אָפּגעוואָרפן די באַשולדיקונג, אַז ער האָט פאַראַטן דאָס פאָטערלאַנד. „מײַן פאָטערלאַנד,—האָט ער געזאָגט,—דאָס איז די פּוילישע סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק. יע, איך בין א מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן, פאַר א סאָלדאַט האָט מען מיך געמאַכט מיט גוואַלד. און איך האָב געעפנט די אויגן פונקט אַזעלכע סאָלדאַטן, ווי איך, וועלכע איר האָט געטריבן אָפּן פראָנט. איר מעגט מיך דערפאַר אופהענגען, אָבער איך האָב מײַן פאָטערלאַנד ניט פאַראַטן און וועל ניט פאַראַטן. נישט מער, וואָס אונדזערע פאָטערלאַנדס זײַנען פאַרשיידענע. אײַערע — דאָס פּריצישע, און מײַנע — דאָס אַרבעטער־פּויערישע. און אין יענעם פאָטערלאַנד מײַנעם, וואָס וועט זײַן,—איך בין אין דעם פולקום זיכער,—וועט מיך קיינער ניט אָנרופן מיטן נאָמען פאַרעטער".

נאָכן אורטייל האָט מען שוין אַלעמען געהאַלטן צוזאַמען. אָבער פאַרן אויספירן דעם אורטייל האָט מען אונדז איבערגעפירט אין טורמע. באַנאַכט האָט מען צוגעגרייט א טליִע קעגן דער טורמע, באַם שפּיטאָל; נעבן סאַמע וואַלד, עטוואָס ווײַטער, באַם שליאַך, ווו עס איז דער אָפּריס, האָט

מען אויסגעקליבן אַן אָרט, וווּ מע האָט אונדז געזאָלט צעשיסן; דאָרטן טאַקע האָט מען אויסגעגראָבן אַן אַלגעמיינעם קייווער פאַר אונדז.

אין שטאָט איז דער אורטייל געווען אויסגעהאַנגען, אַלעמען איז ער געווען באַוווּסט. דעם אורטייל איבער אונדז האָבן די פּאָליאַקן באַשלאָסן אויספירן פאַרן אוילעם אין די אויגן, באַטאָג, אַז יעדערער זאָל זען און מוירע האָבן. און פון אינדערפרי האָט מען אָנגעהויבן אופטרייבן דעם אוילעם פון שטאָט צו דער טליָע. אַנדערע זיינען געגאַנגען אויס נייַגעריקייט, כאָטש עס איז שרעקלעך, נאָר מע איז געגאַנגען. בא דער טליָע איז געשטאַנען אַ גוואַלדיקער האַמוינ. ווו נאָר דאָס אויג פאַרכאַפּט, זיינען דורכויס געווען קעפּ פון מענטשן. די טורמע, ווייסטו דאָך, איז אַרומגעצאַמט מיט אַ הילצערנעם פּאַרקאַן. דאָ טאַקע בא דער טורמע האָט מען אַוועקגעשטעלט די טליָעס, און מיר האָבן געהערט דעם רויש פון די קוילעס. אַף דער גאַס פונהינטן האָט מען קוילנוואַרפערס אַוועקגעשטעלט, רייַטער־ און פוסגייער־זשאַנדאַרמעריע האָט מען פון גאַנצן קרייַז צונויפגעטריבן. אַ גאַנצער באַטאַליאָן האָט אַרומגערינגלט די גערטנער און גאַסן. פאַר די פאַרמישפּעטע צום הענגען האָט מען אויסגעגראָבן אַ באַזונדער גרוב, דאָ טאַקע בא דער טליָע. מיר האָבן געוואַרט אַפן סאָף שווייַגנדיק, זעלטן אַרויסגערעדט אַ וואָרט. וועגן אַלץ האָט מען זיך שוין געהאַט דורכגערעדט מיט אַ טאָג פריִער און דעמלט האָט מען זיך שוין צעזעגנט אויך. בלויז ראָזע האָט עפּעס געשעפּטשעט אין ווינקל פון דער קאַמערע, ריידנדיק אַליין מיט זיך. וואַליע, אַ פאַרפייַניקטע פון דער פאַרגוואַלדיקונג און די קלעפּ, האָט ניט געקענט גיין און איז מערער געלעגן. און די צוויי קאָמוניסטקעס פון שטעטל, לייַבלעכע שוועסטער, האָבן זיך אַרומגענומען און געזעגנט, זיי האָבן ניט אויסגעהאַלטן און זיך פאַנאַנדערגעוויינט. סטעפּאַנאָוו פון אויעזד־שטאָט, אַ יונגער באָכער, אַ שטאַרקער, ווי אַן אַטלעט, האָט בייסן אַרעסט צוויי זשאַנדאַרמען פאַרוווּנדעט, ראַנגלענדיק זיך מיט זיי. ער האָט פאַראַקשנט געפאָדערט פון די שוועסטער: „מע דאַרף ניט קיין טרערן, כאַווירים! וויינט דאָ, קעדיי ניט צו וויינען דאָרטן. ניטאָ וואָס צו פאַרשאַפן קיין פרייד די בלוטיקע הינט. אַלציינס איז פאַר אונדז קיין ראַכמאָנעס ניטאָ, אַלציינס וועלן מיר דאַרפן אומקומען, טאָ לאָמיר אומקומען פייַן. זאָל קיינער פון אונדז ניט אַרומקריכן אַף די קני. כאַווירים! געדענקט, שטאַרבן דאַרף מען פייַן״.

און אָט איז מען געקומען נאָך אונדז. פּאָרויס שוואַרקאָווסקי, דער שעף פון קאָנטר־אויסשפּיר, אַ סאַדיסט, אַ מעשוגענער הונט. ווען ער פלעגט אַליין ניט פאַרגוואַלדיקן, פלעגט ער אָפּגעבן די זשאַנדאַרמען אין די הענט, און אַליין פלעגט ער קלייַבן נאַכעס. פון טורמע ביז צו דער טליָע האָט מען באַם וועג אויסגעשטעלט אַ קאָרידאָר פון זשאַנדאַרמען. און די דאָזיקע „קאַנאַריקלעך״, ווי מע האָט זיי אַ נאָמען געגעבן פאַר זייערע געלע אַקסלבאַנדן, זיינען געשטאַנען מיט אַנטבלויזטע שווערדן.

ארויסגעטריבן האָט מען אונדז מיט די קאָלבנס אין טורמע־הויף, צו פיר אויסגעשטעלט און, עפענענדיק די טויערן, ארויסגעפירט אפן גאס. מע האָט אונדז אוועקגעשטעלט פאַר דער טליִע, קעדיי מיר זאָלן זען מיט אונדזערע אויגן, ווי עס קומען אום די כאווײרים. נאָכדעם איז אָנגעקומען אויך אונדזער ריי. די טליִע איז א הויכע, צונויפגעקלאַפּט פון דיקע בערוועס. אפ איר — דרײַ שלייפן פון דיקע געדרייטע שטריק. די בריקלעך מיט די לייטערלעך שפּארן זיך אָן אָן א סלופּיק, וואָס קען אומגעוואָרפן ווערן. דער מענטשלעכער יאַם רוישט שטיל, וויגט זיך. אלע אויגן זײַנען אפ אונדז געווענדט. מיר דערקענען אונדזערע אייגענע.

אפ א גאנעק, פונדערווײַטנס, האָט זיך פארזאמלט די פּוילישע שליאכטע מיט בינאָקלען אין די הענט, צווישן זיי — אָפיצערן. זיי זײַנען געקומען א קוק טאָן, ווי מע הענגט באָלשעוויקעס.

דער שנײַ אונטער די פיס איז א ווייכער, דער וואלד איז פון אים גראָ, די ביימער זײַנען פּונקט ווי מיט וואטע באשאָטן. שנייעלעך דרייען זיך, לאָזן זיך לאנגזאם אראָפּ, צעגייען אפ אונדזערע הייסע פּענעמער, און דאָס טרעפל איז מיט שנײַ פארשאָטן. אלע זײַנע מיר קימאט הוילע, אָבער קיינער פילט ניט די קעלט. סטעפּאנאָוו באמערקט אפילע ניט, אז ער שטייט אין איינע סקארפּעטקעס.

בא דער טליִע שטייען דער מיליטערישער פּראָקוראָר און די העכערע באַאמטע. ענדלעך האָט מען פון טורמע ארויסגעפירט וואליען און יענע צוויי כאווײרים, וואָס מע האָט פארורטיילט צום הענגען. זיי האָבן זיך אלע דרײַ גענומען אונטער די הענט. וואליע אינמיטן, זי האָט קיין קויעך ניט געהאט צו גיין, די כאווײרים האָבן זי אונטערגעהאלטן, און זי באמיט זיך גיין גלײַך, געדענקענדיק סטעפּאנאָווס ווערטער: „שטארבן דארף מען פײַן". אָן א מאנטל איז זי געווען, אין א געשטריקטן יאקל.

שוואַרקאָווסקען איז, ווײַזט אויס, ניט געפעלן געוואָרן, וואָס זיי זײַנען געגאנגען געאָרעמט. ער האָט א שטויס געטאָן די גייענדיקע. וואליע האָט עפּעס געזאָגט, און פאר דעם דאָזיקן וואָרט האָט איר א רײַטער־זשאנדארם האסטיק א זעץ געטאָן מיט דער נאהײַקע איבערן פּאָנעם.

עס האָט זיך שרעקלעך צעשריִען אין האמוין עפּעס א פרוי. זי האָט זיך געוואָרפן אין א ווילדן געיאָמער. זי האָט זיך געריסן דורך דער קייט צו די גייענדיקע, אָבער מע האָט זי געכאפּט און ערגעץ אוועקגעשלעפּט. מיסטאָמע וואליעס מאמע: ווען זיי זײַנען געווען ניט ווײַט פון דער טליִע, האָט וואליע אָנגעהויבן זינגען. איך האָב קיינמאָל ניט געהערט אזא שטימע — מיט אזא לײַדנשאפט קען זינגען בלויז דער, וואָס גייט צו דער טליִע. זי האָט אָנגעהויבן זינגען די „ווארשאוויאנקע"; אירע כאווײרים האָבן אויך אונטערגעכאפּט. די נאהײַקעס פון די רײַטער האָבן געשמיסן; מע האָט זיי געשלאָגן מיט א טעמפּער ווילדקײַט. אָבער זיי האָבן ווי ניט געפילט די קלעפּ.

שלײַדערנדיק אָן דער ערד, האָט מען זײ געשלעפּט צו דער טליָע, װי זעק. גיך האָט מען דורכגעלײענט דעם אורטײל און אָנגעהױבן זײ אַרײַנרוקן אין די שלײפן. דעמלט האָבן מיר געגומען זינגען:

„שטײט אױף, איר אַלע, װער װי שקלאַפן...״

מע האָט זיך צו אונדז אַ װאָרף געטאָן פון אַלע זײַטן. איך האָב בלױז געזען, װי אַ סאָלדאַט האָט מיטן קאָלבן אַ שטױס געטאָן דעם סלופּיק פונעם טרעפּל, און אַלע דרײַ זײַנען געבליבן הענגען אַף די טליָעס...

אונדז, די צען, האָט מען שױן באַם סאַמע װענטל דורכגעלײענט דעם אורטײל, לױט װעלכן די טױט־שטראָף איז אונדז אַדאַנק דער גענעראַלישער גוטהאַרציקײַט פאַרביטן געװאָרן אַף צװאַנציק יאָר קאַטערגע. די איבעריקע זיבעצן מאַן האָט מען צעשאָסן.

שמועל האָט אַ ריס געטאָן דעם קאָלנער פון העמדל, פונקט װי עס װאָלט אים געשטיקט אין האַלדז.

— דרײַ טעג האָט מען די געהאַנגענע ניט אַראָפּגענומען פון דער טליָע. באַ דער טליָע איז טאָג װי נאַכט געשטאַנען אַ פּאַטרול. נאָכדעם האָט מען צו אונדז אין טורמע געבראַכט נײַע אַרעסטירטע. זײ האָבן דערצײלט: „אַפן פערטן טאָג האָט זיך אָפּגעריסן דער כאַװער טאָבאָלדין, דער סאַמע שװערער, דעמלט ערשט האָט מען אַראָפּגענומען די איבעריקע און דאָ טאַקע באַגראָבן״.

אָבער די טליָע איז געשטאַנען די גאַנצע צײַט. און װען מע האָט אונדז געפירט אַהער, האָבן מיר זי געזען. אַזױ שטײט זי מיט די שלײפן, װאַרטנדיק אַף נײַע קאָרבאָנעס.

שמועל איז אַנשװיגן געװאָרן, קוקנדיק מיט אַן אומבאַװעגלעכן בליק ערגעץ אין דער װײַט. פּאַװעל האָט ניט באַמערקט, אַז ער האָט געענדיקט דערצײלן.

פאַר זײַנע אױגן זײַנען אױפגעשטאַנען דרײַ מענטשלעכע קערפּערס, װאָס האָבן זיך שטום געװיגט מיט שרעקלעכע, פאַרװאָרפענע קעפּ אָנאַזײַט.

אַפן גאַס האָט מען שטאַרק געשפּילט צום זאַמל־פּונקט. דער דאָזיקער קלאַנג האָט פּאַװלען געצװוּנגען אױפװאַכן. ער האָט שטיל, קױם װאָס מע האָט געהערט, געזאָגט:

— לאָמיר גײן פונדאַנען, שמועל!

איבערן גאַס זײַנען, אַרומגערינגלט פון אַ קאַװאַלעריע־קײט, געגאַנגען פּױלישע סאָלדאַטן. באַם טורמע־טױער איז געשטאַנען דער פּאָלק־קאָמיסאַר, װאָס האָט פאַרענדיקט שרײַבן אין פעלד־ביכל אַ באַפעל.

— נעמט, כאַװער אַנטיפּאָװ, — האָט ער איבערגעגעבן דאָס צעטעלע דעם ברײטפּלײציקן עסקאַדראָן־קאָמאַנדיר. — שיקט אַרױס אַ ראַזיעזד און פירט אָפּ אַלע געפאַנגענע אַף נאָװאָגראַד־װאָלינסק. די פאַרװונדעטע באַנדאַזשירן, אַרײַנלײגן אין פורן און אױך אָפּשיקן אין דער זעלבער ריכטונג. פירט אָפּ אַ װיאָרסט צװאַנציק פון שטאָט און זאָלן זײ זיך גײן װײַטער. מיר האָבן קײן

צײַט ניט צו פארנעמענ זיכ מיט זיי. זעט, אז קיינע שום גראָבקײַטנ זאָלנ מיט די געפאנגענע ניט באגאנגענ ווערנ.

פאוועל האָט זיכ א זעצ געטאָנ אינ זאָטל אונ זיכ אויסגעקירעוועט צו שמועלנ:

— האָסט געהערט? זיי אונדזערע—הענגענ, אונ זיי דארפ מענ באגלייטנ צו די זייעריקע אָנ גראָבקײַטנ! ווו נעמט מענ קויכעס?

דער פאָלק־קאָמאנדיר האָט צו אימ א קער געטאָנ דעמ קאָפ, אופמערקזאמ זיכ אײַנגעקוקט. פאוועל האָט דערהערט פעסטע טרוקענע ווערטער, ארויסגעזאָגטע פונעמ פאָלק־קאָמאנדיר אזוי ווי צו זיכ:

— פאר אכזאָריעסדיקער באציִונג צו אומבאוואָפנטע געפאנגענע וועלנ מיר צעשיסנ. מיר זײַנענ ניט קיינ ווײַסע!

אונ אָפּפאָרנדיק פונ טויער, האָט זיכ פאוועל דערמאָנט די לעצטע ווערטער אינעמ באפעל פונ רעוומילראט, וועלכע מע האָט דורכגעלייענט פארנ גאנצנ פאָלק:

„דאָס ארבעטער־פויערישע לאנד האָט ליב זײַנ רויטע ארמיי. עס שטאָלצירט מיט איר. עס פאָדערט, אז אפ איר פאָנ זאָל ניט זײַנ קיינ איינ פלעק“.

— קיינ איינ פלעק,—האָבנ פאוועלס ליפנ געשעפטשעט.

*

אינ דער זעלבער צײַט, ווענ די פערטע קאוואלעריע־דיוויזיע האָט גענומענ זשיטאָמיר, האָט אינ ראיאָנ פונעמ דאָרפ אָקונינאָוואָ פאָרסירט דעמ דניעפּער די צוואנציקסטע בריגאדע פונ דער זיבעטער שיסער־דיוויזיע, וועלכע איז ארײַנגעגאנגענ אינ באשטאנד פונ כאוועד גאָליקאָווס שלאָג־גרופּע.

דער גרופּע, וואָס איז באשטאנענ פונ דער פינפ־אונ־צוואנציקסטער שיסער־דיוויזיע אונ פונ דער באשקירער קאוואלערישער בריגאדע, איז באפוילנ געוואָרנ אריבערגיינ דעמ דניעפּער אונ איבערשנײַדנ די אײַזנבאנליניע קיִעוו—קאָראָסטענ בא דער סטאנציע אירשא. מיטנ דאָזיקנ מאנעווער איז איבערגעשניטנ געוואָרנ פאר די פאָליאקנ דער איינציקער וועג פאר א צוריקמארש פונ קיִעוו. דאָ איז בײַסנ אריבערגיינ דעמ טײַכ אומבאמערקט אומגעקומענ דער מיטגליד פונ שעפּעטאָווקער קאָמיוגישער אָרגאניזאציע מישע לעוועשוקאָוו.

ווענ מע איז געלאָפנ איבערנ וואקלדיקנ פאָנטאָנ־בריק, איז פונ ערגעצ הינטער דעמ בארג דורכגעפלויגנ בייז שיפענדיק איבער די קעפּ א סנאריאד אונ צעריסנ דאָס וואסער אפ שטיקלעכ. אונ אינעמ זעלבנ אויגנבליק איז מישע פארשוווּנדנ אונטער א פאָנטאָנ־שיפל. דאָס וואסער האָט אימ אײַנגעשלונגענ אונ צוריק ניט אָפּגעגעבנ. בלויז דער בלאָנדער רויטארמייער יאקימענקאָ,

וואָס אינעם היטל מיטן אָפּגעריסענעם דאַשעק, האָט פאַרוווּנדערט אויסגע־שריִען:

— נעמט עס דער פייער! דאָס איז דאָך מישקע אונטערן וואַסער אַוועק, פאַרפאַלן דער יאַט, ווי מיטן צונג אָפּגעלעקט!—האָט ער זיך געוועזט אָפּגע־שטעלט, דערשראָקן פאַרקוקט זיך אינ דעם טונקעלן וואַסער, אָבער פונהינטן איז מען אָפּ אים אָנגעלאָפן, געשטויסן:

— חאַסטו זיך פאַרטראַכט, גוילעם? אַוועק ווייטער!

ניט געווען קיין צייט ווען צו קלערן וועגן דעם כאַווער. די בריגאַדע איז אַזוי אויך אָפּגעשטאַנען פון אַנדערע, וועלכע האָבן שוין פאַרנומען דעם רעכטן ברעג. און וועגן מישעס אומקום האָט זיך סעריאָזשע דערוווּסט ערשט אין פיר טעג אַרום, ווען די בריגאַדע האָט אין שלאַכט פאַרכאַפּט די סטאַנציע בוטש און, זיך א קער טוענדיק מיטן פראָנט צו קיִעוו, אויסגע־האַלטן פאַרביסענע אַטאַקעס פון די פּאָליאַקן, וואָס האָבן זיך געפּרוּווט דורכ־רייסן אָפּ קאָראָסטען.

אינ' קייט גלייך מיט סעריאָזשען האָט זיך אַוועקגעלייגט יאַקימענקאָ. איבערייסנדיק די ווילדע שיסעריי, האָט ער מיט מאַטערניש געעפנט דעם שלאָס פון דער צעגליטער ביקס, צוגעבויגן דעם קאָפּ צו דער ערד און זיך א קער געטאָן צו סעריאָזשען:

— די ביקס נייטיקט זיך אין אָפּרו, זי ברענט ווי פייער!

סערגיי האָט איבער דער שיסעריי קוים געהערט וואָס ער האָט געזאָגט. ווען עס איז אַביסל שטילער געוואָרן, האָט יאַקימענקאָ, ווי פאַרבייגייענדיק, א זאָג געטאָן:

— און דער כאַווער דיינער איז דערטרונקען געוואָרן אין דניעפּער, איך האָב זיך גאָר ניט אַרומגעזען, ווי ער איז אַוועק אונטערן וואַסער,—האָט ער פאַרענדיקט זיינע רייד. ער האָט א טאַפּ געטאָן מיט דער האַנט דעם שלאָס, אַרויסגענומען פון פאַטראָנטאַש א קלאַמער מיט קוילן און גענומען זאַכלעך אַריינשטעלן זי אין דעם מאַגאַזין־שאַכטל.

*

די עלפטע דיוויזיע, וואָס איז געגאַנגען פאַרנעמען בערדיטשעוו, האָט אין שטאָט אָנגעטראָפן אָפּ א פאַרביטערטן ווידערשטאַנד פון די פּאָ־ליאַקן.

אָפּ די גאַסן האָט זיך פאַרוויקלט א בלוטיקע שלאַכט. פאַרצאַמענדיק דעם חעג די רייטער, האָבן געקנאַלט די קוילנוואַרפער. אָבער די שטאָט איז גענומען געוואָרן, און די רעשטלעך פונעם צעקלאַפּטן פוילישן מיליטער זיינען אַנטלאָפן. אַפּן וואָקזאַל האָט מען פאַרכאַפּט עשעלאָנען. אָבער דער סאַמע שרעקלעכער קלאַפּ פאַר די פּאָליאַקן איז געווען דער אויפרייס פון א מיליאָן סנאַריאַדן,— דאָס איז געווען די פייער־באַזע פונעם פוילישן פראָנט.

אין שטאָט האָבן זיך די שניבן געשאָטן, ווי קליינע שטיינדלעך, און די הײַזער האָבן, ווי קאַרדאָנענע, געציטערט פון די אופרײַסן.

דער קלאַפּ איבער זשיטאָמיר און בערדיטשעוו איז פאַר די פּאָליאַקן געווען א קלאַפּ פון טיל, און זיי זײַנען אין צוויי שטראָמען אײַליק געלאָפן פון קיִעוו, זיי האָבן פאַרביסן זיך דורכגעשלאָגן א וועג דורכן אײַזערנעם רינג.

פּאַוועל האָט פאַרלאָרן דעם געפיל פון אַן אייַנצלנער פערזאָן. די דאָזיקע אַלע טעג זײַנען געווען אָנגעפילט מיט הייסע געראַנגלען. ער, קאָרטשאַגין, איז צעשמאָלצן געוואָרן אין דער מאַסע, און ווי יעדערער פון די קעמפער, האָט ער פאַרגעסן דאָס וואָרט „איך", עס איז געבליבן בלויז „מיר": אונדזער פּאָלק, אונדזער עסקאַדראָן, אונדזער בריגאַדע.

און די געשעענישן האָבן געיאָגט מיט א שטורמישער שנעלקײַט. יעדער טאָג האָט געבראַכט נײַס.

די רײַטער־לאַווינע פון די בודיאָנאָווצעס האָט אומופהערלעך דערלאַנגט א קלאַפּ נאָך א קלאַפּ, צעריבן און כאָרעוו געמאַכט דעם גאַנצן פּוילישן טיל. באַגײַסטערטע פון זיג, האָבן זיך די קאַוואַלעריע־דיוויזיעס געוואָרפן מיט איימעדיקן צאָרן אין אַטאַקע אפ נאָוואָגראַד־וואָלינסק — דאָס האַרץ פונעם פּוילישן טיל.

אָפּפליסנדיק אפ צוריק, ווי א כוואַליע פון א הויכן ברעג, זײַנען זיי אָפּגעטראָטן און ווידער זיך געוואָרפן פאָרויס מיטן איימעדיקן „דערלאַנג!"

עס האָט גאָרנישט געהאָלפן די פּאָליאַקן: ניט די נעצן פון דראָט־פאַרצאַמונג, ניט דער פאַרביטערטער ווידערשטאַנד פונעם גאַרניזאָן, וואָס האָט זיך פאַרפעסטיקט אין שטאָט. אינדערפרי דעם 27־טן יוני, אַריבערגייענדיק אין רײַטער־אָרדענונג דעם טײַך סלוטש, האָב די בודיאָנאָווצעס זיך אַרײַנגעריסן אין נאָוואָגראַד־וואָלינסק און פאַרפאָלגט די פּאָליאַקן אין דער ריכטונג צו דעם שטעטל קאָרעץ. אין דער זעלבער צײַט איז יאַקירס 45־טע דיוויזיע איבערגעגאַנגען דעם טײַך סלוטש בא נײַ־מיראָפּאָל, און קאָטאָווסקיס קאַוואַלעריע־בריגאַדע האָט זיך געוואָרפן אפן שטעטל ליובאַר.

די ראַדיאָ־סטאַנציע פון דער ערשטער רײַטער־אַרמיי האָט אופגענומען דעם באַפעל פונעם פראָנט־קאָמאַנדיר: ריכטן די גאַנצע קאַוואַלעריע אפ פאַרכאַפּן ראָוונע. דער אַקשאָנעסדיקער אָנגריף פון די רויטע דיוויזיעס האָט געיאָגט די פּאָליאַקן אין צעוואָרפענע, דעמאָראַליזירטע גרופּעס, וואָס האָבן זיך געזוכט א רעטונג.

איינמאָל, געשיקט פונעם קאָמבריג אפ דער סטאַנציע, וווּ עס איז געשטאַנען א פאַנצערצוג, האָט פּאַוועל זיך באַגעגנט מיט דעם, מיט וועמען ער האָט בעשומויפן ניט געטראַכט באַגעגענען זיך. דער פערד זײַנער האָט זיך צעיאָגט און איז אַרופ אפן אָנשיט. פּאַוועל האָט אָנגעצויגן דאָס צײַמל לעבן פאָדערשטן גרוי־געפאַרבטן וואַגאָן. א גרויזאַמער אין זײַן ניטצוטריטלעכקײַט, מיט די שוואַרצע העלדזער פון האַרמאַטן, באַהאַלטענע אין די טורעמס, איז געשטאַנען דער פאַנצערצוג. לעבן אים האָבן זיך געפּאָרקעט עטלעכע

אײַנגעשמירטע פיגורן, װעלכע האָבן אופגעהױבן א שװערן שטאָלענעם פאַנ־צער פון די רעדער.

— װי קען מען געפינען דעם קאָמאנדיר פון פאנצערצוג? — האָט פּאַ־װעל געפרעגט בא א רױטארמײער אין א לעדערנעם רעקל, װאָס האָט גע־טראָגן אן עמער װאסער.

— אָן דאָרטן, — האָט יענער אָנגעװיזן אפן לאָקאָמאָטיװ.

אָפּגעשטעלט זיך באם לאָקאָמאָטיװ, האָט קאָרטשאגין געפרעגט:

— װער איז דער קאָמאנדיר?

צו אים האָט זיך א קער געטאָן אײנער א געשטופּלטער, אן אָנגעטאָ־ענער אין לעדער פון קאָפּ ביז די פיס.

— איך!

פּאװעל האָט ארױסגענומען פון קעשענע א פּאקעט.

— אָט איז א באפעל פון קאָמבריג. שרײַבט זיך אונטער אפן קאָנװערט.

דער קאָמאנדיר האָט אװעקגעלײגט דעם קאָנװערט אפ די קני און האָט זיך אונטערגעשריבן. בא דער מיטלסטער ראָד פון לאָקאָמאָטיװ האָט זיך גע־פּאָרקעט מיט אן אײלגיסער עפּעס א פיגור. פּאװעל האָט געזען בלױז זײַנע ברײטע פּלײצע. פון קעשענע פון זײַנע לעדערנע הױזן האָט געסטארטשעט דאָס הענטל פון א נאהאן.

— נא, אָט האָסטו די אונטערשריפט, — האָט פּאװלען דערלאנגט דעם קאָנ־װערט דער מענטש אין דעם לעדערנעם רעקל.

פּאװעל האָט גענומען די לײצעס, גרײט אָפּצופאָרן. דער מענטש באם לאָקאָמאָטיװ האָט זיך אױסגעגליכן אין דער גאנצער גרײס און זיך געגעבן א קער אפהינטער. אין דער זעלבער מינוט איז פּאװעל אראָפּגעשפּרונגען פון פערד, פּונקט װי עס װאָלט אים אראָפּגעבלאָזן דער װינט.

— ארטיאָם, ברודערקע!

דער מאשיניסט, אױסגעשמירט אינגאנצן אין מאזוט, האָט גיך אװעקגע־שטעלט זײַן אײלגיסער און אײַנגעקלאמערט אין זײַנע בערישע אָרעמס דעם יונגן רױטארמײער.

— פּאװקע! מענװל! דאָס ביסטו דאָך! — האָט ער אױסגעשריִען, ניט גלױבנ־דיק זײַנע אײגענע אױגן.

דער קאָמאנדיר פון פּאנצערצוג האָט מיט פארװונדערונג געקוקט אפ דער דאָזיקער סצענע. די רױטארמײער ארטילעריסטן האָבן זיך צעלאכט:

— זעסט, ברידער האָבן זיך באגעגנט.

*

דעם 19־טן אװגוסט האָט פּאװעל אין ראיאָן פון לעמבערג פארלאָרן אין שלאכט דאָס היטל. ער האָט אָפּגעשטעלט דעם פערד, אָבער פאָרױס האָבן זיך שױן די עסקאדראָנען געשניטן מיט די רײען פּאָליאקן. צװישן די קוסטעס

פון טאָל איז געפלויגן דעמידאָוו. ער האָט געיאָגט אראָפּ צום טײַך, שרײַענ־דיק בײסן רײַטן:

— דעם נאטשדיוו האָט מען געהארגעט!

פאוועל האָט אופגעציטערט. אומגעקומענ לעטונאָוו, זײַנ העלדישער קאָמ־דיוו, א כאוועך א העלדיש דרייסטער. פאוולענ האָט ארומגעכאפט א וויל־דער קאַעס.

א שנײַד געטאָן מיטנ טעמפּנ עק פונעם שווערד איבערנ אויסגעמאַ־טערטנ גניעדקאָ, בא וועלכנ דאָס צײַמל איז געווענ פארבלוטיקט, האָט ער אוועקגעריטנ אינ דער סאמע געדיכטעניש פונעם געראנגל.

— דערלאנג זיי, די אויסוורפנ! האק זיי! שלאָג די פּוילישע שליאכטע! לעטונאָוונ האָט מענ געהארגעט!—אונ בלינדערהייט, ניט זעענדיק זײַנ קאָרבנ, האָט ער א שניט געטאָנ איבער א פיגור אינ א גרינעם מונדיר. די עסקאַד־ראָנצעס, צעקאָכטע פונ דעם, וואָס מע האָט געהארגעט דעם נאטשדיוו, האָבנ צעשעטקעוועט א וווואָד לעגיאָנערנ.

זיי האָבנ ארויסגעריטנ אינ פעלד, נאָכיאָגנדיק זיך נאָך די אנטלויפנ־דיקע, אָבער איבער זיי האָט שוינ געשאָסנ א באטארייע. די שראפּנעלנ האָבנ געריסנ די לופט אונ געשפּריצט מיט טויט.

פאר פאוועלס אויגנ האָט ווי מיט מאגני אופגעפלאמט א גרינער פלאם, ווי א דונער האָט א זעץ געטאָן אינ די אויערנ, ווי מיט געגליטנ אײַזנ האָט א ברענ געטאָנ דער קאָפּ. שרעקלעך, אומפארשטענדלעך האָט זיך א דריי געטאָנ די ערד, זיך גענומענ פארדרייענ אונ זיך א קער געטאָנ אָנאַזײַט.

פאוולענ האָט, ווי א שטרויעלע, ארויסגעשלײַדערט פונ זאָטל. איבער־פליִענדיק איבער גניעדקעס קאָפּ, האָט ער זיך שווער א זעץ געטאָנ אָנ דער ערד.

אונ מיטאמאָל איז געוואָרנ נאכט.

ניינטער קאפּיטל

בא א ספּרוט איז דאָס אויג אויסגעגלאָצט, די גרייס ווי דער קאָפּ פון א קאַץ, א טונקל־רויטס, דער מיטן איז גרין, עס ברענט, פינקלט מיט לעבעדיקן ליכט. דער ספּרוט פאַרקעט זיך מיט צענדליקער טאַפּ־פינגער: ווי א קנײַלכל שלאַנגען דרייען זיי זיך, עקלהאַפט שאַרכענדיק מיט די שופּן פון דער הויט. דער ספּרוט באַוועגט זיך. ער, פּאַוועל, זעט דעם ספּרוט קימאַט פאַר די סאַמע אויגן זײַנע. די טאַפּ־פינגער קריכן איבערן לײַב, זיי זײַנען קאַלטע און ברענען ווי קראָפּעווע. דער ספּרוט ציט אויס דעם גיפט־צאָן און ער זויגט זיך אײַן, ווי א פּיאַווקע, אין קאָפּ און, פיבערהאַפט אויפקאָרטשענדיק זיך, זויגט ער אין זיך זײַן בלוט. ער פילט, ווי דאָס בלוט גיסט זיך איבער פון זײַן קערפּער אינעם אָנגעקוואָלענעם קערפּער פונעם ספּרוט. און דער גיפט־צאָן זויגט, זויגט, און דאָרטן, וווּ ער האָט זיך אײַנגעזויגן אין קאָפּ, איז אַן אומדערטרעגלעכער ווייטעק.

ערגעץ־ווו, ווײַט־ווײַט, הערן זיך מענטשלעכע שטימען:

— וואָס פאַר א פּולס איז] בא אים איצט?—און נאָך שטילער ענטפערט א צווייטע, א פרויען-שטימע:

דער פּולס איז בא אים הונדערט אכט און דרײַסיק. די טעמפּעראַטור ניין און דרײַסיק מיט פינף. די גאַנצע צײַט רעדט ער פון היץ.

— דער ספּרוט איז פאַרשווונדן. אָבער דער ווייטעק פונעם גיפט־צאָן איז פאַרבליבן. פּאַוועל פילט: עמעצנס פינגער רירן זיך צו אים צו העכער פון דער דלאָניע. ער סטאַרעט זיך עפענען די אויגן, אָבער די אויגן־לעפּלעך זײַנען אַזוי שווער, אַז עס איז ניטאָ קיין קויעך זיי צו עפענען. פון וואָס איז אים אַזוי הייס? די מאַמע האָט אוואַדע אויסגעהייצט דעם אויוון. אָבער ווידער ריידן ערגעץ־ווו מענטשן:

— דער פּולס איז איצטער הונדערט צוויי און צוואַנציק.

ער פּרוווט עפענען די אויגן־לעפּלעך, און אינווייניק איז פײַער. דערשטיקט צו ווערן.

טרינקען, ווי עס ווילט זיך טרינקען! ער וועט באַלד אופשטיין, זיך אָנטרינקען. אָבער פאַרוואָס שטייט ער ניט אויף? ער האָט בלויז געוואָלט זיך א ריר טאָן, איז אָבער דער קערפּער א פרעמדער. ער פאָלגט ניט. עס איז ניט

זײַן קערפּער. די מאַמע װעט באַלד ברענגען װאַסער. ער װעט איר זאָגן: „איך װיל װאַסער". עפּעס פּאָרקעט זיך דאָ לעבן אים. צי איז עס ניט װידער דער ספרוט? אָט איז ער, אָט איז דער רױטער קאָליר פֿון זײַנע אױגן...

פֿונװײַטן הערט זיך אַ שטילע שטימע:

— פּראָסיע, ברענגט װאַסער!

„װעמעס נאָמען איז עס?" שטרענגט זיך פּאַװעל אָן צו דערמאָנען, אָבער פֿון אָנשטרענגונג פֿאַלט ער אַרײַן אין אַ טהאָם. אַרױסגעשװומען פֿון דאָרטן און װידער זיך דערמאָנט: „כ'װיל טרינקען".

ער הערט שטימען:

— ער קומט, דאַכט זיך, צו זיך.

און שױן בולעטער, נעענטער אַ צאַרטע שטימע:

— איר װילט טרינקען, קראַנקער?

„צי דען בין איך אַ קראַנקער, אָדער מע רעדט עס ניט צו מיר? אהא, איך בין קראַנק אױף טיפוס, אָט װאָס". און צום דריטן מאָל פּרוּװט ער עפֿענען די אױגן־לעפּלעך. ענדלעך גיט זיך עס אײַן. דאָס ערשטע, װאָס ער האָט דערפֿילט אין דעם שמאָלן שפּאַלט פֿונעם אופֿגעעפֿנטן אױג — דאָס איז אַ רױטער קײַלעך איבערן קאָפּ, און אָט דעקט אים צו עפּעס אַ טונקעלעס. דאָס דאָזיקע טונקעלע בײגט זיך אָן צו אים, און די ליפּן דערפֿילן דעם האַרטן ברעג פֿון גלאָז און אַ פֿײַכטקײט, אַ באַלעבנדיקע פֿײַכטקײט. דער פֿײַער אינװײניק לעשט זיך אױס.

ער האָט באַפֿרידיקט אױסגעמורמלט:

— אָט איצט איז גוט.

— קראַנקער, איר זעט מיך?

דאָס פֿרעגט עפּעס אַ טונקלס, װאָס שטײט איבער אים, און, שױן אײַנדרעמלענדיק, באַװײַזט ער פֿונדעסטװעגן צו ענטפֿערן:

— איך זע ניט, נאָר איך הער...

— װער װאָלט גאָר געקענט זאָגן, אַז ער װעט בלײַבן לעבן? און ער, איר זעט, האָט זיך אַרױסגעקראַבקעט פֿון טױט. אַ װוּנדערלעך שטאַרקער אָרגאַניזם. איר, נינע װלאַדימיראָװנע, מעגט שטאָלצירן. איר האָט אים בוכשטעבלעך געראַטעװעט.

און אַ פֿרױען־שטימע זאָגט אופֿגערעגט:

— אָ, איך בין זײער צופֿרידן!

נאָך דרײַצן טעג ליגן אָן באַװוּסטזײַן איז קאָרטשאַגין געקומען צו זיך.

דער יונגער קערפּער האָט ניט געװאָלט שטאַרבן, און די קױכעס זײַנען אים לאַנגזאַם צוריקגעקומען. דאָס איז געװען דאָס צװײטע געבורט. אַלץ האָט אױסגעזען נײַ, אומגעװײנלעך. בלױז דער קאָפּ איז װי אַ גװאַלדיקע שװערקײט געלעגן אומבאַװעגלעך אין אַ גיפּסן־קעסטל. און עס איז ניט געװען

קיינ קויעכ אָפּצורוקנ אים פונ אָרט. אָבער עס האָט זיכ צוריקגעקערט דער געפיל פונ אייגענעם לײַב, ס'האָבנ זיכ שוינ צונויפגעדריקט אונ אָפּגעעפנט די פינגער פונ די הענט.

*

נינע וולאַדימיראָוונע, דער ייִנגסטער דאָקטער פונעם קלינישנ מיליטערישנ שפּיטאָל, האָט באַם קלײנעם טישל פונ איר קוואַדראַטישנ צימער געבלעטערט א דיקע העפט אינ א פיִאָלעטער הילע. אינ איר זײַנענ מיט קלײנע בוכשטאבנ, אָנגענויגטע אפ פּאָרויס, געווענ פארצייכנט קורצע נאָטיצנ:

26 אוגוסט 1920 יאָר.

הײַנט האָט מענ צו אונדז פונ סאניטאר-צוג געבראכט א גרופּע שווער-פארווונדעטע. אפנ בעטל, וואָס אינ ווינקל באַם פענצטער, האָט מענ אוועקגעלייגט א רויטארמייער מיט א צעהארגעטנ קאָפּ. אים איז אינגאנצנ זיבעצנ יאָר. מע האָט מיר איבערגעגעבנ א פּעקל זײַנע דאָקומענטנ, וואָס מע האָט געפונענ באַ אים אינ די קעשענעס. זיי זײַנענ געלעגנ אינ א קאָנווערט צוזאמענ מיט מעדיצינישע ספּראווקעס. זײַנ פאמיליע איז קאָרטשאגינ, פּאוועל אנדרייעוויטש. דאָרטנ זײַנענ געווענ: א צעריבנ בילעטל נומ. 967 פונ קאָמוניסטישנ יוגנט-פארבאנד פונ אוקראַיִנע, א צעריסנ רויטארמייִש ביכל, אנ אויסצוג פונ באפעל איבערנ פּאָלק. אינ אים ווערט געזאָגט, אז דעמ רויטארמייער קאָרטשאגינ ווערט פאר מוטיק אויספילנ די אויספירונג דערקלערט א דאנק. אונ א צעטעלע, געשריבנ, ווײַזט אויס, מיט דער האנט פונעם אייגנטימער:

„איכ בעט די כאווירים, אינ פאל פונ מײַנ טויט, צו וויסנ געבנ מײַנע היימישע: שטאָט שעפּעטאָווקע, דעפּאָ, דעמ שלאָסער ארטיאָמ קאָרטשאגינ".

פונ דעמ מאָמענט, זינט ער איז פארוווּנדעט געוואָרנ דורכ א שפּליטער, פונעמ 19-טנ אוגוסט אָנ, ליגט דער פארוווּנדעטער אָנ באוווּסטזײַנ. מאָרגנ וועט אים באט-אכטנ אנאטאָלי סטעפּאנאָוויטש.

27 אוגוסט.

הײַנט האָט מענ באטראכט קאָרטשאגינס ווונד. זי איז זייער א טיפע. עס איז דורכגעבראָכנ דער שארבנ. צוליב דעמ איז פאראליזירט די גאנצע רעכטע זײַט פונ קאָפּ. אינ רעכטנ אויג איז א בלוט-אויסגיסונג. דאָס אויג איז אָנגעשוואָלנ.

אנאטאָלי סטעפּאנאָוויטש האָט געוואָלט דאָס אויג ארויסנעמענ, קעדיי אויסצומײַדנ אָנצינדונג, אָבער איכ האָב אים אײַנגערעדט, ער זאָל דאָס ניט טאָנ, קאָלזמאנ עס איז פאראנ א האָפענונג, אז די געשווילעכץ וועט זיכ פארקלענערנ. ער האָט אײַנגעשטימט.

מיט מיר האָט אָנגעפירט אויסשליסלעכ דער עסטעטישער געפיל. אויב דער יונג וועט געוונט ווערנ, איז צו וואָס מאכנ אים פאר א קריפּל מיטנ ארויסנעמענ דאָס אויג?

דער פארוווּנדעטער רעדט די גאנצע צײַט פונ היצ, וואָרפט זיכ. לעבנ אים קומט אויס נאָכאנאנד צו דעזשורענ. איכ גיב אים אָפּ אסאכ צײַט. מיר איז זייער א שאָד זײַנ יוגנט, אונ איכ וויל זי ארויסרײַסנ באַ דעמ טויט, אויב עס וועט זיכ מיר אײַנגעבנ.

נעכטן בין איך געווען עטלעכע שעה אין פּאַלאַטע נאָך מײַן סמענע; ער איז דער סאַמע שווערסטער כוליע. איך הער זיך צו צו זײַן ריידן פון היץ. אַן אַנדערשמאָל רעדט ער פון היץ, פונקט ווי ער וואָלט עפּעס דערציילט.

איך דערוויס זיך אַסאַך פון זײַן לעבן. אָבער אַן אַנדערשמאָל זידלט ער זיך אוי־מעדיק. די דאָזיקע זידלערײַ איז אַ געפערלעכע. מיר איז עפּעס ווייטעקדיק צו הערן פון אים אַזעלכע שרעקלעכע זידלערײַען. אַנאַטאָלי סטעפּאַנאָוויטש זאָגט, אַז ער וועט ניט אויסהאַלטן. דער אַלטער בורטשעט מיט קאַעס: „איך פאַרשטיי ניט, ווי קען מען עס מאַמעש קינדער צונעמען אין אַרמיי? דאָס איז אומדערהערט“.

30 אווגוסט.

קאָרטשאַגין איז נאָך אַלץ ניט געקומען צו זיך. ער ליגט אין דער באַזונ־דערער פּאַלאַטע, דאָרטן ליגן שטאַרבנדיקע. לעבן אים, קימאַט ניט אָפּטרעטנדיק, זיצט די סאַניטאַרקע פראָסיע. עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז זי קען אים. זיי האָבן גאָר אַמאָל געאַרבעט צוזאַמען. מיט וואָס פאַר אַ וואַרעמער אויפמערקזאַמקייט זי באַציט זיך צום דאָזיקן קראַנקן! איצט פיל איך אויך, אַז זײַן לאַגע איז האָפּענונגלאָז.

2 סענטיאַבער.

עלף אַזייגער אין אָוונט. הײַנט איז בײַ מיר אַן אויסגעצייכנטער טאָג. מײַן קראַנקער, קאָרטשאַגין, איז געקומען צו זיך, אָפּגעלעבט. שוין דאָ אַ האָפענונג אָפּ לעבן. די לעצטע צוויי טעג בין איך ניט געגאַנגען אַהיים.

איצט קען איך ניט איבערגעבן מײַן פרייד, וואָס נאָך איינער איז געראַטע־וועט. אין אונדזער פּאַלאַטע איז מיט איינעם טויט ווייניקער. אין מײַן אויסמאַטערנ־דיקער אַרבעט איז דאָס סאַמע פריידיקע—דאָס געזונט ווערן פון קראַנקע. זיי בינדן זיך צו צו מיר, ווי קינדער.

זייער פרײַנטשאַפט איז אָפנהערציק און פּאָשעט, און ווען מיר צעשיידן זיך, וויין איך אַפילע אַמאָל. דאָס איז אַביסל לעכערלעך, אָבער דאָס איז אַן עמעס.

10 סענטיאַבער.

איך האָב הײַנט אָנגעשריבן קאָרטשאַגינען דעם ערשטן בריוו צו זײַנע היימיקע. ער שרײַבט, אַז ער איז לײַכט פאַרוווּנדעט, וועט אינגיכן זיך אויסהיילן און קומען צו פאָרן; ער האָט פאַרלאָרן אַסאַך בלוט, איז בלייך, ווי וואַטע, ער איז נאָך זייער שלאַף.

14 סענטיאַבער.

קאָרטשאַגין האָט צום ערשטן מאָל אַ שמייכל בעטאָן. אַ שמייכל איז בײַ אים אַ גוטער. געוויינלעך איז ער ניט נאָך די יאָרן נאָך שטרענג. ער פאַריכט זיך מיט אַ וווּנדערבאַרער שנעלקײַט. מיט פראָסיען איז ער אַ כאַווער. איך זע זי אָפט בײַ זײַן בעטל. זי האָט אים, ווײַזט אויס, דערציילט וועגן מיר, פאַרשטייט זיך, געלויבט מער ווי דאָס איז, און דער קראַנקער באַגעגנט מײַן אָנקומען מיט אַ קוים באַמערקבאַרן שמייכל. נעכטן האָט ער געפרעגט:

— וואָס זײַנען עס, דאָקטער, בײַ אײַך פאַראַ שוואַרצע פלעקן אָפּ דער האַנט?

איך האָב פאַרשוויגן, אַז דאָס זײַנען שפּורן פון זײַנע פינגער, מיט וועלכע ער האָט ביז ווייטעק פאַרדריקט מײַן האַנט בייס ער איז געלעגן אין היץ.

17 סענטיאבער.

די ווונד אפ קאָרטשאגינס שטערנ זעט אויס גוט. אונדז, דאָקטוירים, דערשטוינט דער דאָזיקער ווירקלעכ גרענעצלאָזער געדולד, מיט וועלכנ דער פארוווּנדעטער טראָגט איבער די באנדאזשירונגענ.

געוויינלעכ אינ אזעלכע פאלנ הערט מענ אסאכ קרעכצנ אונ אסאכ קאפריזנ. ער אָבער שווייַגט, אונ ווענ מע באשמירט מיט יאָד די אופגערודערטע ווּנד, ציט ער זיכ אָנ ווי א סטרינע. אָפט פארלירט ער דעמ באוווּסטזייַנ. אָבער ביכלאל האָט ער פארנ גאנצנ פעריאָד קיינ איינ קרעכצ ניט געטאָנ. אלע ווייסנ שוינ אויב קאָרטשאגינ קרעכצט, הייסט עס, אז ער האָט פארלאָרנ דעמ באוווּסטזייַנ, פונ וואנענ קומט צו אימ אזא אייַנגעשפּארטקייַט? איכ ווייס ניט.

21 סענטיאבער.

קאָרטשאגינענ האָט מענ אפ א קליינ ווּעגעלע צומ ערשטנ מאָל ארויסגעפירט אפנ גרויסנ שפּימאָל־באלקאָנ. מיט וואָס פאר א זשעדנעקייַט ער האָט געקוקט אינ סאָד אריינ, מיט וואָס פאר א לאָהעטקייַט ער האָט געשלונגענ די פרישע לופט! אינ זייַנ קאָפּ, וואָס איז ארומגעבונדנ מיט מערליע, איז אנטבלויזט נאָר איינ אויג. דאָס דאָזיקע אויג, א פינקלדיקס אונ רירעוודיקס, האָט געקוקט אפ דער וועלט, גלייַכ עס וואָלט צומ ערשטנ מאָל געזענ זי.

26 סענטיאבער.

הייַנט האָט מענ מיכ ארויסגערופנ אונטנ אינ אופנעמ־צימער. דאָרטנ האָבנ מיכ באגעגנט צוויי מיידלעכ. איינע פונ זיי איז זייער א שיינע. זיי האָבנ געבעטנ א באגעגעניש מיט קאָרטשאגינענ. זייערער פאמיליעס: טאָניע טומאנאָווע אונ טאטיאנע בוראנאָווסקאיא. דער נאָמענ טאָניע איז מיר באוווּסט. אימ פלעגט אנ אנדערשמאָל קאָרטשאגינ דערמאָנענ פונ היצ. איכ האָב דערלויבט א באגעגעניש.

8 אָקטיאבער.

קאָרטשאגינ שפאצירט דאָס ערשטע מאָל זעלבשטענדיק אינ סאָד. ער האָט ניט איינ מאָל געפרעגט בא מיר, ווענ קענ ער זיכ ארויסשרייַבנ. איכ האָב געענטפערט, אז אינגיכנ. ביירע כאווערטעס קומענ צומ קראנקנ אינ יעדנ אופנעמ־טאָג. איכ ווייס, פארוואָס ער האָט ניט געקרעכצט אונ קרעכצט ביכלאל ניט. אפ מייַנ פראגע האָט ער געענטפערט:

— לייענט דעמ ראָמאנ „די בינ״, דעמלט וועט איר זיכ דערוויסנ.

14 אָקטיאבער.

קאָרטשאגינ האָט זיכ אויסגעשריבנ. מיר האָבנ זיכ מיט אימ צעזעגנט זייער ווארעמ. דער באנדאזש פונ די אויגנ איז ארונטערגענומענ. געבליבנ בלויז אפנ שטערנ, איינ אויג איז בלינד געוואָרנ, אָבער פונ אויסנ איז דער אויסזעענ א נאָרמאלער. מיר איז געווענ זייער שווער צו צעשיידנ זיכ מיטנ דאָזיקנ גוטנ כאווער.

אזוי איז שטענדיקנ זיי היילנ זיכ אויס אונ גייענ אוועק פונ אונדז, קעדייַ, מעגלעכ, מער זיכ ניט באגעגענענ. באמ געזעגענענ זיכ האָט ער געזאָגט:

— כייַ וואָלט בעסער בלינד ווערנ דאָס לינקע אויג, — ווי ווּעל איכ דאָס איצט שיסנ.

ער טראַכט נאָכ וועגנ פראָנט".

*

די ערשטע צײַט נאָכן לאזארעט האָט פאוועל געוווינט בא די בוראנאָוו־סקעס, ווו עס האָט זיך אָפגעשטעלט טאַניע.

ער האָט באלד געמאכט א פרווו ארײַנצוציִען טאַניען אין דער אלגעמײנער ארבעט. ער האָט זי אײַנגעלאדן אפ א שטאָטישער פארזאמלונג פון קאָמיוג. טאַניע האָט אײַנגעשטימט. אָבער ווען זי איז ארויס פון צימער, ווו זי האָט זיך אָנגעטאָן, האָט פאוועל פארביסן די ליפּן. זי איז געווען אָנגעטאָן זײער שײן, בעקיוון גרויסארטיק, און ער האָט זיך ניט באשלאָסן פירן זי צו זײַנע יאטן.

דעמלט טאקע איז פאָרגעקומען צווישן זיי דער ערשטער צוזאמענשטויס. אפ זײַן פראגע, פארוואָס זי האָט זיך אזוי אָנגעטאָן, האָט זי זיך באליי־דיקט:

— איך פאס זיך קײנמאָל ניט צו צום אלגעמײנעם טאָן: אויב דיר איז ניט באקוועם מיט מיר צו גײן וועל איך בלײַבן.

דעמלט טאקע, אין קלוב, איז אים שווער געווען צו זען זי אן אויסגע־פראנטעוועטע צווישן אָפגעקראָכענע גימנאסטיאָרקעס און בלוזקעס. כעוורע האָט טאַניען באטראכט פאר א פרעמדער. זי, פילנדיק עס, האָט געקוקט אפ אלעמען מיט ביטל און ארויסרופעריש.

דער סעקרעטאר פון קאָמיוג פונעם סכוירע־האפן, א פלייציקער באָכער אין א גראָב ברעזענטן העמדל, דער טרעגער פאנקראטאָוו, האָט אָפגערופן פאוועלען אָנאזײַט. ער האָט בייז א קוק געטאָן אפ פאוועלען; געוואָרפן א קרומען בליק אפ טאַניען און געזאָגט:

— דאָס האָסטו, אוואדע, געבראכט דאָס דאָזיקע פערל אהער?

— יע, איך,—האָט פארביסן געענטפערט קאָרטשאגין.

— נ־יע... —האָט אויסגעצויגן פאנקראטאָוו.—אן אויסזען האָט זי פאר אונדז ניט קײן פאסיקן, אפ בורזשואזיע ענלעך. ווי האָט מען זי דורכגעלאָזן אהער?

בא פאוועלען האָט אָנגעהויבן קלאפּן אין די שלײפן.

— דאָס איז מײַן כאווער, און איך האָב זי געבראכט אהער. פארשטײסט? זי איז א מענטש, וואָס איז אונדז קײן סוינע ניט. מערניט, וואָס זי פוצט זיך—דאָס איז עמעס, ניט שטענדיק אָבער דארף מען אן עטיקעטל אָנקלעפּן לויט דער קליידונג. איך פארשטיי אויך, ווען מען מעג ברענגען אהער, און אָנצילעווען זיך, כאווער, איז ניטאָ וואָס.

ער האָט געוואָלט זאָגן נאָך עפּעס א גראָבע זאך, אָבער ער האָט זיך אײַנגעהאלטן, פארשטײענדיק, אז פאנקראטאָוו זאָגט ארויס די אלגעמײנע מײנונג, און זײַן גאנצן קאעס האָט ער אריבערגעטראָגן אפ טאַניען.

„איך האָב דאָך איר געזאָגט! צו וואָסער קלאָג דארף מען דעם דאָזיקן אָנשטעל?“

דער דאָזיקער אָוונט איז געווענ אנ אָנהייב פונ סאָפ פונ זייער פרײַנטשאפט. מיט א געפיל פונ ביטערקײַט אונ פארווונדערונג האָט פאוועל געשפירט, ווי עס ברעכט זיכ אזא, דאכט זיכ, קרעפטיק־געפעסטיקטע פרײַנטשאפט.

עס זײַנעג אדורכ נאָכ עטלעכע טעג, אונ יעדער באגעגעניש, יעדער שמועס האָט ארײַנגעטראָגנ א נאָכ גרעסערע אָפגעפרעמדקײַט אונ א טויבע אומפרײַנטשאפט אינ זייערע באציִונגענ. טאָניעס ביליקער אינדיווידואליזם איז פאר פאוולענ געוואָרנ אומדערטרעגלעכ. די נייטיקײַט צו מאכנ א סאָפ איז געווענ קלאָר פארביידנ.

הײַנט זײַנענ זיי געקומענ ביידע אינ דעם סאָכרישנ סאָד, וואָס איז געווענ אויסגעשאָטנ מיט ברוינע בלעטער, קעדיי זאָגנ איינער דעם אנדערנ דאָס לעצטע וואָרט. זיי זײַנענ געשטאנענ בא דער באליוסטראדע איבערנ הויכנ אָפריס. אונטנ האָט מיט א גרויער וואסער־מאסע אָפגעגלאנצט דער דניעפער; קעגנ שטראָמ, פונ הינטער דעם ריזיקנ בריק, איז געקראָכנ א בוקסיר־שיפ, פאטשנדיק מיד איבערנ וואסער מיט די פליגלענ פונ די רעדער, אונ געשלעפט הינטער זיכ צוויי בײַכיקע בארזשעס. די פארגייענדיקע זונ האָט געפארבט מיט גאָלדענע פענדזלענ דעם טרוכאנאָוו־אינדזל אונ מיט העלנ פלאַם די שויבנ פונ די הײַזקעס.

טאָניע האָט געקוקט אפ די גאָלדענע שטראלנ אונ ארויסגעזאָגט מיט טיפנ טרויער:

— ניט שוינ וועט אונדזער פרײַנטשאפט אויסגעלאָשנ ווערנ, ווי עס ווערט איצט אויסגעלאָשנ די זונ?

ער האָט געקוקט אפ איר נאָכאנאנד; שטײַפ צונויפגעדריקט די ברעמענ, האָט ער שטיל געענטפערט:

— טאָניע, מיר האָבנ שוינ גערעדט וועגנ דעם. דו ווייסט געוויס, אז איכ האָב דיכ ליב געהאט, אונ איצט קענ זיכ נאָכ מײַנ ליבע אומקערנ, אָבער צוליב דעם דארפסטו איצט זײַנ מיט אונדז. איכ בינ איצט ניט יענער פאווליושע, וואָס פריִער. אונ איכ וועל זײַנ א שלעכטער מאנ, אויב דו האלטסט, אז איכ דארפ געהערנ פריִער דיר, אונ דערנאָכ דער פארטיי. אָבער איכ וועל געהערנ פריִער דער פארטיי, אונ דערנאָכ דיר אונ די אנדערע נאָענטע.

טאָניע האָט מיט אומעט געקוקט אפ דער בלויקײַט פונעמ טײַכ, אונ אירע אויגנ האָבנ זיכ אָנגעפילט מיט טרערנ.

פאוועל האָט געקוקט אפ איר באקאנטנ פראָפיל, אפ די געדיכטע קאשטאנענע האָר, אונ צום הארצנ איז צוגעפלאָסנ א שטראָמ מיטלייד צו דער מיידל, וואָס איז אמאָל געווענ אזוי טײַער אונ נאָענט.

ער האָט פאָרזיכטיק ארופגעלייגט זײַנ האנט אפ איר אקסל.

— ווארפ אוועק אלצ, וואָס עס בינדט דיכ. קומ צו אונדז. מיר וועלנ צוזאמענ אנ עק מאכנ צו די הארנ. בא אונדז זײַנענ דאָ אסאכ גוטע

מיידלעך, צוזאמענ מיט אונדז טראָגנ זיי די גאנצע שווערקייט פונעם פאר־ביטערטנ קאמפ, צוזאמענ מיט אונדז וועלנ זיי אריבערטראָגנ אלע שוועריקייטנ. זיי זײַנענ, עפשער, ניט אזעלכע געבילדעטע, ווי דו, אָבער פארוואָס, פארוואָס ווילסטו ניט זײַנ מיט אונדז? דו זאָגסט, אז דיר האָט טשושאָנינ געוואָלט נעמענ מיט גוואלד, אָבער דאָס איז דאָך אנ אויסנאָם, און ניט קיינ קעמפער. זאָגסט, מע האָט דיר באגעגנט ניט־פריינטלעך, אָבער צו וואָס האָסטו זיך אָנגעשטאָנ פונקט ווי אפ א בורזשואזנ באל? די גאדלעס האָט פונ דיר א שפאר געטאָנ. כ׳וועל זיך, הייסט עס, ניט צופּאסנ צו די דאָזיקע שמוציקע גימנאסטיאָרקעס. עס האָט דיר געסטײַעט מוט ליב צו קריגנ אנ ארבעטער, אָבער ליב קריגנ אנ אידיי קענסטו ניט. מיר איז א שאָד צו פאנאנדערגיינ זיך מיט דיר, עס וואָלט זיך דאפקע געוואָלט האָבנ פונ דיר א גוטנ אָנדענק.

ער איז אנשוויגנ געוואָרנ.

אפ מאָרגנ האָט פּאוועל אפנ גאס דערזענ א באפעל, אונטערגעשריבנ פונעם פּאָרזיצער פונ דער גובערניאַלער טשעקא זשוכרײַ. דאָס הארצ האָט בא אימ א ציטער געטאָנ. מיט גרויס מי האָט ער זיך אַרײַנגעריסנ צומ מאטראָס — מע האָט ניט אַרײַנגעלאָזנ. ער האָט געמאכט אזא טומל, אז די וואכ האָט זיך געקליבנ אימ ארעסטירנ. פונדעסטוועגנ האָט ער זיך דער־שלאָגנ זײַנס.

באגעגנט האָט ער זיך מיט פּיאָדאָרנ הייס. בא פּיאָדאָרנ האָט א סנאַ־ריאַד אָפּגעריסנ א האנט. באלד טאקע האָבנ זיי זיך דערעדט וועגנ דער ארבעט.

— מיר וועלנ דאָ מיט דיר שטיקנ די קאָנטרע, קאָלזומאנ דו האָסט נאָך ניט קיינ קויעכ צו גיינ אפנ פראָנט. מאָרגנ טאקע קום צו גיינ, — האָט זשוכרײַ געזאָגט.

*

דער קאַמפ מיט די ווײַסע פּאָליאקנ האָט זיך געענדיקט. די טיילנ פונ דער רויטער ארמיי, וואָס זײַנענ געווענ קימאט בא די ווענט פונ ווארשע, אויס־נוצנדיק אלע זייערע מאטעריעלע און פיזישע קויכעס, אָפּגעריסענע פונ זיי־ערע באזעס, האָבנ ניט געקאָנט אײַנעמענ דעמ לעצטנ באריער און זײַנענ אָפּגעטראָטנ אפ צוריק. עס האָט פּאסירט דער „נעס אפנ ווײַסל“, ווי עס רופנ אָנ די פּאָליאקנ דעמ צוריקמארש פונ די רויטע פונ ווארשע. דאָס ווײַספּריצישע פּוילנ איז געבליבנ לעבנ.

דעמ טרוימ וועגנ א פּוילישער סאָציאַליסטישער רעפּובליק האָט זיך דערווײַל ניט אײַנגעגעבנ צו פארווירקלעכנ.

דאָס לאנד, א פארגאָסענע מיט בלוט, האָט געפּאָדערט אנ אָטעמ־איבער־כאפּ.

פאַווּלען איז ניט אויסגעקומען צו זען זיך מיט די היימישע, ווײַל דאָס שטעטל שעפּעטאָווקע איז ווידער געווען פאַרנומען פון די ווײַספּאָליאַקן און איז געוואָרן די צײַטווײַליקע גרענעץ פון פראָנט. עס זײַנען געפירט געוואָרן שאָלעם־אונטערהאַנדלונגען. טאָג ווי נאַכט האָט פאַוועל פאַרבראַכט אין טשעקאַ, אויספילנדיק פאַרשיידענע אויפגאַבעס. געוווינט האָט ער אין פיאָדאָרס צימער. ווען פאַוועל האָט זיך דערוווּסט, אַז דאָס שטעטל האָבן פאַרנומען די פּױלישע, איז ער געוואָרן פאַרומערט.

— איז וואָס, פיאָדאָר, הייסט עס, אַז די מאַמע וועט בלײַבן אין אויסלאַנד, אויב דערמיט וועט זיך דער וואָפנשטילשטאַנד ענדיקן?

אָבער פיאָדאָר האָט אים באַרויִקט:

— מיסטאָמע וועט די גרענעץ דורכגיין מיטן האָרין, לענגויס דעם טײַך. אַזוי, אַז די שטאָט וועט בלײַבן בײַ אונדז. איבעריקנס וועלן מיר זיך דערוויסן.

פונעם פּױלישן פראָנט האָט מען אַף דאָרעם איבערגעוואָרפן דיוויזיעס. אויסנוצנדיק דעם אָטעם־איבערכאַפּ, איז פון קרים אַרויסגעקראָכן וראַנגעל. און אין דער צײַט, ווען די רעפּובליק האָט אָנגעשטרענגט אַלע קויכעס אַפן פּױלישן פראָנט, האָבן די וראַנגעלצעס זיך אַ רוק געטאָן פון דאָרעם אַף צאָפן, לענגויס דעם דניעפּער, און זיך דערנעענטערט צו יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע.

קעדיי ליקווידירן די דאָזיקע לעצטע קאָנטררעוואָליוציאָנערע נעסט, האָט דאָס לאַנד, זיך באַנוצט מיטן סאָף פון דער מילכאָמע מיט די פּאָליאַקן, איבערגעוואָרפן אַף קרים אירע אַרמייען.

דורך קיִעוו זײַנען אַף דאָרעם דורכגעגאַנגען עשעלאָנען, געלאָדענע מיט מענטשן, פורן, קיכן, האַרמאַטן. אין דער באַצירקישער טראַנספּאָרט־טשעקאַ איז געגאַנגען אַ פיבערהאַפטע אַרבעט. דער דאָזיקער גאַנצער שטראָם עשעלאָנען האָט געשאַפן „פּראָפּנס". די וואָקזאַלן זײַנען געוואָרן דעמלט אָנגעשטאָפּט, און די באַוועגונג איז אַראָפּגעריסן געוואָרן, ווײַל עס איז ניט געווען קיין איין פרײַע ליניע. און די אַפּאַראַטן האָבן אַרויסגעוואָרפן סטענגעס מיט אולטימאַטיווע טעלעגראַמעס. אין זיי פלעגט מען באַפוילן באַפרײַען דעם וועג פאַר אַזאַ און אַזאַ דיוויזיע. עס זײַנען געקראָכן אומענדלעכע פּאַסיקלעך, אין שטריכלעכע געשפּרענקלטע סטענגעס, און אין יעדערער פון זיי איז געווען „אויסער יעדער ריי... אין אָרדענונג פון שלאַכט־באַפעל... באַלד באַפרײַען דעם וועג..."

און קימאַט אין יעדערער פון זיי האָט מען געוואָרנט, אַז פאַר ניט אויספילן וועלן די שולדיקע איבערגעגעבן ווערן דעם רעוואָליוציאָנערן מיליטערישן טריבונאַל.

פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די פּראָפּנס איז געווען די באַצירקישע טראַנספּאָרט־טשעקאַ.

אַהער פלעגן זיך אַרײַנרײַסן מיט פאַרהויבענע נאַהאַנעס קאָמאַנדירן פון

טיילן, פאָדערנדיק באַלד דורכלאָזן זייערע עשעלאָנען פאָרויס אפן סמאָק פון אזא און אזא טעלעגראמע פונעם קאָמאַנדארם, אונטער אזא און אזא נו־מער.

קיינער פון זיי האָט ניט געוואָלט הערן, אז דאָס איז אוממעגלעך צו טאָן.

„די נעשאָמע פון דיר, און לאָז דורך פאָרויס!"

און עס פלעגט זיך אָנהייבן א שרעקלעכע זידלעריי. אין באזונדערס קאָמ־פליצירטע פאלן פלעגט מען דרינגענדיק ארויסרופן זשוכרייען, און דעמלט פלעגן די צעהיצטע מענטשן, וואָס זיינען נאָרוואָס גרייט געווען איינער דעם אנדערן דערשיסן, שטילער ווערן.

זשוכרייס אייזערנע פיגור, א קאלטע און רויקע, און די פעסטע שטימע, וואָס דערלאָזט ניט קיין דערווידערונגען, האָבן געצווונגען אריינצורוקן אין שייך די ארויסגענומענע נאהאנעס.

פאוועל פלעגט ארויס פון צימער אפן פעראָן מיט א שטעכיקן וויטעק אין קאָפּ. עס האָט צעשטערנדיק געווירקט אף די נערוון די טשעקיסטישע ארבעט.

איינמאָל האָט פאוועל דערזען אף א פלאטפאָרמע פון א צוג, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט סנאריאדן־קעסטלעך, סעריאָזשען. ברוזשאק איז ארופ־געפאלן אף אים פון דער פלאטפאָרמע, שיר ניט אנידערגעוואלגערט אים אף דער ערד און פעסט געדריקט אים אין די אָרעמס.

— פאווקע, טייוול! איך האָב דאָך דיך באַלד דערקענט!

די כאוויירים האָבן ניט געוווסט וועגן וואָס פרעגן איינער דעם צווייטן, וועגן וואָס דערציילן. מע האָט דאָך אזויפיל איבערגעלעבט פאר דער דאָזי־קער צייט. מע האָט געפרעגט און, ניט געוואַרט אף אן ענטפער, אליין גע־ענטפערט. און זיי האָבן ניט באמערקט די סיגנאלן. בלויז ווען עס האָבן לאנגזאם גענומען רירן זיך די וואגאָנעס, האָבן זיך די אָרעמס פאנאנדער־גענומען.

וואָס האָט מען געקענט טאָן? די באגעגעניש האָט זיך איבערגעריסן, דער צוג האָט אלץ פארגרעסערט די שנעלקייט. קעדיי ניט אָפּשטיין, האָט סעריאָזשע צום לעצטן מאָל עפעס א געשריי געטאָן צום כאווער, זיך א לאָז געטאָן איבערן פעראָן און זיך אָנגעכאפט פאר אן אָפענער טיר פון א טעפלושקע; אים האָבן אונטערגעכאפט עטלעכע הענט, אריינגעשלעפט איני־ווייניק. פאוועל איז געשטאנען און נאָכגעקוקט, און בלויז איצט האָט ער זיך דערמאָנט, אז סעריאָזשע ווייס ניט וועגן וואליעס אומקום. סעריאָזשע איז דאָך ניט געווען אינדערהיים. און ער, פאוועל, א געפלעפטער פון דער באַ־געגעניש, האָט דאָס אים ניט געזאָגט.

„זאָל ער פאָרן רויק. גוט, וואָס ער ווייס ניט", האָט פאוועל געטראכט. ער האָט ניט געוווסט, אז ער זעט דעם כאווער צום לעצטן מאָל. עס האָט אויך ניט געוווסט סערגיי, ווען ער איז געשטאנען אפן דאך פון וואגאָן, אונ־

טערשטעלנדיק אונטערן דרוק פון הארבסטיקןווינט די ברוכט, אז ער פאַרט דעם טויט אנטקעגן.

— זעץ זיך, סעריאָזשע, — האָט אים איַינגערעדט דאַראָשענקאָ, א רויט־ארמייער אין א שינעל, וואָס איז געווען דורכגעבערענט אין פּלייצע.

— נישקאָשע, מיר זיַינען מיטן ווינט כאַווייריִם. זאָל ער דורכנעמען און בלאָזן, — האָט סעריאָזשע לאַכנדיק געענטפערט.

און אין א וואָך ארום איז ער אומגעקומען ביים ערשטער שלאַכט אינעם סטעפּ, דעם אָנגעזאפּטן מיט הארבסט.

פונדערוויַיטן איז דערפלויגן א בלינדע קויל.

ער האָט אופגעציטערט פונעם קלאַפּ. ער האָט א טראָט געטאָן אנטקעגן דעם ברענענדיקן ווייטעק, וואָס האָט געריסן די ברוסט, און זיך א וואַקל געטאָן. ער האָט ניט אויסגעשריַען, אָנגעכאַפּט די לופט, הייס צוגעדריקט צו דער ברוסט די הענט, און אָנבייגנדיק זיך, ווי גרייט א שפרונג צו טאָן, זיך א זעץ געטאָן אָן דער ערד מיט א פארמשוהונעוועטן קערפּער. און אין דער סטעפּישער אומענדלעכקייט האָבן זיך איַינגעגעסן זיַינע אומבאַוועגלעכע בלויע אויגן.

*

די נערוועזע אומגעבונג פון דער ארבעט אין טשעקא האָט זיך געלאָזט פילן אף פּאַוועלס ניט־פאַרפעסטיקטן געזונט־צושטאַנד. עס זיַינען געוואָרן אָפּטער די קאָנטוזיע־ווייטעקן, און לעסאָף האָט ער נאָך צוויי שלאָפלאָזע נעכט פארלאָרן דעם באַוווסטזיַין.

דעמלט האָט ער זיך געווענדט צו זשוכריַיען:

— ווי מיינסטו, פיאָדאָר, צי וועט זיַין ריכטיק, אויב איך וועל אריבער־גיין אף אן אנדער ארבעט? איך האָב א גרויסן פארלאַנג צו גיין ארבעטן אין די הויפּט־ווארשטאטן, צו מיַין פּראָפעסיע. ווארעם איך פיל, אז דאָ איז בא מיר דאָס שריַיפל שוואַך. מע האָט מיר אין קאָמיסיע געזאָגט, אז איך בין צו מיליטער־דינסט ניט פייִק, אָבער דאָ איז ערגער ווי אפן פראָנט. די צוויי טעג, וועג מע האָט ליקווידירט סוטירס באנדע, האָבן מיך איינגאנצן געפּאַטערט. איך דארף אָפּרוען פון די שיסעריַיען. דו, פיאָדאָר, פאַרשטייסט, אז איך בין א שלעכטער טשעקיסט, וויבאַלד איך האַלט זיך קוים אף די פיס.

זשוכריַי האָט א פארזאָרגטער א קוק געגעבן אף פּאַוולען.

— יע, אויסזען זעסטו אויס ניט איבעריקס גוט. מע האָט דיך באדארפט נאָך פריִער באפריַיען. נאָר דערין בין איך שולדיק: פארטאָן אין דער אר־בעט, האָב איך עס פארזען.

אין רעזולטאט פונעם דאָזיקן שמועס האָט זיך פּאַוועל געמאָלדן אין גובקאָם מיט א פּאַפּירל, אין וועלכן ס'איז געווען געזאָגט, אז ער, קאָרטשאַ־גין, ווערט געשיקט אין רעשוס פון קאָמיטעט.

א פלינק יאטל אינ א היטל, ווויליונגעריש אראָפּגערוקט אפ דער נאָז, האָט א וואָרפ געטאָנ א שארפנ בליק אפנ פאפירל אונ פריילעכ אונטערגעווונקענ פאוולענ:

— פונ טשעקא? אנ אָנגענעמער אנשטאלט. ביטע, מירנ פאר דיר געפינענ א מעלאָכע איינס אונ צוויי. אפ יאטנ איז בא אונדז א הונגער! וווהינ שיקנ דיכ? אינ גובפּראָדקאָמ ווילסטו? ניינ? דארפ מענ ניט. אינ האפנ אינ אגיטבאזע וועסטו פאָרנ? ניינ? נו, דאָס ביסטו ניט גערעכט. א גוט ערטל, א שלאָג־פאיאָק.

פאוועל האָט איבערגעשלאָגנ דאָס יאטל:

— אפנ אײַזנבאנ, אינ די הויפּט־ווארשטאטנ וויל איכ.

יענער האָט פארווונדערט אפ אימ א קוק געטאָנ:

— אינ די הויפּט־ווארשטאטנ? המ... דאָרטנ נייטיקנ מיר זיכ ניט אינ קיינ מענטשנ. ביכלאל, גיי צו אוסטינאָוויטשנ. זי וועט דיכ ערגעצ־ווו אײַנאָרדענענ.

נאָכ א קורצנ שמועס מיט א ברוינ מיידל איז באשלאָסנ געוואָרנ: פאוועל גייט פאר א סעקרעטאר פונ קאָמיוגישנ קאָלעקטיוו אינ די ווארשטאטנ אונ גלײַכצײַטיק וועט ער ארבעטנ אפ דער פּראָדוקציע.

אונ אינ דער זעלבער צײַט איז בא די טויערנ פונ קרימ, אינעמ שמאָלנ העלדזל פונעמ האלב־אינדזל, בא די פארצײַטיקע גרענעצנ, וואָס האָבנ אמאָל אָפּגעטיילט די קרימער טאָטערנ פונ די זאפּאָראָזשער קרעניעס, געשטאנענ די ווײַסגווארדייִשע פעסטונג—פּערעקאָפּ, א באנײַטע אונ א שרעקלעכע מיט אירע פארפעסטיקונגענ.

הינטער פּערעקאָפּ, אינ קרימ, פילנדיק זיכ אינ פולער געפארלאָזיקײַט, פארכלינעט פונ באזויפטער שיקרעס, האָט זיכ פארזאמלט, א פארמישפּעטע אפ אומקומ, די אלטע וועלט, וואָס איז אהער פאריאָגט געוואָרנ פונ אלע עקנ לאנד.

אונ אינ א הארבסטיקער רעגנדיקער נאכט זײַנענ צענדליקער טויזנטער זינ פונ ארבעטנדיקנ פאָלק ארײַנ אינעמ קאלטנ וואסער פונעמ דורכגוס,— דורכצוגיינ פאר א נאכט דעמ סיוואש אונ א זעצ טאָנ אינ רוקנ דעמ סוינע, וואָס האָט זיכ פארגראָבנ אינ די פארפעסטיקונגענ. צווישנ די טויזנטער איז געגאנגענ אויכ זשארקי איוואנ, זאָרגזאמ טראָגנדיק אפנ קאָפּ זײַנ קוילנווארפער.

אונ ווענ מיטנ אָנקומ פונ באגינענ האָט אינ א ווילדנ פיבער אופגעזאָדנ דער פּערעקאָפּ, ווענ עס האָבנ זיכ גלײַכ אנטקעגנ דעמ סוינע א לאָז געטאָנ טויזנטער איבער די דראָט־פארצאמונגענ, זײַנענ אינ טיל פונ די ווײַסע, אפנ ליטווישנ האלב־אינדזל, ארויס אפנ ברעג די ערשטע קאָלאָנעס פונ די, וואָס זײַנענ אריבער דעמ סיוואש, אונ איינער פונ די ערשטע, וואָס זײַנענ ארויסגעקראָכנ אפנ שטיינערנעמ ברעג, איז געווענ זשארק.

עס האָט זיך צעפּלאַקערט א שלאַכט, אַן אומגעהויערע לויט איר גרויסקייט. די קאַוואַלעריע פון די ווײַסע האָט זיך געוואָרפן אין ווילדע כײַישן געדראַנג אַף די מענטשן, וואָס זײַנען אַרויסגעקראָכן פון וואַסער. זשאַרקיס קוילנוואַרפער האָט געשפּריצט מיט טויט, ניט אָפּשטעלנדיק אַף א רעגע זײַן גאַנג. און קופּעס מענטשן און פערד זײַנען געפאַלן אונטערן בלײַענעם רעגן. מיט פיבערהאַפטער גיכקייט האָט זשאַרקי אַרײַנגעשטעלט אַלץ נײַע און נײַע דיסקן.

איבער פּערעקאָפּ האָבן געהילכט הונדערטער האַרמאַטן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די ערד גופא איז אַרײַנגעפאַלן אין אַן אומענדלעכן טהאָם. אַקעראַנדיק מיט א ווילדן געיאָמער דעם הימל, האָבן זיך געיאָגט טויזנטער טויטטראָגנדיקע סנאַריאַדן און צעשאָטן זיך אַף קליינינקע שפּליטערס. די ערד, צעגראָבן, צעוווּנדעט, האָט זיך געוואָרפן אין שוואַרצע פלאַכטעס צום הימל און פאַרשטעלט די זון.

דער קאָפּ פונעם שלאַנג איז צעקוועטשט געוואָרן, און אין קרים האָט א פלייץ געטאָן א רויטער שטראָם, עס האָבן א שטראָם געטאָן די דיוויזיעס פון דער ערשטער רײַטער־אַרמיי, גרויזאַמע בייס זייער לעצטן קלאַפּ. אַרומגעכאַפּטע פון אַנגסטלעכן שרעק, האָבן די ווײַסגוואַרדייער אין פּאַניק באַלאַגערט די שיפן, וואָס זײַנען אָפּגעגאַנגען פון די האַפנס.

די רעפּובליק האָט צוגעפּעסטיקט צו אָפּגעניצטע גימנאַסטיאָרקעס, אַף יענעם אָרט, ווו עס קלאַפּט דאָס האַרץ, גאָלדענע קרײַזעלעך פונעם אָרדען פון דער רויטער פאָן, און צווישן זיי איז געווען די גימנאַסטיאָרקע פונעם קוילנוואַרפער־קאָמיוניסט איוואַן זשאַרקי.

*

דער שאָלעם מיט די פּאָליאַקן איז געשלאָסן געוואָרן, און דאָס שטעטל, ווי זשוכרײַ האָט טאַקע געהאָפט, איז געבליבן אין באַשטאַנד פון דער סאָוועטישער אוקראַינע. אַלס גרענעץ איז אײַנגעשטעלט געוואָרן דער טײַך, וואָס געפינט זיך פינף און דרײַסיק קילאָמעטער פון שטעטל. אין דעקאַבער 1920 יאָר, אין א פרימאָרגן, וואָס איז פאַרבליבן אין זיקאָרן, איז פּאַוועל צוגעפאָרן צו די באַקאַנטע ערטער.

ער איז אַרויס אַפן פעראָן, וואָס איז געווען פאַרשאָטן מיט שניי, א בליק געטאָן אַפן שילד „שעפּעטאָווקע 1־טע" און באַלד פאַרקערעוועט אַף לינקס, אין דעפּאָ. ער האָט געפרעגט אַף אַרטיאָמען, נאָר דער שלאָסער איז ניט געווען. פאַרשפּיליענדיק פעסט דעם שינעל, איז ער גיך אַוועק דורכן וואַלד אין שטעטל אַרײַן.

מאַריע יאַקאָוולעוונא האָט זיך א קער געטאָן אַף הינטער, בייס זי האָט דערהערט דעם קלאַפּ אין טיר, און אײַנגעלאַדן אַרײַנגיין. און אַז אין טיר האָט זיך אַרײַנגערוקט א מענטש, א פאַרשאָטענער אין שניי, האָט זי באַלד

דערקענט דאָס לײַבלעכע פּאָנעם פון איר זון. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט די הענט פארן הארצן און ניט געקענט ריידן פון דער פרייד אָן א שיר.

זי האָט זיך צוגעדריקט מיט איר גאנצן דארינקן קערפּער צו איר זונס ברוסט און, אויסקושנדיק זײַן פּאָנעם, האָט זי געוויינט מיט גליקלעכע טרערן.

און פּאַוועל האָט ארומגענומען די מוטער, געקוקט אף איר צעקנייטשטן געזיכט, וואָס איז געווען אויסגעמאטערט פון בענקשאפט און דערוואַרטונג. ער האָט גאָרנישט ניט גערעדט, געוואַרט, אז זי זאָל זיך בארויִקן.

גליק האָט ווידער אופגעבלאנקט אין די אויגן פון דער אויסגעמאטערטער פרוי, און די מוטער האָט די אַלע טעג זיך ניט געקאָנט גענוג אָנריידן, אָנקוקן אפן זון, ווען זי האָט שוין אפילע ניט געהאָפט צו זען. איר פרייד איז געווען אָן א גרענעץ, ווען אין א טאָג דרײַ ארום, באנאכט, האָט זיך אין צימערל ארײַנגעוואַלגערט אויך ארטיאָם מיט א רוקזאק אפן פּלייצע.

אין דער קליינינקער דירעלע פון די קאָרטשאגינס האָבן זיך אומגעקערט אירע אײַנוווינער. נאָך שווערע ניסיוינעס און ליידן האָבן זיך באגעגנט די ברידער, וואָס זײַנען גאנץ געבליבן פון טויט...

— וואָס זשע וועט איר איצטער טאָן? — האָט מאריע יאקאָוולעוונא געפרעגט די זין.

— מיר וועלן זיך ווידער נעמען פאר די פּאָדשיפּניקעס, מאמעשי! — האָט ארטיאָם געענטפערט.

פּאַוועל איז אָפּגעווען צוויי וואָכן אינדערהיים און איז אוועקגעפאָרן צוריק קיין קיִעוו, ווו עס האָט אף אים געוואַרט די ארבעט.

סאָף פונעם ערשטן טייל.

צווייטער טייל

ערשטער קאַפּיטל

האַלבע נאַכט. עס האָט שוין לאַנג דורכגעשלעפּט זײַן צעמיימעסטן גוף דער לעצטער טראַמוויַי. די לעוואָנע האָט פאַרגאָסן מיט אַ טויטן ליכט דאָס פענצטער־ברעטל. ווי אַ בלויליכע קאָלדרע האָט זיך איר שײַן אויסגעשפּרייט אויפן בעט און איבערגעלאָזן אין שאָטן דעם איבעריקן טייל פון צימער. אין ווינקל אויפן טיש — אַ ברעקל ליכט אונטער דעם אַבאַזשור פונעם טיש־לאָמפּ. ריטע האָט זיך נידעריק אָנגעבויגן איבער אַ דיקער העפט — איר טאָג־בוך.

„24 מײַ" — האָט אָנגעצייכנט דער שאַרפער שפּיץ פון איר בלײַשטיפט.

„איך מאַך ווידער אַ פּרוּוו צו פאַרשרײַבן מײַנע אײַנדרוקן. ווידער אַ בלויז. אָנדערהאַלבן כאַדאָשים זײַנען אַדורך, און איך האָב ניט פאַרשריבן קיין איין וואָרט. עס קומט אויס זיך באַנוגענען מיט די דאָזיקע פראַגמענטן.

וואָרעם ווען קען מען געפינען צײַט פאַר אַ טאָגבוך? אָט איז איצט באַנאַכט, אָבער איך שרײַב. דער שלאָף אַנטלויפט. עס פאָרט אַוועק אויף אַרבעט אין ציק דער כאַווער סעגאַל. די דאָזיקע יעדיע האָט אונדז אַלעמען פאַרשאַפט פאַרדראָס. אַ פראַכטפולע פערזענלעכקײַט אונדזער לאַזאַר אַלעקסאַנדראָוויטש. בלויז איצט פאַרשטיי איך, וואָס פאַר אַן אויצער עס איז געווען פאַר אונדז אַלעמען די פרײַנטשאַפט מיט אים. געוויס וועט איצט צעפאַלן דער קרײַז פון דיאַמאַט אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַן אָפּפאָרן. נעכטן בין איך געווען ביז שפּעט אין דער נאַכט בײַ אים, כ'האָב דורכגעקאָנטראָלירט די דערגרייכונגען פון אונדזערע „אונטערשעפּיקע". געקומען דער סעקרעטאַר פון גובקאָמיוג אַקים, דער עקלהאַפטער דיסקאַנט־פאַרוואַלטער טופּטאַ. איך קאָן ניט פאַרטראָגן דעם דאָזיקן אַלצווייסער! סעגאַל האָט געשײַנט. זײַן שילער קאָרטשאַגין האָט גלענצנדיק צעקלאַפּט טופּטאַן אויף פּאַרטיי־געשיכטע. יע, די דאָזיקע צוויי כאַדאָשים זײַנען ניט געגאַנגען פאַרלאָרן. גיטאָ וואָס צו זשאַלעווען די קורסן, וויבאַלד זיי גיבן אַזעלכע רעזולטאַטן. עס זײַנען דאָ קלאַנגען, אַז זשוכרײַ גייט איבער אויף אַרבעט אינעם באַזונדערן אָפּטייל פונעם מיליטערישן קרײַז. פאַרוואָס איז עס, ווייס איך ניט.

לאַזאַר אַלעקסאַנדראָוויטש האָט מיר איבערגעגעבן זײַן שילער.

— פאַרענדיקט דאָס אָנגעהויבענע, — האָט ער געזאָגט, — שטעלט זיך ניט אָפּ אויפן מיטן וועג. סײַ איַיך, ריטע, סײַ אים איז ראָ וואָס צו לערנען זיך איינער פון דעם אַנדערן. דער יונג איז נאָך ניט אינגאַנצן אַוועק פון סטיכיייִשקײַט. עס לעבן אין אים געפילן, וואָס בונטעווען אים, און די שטורעמס פון די דאָזיקע געפילן שלײַדערן אים אויף אַנאַזײַט. אויף וויפל איך קען איַיך, ריטע, וועט איר זײַן די סאַמע פאַסיקע אָנפירערן פאַר אים. איך ווינטש איַיך דערפאָלג. פאַרגעסט ניט שרײַבן מיר קיין מאָסקווע, — האָט מיר סעגאַל געזאָגט בײַם געזעגענען זיך.

הײַנט האָט מענ פונ צק צוגעשיקט א נײַעמ סעקרעטאר פארנ סאָלאָמענסקער ראַיקאָמ זשארקענ. איכ קענ אימ פונ דער ארמײ...

מאָרגנ וועט דמיטרי ברענגענ קאָרטשאגינען. כ'וועל דאָ אָפּמאָלנ דובאווענ. מיטעלער וווּקס. א קרעפּטיקער, מיט שטארקע מוסקלען. אינ קאָמיוג איז ער פונ אכצנטנ, אינ פּארטײ פונ צוואַנציקסטנ. דאָס איז אײנער פונ די דרײַ אויסגעשלאָסענע פונ גובקאָמיוג פאר געהערנ צו דער „ארבעטער־אָפּאָזיציע". דאָס לערנענ מיט אימ איז געווענ ניט לײַכט. יעדנ טאָג האָט ער אראָפּגעריסנ דעמ פּלאַנ, פארשאָטנ מיכ מיט פראגנ און אראָפּגעפירט פונ דער טעמע. צווישנ יורעניעווענ, מײַנ צווייטער שילערנ, און דובאווענ זײַנעג געווענ אָפטע שטרײַטנ. שוינ דעמ ערשטנ אָוונט, באטראכטנדיק אָלגען פונ קאָפּ ביז די פיס, האָט ער באמערקט:

— דו, אַלטע, ביסט ניט אינ דער גאנצער אוניפאָרמ. דארפסט נאָכ אָנטאָנ לעדערנע הויזנ, שפּאָרנ, א בודיאָנאָווקע און א שווערד. אזוי ביסטו ניט מילכיק, ניט פליישיק.

אָלגע איז ניט געבליבנ קײנ באלכויוו, און מיר איז אויסגעקומענ זיי צעגעמענ. דובאווע איז, דאכט זיכ, קאָרטשאגינס א פרײַנט... אפ הײַנט גענוג. צײַט שלאָפנ".

*

די היצ האָט אויסגעמאטערט די ערד. זי האָט הײס אָנגעגליט די פארענטשעס פונ דעמ איבערוואָקזאַלישנ בריק. אפנ בריק האָבנ זיכ אופגעהויבנ אָפּגעשוואכטע, פונ היצ אויסגעמאטערטע מענטשנ. דאָס זײַנענ ניט געווענ קײנ פּאסאזשירנ. איבערנ בריק איז מענ דעריקער געגאנגענ פונעמ אײַזנבאַנראיאָנ אינ שטאָט ארײַנ.

פאווע̈ל האָט פונ דעמ אויבערשטנ טרעפּ̈ל דערזעג ריטען. זי איז געקומענ צומ צוג פריער פאר אימ און געקוקט אפ די מענטשנ, וואָס זײַנענ אראָפּגעגאנגענ פונ בריק.

אפ דרײַ טריט ווײַטער, אָנדערזײַט פונ אוסטינאָוויטשנ, האָט זיכ קאָרטשאגינ אָפּגעשטעלט. זי האָט אימ ניט באמערקט. פאווע̈ל האָט זי באטראכט מיט עפּעס א מאָדנער נײַגעריקײַט: ריטע איז געווענ אינ א געשטרײַפטער בלוזקע, אינ א בלויער קורצער קלייד פונ פּאָשעטנ שטאָפ, און א קורטקע פונ ווייכנ כראָמ האָט זי געהאט איבערגעוואָרפנ בא זיכ איבערנ אקסל. דאָס היטל קאפּריזנע האָר האָט ארומגעזוימט דאָס ברוינע געזיכט. זי איז געשטאנענ, עטוואָס פארוואָרפנ דעמ קאָפּ און געזשמורעט זיכ פונ דער העלער זונ. צומ ערשטנ מאָל האָט קאָרטשאגינ געקוקט אפ זײַנ לערערנ און פרײַנט מיט אזעלכע אויגנ, און צומ ערשטנ מאָל איז אימ ארופ אפנ זינענ דער געדאנק, אז ריטע איז ניט בלויז א מיטגליד פונ ביוראָ פונ גובקאָמ, נאָר... ער האָט זיכ געכאפּט בא אזוינע „זינדיקע" געדאנקענ און האָט מיט פארדראָס צו איר אויסגעשריענ:

— איכ קוק שוינ אפ דיר א גאנצענע שאָ, און דו זעסט מיכ ניט. צײַט צו גײנ, דער צוג שטײט שוינ.

זיי זײַנענ צוגעגאנגענ צומ אמט־דורכגאנג אפנ פּעראָנ.

נעכטן האָט דער גובקאָם אויסגעטיילט ריטען פאַר זײַנע פאַרשטייער אַף איינער פון די אויעזדישע קאָנפערענצן. איר צו הילף האָט מען געגעבן קאָרטשאַגינען. הײַנט דאַרפן זיי זיך זעצן אין צוג, און דאָס איז געווען ווײַט ניט קיין לײַכטע אויפגאַבע. אין די שאָען, ווען עס פלעגן אָפּגיין די זעלטענע צוגן, האָט זיך דער וואָקזאַל געפונען אין די הענט פון דעם אַל־מעכטיקן פינפלינג, וואָס אים איז געגעבן געוואָרן די אויפגאַבע צו באַזעצן די ערטער אין די צוגן. אָן אַ צעטל פון דעם דאָזיקן פּאָסאַדקאָם [1]) האָט קיינער ניט געהאַט קיין רעכט אַרויסצוגיין אַפן פּעראָן. אַלע צוטריטן און אַרויסגאַנגען האָט פאַרנומען אַ פאַרצאַמונג־אָטריאַד פון דער קאָמיסיע. דער צוג, אַן אָנגעשטאָפּטער מיט מענטשן, האָט געקענט אַוועקפירן ניט מער ווי אַ צענטשיילעך פון די, וואָס האָבן געשטרעבט אָפּפאָרן. קיינער האָט ניט געוואָלט איבערבלײַבן און וואַרטן גאַנצענע טעג אַף אַ צופעליקן צוג. טויזנ־טער מענטשן האָבן געשטורעמט די דורכגאַנגען, געפּרוּווט זיך דורכרײַסן צו די אומצוטריטלעכע גרינע וואַגאָנעס. דער וואָקזאַל האָט אין יענע צײַטן איבערגעלעבט אַן עמעסע באַלאַגערונג, און אָפּט פלעגט דערגיין צו געשלעגן.

פּאַוועל און ריטע האָבן אומזיסט געפּרוּווט דורכגיין אַפן פּעראָן.

פּאַוועל האָט געוווּסט דאָ אַלע דורכגאַנגען און אַרויסגאַנגען און ער האָט דורכגעפירט זײַן מיטפאָרערן דורך דער באַגאַזש־קאַמער.

מיט מאַטערניש האָבן זיי זיך דערקליבן צום וואַגאָן נומער 4. בא דער טיר פון וואַגאָן, פאַרהאַלטנדיק דעם גערדיכטן האַמוין, איז געשטאַנען אַ טשעקיסט, אַן אָפּגעגאָסענער מיט שוויס, וועלכער האָט איבערגעכאַזערט צום הונדערטן מאָל:

— איך זאָג אײַך, דער וואַגאָן איז איבערפולט, און אַף די בופערס און אַפן דאַך וועלן מיר, לויטן באַפעל, קיינעם ניט לאָזן.

אַף אים האָבן זיך געשטופּט צעווילדעוועטע מענטשן, זיי האָבן געשפּאַרט אים אין פּאָנעם אַרײַן בילעטן פון פּאָסאַדקאָם, אַרויסגעגעבן אַפן פערטן נומער. אַ ווילדע זידלערײַ, געשרייען, אַ שטופּעניש בא יעדן וואַגאָן. פּאַוועל האָט געזען, אַז זעצן זיך אַף אַ נאַטירלעכן אויפן אין דאָזיקן צוג וועט זיך ניט אײַנגעבן, אָבער פאָרן האָט מען געמוזט, אַניט וועט אַראָפּגעריסן ווערן די קאָנפערענץ.

ער האָט אָפּגערופן ריטען אָנאַזײַט און איר מיטגעטיילט זײַן פּלאַן. ער וועט זיך אַרײַנקלײַבן אין וואַגאָן, עפענען די פענצטער און אַרײַנשלעפּן ריטען. אַנדערש וועלן זיי גאָרנישט ניט מאַכן.

— גיב מיר דײַן קורטקע. זי איז בעסער פון יעדער מאַנדאַט.

פּאַוועל האָט בא איר גענומען די לעדערנע קורטקע, אָנגעטאָן זי, איבער־

---

[1]) פּאָסאַדקאָם — אַ קאָמיסיע אַף צו רעגולירן דאָס באַזעצן די וואַגאָנעס אין די פּאַסאַ־זשיר־צוגן. האָט עקזיסטירט אין דער צײַט פון בירגער־קריג. רעד.

געלייגט אין קעשענע פון דער קורטקע זײַן נאהאן און בעקיווו ארויסגע־שטעלט דאָס הענטל מיטן שנור אף דרויסן. ער האָט איבערגעלאָזן דאָס פעקל שפּײַז בא ריטעס פיס און זיך אָנגעכאפּט מיט דער האנט פארן פארענטש.

— עי, כאווער, ווהין?

פאוועל האָט זיך אומגעקוקט אפן פעסט געבויטן טשעקיסט.

— איך בין פון באזונדער אָפּטייל פון קרײַז. אָט וועלן מיר באלד דורכ־קאָנטראָלירן, צי אַלע, וואָס זיצן אין וואגאָן, האָבן בילעטן פון פּאָסאד־קאָם,—האָט פאוועל געזאָגט מיט א טאָן, וואָס דערלאָזט ניט קיין ספּייקעס אין זײַנע פולמאכטן.

דער טשעקיסט האָט א קוק געטאָן אף זײַן קעשענע, אויסגעווישט מיטן ארבל דעם שווייס פון שטערן און געזאָגט מיט א גלײַכגילטיקן טאָן:

— מיילע, קאָנטראָליר, אויב דו וועסט ארײַנקריכן.

פאוועל האָט געארבעט מיט די הענט, מיט די אקסלען און וור־ניט־ווו אויך מיט די פויסטן, ארופגעקלעטערט אף פרעמדע פּלייצעס, זיך אופהייבנ־דיק אף די הענט, געקלאמערט זיך אָן די אויבערשטע פּאָליצעס, ביז ער האָט זיך, א באשאָטענער מיט א האָגל פון זידלערײַ, פונדעסטוועגן דערקליבן צום מיטן וואגאָן.

— ווהין טראָגט דיך דער טײַוול, פארשאָלטן זאָלסטו ווערן!—האָט אף אים געשריִען א דיקע פרוי, ווען ער האָט זיך אראָפּגעלאָזן פונדערהויך, אָנגעטראָטן איר מיטן פוס אף א קני. די פרוי האָט זיך אײַנגעפּרעסט מיט איר זיבנפודיקער מאכינע אין ברעג פון אן אונטערשטער באנק, האלטנדיק צווישן די פיס א קאן פון בוימל. אזעלכע קאנען, קעסטלעך, זעק און קערב זײַנען געשטאנען אף אלע בענק. אין וואגאָן האָט מען ניט געקענט דעם אָטעם אָפּציִען.

אף דער פרויס קלאָלעס האָט פאוועל געענטפערט מיט א פראגע:

— אײַער בילעט פון פּאָסאדקאָם, בירגערין?

— וואָס? —האָט זיך יענע צעבייזערט אף דעם ניט-גערופענעם קאָנטראָ־ליאָר.

פון דער סאמע אויבערשטער באנק האָט עמעצער ארויסגערוקט א „בלאטנע" קאָפּ און אויסגעהודעט אף א קאָנטראָבאס:

— וואסקע, וואָס פאר א פײרע האָט זיך עס אהער פארקליבן? גיב אים אן אָרדער אף דער „יעווּבאזע".

אקוראט איבער פאוועלס קאָפּ האָט זיך באוויזן דאָס, וואָס האָט, ווי עס ווײַזט אויס, געהייסן וואסקע. א גיבער א יונג מיט א האָריקער ברוסט האָט זיך אײַנגעגעסן אין קאָרטשאגינען מיט אָקסענע אויגאנעס.

— וואָס ביסטו צוגעשטאנען צו דעם ווײַבל? וואָס פארא בילעט דארפסטו האָבן?

פון דער זײַטיקער באַנק זײַנע אַראָפּגעהאַנגענע פיר פּאָר פּיס. די אייגנ־טימער פון די דאָזיקע פּיס זײַנען געזעסן אַרומגענומענע און פלײַסיק גע־שיילט קאַרטאָפל. דאָ איז, ווי עס ווײַזט אויס, געפּאָרן די עמעצע כעוורע „מעשאָטש־ניקעס", אויסגעפּראַוועטע אײַזנבאַנישע מאַראָדערן. עס איז ניט געווען קיין צײַט צו פאַרפּירן מיט זיי אייסאָקים. מע האָט געדאַרפט אַרײַנזעצן אין וואַגאָן ריטען.

— וועמעס קעסטל איז דאָס?—האָט ער געפרעגט אַ באַיאָרטן אײַזנבאַ־נער און אָנגעוויזן אַף אַ הילצערנעם קעסטל באַם פענצטער.

— אָט יענער מוידס,—האָט דער אײַזנבאַנער אָנגעוויזן אַף אַ פּאָר דיקע פּיס אין געלע זאָקן.

מע האָט געדאַרפט עפענען די פענצטער. דאָס קעסטל האָט געשטערט. אוועקלייגן עס איז ניט געווען וווּ. פּאַוועל האָט אַ נעם געטאָן דאָס קעסטל אין די הענט און עס דערלאַנגט דער אייגנטימערן, וואָס איז געזעסן אַף דער אויבערשטער באַנק.

— האַלט צו, בירגערן, אַ ווײַלינקע, איך וועל עפענען די פענצטער.

— דו, וואָס טשעפּעסטו פרעמדע זאַכן!—האָט זיך צעפילדערט אַ מויד מיט אַ צעפּלעטשטן נאָז, ווען ער האָט איר אַף די קני אוועקגעשטעלט דאָס קעסטל.

— מאַטקע, וואָס פאַרא בירגער טומלט עס דאָ?—האָט זי זיך געווענדט נאָך הילף צו איר שאָכן. יענער האָט, ניט אַראָפּקריכנדיק פון באַנק, אַ זעץ געטאָן פּאַוועלען אין פּלייצע מיטן פוס, אָנגעטאָן אין אַ סאַנדאַל.

— עי, דו, יאַמקאַטער! טראָג זיך אָפּ פון דאַנען, קאָלזמאַן איך האָב נאָך דיר קיין קאָמפּאָסטער ניט געשטעלט.

פּאַוועל האָט שווײַגנדיק אַראָפּגעשלונגען דעם זעץ אין פּלייצע. פאַר־בײַסנדיק די ליפּ, האָט ער געעפנט די פענצטער.

— כאַווער, רוק זיך אָפּ אַביסעלע,—האָט ער אַ בעט געטאָן דעם אײַזנ־באַנער.

ער האָט באַפרײַט דאָס אָרט, אָפּגערוקט עמעצנס אַ קאַנ און זיך גע־שטעלט האַרט באַם פענצטער. ריטע איז געווען באַם וואַגאָן, זי האָט אים שנעל דערלאַנגט זײַן קלומעקל. אַ וואָרף געטאָן דעם קלומעק דער פרוי מיטן קאַנ אַף די קני, האָט זיך פּאַוועל אָנגעבויגן אַראָפּ, אָנגעכאַפּט ריטעס פּאַר די הענט און זי אַ ציי געטאָן צו זיך. דער רויטאַרמייער פון פאַרצאַ־מונג־אָטריאַד האָט נאָך ניט באַוויזן צו באַמערקן, אַז מע ברעכט דעם גע־זעצ, קעדיי עס ניט צו דערלאָזן, ווי ריטע איז שוין געווען אין וואַגאָן. דעם ניט־געשיקטן רויטאַרמייער איז בלויז געבליבן אויסזידלען זיך און אוועקגיין פון פענצטער. ריטעס דערשײַנען אין וואַגאָן האָט די גאַנצע קאָמ־פּאַניע „מעשאָטשניקעס" באַגעגנט מיט אַזאַ געפילדער, אַז ריטע האָט זיך צעטומלט און איז געוואָרן אומרויִק. זי האָט ניט געהאַט וווּ זיך אַנידערצו־שטעלן און איז געשטאַנען אַף אַ ברעגעלע פון דער אונטערשטער באַנק,

האלטנדיק זיך פאר'ן פארענטש פון דער אויבערשטער. פון אַלע זײַטן האָבן זיך געטראָגן קלאַפּעס. פון אויבן האָט די קאָנטראַבאַס־שטים אויסגעגרעפּצט:

— אָט אַן אויסוואורף, אַלײן אַרײַנגעקראָכן און שלעפּט נאָך אַ מויד נאָך זיך!

און עמעצער אַן אומגעזעענער האָט פון אויבן אַ קוויטש געטאָן:

— מאַטקע, שטעל אים אונטער אַ פאַנאַר אונטער די אויגן!

די מויד האָט זיך אַלץ געקליבן אוועקשטעלן דאָס קעסטל קאַרטשאַגינען אפן קאָפּ. ארום זײַנען געווען פרעמדע, פרעכע פּנעמער. פאַוועל האָט באַדויערט, וואָס ריטע איז דאָ, אָבער מע האָט זיך געדאַרפט ווי עס איז אײַנאָרדענען.

— בירגער, נעמ צו דײַנע זעק פון דורכגאַנג. דאָ וועט זיך שטעלן די כאוועריטע,—האָט ער זיך געווענדט צו יענעם, וועמען מע האָט גערופן מאַטקע, אָבער אַלס ענטפער האָט ער דערהערט אַזאַ ציניש ע פּראָזע, פון וועלכער ער איז אינגאַנצן אופגעקאָכט געוואָרן. העכער פון רעכטן ברעם האָט אים געגומען שטאַרק אַזוי שטעכן.

— וואַרט, וואַרט, אויסוואורף, וועסט מיר נאָך ענטפערן דערפאר,—האָט ער זיך קוים אײַנהאַלטנדיק געענטפערט דעם כוליגאַן, אָבער אין אָט דער רעגע האָט ער פון אויבן געקראָגן אַ זעץ מיטן פוס אין קאָפּ.

— וואַסקע, שטעל אים אונטער נאָך אַ קנײטל,—האָט מען געהעצט פון אַלע זײַטן.

אַלץ, וואָס פאַוועל האָט אין זיך לאַנג אײַנגעהאַלטן, האָט זיך אַרויסגעריסן אפ דרויסן, און, ווי שטענדיק אין אַזעלכע מאָמענטן, זײַנען געוואָרן שאַרף געצילט און האַרב די באַוועגונגען.

— וואָס? ספּעקוליאַנטישע מענוואַלים. איר ווילט זיך דאָ זדיעקעווען איבער מענטשן?—פאַוועל האָט זיך אַ הייב געטאָן אפ די הענט, ווי אפ פּרוזשינעס. אַרופגעקראָכן אפ דער צווייטער באַנק און מיט גאַר די קויכעס אַ זעץ געטאָן מיט די פויסטן אין מאַטקעס פרעכער צורע אַרײַן. ער האָט אַזאַ זעץ געטאָן, אַז דער ספּעקוליאַנט האָט זיך אַראָפּגעקײַקלט אין דורכגאַנג אפ עמעצנס קעפּ.

— קריכט אַראָפּ פון באַנק, אויסוואורפן, אַניט צעשיס איך אײַך דאָ ווי די קלאָווים!—האָט קאָרטשאַגין ווילד געשריען, רוקנדיק דעם נאַהאַן די פירכעווורע אין די פּנעמער אַרײַן.

דאָס רעדל האָט זיך אַ דריי געטאָן אפ צוריק. ריטע האָט אופמערקזאַם נאָכגעשפּירט נאָך אַלעמען, גרייט צו שיסן אין יעדערן, ווער עס וואָלט נאָר געפּרוווט אָנרירן קאָרטשאַגינען. די אויבערשטע באַנק איז אָפּגעליידיקט געוואָרן. די „בלאַטע“ כאווריע האָט זיך אײַליק עוואַקויִרט אין דער שכייִנעסדיקער אָפּטיילונג פון וואַגאָן.

אנידערגעזעצט ריטען אף דער פרײַער באנק, האָט ער איר א זאָג געטאָן שטילערהייט:

— דו זיץ דאָ, און איך וועל פארענדיקן מיט די דאָזיקע.

ריטע האָט אים פארהאלטן:

— וואָס, דו רעכנסט נאָך מיט זיי ווײַטער שלאָגן זיך?

— ניין, איך וועל זיך באלד אומקערן,— האָט ער זי בארויִקט.

די פענצטער האָט זיך ווידער געעפנט, און פאוועל איז דורך איר ארויס־געקראָכן אפן פעראָן. אין עטלעכע מינוט ארום איז ער שוין געשטאנען פארן באפולמעכטיקטן פון טראנספּאָרט־טשעקא בורמייסטער—פאר זײַן אלטן נאטשאלניק. דער לעט האָט אים אויסגעהערט און אָפּגעגעבן א פאראָרדענונג אויסלאָדן דעם גאנצן וואגאָן און דורכקאָנטראָלירן בא אלעמען די דאָקומענטן.

— איך האָב דאָך געזאָגט: ווען די צוגן ווערן דערלאנגט צום וואָקזאל, זײַנען זיי שוין פול מיט מעשאָטשניקעס.— האָט בורמייסטער געבורטשעט.

אן אָטריאַד, וואָס איז באשטאנען פון א צענדליק טשעקיסטן, האָט איבערגעטרייסלט דעם וואגאָן. פאוועל האָט לויט דער אלטער געוווינהײַט געהאָלפן דורכקאָנטראָלירן דעם גאנצן צוג. אוועקגייענדיק פון טשעקא, האָט ער ניט איבערגעריסן די פארבינדונגען מיט זײַנע פרײַנט, און, ביז ער איז געווען סעקרעטאר פון יוגנט־קאָלעקטיוו, האָט ער געשיקט אף ארבעט צום באפולמעכטיקטן פון טראנספּאָרט־טשעקא אסאך גוטע קאָמיוגיסטן. פאוועל האָט פארענדיקט דעם קאָנטראָל און זיך אומגעקערט צו ריטען. אין וואגאָן האָט מען ארײַנגעזעצט נײַע פאסאזשירן—קאָמאנדירטע און רויטארמייער.

אפן דריטן יארוס אין ווינקל איז געבליבן אן אָרט בלויז פאר ריטען, דער איבעריקער פלאץ איז געווען פארלייגט מיט פעק צײַטונגען.

— נישקאָשע, מיר וועלן זיך ווי־עס־איז אײַנאָרדענען,— האָט ריטע געזאָגט.

דער צוג האָט זיך גערירט.

אין פענצטער האָט דורכגעשוינדלט די פרוי, וואָס איז ברייט געזעסן אף א קופּע זעק.

— מאנקע, ווו איז מײַן קאן?—האָט זיך דערהערט איר געשריי.

זיצנדיק אין דעם שמאָלן ווינקעלע, אָפּגעצאמט פון די שכיינים מיט די פעק צײַטונגען, האָבן ריטע און פאוועל ארײַנגעריבן אף ביידע באקן ברויט מיט עפּל און פריילעך דערמאָנט דעם ניט גאָר פריילעכן עפּיזאָד, וואָס האָט זיך נאָרוואָס אָפּגעשפּילט.

לאנגזאם האָט געפויזעט דער צוג. די איבערגעלאָדענע, צעטרייסלטע וואגאָנעס, סקריפּענדיק און קנאקנדיק מיט די טרוקענע קאסטנס, האָבן אופ־געציטערט אף די שלוס־פונקטן פון די רעלסן. דער אָוונט האָט ארײַנגעקוקט אין וואגאָן מיט א געדיכטער בלויקײַט. נאָך אים האָט די נאכט פארצויגן מיט כוישעך די אָפענע פענצטער. פינצטער איז אין וואגאָן.

א מידע, האָט ריטע אײַנגעדרעמלט, אוועקלייגנדיק דעם קאָפּ אפנ קלר־מעק. פאוועל איז געזעסנ אפנ ברעג באנק, מיט אראָפּגעהאנגענע פיס, אונ געדרויכערט. ער איז אויכ געווענ מיד, אָבער עס איז ניט געווענ ווו זיכ צו־צולייגנ. פונ פענצטער האָט געאָטעמט מיט פרישקייט פונ דער נאכט. ריטע האָט זיכ אופגעכאפּט פונ א שטויס. זי האָט באמערקט דאָס פײַערל פונ פאוועלס פאפּיראָס. „ער קענ אזוי ביז אינדערפרי אָפּזיצנ. קלאָר, ער וויל מיר ניט שטערנ", האָט ריטע א טראכט געטאָנ.

— כאווער קאָרטשאגינ! ווארפט אוועק די בורזשואזע באדינגלעכקײַטנ, לייגט זיכ צו אָפּרוענ,—האָט זי זיכ געכאָכמעט.

פאוועל האָט זיכ געלייגט לעבנ איר אונ מיט פארגעניגנ אויסגעצויגנ די אָפּגעכאלעשטע פיס.

— מאָרגנ האָבנ מיר א יאם ארבעט. שלאָף, מאזיק.—איר האנט האָט צו־טרוילעכ ארומגענומענ דעם כאווער, אונ באם סאמע באק האָט ער דער־פילט די באריררונג פונ אירע האָר.

פאר אים איז ריטע געווענ אומבארירלעכ. דאָס איז געווענ זײַנ פרײַנט אונ כאווער לויטנ ציל, זײַנ פּאָליטאָנפירער, אונ פונדעסטוועגנ איז זי געווענ א פרוי. דאָס האָט ער צום ערשטנ מאָל דערפילט באם בריק, אונ אָט פאר־וואָס אים רעגט אזוי איר ארומנעמענ. פאוועל האָט געפילט איר טיפנ, רעגל־מעסיקנ אָטעמענ, ערגעץ גאָר נאָענט זײַנען אירע ליפּנ. פונ נאָענטקייט איז געבאָרנ געוואָרנ אנ אומבאהערשבארער פארלאנג אָפּצוזוכנ די דאָזיקע ליפּנ. ער האָט אָנגעשטרענגט דעם ווילנ אונ בײַגעקומענ דעם דאָזיקנ פארלאנג.

ווי טרעפנדיק זײַנ פארלאנג, האָט ריטע אינדערפינצטער א שמייכל גע־טאָנ. זי האָט שוינ איבערגעלעבט סײַ די פרייד פונ לײַדנשאפט, סײַ די אנגסטנ פונ פארלוסט. צוויי באָלשעוויקעס האָט זי אָפּגעגעבנ איר ליבע. אונ ביידנ האָבנ בא איר צוגענומענ ווײַסגווארדייִשע קוילנ. איינער—א מוטיקער ריז, א קאָמבריג, דער צווייטער—א יונג מיט העלע אויגנ.

אינגיכנ האָט דאָס קלאפּנ פונ די רעדער אײַנגעוויגט פאוולען. בלויז אינדערפרי האָט אים אופגעוועקט דאָס ריטשענ פונעם לאָקאָמאָטיוו.

*

שפּעט האָט ריטע אָנגעהויבנ זיכ אומקערנ אינ איר צימער. אינ דער העפט, וואָס זי פלעגט זעלטנ עפענענ, האָבנ זיכ באוויזנ נאָכ עטלעכע קורצע פארצייכענונגענ:

„11 אווגוסט.

פארענדיקט די גובקאָנפערענצ. אקימ, מיכײַלאָ אונ די איבעריקע זײַנענ אוועק־געפאָרנ אינ כארקאָוו אפ דער אלוקראַיִנישער. די גאנצע טעכניק איז אויסגעפאלנ אפ מיר. דובאווע אונ פאוועל האָבנ באקומענ מאנדאטנ אינ גובקאָם. פונ דאנ אָנ, זינט מ'האָט אוועקגעשיקט דמיטרי־ענ פארנ סעקרעטאר פונ פּעטשערסקער רײַקאָם־

יוג, קומט ער מער ניט אינ די אָוונטנ אפ דער לער. מע האָט אים איבערגע־לאָזנ מיט ארבעט. פאוועל פרווט זיכ נאָכ לערנענ, אָבער דאָס האָב איכ קיינ צײַט ניט, דאָס שיקט מענ אים אינ ערגעצ אוועק. אינ צוזאמענהאנג מיט דער פארשארפטער לאגע אפ דער אײַזנבאנ, איז בא זיי א שטענדיקע מאָביליזאציע. זשארקי איז נעכטנ געוועזנ בא מיר. ער איז ניט צופרידנ, וואָס מיר האָבנ בא אים צוגענומענ די יאטנ, ער זאָגט, אז זיי זײַנענ אים אלײנ נייטיק ווי אינ לעבנ.

23 אווגוסט.

הײַנט גיי איכ איבערנ קאָרידאָר, איכ זע—בא דער טיר פונ דער איניאָנים־פארהאלטונג שטייט פאנקראטאָוו, קאָרטשאגינ אונ נאָכ איינער אנ אומבאקאנטער. איכ גיי צו. איכ הער—פאוועל דערציילט:

„דאָרטנ זיצנ אזעלכע טיפנ—א קויל האָט זיי געמעגט כאפנ. „איר,—זאָגט ער,—האָט ניט קיינ רעכט ארײַנצומישנ זיכ אינ אונדזערע פאראָרדענונגענ. דאָ איז באלעבאָס דער זשעלעסקאָצ, אונ ניט עפעס א קאָמיונ". אונ א צורע, גוטער ברודער, איז בא אים... אָט ווו עס האָבנ זיכ באזעצט פאראזיטנ!" אונ איכ האָב דערהערט די עמעסע זידלווערטער. פאנקראטאָוו, באמערקנדיק מיכ, האָט א שטויס געטאָנ פאוולענ. יענער האָט זיכ א קער געטאָנ אהינטער, האָט מיכ דערזענ אונ איז בלייכ געוואָרנ. שוינ ניט קוקנדיק מיר אינ די אויגנ, איז ער באלד אוועק. איכ וועל אים איצט לאנג ניט זענ בא זיכ. ער וויס דאָכ, אז פאר זידלענ זיכ בינ איכ קיינעמ ניט מויכל.

27 אווגוסט.

געווענ א פארמאכטע ביוראָ. די לאגע ווערט קאָמפליצירטער. איכ קענ דערווײַל ניט פארשרײַבנ גענוי—מע טאָר ניט. אקימ איז געקומענ פונ אויעזד א כמורנער. נעכטנ האָט מענ בא טעטערעוו ווידער אראָפגעלאָזנ פונ די רעלסנ א דערנערונג־מארשרוט. דאכט זיכ, אז כ'וועל אופהערנ נאָטירנ. אלצ באקומט זיכ עפעס צע־פיצלט. איכ וואַרט אפ קאָרטשאגינענ. געזענ אים—זיי מאכנ מיט זשארקינ א קאָ־מונע פונ פינפ".

*

באטאָג האָט מענ אינ די ווארשטאטנ ארויסגערופנ פאוולענ צומ טעלע־פאָנ. ריטע האָט איבערגעגעבנ, אז זי האָט א פרײַענ אָוונט אונ אז זיי האָבנ ניט פארענדיקט דורכארבעטנ די טעמע: די סיבע, פארוואָס די פאריזשער קאָמונע איז געפאלנ.

אינאָוונט איז פאוועל צוגעגאנגענ צומ ארײַנגאנג אינ הויז אפ דער קײַ־לעכיק־אוניווערסיטעטישער גאס אונ א קוק געטאָנ אינדערהויכ. ריטעס פענצטער איז געווענ באלויכטנ. ער איז ארופגעלאָפנ אפ די טרעפ, ווי שטענדיק א זעצ געטאָנ מיטנ פויסט אינ טיר אונ, ניט וואַרטנדיק אפ קיינ ענטפער, איז ער ארײַנגעגאנגענ.

אפ דער בעט, אפ וועלכער קיינער פונ די יאטנ האָט ניט געהאט קיינ רעכט אפילע זיכ זעצנ, איז געלעגנ א מאנצביל אינ מיליטערישע קליידער. דער רעוואָלווער, דער רוקזאק אונ דאָס היטל זײַנענ געלעגנ אפנ טיש.

לעבנ אים, פעסט ארומגענומענ מיט אים, איז געזעסנ ריטע. זיי האָבנ וועגנ עפּעס לעבהאפטיק געשמועסט... ריטע האָט א קער געטאָנ צו פּאוולענ איר פריילעכנ געזיכט.

דער מיליטערמאנ האָט זיכ באפרײַט פונ אירע אָרעמס אונ איז אופגעשטאנענ.

— באקענט זיכ,—האָט ריטע געזאָגט, גריסנדיק זיכ מיט פּאוולענ,— דאָס איז...

— דאוויד אוסטינאָוויטש,—האָט פּאָשעט געזאָגט פאר איר דער מיליטערמאנ אונ פעסט געדריקט קאָרטשאגינס האנט.

— ארײַפּגעפאלנ, ווי שניי אפנ קאָפּ,—האָט ריטע געלאכט.

קאלט איז געווענ קאָרטשאגינס האנט. ווי א בייז פײַערל האָט זיכ געגעבנ א צינד אָנ אינ די אויגנ א מוירעדיקע באליידיקונג. ער האָט באוויזנ צו באמערקנ אפּ דאווידס ארבל פיר קווארדאטנ.

ריטע האָט געוואָלט ריידנ, אָבער קאָרטשאגינ האָט זי איבערגעשלאָגנ:

— איכ בינ ארײַנגעלאָפנ זאָגנ דיר, אז הײַנט ארבעט איכ באם אויסלאָדנ האָלצ אינ האפנ. דו זאָלסט ניט ווארטנ... דו האָסט טאקע אקוראט א גאסט. נו, איכ גיי, אונטנ ווארטנ די יאטנ.

פּאוועל איז פארשוונדנ אהינטער דער טיר פונקט אזוי פלוצעמ, ווי ער איז אָנגעקומענ. אפּ די טרעפּ האָבנ אָפּגעטופּעט זײַנע גיכע טריט. דומפּ האָט אונטנ א קלאפּ געטאָנ די טיר. עס איז שטיל געוואָרנ.

— ער איז עפּעס ניט מיט אלעמענ,—האָט אומזיכער געענטפערט ריטע אפּ דאווידס פארוווּנדערטנ בליק.

... אונטנ, אונטערנ בריק, האָט טיפּ אנ אָטעמ געטאָנ א לאָקאָמאָטיוו אונ ארויסגעוואָרפנ פונ דער מעכטיקער ברוסט א סנאָפּ גאָלדענע גליווערעמלעכ. זייער אויסטערלישער קאראהאָד האָט זיכ א צי געטאָנ אפּ ארופּ אונ איז אויסגעלאָשנ געוואָרנ אינעמ רויכ.

פּאוועל האָט זיכ אָנגעלענט אָנ פּארענטש אונ געקוקט אפּ דעמ שעמערירנ פונ די פארשיידנפארביקע פײַערנ פונ די סיגנאל־לאמטערנס אפּ די סטרעלקעס. ער האָט פארזשמורעט די אויגנ.

„פונדעסטוועגנ איז ניט פארשטענדלעכ, כאווער קאָרטשאגינ, פארוואָס טוט אײַכ אזוי וויי דאָס, וואָס ריטע האָט, ווי עס ווײַזט זיכ ארויס, א מאנ? צי דענ האָט זי וועגנ ניט איז געזאָגט, אז זי האָט ניט? נו, אונ אויב אפילע געזאָגט, איז וואָס דרינגט דערפונ? פארוואָס האָט עס אײַכ מיטאמאָל אזוי א נעמ געטאָנ? איר האָט דאָכ געהאלטנ, כאווער טײַערער, אז אויסער אידייִשער פרײַנטשאפט איז צווישנ אײַכ גאָרנישט ניטאָ... וויאזוישע האָט איר עס גאָרניט באמערקט? הא?—האָט איראָניש זיכ אליינ געענטמענ אפּנ פארהער קאָרטשאגינ.—אָבער אויב דאָס איז ניט קיינ מאנ? דאוויד אוסטינאָוויטש קענ זײַנ אויכ א ברודער אָדער א פעטער... דעמלט

ביסטו, יאָלד אײנער, אומזיסט אינ קאעס געוואָרנ אפ א מענטשנ. ביסט, זעט אויס, פונקט אזא אויסוואורפ, ווי אלע מאנצביל. וואָס שײַעכ א ברודער, קענ מענ עס דערגײנ. לאָמיר זאָגנ, אז דאָס איז טאקע א ברודער אָדער א פעטער, איז וואָס־זשע ווּעסטו איר זאָגנ ווּעגנ דעמ טאקע? נײנ, דו ווּעסט מער צו איר ניט גײנ!"

א פײַפ פונ לאָקאָמאָטיוו האָט איבערגעריסנ די געדאנקענ.

„שפּעט, צײַט אהײמ, גענוג דרײענ א קאפּטער".

*

אינ סאָלאָמענקע (אזוי האָט געהײסנ דער ארבעטערשער אײַזנבאנ־ראַיאָנ) האָבנ פינפ כעוורע געשאפנ א קלײנע קאָמונע. דאָס זײַנענ געווענ: זשארקי, פּאוועל, דער פרײלעכער בלאָנדער טשעכ קלאַוויטשעק, אָקוניעוו ניקאָלײַ — דער סעקרעטאר פונ קאָמיוג אינ דעפּאָ, — אונ סטיאָפּע ארטיוכינ — אנ אגענט פונ דער אײַזנבאנ־טשעקא, ניט לאנג נאָכ געווענ א קעסלער פונ מיטעלנ רעמאָנט.

מע האָט באקומענ א צימער. דרײַ טעג האָט מענ נאָכ דער ארבעט געשמירט, געווײַסט, געוואשנ. מע האָט אופגעהויבנ אזא געפילדער מיט די עמערס, אז די שכײנימ האָט זיכ אויסגעדוכט, אז עס איז א סרײפע. מע האָט אײַנגעאָרדנט געלעגערס, די מאטראצנ פונ זעק האָט מענ אינ פּארק אָנגעשטאָפּט מיט קליאָנ־בלעטער, אונ אפנ פערטנ טאָג האָט דער צימער, וואָס איז באפּוצט געוואָרנ מיט פּעטראָווסקיס בילד אונ מיט א ריזיקער קארטע, געשײַנט מיט א זעלטענער זויבערקײַט.

צווישנ צווײ פענצטער — א פּאָליצקע מיט א הײַפל ביכער. צווײ קעסטלעכ, באשלאָגענע מיט פּאניער. דאָס זײַנענ שטולנ. א גרעסערע קאסטנ — דאָס איז א שאפע. אינמיטנ צימער שטײט א קאָלאָסאלער ביליארד אָנ געוואנט, וואָס מע האָט אימ פונ קאָמונכאָז געבראכט צו טראָגנ אהער אפ די אקסלענ. באטאָג איז עס א טיש, באנאכט — קלאַוויטשעקס בעט. מע האָט געבראכט צו שלעפּנ אהער דאָס האָב אונ גוטס. דער ווירטשאפטלעכער קלאַוויטשעק האָט צונויפגעשטעלט א צעטל פונ דעמ גאנצנ אײגנס פונ דער קאָמונע אונ געוואָלט אימ צוקלאפּנ צו דער וואנט, אָבער נאָכ אנ אײנהײַטלעכנ פּראָטעסט האָט ער זיכ דערפונ אָפּגעזאָגט. אלצ איז אינ צימער דערקלערט געוואָרנ פאר אלגעמײנס. דער געהאלט, דער פּאיאָק אונ צופעליקע פּעקלעכ — אלצ האָט זיכ געטײלט אפ גלײַכ. אינ פּערזענלעכנ אײגנטומ איז געבליבנ בלויז דאָס געווער. די קאָמונארנ האָבנ אײנהײַטלעכ באשלאָסנ: א מיטגליד פונ קאָמונע, וואָס האָט אויווער געווענ אפ דעמ געזעצ ווּעגנ ליקווידירנ אײגנטומ אונ וואָס האָט אָפּגענארט דעמ צוטרוי פונ די כאווײרימ, ווערט אויסגעשלאָסנ פונ קאָמונע. אָקוניעוו אונ קלאַוויטשעק זײַנענ באשטאנענ אפנ צוגאָב: „אונ ווערט ארויסגעזעצט".

אפ דער עפענונג פונ דער קאָמונע האָט זיכ פארזאמלט דער גאנצער אקטיוו פונ ראיאָנישנ קאָמיוג. אינ דעמ שכײנישנ הויפ האָט מענ געלײגט דעמ עמעסנ סאמאָװארעלע אונ אפנ טײ געפאטערט דעמ גאנצנ רעזערוו סאכארינ. נאָכ דעמ, װי מע האָט פארענדיקט מיטנ סאמאָװאר, האָט א דונער געטאָנ א כאָר:

Слезами залит мир безбрежный,
Вся наша жизнь—тяжелый труд,
Но день настанет неизбежный...

טאליע פונ דער טאבעק־פאבריק דיריזשירט. איר רויט קאָפּטיכל איז עטװאָס אראָפּגערוקט אָנאזײט. די אויגנ—װי בא א ײנגל א שטיפער. גאָענט ארײנקוקנ אינ זײ האָט זיכ נאָכ קײנעמ ניט אײנגעגעבנ. זי לאכט אָנשטעקנדיק, טאליע לאגוטינע. דורכ איר צעבליטער יוגנט קוקט די דאָזיקע שאכטל־מאכערקע אפ דער װעלט פונ דעמ אכצנטנ טרעפל אראָפּ.

איר האנט טוט זיכ א הײב אינדערהויכ, אונ דער געזאנג צעגיסט זיכ װי דער סיגנאל פונ א טרומײט:

Лейся в даль, наш напев, мчись кругом—
Над миром наше знамя реет,
Оно горит и ярко рдеет,—
То наша кровь горит огнем...

מענ איז זיכ צעגאנגענ שפעט, װעקנדיק די שװײַגנדיקע גאסנ מיטנ געפילדער פונ די שטימענ.

*

זשארקי האָט אויסגעשטרעקט די האנט צומ טעלעפאָנ.

— שטילער, יאטנ, מע הערט גאָרנישט!—האָט ער אויסגעשריענ צו דער פילדערנדיקער „קאָמסא“, װאָס האָט אָנגעפראָפּט דעמ צימער פונעמ פאראנטװאָרטלעכנ סעקרעטאר.

די שטימענ זײַנענ שטילער געװאָרנ אפ א פּאָר טענער.

— איכ הער. אהא, דאָס ביסטו! יע, יע, באלד. די טאָג־אָרדענונג? די זעלבע—דאָס צושטעלנ האָלצ פונ די האפנס. װאָס? נײנ, אינ ערגעצ ניט געשיקט. דאָ. א רופ טאָנ? גוט.

זשארקי האָט מיטנ פינגער צוגערופנ קאָרטשאגינענ.

— די כאװערטע אוסטינאָװיטש רופט דיכ.—אונ האָט אימ איבערגעגעבנ דאָס טרײבל.

— איכ האָב געמײנט, אז דו ביסט ניטאָ. בא מיר איז דער אָװנט צו־

פעליק א פרײַער. קום צו גײן. דער ברודער איז פֿאַרבײַפֿאָרנדיק געקומען צו מיר, מיר האָבן זיך צװײ יאָר ניט געזען.

דער ברודער!..

פּאװעל האָט ניט געהערט אירע װערטער. ער האָט זיך דערמאָנט אַ יענעם אָװנט, אַ דאָס, װאָס ער האָט באַשלאָסן דעמלט טאַקע באַנאַכט אַפּן בריק. יע, מע דאַרף צוגײן צו איר הײַנט און פֿאַרברענען די בריקן. ליבע ברענגט אַסאַך אומרו און װײטעק. צי דען איז איצט אַ צײַט צו ריידן װעגן דעם?

א שטים אין טרײַבל:

— װאָס איז מיט דיר, דו הערסט מיך ניט?

— ניין, ניין, איך הער. גוט. נאָך דער ביוראָ.

און ער האָט אװעקגעלײגט דאָס טרײַבל.

*

ער האָט געקוקט איר גלײַך אין די אויגן אַרײַן און, דריקנדיק דעם דעמבענעם ברעג טיש, געזאָגט:

— איך װעל, מיסטאָמע, מער ניט קענען קומען צו דיר.

ער האָט אָפּגעזאָגט און דערזען, װי עס האָבן זיך אופגערודערט אירע געדיכטע װיִעס. איר בלײַשטיפט האָט אָפּגעשטעלט דעם לויף איבערן בויגן און איז אומבאַװעגלעך געבליבן ליגן אף דער צעעפֿנטער העפֿט.

— פֿאַרװאָס?

— עס װערט אַלץ שװערער אויסקלײַבן פֿאַר זיך אַ פֿרײַע שאָ. װײסט אַלײן, טעג זײַנען אָנגעקומען שװערלעכע. אַ שאָד, נאָר עס קומט אויס אָפּלײגן...

ער האָט זיך צוגעהערט צו די לעצטע װערטער און דערפֿילט, אַז זײ האָבן ניט קײן האַפט.

„צו װאָס דרײסטו אַ ספּאָדעק? דו האָסט ניט, הײסט עס, קײן מוט אַ זעץ טאָן איבערן האַרצן מיטן פויסט!"

און פּאװעל האָט אײַנגעשפּאַרט װײַטער גערעדט:

— אויסער דעם האָב איך שוין לאַנג געװאָלט דיר זאָגן, אַז איך פֿאַרשטײ דיך שלעכט. אָט װען איך האָב זיך געלערנט בא סעגאַלן, איז בא מיר אין קאָפּ אַלץ געבליבן. און מיט דיר גײט עס עפּעס ניט. פֿון דיר פֿלעג איך יעדן מאָל אװעקגײן צו טאָקאַרעװון, קעדײ דערגײן עפּעס אַ טאָלק. מײַן קאָפּ באַנעמט ניט. דו דאַרפֿסט זיך נעמען עמעצן מיט אַ בעסערן קאָפּ.

און ער האָט זיך אָפּגעקערט פֿון איר אופמערקזאַמען בליק.

אָפּגעשניטן דעם װעג צו דער מײדל, האָט ער אײַנגעשפּאַרט צוגעגעבן:

— באַקומט זיך, הײסט עס, אַז איך מיט דיר דאַרפֿן ניט פֿאַטערן אומזיסט קײן צײַט.

ער איז אופגעשטאנענ, פאָרזיכטיק אָפגערוקט מיטנ פוס דעמ שטול אונ א קוק געטאָנ פונ אויבנ אראָפּ אפ דעמ אײַנגעבויגענעמ קאָפּ, אפנ געזיכט, וואָס איז בלייך געוואָרנ באמ שײַנ פונ לאָמפּ. ער האָט אָנגעטאָנ דאָס היטל.

— נו, זײַ געזונט, כאווערטע ריטע. א שאָד, וואָס איך האָב דיר אזוי־פיל טעג דעמ קאָפּ פארדרייט. איך האָב דיר געדארפט באלד זאָגנ. דאָס איז שוינ מײַנ שולד.

ריטע האָט מעכאניש אימ געגעבנ די האנט אונ, געפּלעפט פונ זײַנ אומדערוואַרטער קאלטקײַט, האָט זי בלויז געקענט ארויסריידנ:

— איך באשולדיק דיך ניט, פאוועל. וויבאלד איך האָב ניט געקענט צוגיינ צו דיר אונ זײַנ פארשטענדלעך, האָב איך פארדינט אָט דאָס הײַנ־טיקע.

שווער זײַנענ געגאנגענ די פיס. שטיל, אָנ א קלאַפּ, האָט ער צוגעמאכט די טיר. באמ ארויסגאנג האָט ער זיך פארהאלטנ—מע קענ זיך נאָך אומ־קערנ, דערציילנ... צו וואָס? קעדיי באקומענ מיט א בייזנ וואָרט א פאטש אינ פּאָנעמ אונ ווידער פליִענ אהער, צומ ארויסגאנג? ניינ.

*

אינ די טעמפּע ווינקלענ זײַנענ געוואקסנ בעסוילעמס פונ צעבראָכענע וואגאָנעס אונ קאלטע לאָקאָמאָטיוונ. דער ווינט האָט ארומגעטראָגנ דריב־נעמ האָלצ־שטויב איבער די פוסטע האָלצ־סקלאדנ.

אונ ארומ שטאָט, אפ די וואלדיקע שטעגלעך, אינ די טיפע באלקעס, האָט ווי א פארצוקנדיקע כײַע ארומגענישטערט אָרליקס באנדע. באטאָג איז זי זיך געזעסנ אינ די ארומיקע כוטאָרנ, אינ די רײַכע וואלדיקע פליינענ, אונ באנאכט איז זי ארויסגעקראָכנ אפ די שליאכנ, געריִעט זיי מיט איר נעגלדיקער לאפּע אונ, אָפּגעטאָנ די שרעקלעכע ארבעט, איז זי נאָכדעמ אוועקגעקראָכנ אינ איר נאָרע ארײַנ.

אָפּטער זײַנענ אראָפּגעפאלנ אונטערנ שיפּוי פונ די וועגנ די שטאָלענע פערד. וואגאָנעס פלעגנ זיך אפ שפּענדלעך צעברעכנ, אפ מאָנ פלעגנ צע־ריבנ ווערנ שלאָפעדיקע מענטשנ, אונ מיט בלוט אונ זאמד האָבנ זיך אויס־געמישט טײַערע קערנער.

עס פלעגט אָנפליִענ די באנדע אינ א רײַטערישער כאוורײַע אפ די שטילע וואָלאָסט־שטעטלעך. דערשראָקנ קוואָקטשענדיק, פלעגנ זיך פונ גאס צעלויפנ די הינער. עס הילכט אָפּ א ווילדער שאָס. ווי טרוקענע צווײַגנ אונטער די פיס, טוט א קנאק א קורצע שיסערײַ באמ ווײַסינקנ הײַזעלע פונ וואָלאָסט־סאָוועט. די באנדיטנ יאָגנ אומ איבערנ דאָרף אפ זייערע זאטע פערד אונ שנײַדנ די מענטשנ, וואָס זיי האָבנ געכאפּט, שנײַדנ מיט א פײַפ, ווי מע האקט האָלצ. זיי האָבנ זעלטנ געשאָסנ—געזשאלעוועט קוילנ.

פונקט אזוי גיכ ווי זיי פלעגנ קומענ, פלעגנ זיי פארשווינדנ. אומעטום האָט די באנדע געהאט אירע אויגנ, אירע אויערנ. געבויערט האָבנ די דאָזיקע אויגנ דאָס ווײַסע וואָלסאָוועטישע הײַזל פונ דעם גאלעכס הויפ ארויס און פונ דער יוסטער קולאַקישער כאטע. און אהינ, אינ די וואלד־געדיכטענישנ, האָבנ זיכ געצויגנ אומזיכטבארע פעדעם. אהינ האָבנ געפלאָסנ קוילנ, שטיקער פרישע כאזער, פלעשער גרויער סאמאָהאָנ און אויכ דאָס, וואָס עס ווערט איבערגעגעבנ שטיל אפנ אויער די קלענערע אטאמאנענ, און נאָכדעם, דורכ זייער א קאָמפליצירטער נעצ,—אָרליקנ אליינ.

די באנדע איז באשטאנענ סאכאקל פונ א צוויי־דרײַ הונדערט באנדיטנ, אָבער כאפנ די באנדע האָט זיכ ניט אײַנגעגעבנ. די באנדע האָט אָפערירט, צעטיילט אפ עטלעכע טיילנ, אינ צוויי־דרײַ אויעזדנ מיטאמאָל. פאקנ אלעמענ איז געווענ אומעגלעכ. באנאכט—א באנדיט, און באטאָג איז ער א פרידלעכער פויער, וואָס האָט זיכ געייסעקט בא זיכ אינ הויפ, אונטערגעלייגט קאָרמ דעם פערד, געצויגנ מיט א שמייכעלע זײַנ ליולקע באם טויער און באגלייט מיט א נעפלדיקנ בליק די קאוואלעריע־ראזיעזדנ.

אָנ רו און שלאָפ האָט זיכ האסטיק ארומגעיאָגט מיט זײַנ פאָלק איבער דרײַ אויעזדנ אלעקסאנדער פוזירעווסקי. אנ אומדערמידלעכער אינ זײַנ אקשאָנעסדיקנ פארפאָלגנ די באנדיטנ, פלעגט ער אָפט אָניאָגנ דעם באנדיטישנ אריערגארד.

און אינ א כוידעש ארום האָט אָרליק אָפגעצויגנ זײַנע באנדעס פונ צוויי אויעזדנ. ער האָט זיכ גענומענ צאפלענ אינ אנ ענגנ קרײַז.

*

דאָס לעבנ אינ שטאָט איז זיכ געגאנגענ ווי געוויינלעכ. אפ פינפ מערק האָט זיכ אינ געפילדער געגראבלט א מענטשלעכער האמוינ. עס האָבנ דאָ געהערשט צוויי שטרעבונגענ: אײַנע—אראָפרײַסנ וואָס מער, די צווייטע—געבנ וואָס ווייניקער. דאָ האָבנ געארבעט אינ דעם גאנצנ מאסשטאב פונ זייערע קויכעס און פײַקײַטנ פארשיידנ־קאליבערדיקע שווינדלער. ווי פליי האָבנ דאָ אומגעטאנצט פלינקע מענטשעלעכ מיט אויגנ, אינ וועלכע עס איז געווענ אלצ, אויסער געוויסנ. דאָ האָט זיכ, ווי אינ א קופע מיסט, פארזאמלט די גאנצע שטאָטישע שמוצ אינ דעם אײַנהײַטלעכנ שטרעבנ „אָפפרײַערנ א יאָלד". די זעלטענע צוגנ פלעגנ ארויסווארפנ פונ זייער אינגעווייד קופעס מענטשנ אָנגעלאָדענע מיט זעק. דער דאָזיקער האמוינ פלעגט זיכ לאָזנ צו די מערק.

אינאָוונט זײַנענ די מערק געווענ ליידיק, און פארלאָזנ האָבנ אויסגעזענ די מארק־געסלעכ, די שווארצע רייענ קראָמענ און קרעמלעכ.

ניט יעדער דרייסטער מענטש וועט ריזיקירנ באנאכט אוועקלאָזנ זיכ טיפ אינ דעם דאָזיקנ טויטנ קווארטאל, ווו פונ הינטער יעדנ בײַדל ווארט

א שטומע געפּאַר. ניט־זעלטן גיט באַנאַכט א הילך, ווי מיט א האַמער איבער בלעך, א רעוואָלווער־שאָס, און עס פאַרכלינגעט זיך מיט בלוט עמעצנס א גאַרגל. ביזוואַנען אַהער ווען צוקומען א היפּל מיליציאָנערן פון די שכיינישע פּאָסטנס (איינציקווייז איז מען ניט געגאַנגען), וועלן זיי שוין, אויסער א פאַרקאָרטשעטן באַרמענען, גאָרנישט ניט געפינען. די „שפּאַנא" האָט שוין ווער ווייס ווו אָפּגעצויגן פון דעם „נאַסן" אָרט, און דער אויפגעהויבענער טומל האָט שוין אראָפּגעבלאָזן ווי מיטן ווינט אַלע נאַכט־באַזוכער פונעם מאַרק־קוואַרטאַל. דאָ טאַקע אַנטקעגן איז דער קינאָ „אָריאָן". די גאַס און דער טראָטואַר זיינען אין עלעקטרישן ליכט. מענטשן דרייען זיך דאָ אַרום.

אין זאַל האָט געקנאַקט דער קינאָ־אַפּאַראַט. אַפן עקראַן האָבן איינע די אַנדערע געהאַרגעט שלימאַזלדיקע פאַרליבטע, און מיט א ווילדן געיאָמער פלעגן די צושויער זיך צעשרייען, ווען עס פלעגט זיך איבעררייסן דאָס בילד. אין צענטער און אין די פאָרשטעט איז, דאַכט זיך, דאָס לעבן געבליבן ווי אַמאָל, און אַפילו דאָרטן, ווו עס איז געווען דער מאַרק פון דער רעוואָלוציאָנערער מאַכט — אין גובקאָם, — איז אַלץ געגאַנגען מיטן געוויינלעכן גאַנג. אָבער דאָס איז געווען בלויז אַן אויסערלעכע רויִקייט.

אין שטאָט איז אָנגעוואָקסן א שטורעם.

וועגן זיין אָנקום האָבן געוווּסט אַסאַך פון די, וואָס זיינען אַריינגעגאַנגען אין שטאָט פון אַלע עקן און האָבן שלעכט אויסבאַהאַלטן די מיליטערישע ביקס אונטער דער פויערישער סערמיגע. וועגן דעם האָבן געוווּסט אויך יענע, וועלכע זיינען קלוימערשט ווי מעשאָטשניקעס געפאָרן אַף די דעכער פון צוגן און געהאַלטן די ריכטונג ניט אַף די מערק, נאָר געטראָגן די זעק ביז די גאַסן און הייזער, וואָס זיינען געווען בא זיי פאַרשריבן אין זיקאָרן.

אויב די דאָזיקע האָבן יע געוווּסט, האָבן די אַרבעטער־קוואַרטאַלן, אַפילו די באָלשעוויקעס, ניט געוווּסט וועגן דעם אָנקומענדיקן שטורעם.

אין שטאָט זיינען געווען בלויז פינף באָלשעוויקעס, וואָס האָבן געוווּסט וועגן די אַלע צוגרייטונגען.

די רעשטן פון דער פּעטליוראָווּטשינע, פאַריאָגטע פון דער רויטער אַרמיי אין ווייסן פוילן, האָבן זיך אין ענגן קאָנטאַקט מיט די אויסלענדישע מיסיעס אין וואַרשע געגרייט נעמען אַן אָנטייל אין דעם אופשטאַנד, וואָס האָט זיך געגרייט.

פון די רעשטן פּעטליורישע פּאָלקן האָט זיך געהיים פאָרמירט א רייד־גרופּע.

אין שעפּעטאָווקע האָט דער צענטראַלער אופשטענדלערישער קאָמיטעט אויך געהאַט זיין אָרגאַניזאַציע. אין איר זיינען אַריין זיבן און פּערציק מאַן, וואָס די מערהייט פון זיי זיינען אין דער פאַרגאַנגענהייט געווען אַק־

טיווע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן, וועלכע די צוטהוילעכע אָרטיקע טשעקא האָט געלאָזן אַף דער פרײַ.

אָנגעפירט מיט דער אָרגאַניזאַציע האָט דער פּאָפּ וואַסילי, דער פּראָפּאָר־שטשיק ווינוק און דער פּעטליוריִשער אָפיצער קוזמענקאָ. דעם פּאָפּס טעכ־טער, ווינוקס ברודער און פּאָטער און סאַמאָטיִיא, וואָס האָט זיך אריינ־געמאַכט אַלס געשעפטפירער אין אויספּירקאָם, האָבן געפירט דעם אויס־שפּיר.

אין דער נאַכט פונעם אופשטאַנד איז געווען באַשלאָסן צו פאַרוואַרפן דעם בײַגרענעצדיקן באַזונדערן אָפּטײל מיט האַנט־גראַנאַטן, אַרויסלאָזן די אַרעסטירטע און, אויב עס וועט זיך אײַנגעבן, פאַרכאַפּן דעם וואָקזאַל.

אין דער גרויסער שטאָט—דעם צענטער פונעם קומענדיקן אופשטאַנד—איז אין טיפסטער קאָנספּיראַציע געגאַנגען א קאָנצענטראַציע פון אָפיצע־רישע קויכעס, און אין די בײַגרענעצדיקע וועלדער האָבן זיך געזאַמלט באַנדיטישע שײַקעס. פונדאַנען האָט מען געשיקט אויסגעפּרוווטע „זוברעס" קיין רומעניע און צו פּעטליורען אַליין.

*

אין באַזונדערן אָפּטײל איז דער מאַטראָס שוין די זיבעטע נאַכט ניט אײַנגעשלאָפן אַפילע אַף א מינוט. ער איז געווען איינער פון יענע גע־צײלטע באָלשעוויקעס, וואָס האָבן אַלץ געוווסט. פיאָדאָר זשוכרײַ האָט אי־בערגעלעבט דעם געפיל פון א מענטשן, וואָס האָט אויסגעשפּירט א ווילדע כײַע, בײַס יענע איז שוין גרייט מאַכן א שפּרונג אַף פאַרצוקן.

מע טאָר ניט שרײַען, אופהייבן א טומל. די בלוטדורשטיקע כײַע מוז דערהאַרגעט ווערן. בלויז דאַן איז מעגלעך רויקע מי, אָן דעם, אַז מע זאָל זיך דאַרפן אומקוקן אַף יעדער קוסט. די כײַע טאָר מען אויך ניט איבער־שרעקן. דאָ, אין דעם דאָזיקן קאַמף אַף לעבן און טויט, קומט דער זיג בלויז ווי א רעזולטאַט פון אויסגעהאַלטנקײַט פונעם קעמפער און פון דער זיכערקײַט פון זײַן האַנט.

עס האָט זיך דערנענטערט דער טערמין.

ערגעץ דאָ, אין שטאָט, אינעם לאַבירינט פון די „יאַווקעס" און קאָנספּי־ראַציע, האָט מען באַשלאָסן: מאָרגן באַנאַכט.

יענע פינף באָלשעוויקעס, וואָס האָבן געוווסט, זײַנען פאַרלאָפן דעם ווענ־ניין, הײַנט באַנאַכט.

אינאָווגט איז פון דעפּאָ שטיל, אָן פײַפן, אַרויס א פאַנצערצוג, און פונקט אַזוי שטיל האָבן זיך פאַרמאַכט הינטער אים די ריזיקע טויערן פון דעפּאָ.

די דירעקטע טעלעגראַפן האָבן געײַלט איבערצוגעבן שיפרירטע טעלע־גראַמעס, און אומעטום, וווהין זיי זײַנען געקומען צו פליִען, האָבן די וואַכ־

לײַט פֿונ דער רעפּובליק פֿארגעסנ אָנ שלאָפ אונ אומשעדלעכ געמאַכט זיי גיפֿטיקע נעסטנ.

זשארקינ האָט צומ טעלעפֿאָנ ארויסגערופֿנ אקימ.

— די קעמערל־פֿארזאמלונגענ זײַנענ געזיכערט? יע? גוט. דו אליינ קומ באלד צו פֿאָרנ מיטנ סעקרעטאר פֿונ רײַפּארטקאָמ אפּ א באראטונג. מיט דער פֿראגע וועגנ די האָלצ איז ערגער ווי מיר האָבנ געמיינט. וועסט קומענ, וועלנ מיר זיכ דורכשמועסנ,—האָט זשארקי געהערט אקימס פֿעסטע אונ גיכע רייד.

— נו, מיר וועלנ באלד אלע מעשוגע ווערנ פֿונ די האָלצ,—האָט ער א בורטשע געטאָנ, אוועקלייגנדיק דאָס טרײַבל.

ביידע סעקרעטארנ זײַנענ ארויס פֿונ אוטאָמאָביל, אפּ וועלכנ עס האָט זיי געבראכט צו פֿירנ ליטקע. זיי האָבנ זיכ אופֿגעהויבנ אפֿנ צווייטנ שטאָק אונ באלד פֿארשטאנענ, אז די זאכ איז דאָ ניט אינ האָלצ.

אפֿנ איניאָנימ־פֿירערס טיש איז געשטאנענ א „מאקסימ", לעבנ אימ האָבנ זיכ געייסעקט קוילנווארפֿלער פֿונ „טשאָנ". אינ די קאָרידאָרנ—שווײַגנ־דיקע וואכלײַט פֿונ שטאָטישנ אקטיוו פֿונ פּארטיי אונ קאָמיוג. אינ קאבינעט פֿונעמ סעקרעטאר פֿונ גובקאָמ האָט זיכ פֿארענדיקט אנ עקסטרע זיצונג פֿונ ביוראָ פֿונ גובקאָמ פֿונ דער פּארטיי.

דורכ דער פּאָרטעטשקע האָבנ זיכ פֿונ גאס געצויגנ דראָטנ צו צוויי פֿעלד־טעלעפֿאָנענ.

מע האָט גערעדט שטיל. זשארקי האָט אינ אקימס צימער געטראָפֿנ ריטענ אונ מיכײַלענ. ער האָט ניט באלד דערקענט שומסקענ, וואָס האָט געטראָגנ א לאנגנ שינעל מיט א פּאס, א פּאָרטופּייע אונ דעמ שייד פֿונעמ נאגאנ. ריטע, פּונקט ווי אמאָל, ווענ זי איז געווענ א פּאָליטאָנפֿירער פֿונ א ראָטע,—אינ א רויטארמייִשנ העלמ, אינ א כאקי־קלײדל, איבער דער לעדערנער קורטקע—א רימענ פֿונעמ שווערנ מאוזער.

— ווי דארפֿ מענ דאָס אלצ פֿארשטיינ?—האָט בא איר מיט פֿארוווּנדערונג געפֿרעגט זשארקי.

— א פּרווו־אליארמ, וואניע. באלד וועלנ מיר אוועקפֿאָרנ אינ אײַער ראיאָנ. דער זאמלפּונקט לויטנ אליארמ איז אינ דער פֿינפֿטער פּוסגייער־שול. גלײַכ פֿונ די קעמערלעכ־פֿארזאמלונגענ גייענ די יאטנ אהינ. דעריקער—דורכפֿירנ דאָס אומבאמערקט,—האָט ריטע איבערגעגעבנ זשארקינ.

שטיל איז אינעמ „קאדעטישנ" וועלדל.

הויכע שווײַגנדיקע דעמבנ — הינדערטיאָריקע ריזנ. א שלאָפֿעדיקע סאזשלקע, באדעקט מיט וואסער־בלעטער אונ מיט וואסער־קראָפּעווע. ברייטע פֿארלאָזענע אלייעס. אינמיטנ וועלדל, הינטער דער הויכער ווײַסער וואנט— די שטאָקנ פֿונעמ קאדעטישנ קאָרפּוס. איצט איז דאָ די פֿינפֿטע פּוסגייער־שול פֿונ רויטע קאָמאנדירנ. שפּעטער אָוונט. דער אויבערשטער שטאָק איז ניט

באלויכטנ. אויסערלעכ איז דאָ אלצ רויִק. יעדערער, וואָס גייט דורכ פארבײַ, קענ מיינענ, אז הינטער דער דאָזיקער וואנט שלאָפט מענ. אָבער אויב אזוי, טאָ צו וואָס זײַנענ אָפנ די טשוהונענע טויערנ אונ וואָס זײַנענ עס פארא צוויי זאכנ, ענלעכע אפ ריזיקע פרעש, באם טויער? אָבער די מענטשנ, וואָס זײַנענ אהערצו געגאנגענ פונ פארשיידענע עקנ פונעם אײַזנבאנ־ראיאָנ, האָבנ געוווּסט, אז אינ שול קענ מענ ניט שלאָפנ, וויבאלד עס איז דערקלערט געוואָרנ א באנאכטיקער אליארם. אהער איז מענ געגאנגענ גלײַכ פונ די קעמערל־פארזאמלונגענ, נאָכ א קורצער דערקלערונג, געגאנגענ אָנ רייד, איינציקוויַיז אונ פאָרוויַיז, אָבער ניט מער ווי צו דרײַ מענטשנ, אונ בא אלעמענ אינ די קעשענעס איז אומבאדינגט געלעגנ א ביכעלע מיטנ טיטל „קאָמוניסטישע פארטיי באָלשעוויקעס" אָדער „קאָמוניסטישער יוגנט־פארבאנד פונ אוקראיִנע". אינ די טשוהונענע טויערנ האָט מענ געקענט ארײַנגיינ, בלויז באווײַזנדיק אזא ביכעלע.

אינ אקטנ־זאל איז שוינ דאָ אסאכ מענטשנ. דאָ איז ליכטיק. די ווענט זײַנענ פארהאנגענ מיט ברעזענטענע פאלאטקעס. די באָלשעוויקעס, וואָס האָבנ זיכ דאָ פארזאמלט, האָבנ רויִק געררויכערט „ציגענע פיסלעכ". קיינער האָט קיינ שום אליארם ניט געפילט. פאָשעט אזוי זיכ זאמלט מענ צונויפ, אפ יעדנ פאל, עס זאָל זיכ פילנ א דיסציפלינ אינ די טיילנ פונ באזונדערער באשטימונג. אָבער דערפארענע פראָנטאָוויקעס האָבנ, ארײַנגייענדיק אינ הויפ פונ שול, געפילט עפעס אזוינס, וואָס איז אינגאנצנ ניט ענלעכ אפ א באדינגלעכנ אליארם. שוינ צו שטיל האָט זיכ אלצ געטאָנ. שווײַגנדיק האָבנ זיכ אויסגעשטעלט אונטער דער האלב־שעפטשענדיקער קאָמאנדע די ווזוואָדנ קורסאנטנ. אפ די הענט האָט מענ ארויסגעטראָגנ קוילנוואורפערס, אונ פונ דרויסנ זעט זיכ ניט קיינ איינ פײַערל אינ קיינ איינ קאָרפוס.

— מע וואַרט, אפאָנעם, אפ זייער אנ ערנסטנ איניען, מיטיאי? — האָט שטיל געפרעגט קאָרטשאגינ, צוגייענדיק צו דובאווענ.

מיטיאי איז געזעסנ אפנ פענצטער לעבנ אנ אומבאקאנט מיידל. קאָרטשאגינ האָט זי פארבײַגייענדיק געזענ מיט צוויי טעג צוריק בא זשארקינ.

דובאווע האָט שפאסנדיק א קלאפ געטאָנ פאוולענ איבערנ פלייצע.

— וואָס? דו זאָגסט, אז דאָס הארצ איז דיר אײַנגעפאלנ? נישקאָשע, מיר וועלנ אײַכ אויסלערנענ מילכאָמע האלטנ. ביסט מיט דער כאווערטע ניט באקאנט? — האָט ער אָנגעוויזנ אפנ מיידל. — מע רופט זי אנע. די פאמיליע אירע ווייס איכ ניט. אונ איר ראנג — זי איז די פארוואלטערנ פונ דער אגיטאציע־באזע.

דאָס מיידל, הערנדיק דובאוועס וויציקע רעקאָמענדאציע, האָט באטראכט קאָרטשאגינענ. זי האָט פאריכט דעמ לאָקנ האָר, וואָס האָט זיכ בא איר ארויסגערוקט פונ אונטער דעמ פיִאָלעטנ טיכל.

זי האָט זיך באגעגנט מיט קאָרטשאגינס אויגנ—עטלעכע סעקונדעס האָט געדויערט דער שטומער געוועט. אירע אויגנ, בלוי־שווארצע, האָבנ ארויסרופעריש געפינקלט. די גרויסע ברעמענ—ווי פליגלענ פונ א שווארצנ שמעטערלינג. פאוועל האָט איבערגעטראָגנ דעמ בליק אפ דובאווענ. ער האָט דערפילט, אז ער ווערט רויט, האָט ער אומצופרידנ זיך אָנגעכמורעט.

— ווער־זשע וועמענ אגיטירט דאָ צווישנ אײַך?—האָט פאוועל געפרעגט, סטארענדיק זיך א שמייכל טאָנ.

אינ זאל האָט זיך דערהערט א גערויש. מיכײַלע שומסקי איז ארופ אפ א שטול אונ האָט אויסגעשריִענ:

— קאָמונארנ פונ דער ערשטער ראָטע, אויסשטעלנ זיך אינ דעמ דאָזיקנ זאל! שנעלער, שנעלער, כאוויירימ!

אינ זאל זײַנענ ארײַנ זשוכרײַ, דער פאָרזיצער פונ גובויספירקאָמ אונ אקימ. זיי זײַנענ נאָרוואָס געקומענ צו פאָרנ. דער זאל איז געווענ אָנגעשטאָפט מיט מענטשנ, אויסגעשטעלטע אינ רייענ.

דער פאָרזיצער פונ גובויספירקאָמ האָט זיך געשטעלט בא דעמ קוילנווארפער, אופגעהויבנ די האנט אונ געזאָגט:

— כאוויירימ, מיר האָבנ אײַך צונויפגעקליבנ אהער צוליב אנ ערנסטנ אונ פאראנטוואָרטלעכנ איניִענ. איצט מעג מענ זאָגנ דאָס, וואָס מע האָט נאָכ ניט געטאָרט זאָגנ נעכטנ, ווײַל דאָס איז געווענ א טיפער מיליטערישער סאָד. מאָרגנ באנאכט דארפ דאָ אינ שטאָט, ווי אינ גאנצ אוקראינע, אויסברעכנ א קאָנטררעוואָליוציאָנערער אופשטאנד. די שטאָט איז פול מיט אָפיצערנ. ארומ שטאָט קאָנצענטרירנ זיך באנדיטישע שײַקעס. א טייל פארשווערער האָט זיך ארײַנגעמאכט אינ פאנצער־דיוויזיאָנ אונ ארבעט דאָרטנ אלס שאָפערנ. אָבער די אויסעראָרדנטלעכע קאָמיסיע האָט די פארשווערונג אופגעדעקט, אונ מיר שטעלנ איצט אונטערנ ביקס די גאנצע פארטיי־אָרגאניזאציע אונ דעמ קאָמיוג. צוזאמענ מיט די אויסגעפרוווטע טיילנ פונ די קורסאנטנ אונ אָטריאדנ פונ טשעקא וועט ארויסטרעטנ דער ערשטער אונ צווייטער קאָמוניסטישער באטאליאָנ. די קורסאנטנ זײַנענ שוינ ארויסגעטראָטנ, איצט איז אײַער ריי, כאוויירימ. פופצנ מינוט אפ באקומענ געווער אונ זיך אויסשטעלנ. מיט דער אָפעראציע וועט אָנפירנ דער כאווער זשוכרײַ. פונ אימ וועלנ די קאָמאנדירנ באקומענ פינקטלעכע אָנווײַזונגענ. איכ האלט פאר איבעריק אָנווײַזנ דעמ קאָמוניסטישנ באטאליאָנ אפ דער ערנסטקײַט פונעמ געגעבענעמ מאָמענט. מיר דארפנ שוינ הײַנט אָנעמענ מיטלענ אפ ניט דערלאָזנ דעמ מאָרגעדיקנ אופשטאנד.

אינ א פערטל שאָ ארומ האָט זיך דער באוואָפנטער באטאליאָנ אויסגעשטעלט אינ הויפ פונ דער שול.

זשוכרײַ האָט מיטנ בליק באטראכט די פארגליווערטע רייענ פונעמ באטאליאָנ.

דרײַ טריט פֿאָרויס פֿאַר דער קאָלאָנע—צווייען אין רימענס: דער קאָמבאַט מענײַלאָ—אַ גיבער, אַן אוראַלער גיסער, און לעבן אים—דער קאָמיסאַר אַקים. לינקס—די ווזוואָדן פֿון דער ערשטער ראָטע. צוויי טריט פֿאָרויס—צווייען: דער ראָטע-קאָמאַנדיר שומסקי און דער פּאָליטאָנפֿירער אוסטינאָוויטש. הינטער זייערע רוקנס—שווײַגנדיקע רייען פֿון קאָמוניסטישן באַטאַליאָן. דרײַ הונדערט ביקסן.

פּיאָדאָר האָט דערלאַנגט אַ צייכן.

— צײַט אַרויסצוטרעטן.

*

דרײַ הונדערט האָבן מאַרשירט איבער די פּוסטע גאַסן.

די שטאָט איז געשלאָפֿן.

אויף דער לוואָווער, אַקעגן דזיקע-גאַס, האָט זיך דער באַטאַליאָן אָפּגעשטעלט. דאָ האָבן זיי אָנגעהויבן זייערע אָפּעראַציעס.

אָן טומל האָט מען אַרומגערינגלט קוואַרטאַלן. דער שטאַב האָט זיך באַזעצט אויף די טרעפּלעך פֿון אַ מאַגאַזין.

אַראָפּ איבער דער לוואָווער גאַס, פֿון צענטער, האָט זיך אַראָפּגעקײַקלט אַן אויטאָמאָביל, באַלײַכטנדיק מיט זײַנע פּראָזשעקטער דעם שאָסיי. באַם שטאַב האָט ער זיך אָפּגעשטעלט.

דאָס מאָל האָט ליטקע געבראַכט צו פֿירן זײַן פֿאָטער. דער קאָמענדאַנט איז אַראָפּגעשפּרונגען אויפֿן ברוק און האָט צו זײַן זון אַ וואָרף געטאָן עטלעכע אָפּגעריסענע פֿראַזן אויף לעטיש. די מאַשין האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿאָרויס און איז אין איין אויגנבליק פֿאַרשוווּנדן הינטערן ראָג אויף דער דמיטריִעווער גאַס. הוגאָ ליטקע איז אײַנגאַנצן געווען פֿאַרטאָן אין קוקן און זען: די הענט האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן מיטן רודער—אויף רעכטס—אויף לינקס.

אַהאַ, אָט ווו עס איז צוניץ געקומען זײַן, ליטקעס, הייסער פֿאָרן! קיינעם וועט איצט ניט קומען אויפֿן זינען געבן אים צוויי נעכט אַרעסט פֿאַר משוגענע וויראַזשן.

און הוגאָ איז געפֿלויגן איבער די גאַסן, ווי אַ מעטעאָר.

זשוכרײַ, וואָס דער יונגער ליטקע האָט אים אין איין אויגנבליק אַריבערגעוואָרפֿן פֿון איין עק שטאָט אין צווייטן, האָט ניט געקענט ניט אויסדריקן זײַן באַוויליקונג:

— אויב דו, הוגאָ, וועסט הײַנט מיט אַזאַ פֿאָרן ניט מײמעסן קיינעם, וועסטו מאָרגן באַקומען אַ גאָלדענעם זייגער.

— הוגאָ האָט געפֿײַערט זײַן זיג.

— און איך האָב געטראַכט—אַ מעסלעס צען אַרעסט פֿאַר וויראַזש באַקומען...

די ערשטע קלעפּ זײַנען געװען געװענדעט אױף דער שטאַב־קװאַרטיר פֿון די פֿאַרשװערער. אין באַזונדערן אַפּטײל זײַנען צוגעשטעלט געװאָרן די ערשטע אַרעסטירטע און די צוגענומענע דאָקומענטן.

אין דער דזיקע־גאַס, אין אַ זאַװולעק מיט פֿונקט אַזאַ מאָדנעם נאָמען, אין הױז נום. 11, האָט געװױנט אײנער אונטער דער פֿאַמיליע ציורבערט. װיט די ידיעות פֿון טשעקאַ, האָט ער געשפּילט ניט קײן קלײנע ראָליע אין דער װײַטער פֿאַרשװערונג. בײַ אים האָבן זיך געפֿונען די צעטלען פֿון די אָפּיצערישע דרוזשינעס, װאָס האָבן געדאַרפֿט אָפּערירן אין ראַיאָן פֿון פּאָדאָל.

ליטקע אַלײן איז געקומען אויף דער דזיקע־גאַס, קעדײַ אַרעסטירן ציורבערטן. אין דער דירע, װאָס איז אַרױסגעגאַנגען מיט די פֿענצטער אין סאָד און װאָס איז געװען אָפּגעטײלט מיט אַ װאַנט פֿון דעם געװעזענעם פֿרױען־מאָנאַסטיר, האָט מען ציורבערטן ניט געפֿונען. הײַנט איז ער, װי עס זאָגן די שכנים, ניט געקומען צוריק. מע האָט געמאַכט אַן אונטערזוכונג, צוזאַמען מיט אַ קעסטל האַנט־גראַנאַטן האָט מען געפֿונען צעטלען און אַדרעסן. ליטקע האָט באַפֿױלן אַװעקשטעלן אַ געהײמע װאַך און האָט זיך אויף אַ װײַלע אָפּגעשטעלט בײַם טיש, קעדײַ דורכקוקן די געפֿונענע מאַטעריאַלן.

אין סאָד איז אויף דער װאַך געשטאַנען אַ יונגער קורסאַנט. ער זעט דאָס באַלױכטענע פֿענצטער. דאָ איז ניט־אָנגענעם צו שטײן אַלײן, אין װינקל. ס'איז אַביסל שװינדערלעך. מע האָט אים באַפֿױלן אַכטונג געבן אויף דער װאַנט. נאָר פֿונדאַנען איז װײַט צו דעם הײמלעכן ליכט פֿון פֿענצטער. דער־צו לײַכט נאָך די טײַװלשע לעװאָנע אַזױ זעלטן. אינדערפֿינצטער זעען די קוסטעס אױס װי לעבעדיקע. דער קורסאַנט טאַפּט מיטן באַגנעט אַרום און אַרום—עס איז פּוסט.

„צו װאָס האָט מען מיך דאָ אַװעקגעשטעלט? סײַװי װעט קײנער ניט קלעטערן איבער װאַנט—צו הױך. צוגײן צום פֿענצטער אַ קוק טאָן צי נײן?" האָט דער קורסאַנט אַ טראַכט געטאָן. נאָכאַמאָל אַ װאָרף געטאָן אַ בליק איבער קאַרניז פֿון דער װאַנט, איז ער אַרױס פֿונעם װינקל, װאָס האָט געשמעקט מיט שימל. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ מאָמענט בײַם פֿענצטער. ליטקע האָט אַפֿגיכ אופֿגעקליבן די פּאַפּירן און געגרײט זיך אַרױסגײן פֿון צימער. אין דעם מאָמענט האָט זיך איבער װאַנט באַװיזן אַ שאָטן. דער שאָטן װעט גוט פֿונדערהױך דעם װאַכמאַן בײַם פֿענצטער און יענעם, דעם צװײטן, װאָס אין צימער. מיט קעצישער געשיקטקײַט האָט דער שאָטן אַראָפּגעקלעטערט אויף אַ בױם, נאָכדעם אויף דער ערד. װי אַ קאַץ זיך אונטערגעגאַנװעט צו זײַן קאָרבן, פֿאַרהױבן די האַנט, און—דער קורסאַנט איז געפֿאַלן. אַ מאַטראָסישער קינזשאַל איז אים אַרײַן אין האַלדז ביזן סאַמע הענטל.

אַ שאָס אין סאָד האָט, װי אַן עלעקטרישער שטראָם, אופֿגערודערט די מענטשן, װאָס האָבן אַרומגערינגלט דעם קװאַרטאַל.

קלאפנדיק מיט די שטיוול, איז מען צום הויז געלאָפן זאלבאזעקסט.

דעם פארבלוטיקטן קאָפ פארוואָרפן אפן טיש, איז אין פאָטעל געזעסן דער טויטער ליטקע. די שויב פון פענצטער איז געווען צעבראָכן. די דאָקומענטן האָט אָבער דער סוינע דאָך ניט ארויסבאקומען.

בא דער מאָנאסטיר־וואנט האָט זיך אָנגעהויבן א שיסערײַ. דאָס איז דער מערדער אראָפגעשפרונגען אפ דער גאס, געשאָסן אפ הינטער זיך און געלאָזן זיך לויפן צו די לוקיאנאָווער פוסטקעס. ער האָט זיך אָבער ניט ארויסגעדרייט: אים האָט אָנגעיאָגט עמעצנס א קויל.

א גאנצע נאכט זײַנען געגאנגען דורכויסיקע אונטערזוכונגען. הונדערטער מענטשן, ניט אײַנגעמאָלדענע אין די הויז־ביכער, מיט פארדעכטיקע דאָקומענטן און מיט געווער, זײַנען אָפגעשיקט געוואָרן אין טשעקא. דאָרטן האָט געארבעט אן אָפקלײַב־קאָמיסיע—זי האָט זיי סאָרטירט.

אין אנדערע ערטער האָבן די פארשווערער געגעבן א באוואָפנטן ווידערשטאנד. אפ זשילינער גאס איז בײַם דער אונטערזוכונג אין אײנעם א הויז דערהארגעט געוואָרן אפן אָרט אנטאָשע לעבעדיעוו.

דער סאָלאָמענקער באטאליאָן האָט אין דער דאָזיקער נאכט פארלאָרן פינף מענטשן, און די טשעקא האָט פארלאָרן יאן ליטקען, דעם אלטן באָלשעוויק, דעם טרײַען וועכטער פון דער רעפובליק.

דער אופשטאנד איז ליקווידירט געוואָרן נאָך אײדער ער האָט זיך אָנגעהויבן.

אין דער זעלביקער נאכט האָט מען אין שעפעטאָווקע ארעסטירט דעם פאָפ וואסילי מיט בײדע טעכטער און די גאנצע איבעריקע כאווריע.

אין שטאָט איז געוואָרן רויִקער.

אָבער א נײַער סוינע האָט געדראָט דער שטאָט—דער פאראליטש אפן אײַזנבאן, און צוזאמען מיט אים—הונגער און קעלט.

ברויט און האָלץ—דאָס זײַנען געווען די הויפט־פראגן.

צווייטער קאפיטל

פיאָדאָר האָט פארטראַכטערהייט ארויסגענומענע פון מויל די קורצע ליול־קע און פאַרזיכטיק א טאפּ געטאָן מיט די פינגער דאָס בערגעלע אש. די ליולקע איז געווען פארלאָשן.

דער גרויער רויך פון א צענדליק פּאפּיראָסן האָט זיך געדרייט אין א וואָלקן בידעריקער פון די מאטעווע פּלאפאָנעס, איבערן פּאָטעל פונעם פּאָר־זיצער פון גובויספּירקאָם, ווי אין א לייכטן נעפּל זעט מען די פּנעמער פון די, וואָס זיצן ארום טיש און אין די ווינקלען פון קאבינעט.

הארט לעבן פאָרזיצער פון גובויספּירקאָם האָט זיך אָנגעשפּארט מיט דער ברוסט אָן טיש טאָקארעוו. דער אלטער האָט מיט פארדראָס געצופּט זיין בערדל, ווען־ניט־ווען קרום א קוק געטאָן אף א קורצוווקסיקן פליכעוואטן מענטשן, וואָס זיין הויך טענאָרל האָט געהאלטן אין איין פלעכטן ווערטער אין פּוסטע, ליידיקע פראזן, ווי אן אויסגעטרונקענע איי.

אקים האָט באמערקט דעם שלאָסערס קרומען בליק און ער האָט זיך דערמאָנט אָן דער קינדהייט: געווען איז בא זיי אין שטוב א מאזיק א האָן „זעצ ארויס אן אויג". ער האָט פּונקט אזוי געקוקט, איידער ער פלעגט געבן א שפּרונג אף זיין קעגנער.

צוויי שאָ האָט שוין געדויערט די זיצונג פון גובקאָם פון דער פּארטיי. דער פליכעוואטער מענטש איז געווען פאָרזיצער פונעם אייזנבאנישן געהילצ־קאָמיטעט.

מישנדיק מיט פלינקע פינגער א קופּע פּאפּירן, האָט דער פליכעוואטער גיך גערעדט:

— ...און אָט די דאָזיקע אָביעקטיווע סיבעס גיבן ניט די מעגלעכקייט אויסצופילן די באשטימונג פון גובקאָם און פון דער וועג־פארוואלטונג. איך כאזער איבער, אפילע אין א כוידעש ארום וועלן מיר ניט קענען געבן מער ווי פיר הונדערט קובאָמעטער האָלצ. נו, און די אופגאבע אף הונדערט אכ־ציק טויזנט קובאָמעטער—דאָס איז...—דער פליכעוואטער האָט געזוכט א וואָרט,—אן אוטאָפּיע!—ער האָט אָפּגעזאָגט און פארמאכט דאָס קליינע מיילכל מיט א באליידיקטן קנייטש פון די ליפּן.

ס'האָט זיך אויסגעדוכט, אז די שווייגעניש וועט דויערן לאנג.

פיאָדאָר האָט געקלאַפּט מיטן נאָגל איבער דער ליולקע, אַרויסגעמאַכט פון דאָרטן די אַש. טאַקאַרעוו האָט איבערגעריסן די שטילקייט מיט זײַן גאָרגלדיקן באַס:

— עס איז ניטאָ אַפילו וואָס איבערצוקײַען. אין „זשעלעסקאָם" איז קיין האַלץ ניט געווען, עס איז ניטאָ און אויף ווײַטער האָפט אויך ניט... אַזוי איז עס, יע?

דער פליכעוואַטער האָט אַ צוק געטאָן מיט אַן אַקסל.

— אַנטשולדיקט, כאַווער, האָלץ האָבן מיר פאַרגרייט, אָבער עס איז ניטאָ קיין פורן־טראַנספּאָרט.—דאָס מענטשל האָט זיך פאַרפּירכעט, אויסגעווישט מיט אַ געקעסטלט טיכל דעם פּאָלירטן קאָפּ, און, אַ לאַנגע צײַט ניט געפינענדיק מיט דער האַנט די קעשענע, האָט ער נערוועז פאַרוקט דאָס טיכל אונטערן פאַרטפעל.

— וואָס־זשע האָט איר געטאָן אויף צוזשטעלן דאָס האָלץ? זינט עס זײַנען אַרעסטירט געוואָרן די אָנפירנדיקע ספּעציאַליסטן, וואָס זײַנען געווען פאַרמישט אין דער פאַרשווערונג, איז דאָך שוין אַדורך אַ היפּשע צײַט,— האָט פון ווינקל אַ זאָג געטאָן דענעקאָ.

דער פליכעוואַטער האָט זיך אַ קער געטאָן צו אים:

— איך האָב דרײַ מאָל צו וויסן געגעבן דער וועג־פאַרוואַלטונג וועגן דעם, אַז ס'איז אומעגלעך אָן טראַנספּאָרט...

טאַקאַרעוו האָט אים אָפּגעשטעלט.

— דאָס האָבן מיר שוין געהערט,—האָט גיפּטיק אַ שמייכל געטאָן דער שלאָסער און דורכגענומען דעם פליכעוואַטן מיט אַ פײַנטלעכן בליק.—איר האַלט אונדז פאַר עפּעס נאַראָנים?

פון דער דאָזיקער פראַגע איז באַם פליכעוואַטן אַריבער אַ סקרוך אי־בערן לײַב.

— פאַר די טאַטן פון די קאָנטררעוואָליוציאָנערן בין איך ניט פאַראַנט־וואָרטלעך,—האָט שוין שטיל געענטפערט דער פליכעוואַטער.

— אָבער איר האָט געוווּסט, אַז די אַרבעט פירט מען ווײַט פון דעם וועג?—האָט אַקים געפרעגט.

— כ'האָב געהערט, נאָר כ'האָב ניט געקענט אָנווײַזן דער נאַטשאַלסטווע וועגן אומנאָרמאַלקײַטן אויף אַ פרעמדן באַציִרק.

— וויפל האָט איר אָנגעשטעלט?—האָט דעם פליכעוואַטן געשטעלט אַ פראַגע דער פאָרזיצער פון פראָפראַט.

— באַ צוויי הונדערט.

— צו איין קובאָמעטער אויף אַ פּוסטעפּאַסניק אַ יאָר!—האָט טאַקאַרעוו צעקאָכטערהייט אויסגעשפּײַט.

— מיר גיבן דעם גאַנצן „זשעלעסקאָם" אַ שלאָג־פּאַיאָק, רײַסן אָפּ באַ די אַרבעטער, און מיט וואָס פאַרנעמט איר זיך? ווו האָט איר אַהינגע־

טאָג צוויי וואגאָנ מעל, וואָס מע האָט איך געגעבנ פאר די ארבעטער?— האָט פאָרגעזעצט דער פאָרזיצער פונ פראָפראָט.

דעמ פליכעוואטנ האָט מעג פונ אלע זייטנ פארשאָטנ מיט שארפע פראַגעס, אונ ער האָט זיך פונ זיי ארויסגעמאכט, ווי פונ קרעדיטאָרנ, וואָס האלטנ אינ איינ מאָנענ, מע זאָל זיי באצאָלנ די וועקסלענ.

ווי א וואָרעמ האָט ער זיך ארויסגעדרייט פונ דירעקטע ענטפערס, אָבער די אויגנ זיינענ אומגעלאָפנ ארומ אונ ארומ. מיטנ אינסטינקט האָט ער געפילט, אז עס דערנעענטערט זיך א געפאר, ער איז געווענ פאכדאַניש נערוועז אונ האָט פארלאנגט בלויז איינס: וואָס גיכער אוועקגיינ פונדאנענ, אהינ, וווּ עס ווארט אפ אימ צומ זאטנ אָונטבררויט די נאָך ניטאלטע פרוי זיינע, וואָס פארברענגט דעמ אָוונט בא א ראָמאנ פונ פאָל־דעקאָק.

פיאָדאָר האָט ניט אופגעהערט צו צוהערנ זיך צו די ענטפערס פונעמ פליכעוואטנ אונ געשריבנ אינ בלאָקנאָט: „איך רעכנ, אז דעמ דאָזיקנ מענטשנ דארפ מענ דורכקאָנטראָלירנ אביסל טיפער, דאָ איז ניט קיינ פאָשעטע אומפייקייט צו ארבעטנ. איך ווייס שוינ עפעס וועגנ אימ... לאָמיר אופהערנ מיט אימ צו פירנ געשפרעכנ, זאָל ער זיך גיינ, אונ מירנ צוטרעטנ צו דער זאך".

דער פאָרזיצער פונ גובויספירקאָמ האָט איבערגעלייענט דאָס צעטעלע, וואָס מע האָט אימ איבערגעגעבנ, אונ א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ צו פיאָדאָרנ.

זשוכריי האָט זיך אופגעהויבנ אונ איז ארויס אינ פאָדער־צימער צומ טעלעפאָנ. ווענ ער האָט זיך צוריקגעקערט, האָט דער פאָרזיצער פונ גובויספירקאָמ געלייענט דעמ סאָפ פונ דער רעזאָליוציע:

„... אראָפנעמענ די אָנפירונג פונ „זשעלעסקאָמ" פאר אויסגעשפראָכענעמ סאבאָטאזש. דעמ איניענ וועגנ דער געהילצ־באזאָרגונג איבערגעבנ די אויספאָרשונג־אָרגאנענ".

דער פליכעוואטער האָט זיך געריכט אפ ערגערס. עמעס, דאָס אראָפנעמענ פונ דער ארבעט פאר סאבאָטאזש שטעלט אונטער א צווייפל דעמ צוטרוי צו אימ, אָבער דאָס איז גאָרנישט, אונ דער איניענ וועגנ באָיארקע—נו, פאר דעמ איז ער רויק, דאָס איז ניט אפ זיינ באצירק. „פו, צו אלדי שווארצייאָר, מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אז די דאָזיקע זיינענ עפעס דערגאנגענ..."

ער האָט צוזויפגעקליבנ אינ פאָרטפעל די פאפירנ אונ שוינ קימאט א בארויקטער געזאָגט:

— געוויס, איך בינ אנ אומפארטייישער ספעציאליסט, אונ איר האָט רעכט מיר ניט צו טרויענ. אָבער מיינ געוויסנ איז ריינ. אויב איך האָב ניט געטאָנ, הייסט עס, אז איך האָב ניט געקענט.

קיינער האָט אימ ניט געענטפערט. דער פליכעוואטער איז ארויס, זיך אראָפגעלאָזנ אפ די טרעפ אונ מיט א לייכטערנ געמיט געעפנט די טיר צומ גאס.

— אייער פאמיליע, בירגער?—האָט איִם געפרעגט א מענטש אין א שינעל.

דעם פליכעוואטן האָט אָפּגעריסן אין הארצן, ער האָט אויסגעשטאמלט:

— טשער... ווינסקי.

באם פאָרזיצער פון גובויספירקאָם אין קאבינעט האָבן זיך נאָך דעם, ווי עס איז ארויס דער פרעמדער מענטש, ארומגעזעצט ארום גרויסן טיש דרייצן מענטשן.

— אָט זעט איר...—האָט געדריקט מיט א פינגער איבער דער צעוויקלטער קארטע זשוכריי.—אָט איז די סטאנציע באָיארקע, זעקס וויאָרסט פון דאנען האקט מען דעם ווּאלד. דאָ איז צונויפגעלייגט אין שטאבלען צוויי הונדערט צען טויזנט קובאָמעטער האָלץ. אכט כאדאָשים האָט געארבעט די ארבעט־ארמיי, מע האָט פארשווענדעט אָן א שיר קויכעס, און דער רעזולטאט איז—פאראט. די אייזנבאן און די שטאָט זיינען אָן האָלץ. מע דארף די האָלץ פירן פאר זעקס וויאָרסט פון סטאנציע. אף דעם דארף מען האָבן ניט ווייניקער פון פינף טויזנט פורן אין מעשעך פון א גאנצן כוידעש, און דאָס אויך בא דעם באדינג, אויב מע וועט זיך קערן צוויי מאָל אין טאָג. דאָס נאָענטסטע דאָרף איז אף א מעהאלעך פון פופצן וויאָרסט. דערצו דרייט זיך נאָך ארום אין די דאָזיקע ערטער אָרליק מיט זיין באנדע... איר פארשטייט, וואָס דאָס באטייט?.. גיט נאָר א קוק, לויטן פּלאן האָט זיך די געהילצ־אויסארבעטונג באדארפט אָנהייבן אָט־ווּ און גיין צום וואָקזאל, און די דאָזיקע אויסוורפּן האָבן עס אָפּגעפירט טיף אין וואלד. א פּראָסטער כעזשבן: מיר זאָלן ניט קענען צופירן דאָס פארגרייטע האָלץ צום אייזנבאן, און אינדערעמעסן, מיר וועלן אפילע קיין הונדערט פורן ניט באקומען. אָט פון וועלכער זייט זיי האָבן אונדז דערלאנגט א קלאפּ... דאָס איז ניט בעסער פון דעם אופשטאנד־קאָמיטעט.

זשוכרייס צונויפגענומענער פויסט האָט זיך שווער אוועקגעלייגט אף דעם געוועקסטן פּאפּיר.

יעדערער פון די דרייצן האָט זיך קלאָר פארגעשטעלט די פאָרשטייענדיקע געפאר, וועגן וועלכער זשוכריי האָט ניט גערעדט. דער חינטער איז באם שוועל. די שפּיטאָלן, שולן, אנשטאלטן און הונדערטער טויזנטער מענטשן זיינען פארמישפּעט אף קעלט. און אף די וואָקזאלן—א מוראשניק פון מענטשן, און א צוג גייט איין מאָל אין וואָך.

יעדערער האָט זיך טיף פארטראכט.

פיאָדאָר האָט צעעפנט דעם פויסט.

— פאראן איין אויסוועג, כאווײרים: אויסבויען פאר דריי כאדאָשים א קאָלייקע פון דער סטאנציע ביז דעם געהילצ־ארויסבאקום—זיבן וויאָרסט—מיט אזא רעכענונג, אז שוין אין אָנדערהאלבן כאדאָשים ארום זאָל זי דערפירט ווערן צום אָרט, ווו מע האקט דעם וואלד. איך פארנעם זיך שוין מיט דעם דאָזיקן איניען א גאנצע וואָך. צוליב דעם איז נייטיק,—זשוכרייס שטימע

האָט אינעם איבערגעטריקנטן האלדז גענומען סקריפּען,—דרייַ הונדערט און פופציק ארבעטער און צוויי אינזשעניערן. רעלסן און זיבן לאָקאָמאָטיוון זייַנען פאראן אין פושטשע־וואָדיצע. „די קאָמסא“ האָט עס דאָרטן אויסגעפונען אפ די סקלאדן. פון דאָרטן האָט מען פאר דער מילכאָמע געוואָלט דורכפירן אין שטאָט א קאָלייקע. אָבער אין באָיארקע זייַנען ניטאָ קיין וווינונגען פאר די ארבעטער. טאראן נאָר איין כורווע—א לאנדווירטשאפטלעכע שול. ארבעטער וועט אויסקומען צו שיקן אהין פּארטיעסווייַז אפ צוויי וואָכן. מער וועלן זיי ניט אויסהאלטן. מירן איבערווארפן אהין קאָמיוגיסטן, אקימ?—און ניט דערווארטנדיק זיך אפ אן ענטפער, האָט ער ווייַטער גערעדט:—דער קאָמיוג וועט אָפּשיקן אהין אלץ, וואָס ער וועט נאָר קענען: ערשטנס, די סאָלאָמענקער אָרגאניזאציע און א טייל קאָמיוגיסטן פון שטאָט. די אופגאבע איז זייער א שווערע, אָבער אויב מע זאָל די יאטן דערציילן, אז דאָס וועט ראטעווען די שטאָט און די אייַזנבאן, וועלן זיי עס טאָן.

דער נאטשאלניק פון דער אייַזנבאן האָט מיט אן אומצוטרוי א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— ס'איז א סאָפעק, צי ס'וועט דערפון עפּעס ארויסקומען. אפ א פוסטן אָרט אויסלייגן זיבן וויאָרסט בא דער איצטיקער לאגע: הארבסט, רעגנס, נאָכדעם פרעסט,—האָט ער מיד געזאָגט.

זשוכרייַ האָט ניט א קער געטאָן צו אים דעם קאָפּ און שארף געזאָגט:

— דו האָסט באדארפט לייגן מער אכט אפ דעם וואלד־האקן, אנדריי וואסיליעוויטש. א ביי־וועג וועלן מיר אויסבויען. מע קען דאָך ניט זיצן מיט פארלייגטע הענט און פארפרוירן ווערן.

*

עס זייַנען אָנגעלאָדן געוואָרן די לעצטע קאסטנס אינסטרומענטן. די צוג־בריגאדע איז אפ אירע ערטער. עס האָט געגאָסן א כליופּיק רעגנדל. איבער ריטעס קורטקע, וואָס האָט געגלאנצט פון נעץ, האָבן זיך, ווי גלעזערנע גרייַפּעלעך, אראָפּגעקייַקלט רעגן־טראָפּנס.

ריטע האָט זיך געזעגנט מיט טאָקארעוון, אים פעסט א דריק געטאָן די האנט און שטיל געזאָגט:

— איך ווינטש אייַך דערפאָלג.

דער אלטער האָט ווארעם א קוק געטאָן אפ איר פון אונטער די גרויע פרענדז פון די ברעמען.

— יע, פארגעבן אונדז אן אופגאבע, א קרענק זיי אין הארצן,—האָט ער א בורטשע געטאָן, ענטפערנדיק אינדערהויך אפ זייַנע אייגענע געדאנקען.—איר גיט דאָ אכטונג. אויב בא אונדז וועט זיך באקומען א מעניע, איז קוועטשט אָן, ווי מע דארף. וואָרעם אָן פארשלעפעניש קענען דאָך די דאָזיקע אויסוווּרפן ניט ארבעטן. נו, צייַט זיך זעצן, טאָכטערקע.

דער אַלטער האָט פּעסט פּאַחשפּילעט דעם פּידזשאַק. אין לעצטן מאָמענט האָט ריטע ווי צופעליק אַ פרעג געטאָן:

— וואָס, קאַרטשאַגינ פאַרט נאָך מיט אײַך? מע זעט אים ניט צווישן די יאַטן.

— ער איז נעכטן מיטן טעכאָנפירער אַוועקגעפאָרן אַף אַ דרעזינע צו גרייטן וואָס־ניט־איז צו אונדזער קומען.

איבערן פּעראָן זײַנען צו זיי אײַליק געגאַנגען זשאַרקי, דובאַווע, און מיט זיי אַנאַ באָרכאַרט, וואָס איז געווען אַבי־ווי אָנגעטאָן אין אַ זשאַקעט און מיט אַן אויסגעלאָשענעם פּאַפּיראָס צווישן די דינע פינגער.

ריטע האָט זיך אײַנגעקוקט אין די אָנקומענדיקע און פאַרגעבן די לעצטע פראַגע:

— נו, ווי לערנט איר מיט קאָרטשאַגינען?

טאָקאַרעוו האָט פאַרכידעשט אַ קוק געטאָן אַף איר.

— וואָס פאַרא לער. דאָס יאַטל איז דאָך אונטער דײַן אויפזיכט. דאָס יאַטל האָט מיר ניט איין מאָל דערציילט וועגן דיר, ער קען זיך ניט אָנלויבן.

ריטע האָט זיך מיט אַן אומצוטרויִ צוגעהערט צו זײַנע רייד.

— אַזוי גאָר, כאַווער טאָקאַרעוו? פון מיר פלעגט ער דאָך אַוועק צו דיר דערלערנען זיך.

דער אַלטער האָט זיך צעלאַכט.

— צו מיר?.. איך האָב אים אַפילע אין די אויגן ניט געזען.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך צערעוועט. קלאַוויטשעק האָט פון וואַגאָן אויסגעשריִען:

— כאַווערטע אוסטינאָוויטש, לאָז אונדז אַף דעם אַלטיטשקן. סע טויג דאָך ניט אַזוי! וואָס וועלן מיר טאָן אָן אים?

דער טשעכ האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, אָבער ער האָט באַמערקט די דרײַ, וואָס זײַנען צוגעגאַנגען, און ער איז אַנשוויגן געוואָרן. פאַר איין גאַנג האָט ער זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט דעם אומרויִקן גלאַנץ פון אַנעס אויגן. ער האָט טרויעריק אופגעכאַפּט איר לעצטן שמייכל דובאַווען און איז האַסטיק אָפּגעגאַנגען פון פענצטער.

*

אַ האַרבסטיקער רעגן האָט געשמיסן אין פּאָנעם. נידעריק זײַנען געקראָכן איבער דער ערד טונקל־גרויע, מיט פײַכטקײַט אָנגעקוואָלענע וואָלקנס. דער שווערער האַרבסט האָט הויל געמאַכט די וואַלדישע געדיכטענישן, כמורנע זײַנען געשטאַנען די אַלטע גראַבן און אויסבאַהאַלטן די קנייטשן פון דער קאָרע אונטער דעם טונקל־ברוינעם מאָך. דער אומדערבאַרעמדיקער האַרבסט האָט אַראָפּגעריסן זייערע בונטע קליידער, און זיי זײַנען געשטאַנען הויל און פאַרוועלקט.

איינזאם צווישן וועלדער האָט זיך פאַרטײַעט א קליינינקע סטאנציע. פון דער געמויערטער פראכט־פּלאטפאָרמע האָט זיך אוועקגעצויגן אין וואלד אריַין א פּאס צעגראָבענע ערד. מענטשן האָבן זי ארומגעקלעפּט ווי מילבן.

אונטער די שטיוול האָט עקלהאפט געטשאווקעט די קלעפּיקע ליים. די מענטשן האָבן פארביסן געגראָבן דעם אָנשיט. דומפּיק האָבן געזעצט די לאָמען, רידלען האָבן געסקראָבעט די שטיינער.

און דער רעגן האָט זיך געזײַט, ווי דורך א געדיכטער זיפּ, און די קאַלטע טראָפּנס האָבן דורכגענומען די ביינער. דער רעגן האָט אראָפּגע־וואשן די מענטשלעכע מי. ווי א געדיכטע קאשע איז די ליים אראָפּגע־קראָכן פונעם אָנשיט.

שווער און קאַלט זײַנען די אָפּ דורך און דורך דורכגענעצטע קליידער, אָבער די מענטשן פלעגן פון דער ארבעט אוועקגיין ערשט שפּעט אינאָוונט.

און מיט יעדן טאָג איז דער פּאס צעגראָבענע און צעווייכטע ערד אוועק אלץ ווײַטער און ווײַטער אין וואלד.

ניט ווײַט פון סטאנציע האָט זיך כמורנע געהויקערט א שטיינערנער סקעלעט פון א געבײַדע. אלץ, וואָס מע האָט דאָ געקענט ארויסרײַסן מיטן פלייש, אראָפּנעמען אָדער אופרײַסן,—דאָס אלץ האָט שוין לאנג אָפּגעטאָן די האנט פונעם מאראָדער. אָנשטאָט פענצטער און טירן—לעכער; אָנשטאָט טירלעך אין די אויוונס—שווארצע מײַלער. דורך די לעכער פון דעם אראָפּ־געריסענעם דאך זענען זיך ארויס די קראָקוועס, ווי ריפּן.

ניט געריַרט איז געבליבן בלויז דער בעטאָנענער דיל אין די פיר גע־דאַמע צימערן. אָפּ אים האָבן זיך באנאכט געלייגט פיר הונדערט מענטשן, צעלייגט אינעם אָנטאָן, וואָס איז געווען דורכגענעצט אָפּ דורך און דורך און איבערגעשמירט אין קויט. מענטשן האָבן באם אריַינגאנג אויסגעדרייט די מאלבושים. פון זיי זײַנען אראָפּגערונען טײַכן שמוץ. מיט דרײַגאָרנ־דיקע „מאמעס" האָבן זיי געדעקט דעם צען מאָל פארשאָלטענעם רעגן און די בלאָטע. אין ענגע רייען האָבן זיי זיך געלייגט אָפּן בעטאָנענעם, עט־וואָס מיט שטרוי געדעקטן דיל. מענטשן האָבן זיך באמיט איינער דעם אנ־דערן אָנווארעמען. דאָס אָנטאָן האָט זיך געדאמפּט, אָבער ניט געטריקנט. און דורך די זעק אָפּ די פענצטער־ראמען האָט זיך אָפּן דיל געגאָסן וואַ־סער. דער רעגן האָט געקלאַפּט מיט געדיכטן שרויט איבער די רעשטן בלעך אָפּן דאך, און אין די שפּארונעס פון טיר האָט אריַינגעבלאָזן דער ווינט.

אינדערפרי פלעגט מען טרינקען טיי אין א כאַרעווע באראק, וווּ עס איז געווען די קיך, און מע פלעגט אוועק צום אָנשיט. צו מיטיק האָט מען געגעסן די שוין דערעסענע פארעווע לינדזן און אָנדערהאלבן פונט ברויט, שווארץ ווי אנטראציט.

דאָס איז געווען אלץ, וואָס די שטאָט האָט געקענט געבן.

דער טעכאָנפירער — א דארער הויכער אלטער מאנ מיט צוויי טיפע קנייטשנ אפ די באקנ, — וואלעריאנ ניקאָדימאָוויטש פאטאָשקינ, אונ דער טעכניקער וואקולענקאָ — א פעסטער, מיט א פליישיקער נאָז אפנ גראָב־געבויטנ פּאָנעמ — האָבנ זיכ באזעצט אינ דער דירע פונ דעמ סטאנציע־נאטשאלניק.

טאָקארעוו האָט געגנעכטיקט אינעמ צימערל פונעמ סטאנציע־טשעקיסט כאָליאווע, וואָס איז געווענ א קורצפיסיקער, באוועגלעכער, ווי קוועק־זילבער.

דער בוי־אָטריאד האָט מיט פארביסענער אקשאָנעס איבערגעטראָגנ די שוועריקייטנ אונ די נויט.

דער אָנשיט האָט זיכ מיט יעדנ טאָג אלצ מער אריינגעשניטנ טיפער אינ וואלד.

דער אָטריאד האָט שוינ פאר דער צייט געהאט נייַנ דעזערטירנ. אינ עטלעכע טעג ארומ זייַנעג אנטלאָפנ נאָכ פינפ.

דעמ ערשטנ קלאָפּ האָט די בויונג באקומענ אפ דער צווייטער וואָכ: מיטנ אָוונטיקנ צוג איז פונ שטאָט ניט אָנגעקומענ קיינ ברויט.

דובאווע האָט אופגעוועקט טאָקארעווו אונ דערציילט אימ וועגנ דעמ.

דער סעקרעטאר פונ פארטקאָלעקטיוו האָט ארויסגעלאָזנ אפנ דיל די האָריקע פיס אונ זיכ בייז געקראצט אונטערנ אָרעמ.

— עס הייבט זיכ שוינ אָנ די שיינע כאסענעס! — האָט ער א בורטשע געטאָנ אונטער דער נאָז אונ זיכ גענומענ גיכ אָנטאָנ.

אינ צימער האָט זיכ אריינגעקייַקלט דער פעסלדיקער כאָליאווע.

— קנאק אוועק צומ טעלעפאָנ אונ דערשלאָג זיכ צומ באזונדערנ אָפּ־טייל, — האָט אימ באפוילנ טאָקארעוו. — אָבער זאָלסט קיינעמ קיינ פּיפּס ניט טאָנ וועגנ דעמ ברויט. — האָט ער געוואָרנט דובאווענ.

נאָכ א האלבשאָעדיקנ זידלענ זיכ מיט די ליניייִשע טעלעפאָניסטנ האָט דער אקשאָנעסדיקער כאָליאווע דערשלאָגנ זיכ צו א געשפרעכ מיטנ פאר־טרעטער פונעמ נאטשאלניק פונעמ באזונדערנ אָפּטייל זשוכרייַ. הערנדיק די דאָזיקע זידלערייַ, האָט זיכ טאָקארעוו אומגעדולדיק איבערגעשטעלט אלצ פונ איינ פוס אפנ צווייטנ.

— וואָס? קיינ ברויט ניט צוגעשטעלט? איכ וועל זיכ באלד דערוויסנ, ווער האָט עס געטאָנ, — האָט דראָענדיק געשריִענ אינ טרייַבל זשוכרייַ.

— דו זאָג מיר, וואָס וועלנ מיר מאָרגנ געבנ עסנ די מענטשנ? — האָט געשריִענ בייז אינ טרייַבל אריינ טאָקארעוו.

זשוכרייַ האָט, ווייַזט אויס, עפּעס באטראכט. נאָכ א לאנגער פּאוזע האָט דער סעקרעטאר פונ פארטקאָלעקטיוו דערהערט:

— ברויט וועלנ מיר צושטעלנ באנאכט. איכ וועל שיקנ ליטקענ מיט דער מאשינ, ער ווייס דעמ וועג. באגינענ וועט דאָס ברויט זייַנ בא אייַכ.

באגינענ איז צו דער סטאנציע צוגעגאנגענ א מאשינ אינגאנצנ

א פארשפריצטע מיט בלאָטע, אַן אָנגעלאָדענע מיט זעקלעך ברויט. פון איר איז פארמאַטערט ארויסגעקראָכן ליטקע — דער זון, א בלייכער פון דער שלאָפלאָזער נאכט.

דער קאמף פאר דער בויונג האָט זיך פארשארפט. פון דער וועג־פארוואלטונג האָט מען צו וויסן געגעבן: ניטאָ קיין שפאלן. אין שטאָט האָט מען ניט געפונען קיין מיטלען אפ אריבערווארפן רעלסן און די לאָקאָמאָטיוולעך אפ דער בויונג, און די לאָקאָמאָטיוולעך גופע האָבן, ווי עס האָט זיך ארויסגעוויזן, געפאָדערט א באדייטנדיקן רעמאָנט. די ערשטע פארטיע האָט פארענדיקט די ארבעט, און קיין סמענע איז ניט געווען. פארהאלטן ווידער די ביז גאָר אויסגעמאטערטע מענטשן איז געווען אומעגלעך.

אין אלטן באראק האָט זיך ביז שפעט אין דער נאכט, בא דער שיין פון א קורניקל, באראטן דער אקטיוו.

אינדערפרי זיינען אין שטאָט אוועקגעפאָרן טאָקארעוו, דובאווע, קלאָוויטשעק, מיטנעמענדיק מיטן זיך נאָך זעקס מאן אפ רעמאָנטירן די לאָקאָמאָטיוון און צושטעלן די רעלסן. קלאָוויטשעק, וואָס איז געווען א בעקער לויט דער פראָפעסיע, איז אוועקגעשיקט געוואָרן אלס קאָנטראָליאָר אין באזאָרגונג־אָפטייל, און די איבעריקע — אין פושטשאיא וואָדיצא.

און דער רעגן האָט אלץ געגאָסן.

קאָרטשאגין האָט מיט מאטערניש ארויסגעשלעפט די פוס פון דעם קלעפיקן ליים און לויט דער שניידנדיקער קעלט אין פיאטע האָט ער פארשטאנען, אז די פוילע פאָדעשווע פון דעם שטיוול איז אינגאנצן אראָפגעפאלן. זינט דעם ערשטן טאָג, וואָס ער איז געקומען אהער, האָט ער געליטן איבער די צעריסענע שטיוול, שטענדיק נאסע און טשאווקענדיקע פון קויט; איצטער אָבער איז איין פאָדעשווע אינגאנצן אראָפגעפאלן, און ער האָט מיט דער הוילער פוס געטראָטן אין דער שניידנדיקער קאלטער ליימענער קאשע. דער שטיוול האָט אים געמאכט פאר אויס מענטש. פאווועל האָט ארויסגעשלעפט פון קויט דעם רעשט פון דער פאָדעשווע, מיט ייִעש א קוק געטאָן אפ אים און האָט געבראָכן דאָס וואָרט, וואָס ער האָט זיך געגעבן, ניט צו זידלען זיך. מיטן רעשט שטיוול איז ער אוועק אין באראק. ער האָט זיך געזעצט לעבן דער פעלד־קיך, צעוויקלט די דורכויס פארבלאָטיקטע אָנעצע און צוגעשטעלט צום אויוון די פוס, וואָס איז אינגאנצן געווען פארגליווערט פון קעלט.

אפן קיך־טיש האָט געשניטן בורעקעס אָדארקע, דעם וועג־שוימערס ווייב, וואָס דער קוכער האָט זי גענומען צו זיך אלס געהילף. די נאטור האָט באשאָנקען די נאָך יונגע שוימערטע אלץ מיט דער פולער האנט: זי איז געווען א מענעריש־ברייטע אין די אקסלען, מיט א מוירעדיקער ברוסט, מיט פעסטע, מעכטיקע היפטן; זי האָט קונציק געארבעט מיטן מעסער, און אפן טיש איז גיך געוואָקסן א בארג אָנגעשניטענע גרינס.

אָדארקע האָט א בליק געטאָן אפ פאוולען פון אויבן אראָפּ און א פרעג געטאָן מיט רוגזע:

— וואָס טוסטו, גרייטסט זיך צום מיטיק? אביסעלע צו פרי. ווי עס ווײַזט אויס, כעוורעמאנ, ציסטו אָפּ פון דער ארבעט. וווהין רוקסטו די פיס דײַנע? דאָ איז דאָך א קיך און ניט קיין באָד,—האָט זי געגומען אין דער ארבעט קאָרטשאגינען.

עס איז ארײַן דער אלטער קוכער.

— דער שטיוול האָט זיך צעריסן אפ שטיקלעך,—האָט פאוועל דער־קלערט, פארוואָס ער איז דאָ אין קיך.

דער קוכער האָט א קוק געטאָן אפן צעשאָטענעם שטיוול און א ווונק געטאָן אפ אָדארקען:

— איר מאן איז א האלבער שוסטער, ער קען אײַך העלפן, אָן שיך איז אוואדע שלעכט.

הערנדיק דעם קוכערס רייד, האָט אָדארקע זיך צוגעקוקט צו פאוולען און אביסל זיך פארשעמט.

— און איך האָב אײַך אָנגענומען פאר א פוסטעפאסניק,—האָט זי זיך מוידע געווען.

פאוועל האָט גוטמוטיק א שמייכל געטאָן. אָדארקע האָט מיטן קוק פון א מייוון באטראכט דעם שטיוול.

— פארלאטען אים וועט מײַן מאן ניט—ארויסגעוואָרפענע ארבעט, אָבער קעדיי ניט קאלטשען די פוס, וועל איך אײַך ברענגען אן אלטן קאַ־לאָש. ער וואלגערט זיך בא אונדז אפן בוידעם. ווו איז דאָס געזען גע־ווארן, אזוי זיך מאטערן! ניט הײַנט—איז מאָרגן וועט א זעץ טאָן א פראָסט, וועט איר פארפאלן ווערן,—האָט שוין איגגאנצן מיטפילנדיק גערעדט אָדארקע. זי האָט אוועקגעלייגט דעם מעסער און איז ארויס.

באלד איז זי צוריקגעקומען מיט א טיפן קאלאָש און מיט א שטיקל לײַוונט. ווען די פוס, א פארוויקלטע אין לײַוונט און א דערווארעמטע, איז שוין געווען אָנגעטאָן אין דעם ווארעמען קאלאָש, האָט פאוועל מיט א שטו־מען דאנק א קוק געטאָן אפ דער וועכטערן.

טאָקארעוו איז געקומען צו פאָרן פון שטאָט אן אופגערעגטער. ער האָט אופגעקליבן אין כאָליאוועס צימער דעם אקטיוו און איבערגעגעבן אים ניט קיין פריילעכע נײַס.

— אומעטום מעניעס. וווהין דו זאָלסט זיך ניט ווארפן, אומעטום דרייט מען א קאָפּ און מע שטייט אפ איין אָרט. ווײַזט אויס, אז מיר האָבן נאָך וויניק פון די דאָזיקע ווײַסע פייגעלעך אויסגעכאפט, עס וועט נאָך סטײַען אפן גאנצן לעבן,—האָט דער אלטער גערעדט צו דער פארזאמלונג.— איך וועל אײַך, קינדער, זאָגן אָפן: עס טויג אין דר׳ערד. די צווייטע סמענע האָט מען נאָך ניט אופגעקליבן, און וויפל מע וועט צושיקן, איז ניט באוווסט. באלד

וועלנ זיכ שטעלנ פרעסט. ביז די פרעסט, איז כאָטש שטארב, אָבער די בלאָטע דורכגײנ מוז מענ, ווענ ניט, וועט מענ נאָכדעמ די ערד מיט די צײנער ניט אײַנבײַסנ. נו, איז אָט, קינדער. אינ שטאָט וועט מענ א נעמ טאָנ אינ דער ארבעט די אלע, וואָס פלאָנטערנ דאָרטנ, אונ מיר דאָ דארפנ ארבעטנ אינצווײענ גיכער. פינפ מאָל פײגערנ, אונ די ליניע אויסבויענ מוז מענ. אניט, איז וואָס פארא באָלשעוויקעס וועלנ מיר זײַנ—פאָשעט שמאטעס,—האָט טאָקארעוו א זאָג געטאָנ מיט אנ אָנגעשטרענגט־שטאָלענער שטימ אונ ניט מיט זײַנ געווײנלעכנ עטוואָס הײזעריקלעכנ באס. די אויגנ זײַנע, וואָס האָבנ געגלאנצט פונ אונטער די אראָפגערוקטע ברעמענ, האָבנ גערעדט וועגנ אנטשלאָסנקײַט אונ אקשאָנעס.

— הײַנט טאקע וועלנ מיר דורכפירנ א פארמאכטע פארזאמלונג. מיר וועלנ אונדזערע געבנ צו פארשטײנ, אונ מאָרגנ—אלע אפ דער ארבעט. אינדערפרי לאָזנ מיר אָפ די אומפארטײיִשע, אונ אלײנ בלײַבנ מיר. אָט איז די באשטימונג פונ גובקאָמ,—האָט ער פאנקראטאָוונ איבערגעגעבנ א בויגעלע, צונויפגעלײגט אינפירענ.

פונ הינטער דעמ טרעגערס פלײצע האָט קאָרטשאגינ איבערגעלײענט: „האלטנ פאר נײטיק איבערלאָזנ אפ דער בויונג אלע מיטגלידער פונ קאָמיוג, דערלויבנ זײ א סמענע ניט פריִער, אײדער מע וועט צומ ערשטנ מאָל צושטעלנ האָלצ. פארנ סעקרעטאר פונ גובקאָמיוג ר. אוסטינאָוויטש".

אינ ענגנ באראק קענ מענ ניט דורכגײנ. די הונדערט צוואנציק מענטשנ האָבנ אימ איבערגעפולט. מע איז געשטאנענ בא די ווענט, פארקראָכנ אפ די טישנ אונ אפילע אפנ קיכ.

געעפנט די פארזאמלונג האָט פאנקראטאָוו. טאָקארעוו האָט גערעדט ניט לאנג, אָבער דער סאָפ פונ זײַנ רעדע האָט א זעצ געטאָנ אלעמענ:

— מאָרגנ וועלנ די קאָמוניסטנ אונ קאָמיוגיסטנ אינ שטאָט ניט פאָרנ.

דעמ אלטנס האנט האָט אינדערלופטנ אונטערגעשטראָכנ די גאנצע קאטעגאָרישקײַט פונ דער באשטימונג. דער דאָזיקער זשעסט האָט געמאכט א סאָפ צו אלע האָפענונגענ וועגנ אומקערנ זיכ אינ שטאָט צו די אײגענע, זיכ ארויסקלײַבנ פונ דער דאָזיקער קויט. אינ דער ערשטער מינוט האָט מענ צוליב דעמ געשרײ גאָרנישט ניט געקענט פאנאנדערקלײַבנ. צוליב דער באוועגונג פונ די מענטשלעכע קערפערס האָט אומרויִק אָנגעהויבנ פינטלענ דאָס בלינדע קורניקל. די פינצטערניש האָט פארדעקט די פּנימער. דער געפילדער פונ די שטימענ איז געוואקסנ. אײניקע האָבנ פארבענקט גערעדט וועגנ דער „ווארעמער הײמ". אנדערע זײַנענ געווענ אופגעבראכט, האָבנ געשריִענ, אז זײ זײַנענ אויסגעמאטערט. אסאכ האָבנ געשוויגנ. אונ בלויז אײנער האָט געמאָלדנ וועגנ דעמ, אז ער ווערט א דעזערטיר. ער האָט פונ ווינקל אופגערעגט געשריִענ אונ געשאָטנ מיט זידלערײַ:

— צו אלדי שווארציאָר! איכ וועל דאָ אפילע קײנ אײנ טאָג ניט בלײַבנ.

פארשיקט מען מענטשן אפ קאטארגע, איז כאטש פאר א פארברעכן. אָבער אונדז פארוואס? מע האָט אונדז געהאלטן צוויי וואכן—גענוג. ניטאָ מער קיין נאראָנים. זאָל דער, וואָס האָט באשלאָסן, אליין פאָרן אונ בויען. זאָל ווער עס וויל זיך פאָרקען אין אָט דער בלאָטע, אָבער א מענטש לעבט נאָר איין מאָל. איך פאָר מאָרגן אוועק.

אָקוניעוו, וואָס הינטער זיינע פלייצע איז געשטאנען דער שרייער, האָט אָנגעצונדן א שוועבעלע, ווענדיק א קוק טאָן אפן דעזערטיר. די שוועבעלע האָט אפ א רגע אופגעכאפט פון דער פינצטער א פארקרימטע בייזע האַ-וואיע פון א פאָנעם און א צעעפנט מויל. אָקוניעוו האָט דערקענט: דעם בוכהאלטערס זון פון גובפראָדקאָם.

— וואָס קוקסטו אפ מיר? איך באהאלט זיך ניט, כ'בין ניט קיין גאנעוו.

דאָס שוועבעלע האָט זיך אויסגעלאָשן. פאנקראטאָוו האָט זיך אוועקגע-שטעלט ווי הויך ער איז ניט געווען.

— ווער האָט זיך עס דאָרטן אזוי צעהאווקעט? פאר ווע מען איז עס א פארטיי-אופגאבע—קאטאָרגע?—האָט ער גענומען ריידן אפן באס און האָט שווער באקוקט די ארומיקע.—כעוורע, אין שטאָט אוועק טאָרן מיר בעשום-ויפן ניט, אונדזער אָרט איז דאָ. אויב מיר וועלן אָפציִען, וועלן מענטשן פאר-פראָרן ווערן. כעוורע, וואָס גיכער מיר וועלן פארענדיקן, אלץ גיכער וועלן מיר פאָרן אהיים. און אנטלויפן פונדאנען, ווי עס וויל דאָ איינער א ניוו-זיק—דאָס דערלויבט אונדז ניט אונדזער אידיי און די דיסציפלין.

דער טרעגער האָט ניט ליב געהאט קיין לאנגע דיבורים. אָבער די דאָ-זיקע קורצע רעדע איז איבערגעשלאָגן געוואָרן אלץ טאקע דורך דער זעל-בער שטימע:

— אָבער די אומפארטייִשע פאָרן אוועק?

— יע,—האָט אָפגעהאקט פאנקראטאָוו.

צום טיש האָט זיך דורכגעשפארט א יאט אין א קורצן שטאָטישן מאנטל. ווי א פלעדערמויז האָט זיך א קייקל געטאָן איבערן טיש א קליינער בילעט, זיך אָפגעקלאפט אָן פאנקראטאָווס ברוסט און געבליבן סטארטשען אפן טיש.

— אָט איז דער בילעט, נעמט, זייט אזוי גוט. צוליב דעם דאָזיקן שטיקל טאָוול וועל איך ניט מאקריוו זיין מיין געזונט!

דער סאָף פון דער פראזע איז פארשריִען געוואָרן פון די שטימען, וואָס האָבן זיך גענומען טראָגן איבערן באראק:

— מיט וואָס שלייִדערסטו זיך!

— דו, פארקויפטע פעל!

— ארייִנגעמאכט זיך אין קאָמיוג, געוואָלט האָבן א ווארעם ערטל!

— טרייב אים ארויס פונדאנען!

— מיר וועלן דיר אָקאָרשט א ווארעם טאָן, דו טיפוס-לויז!

יענער, וואָס האָט א וואָרף געטאָן דעם בילעט, האָט אראָפגעלאָזן דעם

קאָפ אונ זיכ דורכגעשטופט צומ טיר. מע האָט אימ דורכגעלאָזנ, אָפּגערוקט זיכ אָנאזייט, ווי פונ א קראנקנ אפ פעסט. עס האָט א סקריפ געטאָנ די טיר, וואָס האָט זיכ הינטער אימ פארמאכט.

פאנקראטאָוו האָט צונויפגעדריקט דעמ אוועקגעוואָרפענעמ בילעט אונ אימ ארײַנגערוקט אינ פײַער פונ דעמ קורניקל.

דער טאָוול האָט זיכ אָנגעצונדנ אונ זיכ אופגעדרייט אינ א פארקוילט טרײַבל.

*

אינ וואלד האָט דורכגעהילכט א שאָס. פונ דעמ אלטנ כאָרעווג באראק האָט אינ דער וואלד־פינצטערניש ארײַנ דורכגעשלײַכט א פערד מיט א רײַטער. פונ שול אונ פונ באראק זײַנענ ארויסגעלאָפנ מענטשנ. עמעצער האָט זיכ צופעליק פארטשעפעט אָנ א פאניער־ברעטל, וואָס איז געווענ ארײַנגערוקט אינ א שפאלט פונ טיר. מע האָט אָנגעצונדנ א שוועבעלע. די פײַערלעכ, וואָס האָבנ זיכ געלאָשנ פונעמ ווינט, האָט מענ איבערגעדעקט מיט די פאָלעס אונ מע האָט איבערגעלייענט: „טראָגט זיכ אָפ אלע פונ דער סטאנציע אהינ, פונוואנענ איר האָט זיכ גענומענ. ווער עס וועט בלײַבנ, יענעמ — א קויל אינ קאָפ. מיר וועלנ אומברענגענ אלעמענ ביז איינעמ, מיר וועלנ קיינעמ ניט שאנעווענ. איכ גיב אײַכ צײַט ביז דער מאָרגעדיקער נאכט". אונ אונטערגעשריבנ: „אטאמאנ טשעסנאָק".

טשעסנאָק איז געווענ פונ אָרליקס באנדע.

*

אינ ריטעס צימער ליגט אפנ טיש דער צעעפנטער טאָגבוכ.

„2 דעקאבער.

אינדערפרי איז ארויסגעפאלנ דער ערשטער שניי, א שטארקער פראָסט. אפ די טרעפ האָב איכ זיכ באגעגנט מיט וויאטשעסלאוו אָלשינסקינ. מיר זײַנענ אוועק צוזאמענ.

— איכ בינ שטענדיק אנציקט פונעמ ערשטנ שניי. סארא פראָסט! פראכטפול. ניט עמעס? — האָט אָלשינסקי געזאָגט.

איכ האָב זיכ דערמאָנט אָנ באָיארקע אונ אימ געענטפערט, אז דער פראָסט אונ דער שניי פרייענ מיכ אבסאָליוט ניט, פארקערט, עס ערגערט מיכ. כ'האָב אימ געזאָגט פארוואָס.

— דאָס איז סוביעקטיוו. אויב ווײַטער ציִענ אײַערע געדאנקענ, וועט מענ דארפנ האלטנ פאר ניט דערלאָזבאר צו לאכנ אונ ביכלאל ארויסצווײַזנ מונטערקײַט אינ א מאָמענט, לעמאָשל, פונ מילכאָמע. אָבער אינ לעבנ קומט אזוי ניט פאָר. די טראגעדיע איז דאָרטנ, ווו עס איז די ליניע פונ פראָנט. דאָרטנ איז דער געפיל פונ לעבנ פארשטיקט צוליב דער נאָענטקײַט פונעמ טויט. אָבער אפילע דאָרטנ לאכט מענ אויכ. אָבער ווײַטער פונ פראָנט איז דאָס לעבנ אזוי ווי געווענ: געלעכטער,

טרערנ, לײדנ און פרײדנ. א דורשט פאר פרײדנ און פארגעניגנס, אופרעגונג, ליבע...

אינ אָלשינסקיס ווערטער איז שווער אויסצוטײלנ די איראָניע. אָלשינסקי איז דער באפולמעכטיקטער פונ פאָלקאָמיסערנ. אינ פארטײ פונ 1917 יאָר. אָנגעטאָנ אײראָפײִש, שטענדיק גלאט ראזירט, עטוואָס פארפיומירט. ער וווינט בא אונדז אינ שטוב, אינ סעגאלס דירע. אָוונט־צײַט קומט ער ארײַנ צו מיר. מיט אימ איז אינטערעסאנט צו רײדנ, ער ווײס דעמ מײַרעוו, לאנג געלעבט אינ פאריז. אָבער איכ טראכט ניט, אז מיר זאָלנ ווערנ גוטע כאווײרימ. די סיבע דערפונ: אינ מיר זעט ער פריִער פונ אלצ א פרוי און דערנאָכ ערשט א כאווער לויט דער פארטײ. עמעס, ער מאסקירט ניט זײַנע שטרעבונגענ און געדאנקענ,—ער איז גענוג מוטיק, קעדײ צו זאָגנ דעמ עמעס, און זײַנע פארלאנגענ זײַנענ ניט גראָב. ער קענ זײ פארשענערנ. אָבער ער געפעלט מיר ניט.

זשוכרײַס גראָבלעכע פאָשעטקײַט איז מיר אָנ א שיר נעענטער, ווי אָלשינסקיס אײראָפײִשער גלאנצ.

פונ באָיארקע באקומענ מיר קורצע סוואָדקעס. יעדנ טאָג הונדערט קלאָפטער זועג. די שפאלנ לײגט מענ פאָשעט אפ דער פארפראָרענער ערד, אינ די אויסגעהאקטע נעסטנ. דאָרטנ זײַנענ דאָ סאכאקל צווײ הונדערט מענטשנ. א העלפט פונ דער צווײטער סמענע איז זיכ צעלאָפנ. די באדינגונגענ זײַנענ אינדערעמעסנ שווערע. ווי וועלנ זײ עס ארבעטנ אינ די פרעסט?.. דובאווע איז שוינ דאָרטנ א וואָכ צײַט, אינ פושטשאיא וואָדיצא האָט מענ פונ אכט לאָקאָמאָטיוונ אופגעקליבנ פינפ. צו די איבעריקע פעלנ טײלנ.

אפ דמיטריִענ האָט די טראמווײַ-פארוואלטונג פארפירט א קרימינעלנ איניען: ער האָט מיט זײַנ בריגאדע מיט גוואלד פארהאלטנ אלע טראמווײַ־פלאטפאָרמעס, וואָס גײענ פונ פושטשאיא וואָדיצא אינ שטאָט ארײַנ. ארויסגעזעצט די פאסאזשירנ, האָט ער אפ די פלאטפאָרמעס אָנגעלאָדנ רעלסנ פאר דער קאָלײקע. נײַנצנ פלאטפאָרמעס האָט מענ געבראכט צו פירנ איבער דער שטאָטישער ליניע צומ וואָקזאל. די טראמווײַ־ארבעטער האָבנ שטארק געהאָלפנ.

אפנ וואָקזאל האָבנ די רעשטנ פונ סאָלאָמענקער קאָמיוגיסטנ דורכ נאכט אָנגעלאָדנ די רעלסנ, און דמיטרי האָט מיט זײַניקע אוועקגעפירט זײ אינ באָיארקע.

אקימ האָט זיכ אָפגעזאָגט שטעלנ אפ דער ביוראָ די פראגע וועגנ דובאווענ. אונדז האָט דמיטרי דערצײלט וועגנ דער העסלעכער פארשלעפעניש און דעמ ביוראָקראטיזמ אינ דער טראמווײַ-פארוואלטונג. דאָרטנ האָט מענ זיכ קאטעגאָריש אָפגעזאָגט צו געבנ מער ווי צווײ פלאטפאָרמעס. טופטא האָט דובאווענ געזאָגט אביסל מוסער:

— צײַט אוועקצוווארפנ די פארטיזאנישע שטיק, איצט קענ מענ דערפאר ארײַנפאלנ אינ טורמע. צי דענ קענ מענ זיכ ניט דערײדנ און זיכ באגײנ אָנ א באוואָ3נטנ פארכאפנ?

איכ האָב נאָכ ניט געזענ דובאווענ אזא צעקאָכטנ.

— פאר:וואָס-זשע האָסטו, פאפירענע נעשאָמע, ניט דערעדט זיכ? ער זיצט דאָ, דאָס טינטערל, און פלאפלט מיט דער צונג. אינ באָיארקע וועט מענ מיר דעמ פאָנעמ צעפאטשנ, אויב ס'וועלנ ניט זײַנ קײנ רעלסנ. און דיכ דארפ מענ אפ דער בריונג אָפשיקנ, זאָלסט זיכ דאָ ניט פלאָנטערנ אונטער די פיס, צו טאָקארעוונ אפ איבערניצעוועננ!— האָט דמיטרי געליארעמט איבערנ גאנצנ גובקאָמ.

טופטא האָט אָנגעשריבנ אפ דובאווענ א מעלדונג, אָבער אקימ האָט מיכ געבעטנ ארויסגײנ און גערעדט מיט אימ א מינוט צענ. טופטא איז פונ אקימענ ארויסגעלאָפנ א רויטער און א צעקאָכטער.

3 דעקאבער.

אינ גובקאָמ איז שוינ פאראנ א נײַער איניִענ פונ טראנסטשעקא. פּאנקראטאָוו, אָקוניעוו אונ נאָכ עטלעכע כאווײרימ זײַנענ געקומענ אפּ דער סטאנציע מאָטאָווילאָווקע אונ האָבנ אראָפּגענומענ פונ פּוסטע געבײַען די טירנ אונ פּענצטער־ראמענ. בײַס זײ האָבנ אָנגעלאָדנ דאָס אלצ אינ אנ ארבעטער־צוג, האָט זײ דער טשעקיסט פונ סטאנציע געפּרוווט ארעסטירנ. זײ האָבנ אימ אָנטוואָפּנט אונ אָפּגעגעבנ אימ דעמ רעוואָלווער ערשט דאנ, ווענ דער צוג האָט זיכ גערירט פונ אָרט. דערבײַ האָבנ זײ פריִער ארויסגענומענ פונ אימ די קוילנ. די טירנ אונ פּענצטער האָט מענ אוועקגעפירט. דער מאטעריִעלער אָפּטייל פונ אײַזנבאנ באשולדיקט ווידער טאָקארעוונ, אז ער האָט ווילקירלעכ צוגענומענ פונ דעמ באָיארקער שפּײַכלער צוואנציק פּוד טשוועקעס. ער האָט עס צעטיילט די פּויערימ פאר ארויספירנ פונ וואלד לאנגע שײַט האָלצ, וועלכע זײ לייגנ אָנשטאָט שפּאלנ.

איכ האָב גערעדט מיטנ כאווער זשוכרײַ וועגנ די דאָזיקע איניִאָנימ. ער לאכט: „די אלע זאכנ וועלנ מיר אײַנאָרדענענ“.

אפּ דער בויונג איז די לאגע זייער אנ אָנגעשטרענגטע, יעדער טאָג איז טײַער. וועגנ דער מינדסטער נארישקײַט קומט אויס אָנקוועטשנ. אלע ווײַלע שלעפּנ מיר אינ גובקאָמ ארײַנ טאָרמאָזירער. די יאטנ אפּ דער בויונג גייענ אלצ אָפּטער ארויס פונ די גרענעצנ פונ פּאָרמאליסטיק.

אָלשינסקי האָט מיר געבראכט א קליינ עלעקטריש אויוועלע. צוזאמענ מיט אָליע יורעניעווענ ווארעמענ מיר אפּ אימ די הענט. אָבער אינ צימער ווערט פונעמ אויוועלע ניט ווארעמער. ווי וועט עס דאָרטנ, אינ וואלד, דורכגיינ די הײַנטיקע נאכט? אָלגע דערציילט: אינ שפּיטאָל איז זייער קאלט, אונ די קראנקע קריכנ ניט ארויס פונ אונטער די קאָלדרעס. מע הייצט איינ מאָל אינ דרײַ טעג.

ניינ, כאווער אָלשינסקי, די טראגעדיע אפּנ פראָנט ווײַזט זיכ ארויס אלס טראגעדיע אינ טיל.

4 דעקאבער.

א גאנצע נאכט האָט געשאָטנ א שניי. אינ באָיארקע, שרײַבט מענ, איז אלצ פארשאָטנ. די ארבעט האָט זיכ אָפּגעשטעלט. מע רייניקט דעמ וועג. הײַנט האָט דער גובקאָמ ארויסגעטראָגנ א באשלוס: די בויונג פונ דער ערשטער ריי, ביז דער גרענעצ פונ דער געהילצ-באארבעטונג, פארענדיקנ ניט שפּעטער פונ ערשטנ יאנוואר 1922 יאָר. ווענ מע האָט עס איבערגעגעבנ אינ באָיארקע, האָט טאָקארעוו, זאָגט מענ, געענטפערט: „אויב מיר וועלנ ניט צעפּייגערנ, וועלנ מיר אויספילנ“.

פונ קאָרטשאגינענ הערט מענ גאָרניט. א נעס, וואָס אפּ אימ איז נאָכ ניטאָ אזא איניִענ, ווי אפּ פּאנקראטאָווג. איכ ווייס נאָכ ביז איצט ניט, פארוואָס ער וויל זיכ ניט באגעגענענ מיט מיר.

5 דעקאבער.

נעכטנ האָט א באנדע באשאָסנ די בויונג“.

*

די פּערד שטעלנ פּאָרזיכטיק די פיס אינ דעמ ווייכנ, נאָכגיביקנ שניי. זעלטנ גיט זיכ א קער א צוויַיגל אונטערנ שניי, וואָס דער טלאָ פונ פּערד האָט עס צוגעקוועטשט צו דער ערד. עס גיט זיכ א בראָכ, דער פּערד הייבט

אָנ כראָפּען און ווארפט זיך אָנאָזײַט, ער באקומט אָבער מיטנ „אָברעזן“ איבער די צוגעדריקטע אויערנ, גייט ער אריבער אינ גאלאָפּ און יאָגט אָב די פּאָדערשטע.

בא א צענדליק רײַטער איז איבערגעגאנגענע דעם הויקערדיקנ בארג־רוקנ, פונ וועלכנ עס האָט זיך געצויגנ א פּאס שווארצע ערד, נאָכ ניט קיינ באַשאָטענע מיט שניי.

דאָ האָבנ די רײַטער אָפּגעשטעלט די פערד. עס האָבנ זיך צעקלונגענ די זאָטל־רונגענ. דער אָגער פונ דעם פּאָדערשטנ האָט זיך שטארק א טרייסל געטאָנ מיטנ גאנצנ קערפּער, א פארשוויצטער פונעם ווײַטנ לויפנ.

— זיי זײַנענ אהער אָנגעפאָרנ, דער טײַוול וויס זיי וויפל,—האָט דער פּאָדערשטער געזאָגט.—אָט וועלנ מיר אפ זיי אָניאָגנ א פּראָסט. דער באטקאָ האָט געזאָגט, אז דער דאָזיקער היישעריק זאָל דאָ מאָרגנ מער ניט זײַנ, ווארעמ מע זעט שוינ, אז די דאָזיקע כאוורײַע האָלדראנצעס וועט זיך דערקלײַבנ צו די האָלצ...

צו דער סטאנציע איז מענ צוגעפאָרנ איינציקווײַז, בא די זײַטנ פונ דער קאָלייקע. מיט לאנגזאמע טריט איז מענ צוגעפאָרנ צום פוסטנ פלאצ בא דער אלטער שול; זיי זײַנענ ניט ארויסגעפאָרנ אפ דער לאָנקע, געבליבנ הינטער דיביימער.

א זאלפּ האָט צערודערט די שטילקײַט פונ דער פינצטערער נאכט. ווי א וועווערקע האָט זיך א גליטש אראָפּ געטאָנ א הויפנ שניי פונ א בעריאָזע־צווײַגל, וואָס האָט זיך געזילבערט באמ שײַנ פונ דער לעוואָנע. און צווישנ די ביימער האָבנ קורצע „אָברעזנ“ אויסגעהאקט פונקענ, קוילנ האָבנ גע־לעכערט דעם קרישלדיקנ טינק, מיט א יאָמער האָבנ געקלונגענ די דורכגע־לעכערטע שויבנ פונ די פענצטער, וואָס פאנקראטאָוו האָט געבראכט.

דער זאלפּ האָט אופגעהויבנ די מענטשנ פונעם בעטאָנענעם דיל, אוועקגעשטעלט זיי אפ די פיס, אָבער ווענ איבערנ צימער האָבנ גענומענ שפרינגענ איימעדיקע גרילנ, האָט די שרעק ווידער אנידערגעוואלגערט די מענטשנ אפנ דיל.

מענ איז געפאלנ איינער אפנ אנדערנ.

— וווהינ פליסטו?—האָט דובאווע אָנגעכאפּט פּאוולענ פארנ שינעל.

— אפנ גאס.

— לייג זיך אנידער, אידיאָט! מ׳עט דיכ אוועקלייגנ אפנשטעל, באווײַז זיכ נאָר,—האָט געשעפּטשעט דמיטרי מיט אימפּעט.

זיי זײַנענ געלעגנ אינ צימער איינע לעבנ די אנדערע בא דער טאמע טיר. דובאווע האָט זיך צוגעדריקט צום דיל און אויסגעצויגנ אינ דער ריכ־טונג צו דער טיר די האנט מיטנ רעוואָלווער. קאָרטשאגינ איז געזעסנ אפ די שפּיצ פינגער און נערוועז געטאַפּט מיט די פינגער די קוילנ־נעסטנ אינעם באראבאנ פונ נאהאנ. פינפ קוילנ. ער האָט אָנגעטאַפּט די פוסטע ערטער און איבערגעדרייט דעם באראבאנ.

די שיסערײַ האָט זיך איבערגעריסן. די אָנגעקומענע שטילקייט האָט פּאַרוואונדערט.

— יאַטן, ווער עס האָט געוועו, קומט אַהער,— האָט דובאַוואַ שעפּטשענ־דיק באַפוילן די, וואָס זײַנען געלעגן.

קאַרטשאַגין האָט פּאַרזיכטיק געעפנט די טיר. אַפן לײדיקן פּלאַץ איז געווען פּוסט. שנייעלעך זײַנען געפאַלן, לאַנגזאַם זיך דרייענדיק.

און אין וואַלד האָבן צען רײַטער אונטערגעשמיסן די פערד.

*

מיטיק־צײַט איז פון שטאָט געקומען צו פאָרן אַן אויטאָדרעזינע. פון איר זײַנען אַרויס זשוכרײַ און אַקים. טאָקאַרעוו און כאָליאַווע האָבן זיי באַגעגנט. פון דרעזינע האָט מען אַראָפּגענומען און אַוועקגעשטעלט אַפן פּעראָן אַ „מאַקסים“־קוילנוואַרפער, עטלעכע קעסטלעך מיט קוילנוואַרפער־לענטעס און אַ פּאָר צענדליק ביקסן.

צום אָרט פון דער בויונג איז מען געגאַנגען אײַליק. די פּאָלעס פון פּיאַדאָרס שינעל האָבן געצייכנט זיגזאַגן אַפן שניי. דער טראָט איז בא אים אַ בערישער, אַ וויגנדיקער,— ער האָט זיך נאָך אַלץ ניט אָפּגעוווינט, ער שטעלט די פיס, ווי אַ צירקל, פּונקט ווי אונטער אים וואָלט זיך נאָך גע־הוידעט די דעק פון עם מינענטרעגער. טאָקאַרעוו איז אָפּט אויסגעקומען נאָכלויפן זײַנע כאַווײרים: דער הויכער אַקים איז געגאַנגען אין פוס מיט פּיאַדאָרן.

— דער אָנפאַל פון דער באַנדע— דאָס איז נאָך אַ האַלבע צאָרע. אָט האָט זיך אונדז גאָר אַ באַרג אַנידערגעשטעלט אינמיטן וועג. אַלץ אַפּ אונדזער קאָפּ, נעמט עס דער בראָך! אַסאַך ערד וועט אויסקומען אויסגראָבן.

דער אַלטער האָט זיך אָפּגעשטעלט, ער האָט זיך אויסגעקירעוועט מיטן רוקן צום ווינט, פאַרויכערט, האַלטנדיק די הענט, ווי אַ שיפל, און, אַז ער האָט אַ צי געטאָן דעם רויך איין מאָל, אַ צווייטן מאָל, האָט ער אָנגעיאָגט די, וואָס זײַנען אַוועק פאָרויס. אַקים האָט זיך אָפּגעשטעלט און געוואַרט אַף אים. זשוכרײַ איז אַוועק ווײַטער, ניט פאַרקלענערנדיק דעם טראָט.

אַקים האָט אַ פרעג געטאָן בא טאָקאַרעוון:

— צי וועט אײַך סטײַען קויכעס אויסבויען צום טערמין דעם בײַוועג?

טאָקאַרעוו האָט ניט באַלד געענטפערט.

— ווייסט, מײַן קינד,— האָט ער ענדלעך געזאָגט,— אויב ריידן ביכלאַל, איז אויסבויען קען מען ניט, אָבער ניט אויסבויען קען מען אויך ניט. און אָט־אָ דאָ איז דער קלאָג.

זיי האָבן אָנגעיאָגט פּיאַדאָרן און אַוועק צוזאַמען. דער שלאָסער האָט אָנגעהויבן ריידן אופגערעגט:

— דאָ טאָקע הייבט זיך אָן דער דאָזיקער „אָבער“. וואָרעם נאָר מיר

ביידע—פּאַטאַשקינ און איכ—ווייסנ, אז אויסבויענ בא אזעלכע הינטישע באַדינגונגענ, בא אזא אויסשטאטונג און בא אזא צאָל ארבעט־קראַפט איז אומעגלעכ. אָבער דערפאר ווייסנ אלע ביז איינעם, אז ניט אויסבויענ—טאָר מענ ניט. און אָט פארוואָס איכ האָב געקענט זאָגנ: „אויב מיר וועלנ ניט צעפראַרנ ווערנ, וועט די זאכ אויסגעפילט ווערנ". גיט אליינ א קוק. דער צווייטער כוידעש, אז מיר פּאַרקענ זיכ דאָ, די פערטע סמענע ענדיקט אר־בעטנ, און דער גרונט־באשטאנד פונ די ארבעטער איז די גאנצע צײַט אָנ אָפּרו, האלט זיכ מערניט ווי אפ דעמ יוגנטלעכנ ברענ. אָבער א העלפט פונ זיי איז פארקילט. גיסט א קוק אפ די דאָזיקע יאטנ, ווערט דאָס הארצ מיט בלוט פארגאָסנ. ניט אָפּצושאצנ זיי... ניט איינעמ פונ זיי וועט די דאָזיקע פארשאָלטענע העק פאריאָגנ אינ קייווער ארײַנ.

*

בא א קילאָמעטער ווײַט פונ דער סטאנציע האָט זיכ געענדיקט די אינ־גאנצנ פארטיקע קאָלייקע.

ווײַטער, אפּ א קילאָמעטער אָנדערהאלבנ, זײַנענ אפנ אויסגעגלײַכטנ אײַזנבאנ־וועג געלעגנ אײַנגעגראָבנ אינ דער ערד לאנגע קלעצלעכ, וועלכע האָבנ אויסגעזעענ ווי א פּארקאנ, וואָס דער ווינט האָט אימ אײַנגעוואָרפנ. דאָס זײַנענ געווענ די שפּאלנ. נאָכ ווײַטער, ביזנ סאמע בארגיקנ אָרט, האָט זיכ געצויגנ א גלײַכער וועג.

דאָ האָט געארבעט פּאנקראטאָווס ערשטע בוי־גרופּע. פערציק מאנ האָבנ אויסגעלייגט שפּאלנ. א פויער מיט א געלער באָרד אינ נײַיִנקע לאפּטיעס האָט פּאמעלעכ אראָפּגעשלעפּט שײַטלעכ פונ שליטנ און געוואָרפנ זיי אפנ אײַזנבאנ־וועג. נאָכ עטלעכע אזעלכע שליטנס האָט מענ אויסגעלאָדנ אביסל ווײַטער. צוויי לאנגע אײַזערנע פרענטנ זײַנענ געלעגנ אפ דער ערד. דאָס איז געווענ די פּאָרמע פונ די רעלסנ. לויט זיי האָט מענ אויסגעגלײַכט די שפּאלנ. אפ אײַנקלאפּנ די ערד האָט מענ באנוצט העק, לאָמענ, רידלענ.

*

אויסלייגנ שפּאלנ—דאָס איז א מארודנע און לאנגזאמע ארבעט. פעסט און שטאנדהאפטיק דארפנ ליגנ אינ דער ערד די שפּאלנ, און ליגנ אזוי, אז דער רעלס זאָל אינ דער זעלבער מאָס זיכ אָנשפּארנ אפ יעדנ פונ זיי.

די טעכניק פונ אויסלייגנ רעלסנ האָט געקענט בלויז דער וועג־דעסיאטניק לאגוטינ, אנ אלטער מאנ מיט א צעצווייטער פּעכ־שווארצער באָרד אָנ קיינ שומ סימענ פונ גרויע האָר, ניט געקוקט אפ זײַנע פיר און פופציק יאָר. ער האָט פרײַוויליק געארבעט די פערטע סמענע, אריבערגעטראָגנ צוזאמענ מיט דער יוגנט אלעליידנ און האָט אינ אָטריאד פארדינט אלגעמיינע אכ־טונג. דער דאָזיקער אומפארטײַישער (טאליעס פאָטער) האָט שטענדיק פאר־

גומען א בעקאָוועדיקן אָרט אַף אַלע פּאַרטייִשע באַראַטונגען. דער אַלטער האָט שטאָלצירט דערמיט און געגעבן א וואָרט ניט אָוועקצוגיין פון דער בווונג.

— נו, ווי זאָל איך אײַך אָוועקוואַרפן, זאָגט אָקאָרשם אַליין? אָן מיר וועט איר דאָ אָנמאַכן צאָרעס באַם אויסלייגן די שפּאַלן. דאָ פאָדערט זיך א געניט אויג, פּראַקטיק. וויפל איך האָב שוין אַף מײַן לעבן א־יסגעלייגט אין רוסלאַנד די דאָזיקע שפּאַלן...—האָט ער גוטמוטיק געזאָגט בא יעדער סמענע און פלעגט פאַרבלײַבן.

פּאַטאָשקין האָט אים געטרויט און האָט אין זײַן באַצירק זעלטן אַרײַנגעקוקט. ווען די דרײַען זײַנען צוגעגאַנגען צו די אַרבעטער, האָט פּאַנקראַטאָוו א פּאַרשוויצטער געגראָבן מיט דער האַק א געלעגער פאַר א שפּאַל.

אקים האָט דעם טרעגער קוים דערקענט. פּאַנקראַטאָוו איז דאַר געוואָרן, שאַרפער האָבן געסטאַרטשעט זײַנע ברייטע באַקנביינער, און דאָס שלעכט געוואַשענע געזיכט איז עפּעס אויסגעכוישעכט געוואָרן.

— א, די גובערניע איז געקומען צו פאָרן!—האָט ער א זאָג געטאָן און דערלאַנגט אָקימען א הייסע פײַכטע האַנט.

די קלאַפּערײַ פון די רידלען האָט אופגעהערט. אקים האָט געזען ארום זיך בלייכע פּענעמער. די אַראָפּגענומענע שינעלן און פּעלצלעך האָבן זיך געוואַלגערט דאָ טאַקע, פּאַשעט אַפן שניי.

טאָקאַרעוו האָט זיך דורכגעשמועסט מיט לאַגוטינען, גענומען מיט זיך פּאַנקראַטאָוון און אוועקגעפירט די געקומענע צום אָרט, וווּ מע האָט געגראָבן די ערד. דער טרעגער איז געגאַנגען גלײַך מיט פּיאָדאָרן.

— דערצייל מיר, פּאַנקראַטאָוו, וואָס האָט עס דאָרטן בא אײַך פּאַסירט מיטן טשעקיסט אין מאָטאָווילאָוועקע? ווי רעכנסטו, איר האָט אביסל איבערגעכאַפּט די מאָס, וואָס איר האָט אים אַנטוואָפּנט?—האָט פּיאָדאָר ערנסט געפרעגט דעם טרעגער, וועלכער איז געווען א קאַרגער אַף רייד.

פּאַנקראַטאָוו האָט אין פאַרלעגנהײַט געשמייכלט.

— מיר האָבן אים אַנטוואָפּנט מיט זײַן אײַנשטימונג, ער האָט אונדז אַליין געבעטן. דאָס איז אונדזערער א יאַט. מיר האָבן אים אַלץ דערקלערט, ווי די זאַך איז. זאָגט ער: „יאַטן, איך האָב נים קיין רעכט דערלויבן אײַך אוועקפירן די פּענצטער און טירן. פאַראַן א באַפעל פון כאַווער דזערזשינסקי, מאַכן א סאָף צום צעשלעפּן דאָס האָב און גוטס פון עם טראַנספּאָרט. דער סטאַנציע־נאַטשאַלניק איז מיט מיר אַף מעסערס. ער גאַנוועט, דער אויסוווּרף, און איך שטער אים. אויב איך וועל אײַך אָפּלאָזן, וועט ער אומבאַדינגט וועגן מיר געבן צו וויסן לויט דער אַמט־ליניע, און מע וועט מיך איבערגעבן אין רעוווטריבונאַל. נעמט און אַנטוואָפּנט מיך, און טראָגט זיך אָפּ. און אויב דער סטאַנציע־נאַטשאַלניק וועט ניט געבן צו וויסן, וועט זיך דערמיט דער איניען ענדיקן". מיר האָבן טאַקע אַזוי געטאָן. מיר האָבן דאָך די טירן און פּענצטער ניט געפירט פאַר זיך!

באמערקט א פונק פון א שמייכל אין זשוכרײַס אויגן, האָט פּאַנקראַטאָוו צוגעגעבן:

— אָט זאָלן מיר אַליין שוין באַקומען דעם פּסאַק, דעם יאַט טשעפּעט ניט, כאַווער זשוכרײַ.

— דער איניען איז שוין ליקווידירט. ווײַטער טאָר מען אָבער אַזעלכע זאַכן ניט טאָן. דאָס רײַסט אונטער די דיסציפּלין. מיר האָבן גענוג קויכעס אַפּ צעקלאַפּן דעם ביוראָקראַטיזם אָרגאַניזירטערהייט. גענוג, לאָמיר א שמועס טאָן וועגן עפּעס וויכטיקערס.—און פיאָדאָר האָט אָנגעהויבן אויספרעגן וועגן די איינצלהײַטן פון דעם אָנפאַל.

*

פיר מיט א האַלבע קילאָמעטער פון סטאַנציע האָבן זיך אַקשאָנעסדיק אײַנגעפּרעסן רידלען אין דער ערד ארײַן. מענטשן האָבן אַראָפּגעשניטן דעם באַרג, וואָס האָט זיך זיי אַוועקגעשטעלט אין וועג.

און בא די זײַטן זײַנען געשטאַנען זיבן מאַן, באַוואָפּנט מיט כאַליאַוועס ביקס און מיט קאָרטשאַגינס, פּאַנקראַטאָווס, דובאַוועס און כאָמוטאָווס רע־וואָלווערן. דאָס איז געווען דאָס גאַנצע געוועזער פונעם אָטריאַד.

קאָרטשאַגין איז געזעסן אַפּן שיפּוע און ארײַנגעשריבן ציפער אין נאָטיצ־ביכל. דער אינזשעניער איז געבליבן אַליין. וואַקולענקאָ, וואָס האָט גע־האַלטן פאַר ליבער, מע זאָל אים מישפּעטן פאַר דעזערטירערײַ איידער באַקומען דעם טויט פון א באַנדיטישער קויל, איז אינדערפרי אַנטלאָפן אין שטאָט ארײַן.

— אַפּ גראָבן די ערד וועט בא אונדז אַוועקגיין א האַלבער כוידעש, די ערד איז געפרוירן,—האָט שטיל געזאָגט פּאַטאָשקין צום שטענדיק כמור־נעם פּוליאַק, דעם שווײַגעוודיקן כאָמוטאָוון, וואָס איז געבן אים געשטאַנען.

— אַפּ מאַכן דעם וועג גיט מען אונדז אײַנגאַנצן פינף און צוואַנציק טעג, און איר גיט פופצן טעג בלויז אַפּ אויסגראָבן די ערד,—האָט אים געענטפערט כאָמוטאָוו, בײַז פאַרכאַפּנדיק מיטן ליפּ אַן עק פונעם וואָנץ.

— דער דאָזיקער טערמין איז ניט רעאַל. עמעס, איך האָב קיינמאָל איבער מײַן לעבן ניט געבויט אין אַזעלכע באַדינגונגען און מיט אַזא מענטשן־באַשטאַנד, ווי דער. איך קען א טאָעס האָבן אויך, וואָס עס האָט שוין בא מיר צוויי מאָל געטראָפן.

אין דעם מאָמענט זײַנען זשוכרײַ, אַקים און פּאַנקראַטאָוו צוגעגאַנגען צום אָרט, ווו מע האָט געגראָבן. אַפּן בערגל האָט מען זיי באַמערקט.

— זע נאָר, ווער איז עס?—האָט קאָרטשאַגינען א שטויס געטאָן מיטן עלנבויגן פּעטקע טראָפּימאָוו, א קאַסאָקער יאַט אין אן אַלטן סוועטער, א צע־ריסענעם אין די עלנבויגנס, א שרויף־שנײַדער פון די וואַרשטאַטן, און האָט אָנגעוויזן מיטן פינגער אַפּן בערגל. אין דעם זעלבן אויגנבליק האָט קאָר־

טשאגינ, ניט ארויסלאָזנדיק פונ האנט די רידל, א וואָרפ געטאָנ זיכ בארג־אראָפ. זײַנע אויגנ האָבנ אונטערנ דאשעק פונעמ העלמ זיכ ווארעמ צעשמייכלט, אונ פיאָדאָר האָט מער פונ אלעמענ אימ געדריקט די האנט.

— גוטמאָרגנ, פאוועל. גיי דערקענ אינ אזא פארשיידנקאָליבערדיקער אוניפאָרמ.

פאנקראטאָוו האָט קרומ א שמייכל געטאָנ:

— א פײַנע קאָמבינאציע פונ פינפ פינגער. אונ אלע פינפ קוקנ אינ דרויסנ ארויס! דערצו נאָכ האָבנ בא אימ די דעזערטירנ צוגעלאקכנט דעמ שינעל. בא אימ מיט אָקוניעוונ איז א קאָמונע: יענער האָט פאוולענ זײַנ פידזשאקל אָפגעגעבנ. נישקאָשע, פאוולושע איז א גוטער יאט. א וואָכ וועט ער זיכ אפנ בעטאָנ א ווארעמ טאָנ. דאָס שטרוי העלפט קימאט ניט. נאָכדעמ וועט ער לייגנ די ציינער אפנ פאָליצע,—האָט כמורנע געזאָגט דער טרעגער צו אקימענ.

דער שווארצכיינעוודיקער אָקוניעוו, א יאט מיט אנ עטוואָס פאריסנ נעזל, האָט, זשמורענדיק די שעלמישע אויגנ, דערווידערט:

— מיר וועלנ פאוולושקענ ניט לאָזנ פארפאלנ ווערנ. מיר וועלנ אָפשטימענ—אונ אוועקשיקנ אימ אינ קיכ אלס קוכער, צו אָדארקענ אינ רעזערוו. דאָרטנ, אויב ער וועט נאָר ניט זײַנ קיינ נאר, וועט ער צו זאט אָפעסנ אונ אָנווארעמענ זיכ—צי אינ אויוונ, צי בא אָדארקענ.

אנ אלגעמיינער געלעכטער האָט פארהילכט זײַנע ווערטער.

אינ דעמ דאָזיקנ טאָג האָט מענ געלאכט דאָס ערשטע מאָל.

*

פיאָדאָר האָט באטראכט דאָס בערגל, איז זיכ דורכגעפאָרנ מיט טאָקארעוונ אונ פאטאָשקינענ אינ א שליטנ צומ אָרט, ווו מע האָט געהאלטנ אינ פאנאנדערארבעטנ דעמ וואלד, אונ אומגעקערט זיכ צוריק. אפנ בערגל האָט מענ געגראָבנ די ערד אלצ מיט דער זעלבער אקשאָנעס. פיאָדאָר האָט געקוקט אפנ שווינדלענ פונ די רידלענ, אפ די אָנגעשטרענגטע רוקנס אונ שטיל געזאָגט צו אקימענ:

— קיינ מיטינג דארפ מענ ניט. אגיטירנ איז דאָ ניטאָ וועמענ. ריכטיק האָסטו, טאָקארעוו, געזאָגט, אז מע קענ זיי גאָר ניט אָפשאצנ. אָט ווו עס הארטעוועט זיכ שטאָל.

זשוכרײַס אויגנ האָבנ מיט אנציקונג אונ מיט שטרענגער אונ ליבער שטאָלצ געקוקט אפ די ערדגרעבער. נאָכ גאָר מיט א קורצער צײַט צוריק איז דאָכ א טייל פונ די דאָזיקע ערדגרעבער געשטאנענ אינ דער נאכט ערעוו דעמ אופשטאנד מיט דעמ שפיציקנ שטאָל פונ באגנעטנ אינ די הענט. אונ איצט זײַנענ זיי באגײַסטערט פונ דער איינהײַטלעכער שטרעבונג צו

ד●פירנ די שטאָלענע פאראלעל פונ דעמ שמאָלינקנ רעלסנ־וועג ביז די געגארטע האָלצ־רייַכטימער—צו דעמ קוואַל פונ ווארעמקייַט אונ לעבנ.

פאטאָשקינ האָט העפלעכ, אָבער איבערצייַגנדיק דערוויזנ פיאָדאָרנ די אומעגלעכקייַט ארויפצוגראָבנ דאָס בערגל פריִער ווי אינ צוויי וואָכנ. פיאָדאָר האָט געהערט זייַנע אויסרעכענונגענ אונ פאר זיכ וועגנ עפּעס וואָס גע־ייִשעווט זיכ.

— נעמט אראָפּ די מענטשנ פונ דעמ בערגל, ארבעט אפ דעמ וועג ווייַטער, אונ דאָס בערגל וועלנ מיר אייַנעמענ אפ אנ אנדער אויפנ.

אפנ סטאנציע איז זשוכרייַ לאנג געזעסנ באמ טעלעפאָנ. כאָליאווע האָט געהיט בא דער טיר. ער האָט הינטער זיכ געהערט פיאָדאָרס דיקנ באס:

— קלינג באלד טאקע אָנ אינ מייַנ נאָמענ דעמ שטאב־נאטשאלניק פונ קרייַז, מע זאָל טייקעפּ איבערווארפנ פּוזירעווסקעס פּאָלק אינ סעקטער פונ דער בויונג. מע דארפ אָפּרייניקנ דעמ ראיאָנ פונ די באנדעס. שיקט ארויס פונ באזע א פאנצערצוג מיט אופרייַסער. וועגנ דעמ איבעריקנ וועל איכ שוינ אליינ פאראָרדענענ. כ'וועל זיכ אומקערנ באנאכט. שיקט ארויס אפנ וואָקזאל צו צוועלפ דעמ זייגער ליטקענ מיט דער מאשינ.

אינ באראק האָט נאָכ אקימס קורצער רעדע גענומענ א וואָרט זשוכרייַ. אינ א כאווערישנ שמועס איז אומבאמערקבאר אוועק א שאָ. פיאָדאָר האָט מיט די בויער גערעדט וועגנ דער אומעגלעכקייַט צו ברעכנ דעמ טערמינ פונ ענדיקנ די בויונג, וואָס איז באשטימט אפנ ערשטנ יאנוואר.

— מיר פירנ אריבער די בויונג אפ מיליטער־צושטאנד. די קאָמוניסטנ ווערנ פאָרמירט אינ א „טשאָנ“־ראָטע. פארנ קאָמאנדיר פונ דער ראָטע ווערט באשטימט כאווער דובאווע. אלע זעקס גרופּעס באקומענ פעסטע אופגאבנ. די פארבליבענע ארבעט באמ אויסלייגנ די שפאלנ ווערט אייַנגעטיילט אינ זעקס טיילנ. יעדער גרופּע באקומט איר טייל. צומ ערשטנ יאנוואר דארפ די גאנצע ארבעט ווערנ פארענדיקט. די גרופּע, וואָס וועט פארענדיקנ איר ארבעט פריִער, באקומט דאָס רעכט אפ אָפּרו אונ אפ אָפּפאָרנ אינ שטאָט. אויסערדעמ וועט דער פּרעזידיום פונ גובויספּירקאָמ אָנגעבנ א היסטאדלעס דעמ ווציק וועגנ באלוינענ מיטנ אָרדענ פונ דער רויטער פאָנ דעמ בעסטנ ארבעטער פונ דער דאָזיקער גרופּע.

פאר נאטשאלניקעס פונ די בוי־גרופּנ זייַנענ באשטימט געוואָרנ: פונ דער ערשטער—כאווער פאנקראטאָוו, פונ דער צווייטער—כאווער דובאווע, פונ דער דריטער—כאווער כאָמוטאָוו, פונ דער פערטער—כאווער לאגוטינ, פונ דער פינפטער—כאווער קאָרטשאגינ, פונ דער זעקסטער—כאווער אָקוניעוו.

— נאטשאלניק פונ דער בויונג,—האָט פארענדיקט זייַנ רעדע זשוכרייַ,— איר אידיייִשער אָנפירער אונ אָרגאניזאטער פארבלייַבט ווי געווענ אנטאָנ ניקיפאָראָוויטש טאָקארעוו.

פונקט ווי א טשאטע פייגל וואָלט זיך אופגעהויבן, אזוי האָבן זיך פאטשט הענט, האָבן זיך צעשמייכלט שטרענגע פּנעמער, און די כאווערישוויציקע לעצטע פראזע פון דעם ערנסטן מענטשן האָט אויסגעלאָדן די דויערנדיקע אופמערקזאמקייט מיט א שטארקן געלעכטער.

א מאן צוואנציק האָבן צוזאמען באגלייט אקימען און פיאָדאָרן צו דער אוטאָדרעזינע.

פיאָדאָר האָט באם געזעגענען זיך מיט קאָרטשאגינען א קוק געטאָן אף זײַן פארשנייטן קאלאָש און שטיל געזאָגט:

— כ׳וועל דיר צושיקן שטיוול. האָסט נאָך די פיס ניט אָפּגעפרוירן?

— קימאט ווי יע. זיי האָבן שוין אָנגעהויבן געשוואָלן ווערן, — האָט פּאווע געענטפערט. ער האָט זיך דערמאָנט אָן זײַן אמאָליקער ביטע און אָנגענומען זשוכרײַען פארן ארבל: — וועסט מיר געבן אביסל קוילן צום נאהאן? גוטע קוילן האָב איך בלויז דרײַ.

זשוכרײַ האָט פארזאָרגט געשאָקלט מיטן קאָפּ. אָבער דערזעענדיק פארדראָס אין פּאווולס אויגן, האָט ער, ניט געטראכט, אָפּגעשפּיליעט זײַן מאוזער.

— אָט האָסטו דיר מײַן מאטאָנע.

פּאווע האָט ניט באלד געגלויבט, אז מע שענקט אים דאָס, וועגן וואָס ער האָט אזוי לאנג געטרוימט. אָבער זשוכרײַ האָט ארופגעוואָרפן אף זײַן אקסל דעם רימען.

— נעם, נעם! איך וויס דאָך, אז דו שארפסט שוין לאנג אַן אויג אף אים. נאָר זײַ פאָרזיכטיק מיט אים, זאָלסט אָקאָרשט קיין אייגענע ניט שיסן. אָט האָסטו נאָך דרײַ פולע קוילן־שיידן צו אים.

אף פּאווולען האָבן געקוקט אויגן, וועלכע זײַנען געווען פול מיט בוילעטער קינע. עמעצער האָט אויסגעשריגן:

— פּאווקע, לאָמיר זיך בײַטן אף שטיוול מיט א פּעלץ אלס צוגאָב.

פּאנקראטאָוו האָט ווילדיונגעריש א שטויס געטאָן פּאווולען אין פּלייצע.

— בײַט זיך, טײַוול, אף א פּאָר וואָליקעס. אלציינס וועסטו אין דעם קאלאָש ניט דערלעבן ביז ווײַנאכט.

זשוכרײַ האָט אַוועקגעשטעלט א פוס אפן טרעפּל פון דרעזינע און געשריבן א דערלויבעניש אפן געשענקטן רעוואָלווער.

*

פרי פארטאָג, קלאפנדיק טויב איבער די סטרעלקעס, איז צו דער סטאנציע צוגעגאנגען א פּאנצערצוג. דער באפרײַטער דאמף, ווײַס ווי שוואנענפוך, האָט זיך ארויסגעריסן און איז אומבאמערקט צעגאנגען אין דער ריינער פראָסטיקער לופט. פון די געפּאנצערטע קאסטנס זײַנען ארויסגעגאנגען מענטשן, פארנייטע אין לעדער. אין עטלעכע שאָ ארום האָבן עט־

לעכע אופרײַסער פֿון פֿאַנצערצוג פֿאַרלײגט טיף אין דעם בערגל צוויי ריזיקע שוואַרצע קירבעסן, אוועקגעצויגענע פֿון זײ לאַנגע שנורן און האָבן געגעבן א סיגנאַל־שאָס. דעמלט זײַנען זיך פֿון דעם בערגל, וואָס איז איצט געוואָרן געפּערלעך, צעלאָפֿן די מענטשן אין אַלע זײַטן. דער עק פֿון שנור האָט זיך פֿון א שוועבעלע צעפֿלאַמט מיט א פֿאַספֿאָריש פֿײַערל.

בא הונדערטער מענטשן איז אף איין אויגנבליק פֿאַרהאַלטן געוואָרן דער אָטעם. א מינוט—צוויי מינוט שווערע דערוואַרטונג, און... עס האָט א קרעכץ געטאָן די ערד, א שרעקלעכע קראַפֿט האָט אופֿגעריסן דאָס בערגל, א שלײַדער געטאָן אין הימל אַרײַן גוואַלדיקע שטיקער ערד. דער צווייטער אופֿרײַס איז געווען שטאַרקער פֿונעם ערשטן. א שרעקלעכער געהילך האָט זיך דורכגעקײַקלט איבער די וועלדער, אָנגעפֿילט זיי מיט א כאַאָס פֿון קלאַנגען, וואָס האָבן זיך צעטראָגן פֿון דעם אף פּיצלעך צעריסענעם בערגל.

דאָרטן, ווו עס איז נאָרוואָס געווען א בערגל, האָט זיך געזען א טיפֿע גרוב, און אף צענדליקער מעטער ארום איז די צוקערדיקע ווײַסקײַט פֿונעם שניי פֿאַרשאָטן געוואָרן מיט אופֿגערודערטער ערד.

אין דער פֿאַרטיפֿונג, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן פֿונעם אופֿרײַס, האָבן זיך א לאָז געטאָן מענטשן מיט קירקעס און רידלען.

*

נאָך זשוכרײַס אָפּפֿאָרן האָט זיך אף דער בויונג צעוויקלט א פֿאַראַקשנ־טער געווער—א קאַמף פֿאַרן ערשטן אָרט.

נאָך אַסאַך פֿריִער פֿאַרן באַגינען האָט קאָרטשאַגין שטיל, קיינעם ניט וועקנדיק, זיך אופֿגעהויבן און, קוים שלעפּנדיק די פֿיס, וואָס זײַנען פֿאַר־קאַלייעט געוואָרן פֿונעם קאַלטן דיל, געלאָזן זיך צו דער קיך. אופֿגעזאָדן אין קעסל וואַסער אף טיי, האָט ער זיך אומגעקערט און אופֿגעוועקט זײַן גאַנצע גרופּע.

ווען דער גאַנצער אָטריאַד איז אופֿגעשטאַנען, איז שוין אפֿן גאַס געווען ליכטיק.

אין באַראַק, בײַסן פֿרימאָרגנדיקן טיי, האָט זיך צום טיש, ווו עס איז געזעסן דובאַווע מיט זײַנע אַרסענאַל־לײַט, אַדורכגעשטופּט פּאַנקראַטאָוו.

— ס׳ט געזען, מיטיאַי, מיטן שאַריִען אף טאָג האָט שוין פּאַווקע זײַן כעווריע אופֿגעהויבן פֿון בעט. מיסטאָמע שוין א קלאַפּטער צען דורכגעלייגט. די יאַטן זאָגן, אז ער האָט זײַן כעווריע פֿון די הויפּט־וואַרשטאַטן אזוי אונטערגעהיצט, אז יענע האָבן באַשטימט דעם פֿינף־און־צוואַנציקסטן ענדיקן זייער באַצירק. ער וויל אונדז אַלעמען אָנפּײַפֿן. אָבער, זײַ מויכל, דאָס וועלן מיר נאָך זען!—האָט ער אופֿגעבוראַכט געריגט צו דובאַווען.

מיטיאַי האָט זויער א שמייכל געטאָן. ער האָט אויסגעצייכנט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס דער טאַט פֿון דער גרופּע פֿון די הויפּט־וואַרשטאַטן האָט אזוי

בלוטיק אָנגערירט דעם סעקרעטאר פון קאָלעקטיוו פון טײַך־האפן. אים, דובאווען, האָט אויך דער ליבינקער פאוולושקע אונטערגעשמיסן. ער האָט ניט ארויסגערעדט קיין וואָרט און זיך א ווענד געטאָן מיט אן ארויסרוף צו דעם גאנצן אָטריאד.

— כאווערשאפט איז כאווערשאפט, און געוועט איז געוועט; דאָ איז גילטיק—„ווער וועמען״,—האָט פאנקראַטאָוו געזאָגט.

ארום מיטיק־צײַט איז די ענערגישע ארבעט פון קאָרטשאגינס גרופע אומגעריכט איבערגעריסן געוואָרן. דער וועכטער בא די ביקסן, וואָס זײַנען געווען אויסגעשטעלט אין א פּיראמידע, האָט באמערקט צווישן די ביימער א גרופּע רײַטער און געגעבן אן אליארם־שאָס.

— צו די ביקסן, כעווריע! א באנדע!—האָט פּאוועל אויסגעשריִען און, א שלײַדער געטאָן די רידל, האָט ער זיך א וואָרף געטאָן צום בוים, אף וועלכן ס׳איז געהאנגען זײַן מאוזער.

די גרופּע האָט צעכאפּט דאָס פאראנענע געווער און זיך אויסגעלייגט גלײַך אפן שניי בא דער זײַט פונעם וועג. די פאָדערשטע רײַטער האָבן גענומען פאָכען מיט די היטלען. איינער פון זיי האָט אויסגעשריִען:

— שטייט, כאווירים! מיר זײַנען אייגענע!

א האלבע מייע רײַטער אין בודיאָנאָווקעס מיט רויטע שטערן זײַנען צוגעפאָרן מיטן שליאכ.

עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז אף דער בויונג איז געקומען געוואָר ווערן א ווזוואָד פון פּוזירעווסקעס פּאָלק. פּאוועל האָט זיך פארקוקט אף דעם אָפּגעהאקטן אויער פון דעם קאָמאנדירס פערד. די שיינע גרויע קליאַטשע מיטן ווײַסן פּליך אפן שטערן איז ניט אײַנגעשטאנען אף אן אָרט און האָט „געשפּילט״ אונטערן רײַטער. זי איז אין שרעק אָפּגעטראָטן אף צוריק, ווען פּאוועל האָט זיך א וואָרף געטאָן צו איר און זי אָנגענומען פארן צוים.

— ליסקא, שטיפערקע, אָט ווו מיר האָבן זיך מיט דיר באגעגנט! ביסט גאנץ געבליבן פון די קוילן, מײַן איינ־אויערדיקע פארשוין!

ער האָט צארט ארומגעכאפּט דעם דינעם האלדז פונעם פערד און געגלעט מיט דער האנט זײַנע ציטערדיקע נאָזלעכער. דער קאָמאנדיר האָט זיך אופמערקזאם אײַנגעקוקט אין פּאוולען, ער האָט אים דערקענט און פארכידעשט אויסגערופן:

— דאָס איז דאָך קאָרטשאגין!.. דעם פערד האָט ער דערקענט, אָבער סערעדאַען האָט ער ניט דערזען. וואָס מאכסטו, גוטער ברודער?

*

אין שטאָט האָט מען „אָנגעקוועטשט אף אלע פּעדאלן״. דאָס האָט זיך באלד געלאָזט פילן אף דער בויונג. זשארקי האָט אויסגעליידיקט דעם רײַ־קאָם, ער האָט ארויסגעשיקט די רעשטן פון דער אָרגאניזאציע קיין באָ־

יארקע. אינ סאָלאָמענקע זייַנע געבליבנ בלויז מיידלעכ. אינ אייַזנבאנ־טעכניקום האָט זשארקי זיכ דערשלאָגנ, אז מע זאָל ארויסשיקנ נאָכ א גרופע סטודענטנ אפ דער בויונג.

דערציילנדיק וועגנ דעמ אלעמענ אקימענ, האָט ער האלב אינ שפאס געזאָגט:

— איכ בינ געבליבנ בלויז מיט א ווייַבערשנ פּראָלעטאריאט. כ׳וועל אוועקזעצנ די כאווערטע לאגוטינע אָנשטאָט זיכ. אפנ טיר וועלנ מיר אָנ־שרייַבנ: „פרויענ־אָפּטייל“. אונ איכ וועל זיכ שוינ אויכ א לאָז טאָנ קיינ באָיארקע. איר פארשטייט, ס׳איז מיר ניט באקוועמ, איינ איינציקער מאנס־פּארשוינ ארומדרייענ זיכ צווישנ ווייַבער. די מיידלעכ קוקנ אפ מיר מיט כשאד. צווישנ זיכ ריידנ זיי אוואדע, די דאָזיקע סאָראָקעס: „אלעמענ האָט ער אוועקגעשיקט, אונ אליינ איז ער געבליבנ דאָ, דער שיינער גאָנער“, אָדער זיי זאָגנ נאָכ עפּעס ערגערס. איכ בעט דיכ, דערלויב מיר ארויספאָרנ.

אקימ האָט, לאכנדיק, אימ אָפּגעזאָגט.

אינ באָיארקע זייַנע צוגעקומענ מענטשנ. עס זייַנע אויכ צוגעקומענ זעכ־ציק סטודענטנ־טראנספּאָרטלער.

זשוכרייַ האָט זיכ דערשלאָגנ בא דער וועג־פּארוואלטונג, זי זאָל שיקנ קיינ באָיארקע פיר פּאסאזשיר־וואגאָנעס אפ וווינונגעס פאר די נייַ־צוגע־שיקטע ארבעטער.

דובאוועס גרופּע איז אראָפּגענומענ געוואָרנ פונ דער ארבעט אונ מע האָט זי אוועקגעשיקט קיינ פּושטשא־וואָדיצא. עס איז איר געגעבנ געוואָרנ די פּאראָרדענונג צושטעלנ אפ דער בויונג די לאָקאָמאָטיוולעכ אונ פינפ אונ זעכציק שמאָלוועגיקע פּלאטפאָרמעס. די דאָזיקע ארבעט האָט מענ פארעכנט ווי אנ אופגאבע אפנ באצירק.

פארנ אָפּפאָרנ האָט דובאווע געראטנ טאָקארעוונ ארויספאָדערנ קלאווי־טשעקנ אפ דער בויונג אונ געבנ אימ די נייַ־אָרגאניזירטע גרופּע. טאָקארעוו האָט אָפּגעגעבנ דעמ דאָזיקנ באפעל, ניט באגרייַפנדיק די ווירקלעכע סיבע, וואָס האָט באוועגט דעמ ארסענאלער זיכ דערמאָנענ אָנ דער עקזיסטענצ פונעמ טשעכ. אָבער די סיבע איז געווענ א צעטעלע, וואָס אנע האָט איבער־געשיקט דורכ די געקומענע סאָלאָמענקער.

„דמיטרי!— האָט אנע געשריבנ.— מיר האָבנ מיט קלאוויטשעקנ אָפּגעקליבנ פאר אייַכ א בארג ליטעראטור. מיר שיקנ דיר אונ אלע באָיארקער שטורעמ־לייַט אונדזער הייסנ גרוס. סארא בראווע יאטנ איר זייַט אלע! מיר ווינטשנ אייַכ קויעכ אונ ענער־גיע. נעכטנ האָט מענ פונ די שפּייַכלערס ארויסגעגעבנ די לעצטע רעזערווג האָלצ. קלאוויטשעק בעט איבערגעבנ אייַכ א גרוס. א זעלטענער יאט. ברויט פאר אייַכ באקט ער אליינ. אינ בעקערייַ טרויט ער קיינעמ ניט. אליינ זיפּט ער די מעל, אליינ קנעט ער מיט דער מאשינ דאָס טייג. מעל האָט ער ערגעצ געקראָגנ גוטע, אונ ברויט בא־קומט זיכ בא אימ אויסגעצייכנטער, ניט צו פארגלייַכנ מיט דעמ, וואָס איכ באקומ. אינ די אָוונטנ קלייַבנ זיכ בא מיר צונויפ אונדזערע: לאגוטינע, ארטיוכינע, קלאווי־

טשעק און אן אנדערשמאָל זשאַרקי. מיר לערנענ זיכ צוביסלעכ, אָבער מערער ריידנ מיר וועגנ אלצ און וועגנ אלעמענ, און אָפטער פונ אלצ וועגנ אײַכ. די מיידלעכ זײַנענ אופגעבראכט, וואָס טאָקארעוו האָט אָפּגעזאָגט צוצולאָזנ זיי אפ דער בוידונג. זיי פארזיכערנ, אז זיי וועלנ קענענ אריבערטראָגנ שווערי קײַטנ צוגלײַכ מיט אלעמענ. טאליע זאָגט: „כ'וועל זיכ אָנטאָנ אינ דעמ טאטנס זאכנ און וועל קומענ צומ טאטנ, זאָל ער פרווונ מיכ פונ דאָרטנ אויסהאָבנ".

זי וועט עס, מיסטאָמע, טאָנ. גיב איבער מײַנ גרוס דעמ שווארצוויגיקנ. אנע".

*

די זאווערוכע האָט זיכ אָנגערוקט מיטאמאָל. דער הימל האָט זיכ פארצווינג מיט גרויע, נידעריק שווימענדיקע וואָלקנס. ס'איז אוועק א געדיכטער שניי. אינאָוונט האָט אינ די קוימענס זיכ צעיאָמערט דער ווינט, ער האָט זיכ צעפײַפט צווישנ דיביימער, געיאָגט נאָכ דעמ פלינקנ שניי־שטורעמ און געוועקט דעמ וואלד מיט א דראָענדיקער פײַפערײַ.

עס האָט געבושעוועט, געווילדעוועט א גאנצע נאכט א בוראנ. דער פראָסט האָט דורכגענומענ ביזנ בייג, כאָטש א גאנצע נאכט האָבנ זיכ געהייצט די אויוונס. די סטאנציע־כורווע האָט ניט אײַנגעהאלטנ קיינ ווארעמקײַט.

אינדערפרי האָט דער אָטריאד, וואָס איז ארויס אפ דער ארבעט, געזונקענ אינ טיפנ שניי, אָבער איבער די ביימער האָט געפלאמט די זונ, און אפנ בלויענ הימל—קיינ איינציק וואָלקנדל.

קאָרטשאגינס גרופע האָט אָפּגערייניקט פונ די שניי־הורבעס איר באצירק. ערשט איצט האָט פאוועל דערפילט, ווי שווער עס איז אויסצוהאלטנ די קעלט. אָקוניעווס אלט רעקל האָט אימ ניט געווארעמט, און אינ קאלאָש האָט זיכ אָנגענומענ שניי. ער האָט אימ ניט איינ מאָל פארלאָרנ אינ די שניי־הורבעס. דער שטיוול ווידער, וואָס אפ דער צווייטער פוס, האָט געדראָט אינגאנצנ צעקראָכנ ווערנ. פונעמ שלאָפנ אפנ דיל האָבנ זיכ בא אימ אפנ האלדז אוועקגעזעצט צוויי מוירעדיקע געשווירנ. אָנשטאָט א שאל אפנ האלדז, האָט אימ טאָקארעוו געגעבנ זײַנ האנטעכ.

א דארער, מיט אנטצונדענע אויגנ, האָט פאוועל פארביסנ געשופלט מיטנ ברייטנ הילצערנעמ רידל און אופגעשארט דעמ שניי.

פאר דער צײַט איז אפנ סטאנציע געקומענ צו קריכנ א פאסאזשיר־צוג. אימ האָט קוימ געבראכט צו שלעפנ אהער א גויסעסדיקער לאָקאָמאָטיוו; אפנ טענדער קיינ איינ שײַטל, אינ אויוועלע האָבנ דערברענט די רעשטלעכ.

— וועט איר געבנ האָלצ—וועלנ מיר פאָרנ ווײַטער, וועג ניט—פירט אריבער דעמ צוג אפ דער רעזערוו־ליניע, קאָלזמאנ ס'איז פאראנ מיט וואָס צו שלעפנ!—האָט דער מאשיניסט געשריִענ צומ נאטשאלניק פונ סטאנציע.

דעמ צוג האָט מענ אריבערגעפירט אפ דער רעזערוו־ליניע. די פארומערטע פאסאזשירנ האָט מענ דערקלערט די סיבע, פארוואָס מע האָט זיכ אָפּגעשטעלט. אינ די פול־געפאקטע וואגאָנעס האָט מענ אָנגעהויבנ קרעכצנ און שילטנ.

— גיט א רייד מיטן אלטן. אָן גייט ער איבערן פעראָן. דאָס איז דער באַטשאַלניק פון דער בויונג. ער קען באַפּוילן צופירן אַפ שליטנס האָלץ צום לאָקאָמאָטיוו. זיי לייגן עס אָנשטאָט שפּאַלן,—האָט דער סטאַנציע־נאַטשאַלניק געראַטן די קאָנדוקטערס. יענע זײַנען אַוועק טאָקארעוון אַנטקעגן.

— האָלץ וועל איך געבן, אָבער ניט אומזיסט. דאָס איז דאָך אונדזער בוי־מאַטעריאַל! באַ אונדז זײַנען זאַווייעס. אין צוג זײַנען דאָ באַ א זעקס זיבן הונדערט פּאַסאַזשירן. קינדער און פרויען קענען בלײַבן אין צוג, און די איבעריקע זאָלן נעמען רידלען אין די הענט, און ביזן אָוונט—אָפּשאַרן דעם שניי. דערפאַר וועלן זיי באַקומען האָלץ. אויב זיי וועלן זיך אָפּזאָגן, קענען זיי דאָ זיצן ביז נײַ־יאָר,—האָט טאָקארעוו געזאָגט די קאָנדוקטערס.

*

— זעט, יאַטן, סאַרא אוילעם עס גייט! זע, אפילע פרויען!— האָט מען פאַרכידעשט גערעדט אהינטער קאַרטשאַגינס פּלייצע.

פּאַווער האָט זיך א קער געטאָן אהינטער.

— אָט האָסטו דיר הונדערט מאַן, גיב זיי אַרבעט, און זע, אַז זיי זאָלן ניט זיצן ליידיק,— האָט געזאָגט טאָקארעוו צוגייענדיק.

קאָרטשאַגין האָט געגעבן אַרבעט די נײַ־אָנגעקומענע. עפּעס א הויכער מאַנצביל, אין א שינעל פון אַן אײַזנבאַנער מיט א פוטערנעם קאָלנער און אין א וואַרעמער קאַראַקולענער היטל, האָט אַן אופגערעגטער געדרייט אין די הענט דעם רידל. ער האָט זיך געווענדט צו דער פרוי, וואָס איז לעבן אים געשטאַנען אין א קאָטיק־היטעלע מיט א פּרענדזל פונויבן, און פּראָטעסטירט:

— איך וועל ניט ראַמען קיין שניי, קיינער האָט קיין רעכט ניט מיך צווינגען. אויב מע וועט מיך בעטן, וועל איך, ווי אַן אינזשעניער־טראַנס־פּאָרטלער, קענען אָנפירן מיט דער אַרבעט, אָבער ניט איך און ניט דו דאַרפן ראַמען שניי. דאָס איז אין דער אינסטרוקציע ניט פאָרויסגעזען. דער אַלטער האַנדלט קעגן געזעץ. איך וועל אים צוציִען צו פאַראַנטוואָרטלעכקײַט. ווער איז דאָ דער דעסיאַטניק?—האָט ער געפרעגט באַם אַרבעטער, וואָס איז געשטאַנען נאָענט צו אים.

עס איז אונטערגעגאַנגען קאָרטשאַגין.

— פאַרוואָס אַרבעט איר ניט, בירגער?

דער מאַנצביל האָט באַטראַכט פּאַווען פון קאָפּ ביז די פיס מיט א פאַראַכטנדיקן קוק.

— און איר ווער זײַט עס אַזעלכער?

— איך בין אַן אַרבעטער.

— דעמלט האָב איך מיט אײַך ניט וואָס צו ריידן. שיקט מיר צו דעם דעסיאַטניק, אָדער עמעצן אַנדערש, ווער עס איז דאָ באַ אײַך פאַראַנען...

קאָרטשאגינ האָט א קוק געטאָן אפ אימ פונ אונטנ ארופ.

— איר ווילט ניט ארבעטנ—דארפ מענ ניט. אָנ אונדזער צייכנ אפ אײַער רײַזע־בילעט וועט איר אינ צוג ניט ארײַנ. אזא איז דער באפעל פונעמ נאטשאלניק פונ דער באַוועגונג.

— אונ איר, בירגערנ, זאָגט זיכ אויכ אָפ?—האָט זיכ פאוועל א קער געטאָנ צו דער פרוי אונ איז אפ א ווײַלע פארשטײנערט געוואָרנ: פאר אימ איז געשטאנענ טאָניע טומאנאָווע.

זי האָט מיט גרויס מי אינ דעמ דאָזיקנ אָפּגעריסענעמ יונג דערקענט קאָרטשאגינענ. פאוועל איז פאר איר געשטאנענ אינ צעריסענע, פארשליומפערטע קליידער אונ אינ עפעס א מינ פאנטאסטישנ שוכווארג, מיט א שמוציקנ האנטעכ אפנ האלדז, מיט א געזיכט, וואָס איז שוינ לאנג ניט געוואשנ. בלויז די אויגנ האָבנ פארמאָגט דעמ זעלבנ פריערדיקנ פײַער. די אויגנ זײַנעג זײַנע. אונ אָט דעמ דאָזיקנ יונג, ענלעכ אפ א שלעפער, האָט זי נאָכ גאָר ניט לאנג ליב געהאט. ווי אלצ האָט זיכ עס געענדערט!

נאָכ איר ניט־לאנג פאָרגעקומענער כאסענע פאָרט זי איצט מיט איר מאנ אינ דער גרויסער שטאָט ארײַנ, ווו ער ארבעט אינ דער וועג־פארוואלטונג אפ א פאראנטוואָרטלעכנ פּאָסטנ. אונ אָט ווו איר איז אויסגעקומענ צו באגעגענענ זיכ מיט איר יוגנטלעכער ליידנשאפט. איר איז אפילע ניט באקוועמ געבנ אימ די האנט. וואָס וועט א טראכט טאָנ וואסילי? סארא פארדראָכ, וואָס קאָרטשאגינ האָט זיכ אזוי אָפּגעלאָזנ. ווײַזט אויס, אז דער הייצער האָט ווײַטער פונ גראָבנ עקד זיכ ניט דורכגערוקט אינ לעבנ.

זי איז געשטאנענ אונ ניט געפונענ אינ זיכ קיינ אנטשלאָסנקײַט, איר פּאָנעמ האָט זיכ גערויטלט פונ פארלאָרנקײַט. דעמ טראנספּאָרטלער האָט אופגעבראכט די פרעכע, ווי אימ האָט זיכ געדוכט, אופירונג פונעמ שלעפער, וואָס האָט ניט אראָפּגענומענ די אויגנ פונ זײַנ ווײַב. ער האָט א שלײַדער געטאָנ אָנ דער ערד דעמ רידל אונ איז צוגעגאנגענ צו טאָניענ.

— קומ, טאָניע, איכ קענ ניט קוקנ רויִק אפ דעמ דאָזיקנ לאצאראָני.

קאָרטשאגינ האָט פונעמ ראָמאנ „דזשוזעפּע גאריבאלדי" געוווסט, ווער עס איז אזוינס לאצאראָני.

— אויב איכ בינ א לאצאראָני, ביסטו פּאָשעט א ניט־דערקוילעטער בורזשוי,—האָט ער בייז געענטפערט דעמ טראנספּאָרטלער, אונ, אריבערגעפירט דעמ בליק אפ טאָניענ, האָט ער טרוקנ א זאָג געטאָנ:—נעמט דעמ רידל, כאווערטע טומאנאָווע, אונ שטעלט זיכ אינ דער ריי. נעמט ניט קיינ בײַשפּיל פונ דעמ דאָזיקנ געשטאָפּטנ בופלאקס. איכ בעט אנטשולדיקונג, איכ וויים ניט וואָס פארא שײַכעס ער האָט צו אײַכ.

פאוועל האָט אומפרײַנטלעכ א שמייכל געטאָנ, כאפנדיק א קוק אפ טאָניעס פוטערנע שטיוועלעכ, אונ צוגעגעבנ ווי פארבײַגייענדיק:

— פארבלײַבנ ראט איכ אײַכ ניט. ניט לאנג איז דאָ א באנדע געווענ צו גאסט.

ער האָט זיך א קער געטאָן און איז אוועק צו זײַנע כעווריע, כליופּענ־דיק מיטן קאַלאָש.

די לעצטע ווערטער האָבן געהאַט א ווירקונג אויך אפן טראַנספּאָרטלער. טאָניע האָט אים אײַנגערעדט בלײַבן אַרבעטן.

אינאָוונט, אז מע האָט געענדיקט די אַרבעט, האָט מען זיך אומגעקערט צו דער סטאַנציע. טאָניעס מאַן איז אוועק פאָרויס, ער האָט זיך געאײַלט פאַרנעמען אן אָרט אין צוג. טאָניע האָט זיך אָפּגעשטעלט און דורכגעלאָזן די אַרבעטער. הינטער אַלעמען איז, אָנגעשפּאַרט אפ-א רידל, געגאַנגען דער מידער קאָרטשאַגין.

— גוטנאָוונט, פּאַוולושע. כ׳בין זיך מוידע, אז כ׳האָב זיך ניט געריכט צו באַגעגענען דיך אזוי. צי דען האָסטו בא דער מאַכט עפּעס בעסערס ניט פאַרדינט, ווי גראָבן זיך אין דער ערד? איך האָב געטראַכט, אז דו ביסט שוין לאַנג א קאָמיסאַר אָדער עפּעס אַנדערש־וואָס אזוינס. ווי שלימאַזלדיק עס האָט זיך באַקומען דײַן לעבן...—האָט טאָניע געגומען ריידן, גייענדיק האַרט לעבן אים.

פּאַוועל האָט זיך אָפּגעשטעלט און באַקוקט טאָניען מיט א פאַרוווּנדערטן בליק.

— איך האָב זיך אויך ניט געריכט באַגעגענען דיך אזוי... פּאַרמאַרי־נירטע,—האָט פּאַוועל ענדלעך געפונען דאָס פּאַסיקע און ווייכערע וואָרט.

טאָניעס שפּיץ אויערן האָבן זיך אָנגעצונדן.

— ביסט נאָך אַלץ א גראָבעריונג!

קאָרטשאַגין האָט פאַרוואָרפן דעם רידל אפן אַקסל און איז אוועקגע־גאַנגען. אָפּגעגאַנגענע עטלעכע טריט, האָט ער געענטפערט:

— כאָווערטע טומאַנאָווע, מײַן גראָבקײט איז אסאַך א לײַכטערע פון אײַער, אזוי צו זאָגן, העפלעכקײט. וועגן מײַן לעבן איז ניטאָ וואָס צו באַ־זאָרגן זיך, דאָ איז אַלץ אין אָרדענונג. אָבער אָט בא אײַך האָט זיך דאָס לעבן אופגעלייגט אסאַך ערגער ווי איך האָב דערוואַרט. מיט א יאָר צוויי צוריק ביסטו געווען בעסער: האָסט זיך ניט געשעמט דערלאַנגען אן אַרבע־טער די האַנט. און איצט האָט פון דיר אָנגעהויבן טראָגן מיט נאַפטאַלין. און, כוועל דיר זאָגן אָפנהערציק, כ׳האָב מיט דיר ניט וואָס צו ריידן.

*

פּאַוועל האָט באַקומען א בריוו פון אַרטיאָמען. דער ברודער האָט גע־שריבן, אז אינגיכן האָט ער כאַסענע, און ער האָט געבעטן פּאַוולען, ער זאָל אומבאַדינגט קומען צו פאָרן.

דער ווינט האָט אַרויסגעריסן פון פּאַוועלס הענט דאָס ווײַסע בויגעלע פּאַפּיר, און דאָס האָט, ווי א טויב, א פלי געטאָן אינדערהויך. ער וועט ניט זײַן אפ דער כאַסענע. צי קען גאָר געמאָלט זײַן, ער זאָל אָפּפאָרן? שוין נעכטן האָט דער בער פאַנקראַטאָוו איבערגעיאָגט זײַן גרופּע און זיך א רוק געטאָן פאָרויס מיט אזעלכע טעמפּ, אז אַלע האָבן זיך פּאָשעט געוווּנדערט.

דער טרעגער האָט זיכ דורכגעבראָכנ פאָרויס, אָנ שום אָפּהאַלט, צו פאַרנעמענ דאָס ערשטע אָרט. ער האָט פאַרלאָרנ זײַנ געווײנלעכע רויִקײַט און האָט אונטער־געגעבנ כײשעק זײַנע „פאָרט-ארבעטער" צו דערלאַנגענ מעשוגענע טעמפּנ.

פּאַטאָשקינ האָט נאָכגעשפּירט נאָכ דער שטומער פאַרביסנקײַט פונ די בויער. ער האָט פאַרוווּנדערט געריבנ די שלײפנ, געפרעגט זיכ אַלײנ: „וואָס זײַנענ דאָס פאַרא מענטשנ? וואָס איז דאָס פאַרא אומפאַרשטענדלעכע קראַפט? איב דער וועטער וועט זיכ האַלטנ כאָטש נאָכ א טאָג אכט, וועלנ מיר ואָכ שוינ דערגײנ צום אָרט, ווו מע האקט דעם וואַלד. עס באַקומט זיכ: א גאנצ לעבנ געלערנט און שטאַרבנ וועסטו ערשט א נאַר. מיט זײער ארבעט מאַכנ די דאָזיקע מענטשנ צונישט אלע אויסרעכענונגענ און נאָרמעס".

קלאַוויטשעק איז געקומענ צו פאָרנ פונ שטאָט און געבראַכט זײַנ לעצטנ געבעק ברויט. נאָכ דעם, ווי ער האָט זיכ געזענ מיט טאָקארעוונ, האָט ער אפ דער ארבעט אופגעזוכט קאָרטשאגינענ. זײ האָבנ זיכ כאַווערישע באַגריסט. קלאַוויטשעק האָט שמײכלענדיק ארויסגענומענ פונ א זעקל אַנ אויסגעצײכנטע געלע פעלצענע שוועדישע קורטקע, און א פּאַטש געטאָנ מיט דער האַנט איבערנ עלאַסטישנ כראָם, האָט ער געזאָגט:

— דאָס איז פאַר דיר. ווײסט פונ וועמענ?.. כא! ביסט קענטיק א היפּ־שער נאַר, באָכער! דאָס האָט דיר געשיקט די כאַווערטע אוסטינאָוויטש, קעדײ דו, גוילעמ, זאָלסט ניט דערפראָרנ ווערנ. די קורטקע האָט איר דער כאַווער אָלשינסקי געגעבנ א מאַטאָנע, זי האָט פונ זײַנע הענט גענומענ און מיר זי איבערגעגעבנ—פאַר קאָרטשאגינענ. אקימ האָט איר געזאָגט, אז איכ פראָסט שטײסטו אפ דער ארבעט אינ אײנ רעקל. אָלשינסקי האָט אבּיסל פאַרקרימט די נאָז: „איכ,—זאָגט ער,—קענ דעם דאָזיקנ כאַווער שיקנ א שי־נעל". אָבער ריטע האָט געלאַכט: נישקאָשע, אינ דער קורטקע וועט אים זײַנ בעסער צו ארבעטנ! נעמ!

פּאַוועל האָט פאַרוווּנדערט גענומענ אינ האַנט דעם ווערטפולנ בעגעד און ניט־אנטשלאָסנ אָנגעטאָנ אימ אפנ דערפרוירענעמ קערפּער. דער װײכער פעלצ האָט גיכ דערוואַרעמט די פלײצע און די ברוסט.

*

ריטע האָט פאַרשריבנ:

20. דעקאַבער.

א צײַט פונ זאַווערוכעס. שנײ און ווינט. די באָיאַרקער זײַנענ שוינ געווענ קימאַט באַמ ציל, אָבער די פראָסט און זאַווערוכעס האָבנ פאַרהאַלטנ. מע ווערט דערטרונקענ אינ שנײ. גראָבנ די געפרוירענע ערד איז שווער. עס איז געבליבנ סאַכאַקל דרײַ פערטל קילאָמעטער, אָבער די סאַמע שווערע.

טאָקארעוו גיט צו וויסנ: אפ דער בויונג האָט זיכ באַוויזנ טיפוס, דרײַען זײַנענ קראַנק געוואָרנ.

22 דעקאבער.

אפנ פלענומ פונ גובקאָמיוג איז פונ באָיארקע קיינער ניט געקומענ. באנדיטנ האָבנ זיבעצנ קילאָמעטער פונ באָיארקע אראָפגעלאָזנ באַרג־ארונטער אנ עשעלאָנ מיט ברויט. לויטנ באפעל פונעמ באפולמעכטיקטנ פונ פאָלקאָמאט פאר דערנערונג, איז אריבערגעוואָרפנ געוואָרנ אהינ דער גאנצער בוי־אָטריאד.

23 דעקאבער.

אינ שטאָט האָט מענ געבראכט פונ באָיארקע נאָכ זיבנ טיפוס־קראנקע. צווישנ זיי — אָקוניעוו. געווענ אפנ וואָקזאל. פונ די בופערנ פונעמ צוג, וואָס איז געקומענ פונ כארקאָוו, האָט מענ אראָפגענומענ פארפרוירענע קערפערס. אינ די שפיטאָלנ איז קאלט. א פארשאָלטענע זאווערוכע! ווענ וועט זי זיכ שוינ ענדיקנ?

24 דעקאבער.

גאָרוואָס פונ זשוכרייַענ. ווייַזט זיכ ארויס, אז עס איז ריכטיק: אָרליק איז נעכטנ באנאכט מיט זייַנ גאנצער באנדע אָנגעפאלנ אפ באָיארקע. צוויי שאָ איז צווישנ דער באנדע אונ אונדזערע געגאנגענ א שלאכט. די באנדע האָט איבערגעריסנ די פארבינדונג, אונ בלויז הייַנט אינדערפרי האָט זיכ זשוכרייַענ אייַנגעגעבנ באקומענ גענויע ידיעס. טאָקארעוו איז פארוווּנדעט אינ ברוסט אפ דורכ אונ דורכ. מע וועט אימ הייַנט ברענגענ. טויט איז אונטערנ שווערד געפאלנ פראנצ קלאָוויטשעק, וואָס איז אינ יענער נאכט געווענ נאטשאלניק פונ דער וואכ. דאָס האָט ער באמערקט די באנדע אונ אופגעהויבנ אנ אליארמ, ער האָט צוריק געשאָסנ אפ די אָנפאלער, אָבער ער האָט ניט באוויזנ צו דערלויפנ ביז דער שול אונ איז אומגעקומענ פונ א שווערד. אינעמ בוי־אָטריאד זייַנענ עלפ פארוווּנדעט געוואָרנ, איצט איז דאָרטנ פאראנ א פאנצערצוג אונ צוויי עסקאדראָנענ קאוואלעריע.

נאטשאלניק פונ דער בווונג איז געוואָרנ פאנקראטאָוו. באטאָג האָט פוזירעווסקי אָנגעיאָגט א טייל פונ דער באנדע אינ כוטאָר גלובאָקי אונ צעשניטנ אלע ביז איינעמ. א טייל פונ די אומפארטייִשע קאדראָוויקעס זייַנענ, ניט ווארטנדיק אפ א צוג, אוועק צופוס איבער די שפאלנ.

25 דעקאבער.

מע האָט געבראכט צו פירנ טאָקארעווו אונ די אנדערע פארוווּנדעטע. מע האָט זיי אוועקגעלייגט אינ קלינישנ שפיטאָל. די דאָקטוירימ האָבנ צוגעזאָגט ראטעווענ דעמ אלטנ. ער איז אָנ באוווּסטזייַנ. דאָס לעבנ פונ די איבעריקע איז אויסער געפאר.

דער גובקאָמפארט אונ מיר האָבנ באקומענ פונ באָיארקע א טעלעגראמע: „מיר, די בויער פונ דער קאָלייקע, פארזאמלטע אפנ דאָזיקנ מיטינג, צוזאמענ מיט דער קאָמאנדע פונעמ פאנצערצוג „פאר דער מאכט פונ די סאָוועטנ" אונ מיט די רויטארמייער פונעמ קאָמפאָלק, פארזיכערנ אייַכ, אז, ניט געקוקט אפ אלע שטערונגענ, וועלנ מיר, אלס ענטפער אפ די באנדיטישע אָנפאלנ, צומ ערשטנ יאנוואר געבנ דער שטאָט האָלצ. מיט דער אָנשטרענגונג פונ אלע קויכעס טרעטנ מיר צו צו דער ארבעט. זאָל לעבנ די קאָמוניסטישע פארטיי, וואָס האָט אונדז אהער געשיקט! פאָרזיצער פונ מיטינג קאָרטשאגינ. סעקרעטאר בערזינ".

אפ סאָלאָמענקע האָט מענ מיט מיליטערישער ערע געבראכט צו קווורע קלאָוויטשעקנ".

*

דאָס געגאַרטע האָלצ איז שוינ נאָענט, נאָר צו אים האָט מענ זיכ גע־רוקט פאָרויס שרעקלעכ לאַנגזאַם: יעדנ טאָג האָט דער טיפּוס ארויסגעריסנ צענדליקער נויטיקע הענט.

ווי א שיקערער, קוים האַלטנדיק זיכ אַפ די פיס, האָט זיכ קאָרטשאַגינ אומגע־קערט צו דער סטאַנציע. ער איז שוינ לאַנג אומגעגאַנגענ מיט א געהעכערטער טעמפּעראַטור, אָבער הײַנט האָט ער דערפילט די היצ שטאַרקער ווי געוויינלעכ.

דער בויכ־טיפּוס, וואָס האָט אַלצ מער אָפּגענומענ די קויכעס באַמ אָט־ריאַד, האָט זיכ דערקליבנ אויכ צו פּאַוולען. נאָר זײַנ שטאַרקער קערפּער האָט זיכ אַנטקעגנגעשטעלט, אונ אינ מעשעכ פונ פינפ טעג האָט ער געפונענ קויכעס זיכ אופצוהייבנ פונ דעמ בעטאָנענעמ דיל אונ גיינ צוזאַמענ מיט אַלעמענ אַפ דער אַרבעט. עס האָבנ אימ ניט געראַטעוועט ניט די וואַרעמע קורטקע אונ ניט די וואָליקעס, וואָס פיאָדאָר האָט צוגעשיקט אונ וועלכע ער האָט אָנגעטאָנ אַפ די שוינ אָפּגעפּרווירענע פיס.

באַ יעדער טראָט האָט עפּעס ווייטעקדיק געשטאָכנ אינ ברוסט, פיבער־דיק האָבנ געקלאַפּט די ציינ. ס'איז אימ געווענ פינצטער אינ די אויגנ, אונ די ביימער האָבנ זיכ, דאַכט זיכ, געדרייט אינ א מאָדנעמ קאַראַהאָד.

ער האָט זיכ קוימ דערקליבנ צו דער סטאַנציע. ער איז פאַרכידעשט גע־וואָרנ פונ א ניט־געוויינלעכנ גערויש. ער האָט זיכ צוגעקוקט: א לאַנגער עשע־לאָנ האָט זיכ אויסגעצויגנ איבער דער גאַנצער סטאַנציע. אַפ פּלאַטפאָרמעס זײַנענ געשטאַנענ לאָקאָמאָטיוועלעכ, עס זײַנענ געלעגנ רעלסנ, שפּאַלנ,—באַמ אויסלאָדנ זיי האָבנ געאַרבעט מענטשנ, וואָס זײַנענ געקומענ מיטנ צוג. ער האָט געמאַכט נאָכ עטלעכע טריט אונ פאַרלאָרנ דאָס גלײַכגעוויכט. ער האָט קוימ געפילט דעמ קלאַפּ מיטנ קאָפּ אָנ דער ערד. דער שניי האָט א ברענ געטאָנ מיט אנ אָנגענעמער קעלט די הייסע באַק.

אַפ אימ האָט מענ זיכ אָנגעשטויסנ אינ עטלעכע שאָ אַרומ. מע האָט אימ געבראַכט צו טראָגנ אינ באַראַק. קאָרטשאַגינ האָט שווער געאָטעמט אונ האָט ניט דערקענט די אַרומיקע. דער פעלדשער, וואָס מע האָט אימ אַרויסגערופנ פונ פּאַנצערצוג, האָט געמאָלדנ: „א קרופּאָזע לונגענ־אָנצינדונג אונ בויכ־טיפּוס. טעמפּעראַטור 41,5. וועגנ די אָנטצונדענע געלענקענ אונ דעמ געשווילעכצ אַפנ האַלדז איז איבעריק צו ריידנ,—דאָס איז א קלייני־קײַט. די ערשטע צוויי זײַנענ גאַנצ גענוג, קעדיי אָפּצושיקנ אימ אַפ יענער וועלט".

פּאַנקראַטאָוו אונ דער געקומענער דובאַווע האָבנ געטאָנ אַלצ, וואָס עס איז געווענ מעגלעכ, קעדיי צו ראַטעווענ פּאַוולען.

קאָרטשאַגינס לאַנדסמאַנ—אַליאָשע קאָכאַנסקינ—האָט מענ איבערגעגעבנ אָפּצופירנ דעמ קראַנקנ אינ זײַנ געבורט־שטאָט.

בלויז מיט דער הילפ פונ דער גאַנצער קאָרטשאַגינישער גרופּע אונ, דעריקער, אונטער כאַליאַוועס דראָונגענ, האָט זיכ פּאַנקראַטאָוו אונ דובאַ־

וען אײַנגעגעבן אַרײַנזעצן אַליִאָשען און קאַרטשאַגינען, װעלכער איז גע־
װען אָן באַװוּסטזײַן, אין א פול געפּאַקטן װאַגאָן.

מע האָט זײ ניט אַרײַנגעלאָזן, אױס מורא אָנצושטעקן זיך מיט פלעק־
טיפוס, מע האָט זיך אָנטקעגנגעשטעלט, מע האָט געדראָט אַרױסצוּװאַרפן דעם
טיפוס־קראַנקן אינמיטן װעג.

כאָליאַװע האָט, פאָכענדיק מיטן נאַהאַן אונטער די נעזער פון די, װאָס
האָבן געשטערט אַרײַנזעצן דעם קראַנקן אין װאַגאָן, געשריִען:

— עס איז ניט קײן אָנשטעקנדיקע קראַנקײַט! ער װעט פאָרן, עס מעג
אַפילו אונדז אױסקומען צוליב דעם אײַך אַלעמען אַרױסשלײַדערן! געדענקט,
איר אַזױנע און אַזױנע, װאָס איר ציטערט נאָר פאַר אײַער פעל, טאָמער
װעט װער־ניט־איז פּרוּװן אים אַפילו מיט א פינגער אָנרירן,—װעל איך געבן
צו װיסן אױף דער ליניע: מיר װעלן אַלעמען אַראָפּנעמען פון צוג און אַרעס־
טירן. אָט האָסטו דיר, אַליִאָשע, פּאַװקעס מאַוזער, האַק אין פּאַנעם אַרײַן
יעדן אײנעם, װאָס װעט װאַגן אַראָפּצונעמען אים,—האָט כאָליאַװע צוגע־
געבן, קעדײַ אָנצושרעקן דעם עולם.

דער צוג האָט זיך גערירט פון אָרט. אױפן פּוסט געװאָרענעם פּעראָן איז
פּאַנקראַטאָװ צוגעגאַנגען צו דובאַװען.

— װי רעכנסטו, ער װעט געזונט װערן?
און ניט באַקומען קײן ענטפער.

— קום, מיטיאַי, װי עס װעט שױן זײַן, זאָל זײַן. מיר זײַנען איצט
פאַראַנטװאָרטלעך פאַר אַלץ. די לאָקאָמאָטיװן װעט אױסקומען באַנאַכט אױס־
לאָדן. און אינדערפרי װעלן מיר זײ א פּרוּװ טאָן אונטערהײצן.

כאָליאַװע האָט געקלונגען איבער דער גאַנצער ליניע אַלע זײַנע כאַװײ־
רים־טשעקיסטן. ער האָט זײ שטאַרק געבעטן ניט דערלאָזן, אַז די פּאַסאַזשירן
זאָלן אַרױסזעצן דעם קראַנקן קאַרטשאַגינען, און בלױז באַקומענדיק א
פעסטן צוזאָג „מירן ניט דערלאָזן”, איז ער אַװעק שלאָפן.

*

אױף דער קנופּ־סטאַנציע פון אײַזנבאַן האָט מען פון פּאַסאַזשיר־צוג
אַרױסגעשלעפּט אױפן פּעראָן דעם טױטן קערפּער פון אַן אומבאַקאַנטן בלאָנדן
יונגן יאַט, װאָס איז געשטאָרבן אין אײנעם פון די װאַגאָנעס. װער ער איז
און פון װאָס ער איז געשטאָרבן—האָט קײנער ניט געװוּסט. די סטאַנציע־
טשעקיסטן, װאָס האָבן פאַרגעדענקט כאָליאַװעס ביטע, זײַנען אַװעקגעלאָפן
צום װאַגאָן, קעדײַ ניט דערלאָזן אַרױסזעצן אים,—אָבער װען זײ האָבן זיך
איבערצײַגט, אַז דער יאַט איז טױט, האָבן זײ פאַראָרדנט צונעמען דעם
טױטן קערפּער אין מאָרג פונעם עװאַקאָ־אופנעמער.

כאָליאַװען האָט מען באַלד אָנגעקלונגען קײן באָיאַרקע און געגעבן צו

וויסנ וועגנ דעמ טויט פונ יענעמ, פאר וועמעס לעבנ ער האָט זיכ אזוי באומרויִקט.

א קורצע טעלעגראמע פונ באָיארקע האָט מוידיִע געווענ דעמ גובקאָמ וועגנ קאָרטשאגינס טויט.

אליאָשע קאָכאנסקי האָט צוגעשטעלט דעמ קראנקנ קאָרטשאגינענ אהיימ אונ אליינ האָט ער זיכ אוועקגעלייגט אינ א הייסנ טיפוס.

*

9 יאנוואר.

פארוואָס איז אזוי שווער? פארנ זעצנ זיכ צומ טיש האָב איכ געוויינט. ווער האָט עס געקענט טראכטנ, אז אויכ ריטע קענ וויינענ. אונ נאָכ אזוי ווייטעקדיק? צי דענ זײַנענ טרערנ שטענדיק א סימענ פונ שוואכנ ווילנ? הײַנט איז זייער סיבע — א פײַנלעכער אומגליק. פארוואָס-זשע איז ער געקומענ? פארוואָס איז דער אומגליק געקומענ הײַנט, אינעמ טאָג פונ גרויסנ זיג, ווענ די איימע פונ קעלט איז באזיגט, ווענ די אײַזנבאנ־סטאנציעס זײַנענ אָנגעלאָדנ מיט ווערטפולנ ברענ־מאטעריאל, ווענ איכ בינ נאָרוואָס געווענ אפנ טריומפ פונעמ זיג, אפנ פארברייטערטנ פלענומ פונ שטאָטסאָוועט, ווו מענ האָט באערט די העלדנ — די בויער? דאָס איז א זיג. אָבער פאר אימ האָבנ צוויי ענ אָפּגעגעבנ דאָס לעבנ: קלאָוויטשעק אונ קאָרטשאגינ.

פאוועלס טויט האָט מיר אופגעדעקט דעמ עמעס: ער איז מיר אסאכ טײַערער ווי איכ האָב געטראכט.

באַ דעמ רײַס איכ איבער די נאָטיצנ. איכ ווייס ניט, צי וועל איכ זיכ נאָכ אומקערנ צו זיי פונדאָסנײַ. מאָרגנ שרײַב איכ אינ כארקאָוו, אז איכ בינ אײַנשטימיק צו ארבעטנ אינ צעקא פונ קאָמיוג פונ אוקראיִנע.

דריטער קאַפּיטל

די יונגע יאָרן האָבן געזיגט. דער טיפוס האָט קאָרטשאַגינען ניט אומגעבראַכט. פּאַוועל איז צום פערטן מאָל אַריבער די גרענעצ פון טויט און זיך אומגעקערט צום לעבן. ערשט אין א כוידעש אַרום האָט ער זיך, א דאַרער און בלייכער, אופגעהויבן אַף די וואַקלדיקע פיס און, קלאַמערנדיק זיך אָן די ווענט, געפּרווּוט דורכגיין איבערן צימער. אונטערגעהאַלטן פון דער מוטער, איז ער צוגעגאַנגען צום פענצטער און לאַנג געקוקט אַפן שליאַך. עס האָבן געגלאַנצט בלאָטקעלעך צווישן שניי, וואָס האָט זיך געשמאָלצן. אינדרויסן איז געשטאַנען דער ערשטער ערעוו-פרילינגדיקער וואַרעמער וועטער.

דערנעבן באַם פענצטער, אַפ א צווייַג פון א קאַרשנבוים, האָט זיך געבלאָזן א גרויבייַכיקער שפּערל און געוואָרפן אומרויִקע בליקן מיט זייַנע גנייווישע אויגן אַפ פּאַוולען.

— וואָס, מיר האָבן מיט דיר איבערגעלעבט דעם ווינטער? — האָט שטיל אַרויסגערעדט פּאַוועל, א קלאַפּ טוענדיק מיטן פינגער אין פענצטער.

די מוטער האָט דערשראָקן א קוק געטאָן אַפ אים.

— מיט וועמען רעדסטו דאָרטן?

— דאָס רייד איך צום שפּערל... ער איז אַנטלאָפן, דער כעוורעמאַן, — און ער האָט שוואַך א שמייכל געטאָן.

דער פרילינג איז געווען אין פולן ברען. קאָרטשאַגין האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אומקערן זיך אין שטאָט. ער האָט זיך גענוג פאַריכט אַפ קענען גיין, אָבער אין זייַן אָרגאַניזם איז ניט אַלץ געווען אין אָרדענונג. איין מאָל, שפּאַצירנדיק אין סאָד, איז ער פּלוצעם געפאַלן אַפ דער ערד פון שאַרפן ווייטעק אין רוקנביין. מיט גרויס מי האָט ער זיך דערשלעפּט אין צימער אַרייַן. אַפן צווייטן טאָג האָט אים אופמערקזאַם באַטראַכט א דאָקטער. אָנטאַפּנדיק אין רוקנביין א טיפ גריבל, האָט ער פאַרוווּנדערט א בורטשע געטאָן:

— פונוואַנען איז עס בא אייַך?

— דאָס איז, דאָקטער, א סימען פון א שטיין פון ברוק. כ'האָב עס באַקומען אונטער ראָוונע, א דרייַצאָליקער האָט הינטער מיר אַפן שאָסיי א זעץ געטאָן...

— ווי־זשע זײַט איר ארומגעגאנגען? אײַך האָט עס ניט געארט?

— ניין. דעמלט בין איך אָפּגעלעגן א פּאָר שאָ — און אפּן פערד. איצט האָט עס צום ערשטן מאָל זיך געלאָזט פילן.

דער דאָקטער האָט אן אָנגעכמורעטער באטראכט דאָס גריבל.

— יע, מײַן טײַערער, זייער אן אומאָנגענעמע מײַסע. דער רוקנביין האָט ניט ליב אזעלכע דערשיטערונגען. לאָמיר האָפן, אז אפּ ווײַטער וועט עס זיך ניט לאָזן פילן. טוט זיך אָן, כאָוער קאָרטשאגין.

און ער האָט מיט מיטגעפיל און מיט א פארדראָס, וואָס ער האָט אים שלעכט אויסבאהאלטן, געקוקט אפּ זײַן פּאציענט.

*

ארטיאָם האָט געלעבט אין דער געזינד פון זײַן פרוי, דאָס צאָרעדיקע וויבל סטעשע. די געזינד איז געווען אן אָרעמפּויערישע. פּאוועל איז איין־מאָל ארײַן צו ארטיאָמען. אפן קליינעם שמוציקן הויפל איז אומגעלאָפן א פארשמירט קאסאָקע ייִנגל. דערזען פּאוולען, האָט ער אָן קיינע מאכזאָקעס אײַנגעזויגן זיך אין אים מיט די אויגלעך, האָט אקשאָנעסדיק געפּאָרקעט מיטן פינגער אין נאָז און געפרעגט:

— וואָס דארפסטו דאָ? ביסט עפּשער געקומען גאנווענען? גיי בעסער אוועק, וואָרעם אונדזער מאמע איז זייער א בייזע!

אין דעם אלטן נידעריקן הײַזל האָט זיך געעפנט א קליין פענצטער, און ארטיאָם האָט א רופ געטאָן:

— קום ארײַן, פּאוולושע!

באם אויוון האָט זיך געפּאָרעט מיט א ווילקע אן אלטע פרוי מיט א פּאָנעם א געלן ווי פּארמעט. זי האָט אפּ א רעגע אָנגערירט פּאוולען מיט א כמורנעם בליק, האָט דורכגעלאָזן דעם גאסט און געמאכט א געפּילדער ארום די טשוהונעס.

צוויי־קליינע מיידעלעך מיט קורצינקע צעפּעלעך זײַנען פלינק ארופגע־קראָכן אפן אויוון און מיט דער נײַגעריקײַט פון ווילדע ארויסגעקוקט פון דאָרטן.

באם טיש איז געזעסן ארטיאָם, אביסל ניט בא זיך. דער שידעך זײַנער איז ניט געפעלן געווען ניט דער מאמען, ניט דעם ברודער. פון דווירעס אָן א פּראָלעטאריער, האָט ארטיאָם עפּעס אָן קיין שום סיבע איבערגעריסן זײַן דרײַיאָריקע פרײַנטשאפט מיט דער שײַנער האליען, א שטיינהעקערס א טאָכטער, — א שנײַדערקע, און איז אוועק „פּאר א פרימאק" צו דער גרויינקער סטעשען אין שטוב ארײַן — אין א געזינד פון פינפ מײַלער, וואָס האָט ניט געהאט אפילע קיין איין שפּײַזער. דאָ האָט ער נאָך דער ארבעט אין דעפּאָ זײַן גאנצן קויעך ארײַנגעלייגט אינעם אקער און אופגעשטעלט די פּאראָרעמטע ווירטשאפט.

*

ארטיאָם האָט געוווּסט, אַז פּאַוועל איז געווען געשטימט קעגן דעם, וואָס „ער איז אַוועק צו דער קליינבירגערלעכער סטיכיִע", ווי פּאַוועל האָט זיך אויסגעדריקט, און איצט האָט ער נאָכגעשפּירט, ווי דער ברודער נעמט אויף דאָס אַלץ, וואָס רינגלט אים דאָ אַרום.

זיי זײַנען געזעסן, איבערגעוואָרפן זיך מיט אומבאַדײַטנדיקע פראַזן, וואָס ווערן געוויינלעך באַנוצט בײַם אַ באַגעגעניש. פּאַוועל האָט זיך שוין גענומען קלײַבן אַוועקגיין. ארטיאָם האָט אים פאַרהאַלטן:

— וואַרט צו, וועסט אָפּעסן מיט אונדז. באַלד וועט סטעשע ברענגען מילך. הייסט עס, אַז מאָרגן פאָרסטו? ביסט נאָך אָבער ניט בײַ די קויכעס, פּאַווקע.

אין צימער איז אַרײַן סטעשע. זי האָט זיך באַגריסט און האָט אַ רוף געטאָן אַרטיאָמען אין שטײַער אַרײַן, ער זאָל העלפן עפּעס אַריבערטראָגן. פּאַוועל איז געבליבן אַליין מיט דער אַלטער, וואָס איז געווען קאַרג אויפן וואָרט. אין פענצטער האָט זיך דערטראָגן דאָס קלינגען פון קלויסטער. די אַלטע האָט אַוועקגעשטעלט די ווילקע און אומצופרידן געמורמלט:

— הייליקער יעזוס, צוליב דער קלאָגעדיקער אַרבעט בלײַבט אַפילו קיין צײַט ניט טפילה צו טאָן! — זי האָט אַראָפּגענומען פון האַלדז דאָס טיכל, כאַפּנדיק קרום אַ קוק אויפן גאַסט, צוגעגאַנגען צום ווינקל, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט מיט אומעטיקע געצן, פאַרטונקלטע פונעם לאַנגן שטיין דאָ. זי האָט צונויפגעלייגט אינאיינעם אירע דרײַ ביינערדיקע פינגער און זיך אָנגעהויבן צײלעמען:

— הייליקער פאָטער אונדזערער, דו, דער, וואָס זיצט אין הימל, געלויבט און באַוויליקט זאָל זײַן דײַן נאָמען, — האָט זי שטיל געמורמלט מיט אירע אויסגעטריקנטע ליפּן.

אויפן הויף האָט דאָס יאַטל מיט איין שפּרונג זיך אַרופגעכאַפּט רײַטנדיק אויף אַ שוואַרצן כאַזער מיט אַראָפּהענגענדיקע אויערן. ער האָט אים שטאַרק געזעצט אין בויך מיט די באָרוועסע פיס, אײַנגעקלאַמערט זיך מיט די הענטלעך אין די האָר און געשריִען אויף אים, אויף דעם כאַזער, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין דרייען און כריוקען:

— נאָ־אָ־אָ, געגאַנגען. אַוועקגעפאָרן! טפּררר, וואָס איז דאָס? נו!

דער כאַזער האָט זיך געיאָגט איבערן הויף מיטן יינגל, געפּרוּווט אים אַראָפּוואַרפן, אָבער דער קאַסאָקער כעוורעמאַנ האָט זיך געהאַלטן פעסט.

די אַלטע האָט איבערגעריסן די טפילה און זיך אַרויסגערוקט אין פענצטער.

— איך וועל דיר אַ פּאָר טאָן, אַ קאַדאָכעס אין דעם טאַטן דײַנעם! קריך אַראָפּ פון כאַזער, אַ כאָלערע דיר אין זײַט, פייגערן זאָל דאָס, סאַראַ קינד דאָס איז!

דעם כאזער האָט זיך סאָפּקאָלטאָפּ איַינגעגעבן אראָפּוואַרפן דעם רייַטער, און, באַפרידיקט, האָט זיך די אַלטע ווידער א קער געטאָן צו די געצן. מאַכנדיק א פרום פּאָנעם, האָט זי פאַרגעזעצט:

— און אָנקומענ זאָל דייַן קעניגרייַך...

אין טיר האָט זיך באַוויזן דאָס פאַרוויינטע יינגל. ער האָט אָפּגעווישט מיטן אַרבל די צעקלאַפּטע נאָז, געכליפּעט פון ווייטעק און געקלאָגט:

— מאַמע־ע־ע, גיב א קרעפּכ!

די אַלטע האָט זיך בייז א קער געטאָן.

— לאָזט ניט אָפּדאַוונען, שוואַרציאַר קאַסאַקער. איך וועל דיך, קעלעוו איינער, באַלד אָנקאַרמענען!..— און זי האָט א כאַפּ געטאָן פון בענקל די בייַטש. דאָס יינגל איז אין איין רעגע פאַרשוווּנדן. הינטערן אויוון האָבן די מיידלעך שטיל אויסגעשאָסן מיט א געלעכטער.

די אַלטע האָט זיך צום דריטן מאָל גענומען פאַר דער טפילע.

פּאַוועל איז אויפגעשטאַנען און אַרויסגעגאַנגען, ניט דערוואַרטנדיק זיך אויפן ברודער. בייס ער האָט פאַרמאַכט דאָס פּערטל, האָט ער באַמערקט אינעם לעצטן פענצטערל דער אַלטערס קאָפּ. זי האָט נאָך אים נאָכגעשפּירט.

„וואָס פאַר א שוואַרציאַר האָט עס אַרטיאָמען פאַרשלעפּט אהער? אייביק וועט ער שוין פון דאַנען ניט אַרויסקריכן. סטעשע וועט האָבן יעדן יאָר א קינד. ער וועט זיך פאַרגראָבן, ווי א וואָרעם אין כריין. ער קען נאָך אמאָל די דעפּאָ אויך לאָזן,—האָט פּאַוועל געטראַכט מיט פאַרדראָס, גייענדיק איבער דער פּוסטער גאַס פון שטעטל.—און איך האָב גאָר געטראַכט אַרייַנציִען אים אין פּאָליטישן לעבן".

ער האָט זיך געפרייט, וואָס מאָרגן וועט ער אַוועקפאָרן פון דאַנען אין דער גרויסער שטאָט, ווו עס זייַנען געווען זייַנע פריַינט און די מענטשן, וואָס זייַנען אים הארציק־ליב. די גרויסע שטאָט האָט געצויגן מיט איר מעכטיקייַט, לעבעדיקייַט, מיטן טומל פון אומופהערלעכע מענטשישע שטראָמען, מיטן ליאַרעם פון טראַמווייַען און מיטן ריטשען פון אויטאָמאָביל־סירע־נעס. און דעריקער, עס האָט געצויגן אין די גרויסע שטיינערנע קאָרפּוסן, אין די פאַרויכערטע צעכן, צו די מאַשינעס, צו דעם שטילן שאָרך פון די טראַנסמיסיעס. עס האָט געצויגן אהין, ווו עס האָבן זיך אין האַסטיקן גע־לויף געדרייט ריזיקע באַוועג־רעדער און עס האָט געשמעקט מיט מאַשינ־אייל, צו דאָס, מיט וואָס ער איז געווען לייַבלעך פאַרבונדן. דאָ אָבער, אינעם שטילן שטעטל, וואַנדערנדיק איבער די גאַסן, האָט פּאַוועל געפילט עפּעס א געדריקטקייַט. עס האָט אים ניט געוווּנדערט, וואָס דאָס שטעטל איז אים געוואָרן פרעמד און לאַנגווייַליק. עס איז אפילע ניט־אָנגענעם געווען אַרויסגיין באַטאָג שפּאַצירן. דורכגייענדיק פאַרבייַ די פלאַפּלענדיקע ווייַבער, וואָס זייַנען געזעסן אויף די גאַנקעס, האָט פּאַוועל געהערט זייער אייַליקן שמועס:

— זעט, ווייַבער, פונוואַנען נעמט זיך דער דאָזיקער שמענדריק?

— ווײַזט אויס, אַ בערקוליאָזער, ער האָט די טשיכאָטקע.

— אָבער אַ טוזשורקע טראָגט ער אַ רײַכע, ניט אַנדערש — אַ געגאַנ־וועטע...

און נאָך אַסאַך רייד, פון וואָס עס איז אים געוואָרן דערווידער.

ער האָט זיך שוין לאַנג אָפּגעריסן פונדאַנען מיטן וואָרצל. נעענטער און לײַבלעכער איז אים געוואָרן די גרויסע שטאָט, די שטאַרקע און לעבנסלוס־טיקע כעוורע, די אַרבעט.

קאָרטשאַגינ איז אומבאַמערקט דערגאַנגען צו דעם סאָסנע־וואַלד און געבליבן שטיין אַפּ דעם שייד־וועג. רעכטס — אַ בייזע אַלטע טורמע, אָפּגע־צאַמט פונעם וואַלד מיט אַ הויכן, פאַרשפּיצטן פּאַרקאַן, הינטער איר — די ווײַסע קאָרפּוסן פונעם שפּיטאָל.

אָט דאָ, אַפּ דעם דאָזיקן ראַכוועסדיקן פּלאַץ, האָבן זיך געוואָרגן אין די טליִעס וואַל־יע און אירע כאַווײרים.

שווײַגנדיק איז ער געשטאַנען אַפּ יענעם אָרט, ווו עס איז געשטאַנען די טליִע, נאָכדעם איז ער אַוועק צום אָפּריס, אַראָפּגעלאָזן זיך אונטן און איז אַרויס אַפּן אָרט פונעם ברודער־קייווער.

עמעצנס זאָרגעוודיקע הענט האָבן באַצירט די קוואָרים מיט קרענצ פון נאָדל־ביימער, אַרומגעצאַמט דעם קלײַנינקען בעסוילעם מיט אַ גרינעם צאַם. איבערן אָפּריס זײַנען געשטאַנען הויכע, שלאַנקע סאָסנעס. די שיפּוים פון רוי האָט באַדעקט דאָס גרינע זײַד פונעם יונגן גראָז.

דאָ איז עק שטעטל. שטיל און טרויעריק. לײַכטער וואַלדיקער רויש און פרילינגדיקע פּוילונג פון ווידערגעבוירענער ערד. דאָ זײַנען מוטיק גע־שטאָרבן ברידער, קעדיי דאָס לעבן זאָל ווערן גוט פאַר די, וואָס זײַנען געבוירן געוואָרן אין אָרעמקײַט, פאַר די, פאַר וועמען דאָס געבוירן ווערן גופע איז געווען אַן אָנהייב פון שקלאַפערײַ.

פּאַוועלס האַנט האָט לאַנגזאַם אַראָפּגענומען פון קאָפּ דאָס היטל, און אַ טרויער, אַ גרויסער טרויער האָט אָנגעפילט דאָס האַרצ.

דאָס סאַמע טײַערע פאַרן מענטשן — דאָס איז דאָס לעבן. דאָס ווערט אים געגעבן איין מאָל, און דורכלעבן עס דאַרפ מען אַזוי, אַז עס זאָל ניט זײַן פּײַנלעך־ווייטעקדיק פאַר די דורכגעלעבטע יאָרן אָן אַ ציל, אַז עס זאָל ניט אויסקומען פלאַמען פון שאַנדע פאַר דער נידערטרעכטיקער און קליינלעכער פאַרגאַנגענהײַט און אַז, שטאַרבנדיק, זאָל מען קענען זאָגן: דאָס גאַנצע לעבן און אַלע קויכעס זײַנען אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר דאָס סאַמע דערהויבענע אין דער וועלט — דעם קאַמפּ פאַר דער באַפרײַונג פון דער מענטשהײַט. און מע דאַרפ זיך אײַלן לעבן. אַן אומגעלומפּערטע קראַנקײַט אָדער אַ וועלכע־ניט־איז טראַגישע צופעליקײַט קענען דאָך איבעררײַסן דאָס לעבן.

פאַרכאַפּט פון די דאָזיקע געדאַנקען, איז קאָרטשאַגינ אַוועק פונעם ברו־דער־קייווער.

*

אינדערהיים האָט די פאַרטרויערטע מאַמע צוגעגרייט דעם זון צום וועג. פּאַוועל האָט זיך צו איר צוגעקוקט און געזען: זי באַהאַלט אויס פון אים די טרערן.

— עפּשער וועסטו פאַרבלײַבן, פּאַוולושע? ביטער איז מיר אַף דער על־טער צו לעבן אַליין. אַזויפיל קינדער, און קוים אונטערגעוואַקסן—צעלויפט מען זיך. וואָס ציט דיך אין שטאָט אַרײַן? דאָ קען מען דאָך אויך לעבן. אָדער עפּשער האָסטו זיך אויך אויסגעקליבן אַ געשווירן פייגעלע? מיר, דער אַלטער, דערציילסט דאָך קיינער גאָרנישט. אַרטיאָם האָט כאַסענע געהאַט און האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט, און דו וועסט דאָך זיכער ניט זאָגן. זען זע איך אײַך נאָר, ווען איר קאַליעטשעט זיך,—האָט שטיל גערעדט די מאַמע, אַרײַנלייגנדיק אין אַ ריינע זעקעלע דאָס אָרעמע אייגנס דעם זונס.

פּאַוועל האָט זי אָנגענומען פאַר די אַקסלען, צוגעצויגן צו זיך.

— איך האָב ניט, מאַמעשי, קיין פייגעלע! און צי ווייסטו, אַלטיטשקע, אַז פויגלען זוכן זיך אויס אַ פּאָר נאָך זייער מין נאָך? וואָס־זשע בין איך, לויט דײַן מיינונג, אַ פויגל—אַ ווײַנט?

ער האָט געצוווּנגען די מוטער אַ שמייכל טאָן.

— איך האָב זיך, מאַמעניו, געגעבן אַ וואָרט ניט נאָכגיין נאָך מיידלעך, ביזוואַנען מיר וועלן אין דער גאַנצער וועלט ניט מאַכן אַ סאָף מיט די בורזשויען. וואָס, עס איז היפּש צו וואַרטן, זאָגסטו? ניין, מאַמעניו, לאַנג וועט דער בורזשוי זיך מער ניט האַלטן... איין רעפּובליק וועט ווערן פאַר אַלע מענטשן, און אײַך, אַלטע לײַט, וואָס זײַנען אַרבעטנדיקע, וועט מען שיקן קיין איטאַליע, אַ לאַנד אַזאַ אַ וואַרעמס פאַראַן, וואָס באַם ברעג יאַם. קיין ווינטער איז דאָרטן, מאַמעניו, קיינמאָל ניטאָ. מיר וועלן אײַך באַזעצן אין די בורזשויִשע פּאַלאַצן, איר וועט אײַערע אַלטע ביינער וואַרעמען אַף דער זון, און מיר וועלן אַוועקפאָרן אַ סאָף מאַכן צו די בורזשויען אין אַמע־ריקע.

— ניט דערצײַען וועל איך, זונעלע, צום דאָזיקן גאַניידן... אַזאַ טענ־צער איז אויך דײַן זיידע געווען, ער איז געשוווּמען אַפן יאַם, אַן עמעסער גאַזלען, זאָל גאָט ניט שטראָפן! זיך אָנגעהאַרגעט אין דער סעוואַסטאָפּאָלער מילכאָמע אַזוי, אַז ער איז אָן אַ פוס און אָן אַ האַנט אַהיים געקומען. אַפן ברוסט האָט מען אים אופגעהאַנגען צוויי ציילעמס און צוויי צאַרישע האַלבע רובלס אַף סטענגעלעך, און געשטאָרבן איז דער אַלטער אין דאַכקעס און אין נויט. ער איז געווען אַ היציקער, האָט ער דערלאַנגט עפּעס אַ נאַטשאַל־סטווע מיט אַ קוליע איבערן קאָפּ. אין טורמע איז ער אָפּגעזעסן קימאַט אַ יאָר. מע האָט אים פאַרשטעקט אַהין, און די ציילעמס האָבן אויך ניט גע־האָלפן. כ'גיב אַ קוק אַף דיר, ניט אַנדערש—אינעם זיידן געראָטן.

— צו וואָס, מאַמעניו, מאַכן מיר די געזעגעניש אַזוי אומעטיק? גיב אָקאָרשט אַהער די האַרמאָשקע. שוין לאַנג אין די הענט זי ניט געהאַלטן.

ער האָט איבערגעבויגן דעם קאָפּ איבער די פּערלמוטערנע רייען פון די קלאַווישן. געוווּנדערט האָט זיך די מוטער אויף די נייַע טענער פון זייַן מוזיק.

ער האָט געשפּילט ניט אַזוי ווי אַמאָל. ניטאָ שוין די זאָרגלאָזע ווייל־יונגערישקייַט, די העפקערדיקע אויסגעשרייען און בראַוואָ־קוויטשערייַ, יענע שיקערע יאַטישקייַט, וואָס האָט דעם יונגן האַרמאָניסט פאַרוקען געמאַכט אַ שעם איבערן גאַנצן שטעטל. די מוזיק האָט געקלונגען מעלאָדיש; ניט פאַרלירנדיק איר קראַפט, איז זי געוואָרן עפּעס אַ מער טיפערע.

*

אויפן וואָקזאַל איז ער געקומען אַליין.

ער האָט איינגערעדט די מאַמע, זי זאָל בלייַבן אין שטוב, ער האָט ניט געוואָלט זען אירע טרערן באַם געזעגענען זיך.

אין צוג האָבן זיך אַלע אַרייַנגעשטופּט מיטאַמאָל. פּאַווועל האָט פאַרנומען אַ פּרייַע באַנק אין סאַמע אינדערהויך און פון דאָרטן באַטראַכט די שרייַענדיקע און אויפגערעגטע מענטשן אין די דורכגאַנגען.

מע האָט נאָך אַלץ ווי אַמאָל געשלעפּט זעק און געשטופּט זיי אונטער די בענק.

ווען דער צוג האָט זיך גערירט, האָט מען זיך באַרויִקט, און ווי שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן, זשעדנע גענומען זיך צום עסן.

פּאַווועל איז באַלד אַנשלאָפן געוואָרן.

* *

דאָס ערשטע הויז, וואָס ער האָט געוואָלט באַהויכן, איז געווען אין צענטער שטאָט, אויף קרעשטשאַטיק. ער האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן אויף די טרעפּ. אַלץ אַרום איז אים געווען באַקאַנט, קיין זאַך האָט זיך ניט געענדערט. ער איז געגאַנגען איבערן בריק. די האַנט האָט זיך געגליטשט איבער די גלאַטע פּאַרענטשעס. ער איז צוגעקומען צום אַראָפּגאַנג און האָט זיך אָפּגעשטעלט — אויפן בריק קיין איין לעבעדיקער נעפעש. אין דער אומענדלעכער הייך האָט די נאַכט צעעפנט פאַר די פאַרקישעפטע אויגן אַ גרויסאַרטיק בילד. מיט שוואַרצן סאַמעט האָט די פינצטערניש פאַרצויגן דעם האָריזאָנט. ס'האָבן שעמערירט מיט פאָספאָרישן ליכט און געצונדן זיך מאַכנעס שטערן. און נידעריקער, דאָרטן, ווו עס האָט זיך באַם אומענדלעכן ראַנד צונויפגעגאָסן די ערד מיטן האָריזאָנט, האָט די שטאָט צעזאָטן אין דער פינצטערניש מיליאָנען פייַערן...

אנטקעגנ קאָרטשאגינענ האָבנ זיכ אפ די טרעפ אופגעהויבנ עטלעכע מענטשנ. שארפע שטימענ פונ מענטשנ, פארטאָנענע אינ שמועס, האָבנ געשטערט די שטילקייַט פונ דער נאכט, אונ פאוועל האָט, אָפּרייַסנדיק דעמ בליק פונ די שטאָטישע פייַערנ, גענומענ אראָפּלאָזנ זיכ פונ די טרעפּ.

אפנ קרעשטשאטיק, אינ שייַנ־ביוראָ [1] פונעמ געגנטלעכנ באזונדערנ אָפּטייל, האָט דער דעזשורנער קאָמענדאנט געזאָגט קאָרטשאגינענ, אז זשוכרייַ איז שוינ לאנג ניטאָ אינ שטאָט.

ער האָט לאנג אויסגעפרעגט פאוולענ מיט פארשיידענע פראגנ, אונ ווענ ער האָט זיכ איבערצייַגט, אז דער יאט איז פערזענלעכ באקאנט מיט זשוכרייַענ, האָט ער דערציילט: פיאָדאָר איז שוינ מיט צוויי כאדאָשימ צוריק אָפּגערופנ געוואָרנ אפ ארבעט אינ טאשקענט, אפנ טורקעסטאנער פראָנט. קאָרטשאגינס קלעמעניש איז געווענ אזוי גרויס, אז ער האָט אפילע ניט גענומענ אויספרעגנ קיינ איינצלהייַטנ, נאָר שווייַגנדיק זיכ א קער געטאָנ אונ ארויס אפנ גאס. א מידקייַט איז אימ באפאלנ אונ געצוווּנגענ זיכ צוזעצנ אפ די טרעפּלעכ פונעמ ארייַנגאנג.

עס איז דורכגעגאנגענ א טראמווייַ אונ פול געמאכט די גאס מיט ליארעמ אונ טראסקערייַ. אפ די טראָטוארנ — אנ אומענדלעכער מענטשנשטראָמ. א באלעבטע שטאָט, — צומאָל הערט זיכ א גליקלעכער געלעכטער פונ פרויענ, צומאָל — טענער פונ א מאנצבילשנ באס, אָט — א טענאָר פונ א יוגנטלעכנ, אָט — א פיבערדיקער כריפּ פונ אנ אלטנ. דער מענטשנ־שטראָמ איז אומענדלעכ, דער טראָט — שטענדיק אנ אייַליקער. העל־באלויכטענע טראמווייַענ, בליצנ פונ אווטאָמאָביל־לאמטערנעס אונ א פייַער פונ עלעקטרישע לאָמפּנ ארומ דער רעקלאמע פונ שכיינישנ קינאָ. אונ אומעטומ מענטשנ, וואָס פילנ אָנ מיט אומופהערלעכע רייד די גאס. דאָס איז דער אָוונט פונ א גרויסער שטאָט.

דער רויש אונ דער טומל פונ פראָספּעקט האָבנ אָפּגעשוואכט די שארפקייַט פונ דעמ פארדראָס, וואָס עס האָט ארויסגערופנ די יעדיע ווענג פיאָדאָרס אָפּפאָרנ. וווהינ גייט מענ? אומקערנ זיכ אפ סאָלאָמענקע, ווו עס זייַנענ געווענ כאווירימ, איז צו וויַיט. אונ פונ זיכ אליינ איז ארויסגעשוווּמענ דאָס הויז אפ דער אוניווערסיטעט־גאס, וואָס איז געווענ ניט ווייַט פונדאנענ. געוויס וועט ער באלד גיינ אהינ. נאָכ פיאָדאָרנ איז דאָכ זייַנ ערשטער כאווער, וועלכנ ער האָט געוואָלט זענ, געווענ ריטע. דאָרטנ, בא אקימענ אָדער מיכייַלענ, קענ מענ אויכ איבערנעכטיקנ.

נאָכ פונווייַטנ האָט ער אינדערהויכ אינ ווינקלדיקנ פענצטער דערזענ ליכט. ער האָט זיכ באמיט צו זייַנ רויק אונ א צי געטאָנ צו זיכ די דעמבענע טיר. פארנ ארייַנגאנג איז ער געשטאנענ עטלעכע סעקונדעס. הינטער

[1] שייַנ־ביוראָ — бюро пропусков — (רעד.).

דער טיר אינ ריטעס צימער הערט מענ שטימענ. עמעצער שפּילט אפּ א גיטארע.

„אָהאָ, איז שוינ דערלויבט, הייסט עס, אפילע שפּילנ אפּ א גיטארע? דער רעזשים איז ווייכער געוואָרנ”, האָט קאָרטשאגינ געמאכט אנ אויספיר אונ לײַכט א קלאפּ געטאָנ מיטנ פויסט אינ טיר. פילנדיק, אז ער איז אופגערעגט, האָט ער מיט די ציינ פארביסנ די ליפּ.

די טיר האָט געעפנט אנ אומבאקאנטע פרוי, א יונגע, מיט גרײַזעלעכ אפּ די שלייפנ. זי האָט מיט א פראגע געקוקט אפּ קאָרטשאגינענ.

— וועמענ דארפט איר?

זי האָט ניט פארמאכט די טיר, אונ אנ אויבנויפיקער בליק אפּ דער אומבאקאנטער אויסשטאטונג האָט שוינ אונטערגעזאָגט דעמ ענטפער.

— אוסטינאָוויטשנ קענ מענ זענ?

— זי איז ניטאָ. זי איז נאָכ אינ יאנואר אוועקגעפאָרנ קיינ כארקאָוו. אונ פונדאַרטנ, ווי איכ האָב געהערט, קיינ מאָסקווע.

— אונ דער כאווער אקימ וווינט דאָ, אָדער ער איז אויכ אוועקגעפאָרנ?

— דער כאווער אקימ איז אויכ ניטאָ. ער איז איצט סעקרעטאר פונ אָדעסער גובקאָמיוג.

פאוולענ איז מער גאָרניִשט געבליבנ, ווי אומקערנ זיכ צוריק. די פרייד פונ צוריקקערנ זיכ אינ שטאָט איז אָפּגעבליאקעוועט געוואָרנ.

איצט האָט מענ ערנסט געדארפט א טראכט טאָנ וועגנ איבערנעכטיקן.

— אזוי גיינ פונ איינ כאווער צומ צווייטנ, וועסטו בלײַבנ אָנ פיס אונ קיינעמ ניט געפינענ,—האָט בייז געוואָרטשעט קאָרטשאגינ, בײַקומענדיק דעמ בײַטערנ געפיל. נאָר פונדעסטוועגנ האָט ער באשלאָסנ נאָכאמאָל א פרווו טאָנ דעמ מאזל—געפינענ פאנקראטאָוונ. דער טרעגער האָט געוווינט נאָענט פונ פּאָרט, אונ צו אימ איז געוועזנ נעענטער, ווי אפּ סאָלאָמענקע.

אינגאנצנ א מידער, האָט ער זיכ ענדלעכ דערשלעפט צו פאנקראטאָווס דירע. קלאפנדיק אינ דער טיר, וואָס איז אמאָל געוועזנ אָפּגעפארבט מיט אָכרע, האָט ער באשלאָסנ: „אויב דער איז אויכ ניטאָ, וועל איכ מער ניט וואנדערנ. איכ וועל זיכ פארקלײַבנ אונטער א שיפל אונ איבערנעכטיקנ”.

די טיר האָט געעפנט אנ אלטיטשקע אינ א פראָסטינקנ טיכל אונטערגעבונדנ אונטערנ קינ, פאנקראטאָווס מוטער.

— איגנאט איז אינדערהיימ, מאמעשי?

— אָקאָרשט געקומענ. איר דארפט צו אימ?

זי האָט ניט דערקענט פאוולענ אונ, א קער טוענדיק זיכ אהינטער, האָט זי אויסגעשריענ:

— גענקע, דאָ איז מענ געקומענ צו דיר!

פאוועל איז ארײַנ מיט איר אינ צימער. ער האָט אוועקגעלייגט אפּנ דיל

דעם זאק. פּאנקראטאָוו, דערקײַענדיק דעם ביסן, האָט זיך א קער געטאָן צו אים פון אהינטערן טיש:

— אויב צו מיר, איז ווער זיך אַן דערצייל, און איך וועל דערווייל אויסכליאָבען א שיסל באָרשטש, וואָרעם פון אינדערפרי אָן בין איך אפ איינע וואסער. — און פּאנקראטאָוו האָט גענומען אין האנט א גרויסן הילצערנעם לעפל.

פּאוועל האָט זיך געזעצט אָנאזײַט אפ א צעבראָכענעם שטול. אראָפּגענומען פון קאָפּ דאָס היטל, האָט ער לויט דער אלטער געוווינהײַט אָפּגעווישט מיט אים דעם שטערן.

„צי דען האָב איך זיך אזוי געענדערט, אז אפילע גענקע דערקענט מיך ניט?"

פּאנקראטאָוו האָט ארײַנגעגאָסן א פּאָר לעפל באָרשטש אין מויל ארײַן און, ניט באקומענדיק פונעם גאסט קיין ענטפער, האָט ער א קער געטאָן צו אים דעם קאָפּ.

— נו, דערצייל. וואָס איז דאָרטן בא דיר?

די האנט מיטן שטיקל ברויט האָט זיך אפּן האלבן וועג צום מויל אָפּגעשטעלט. פּאנקראטאָוו האָט א פארלאָרענער אָנגעהויבן פינטלען מיט די אויגן.

— ע... ווארט אויס... טפו זאָל דאָס ווערן, וואָס איז דאָס פארא קלאָג?

קאָרטשאגין האָט געקוקט אפ זײַן אָנגעשטרענגט רויט געזיכט, האָט ניט אויסגעהאלטן און זיך צעקײַכט.

— פּאווקע! מיר האָבן דאָך געמיינט, דו ביסט שוין ניטאָ!.. שטיי! ווי רופט מען דיך?

אפ פּאנקראטאָווס געשרייען זײַנען פונעם שכיינעסדיקן צימער ארויסגעלאָפן די עלטערע שוועסטער און די מוטער. אלע דרײַ האָבן זיך ענדלעך איבערצײַגט, אז פאר זיי שטייט דער עמעסער קאָרטשאגין.

אין שטוב איז מען שוין לאנג געשלאָפן, און פּאנקראטאָוו האָט נאָך אלץ דערציילט וועגן די געשעענישן פאר די פיר כאדאָשים.

— ווינטער נאָך זײַנען קיין כארקאָוו אוועקגעפאָרן זשארקי, מיטיאי און מיכײַלע. און ניט אבי־ווהין, טײַוואָלים איינע, נאָר אין קאָמוניסטישן אוניווערסיטעט. וואנקע און מיטיאי — אפן צוגרייטונג־קורס, מיכײַלע — אפן ערשטן. מיר האָבן זיך אופגעקליבן א מענטשן פופצן. אין דער היץ האָב איך אויך אָנגעקנאקט א מעלדונג. מע דארף, טראכט איך, מאכן א שטיקל רעמאָנט אין מארך, וואָרעם אזוי איז דאָרטן שיטערלעך. נאָר, פארשטייסט, אין קאָמיסיע האָט מען מיך אוועקגעזעצט.

פּאנקראטאָוו האָט קאעסדיק א סאָפּע געטאָן און ווײַטער גערעדט:

— לעכאטכילע איז בא מיר די זאך געגאנגען, ווי געשמירט. אלע קלאָ־

לים פאסן: א פאַרטבילעט איז פאַראן, דער סטאַזש דער קאָמיוגישער — א היפּשער, מיקויעך דער לאַגע און אָפּשטאַמונג קען קיינער זיך ניט צוטשע־פּען, אָבער ווי נאָר די זאַך איז דערגאַנגען צו פּאָליטקעמטעניש, דאָ האָט זיך באַקומען עפּעס ניט דאָסיק.

כ'האָב זיך צעאַמפּערט מיט איינעם א כאַוועך פון דער קאָמיסיע. ער וואַרפט מיר אונטער אַזא פראַגעלע: „זאָגט, כאַוועך פּאַנקראַטאָוו, וואָס פאַרא יעדיעס האָט איר אין פילאָסאָפיע?“ און קיין יעדיעס, פאַרשטייסטו מיך, האָב איך דאָך קיינע ניט געהאַט. אָבער דאָ האָב איך זיך דערמאָנט, געווען בא אונדז א טרעגער איינער, א גימנאַזיסט, א בראָדיאַגע. ער איז געוואָרן א טרעגער צוליב אויספּיינען זיך. האָט ער אונדז איינמאָל דערציילט: אַמאָל זיינען אין גריכנלאַנד געווען אַזעלכע געלערנטע, וואָס האָבן זייער אַסאַך פאַרשטאַנען. מע האָט זיי גערופן פילאָסאָפן. איינער אַזא טיפּעלע, די פאַ־מיליע געדענק איך ניט, דאַכט זיך, אידעאָגען, האָט דאָס גאַנצע לעבן פאַר־בראַכט אין א פעסל און אַזוי ווייטער... פאַרן בעסטן ספּעצ צווישן זיי האָט זיך גערעכנט דער, וואָס ווערט פערציק מאָל דערוויזן, אַז דאָס, וואָס איז שוואַרץ, איז ווייס, און דאָס, וואָס ווייס, איז שוואַרץ. מיט איין וואָרט, זיי זיינען געווען פלאַפּלער. נו איז אָט, האָב איך זיך דערמאָנט דעם גימנאַזיסטס מייסע און א טראַכט געטאָן: „ער נעמט זיך צו מיינע יאָרן פון אהינטער אַרום, דער דאָזיקער מיטגליד פון דער קאָמיסיע“. און יענער קוקט אויף מיר מיט אַזא כיטרעקייט. נו, דאָ האָב איך אויסגעפּראַלט. „פילאָסאָפיע, — זאָג איך, — דאָס איז ניט מער ווי פּוסטע פלאַפּלעריי און שוואַרץ־קינצלעריי. איך, כאַ־ווירים, האָב קיינשום כיישעק ניט צו פאַרנעמען זיך מיט דער דאָזיקע שטור־סעריי. אָט, וואָס שייך פאַרטיי־געשיכטע, וואָלט איך מיטן גאַנצן האַרצן געהאַט כיישעק“. אַז זיי נעמען דאָס מיך טרייבערן: פונוואַנען, הייסט עס, האָב איך עס אַזעלכע יעדיעס וועגן פילאָסאָפיע. דאָ האָב איך נאָך עטוואָס צוגעגעבן פון דעם גימנאַזיסטס רייד, פון וואָס די גאַנצע קאָמיסיע האָט גע־קייכט. איך האָב געכאַפּט די מאַפּאָלע. „וואָס, — זאָג איך, — מאַכט איר מיך דאָ צום נאַר?“ פאַרן היטל — און אהיים.

נאָכדעם האָט מיך דער דאָזיקער מיטגליד פון דער קאָמיסיע באַגעגנט אין גובקאָם און א שאָ דריי מיט מיר געשמועסט. ווייזט זיך אַרויס, דאָס גימנאַזיסטל האָט אָנגעפּלאָנטערט. ווייזט זיך אַרויס, אַז פילאָסאָפיע — דאָס איז א גרויסע, סייכלדיקע זאַך.

אָבער דובאַווע און זשאַרקי זיינען דורכגעגאַנגען. נו, מיטיאַי האָט זיך כאָטש גוט געלערנט, אָבער זשאַרקי — יענער איז ניט פאַרפאָרן ווייטער פון מיר. ניט אַנדערש, ווי דער אָרדען האָט וואַנקען געהאָלפן. מיט איין וואָרט, איך בין געבליבן זיצן. מיך האָט מען דאָ אין פּאָרט באַשטימט אויף דרייען דאָס רעדל אין דער ווירטשאַפט. איך פאַרטרעט דעם נאַטשאַלניק פונעם מי־לאַכט־פּאָרט. פריִער פלעג איך מיט די נאַטשאַלניקעס אַלץ אַמפּערן זיך מי־

קוינער פאַרשטייענע אינגיאַנגענ פונ די יונגע, און איצט קומט מיר אַליינ אויס אָנפירנ מיט א ווירטשאפטלעכער זאכ. אמאָל טרעפט אויכ אזוי: עס רוקט זיכ דיר אונטער אונטער די הענט א פּוסטעפּאסניק, אָדער עפּעס אזוי א שלימאזל א צעקראָכענער, קוועטשסטו אימ אי ווי א נאטשאלניק, אי ווי א סעקרעטאר. ער וועט מיר שוינ קיינ ציינער ניט פאַריידנ, זיי מויכל. וועגנ זיכ—דערנאָכ. וואָס פארא נייעס האָב איכ דיר נאָכ ניט דערציילט? וועגנ אקי־מגנ וויסטו, פונ די אלטע זיצט אינ גובקאָמ בלויז טופטא אלצ אפ דעמ זעלביקנ אָרט. טאָקארעוו סעקרעטארעוועט אינ רייקאָמ פונ פאַרטיי אפ סאָלאָמענקע. אינ רייקאָמיוג איז אָקוניעוו, דיינ קאָמונשטשיק. א פּאָליטופּקלער איז טאַליע. אינ די ווארשטאטנ איז אפ דיינ אָרט צוועטאיעוו. איכ קענ אימ קנאפּ, מיר באגעגענענ זיכ אפנ גובקאָמ, דאכט זיכ, א יאט ניט קיינ נאַרישער, נאָר מיט אייגנליבע. אויב דו געדענקסט, באָרכארט אנע, זי איז אויכ אפ סאָלאָמענקע, פארוואלטער פונעמ פרויענ־אָפּטייל פונ רייפּאַרטקאָמ. וועגנ די איבעריקע האָב איכ דיר שוינ דערציילט. יע, פּאַוולושע, א גרויסנ אוילעמ האָט די פּאַרטיי אפ לערנענ זיכ געוואָרפנ. אינ גובסאָוופּאַרטשול זיצט איצט דער גאנצער אלטער אקטיוו איבערנ בוכ. צומ קומענדיקנ יאָר זאָגט מענ צו מיכ אויכ שיקנ.

מע איז איינגעשלאָפנ וויים נאָכ האלבע נאכט. אינדערפרי, ווענ קאָרטשאַגינ האָט זיכ אויפגעכאפּט, איז איגנאט שוינ אינדערהיימ ניט געווענ. ער איז אוועק אינ פּאָרט. דוסיע, זיינ שוועסטער, א קרעפטיק מיידל, וואָס האָט געהאט דעמ אָנבליק פונ ברודער, האָט מעכאבעד געווענ דעמ גאסט מיט טיי־ און פריילעכ געפּלאפּלט וועגנ פארשיידענע נארישקייטנ. פּאנקראטאָוו טאטע, א שיפּ־מאשיניסט, איז געווענ אינ וועג.

קאָרטשאַגינ האָט זיכ גענומענ קלייבנ אוועקגיינ. באמ געזעגענענ זיכ האָט דוסיע דערמאָנט:

— פארגעסט ניט, אז מיר וואַרטנ אפ אייכ צו מיטיק.

*

אינ גובקאָמ איז די געוויינלעכע אופלעבונג. די אריינגאנג־טיר וויס ניט פונ קיינ רו. אינ די קאָרידאָרנ און אינ די צימערנ איז פול מיט מענטשנ. א פאַרטויבטע קלאפּעריי פונ מאשינקעס הערט זיכ הינטער די טירנ פונ דער פּאַרוואלטונג מיט די איניאַנימ.

פּאַוועל איז געשטאנענ א ווײַלע אינ קאָרידאָר און זיכ צוגעקוקט, צי וועט ער ניט באגעגענענ א באקאנט געזיכט. ניט געפינענדיק קיינעמ, איז ער אריינ אינ צימער פונ סעקרעטאר. בא א גרויסנ שרייבטיש איז אינ א בלוי העמדל געזעסנ דער סעקרעטאר פונ גובקאָמ. ער האָט א בליק געטאָנ אפ קאָרטשאַגינענ, ניט אויפגעהויבנ דעמ קאָפּ און פאָרגעזעצט שרייבנ.

פאוועל האָט זיך אוועקגעזעצט אנטקעגנ און אויפמערקזאם באטראכט אקימס פארטרעטער.

— וועגנ וואָס פארא פראגע? — האָט געפרעגט דער סעקרעטאר אינ דעמ העמדל, אוועקשטעלנדיק א פונקט אינ סאָפ פונ דעמ פארשריבענעמ בויגנ.

פאוועל האָט אימ דערציילט זײַנ געשיכטע.

— מע דארפ, כאווער, אופשטעלנ מיכ אינ די צעטלענ פונ דער אָרגאניזאציע און שיקנ אינ די ווארשטאטנ. מאכ וועגנ דעמ א פאראָרדענונג.

דער סעקרעטאר האָט זיכ אָנגעלענט אָנ ווענטל פונ שטול. ער האָט גענטפערט אומבאשלאָסנ:

— מירנ דיכ געוויס אופשטעלנ. וועגנ דעמ קאָנ גאָר קיינ רייד ניט זײַנ, אָבער אינ די ווארשטאטנ שיקנ דיכ איז ניט באקוועמ. דאָרטנ ארבעט שויג צוועטאיעוו, א מיטגליד פונ גובקאָמ פונ לעצטנ צונויפרופ. מיר וועלנ דיכ אויסנוצנ אפ אנ אנדער אָרט.

קאָרטשאגינס אויגנ זײַנעג שמעלער געוואָרנ.

— איכ גיי אינ די ווארשטאטנ ניט קעדיי צו שטערנ ארבעטנ צוועטאיעוו. איכ גיי אינ צעכ לויט דער ספעציאליטעט, און ניט פאר קיינ סעקרעטאר פונ קאָלעקטיוו, און אפ וויפל איכ בינ נאָכ פיזיש שוואכ, בעט איכ אפ קיינ אנדער ארבעט מיכ ניט שיקנ.

דער סעקרעטאר האָט אײַנגעשטימט. ער האָט אָנגעוואָרפנ עטלעכע ווערטער אפנ פאפיר.

— גיב איבער דעמ כאווער טופטא, ער וועט אלצ אײַנאָרדענענ.

אינ דיסקאָנט- און פארטיילונג-אָפטייל האָט טופטא געמאכט צו אש און בלאָטע זײַנ געהילפ — דעמ, וואָס פירט דעמ דיסקאָנט. בא א האלבער מינוט האָט פאוועל זיכ צוגעהערט זייער זידלערײַ, אָבער זעענדיק, אז זי פארציט זיכ אפ לאנג, האָט ער איבערגעריסנ דעמ צעקניפלטנ דיסקאָנטירער:

— נאָכדעמ ווענסטו זיכ מיט אימ אויסזידלענ, טופטא. אָט האָסטו א צעטלע. לאָמיר אויספורעמענ מײַנע דאָקומענטנ.

טופטא האָט לאנג געקוקט דאָס אפנ פאפירל, דאָס אפ קאָרטשאגינענ. ענדלעכ האָט ער אלצ באנומענ.

— ע! הייסט עס, דו ביסט ניט געשטאָרבנ? ווי־זשע זאָל איצטער זײַנ? דו ביסט אויסגעשלאָסנ פונ די צעטלענ, איכ האָב אליינ צוגעשיקט אינ צ. ק. דאָט קארטל. און ווײַטער ביסטו דאָכ ניט דורכגעגאנגענ די אלרוסלענדישע איבערעגיסטראציע. אינ העסקעס מיטנ צירקוליאר פונ צ. ק. פונ קאָמיוג ווערנ אלע, וואָס זײַנענ ניט דורכגעגאנגענ די איבערעגיסטראציע, אויסגעשלאָסנ. דעריבער בלײַבט דיר איבער איינס — ארײַנטרעטנ פונדאָסנײַ אפ אלגעמיינע יעסוידעס, — האָט טופטא געזאָגט אינ א קאטעגאָרישנ טאָנ.

קאָרטשאגינ האָט זיכ פארקרימט.

— דו ביסט נאָכ אלצ אזא ווי געוועג? א יונגער יאט, און ערגער פונ

אַן אַלטן פּאַצוק פון גובערניאַלן אַרכיוו. ווען וועסטו שוין ווערן אַ מענטש, וואַלאַדקע?

טופּטאַ איז אופגעשפּרונגען, פּונקט ווי אים וואָלט אַ ביס געטאָן אַ פליי.

— איך בעט ניט לייענען מיר קיין מוסער. איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר מײַן אַרבעט. צירקוליאַרן שרײַבט מען ניט צוליב דעם, אַז איך זאָל אָפּ זיי אויוועק זײַן. און פאַר דער באַליידיקונג מיטן נאָמען „פּאַצוק" וועל איך דיך צוציִען צו פאַראַנטוואָרטלעכקײַט.

די לעצטע ווערטער האָט טופּטאַ אַרויסגעזאָגט מיט דראָונג און האָט דעמאָנסטראַטיוו צוגעשאַרט צו זיך אַ קופּע פּאַקעטן פון דער ניט־צעעפנטער פּאָטשט, באַווײַזנדיק מיט זײַן גאַנצן אויסזען, אַז דער געשפּרעך איז פאַרענדיקט.

פּאַוועל איז פּאַוואָליע אַוועק צו דער טיר, ער האָט זיך אָבער דערמאָנט אָן עפּעס, האָט ער זיך אומגעקערט צום טיש און צוגענומען צוריק דאָס צעטעלע פון סעקרעטאַר, וואָס איז געלעגן לעבן טופּטען. דער דיסקאָנטירער האָט נאָכגעשפּירט נאָך פּאַוולען. דער דאָזיקער יונגער אַלטיטשקער, וואָס איז געווען בייז און פּלעגט זיך צוטשעפּען ווי אַ קלעק, איז מיט זײַנע גרויסע פאַרשפּיצטע אויערן געווען אומאָנגענעם און גלײַכצײַטיק קאָמיש.

— מיילע, — האָט כוויעקדיק־רויִק געזאָגט קאָרטשאַגין, — מיר קענען מען אוואַדע צוקלעפּן „דעזאָרגאַניזאַציע פון סטאַטיסטיק", אָבער זאָג מיר, וויאַזוי וועסטו זיך קליגן אַרופלייגן אַ שטראָף אָף יענע, וועלכע האָבן גענומען און זײַנען טאַקע געשטאָרבן, ניט אָנגעבנדיק וועגן דעם פריִער קיין מעלדונג? דאָס קען דאָך יעדערער: פאַרוואָלט זיך — קראַנק געוואָרן, פאַרוואָלט זיך — גענומען און געשטאָרבן. און קיין צירקוליאַר וועגן דעם איז דאָך מיסטאָמע ניטאָ.

— האָ־האָ־האָ, — האָט, ניט אויסהאַלטנדיק דעם נייטראַליטעט, פריילעך זיך צעהירזשעט טופּטעס געהילף.

דער שפּיץ פונעם בלײַשטיפט אין טופּטעס האַנט האָט זיך צעבראָכן. ער האָט אים אַ שלײַדער געטאָן אָן דיל, אָבער ער האָט ניט באַוויזן צו ענטפערן זײַן קעגנער. אין צימער האָט זיך אַרײַנגעלאָזן אַ כאָפּטע פון עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן הויך גערעדט און געלאַכט. צווישן זיי איז געווען אָקוניעוו. עס איז קיין סאָף ניט געווען צו דער פריידיקער פאַרווונדערונג און צו די אויסשפּרעגענישן. אין עטלעכע מינוט אַרום איז אין צימער אַרײַן נאָך אַ גרופּע יוגנט און צווישן איר יורעניעווע. זי האָט לאַנג און פאַרלאָרן, אָבער מיט פרייד אים געדריקט די האַנט.

פּאַוולען האָט מען ווידער געצוווּנגען דערציילן אַלץ פון אָנהייב. די אופריכטיקע פרייד פון די כאַווײרים, די עכטע פרײַנטשאַפט, דער מיטגעפיל, דאָס קרעפטיקע דריקן די האַנט, די פּעטשלעך איבערן פּלייצע, וואָגיקע און כאַוועריִשע, האָבן געצוווּנגען צו פאַרגעסן אָן טופּטען.

צום סאָפ פונ די רייד האָט פאוועל אויכ דערציילט די כאוויירימ וועגנ זײַנ געשפרעכ מיט טופטענ. פונ אומעטום האָבנ זיכ דערהערט אופגערעגטע אויסרופנ. אָלגע האָט א קוק געטאָנ אפ טופטענ מיט א פארניכטנדיקנ בליק אונ איז אוועק אינ צימער פונ סעקרעטאַר.

— קומ צו נעזשדאנאָוונ! ער וועט אימ אביסל דורכרייניקנ דעמ בלאָז־זאק!—מיט די דאָזיקע ווערטער האָט אָקוניעוו אָנגענומענ פאוולענ פארנ פלייצע אונ זיי זײַנענ מיט א כאָפטע כאוויירימ אוועק גלײַכ נאָכ אָלגענ.

— מע דארפ אימ אראָפנעמענ אונ שיקנ אפ א יאָר צו פאנקראטאָוונ אינ פאָרט פאר א טרעגער. טופטא איז דאָכ א שטאמפירטער ביוראָקראט!—האָט זיכ אָלגע געהיצט.

דער סעקרעטאַר פונ גובקאָמ האָט גוטמוטיק געשמייכלט, אויסהערנדיק די פאָדערונגענ פונ אָקוניעוונ, אָלגענ אונ פונ די איבעריקע אראָפצונעמענ טופטענ פונ דיסקאָנט אונ פארטיילונג.

— וועגנ אופשטעלנ קאָרטשאגינענ איז ניטאָ וואָס צו ריידנ, מע וועט אימ טייקעפ אויסשרײַבנ א בילעט,—האָט נעזשדאנאָוו בארויקט אָלגענ.—איכ בינ אויכ מיט אײַכ אײַנשטימיק, אז טופטא איז א פאָרמאליסט,—האָט ער פאָרגעזעצט,—דאָס איז זײַנ גרונט־פעלער. אָבער מע דארפ דאָכ אנערקענענ, אז דעמ דיסקאָנט האָט ער אוועקגעשטעלט גוט. ווו איכ האָב ניט געארבעט, זײַנענ דיסקאָנט אונ סטאטיסטיק אינ די קאָמיוגישע קאָמיטעטנ—א פארפלאָנטערטע וואלד־געדיכטעניש, אונ קיינ איינ ציפער טאָר מענ ניט גלויבנ. אונ אינ אונדזער דיסקאָנט־ אונ פארטיילונג־אָפטייל איז די סטאטיסטיק אוועקגעשטעלט גוט. איר ווייסט אליינ, אז טופטא פארזיצט זיכ אָפט אינ זײַנ אָפטייל ביז שפעט אינ דער נאכט. אונ איכ טראכט אזוי: אראָפנעמענ אימ קענ מענ שטענדיק, אָבער אויב אָנשטאָט אימ וועט זיצנ א ווילער יאט, נאָר א טויגעניכטס א דיסקאָנטירער, וועט קיינ ביוראָקראטיזמ טאקע ניט זײַנ, אָבער קיינ דיסקאָנט וועט אויכ ניט זײַנ. זאָל ער ארבעטנ. איכ וועל אימ אָנזייפנ דעמ קאָפ ווי עס דארפ צו זײַנ. דאָס וועט ווירקנ אפ א געוויסער צײַט, אונ נאָכדעמ וועלנ מיר זענ.

— מיילע, כאפט אימ דער רועכ,—האָט אָקוניעוו אײַנגעשטימט,—פאָרנ מיר, פאוולושע, אפ סאָלאָמענקע. הײַנט איז בא אונדז אינ קלוב א פארזאמלונג פונ אקטיוו. קיינער ווייס נאָכ ניט וועגנ דיר אונ פלוצעמ: „א וואָרט באקומט קאָרטשאגינ!“. ביסט א יאט, פאוולושע, וואָס דו ביסט ניט געשטאָרבנ. נו, וואָס פאר א נוצנ וואָלט פונ דיר דעמלט געהאט דער פראָלעטאריאט?—האָט אָקוניעוו לייצאָנעסדיק רעזומירט. ער האָט ארומגענומענ קאָרטשאגינענ אונ ארויסגעשטופט אימ אינ קאָרידאָר.

— אָלגע, דו וועסט קומענ?

— אומבאדינגט.

*

די פאנקראטאָווס האָבן זיך ניט דערוואַרט. אפ קאָרטשאגינענ צום מיטיק, ער איז אויך ניט געקומען באנאכט. אָקוניעוו האָט געבראכט דעם כאַווער זײַנעם צו זיך אינ דירע. אינ סאָוועטנ־הויז האָט ער געהאט א באזונדערנ צימער. ער האָט אים געגעבנ אָפּעסנ דאָס, וואָס ער האָט געהאט, אוועקגעלייגט אפנ טיש לעבנ פאוולען פּעק צײַטונגען און צוויי דיקע ביכער מיט פּראָטאָקאָלנ פונ די זיצונגען פונ רײַקאָמיוג־ביוראָ און האָט אים געגעבנ אנ אייצע:

— קוק דורכ די דאָזיקע גאנצע פּראָדוקציע. ווענ דו האָסט ליגנדיק אינ טיפוס אומזיסט צײַט געפּאטערט, איז דאָ ניט ווייניק וואסער פאראפלויגנ. לייענ, באקענ זיך מיט דעם, וואָס איז געווענ און וואָס עס איז איצט. איך וועל אינאָוונט קומענ. און מיר וועלנ גיינ אינ קלוב. און טאָמער וועסטו מיד ווערנ, כאָ לייג זיך צו און כראָפּע.

דער סעקרעטאר פונ רײַקאָמיוג האָט אָנגעשטאָפּט אינ די קעשענעס פּעק דאָקומענטנ, ספּראַווקעס, ווענדונגענ (דעם פּאָרטפעל האָט אָקוניעוו פּרינציפּיעל איגנאָרירט, און ער איז בא אים געלעגנ אונטערנ בעט), געמאכט א געזעגענונג־קרײַז איבערנ צימער און איז אוועק.

אינאָוונט, ווענ ער איז צוריקגעקומענ, איז דער דיל פונ צימער געווענ פארוואָרפנ מיט צעוויקלטע צײַטונגענ, פונ אונטערנ בעט איז געווענ ארויסגערוקט א קופּע ביכער. א טייל פונ זיי איז געווענ אופגעלייגט אינ א פּעקל אפנ טיש. פאוועל איז געזעסנ אפנ בעט און געלייענט די לעצטע בריוו פונ צענטראל־קאָמיטעט, וואָס ער האָט געפונענ בא זײַנ כאווער אונטערנ קישנ.

— וואָס האָסטו, גאזלענ, געמאכט פונ מײַנ דירע!—האָט מיט קלוימערשטער אופגעבראכטקײַט אויסגעשריענ אָקוניעוו,—ע, דו ווארט נאָר, ווארט צו, כאווער! דו לייענסט דאָך געהיימע דאָקומענטנ! הײַנט גיי לאָז ארײַנ אזא אינ שטוב ארײַנ!

פאוועל האָט שמייכלענדיק אָפּגעלייגט דעם בריוו אָנאזײַט.

— דאָ איז דאפקע ניטאָ קיינ שום סאָד, אָבער אָט, אָנשטאָט אָט דעם אבאזשור אפנ לאָמפּ, איז בא דיר ווירקלעך געווענ א דאָקומענט, וואָס טאָר ניט פארעפנטלעכט ווערנ. ער איז אפילע ארומגעברענט בא די ברעגנ, זעסט?

אָקוניעוו האָט גענומענ דעם ארומגעברענטנ בויגנ, א קוק געטאָנ אפנ קעפל און א קלאפּ געטאָנ זיך מיט דער האנט אינ שטערנ:

— און איך האָב אים דרײַ טעג געזוכט, פארכאפּט זאָל עס ווערנ! פארשווונדנ, ווי אינ וואסער ארײַנ! איצט דערמאָנ איך זיך, אז וואָלינצעוו האָט מיט א פּאָר טעג צוריק אויסגעמײַסטרעוועט פונ אים אנ אבאזשור און נאָכדעם אליינ טאקע געזוכט עס ביזנ זיבעטנ שוויס.—אָקוניעוו האָט זאָרגעוודיק צונויפגעלייגט דאָס פּאפּירל און ארײַנגעשטופּט עס אונטערנ מאט־

יאַצ.—נאָרדעם ווײַלן מיר אַלץ בײַ ענגען אין זײַער ענגנג,—האָט ער באַרויִקנ־דיק געזאָגט,—איצטער וועלן מיר אַ קאַפּעטשקע אַ קײַ טאָן, און אין קלוב אַרײַנ. זעצ זיך אַוועק, פּאַוולושע!

אָקוניעוו האָט אַרויסגעשלעפּט פון אײנ קעשענע אַ לאַנגע וואָבלע, אײַנגעוויקלט אין אַ צײַטונג, און פון דער צווייטער—צוויי לוסטעס ברויט. ער האָט אָפּגערוקט צום ברעג טיש די פּאַפּירן, אויסגעשפּרייט אפּ דעם פרײַענ פּלאַצ אַ צײַטונג, גענומען די וואָבלע פאַרנ קאָפּ און אָנגעהויבנ מיט איר פּאַטשנ איבערנ טיש.

דער האָפּערדיקער אָקוניעוו איז געזעסנ אפּנ טיש, ענערגיש געאַרבעט מיט די באַקנביינער און דערציילט פּאַוולענ נײַס, אויסמישנדיק די זאַכלעכע רייד מיט שפּאַסערײַ.

*

אין קלוב האָט אָקוניעוו אַרײַנגעפירט קאָרטשאַגינענ דורך אַ זײַטיקער טיר הינטער די קוליסנ. אינ אַ ווינקל פונעם גערוימנ זאַל, רעכטס פון דער סצענע, קעגנ דער פּיאַנע, זײַנענ אינ אנ ענגנ קרײַז פון אײַזנבאַנישער „קאַמסאַ" געזעסנ טאַליע לאַגוטינע און באָרכאַרט. אַנענ קעגניבער, וויגנדיק זיך אפּ אַ פּאָטעל, האָט זיך באַזעצט וואָלינצעוו, דער קאָמיוגישער סעקרעטאַר פון דעפּאָ, אַ רויטער, ווי אנ עפּל אינ אויגוסט, אינ אַ שטאַרק אָפּגעניצטער לעדערנער קורטקע, וואָס איז אַמאָל געווענ אַ שוואַרצע. וואָלינצעוו האָט געהאַט ווײַסע האָר ווי ווייצ און פונקט אַזוינע ברעמענ.

לעבנ אים, נאַכלעסיק אָנגעשפּאַרט מיטנ עלנבויגנ אָנעם דעקל פון דער פּיאַנע, איז געזעסנ צוועטאַיעוו—אַ שיינער שאַטענ מיט אַ שאַרפּ געצייכנטנ שניט פון די ליפּנ. דער קאָלנער פון זײַנ העמדל איז געווענ אָפּגעשפּיליעט.

צוגייענדיק צו דער קאָמפּאַניע, האָט אָקוניעוו דערהערט דעם סאָפּ פון אַנעס פראַזע:

— אַנדערע ווילנ אפּ פאַרשיידענע אופנים קאָמפּליצירטער מאַכנ דעם אופנעם פון נײַע כאַווערים. צוועטאַיעוו איז פּייִק אפּ אַזעלכע זאַכנ.

— דער קאָמיוג איז ניט קיינ דורכגאַנג־הויפ,—האָט פּאַראַקשנט און מיט היפּש ביטל געזאָגט צוועטאַיעוו.

— זעט נאָר, זעט! ניקאָלײַ שײַנט הײַנט, ווי אַ געשײַערטער סאַמאָוואַר!—האָט טאַליע אויסגעשריִענ, דערזעענדיק אָקוניעוון.

אָקוניעוון האָט מענ אַרײַנגעצויגנ אינ קרײַז און פאַרוואָרפנ מיט פראַגנ:

— ווו ביסטו געווענ?

— לאָמיר אָנהייבנ.

אָקוניעוו האָט אויסגעשטרעקט פאָרויס די האַנט און באַרויִקט דעם עולעם:

— קאָכט זיך ניט, כעווריע. באַלד וועט קומענ טאָקאַרעוו, וועלנ מיר עפּענענ.

— אַזאַ איז ער, — האָט אנא באמערקט.

ווירקלעך, עס איז געגאנגען צו זיי דער סעקרעטאר פון ריי־פּארטקאָם. אָקוניעוו איז אים ארויסגעלאָפן אנטקעגן.

— קום, טאטעשי, הינטער די קוליסן. איך וועל דיר באַווייַזן איינעם דייַנעם א באקאנטן. אַט וועסטו זיך כידעשן!

— וואָס איז שוין דאָרט? — האָט דער אלטער א בורטשע געטאָן און א צי געטאָן דעם פּאפּיראָס, אָבער אָקוניעוו האָט אים שוין געשלעפּט פאר דער האנט.

...דאָסי גלעקל האָט אין אָקוניעווס האנט מיט אזא קראַפט געקלונגען, אז אפילו די פּארביסנסטע פּלאפּלער האָבן טייקעף איבערגעריסן די גע־שפּרעכן.

הינטער טאָקארעווס פּלייצע איז אין א פּראכטפולער ראַם פון גרינע נאָדל־צווייַגן אייַנגעפאסט דער לייבן־קאָפּ פונעם גענ׳אלן שעפער פונעם „קאָ־מוניסטישן מאניפעסט״. בייַס אָקוניעוו האָט געעפנט די פארזאַמלונג, האָט טאָקארעוו געקוקט אַף קאָרטשאגינען, וואָס איז געשטאנען אין דורכגאנג פון די קוליסן.

— כאַווייִרים! איידער מיר וועלן צוטרעטן צו באהאנדלען די אָרדנטלעכע אופגאבן פון דער אָרגאניזאציע, האָט דאָ אויסער דער ריי געבעטן א וואָרט איינער א כאַווער, און איך מיט טאָקארעוון מיינען, אז מע דאַרף אים געבן א וואָרט.

פון זאל האָבן זיך דערהערט באַוויליקנדיקע שטימען, און אָקוניעוו האָט ארויסגעפּראלט:

— א וואָרט פאר א באגריסונג באקומט פּאַוועל קאָרטשאגינ!

פון יעדערע הונדערט מענטשן אין זאל האָבן ניט ווייניקער ווי אכציק געקענט קאָרטשאגינען, און ווען אַפן ברעג פון ראַמפּע האָט זיך באַוויזן די באקאנטע פיגור און דער הויכער בלייכער באָכער האָט אָנגעהויבן ריידן, האָט מען אים אין זאל באגעגנט מיט פריידיקע אויסרופן און שטורמישע אָוואציעס.

— טייַערע כאַווייִרים!

קאָרטשאגינס שטימע איז געווען רויִק, אָבער פארבאהאלטן די אופרעגונג האָט זיך אים ניט אייַנגעגעבן.

— עס האָט פּאסירט אזוי, כאַווייִרים, אז איך האָב זיך אומגעקערט צו אייַך און פארנעם מייַן אָרט אין דער ריי. איך בין גליקלעך, וואָס כ׳האָב זיך אומגעקערט. איך זע דאָ א גאנצע ריי מייַנע כאַווייִרים. איך האָב בא אָקו־ניעוון געלייענט, אז בא אונדז אַף סאָלאָמענקע איז אַף א דריטל צוגעקומען נייַע יאטן, אז אין די ווארשטאטן און אין דעפּאָ איז שוין געקומען א סאָף צו די מייַסטערס פון די צינדמאשינקעס און אז פונעם לאָקאָמאָטיוון־בייסאַל־מען שלעפּט מען די בארמענעס אין קאפּיטאלן רעמאָנט. דאָס הייסט, אז

אונדזער לאַנד ווערט ווידער געבוירנ און זאמלט אָנ קרעפטנ. פאַראנ צוליב וואָס לעבנ אפ דער וועלט! נו, איז צי דענ האָב איכ געקענט אינ אזא צײַט שטארבנ!—און קאָרטשאגינס אויגנ האָבנ זיכ צעפינקלט אינ א גליקלעכנ שמייכל.

אונטער באגריסונג־אויסגעשרייענ איז קאָרטשאגינ אראָפּ אינ זאל און זיכ געלאָזט גיינ אהינ, ווו עס זײַנענ געזעסנ באָרכארט און טאליע. ער האָט גיכ א דריק געטאָנ עטלעכע הענט. די כאווײרים האָבנ געמאכט אנ אָרט, און קאָרטשאגינ האָט זיכ אוועקגעזעצט. אפ זײַנ האנט האָט זיכ אוועקגעלייגט טאליעס האנט און שטארק־שטארק זי צונויפגעדריקט.

ברייט זײַנענ צעעפנט אנעס אויגנ. עטוואָס ציטערנ די וויִעס, און איר בליק איז פול מיט פארוווּנדערונג און גרוס.

*

די טעג זײַנענ גיכ געלאָפנ. מע האָט ניט געקענט זאָגנ, אז זיי זײַנענ וואָכעדיקע. יעדער טאָג האָט געבראכט עטוואָס נײַס, און, אײַנטיילנדיק אינ־דערפרי זײַנ צײַט, האָט קאָרטשאגינ מיט פארדראָס באמערקט, אז אינ טאָג איז דאָ ווייניק שאָענ און עפּעס פונ דעם, וואָס ער האָט פארטראכט, בלײַבט ניט אויסגעפילט.

פּאווער האָט זיכ באזעצט בא אָקוניעוונ. ער האָט געארבעט אינ די ווארשטאטנ אלס געהילפ פונ אנ עלעקטראָמאָנטיאָר.

פּאווער האָט זיכ לאנג געאמפּערט מיט ניקאָלײַענ, ביזוואנענ ער האָט אימ אײַנגערעדט אײַנגיינ אפ זײַנ צײַטווײַליקנ אָפּרו פונ אָנפירנדיקער אר־בעט.

— אונדז פעלט מענטשנ, און דו ווילסט זיכ אָפּרוענ אינ צעכ. דו פאַ־רופ זיכ ניט אפ דער קראנקײַט. איכ בינ אליינ אויכ נאָכנ טיפוס א גאנצנ כוידעש מיט א שטעקל געגאנגענ אינ רײַקאָם. איכ קענ דאָכ דיכ, פּאווקע, די זאכ איז מיסטאָמע ניט אינ דעם. דו זאָג וועגנ דעם סאמע איקער,— האָט אפ אימ אָנגעגריפנ אָקוניעוו.

— דער איקער, קאָליע, איז פאראנ: איכ וויל זיכ לערנענ.

אָקוניעוו האָט זיכ צעריטשעט מיט טריִומפ:

— א-א!.. אָט וואָס! דו ווילסט, און איכ, לויט דײַנ מיינונג, וויל ניט? דאָס איז, ברודער, עגאָיִזמ. מיר, הייסט עס, וועלנ דרייענ די ראָד, און דו וועסט זיכ לערנענ. ניינ, טײַערינקער, מאָרגנ טאקע וועסטו גיינ אינ אָר־גינסטר.

אָבער נאָכ א לאנגער דיסקוסיע האָט זיכ אָקוניעוו אונטערגעגעבנ.

— צוויי כאדאָשים וועל איכ דיכ ניט טשעפּענ. זע, סארא גוטער איכ בינ. אָבער דו וועסט זיכ מיט צוועטאיעווג ניט צוזאמענארבעטנ. ער האָט זייער א הויכע מיינונג וועגנ זיכ.

קאָרטשאגינס אומקערנ זיכ אינ די ווארשטאטנ האָט צוועטאיעוו באגעגנט אָנגעשפיצט. ער איז געווענ זיכער, אז מיט קאָרטשאגינס קומענ וועט זיכ אָנהייבנ א קאמפ פאר דער אָנפירונג, און, א מענטש מיט א קרענקלעכער איינגליבע, האָט ער זיכ געגרייט געבנ א ווידערשטאנד. אָבער שוינ אינ די ערשטע טעג האָט ער זיכ איבערצייגט אינ דעם טאָעס זײַנעם. ווענ קאָרטשאגינ האָט זיכ דערוווסט וועגנ די פלענער פונ ביוראָ פונ קאָלעקטיוו ארײַנצופירנ אימ אינ זײַנ באשטאנד, איז ער אליינ געקומענ אינ צימער פונעם פאראנטוואָרטלעכנ סעקרעטאר, האָט זיכ פארופנ אפ דער דערעדטקײַט מיט אָקוניעוונ אונ געווירקט, מע זאָל אראָפנעמענ די פראגע פונ טאָג־אָרדענונג. אינ דעם צעכ־קעמערל פונ קאָמיוג האָט קאָרטשאגינ גענומענ אפ זיכ אָנפירנ מיט א קרײַזל פונ פאָליטגראמאָטע. נאָר קיינ ארבעט אינ ביוראָ האָט ער ניט געוואָלט. אונ דאָכ, ניט געקוקט אפ דעם, וואָס ער איז אָפיציעל געבליבנ שטיינ אָנאזײַט פונ דער אָנפירונג, האָט זיכ פאָרעלס ווירקונג געפילט אינ דער גאנצער ארבעט פונעם קאָלעקטיוו. אומבאמערקט, כאווערישׂ האָט ער ניט איינ מאָל ארויסגעפירט צוועטאיעוונ פונ א שווערער לאגע.

צוועטאיעוו איז אמאָל 'ארײַנ אינ צעכ אונ מיט פארוווּנדערונג דערזענ, ווי דאָס גאנצע קאָמיוגישע קעמערל אונ א דרײַ צענדליק אומפארטייִשע יאטנ האָבנ געוואשנ די פענצטער, גערייניקט די מאשינעס, אראָפגעסקראָבעט פונ זיי דעם פיליאָריקנ שמוץ אונ ארויסגעשלעפט אפנ הויפ דעם ברוכ אונ דאָס אלטווארג. פאוועל האָט פלײַסיק גערייבנ מיט א גרויסער בארשט דעם צעמענטענעמ דיל, וואָס איז געווענ פארגאָסנ מיט מאזוט אונ פעטקײַט.

— וואָס עפעס אינמיטנ דערינענ פוצט איר זיכ? — האָט צוועטאיעוו פארוווּנדערט געפרעגט פאוולען.

— מיר ווילנ ניט ארבעטנ אינ שמוץ. דאָ האָט צוואנציק יאָר קיינער ניט געוואשנ. מיר וועלנ פאר א וואָכ צײַט דעם צעכ פארוואנדלענ אינ א נײַעם, — האָט אימ קורצ געענטפערט קאָרטשאגינ.

צוועטאיעוו האָט א קוועטש געטאָנ מיט די אקסלענ אונ איז ארויס.

די עלעקטראָטעכניקער האָבנ זיכ דערמיט ניט צופרידנגעשטעלט אונ האָבנ זיכ גענומענ פארנ הויפ. דער דאָזיקער גרויסער הויפ איז שוינ פונ לאנג געוואָרנ א מיסטקאסטנ. וואָס איז דאָרטנ ניט געווענ! הונדערטער גאנג רעדער פונ וואגאָנעס, גאנצע בערג פארזשאווערטע אײַזנ, רעלסנ, בופערנ, בוקסעס — עטלעכע טויזנט טאָנ מעטאל האָט געזשאווערט אונטערנ פרײַענ הימל. אָבער דעם אַנגריפ אפ דעם דאָזיקנ מיסטקאסטנ האָט אָפגעשטעלט די אדמיניסטראציע:

— פאראנ מער וויכטיקע אופגאבנ, אונ דער הויפ קענ צוווארטנ.

דעמלט האָבנ די עלעקטריקער אויסגעברוקירט מיט ציגל דעם פלאצ

פארן אריינגאנג אין זייער צעך, פארפעסטיקט א דראָט־נעצל צו אָפּרייניקן די שיך פון קויט, און בא דעם איז מען געבליבן שטיין. אָבער אינווייניק אין צעך האָט מען פאָרגעזעצט אופראמען אין די אָוונטן, נאָך דער ארבעט. ווען אין א וואָך ארום איז אהער אריין דער הויפּט־אינזשעניער סטריזש, איז דער צעך אינגאנצן געווען פארגאָסן מיט ליכט. די ריזיקע פענצטער מיט דעם אייזערנעם געפלעכט פון די ראמען, באפרייטע פון דעם לאנגאָניקן שטויב, וואָס איז געווען אויסגעמישט מיט מאזוט, האָבן געעפנט א וועג פאר די זון־שטראלן, וועלכע זיינען אריינגעדרונגען אין מאשין־זאל און זיך העל אָפּגעשפיגלט אין די אָפּגעשייערטע קופערנע טיילן פון די דעטאלן. די שווערע טיילן פון די מאשינעס זיינען געווען אָפּגעפארבט מיט גרינער פארב, און אפילע אף די שפיצעס פון די רעדער האָט עמעצער זאָרגזאם אויסגעמאָלט געלע ווייזערס.

— נ־ניע...—האָט זיך סטריזש פארווונדערט.

אין א ווייטן ווינקל פון צעך האָבן עטלעכע מענטשן פארענדיקט די ארבעט. סטריזש איז צוגעגאנגען אהין. אנטקעגן אים איז געגאנגען קאָרטשאגין מיט א בלעכל פול מיט צעלאָזטע פארב.

— ווארט צו, טייערינקער,—האָט אים אָפּגעשטעלט דער אינזשעניער.— דאָס, וואָס איר טוט, איז מיר געפעלן. אָבער ווער האָט אייך געגעבן פארב? איך האָב דאָך פארווערט אָן מיין דערלויבעניש צו געברויכן עס— א דעפיציטער מאטעריאל. פארבן די טיילן פון די לאָקאָמאָטיוון איז וויכטיקער פון דעם, וואָס איר טוט.

— פארב האָבן מיר געקראָגן פון די ארויסגעוואָרפענע פארב־בלעכלעך. צוויי טעג האָבן מיר זיך געפּאָרעט ארום דעם אלטווארג און אָנגעסקראָבעט א פינף און צוואנציק פונט. דאָ איז אלץ געזעצלעך, כאווער טעכנישער אָנפירער.

דער אינזשעניער האָט נאָכאמאָל עפּעס א בורטשע געטאָן אונטערן נאָז, אָבער שוין אין פארלעגנהייט.

— דעמלט מעגט איר עס געוויס טאָן. נ־ניע... פונדעסטוועגן אינטערעסאנט... מיט וואָס קען מען דערקלערן אזא, ווי זאָל מען זיך אויסדריקן, פריי־ווילִיקע שטרעבונג צו ריינקייט אין צעך? איר האָט דאָך עס אָפּגעטאָן ניט אין דער ארבעט־צייט?

קאָרטשאגין האָט באמערקט אין דער שטים פונעם טעכנישן אָנפירער, אז ער באנעמט עס בעשומויפן ניט.

— געוויס. און ווי האָט איר געטראכט?

— יע, אָבער...

— וואָס פאר אן „אָבער", כאווער סטריזש. ווער האָט אייך געזאָגט, אז באָלשעוויקעס וועלן לאָזן צו רו די דאָזיקע שמוץ? ווארט צו, מיר

וועלן דעם דאָזיקן איניען צעבלאָזן ברייטער. איר וועט נאָך האָבן אַפּ וואָס א קוק צו טאָן און זיך וווּנדערן.

און פאַרזיכטיק פאַרביַיגייענדיק דעם אינזשעניער, קעדיי אים ניט איַינ־שמירן אין פארב, איז קאָרטשאגין אוועק צו דער טיר.

*

אין די אָוונטן פלעגט קאָרטשאגין בלײַבן זיצן גאנץ שפּעט אין דער עפנטלעכער ביבליאָטעק. ער האָט דאָ פאַרפירט א שטארקע באקאנטשאפט מיט אלע דרײַ ביבליאָטעקערנס, ער האָט אויסגענוצט אלע מיטלען פון פּראָפּאגאנדע, און ענדלעך באקומען דאָס געגארטע רעכט אַפּ פרײַ דורכ־קוקן די ביכער. פאווע̇ל פלעגט צושטעלן א לייטערל צו די קאָלאָסאלע ביכער־אלמערס, שאָענוויַיז אָפּזיצן אַפּ אים, בלעטערן א בוך נאָך א בוך און זוכן דאָס אינטערעסאנטע און נייטיקע. אין זייער מערהײַט זײַנען די ביכער געווען אלטע. די נײַע ליטעראטור האָט זיך באשיידן אײַנגעלייגט אין איינעם א קליינעם אלמער. דאָ זײַנען געווען צונויפגעזאמלט צופעליק ארײַנגעפאלענע בראָשורן פונעם פעריאָד פון בירגער־קריג, מארקס „קא־פּיטאל“, „די איַיזערנע פיאטע“ און נאָך עטלעכע ביכער. צווישן די אלטע ביכער האָט קאָרטשאגין געפונען דעם ראָמאן „ספּארטאק“. נאָך דעם, ווי ער האָט אים אין מעשעך פון צוויי נעכט איַינגעשלונגען, האָט פאווע̇ל איבערגעטראָגן דעם דאָזיקן בוך אין אלמער און אים אוועקגעשטעלט לעבן די ביכער פון מ. גאָרקי. איבערשלעפּן די מער אינטערעסאנטע און נאָ־ענטע ביכער האָט ער פאַרגעזעצט די גאנצע צײַט.

די ביבליאָטעקערנס האָבן אים דאָס ניט געשטערט—זיי איז געווען אלציינס.

*

אין קאָמיוגישן קאָלעקטיוו איז די מאָנאָטאָנע רויִקײַט שטארק צעשטערט געוואָרן דורך א פּאסירונג, ווי ס'האָט זיך צוערשט אויסגעדוכט, אן אומ־באדײַטנדיקער: א מיטגליד פון קעמערל־ביוראָ פון מיטעלן רעמאָנט, קאָסטקע פידין, א יאט מיט א פאריסענעם נעזל, מיט א געשטופּלטן פּאָנעם, א פלעגמאטישער, האָט, בויערנדיק אן איַיזערנע פּליטע, צעבראָכן א טײַערן אמעריקאנישן עגבער. ער האָט אים צעבראָכן אראנק זײַן גוואלדיקער אָפּ־געלאָזנקײַט. נאָך ערגער—קימאט בעקיוון. פאַרגעקומען איז עס אינדערפרי. דער עלטערער מײַסטער פון מיטעלן רעמאָנט, כאָדאָראָוו, האָט פאַרגעלייגט קאָסטקען אויסבויערן אין דער פּליטע עטלעכע לעכער. קאָסטקע האָט צו־ערשט זיך אָפּגעזאָגט, נאָר אונטערן דרוק פונעם מײַסטער האָט ער גע־נומען די פּליטע און אָנגעהויבן בויערן. כאָדאָראָוו האָט מען אין צעך ניט ליב געהאט דערפאר, וואָס ער פלעגט אן אנדערשמאָל זיך בינדן

צו די ארבעטער. ער איז אמאָל געווענ א מענשעוויק. אינ געזעלשאפטלעכנ לעבנ האָט ער ניט גענומענ קיינ שומ אָנטייל, אפ קאָמיוגיסטנ האָט ער געקוקט קרומ, אָבער זײַנ זאַכ האָט ער געוווסט אויסגעצייכנט אונ זײַנע פליכטנ האָט ער אויסגעפילט געוויסנהאפט. דער מײַסטער האָט באמערקט, אז קאָסטקע בויערט „אפ טרוקנ“, באגיסט ניט דעמ עגבער מיט אייל. דער מײַסטער איז טייקעפ צוגעגאנגענ צומ בויער־ווערקשטעל אונ אימ אָפגעשטעלט.

— ביסט בלינד געוואָרנ, צי וואָס, אָדער דו ביסט ערשט נעכטנ געקומענ אהער?—האָט ער אָנגעהויבנ שרײַענ אפ קאָסטקענ, ווייסנדיק, אז באַ אזא ארבעט וועט דער עגבער אומבאדינגט געפאַטערט ווערנ.

אָבער קאָסטקע האָט אויסגעזידלט דעמ מײַסטער אונ ווידער געלאָזנ דעמ ווערקשטעל. כאָדאָראָוו איז אוועק קלאָגנ זיכ צומ נאטשאלניק פונ צעכ, אונ קאָסטקע, ניט אָפשטעלנדיק דעמ ווערקשטעל, איז אומגעלאָפנ זוכנ אנ אייל־קענדל, קעדיי ביז מע וועט קומענ פונ דער אדמיניסטראציע, זאָל אלצ זײַנ אינ אָרדענונג. ביזוואנענ ער האָט געפונענ אנ אייל־קענדל אונ זיכ אומגעקערט, האָט זיכ שוינ דער עגבער צעבראָכנ. דער נאטשאלניק פונ צעכ האָט דערלאנגט א ראפאָרט וועגנ באפרײַענ פונ דער ארבעט פידינענ. די ביוראָ פונ קאָמיוג־קעמערל האָט זיכ אײַנגעשטעלט פאר קאָסטקענ, פארופנדיק זיכ אפ דעמ, אז כאָדאָראָוו רוידעפט דעמ קאָמיוגישנ אקטיוו. די אדמיניסטראציע איז באשטאנענ אפ אירס. אונ די באהאנדלונג פונ דעמ איניענ איז אריבערגעגאנגענ אינ ביוראָ פונ קאָלעקטיוו. דערפונ האָט זיכ עס אָנגעהויבנ.

פונ די פינפ מיטגלידער פונ ביוראָ זײַנענ דרײַ געווענ דערפאר, אז קאָסטקענ זאָל מענ ארויסטראָגנ אנ אויסרייד אונ אריבערפירנ אפ אנ אנדער ארבעט. צווישנ זיי איז געווענ צוועטאיעוו. צווייענ ווידער האָבנ ביכלאל ניט געהאלטנ קאָסטקענ פאר שולדיק.

די זיצונג פונ ביוראָ איז פאָרגעקומענ אינ צוועטאיעווס צימער. דאָ איז געשטאנענ א גרויסער טיש, איבערגעדעקט מיט רויטנ שטאָפ, עטלעכע לאנגע בענק אונ בענקלעכ, וואָס די יאטנ פונ סטאָליער־ווארשטאט האָבנ געמאכט מיט די אייגענע הענט. אפ די ווענט—בילדער פונ די פירער, הינטערנ טיש, אינ דער גאנצער לענג פונ וואנט—א צעוויקלטע פאָנ פונ קאָלעקטיוו.

צוועטאיעוו איז געווענ א „באפרײַטער טוער“. א שמיד לויט דער פראָפעסיע, האָט ער, אדאנק זײַנע פייִקײַטנ, פאר די לעצטע פאָר כאדאָשימ ארויסגערוקט זיכ אפ אָנפירנדיקער ארבעט אינ קאָמיוגישנ קאָלעקטיוו. ער איז ארײַנ אלס מיטגליד אינ ביוראָ פונ רײַקאָמ אונ אינ באשטאנד פונ גובקאָמ. א שמיד איז ער געווענ אפנ מעכאנישנ זאוואָד, אונ אינ די ווארשטאטנ איז ער געווענ א נײַער. פונ די ערשטע טעג אָנ האָט ער פעס־

גענומען די לייצעס אין די הענט. אן איינגעגלויבטער אין זיך און אן אנט־שלאָסענער, האָט ער באלד טאקע צוגעשטיקט די פערזענלעכע איניציאַטיוו פון די יאטן, פאר אלץ געכאפּט זיך אליין און, ניט ארומכאפּנדיק אינגאנצן די ארבעט, אָנגעהויבן דערלאַנגען זיינע געהילפן פאר אומטעטיקייט.

אפילע דער צימער איז אויך דעקאָרירט געוואָרן אונטער זיין פערזענ־לעכער אויפזיכט.

צוועטאיעוו האָט זיך ברייט צעלייגט אין דעם איינציקן ווייכן פאָטעל, וואָס מע האָט אהער געבראכט פונעם רויטן ווינקל, און געפירט די זיצונג. די זיצונג איז געווען א פארמאכטע. ווען דער פארטאָרג כאָמוטאָוו האָט געבעטן א וואָרט, האָט אין דער פארקייטלטער טיר עמעצער אָנגעקלאפּט. צוועטאיעוו האָט זיך אומצופרידן א קרים געטאָן. דער קלאפּ האָט זיך איבערגעכאזערט. קאטיושע זעליאָנאָווע איז אופגעשטאנען און אָפּגעקייטלט די טיר. הינטער דער טיר איז געשטאנען קאָרטשאגין. קאטיושע האָט אים דורכגעלאָזן.

פּאוועל האָט שוין גענומען גיין צו דעם פרייען בענקל, ביים צווע־טאיעוו האָט צו אים א זאָג געטאָן:

— קאָרטשאגין! בא אונדז איז איצטער א פארמאכטע ביוראָ.

פּאוועל איז רויט געוואָרן, און ער האָט זיך לאנגזאם א קער געטאָן צום טיש.

— איך ווייס עס. מיך אינטערעסירט אייער מיינונג וועגן קאָסטקעס איניעו. אין פארבינדונג דערמיט וויל איך אוועקשטעלן א נייע פראגע. און דו ביסט קעגן מיין אָנוועזנהייט, וואָס?

— איך בין ניט קעגן. אָבער דו ווייסט דאָך, אז אפ פארמאכטע זיצונ־גען קענען זיין בלויז מיטגלידער פון ביוראָ. ווען עס איז אסאך מענטשן, איז שווער צו באהאנדלען א פראגע, נאָר וויבאלד דו ביסט געקומען, טאָ זעץ זיך.

אזא פּאטש אין פּאָנעם האָט קאָרטשאגין באקומען דאָס ערשטע מאָל. אף זיינע שטערן צווישן די ברעמען האָט זיך אוועקגעלייגט א קנייטש.

— צו וואָס אזעלכע פאָרמאליטעטן? — האָט ארויסגעזאָגט זיין אומצו־פרידנקייט כאָמוטאָוו. אָבער קאָרטשאגין האָט אים אָפּגעשטעלט מיט א זשעסט און אוועקגעזעצט זיך אפן בענקל. — איך האָב אָט וועגן וואָס גע־וואָלט זאָגן, — האָט כאָמוטאָוו אָנגעהויבן. — וואָס איז שייך כאַדאָראָוון, איז ריכטיק, אז ער איז א מענטש א זייטיקער, אָבער בא אונדז איז מיט דיס־ציפּלין ניט גלענצנדיק. אויב אלע קאָמיוגיסטן וועלן אָנהייבן אזוי פּאטערן עגבערס, וועלן מיר ניט האָבן מיט וואָס צו ארבעטן. און וואָס איז שייך די אומפארטייישע, איז דאָס פאר זיי א ביישפּיל גאָרניט קיין גוטער. איך רעכן, אז דעם יאט דארף מען געבן א וואָרענונג.

צוועטאיעוו האָט אים ניט געלאָזן ענדיקן און אָנגעהויבן דערווידערן: קאָרטשאגין האָט זיך צוגעהערט א מינוט צען און פארשטאנען די איינשטע־

לונג פון ביוראָ. ווען מע איז שוין צוגעטראָטן צו שטימען, איז ער ארויסגעטראָטן מיט א מעלדונג. צוועטאיעוו האָט זיך אָנגעטאָן א קויעך און געגעבן אים א וואָרט.

— איך וויל אייַך איבערגעבן, כאווײרים, מייַן מיינונג וועגן קאָסטקעס איניען.

קאָרטשאגינס שטימע איז געווען שטארקער, ווי ער האָט געוואָלט.

— קאָסטקעס איניען, — דאָס איז א סיגנאל, און דער איקער איז דאָ ניט אין קאָסטקען. איך האָב נעכטן צונויפגעזאמלט אביסל ציפערן. — פּאַוועל האָט ארויסגענומען פון קעשענע א נאָטיץ־ביכל. — דאָס האָט געגעבן דער טאבעלשטשיק. הערט נאָר אויפמערקזאם: דרייַ און צוואנציק פּראָצענט קאָמיוגיסטן פארשפּעטיקן טאָגטעגלעך אף דער ארבעט פון פינף ביז פופצן מינוט. דאָס איז שוין א געזעץ. זיבעצן פּראָצענט קאָמיוגיסטן לאָזן דורך איינעם אָדער צוויי ארבעט־טעג אין כוידעש סיסטעמאטיש, אין דער צייַט וועגן די אומפּארטייישע יוגנט האָט פערצן פּראָצענט פּראָגולשטשיקעס. די דאָזיקע ציפערן שמייַסן ערגער פון א קאנטשיק. איך האָב פארבייגייענדיק פארשריבן נאָך עפּעס: צווישן די פּארטייישע זייַנען דאָ פּראָגולשטשיקעס פיר פּראָצענט, צו איין טאָג אין כוידעש, און עס פארשפּעטיקן אויך פיר פּראָצענט. צווישן די אומפּארטייישע, די דערוואקסענע, זייַנען דאָ פּראָגולשטשיקעס עלף פּראָצענט, צו איין טאָג אין כוידעש, און עס פארשפּעטיקן דרייַצן פּראָצענט. וואָס שייַעך בּרעכן אינסטרומענטן — פּאלט נייַנציק פּראָצענט אף דער יוגנט, צווישן וועלכע עס זייַנען דאָ זיבן פּראָצענט נאָרוואָס צוגענומענע אף דער ארבעט. פונדאנען איז דער אויספיר: מיר ארבעטן אסאך ערגער פאר די פּארטייער און עלטערע ארבעטער. אָבער די דאָזיקע לאגע איז ניט אומעטום גלייַך. דעם שמיד־צעך קען מען בלויז מעקאנע זייַן, בא די עלעקטריקער איז באפרידיקנדיק, און בא די איבעריקע איז מער אָדער וויניקער גלייַך. דער כאווער כאָמוטאָוו האָט, לויט מייַן מיינונג, געזאָגט וועגן דיסציפּלין בלויז אף א פערטל. פאר אונדז שטייט אן אויפגאבע — אויסגלייַכן די דאָזיקע זיגזאגן. איך וועל ניט נעמען אגיטירן און מיטינגירן, אָבער מיר דארפן מיטן גאנצן צאָרן זיך ארופוארפן אף דער צעלאָזנקייַט און אָפּגעלאָזנקייַט. די אלטע ארבעטער זאָגן פּאָשעט: אפן באלעבאָס האָט מען געארבעט בעסער, אפן קאפּיטאליסט האָט מען געארבעט פלייַסיקער, און איצט, ווען מיר זייַנען אליין געוואָרן באלעבאטים, איז אזא לאגע בעשומויפן ניט דערלאָזבאר. און אין דער ערשטער ריי איז שולדיק ניט אזויפיל קאָסטקע אָדער ווער ניט איז אנדערש, נאָר מיר אלע, ווייַל ניט נאָ־ וואָס מיר האָבן ניט געפירט קיין קאמפּ מיט אָט דעם בייז ווי עס דארף צו זייַן, נאָר, פארקערט, אונטער דער אָדער יענער מאָטיווירונג פארטיידיקט אמאָל אזעלכע, ווי קאָסטקע. דאָ האָבן נאָרוואָס סאמאָכין און בוטיליאק געזאָגט, אז פידין איז אונדזערער א יאט, ווי מע

זאָגט, אנ אייגענער: אנ אקטיוויסט, טראָגט אנ אָנלאָדונג. נו, מיילע, האָט ער דאָרטנ א בראָכ געטאָנ אנ עגבער, — געהערט, א גוואלדיקער איניען, בא וועמענ טרעפט עס ניט. דערפאר אָבער אנ אייגענער יאט, אונ דער מײַסטער איז — א פרעמדער... כאָטש מיט כאַדאָראָװנ פירט קיינער ניט קיינ אַרבעט... דער דאָזיקער קלעק האָט א דרײַסיקיאָריקנ ארבעט־סטאַזש! מירנ ניט ריידנ וועגנ זײַנ פּאָליטישער פּאָזיציע. איצט איז ער געװעכט: ער, דער פרעמדער, היט דאָס מעלוכישע האָב אונ גוטס, אונ מיר פּאטערנ אויסלענדישע אינסטרומענטנ. ווי זאָל מענ אָנרופנ אזא זאכ? איכ האַלט, אז מיר וועלנ איצט דערלאנגענ דעמ ערשטנ קלאפּ אונ וועלנ אָנהייבנ אנ אָנגריפ אפנ דאָזיקנ באַצירק.

איכ לייג פאָר: פּידינענ, ווי א לאָדער, א צעלאָזענעמ אונ דעזאָרגאַניזאַטער פונ דער פּראָדוקציע, פונ קאָמיוג אויסשליסנ. וועגנ זײַנ איניענ אָנשרײַבנ אינ וואַנטצײַטונג אונ אָפנ, ניט מוירע האָבנדיק פאר קיינ שום רייד, אָפּדרוקנ אָט די דאָזיקע ציפערנ אינ א לייטארטיקל. מיר האָבנ קוילעס, מיר האָבנ אפּ וועמענ זיכ אָנצושפּארנ. די גרונט־מאַסע קאָמיוגיסטנ זײַנענ גוטע פּראָדוצירער. פונ זיי זײַנענ זעכציק מאַנ דורכגעגאַנגענ באָיארקע, אונ די דאָזיקע שול איז די סאַמע זיכערע. מיט זייער הילפּ אונ בא זייער אָנטייל וועלנ מיר דעמ דאָזיקנ זיגזאַג אויסגלײַכנ. מע דארפ בלויז איינמאָל פאר אלעמאָל אָפּוואַרפנ אזא צוגאַנג צו דער זאכ, ווי דער איצטיקער.

געוויינלעכ א רויִקער אונ שווײַגנדיקער, האָט איצט קאָרטשאַגינ גערעדט הייס אונ שאַרפּ. צוועטאיעװ האָט צומ ערשטנ מאָל געזענ דעמ עלעקטריקער אינ זײַנווירקלעכנ אויסזענ. ער האָט אנערקענט, אז קאָרטשאַגינ איז געװעכט. אָבער אײַנשטימענ מיט אימ האָט געשטערט אלצ די זעלבע אָנגעשפּיצטע באַציִונג צו קאָרטשאַגינענ. קאָרטשאַגינס ארויסטרעטונג האָט ער פארשטאַנענ, וו[illegible] א שאַרפּע קריטיק פונ דעמ אלגעמיינעמ צושטאַנד פונ דער אָרגאַניזאַציע, ווי א שפּיצל אפּ אונטערגרײַסנ זײַנ — צוועטאיעװס — אווטאָריטעט. אונ ער האָט באַשלאָסנ צעקלאַפּנ דעמ מאָנטיאָר. זײַנע דערווידערונגענ האָט ער גלײַכ אָנגעהויבנ פונ באַשולדיקנ קאָרטשאַגינענ אינ דעמ, אז ער פארטיידיקט דעמ מענשעוויק כאַדאָראָװ.

דרײַ שאָ האָט געדויערט דער ליידנשאַפטלעכער שטרײַט. שפּעט אינאָוונט זײַנענ אונטערגעפירט געוואָרנ זײַנע סאַכאַקלענ: צעקלאַפּט פונ דער אומראַכמאָנעסדיקער לאָגיק פונ די פאַקטנ אונ פארלאָרנ די מערהײַט, וועלכע איז אריבערגעגאַנגענ אפּ קאָרטשאַגינס זײַט, האָט צוועטאיעװ געמאַכט א פאלשנ טראָט — ער האָט געבראָכנ די דעמאָקראַטיע: פארנ אַנטשיידנעמ אָפּשטימענ האָט ער פּאָרגעלייגט קאָרטשאַגינענ ארויסגיינ פונ צימער.

— גוט, איכ וועל ארויסגיינ, כאָטש דאָס פארשאַפט דיר ניט קיינ קאָװעד, צוועטאיעװ. איכ וואָרנ בלויז, אז אויב דו וועסט פּאָרט באַשטיינ אפּ דײַניקע, וועל איכ מאָרגנ ארויסטרעטנ אפּ דער אלגעמיינער פארזאַמ־

לונג און — איך בין זיכער — דו וועסט דאַרטן קיין מערהייט ניט באַקומען. דו, צוועטאיעוו, ביסט ניט געראַכטס. איך מיין, כאָטש איך רעד מיטן, אַז דו ביסט פּאַרפּליכטעט איבערטראָגן די דאָזיקע פֿראַגע אין פּאַרטקאָלעקטיוו נאָך ביז דער אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג.

צוועטאיעוו האָט אַרויסרופֿעריש אויסגעשריגן:

— וואָס שרעקסטו מיך? איך ווייס אָן דיר אַהין דעם וועג, מיר וועלן אויך וועגן דיר אַ רעד טאָן. אויב דו אַרבעטסט אַליין ניט, איז שטער ניט אַנדערע.

פּאַוועל האָט צוגעמאַכט די טיר, אַ ריב געטאָן מיט דער האַנט דעם הייסן שטערן און איז אַוועק דורך דער ליידיקער קאָנטאָר צום אַרויסגאַנג. אויפֿן גאַס האָט ער אָפּגעעטעמט מיט דער גאַנצער ברוסט, ער האָט פֿאַרויכערט אַ פּאַפּיראָס און איז אַוועק צו דעם קליינעם הייזל אויפֿן באַטיקער באַרג, וווּ עס האָט געוווינט טאָקאַרעוו.

קאָרטשאַגין האָט געטראָפֿן דעם שלאָסער עסנדיק אָונטברויט.

— דערציילן, לאָמיר הערן, וואָס פֿאַראַ נייס האָט איר דאָרט. דאַריע, ברענג אָקאָרשט פֿאַר אים אַ שיסל קאַשע, — האָט טאָקאַרעוו געזאָגט און אַוועקגעזעצט פּאַוועלן באַם טיש.

דאַריע פּאָמינישנע, טאָקאַרעווס ווייב, אַ קליינע קעגנזאַץ צו דעם מאַן, אַ הויכע, אַ פֿול־לייביקע, האָט אַוועקגעשטעלט פֿאַר פּאַוועלן אַ טעלער היר־זשענע קאַשע, אָפּגעווישט מיטן ווייסן פֿאַרטעך די פֿייכטע ליפּן און גוטמוטיק געזאָגט:

— עס, טייערער!

*

פֿריִער, ווען טאָקאַרעוו האָט געאַרבעט אין די וואַרשטאַטן, פֿלעגט זיך קאָרטשאַגין דאָ אָפֿט פֿאַרזיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט. אָבער איצטער, נאָכן אומקערן זיך אין שטאָט, איז ער באַם אַלטן געווען דאָס ערשטע מאָל.

דער שלאָסער האָט פּאַוועלן אויפֿמערקזאַם געהערט. אַליין האָט ער גאָר־נישט ניט גערעדט, פֿלייסיק געאַרבעט מיטן לעפֿל און עפּעס אָפֿט געבורטשעט צו זיך. פֿאַרענדיקט מיט דער קאַשע, האָט ער אָפּגעווישט מיט אַ טיכל די וואָנצעס און זיך אויסגעהוסט.

— דו ביסט, פֿאַרשטייט זיך, גערעכט. אונדז איז שוין לאַנג צייט צו שטעלן די דאָזיקע פֿראַגע שאַרף. די וואַרשטאַטן — דאָס איז דער גרונט־קאָ־לעקטיוו אין ראַיאָן, פֿונדאַנען דאַרף מען אָנהייבן. הייסט עס, דו האָסט זיך מיט צוועטאיעוון אַ ראַנגל געטאָן? שלעכט. אַ יאָט איז ער אַ פֿאַרזענער, אָבער דו האָסט דאָך געקענט מיט די יאַטן אַרבעטן? אגעוו, וואָס טוסטו אין די וואַרשטאַטן?

— איך בין ין צעכ. ביכלאל פּאַרקע איך זיך אומעטום צוביסלעכ. בא זיך אינ קעמערל פיר איך א קרייזל פונ פּאַליטגראמאַטע.

— אונ אינ ביוראָ וואָס טוסטו?

קאַרטשאגינ האָט זיך פארהאקט.

— פאר דער ערשטער צײַט, קאַלזמאנ איך בינ נאָכ געווענ שלאפּ, אונ אפ וויפל כ'האָב געטראכט לערנענ זיך, האָב איך אינ דער אָנפירונג קיינ שומ אָנטייל ניט גענומענ.

— אָט האָסטו דיר!—האָט מיט אומצופרידנקײַט א זאָג געטאָנ טאָקארעוו.—וויסט, טײַערער, איינ זאכ ראטעוועט דיך ארויס פונ קלעפּ—דאָס איז דײַנ שוואכער געזונט. אונ איצטער האָסטו זיך אביסל פאריכט?

— יע.

— נו, איז אָט, נעמ זיך צו דער זאכ ווי ס'באדארפ צו זײַנ. ניטאָ וואָס צו זײַענ וואסער. ווו איז דאָס געזונט געוואָרנ, אז פונ דער זײַט זאָל מענ קענענ אופטאָנ עפּעס רעכטס. כוצ דעמ וועט דיר יעדערער זאָגנ—דו דרייסט זיך ארויס פונ פאראנטוואָרטלעכקײַט, אונ דו ווערסט ניט האָבנ מיט וואָס זיך צו פארענטפערנ. מאָרגנ פאריכט דאָס אלצ דאָרטנ, אונ איך וועל אָקו־ניעווו אָנדרייענ די אויערנ,—האָט פארענדיקט טאָקארעוו מיט א טאָנ פונ אומצופרידנקײַט אינ דער שטימע.

— דו טשעפּע אימ ניט, טאטעשי,—האָט זיך פאוועל פאר אימ אײַנ־געשטעלט,—איך האָב אליינ געבעטנ, מע זאָל מיך ניט אָנלאָדנ.

טאָקארעוו האָט אומצופרידנ א פײַפ געטאָנ.

— דו האָסט געבעטנ, אונ ער האָט דיך באפרידיקט? נו גוט, וואָס קענ מענ מיט אײַכ, מיט קאָמסא, טאָנ... נעמ, טײַערער, לויט דער אלטער גע־וווינשאפט אונ גיב א לייענ די צײַטונג... מײַנע אויגנ הינקענ אונטער.

*

די ביוראָ פונ פּארטקאָלעקטיוו האָט באגיטיקט די מיינונג פונ דער מער־הײַט פונ דער יוגנט־ביוראָ. פאר דעמ פּארטיייִשנ אונ קאָמיוגישנ קאָלעק־טיוו איז אוועקגעשטעלט געוואָרנ א וויכטיקע אונ א שווערע אופגאבע: מיט פערזענלעכער ארבעט ווײַזנ א בײַשפּיל פונ ארבעט־דיסציפּלינ. אפ דער ביוראָ האָט מענ צוועטאיעוונ גרונטלעכ א ריב געטאָנ די זײַטנ. לעכאטכילע האָט ער זיך אָנגעשטעלט ווי א הענדל, אָבער צוגעשפּארט צו דער וואנט דורכ דער ארויסטרעטונג פונעמ פאראנטוואָרטלעכנ סעקרעטאר לאָפּאכינ, אנ עלטערער מענטש מיט א געל־בלייכנ געזיכט פונ שווערנ טובערקוליאָז, האָט צוועטאיעוו זיך אונטערגעגעבנ אונ אפ העלפט אנערקענט זײַנ פעלער.

אפ מאָרגנ האָבנ זיך אינ די וואנטצײַטונגענ פונ די ווארשטאטנ בא־וויזנ ארטיקלענ, וואָס האָבנ צוגעצויגנ די אופמערקזאמקײַט פונ די אר־

בעטער. מע האָט זיי געלייענט אינדערהויך און הייס באהאנדלט. אינאָוונט האָט מען אפ דער אויסערגעוויינלעך געפּאקטער פארזאמלונג פון יוגנטלעכן קאָלעקטיוו געהאלטן אין איין שמועסן וועגן זיי.

קאָסטקען האָט מען אויסגעשלאָסן, און אין ביוראָ פון קאָלעקטיוו האָט מען אריינגעפירט א נייעם כאווער, א נייעם פּאָליטופּקלער — קאָרטשאגינען.

אויסערגעוויינלעך שטיל און געדולדיק האָט מען אויסגעהערט נעזש־דאנאָוון. און יענער האָט גערעדט וועגן נייע אופגאבן, וועגן א נייעם עטאפּ, אין וועלכן עס זיינען אריינגעטראָטן די אייזנבאן־ווארשטאטן.

נאָך דער פארזאמלונג האָט קאָרטשאגין אפ דער גאס אָפּגעווארט צוועטאיעוון.

— קום צוזאמען, מיר האָבן וועגן וואָס זיך דורכצושמועסן, — איז ער צוגעגאנגען צום פאראנטוואָרטלעכן סעקרעטאר.

— וועגן וואָס וועט זיין דער שמועס? — האָט געפרעגט צוועטאיעוו.

פּאוועל האָט אים גענומען אונטער דער האנט און, אָפּגייענדיק מיט אים עטלעכע טריט, אָפּגעשטעלט זיך לעבן א בענקל.

— לאָמיר זיך צוזעצן א ווײַלע, — און ער האָט זיך דער ערשטער גע־זעצט.

דאָס פּײַערל פון צוועטאיעווס פּאפּיראָס האָט דאָ אופגעפלאמט, דאָ זיך אויסגעלאָשן.

— זאָג, צוועטאיעוו, פארוואָס שארפסטו אפ מיר די ציינער?

עטלעכע מינוט האָבן זיי געשוויגן.

— וועגן דעם גאָר — און איך האָב געמיינט, אז דו האָסט עפּעס אן איניען. — צוועטאיעווס שטימע איז געווען ניט קיין רויִקע, קלוימערשט א פארכידעשטע.

פּאוועל האָט פעסט אוועקגעלייגט זיין האנט אפ צוועטאיעווס קני.

— הער אוף, דימקע, מאכן דעם אָנשטעל. אזוי דרייען א היטל בלויז דיפּלאָמאטן. דו גיב בעסער אן ענטפער: פארוואָס בין איך דיר ניט געפעלן?

צוועטאיעוו האָט זיך אומגעדולדיק א דריי געטאָן.

— וואָס ווילסטו? וואָס פארא ברויגעז, כ'האָב דאָך אליין דיר פאָרגע־לייגט ארבעטן. דו האָסט זיך אָפּגעזאָגט. און איצט, קומט אויס, אז איך רוק דיך קלוימערשט אָפּ.

פּאוועל האָט ניט געפילט קיין אופריכטיקייט אין זיינע ווערטער, און ניט אראָפּנעמענדיק די האנט פון דער קני, האָט ער גענומען ריידן אופגע־רעגט:

— ווילסט ניט ענטפערן, וועל איך זאָגן. דו מיינסט, איך וועל דיר דעם וועג פארכאפּן. מיינסט — מיר ווילט זיך דאָס אָרט פונעם פאראנטוואָרט־לעכן סעקרעטאר? וואָרעם אויב ניט דאָס, וואָלט דאָך ניט געווען קיין אמ־פערניש צוליב קאָסטקען. אזעלכע באציִונגען פארקריפּלען די גאנצע אר־

בעט. ווען דאָס וואָלט געשטערט בלויז אונדז צווייען, איז כאָפּט עס דער טײַוול — איז ניט געפערלעך, טראַכט, וואָס דו ווילסט. אָבער מיר וועלן דאָך מאָרגן אַרבעטן אין פּאָר. וואָס וועט דערפון אַרויסקומען? איך פאַרשטיי ניט. וואָס קענען מיר זיך דאָ ניט צעטיילן? מיר זײַנען אַרבעטער־יאַטן. אויב דיר איז אונדזער זאַך טײַערער פון אַלץ, וועסטו מיר געבן א האַנט, און מיר וועלן טאַקע מאָרגן אָנהייבן אַרבעטן כאַוועריש. און אויב דו וועסט די דאָזיקע מיסט ניט אַרויסוואַרפן פון קאָפּ און וועסט גיין מיטן וועג פון סקלאָקעס, איז פאַר יעדער דורכפאַל אין דער אַרבעט, וואָס וועט זיך צוליב דעם באַקומען, וועלן מיר זיך שטאַרק שלאָגן. אָט נאַ דיר א האַנט, נעם, קאָל־זמאַן דאָס איז א האַנט פון א כאַווער.

מיט גרויס צופרידנקייט האָט קאָרטשאַגין דערפילט אַף זײַן דלאָניע צוועטאַיעווס ביינערדיקע פינגער.

*

עס איז אַדורך א וואָך. אין רײַקאָמפּאַרט האָט זיך געענדיקט די אַרבעט. אין די אָפּטיילן איז געוואָרן שטיל. אָבער טאָקאַרעוו איז נאָך ניט אוועקגעגאַנגען: דער אַלטער איז געזעסן אין פּאָטעל און פאַרטיפט געלייענט פרישע מאַטעריאַלן. אין טיר האָט מען אָנגעקלאַפּט.

— אַהאַ! — האָט געענטפערט טאָקאַרעוו.

עס איז אַרײַן קאָרטשאַגין און אוועקגעלייגט פאַרן סעקרעטאַר צוויי פאַרפילטע אַנקעטעס.

— וואָס איז עס?

— דאָס איז, פאָטער, ליקווידאַציע פון אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט. איך טראַכט, ס׳איז שוין צייט. אויב דו ביסט אויך בא דער זעלבער מיינונג, בעט איך דאַן דײַן שטיצע.

טאָקאַרעוו האָט א בליק געטאָן אַפן קעפל, נאָכדעם, א קוק געטאָן א ווײַלע אַפן יונג, האָט ער שווײַגנדיק גענומען די פעדער און אין האַנט און אין דער רובריק, וווּ עס האָט זיך געשריבן וועגן דעם פּאַרטיי־סטאַזש פון די, וועלכע רעקאָמענדירן דעם כאַווער קאָרטשאַגין פּאַוועל אַנדרייעוויטש אַלס קאַנדידאַט אין ר.ק.פ.(ב), האָט ער פעסט אָנגעשריבן „1903 יאָר" און דערנאָך אוועקגעשטעלט זײַן פּאַשעטע אונטערשריפט.

— נאַ, זונעלע, איך גלויב, אַז דו וועסט קיינמאָל ניט פאַרשעמען מײַן גרויען קאָפּ.

*

אין צימער איז דושנע, און אייך געדאַנק: וואָס גיכער אַהין, אין די קאַשטאַנ־אַלייען פון סאָלאָמענקע, וואָס נעבן וואָקזאַל.

— ענדיק, פּאַוקע, כ׳האָב מער קיין קויעך ניט, — האָט געבעטן צוועטאַ־

יעוו, באגיסנדיק זיך מיט שוויס. קאטיושע און נאָך אנדערע האָבן אים אונ־טערגעהאלטן.

קאַרטשאגין האָט פארמאכט דעם בוך. דער קרײַזל האָט געענדיקט די ארבעט.

ווען מע האָט זיך אופגעהויבן אלע צוזאמען, האָט אף דער וואנט אומ־רויִק זיך צעקלונגען דער אלטיטשקע „עריקסאָן".

באמיִענדיק זיך איבערשרײַען די פילדערנדיקע אין צימער, האָט צווע־טאיעוו אָנגעהויבן ריידן.

ער האָט אופגעהאנגען דאָס טרײַבל און זיך א קער געטאָן צו קאַרטשאגינען.

— אפן וואָקזאל שטייען צוויי דיפּלאָמאטישע וואגאָנעס פונעם פוילישן קאָנסולאט. דאָרטן איז פארלאָשן געוואָרן דאָס ליכט. דער צוג גייט אָפּ אין א שאָ ארום. מע דארף פאריכטן די דראָטן. נעם, פאוועל, א קעסטל מיט מאטעריאלן און גיי צו אהין. די זאך איז א דרינגענדיקע.

צוויי פּראכטפולע וואגאָנעס פון צווישנפעלקערלעכן פארקער זײַנען גע־שטאנען באם ערשטן פּעראָן פון וואָקזאל. דער סאלאָן-וואגאָן מיט די ברייטע פענצטער איז געווען העל באלויכטן. אָבער דער שכיינעסדיקער איז געווען פארזונקען אין פינצטערניש.

פאוועל איז צוגעגאנגען צום פּראכטפולן פולמאן און אָנגעכאפּט זיך מיט דער האנט פארן פּארענטש, קעדיי ארײַנגיין אין וואגאָן.

פון דער וואָקזאל־וואנט האָט זיך שנעל אָפּגעטיילט א מענטש און האָט אים אָנגענומען פארן ארבל.

— ווהין, בירגער?

די שטים איז א באקאנטע. פאוועל האָט זיך אומגעקוקט. א לעדערנע קורטקע, א ברייטער דאשעק פון היטל, א דינע נאָז מיט א הערבעלע און פארשפּיצט־אומצוטרוילעכער בליק.

ארטיוכין האָט בלויז איצט דערקענט פאוועלן,—די האנט איז אראָפּגע־פאלן פון אקסל, דער אויסדרוק פון געזיכט האָט פארלאָרן די טרוקנקײַט, נאָר דער קוק האָט זיך פרעגנדיק פארהאלטן אפן קעסטל.

— ווהין ביסטו עס געגאנגען?

פאוועל האָט אײַנקורצן דערקלערט. פון הינטערן וואגאָן האָט זיך בא־וויזן א צווייטע פיגור.

— באלד וועל איך ארויסרופן זייער באגלייטער.

אינעם סאלאָן-וואגאָן, ווהין קאַרטשאגין איז ארײַן גלײַך נאָכן באגלייטער, זײַנען געזעסן עטלעכע מענטשן, אָנגעטאָן אין פּראכטפולע ווענ־אָנצוגן. באם טיש, וואָס איז געווען באדעקט מיט א זײַדענער טישטעך אין רויזן, איז מיטן רוקן צום טיר געזעסן א פרוי. ווען קאַרטשאגין איז ארײַן, האָט זי געשמועסט מיט א הויכן אָפיצער, וואָס איז געשטאנען אנטקעגן איר. ווי נאָר דער מאָנטיאָר איז ארײַן, ה״ט זיך דער גע פרעך איבערגעריסן.

גיך ארומגעקוקט די דראָטן, וואָס גייען פון לעצטן לאָמפּ אין קאָרידאָר און געפונען, אז זיי זײַנען אין אָרדענונג, איז קאָרטשאגין ארויס פון סאַלאָן־וואגאָן און פאָרגעזעצט זוכן דאָס אָרט, וואָס איז צעשעדיקט געוואָרן. אים איז טראָט בא טראָט נאָכגעגאנגען דער דיקער באגלייטער, מיט א האלדז פון א באָקס־קעמפּער, אין אן אוניפאָרם, וואָס איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט גרויסע מעשענע קנעפּ, אפ וועלכע עס איז געווען אן איינקעפּיקער אָדלער.

— מירן איבערגיין אין צווייטן וואגאָן. דאָ איז אלץ אין אָרדענונג. דער אקומוליאטער ארבעט. די צעשעדיקונג איז, ווײַזט אויס, דאָרטן.

דער באגלייטער האָט א דריי געטאָן דעם שליסל אין טיר, און זיי זײַנען ארײַן אין פינצטערן קאָרידאָר. פּאוועל האָט באלויכטן די לייטונג מיט אן עלעקטריש לעמפּל און גיך געפונען דאָס אָרט פונעם קורצשלוס. אין עטלעכע מינוט ארום האָט זיך אָנגעצונדן דאָס ערשטע לעמפּל און פארגאָסן דעם קאָרידאָר מיט א בלייך־מאטעווער שײַן.

— מע דארף עפענען דעם קופּע, דאָרטן דארף מען אומבײַטן די לעמפּלעך. זיי האָבן איבערגעברענט,— האָט זיך קאָרטשאגין געווענדט צום באגלייטער.

— דעמלט דארף מען א רוף טאָן די פּאניע. בא איר איז דער שליסל.— דער באגלייטער האָט ניט געוואָלט איבערלאָזן קאָרטשאגינען אליין און האָט אים אוועקגעפירט מיט זיך.

אין קופּע איז די ערשטע ארײַן די פרוי, הינטער איר — קאָרטשאגין. דער באגלייטער איז געבליבן שטיין אין טיר און זי פארשטעלט מיט זײַן קערפּער. פּאוועלן האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן צוויי פּראכטפולע לעדערנע טשעמאָדאנעס אין נעצלעך, א צעוואָרפענע זײַדענע מאנטאָ אפן דיוואן, א פלאקאָן פּארפומעריע און א פּיצינק מאלאכיטן פּודער־פּושקעלע אפן טישל באם פענצטער. די פרוי האָט זיך אוועקגעזעצט אין ווינקל פון דיוואן, האָט פאריכט אירע האָר, וואָס האָבן געהאט דעם קאָליר פון לײַן, און נאָכגעשפּירט נאָך דעם מאָנטיאָרס ארבעט.

— איך בעט בא דער פּאניע א דערלויבעניש אוועקגיין אפ א ווײַלע: דער פּאן מאיאָר וויל קאלטע ביר,— האָט האכנאָעדיק געזאָגט דער באגלייטער און מיט מי אײַנגעבויגן דעם אָקסענעם האלדז באם פארנייגן זיך.

די פרוי האָט א זאָג געטאָן קאָקעטיש־צעצויגן:

— איר קענט גיין!

דער געשפּרעך איז געפירט געוואָרן אין פּויליש.

א פּאס ליכט איז פון קאָרידאָר געפאלן אפ דער פרויס אקסל. דער פּאַניס עלעגאנטע קלייד, פון איידלסטן ליאָנער זײַד, אופגענייט בא די ערשט־קלאסיקע פּאריזשער מײַסטערס, האָט איבערגעלאָזן אנטבלויזט אירע אקסלען און די הענט. אין דעם קליינינקן אויערל האָט, אופלאמענדיק און בליצנדיק, געפינקלט א טראָפּנארטיקער בריליאנט. קאָרטשאגין האָט געזען בלויז דעם

אקסל און די האַנט פון דער פרוי, פונקט ווי אַן אויסגעטאָקטע פון העלפאַנד־ביין. דער געזיכט איז געווען אין שאָטן. אַרבעטנדיק שנעל מיטן שרויפּנ־ציִער, האָט פּאַוועל איבערגעביטן אַפן באַלקן די ראָזעטקע, און אין אַ מינוט אַרום איז אין קופּע געוואָרן ליכטיק. עס איז נאָר געבליבן צו באַטראַכטן דאָס צווייטע עלעקטרישע לעמפּל איבערן דיוואַן, וווּ עס איז געזעסן די פרוי.

— איך דאַרף דורכקאָנטראָלירן דאָס דאָזיקע לעמפּל,—האָט קאָרטשאַגין געזאָגט, אָפּשטעלנדיק זיך לעבן איר.

— אַך, יע, איך שטער דאָך אײַך,—האָט אויף אַ ריינער רוסישער שפּראַך געזאָגט די פּאַניע, האָט זיך לײַכט אויפגעהויבן פון דיוואַן און זיך אוועק־געשטעלט קימאַט האַרט נעבן קאָרטשאַגינען. איצט האָט מען זי גוט געקענט זען. באַקאַנטע פײַלנאַרטיקע ליניעס פון די ברעמען און שטאָלצ צונויפגע־פּרעסטע ליפּן. אָן שום ספק: פאַר אים איז געשטאַנען נעלי לעשטשינ־סקאַיאַ. דעם אַדוואָקאַטס טאָכטער האָט ניט געקענט ניט באַמערקן זײַן פאַר־וווּנדערטן בליק. אָבער אויב קאָרטשאַגין האָט זי דערקענט, האָט אָבער לע־שטשינסקאַיאַ ניט באַמערקט, אַז דער מאָנטיאָר, וואָס איז פאַר די פיר יאָר אויסגעוואַקסן, איז טאַקע איר אומרויִקער שכן.

זי האָט מיט פאַראַכטונג צונויפגעצויגן די ברעמען אַלס ענטפער אויף זײַן פאַרווונדערונג, איז אַוועקגעגאַנגען צו דער טיר פון קופּע און זיך דאָרטן אָפּגעשטעלט, קלאַפּנדיק אומגעדולדיק מיטן שפּיץ פון דער לאַקירטער טופלקע. פּאַוועל האָט זיך גענומען פאַרן צווייטן לעמפּל. ער האָט אים אָפּגעדרייט, באַטראַכט אים אויף דער שײַן און אומגעריכט פאַר זיך אַליין, און נאָכמער פאַר לעשטשינסקען, אַ פרעג געטאָן אויף פּויליש:

— וויקטאָר איז אויך דאָ?

קאָרטשאַגין האָט זיך בייס דער פראַגע ניט אַ קער געטאָן אַפּהינטן. ער האָט ניט געזען נעליס געזיכט, נאָר דאָס דויערנדיקע שווײַגן האָט גערעדט וועגן איר פאַרלעגנהייט.

— צי דען קענט איר אים?

— כ׳קען אים אַפילו זייער. מיר זײַנען דאָך מיט אײַך געווען שכיי־נים.—און פּאַוועל האָט זיך אויסגעקערעוועט צו איר.

איר זײַט פּאַוועל, דער זון...—נעלי האָט זיך פאַרהאַקט.

— פון דער קעכן,—האָט איר אונטערגעזאָגט קאָרטשאַגין.

— אַך, ווי איר זײַט עס אויסגעוואַקסן! איך געדענק אײַך אַלס אַ ווילד יאַטל.

נעלי האָט אָן צערעמאָניעס אים באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס.

— און וואָס אינטערעסירט אײַך וויקטאָר? אויף וויפל איך געדענק, זײַט איר געווען ניט בעשאָלעם,—האָט נעלי אַרויסגעזאָגט מיט איר זינגעוודיקער סאָפּראַנאָ, האָפנדיק צו צעשטרייען די לאַנגווײַליקייט פון דער אומדערוואַר־טער באַגעגעניש.

דער שרויפנציִער האָט שנעל אַריַינגעדרייט אין וואַנט דאָס שרויַפּל.

— וויקטאָר קומט מיר א כויוו. ווען איר וועט אים באַגעגענען, גיט אים איבער, אַז איך פאַרליר ניט די האָפענונג אויסרעכענען זיך מיט אים.

— זאָגט, וויפל איז ער אייַך שולדיק, אַנָך וועל באַצאָלן פאַר אים.

זי האָט פאַרשטאַנען, וועגן וואָס פאַר אַן „אויסרעכענען זיך" קאָרטשאַגין האָט גערעדט. זי האָט געוווסט די גאַנצע געשיכטע מיט די פּעטליוראָווצעס, נאָר דער פאַרלאַנג א רייץ צו טאָן זיך מיטן דאָזיקן „כלאָפּ" האָט זי געשטויסן אף לייצאָנעס.

קאָרטשאַגין האָט פאַרשוויגן.

— זאָגט, איז מאַקע עמעס, אַז מע האָט צעראַבירט אונדזער הויז און אַז ער ווערט צעפאַלן? מיסטאָמע זייַנען שוין דאָס זומער־ביַידל און די קלומבעס אַלע צעריִסן?—האָט מיט טרויער געפרעגט נעלי.

— דאָס הויז איז איצט אונדזערס, און ניט אייַערס, און צעשטערן אים האָבן מיר ניט צוליב וואָס.

נעלי האָט סאַרקאַסטיש א שמייכל געטאָן.

— אהא, מע האָט אייַך, ווייַזט אויס, שוין אויך אָנגעלערנט. אָבער, אַגעוו, איז דאָס דער וואַגאָן פון דער פּוילישער מיסיע, און אין דעם דאָזיקן קופּע בין איך די באַלעבאָסטע, און איר—ווי איר זייַט געווען א שקלאַפ, זייַט איר אַזאַ געבליבן. איצט אַרבעט איר אויך, אַז בא מיר זאָל זייַן ליכטיק, אַז מיר זאָל זייַן באַקוועם צו לייענען אף אָט דעם דאָזיקן דיוואַן. פריִער האָט אייַער מוטער אונדז געוואַשן וועש און איר האָט געטראָגן וואַסער. איצט האָבן מיר זיך ווידער באַגעגנט אין דער זעלבער לאַגע.

זי האָט דאָס גערעדט מיט א מין טריִומפירנדיקער שאַדנפרייד. פאַוועל האָט אָפּגערייניקט מיטן מעסער דעם שפּיץ דראָט און געקוקט אף דער פּוילן מיט ניט־באַהאַלטענעם שפּאָט.

— איך וואָלט פאַר אייַך, בירגערין, אפילו קיין פאַרזשאַווערטן טשוועק ניט אַריַינגעקלאַפּט. נאָר וויבאַלד בורזשויען האָבן אויסגעטראַכט דיפּלאָמאַטן, האַלטן מיר שטאַט, און מיר האַקן זיי ניט אַראָפּ די קעפּ. אפילו קיין גראָב־קייַט זאָגן מיר זיי ניט, ניט אַזוי ווי איר.

נעלי'ס באַקן זייַנען פאַרלאָפן מיט א רויטקייַט.

— וואָס וואָלט איר מיט מיר געטאָן, ווען אייַך וואָלט זיך איַינגעגעבן אייַנעמען וואַרשע? מיסטאָמע אויך צעהאַקט אף שטיקער, אָדער איר וואָלט מיך עפּשער גענומען פאַר א געליבטער?

זי איז געשטאַנען אין טיר גראַציִעז אויסגעבויגן. אירע פּילבאַרע נאָז־לעכער, וואָס זייַנען שוין געווען באַקאַנט מיט קאָקאַיִן, האָבן אופגעציטערט. איבערן דיוואַן האָט אופגעלויכטן שייַן. פאַוועל האָט זיך אויסגעגלייַכט.

— ווער דאַרף אייַך? אויך אָן אונדזערע שווערדן וועט איר פּייגערן פון קאָקאַיִן. איך וואָלט דיך אפילו פאַר א נעקייווע ניט גענומען—אַזאַ ווי דו ביסט!

דאָס קעסטל אין די הענט, צוויי טריט צום טיר. נעלי האָט זיך אָפּגע־דרוקט און שווין באַם עק פֿון קאָרידאָר האָט ער דערהערט איר פֿארשטיקטן אויסרוף:

— פּשעקלינטי באָלשעוויק!

*

אַפֿ מאָרגן אינאָווּנט, ווען קאָרטשאַגין איז געגאַנגען אין ביבליאָטעק, האָט ער זיך אַפֿ דער גאַס באַגעגנט מיט קאַטיושען. זי האָט פֿאַרקוועטשט אין איר פֿויסטל דעם אַרבל פֿון זײַן העמדל און אים פֿאַרצאַמט אין שפּאַס דעם וועג.

— וווהין לויפסטו, פּאָליטיק און בילדונג?

— אין ביבליאָטעק, מאַמעשי, לאָז דעם וועג, — האָט איר אין טאָן גע־ענטפֿערט קאָרטשאַגין. ער האָט זאָרגעוודיק אָנגענומען קאַטיושען פֿאַר די אַקסלען און פֿאָרזיכטיק אָפּגערוקט זי אַפֿן ברוק. באַפֿרײַט זיך פֿון זײַנע הענט, איז קאַטיושע אַוועק גלײַך מיט אים.

— הער, פּאַווּלושע! מע קאָן דאָך ניט נאָר לערנען זיך... ווייסט וואָס? לאָמיר גיין הײַנט אַפֿ אַן אָוונט, באַ זינע הלאַדיש קלײַבן זיך הײַנט צונויפֿ כעוורע. די מיידלעך האָבן מיך שווין לאַנג געבעטן דיך ברענגען. דו האָסט זיך נאָר אין פּאָליטיק אַרײַנגעלאָזן. צי דען ווילסט זיך דיר ניט פֿריילעך זײַן, א הוליע טאָן? נו, דו וועסט הײַנט ניט לייענען, וועט דיר טאַקע דער קאָפּ זײַן לײַכטער, — האָט אים אָן אופֿהער אײַנגערעדט קאַטיושע.

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַן אָוונט? וואָס וועט מען דאָרטן טאָן?

קאַטיושע האָט אים קאָמיש איבערגעקרימט:

— וואָס וועלן מיר דאָרטן טאָן? ניט גאָט בעטן וועט מען דאָרטן, נאָר מע וועט פֿריילעך פֿאַרברענגען די צײַט — און גאָר. דו שפּילסט דאָך אַפֿ אַ באַיאַן? און איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געהערט. נו, טו דאָס מיר. באַ זינ־קעס פֿעטער איז פֿאַראַן אַ באַיאַן. נאָר דער פֿעטער שפּילט שלעכט. מיידלעך אינטערעסירן זיך מיט דיר, און דו טריקנסט איבער די ביכלעך. ווו איז דאָס געשריבן, אַז אַ קאָמיוגיסט זאָל זיך ניט טאָרן פֿריילעך מאַכן? קום, קאָל־זמאַן מיר איז ניט דערעסן געוואָרן אײַנריידן דיך. אַניט צעקריג איך זיך מיט דיר אַפֿ אַ כוידעש.

די פֿאַרבערן קאַטיע מיט די גרויסע אויגן איז אַ גוטער כאַווער און ניט קיין שלעכטע קאָמיוגיסטקע. קאָרטשאַגינען האָט זיך ניט געוואָלט באַליידיקן דאָס מיידל, און ער האָט אײַנגעשטימט, כאָטש עס האָט אויסגעזען אומגע־ווײנלעך און ווילד.

באַ דעם לאָקאָמאָטיוו־מאַשיניסט הלאַדיש אין הויז איז געווען פֿול און טומלדיק. קעדיי ניט שטערן דער יוגנט, זײַנען די דערוואַקסענע אַריבער אין צווייטן צימער. אין דעם פֿאָדערשטן גרויסן צימער און אַפֿ דער וועראַנדע, וואָס

גייט ארויס אין קליינעם סעדל, האָבן זיך אופגעקליבן א מענטשן פופצן יאָטן און מיידלעך. ווען קאַטיושע האָט דורכגעפירט פּאַוועלן דורכן סעדל אַפּ דער וועראַנדע, איז שוין דאָרטן געגאַנגען די שפּיל, די אַזוי גערופענע „דאָס שפּיַזן טויבן". אינמיטן וועראַנדע זיַינען געשטאַנען צוויי שטולן איינע צו די אַנדערע מיט די ווענטלעך. די באַלעבאָסטע, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער שפּיל, פלעגט אַרויסרופן זעצן זיך אַפּ די דאָזיקע שטולן א יאָט מיט א מיידל. די באַלעבאָסטע פלעגט אויסשריַיען: „שפּיַזט די טויבן!"—און די יונגע פּאָר, וואָס איז געזעסן איינער צום אַנדערן מיטן רוקן, האָבן געדאַרפט א קער טאָן אַהינטער די קעפּ. זייערע ליפּן פלעגן זיך באַגעגענען, און זיי פלעגן זיך עפּנטלעך פאַר אַלעמען קושן. נאָכדעם איז געגאַנגען א שפּיל אין א „רינגעלע", אין א „בריוויטרעגער", און יעדער שפּיל איז אומבאַדינגט באַגלייט געוואָרן מיט קושן, דערביַי זיַינען אינעם „בריוויטרעגער", קעדיי אויסמיַידן דעם געזעלשאַפטלעכן אופזיכט, די קושן אַריבערגעטראָגן געוואָרן פון דער באַלוּיכטענער וועראַנדע אין צימער אַריַין, ווו מע האָט אַפּ דעם מאָמענט אויסגעלאָשן דעם פּיַיער. פאַר יענע, וואָס די דאָזיקע שפּילן האָבן זיי ניט באַפרידיקט, איז אַפּן קיַילעכיקן טישעלע, אין ווינקל, געלעגן א טאַש קאַרטלעך „בלומען־פלירט". פּאַוועלס שכיינע, וועלכע מע האָט גערופן מורע, א מיידל פון א יאָר זעכצן, האָט, קאָקעטירנדיק מיט די בלויע אויגלעך, דערלאַנגט אים א קאַרטל און שטיל געזאָגט:

— פיאַלקע.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט פּאַוועל געזען אזעלכע אָוונטן, און אויב ער האָט אפילו ניט גענומען קיין דירעקטן אָנטייל אין זיי, האָט ער עס פון־דעסטוועגן געהאַלטן פאַר א נאָרמאַלע דערשיַינונג. אָבער איצט, ווען ער האָט זיך אַפּ שטענדיק אָפּגעריסן פונעם קליינבירגערלעכן לעבן פונעם קליינעם שטעטל, האָט אים דער דאָזיקער אָוונט אויסגעזען מעשונעדיק און אַביסל לעכערלעך.

ווי עס זאָל ניט זיַין, אָבער א „פלירט"־קאַרטל איז געווען בא אים אין האַנט.

קעגניבער דער „פיאַלקע" האָט ער איבערגעלייענט: „איר געפעלט מיר זייער".

פּאַוועל האָט א קוק געטאָן אַפּ דער מיידל. זי האָט אָן פאַרלעגנהײַט באַגעגנט דעם דאָזיקן בליק.

— פאַרוואָס?

די פראַגע האָט זיך באַקומען עטוואָס שווערלעך. אַן ענטפער האָט מורע צוגעגרייט פאָרויס.

— ראָזע,—האָט זי אים דערלאַנגט א צווייטן קאַרטל.

קעגניבער דער „ראָזע" איז געשטאַנען: „איר זיַיט מיַין אידעאַל". קאָר־

שאַגין האָט זיך אַ קער געטאָן צו דער מיידל און ער האָט זיך באַמיט צו ריידן וואָס וויכער:

— צו וואָס פאַרנעמסטו זיך מיט די דאָזיקע נאַרישקייטן?

מורע האָט זיך פאַרלאָרן און איז צעטומלט געוואָרן.

— צי דען איז אײַך ניט אָנגענעם מײַן דערקלערונג? — אירע ליפּן האָבן זיך קאַפּריז אויפגעקנייטשט.

קאָרטשאַגין האָט אַף איר פראַגע ניט געגעבן קיין ענטפער. אָבער ער האָב געוואָלט דערוויסן זיך, ווער רעדט עס מיט אים. און ער האָט פאַרגעבן פראַגן, אַף וועלכע דאָס מיידל האָט גערן געענטפערט. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער שוין געוווּסט, אַז זי לערנט זיך אין אַ זיבניאָריקער שול, אַז איר פאָטער איז אַן אַרומקוקער פון וואַגאָנעס און אַז זי קען אים פון לאַנג און האָט זיך געוואָלט מיט אים באַקאָנען.

— ווי איז דײַן פאַמיליע? — האָט קאָרטשאַגין געפרעגט.

— וואָלינצעווא מורא.

— דײַן ברודער איז דער סעקרעטאַר פון קאָמערל אין דעפּאָ?

— יע.

איצט האָט קאָרטשאַגין געוווּסט, מיט וועמען ער האָט צו טאָן. איינער פון די אַקטיוויסטע קאָמיוגיסטן אין ראַיאָן, וואָלינצעוו, האָט, ווײַזט אויס, אײַנגאַנצן ניט געלייגט קיין אַכט אַף זײַן שוועסטער, און זי איז געוואַקסן אַלס גרויִנקע קליינבירגערן. פאַרן לעצטן יאָר האָט זי אָנגעהויבן גיין צו אירע באַוואָרטעס אַף אָוונטן, וווּ מע פלעגט זיך קושן ביזן איבלען. קאָרטשאַגינען האָט זי עטלעכע מאָל געזען באַם ברודער.

איצט האָט מורע דערפילט, אַז דער שאָכן באַוויליקט ניט איר אויפירונג, און ווען מע האָט זי אַ רוף געטאָן „שפּײַזן די טויבן", האָט זי, זעענדיק קאָרטשאַגינס קרומען שמייכל, קאַטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט.

זיי זײַנען געזעסן נאָך עטלעכע מינוט. מורע האָט דערציילט וועגן זיך. צו זיי איז צוגעגאַנגען זעליאָנאָווע.

— ברענגען דעם באַיאַן, וועסטו אַ שפּיל טאָן? — און שעלמיש זשמורענדיק די אויגן, האָט זי געקוקט אַף מורען: — וואָס, דו'סט זיך באַקענט?

פּאַוועל האָט אַוועקגעזעצט קאַטיושען נעבן זיך און, באַנוצנדיק זיך מיט דעם, וואָס אַרום האָט מען געלאַכט און געשריִען, האָט ער איר געזאָגט:

— שפּילן וועל איך ניט. מיר וועלן באַלד מיט מורען פונדאַנען אַוועקגיין.

— אַהאָ! ס'האָט אַ נעם געטאָן, הייסט עס? — האָט פילדײַטנדיק געזאָגט זעליאָנאָווע.

— יע, אַ נעם געטאָן. דו זאָג מיר, אויסער מיר מיט דיר, זײַנען דאָ נאָך פאַראַן קאָמיוגיסטן? אָדער בלויז איך מיט דיר האָבן זיך אײַנגעליאַפּעט אין די „טײַבעלעך"?

קאַטיושע האָט, קעדיי נאָכגעבנ אים, דערקלערט:

— מע האָט שוינ געענדיקט זיכ נאַריש מאכנ. איצט וועלנ מיר טאנצנ.

קאָרטשאגינ האָט זיכ אופגעהויבנ.

— גוט, דו טאנצ זיכ, אלטיטשקע. אונ איכ מיט וואָלינצעווענ וועלנ פונדעסטוועגנ אוועקגיינ.

*

איינמאָל אינאָוונט האָט אָקוניעוו אינ פארלעגנהייט זיכ ארומגעדרייט ארומ זיינ כאַווערס בעט. ער האָט זיכ צוגעזועצט באַמ ברעג בעט אונ אוועקגעלייגט די האנט אפנ בוכ, וואָס פאַוועל האָט געלייענט.

— ווייסט, פאַוולושע, עס קומט מיר אויס דערציילנ דיר וועגנ איינער א געשיכטע. פונ איינ זייט, איז עס עפּעס א נארישקייט, אונ פונ דער צווייטער—גאָר קאפּויר. בא מיר האָט זיכ מיט טאַליע לאַגוטינע באַקומענ א מיספארשטייעניש. פריער, פארשטייסטו מיכ, איז זי מיר געפעלנ געוואָרנ.—אָקוניעוו האָט מיט א שולדיקער מינע זיכ א קראַצ געטאָנ אינ שלייפ, אָבער זעענדיק, אז דער כאַווער לאכט ניט, איז ער געוואָרנ דרייסטער.—אונ נאָכדעמ האָט זיכ בא טאַליענ אויכ... עפּעס אזוינס פונ דעמ זעלבנ מינ. מיט איינ וואָרט, איכ וועל דיר דאָס אלצ ניט נעמענ אויסדערציילנ, עס איז קלאָר. נעכטנ האָבנ מיר באַשלאָסנ א פּרווו טאָנ גליק אונ נעמענ בויענ אונדזער לעבנ באַנאנד. מיר איז צוויי אונ צוואנציק יאָר. ביידע האָבנ מיר שטימ־רעכט. איכ וויל מיט טאַליענ אוועקשטעלנ א לעבנ אפ גלייכהייט־יעסוידעס. ווי קוקסטו אפ דעמ?

קאָרטשאגינ האָט זיכ פארטראַכט.

— וואָס קענ איכ ענטפערנ, קאָליע? איר זייט ביידע מיינע פריינט. מיט מיר פונ איינ שטאמ. דאָס איבעריקע איז אויכ בא אונדז אלגעמיינס. בפראט, אז טאַליע איז אזא גוט מיידל... אלצ איז דאָ פארשטענדלעכ.

אפמאָרגנ האָט קאָרטשאגינ אריבערגעטראָגנ זיינע זאכנ צו די יאטנ אינ צוזאמענוווינונג פונ דעפּאָ. אונ אינ עטלעכע טעג ארומ איז בא אנענ געווענ א כאַווערישער אָוונט אָנ עסנ אונ טרינקענ!—א קאָמוניסטישע וועטשערינקע לעקאָוועד דער פריינטשאפט פונ טאַליענ אונ ניקאָלייענ. דאָס איז געווענ אנ אָוונט פונ דערינערונגענ, ווו מע האָט געלייענט פראגמענטנ פונ אמערסטנ רעגנדיקע ביכער. מע האָט גוט געזונגענ אינ כאָר, אונ אסאכ. עס האָבנ זיכ ווייט ארומ געהערט די שלאכט־לידער. נאָכדעמ האָבנ קאַטיושע זעליאָנאָווע אונ וואָלינצעווע געבראַכט א באַיאנ, אונ דאָס ברומענ פונ געדיכטע בעסער, אויסגעמישט מיט זילבערנע טרעלנ, האָבנ פול געמאכט דעמ צימער. אינ דעמ דאָזיקנ אָוונט האָט פּאַוועל געשפּילט זעלטנ גוט, אונ ווענ אזא ריזיקער יונג ווי פאַנקראַטאָוו האָט, צו אלעמענס וווּנדער,

זיכ א לאָז געטאָנ טאנצנ, איז פאווקע ארויס פונ די קיילים, דער הארמאָניק איז אוועק פונ דעם נייעם סטיל אונ א דערלאנג געטאָנ מיט פלאמ:

Эх, улица, улица!
Гад Деникин жмурится,
Что сибирская Чека
Разменяла Колчака...

דער הארמאָניק האָט געשפילט וועגנ דער פארגאנגענהייט, וועגנ די פלאמיקע יאָרנ אונ וועגנ דער היינטיקער פרייַנטשאפט, וועגנ קאמפ אונ פרייד. אָבער ווענ דעמ הארמאָניק האָט גענומענ וואָלינצעוו אונ דער שלאָסער האָט דערלאנגט א זעצ דאָס פייערדיקע „עפּלע", האָט זיכ אינ הייסנ טאנצ אוועקגעלאָזנ ניט קיינ אנדערער, ווי דער עלעקטריקער. די ווילדע „טשעטשאָטקע" האָט קאָרטשאגינ געטאנצט צומ דריטנ אונ לעצטנ מאָל אינ זיינ לעבנ.

פערטער קאפיטל

די גרענעץ—דאָס זייַנען צוויי סלופּעס. זיי שטייען איינער קעגנ דעם אנדערנ, שווייַגנדיקע אונ פייַנטלעכע, פארקערפערנדיק מיט זיך צוויי וועלטנ. איינער אנ אָפּגעהובלטער אונ ארומגעשלייפטער, אָפּגעפארבט, ווי א פּאָליצייִש ביידל, מיט שווארצ־ווייַסער פארב. אינדערהויך איז מיט שטארקע טשוועקעס צוגעקלאפּט אנ איינקעפּיקער רויבפויגל. אויסגעשפּרייט די פליגלענ, ווי ער וואָלט מיט די נעגל פונ די לאפּעס ארומגעכאפּט דעם געשטרייַפטנ סלופּ, קוקט דער איינקעפּיקער נעוויילע־פרעסער מיט א בייזנ קוק אינ דעם מעטאלענעם שילד אקעגנ. זייַנ אויסגעבויגענער שנאָבל איז אויסגעצויגנ אונ אָנגעשטרענגט. אפּ זעקס טריט ווייַטער אנטקעגנ אים איז דער צווייטער סלופּ. טיפ אינ דער ערד איז ארייַנגעגראָבנ א קייַלעכיקער, געטעסעטער דעמבענער סלופּ. אפנ סלופּ—א געקאָוועטער אייַזערנער שילד, אפּ אים—א האמער אונ סערפּ. צווישנ צוויי וועלטנ האָט זיך אוועקגעלייגט אנ אָפּגרונט, כאָטש די סלופּעס זייַנען אייַנגעגראָבנ אפּ א גלייַכער ערד. קיינער קענ ניט אריבערגיינ די דאָזיקע זעקס טריט, ניט ריזיקירנדיק מיטנ לעבנ.

דאָ איז די גרענעצ.

פונעם שווארצנ יאמ אפּ א מעהאלעך פונ טויזנטער קילאָמעטער ביזנ ווייַטנ צאָפנ, צומ אייַז־אָקעאנ, האָט זיך אויסגעשטעלט די אומבאוועגלעכע קייט פונ די דאָזיקע שווייַגנדיקע וועכטער פונ די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקנ מיט דער גרויסער עמבלעמ פונ ארבעט אפּ די אייַזערנע שילדנ. פונ יענעמ סלופּ, אפּ וועלכנ עס איז צוגעשלאָגנ דער באפּעדערטער רויבער, הייבנ זיך אָנ די גרענעצנ פונ דער סאָוועטישער אוקראַינע אונ פונ פריצישנ פוילנ. אינ א ווייַטנ העק ליגט פארשטעקט דאָס קליינינקע שטעטעלע בערעזדאָוו. צענ קילאָמעטער פונ אים, קעגניבער דעם פוילישנ שטעטל קאָרעצ, איז די גרענעצ. פונ שטעטל סלאוווטע ביזנ שטעטל אנאפּאָל איז דער ראיאָנ פונ נ־סקנ בייַגרענעצ־באטאליאָנ.

עס לויפנ בייַגרענעצ־סלופּעס איבער די שנייִקע פעלדער, זיי מאכנ זיך דורך א וועג דורך וואלד־פלעצער, לאָזנ זיך אראָפּ אינ טאָלנ, קריכנ

ארויס אינדערהויך, שווינדלענ אפ בערגלעך און, דערקלײַבנדיק זיך צום טײַך, קוקנ זיי זיך אײַנ פונעם הויכנ ברעג אפ די מיט שניי פארוייעטע ראכוועסנ פונ דער פרעמדער געגנט.

א פראָסט. עס סקריפעט דער שניי אונטער די וואָליקעס. פונ דעם סלופ מיטנ סערפ און האמער שיידט זיך אָפ א קאָלאָסאלע פיגור אינ א העלמ פונ א ריז; זי טרעט שווער און גייט ארום איר באצירק. עס איז א וואקסיקער רויטארמייער, אָנגעטאָנ אינ א גרויענ שינעל מיט גרינע פעטליצעס און אינ וואָליקעס. פונויבנ אפנ שינעל טראָגט ער א גרויסנ שאָפנפעלצ מיט א בריטנ קאָלנער, און דער קאָפ איז ווארעמ ארומגעוויקלט מיט א געווענטענעמ העלמ. אפ די הענט—פעלצענע הענטשקעס. דער פעלצ איז א לאנגער, ביז די סאמע פיאטעס, אינ אימ איז ווארעמ אפילע אינ א ברענענדיקער זאווי. איבערנ פעלצ אפנ אקסל—א ביקס. דער רויטארמייער שארט מיטנ פעלצ איבערנ שניי, גייט ארומ איבערנ וואכ־שטעגעלע, געשמאק אײַנעטעמענדיק דאָס רויכל פונ א מאכאָרקע־ציגאר. אפ דער סאָוועטישער גרענעצ, אינ פרײַענ פעלד, שטייענ די וואכלײַט אפ א קילאָמעטער איינעמ פונ דעמ אנדערנ, אזוי אז יעדערער זאָל מיטנ אויג זענ זײַנ שאָכנ. אפ דער פוילישער זײַט—אפ א קילאָמעטער־צוויי.

אנטקעגנ דעמ רויטארמייער באוועגט זיך איבער זײַנ וואכ־שטעגל דער פוילישער זשאָלנערזש. ער איז אָנגעטאָנ אינ האמעטנע זעלנערשע שיך, אינ א גרוי־גרינעמ מונדיר און הויזנ. פונויבנ—א שווארצער שינעל מיט צוויי רייענ גלאנציקע קנעפ. אפנ קאָפ טראָגט ער א היטל פעדעראטקע. אפנ היטל—א ווײַסער אָדלער, אפ די געווענטענע שליפעס—אָדלערס, אינ די פעטליצעס אפנ קאָלנער—אָדלערס. אָבער פונ דעמ איז דעמ זעלנער ניט ווארעמער. דער ברענענדיקער פראָסט האָט אימ דורכגענומענ ביזנ ביינ. ער רײַבט די פארשטארטע אויערנ, קלאפט א קנאפל אָנ א קנאפל, און די הענט אינ די דינע הענטשקעס זײַנענ אימ פארגליווערט געוואָרנ. אפ קיינ איינ מינוט קענ זיך דער פוילישער ניט אָפשטעלנ: דער פראָסט פארקאָוועט אימ טייקעפ זײַנע געלענקענ, און דער סאָלדאט באוועגט זיך די גאנצע צײַט, ער לאָזט זיך אמאָל אויך לויפנ. די וואכלײַט האָבנ זיך אויסגעגלײַכט. דער פוילישער האָט זיך א קער געטאָנ צוריק און איז אוועק פאראלעל צום רויטארמייער.

ריידנ אפ דער גרענעצ טאָר מענ ניט, אָבער ווענ ארומ איז פוסט און בלויז אפ א קילאָמעטער ווײַטער זײַנענ דאָ מענטשלעכע פיגורנ—ווער וועט זיך דערוויסנ, צי גייענ די דאָזיקע צווייענ שווײַגנדיק אָדער זיי זײַנענ אויווער אפ די צווישנפעלקערלעכע געזעצנ.

דער פוילישער וויל רויכערנ, נאָר די שוועבעלעך האָט ער פארגעסנ אינ קאזארמע, און דאָס ווינטל, ווי אפ צולאָכעס, דערטראָגט פונ דער סאָוועטישער זײַט דעמ פארפירערישנ גערוך פונ מאכאָרקע. דער פוילישער האָט אופגעהערט רײַבנ דעמ אָפגעפרוירענעמ אויער און האָט זיך

אומגעקוקט אהינטער: עס טרעפט, אז א רײַטער־ראַזיעזד מיטן וואכמיסטער, אָדער אפילע מיטן פּאַן פּאָרוטשיק, נישטערנדיק איבער דער גרענעץ, שווימט ארויס פון הינטערן בערגל און קאָנטראָלירט די פּאָסטנס. אָבער ארום איז פוסט. בלענדנדיק פינקלט אף דער זון דער שניי. אין הימל — קיין איין שנייעלע.

— טאָווארישטשו, דאי פּשעפּאַליץ, — איז דער ערשטער אויוועד אף דער היילקײַט פונעם געזעץ דער פּוילישער. ער פארוואַרפט זײַן פּילקוילנדיקע פראנצויזישע ביקס מיטן שווערדארטיקן באגנעט אפן פלייצע און שלעפּט קוים ארויס מיט די געפרוירענע פינגער פון דער קעשענע א פעקל ביליקע סיגארעטן.

דער רויטארמייער הערט די ביטע פונעם פּוילישן, נאָר דער פעלד־סטאטוס פון בײַגרענעצדיקער דינסט פארווערט דעם רויטארמייער אריַנ־צוטרעטן אין א געשפרעך מיט וועמען ניט איז פון יענער זײַט גרענעץ. אויסערדעם האָט ער ניט גאָר גוט פארשטאנען, וואָס דער סאָלדאט האָט געזאָגט. און ער זעצט פאָר זײַן וועג, שטעלט פעסט די פיס, אין ווארעמע און ווייכע וואַליקעס, אף דעם סקריפּענדיקן שניי.

— כאַווער באָלשעוויק, גיב פּאַרויכערן, — ווארפט איבער א קעסטל שווע־בעלעך, — זאָגט שוין דאָס מאָל אף רוסיש דער פּוילישער.

דער רויטארמייער קוקט זיך אײַן אין זײַן שאָכן. „קענטיק, אז דער פראָסט האָט דעם „פּאַן" דורכגענומען ביזן לעבער. כאָטש א בורזשויִשער סאָלדאט, אָבער דאָס לעבן זײַנס איז א נישטיקס. מע האָט אים ארויסגע־יאָגט אף אזא פראָסט אין איין שינעלכל, און שפרינג זיך דיר, ווי א האָז, און אויב ניט רויכערן, טויג דאָך עס גאָר אין דר'ערד". און ניט אומקערנ־דיק זיך, גיט דער רויטארמייער א וואָרף א שאכטל שוועבעלעך. דער סאָל־דאט כאַפּט עס אין דער לופט. עס ברעכן זיך בא אים אָפּ די שוועבע־לעך, אָבער סאָפּקאָלסאָפּ פּארויכערט ער. דאָס שאכטל גייט ווידער אריבער אפן זעלבן אויפן די גרענעץ, און דעמלט איז דער רויטארמייער ניט ווילנ־דיק אויוועד אף דעם געזעץ:

— לאָז עס איבער בא זיך, איך האָב...

אָבער פון יענער זײַט גרענעץ דערהערט ער:

— ניין, א דאנק, פאר דעם דאָזיקן שאכטעלע וואָלט מיר אויסגעקומען אָפּזיצן צוויי יאָר טורמע.

דער רויטארמייער קוקט אפן שאכטעלע. אף אים איז אָנגעמאָלט אַן עראָפּלאַן. אָנשטאָט א פּראָפּעלער — א מעכטיקער פויסט מיט אַן אויפשריפט: „אולטימאטום".

„יע, ווירקלעך, פאר זיי איז עס ניט פּאסיק".

דער סאָלדאט זעצט אלץ פאָר צו גיין אין איין זײַט מיט אים. עס איז אים אָליין אומעטיק אין דעם פוסטן פעלד.

*

ריטמיש סקריפענ די זאָטלענ, דער גאלאָפ פונ די פערד איז בארויִקנדיק־גלײַכמעסיק. דער קאָפ פונעמ שווארצנ פערד, די נאָזלעכער, די האָר זײַנענ באדעקט מיט פראָסט. דאָס פערדישע אָטעמענ צעגייט אינדערלופטנ, ווי ווײַסער דאמפ. די געפלעקטע קליאטשע אונטערנ קאָמבאט שטעלט שיינ די פוס, שטיפט מיט די לייצעס, אויסבייגנדיק, ווי א דוהע, איר דינעמ האלדז. ביידע רײַטער זײַנענ אָנגעטאָנ אינ גרויע שינעלנ מיט איבערגעבונדענע פאָרטופייענ אפ די ארבל צו דרײַ רויטע קוואדראטלעכ, נאָר באמ קאָמבאט גאוורילאָוו זײַנענ די פעטליצעס גרינע, אונ בא זײַנ כאווער — רויטע. גאוורילאָוו איז א בײַגרענעצניק. דאָס האָט זײַנ באטאליאָנ צעשטעלט פאָסטנס אפ א שטרעקע פונ זיבעציק קילאָמעטער. ער איז דאָ „באלעבאָס". זײַנ כאווער — דאָס איז א גאסט פונ בערעזדאָוו, דער מיליטער־קאָמיסאר פונעמ באטאליאָנ „וו.וו.אָ." קאָרטשאגינ.

באנאכט איז געגאנגענ א שניי. איצט ליגט ער פוכיק אונ ווייכ, ניט גערירט ניט פונ א פערדישער טלאָ, ניט פונ א מענטשלעכער פוס. די רײַטער זײַנענ ארויס פונ וועלדל אונ גיכ אוועקגעריטנ מיטנ פעלד. אינ א טריט פערציק ארומ, אָנדערזײַט — ווידער צוויי סלופעס.

— טפרו־ו!

גאוורילאָוו האָט פעסט אָנגעצויגנ די לייצעס. קאָרטשאגינ פארקערעוועט זײַנ פערד, קעדיי זענ, פארוואָס מע האָט זיכ אָפגעשטעלט. גאוורילאָוו האָט זיכ ארויפגעהאנגענ פונ זאָטל אונ באטראכט אופמערקזאמ עפעס א מאָדנע קייטעלע פונ שפורנ אפנ שניי, פונקט ווי עמעצער וואָלט דאָ דורכגעגאנגענ מיט א געציינדלט רעדל. דאָ איז דורכגעלאָפנ א כיטרע כײַעלע, וואָס האָט געשטעלט פוס אינ פוס אונ פארפלאָנטערט איר שפור מיט פארדרייטע שלייפנ. עס איז שווער געווענ צו פארשטיינ, פונוואנענ גייט דער שפור, אָבער וויבאלד ניט קיינ כײַישער שפור, האָט עס געצווונגענ דעמ קאָמבאט צו אָפשטעלנ זיכ. אפ צוויי טריט ווײַטער פונ קייטעלע זײַנענ געווענ אנדערע שפורנ, פארשאָטענע מיט שניי. דאָ איז דורכגעגאנגענ א מענטש. ער האָט ניט געפלאָנטערט זײַנ שפור, נאָר איז געגאנגענ גלײַכ צומ וואלד, אונ דער שפור האָט געוויזנ קלאָר, — דער מענטש איז געגאנגענ פונ פוילנ. דער קאָמבאט פאָרט ווײַטער, אונ דער שפור ברענגט אימ צומ וואכ־שטעגעלע. אפ א צענדליק טריט ווײַט זעט מענ אפ דער פוילישער זײַט שפורנ פונ פיס.

— באנאכט איז עמעצער אריבערגעגאנגענ די גרענעצ, — האָט דער קאָמבאט געוואָרטשעט. — דער דריטער ווזוואָד האָט ווידער פארשלאָפנ, אונ אינ דער אינדערפריִיִקער סוואָדקע איז גאָרנישט ניטאָ. אָט רוכעס! — די וואָנצעס זײַנענ גאוורילאָווס שוינ פארלאָפנ מיט א גרויקײַט, דאָס געפריר פונ דעמ ווארעמענ עטעמענ האָט זיי באזילבערט, אונ שטרענג הענגענ זיי אראָפ איבערנ ליפ.

אנטקעגן די רײַטער באַוועגן זיך צוויי פיגורן. איינע א קלײנינקע, א שוואַרצינקע, מיט א פראַנצױזישן באַנעט, וואָס זײַן שאַרף פלאַמט אוף אף דער זון. די צווייטע — א גרויסע, אין א געלן שאָפּן-פעלץ. די געפלעקטע קליאַטשע פּילט די שפּאָרן. זי פאַרגיכערט דעם גאַנג, און די רײַטער דערנעענטערן זיך שנעל צו דעם, וואָס גייט אנטקעגן. דער רויטאַרמייער פאַריכט דעם רימען אפן אַקסל און שפּײַט אויס אין שניי דאָס אויסגערויכערטע ציגאַרל.

— גוטמאָרגן, כאַוועך! וואָס הערט זיך דאָ בא אײַך אפן באַצירק? — דער קאָמבאַט דערלאַנגט אים די האַנט, ער בייגט זיך קימאַט ניט אראָפּ, ווײַל דער רויטאַרמייער איז א וווקסיקער. דער ריז רײַסט גיך אראָפּ פון האַנט די הענטשקע. דער קאָמבאַט באַגריסט זיך מיטן רויטאַרמייער.

דער פּוילישער באַטראַכט עס פונדערווײַטן. צוויי רויטע אָפּיצערן (און דרײַ קוואַדראַטן בא די באָלשעוויקעס — דאָס איז דער ראַנג פון א מאַיאָר) באַגריסן זיך מיט סאָלדאַטן, ווי נאָענטע כאַווײרים. א ווײַלע שטעלט ער זיך פאָר, ווי וואָלט ער עס דערלאַנגט די האַנט זײַן מאַיאָר זאַקרזשעווסקען, און פונעם דאָזיקן אומגעלומפּערטן געדאַנק קוקט ער זיך ניט-ווילנדיק אַרום.

— נאָרוואָס איבערגענומען דעם פּאָסט, כאַוועך קאָמבאַט, — ראַפּאָרטירט דער רויטאַרמייער.

— די שפּורן דאָרטן האָסטו געזען?

— ניין, נאָך ניט געזען.

— ווער איז געשטאַנען באַנאַכט פון צוויי ביז זעקס?

— סוראָטענקאָ, כאַוועך קאָמבאַט.

— נו, גוט. קוק-זשע, ווי ס'באַדאַרף צו זײַן. — און שוין קלײַבנדיק זיך אוועקפאָרן, האָט ער שטרענג געוואָרנט:

— ווייניקער מיט די דאָזיקע אַרומגיין.

ווען די פערד זײַנען שנעל אוועקגעלאָפן איבערן ברייטן שליאַך, וואָס האָט זיך געצויגן צווישן גרענעץ און דעם שטעטל בערעזדאָוו, האָט דער קאָמבאַט גענומען דערציילן:

— אף דער גרענעץ איז נייטיק א וואַכזאַמע אויג. דו האָסט אפּ א האָר פאַרשלאָפן, וועסטו נאָכדעם שטאַרק באַדויערן. אונדזער אַרבעט איז א שלאָפלאָזע. באַטאָג דורכשמוגלען די גרענעץ איז ניט אזוי לײַכט, דערפאַר אָבער באַנאַכט — שפּיץ אָן דעם אויער. אָט זאָגט אַליין, כאַוועך קאָרטשאַגין. אף מײַן באַצירק זײַנען פיר דערפער צעשניטן אף העלפט. און דאָ איז זייער שווער עפּעס צו מאַכן. ווי דו זאָלסט ניט אויסשטעלן די קייט איז אף יעדער כאַסענע אָדער יאָנטעוו וועלן אָנקומען אהער די גאַנצע כאַפּטע קרויווים פון יענער זײַט גרענעץ. וואָרעם פון איין כאַטע צו דער צווייטער איז קיין צוואַנציק

טריט ניטאָ, אונ דאָס טײַכל קענ א הונ צופוס אריבערגיינ. עס פעלט אויכ ניט אויס דער מינ קאָנטראבאנדע. עמעס, דאָס זײַנענ אלצ קלייניקײַטנ. א ווײַבל דאָרט טראָגט אריבער א פּאָר פלעשער פּוילישע פערציקגראדיקע זובראָווקע, אָבער עס זײַנענ אויכ פאראנ ניט ווייניק גרויסע קאָנטראבאנדיסטנ, דאָ ארבעטנ אויכ מענטשנ מיט גרויסע געלטער. אונ דו ווייסט, וואָס די פּוילישע טוענ? אינ אלע בײַגרענעצדיקע דערפער האָבנ זיי געעפנט אוניווערסאלע מאגאזינענ. וואָס דו ווילסט, קענסטו דאָרט קויפנ. פארשטייט זיכ, אז דאָס איז געמאכט געוואָרנ ניט פאר די אייגענע אָרעמע פויערימ.

קאָרטשאגינ האָט זיכ טשיקאווע צוגעהערט צו די רייד פונ קאָמבאט. דאָס בײַגרענעצדיקע לעבנ איז ענלעכ אפ דורכויסיקער אויסשפּירונג.

— זאָגט, כאווער גאווריליאָוו, צי ענדיקט זיכ די זאכ בלויז מיט אריבערפירנ קאָנטראבאנדע אליינ?

דער קאָמבאט האָט כמורנע געענטפערט:

— אָט דאָס איז דאָכ די מײַסע, וואָס ניט.

*

דאָס קליינע שטעטל בערעזדאָוו. א פּראָווינציעלער העק אינ געוועזענעמ יידישנ טכומ. צוויי־דרײַ הונדערט הײַזלעכ, אָנ אָרדענונג צעוואָרפענע אביוו. א גרויסער מארק. אינמיטנ מארק — א פּאָר צענדליק קרעמלעכ. אפנ מארק איז בלאָטיק, אָנגעוואלגערט מיסט. ארומגערינגלט האָבנ דאָס שטעטל פּויערישע הויפנ. אינ יידישנ צענטער, אפנ וועג צומ שעכטהויז, שטייט אנ אלטער בעסמעדרעש. עס טראָגט מיט אומעט פונ דעמ דאָזיקנ כאָרעווע בינייענ. עמעס, קלאָגנ זיכ אפ דעמ, אז ער פּוסטעוועס אינ די שאבאָסימ, קענ זיכ דער בעסמעדרעש ניט, אָבער עס איז שוינ ניט דאָס, וואָס אמאָל. אונ דעמ ראָוו לעבט זיכ שוינ גאָרניט אזוי, ווי ער וואָלט געוואָלט. זעט אויס, אז אינ טויזנט נײַנ הונדערט זיבעצנטנ יאָר האָט פּאסירט עפּעס א ביטערע זאכ, וויבאלד אפילע דאָ, אינ אזא העק, קוקט די יוגנט אפנ ראָוו אָנ דעמ געהעריקנ אָפּשײַ. עמעס, די אלטע לײַט עסנ נאָכ ניט קיינ טארפעס, אָבער וויפל ייִנגלעכ עסנ שוינ די טרייפענע כאזערשע וורשט! טפו, מיעס אפילע א טראכט צו טאָנ. רעב באָרעכ גיט מיט קאעס א זעצ מיטנ פוס דעמ כאזער, וואָס ריִעט פלײַסיק אינ דער קופּע מיסט, זוכנדיק עפּעס עסנ. יע, ער — דער ראָוו — איז ניט אינגאנצנ צופרידנ דערמיט, וואָס בערעזדאָוו איז געוואָרנ א ראיאָנער צענטער. ווער ווייס, פונוואנענ עס זײַנענ דאָס אהער אָנגעפאָרנ די דאָזיקע קאָמוניסטנ, וואָס האלטנ אלצ אינ איינ דרייענ אונ דרייענ, אונ אלע טאָג קומט צו עפּעס א נײַע צאָרע. נעכטנ האָט ער, דער ראָוו, דערזענ אפנ טויער פונ דעמ פּאָפּס הויפ א נײַעמ

שילד: „בערעזדאָווער ראַיאָנער קאָמיטעט פון דעם קאָמוניסטישן יוגנט־פארבאנד פון אוקראַינע".

ווארטן אף גוטס פון דעם דאָזיקן שילד קען מען ניט. א פארכושעטער האָט דער ראָוו אַליין ניט באמערקט, ווי ער האָט זיך אָנגעשטויסן אף א קליינער מעלדונג, וואָס איז געווען אָנגעקלעפּט אפן טיר פון זײַן בעסמעדרעש.

„היַינט ווערט איג קלוב צונויפגערופן אן אָפענע פארזאמלונג פון דער ארבעטנדיקער יוגנט. מיט א פאָרטראג וועט ארויסטרעטן דער פאָרזיצער פון אויספירקאָמיטעט ליסיצין און דער צײַטוויַליקער אויספילער פון די פליכטן פונעם סעקרעטאר פון ריַיקאָמיוג כאווער קאָרטשאגין. נאָך דער פארזאמלונג וועט פאָרקומען א קאָנצערט מיט די קויכעס פון די שילער פון דער נײַניאָריקער שול".

דער ראָוו האָט א צעקאָכטער אראָפּגעריסן דאָס פאפירל פון טיר.

„אָט האָסטו דיר, עס הייבט זיך שוין אָן!"

פון צוויי זײַטן רינגלט ארום דעם שטעטלדיקן קלויסטער דער גרויסער סאָד פון דעם פאָפּס הויף, און אין סאָד שטייט אן אַלטמאָדיש געבויט ראכוועסדיק הויז. פארשטיקטע און אומעטיק־פוסטע זײַנען די צימערן, אין וועלכע עס האָבן געוווינט דער פאָפּ מיט דער פאָפּיכע,—זיי, וואָס זײַנען שוין געווען פונקט אזעלכע אלטע און אומעטיקע, ווי דאָס הויז, און האָבן שוין לאנג דערעסן איינע די אנדערע. דער אומעט איז באלד פארשוואונדן, ווי נאָר אין הויז זײַנען ארײַן די נײַע באלעבאטים. דער גרויסער זאל, וווּ די גאָטספאָרכטיקע באלעבאטים האָבן בלויז אין די גרויסע יאָנטויוים אופגענומען געסט, איז איצט שטענדיק איבערפולט. אין פאָפּס הויז האָט זיך באַזעצט דער בערעזדאָווער פארטיי־קאָמיטעט. אפן טיר פונעם קליינינקן צימערל, רעכטס פונעם הויפּט־ארײַנגאנג, איז אָנגעשריבן מיט קרײַד: „ריַי־קאָמיוג". דאָ האָט א טייל פונעם טאָג פארבראכט קאָרטשאגין, וועלכער האָט גלײַכצײַטיק מיט דער ארבעט פון א מיליטקאָמבאט אין צווייטן באַ־טאליאָן פון „וועסעאָבוטש" אויך אויסגעפילט די פליכטן פון סעקרעטאר פונעם נאָרוואָס געשאפענעם ריַיקאָם פון קאָמיוג.

אכט כאדאָשים זײַנען אדורך פון יענעם טאָג, זינט עס איז פאָרגעקומען דער כאווערישער אָוונט בא אננען. און דאכט זיך, אז דאָס איז געווען גאָר ניט לאנג! קאָרטשאגין האָט אָפּגעלייגט דעם בארג פאפירן אָנאזײַט, האָט זיך אָנגעשפּארט אָן ווענטל פונעם פאָטעל און זיך פארטראכט...

שטיל איז אין הויז. שפּעט באנאכט. אין פארטקאָם איז קיינער ניטאָ. ניט לאנג איז אוועק דער לעצטער טראָפּימאָוו, דער סעקרעטאר פון ריַי־פארטקאָם. און איצט איז קאָרטשאגין איינער אליין אינעם הויז. דאָס פענצ־טער איז ארומגעוועבט מיט דער אויסטערלישער מאָלעריַי פון פראָסט. א גאז־לאָמפּ ברענט אפן טיש. הייס איז אָנגעהייצט דער אויוון. קאָרטשאגין דערמאָנט זיך אָן דעם, וואָס איז געווען מיט א קורצער צײַט צוריק. אין

אווגוסט האָט אים דער קאָלעקטיוו פון די וואַרשטאַטן געשיקט אין א רעד־מאָנט־צוג קיין יעקאַטערינאָסלאַוו פאַר א יוגנט־אָרגאַניזאַטאָר. ביז טיף אין האַרבסט זײַנען הונדערט פופציק מאַן געפאָרן פון סטאַנציע צו סטאַנציע און אָפגערייניקט זיי פון די צעבראָכענע און צעשעדיקטע וואַגאָנעס, די פּאָלגן פון מילכאָמע און כורבן. זייער וועג האָט זיך געצויגן פון סינעלניקאָווע ביז פּאָ־לאָג. דאָ, אין דער געווזענער קעניגרײַך פון דעם באַנדיט מאַכנאָ, זײַנען אָפ יעדן טראָט געווען שפּורן פון פאַרניכטונג און צעשטערונג. אין הולײַ־פּאָליע האָט מען אין מעשעך פון א וואָך צײַט ווידער אופגעשטעלט די געמוירטע געבײַדע פון דער וואַסער־פּאָמפּע, ארופגעלייגט אײַזערנע לאַ־טעס אָפ די זײַטן פון דער וואַסער־ציסטערנע, וואָס איז געווען צעפּליקט פון דינאַמיט. דער עלעקטריקער האָט ניט געקענט די קונסט און די שווער־קײַט פון שלאָסערישער אַרבעט, אָבער ניט אײן טוזנט פאַרזשאַווערטע שרײַפלעך האָבן פאַרשרויפט זײַנע הענט, באַוואָפנטע מיט א שליסל.

אין טיפן האַרבסט איז דער צוג צוגעגאַנגען צו די נאָענטע אייגענע וואַרשטאַטן. די צעכן האָבן ווידער אַרײַנגענומען אין זייערע קאָרפּוסן הונדערט פופציק פאַר הענט...

מע האָט אָפּטער אָנגעהויבן באַגעגענען דעם עלעקטריקער בא אַנען. עס האָבן זיך אויסגעגלעט די קנייטשן אָפּן שטערן, און ניט איין מאָל האָט מען געקענט הערן זײַן אָנשטעקנדיקן געלעכטער.

ווידער האָט די מאַזוטישע כעוורע געהערט אין די קרײַזלעך זײַנע מײַ־סעס וועגן די לאַנג־פאַרלאָפענע קאַמפּ־יאָרן, וועגן די פּרוווּן פון דעם צעבונ־טעוועטן, שקלאַפישן רוסלאַנד אראָפּצושלײַדערן די געקרוינטע כײַע. וועגן די בונטן פון סטענקאַ ראַזין און פּוגאַטשאָוו.

אין איינעם אַן אָוונט, ווען בא אַנען האָבן זיך צונויפגעקליבן אַסאַך יונגעלײַט, האָט זיך דער עלעקטריקער אומגעריכט באַפרײַט פון איינער אַן אַלטער ניט־געזונטער יערושע. ער, וואָס איז קיימאַט פון קינדווײַז אָן געווען צוגעוווינט צו רויכערן, האָט געזאָגט שאַרף און קאַטעגאָריש:

— מער רויכער איך ניט.

דאָס איז פאַרגעקומען אומדערוואַרט. עמעצער האָט אָנגעהויבן שטרײַטן וועגן דעם, אַז די געוווינהײַט איז שטאַרקער פאַרן מענטשן, און האָט גע־בראַכט אַלס בײַשפּיל — רויכערן. די שטימען האָבן זיך צעטיילט. דער עלעק־טריקער האָט זיך ניט אַרײַנגעמישט אין שטרײַט, אָבער אים האָט אַרײַנגעצויגן טאָליע, זי האָט אים געצוווּנגען ריידן. ער האָט געזאָגט דאָס, וואָס ער האָט געטראַכט:

— דער מענטש פירט אָן מיט זײַנע געוווינהײַטן, און ניט פאַרקערט. אויב ניט, קענען מיר זיך נאָך דעררײדן ווער ווייס צו וואָס.

צוועטאַיעוו האָט פון ווינקל אויסגעשריִען:

— א קלינגעוודיק וואָרט. דאָס האָט קאָרטשאַגין ליב. זאָל זײַן, אַז די

דאָזיקע בארימערײַ איז אנ עכטע, אָבער וואָס זעענ מיר? ער אליינ רויכערט? ער רויכערט אונ וויס, אז רויכערנ איז אנ איבעריקע זאכ. ווייסנ וויס ער, אָבער וואָס שײַעכ אופהערנ — האלט עס ניט דערבײַ. ניט לאנג האָט ער אינ די קרײַזלעכ „געפלאנצט קולטור".— אונ בײַטנדיק דעם טאָנ, האָט צוועטאיעוו א פרעג געטאָנ מיט קאלטער איראָניע: — זאָל ער אונדז אָקאָרשט ענטפערנ, ווי האלט עס בא אים מיט די „מאמעס"? ווער עס קענ פאווקענ, יענער וועט זאָגנ, אז ער דערלאנגט אינ דער מאמענ זעלטנ, אָבער קורצ אונ שארפ. מוסער זאָגנ איז לײַכטער, איידער זײַנ א הייליקער.

עס איז געוואָרנ שטיל. די שארפקײַט פונ צוועטאיעווס טאָנ האָט אומאָנגענעם געווירקט אפ אלעמענ. דער עלעקטריקער האָט ניט באלד געענטפערט. ער האָט לאנגזאם ארויסגענומענ פונ מויל דעם פאפיראָס, צעריבנ אים אונ שטיל געזאָגט:

— מער רויכער איכ ניט.

ער האָט געשוויגנ א ווײַלע אונ צוגעגעבנ:

— דאָס טו איכ פאר זיכ אונ אביסל אויכ פאר דימקענ. א קאָפעקע איז ניט ווערט דער, וואָס קענ ניט ברעכנ זײַנ שלעכטע געוווינהײַט. בלײַבט נאָר איבער מײַנ זידלענ זיכ. יאטנ, איכ האָב נאָכ ניט אינגאנצנ באקעמפט די דאָזיקע מיִעסע זאכ, אָבער אפילע דימקע איז מוידע, אז ער הערט פונ מיר זעלטנ גראָבע רייד. א וואָרט רײַסט זיכ לײַכטער ארויס, איידער א פאפיראָס פאררויכערנ. אָט פארוואָס איכ וויל איצט ניט זאָגנ, אז איכ האָב אויכ מיט זידל־רייד פארענדיקט. אָבער איכ וועל פונדעסטוועגנ אויכ מיטנ זידלענ זיכ מאכנ א סאָפ.

הארט פארנ ווינטער האָבנ געהילצ־פליטנ פארשטאָפט דעם טײַכ. דער הארבסטיקער געוויסער האָט זיי צעקלאפט, אונ הייצ־מאטעריאל איז געגאנגענ לעיִבעד, אראָפגעטראָגנ געוואָרנ מיטנ וואסער. סאָלאָמענקע האָט ווידער געשיקט אירע קאָלעקטיוונ, קעדיי ראטעווענ דאָס געהילצ.

דאָס, וואָס ער האָט ניט געוואָלט אָפשטיינ פונעם קאָלעקטיוו, האָט געצווונגענ קאָרטשאגינענ אויסבאהאלטנ פונ זײַנע כאווײרים, אז ער איז שטארק פארקילט. אונ ווענ אינ א וואָכ ארום זײַנענ אפ די ברעגנ פונ פאָרט אויסגעוואקסנ בערג געהילצ־שטאבלענ, האָט דאָס קאלטע וואסער אונ דער הארבסטיקער ווינטער אופגעוועקט דעם סוינע, וואָס האָט געדרעמלט אינעם בלוט,— קאָרטשאגינ האָט באקומענ היצ. צוויי וואָכנ האָט א שארפער רעווומאטיזם געברענט זײַנ קערפער, אונ ווענ ער האָט זיכ אומגעקערט פונ שפיטאָל, האָט ער באם שרויפשטאָק געקענט ארבעטנ בלויז זיצנדיק „רײַטנדיק". דער מײַסטער האָט בלויז געשאָקלט מיטנ קאָפ. אונ אינ עטלעכע טעג ארום האָט אנ אָביעקטיווע קאָמיסיע אנערקענט אים פאר ניט־ארבעטפייִק. ער איז באפרײַט געוואָרנ פונ דער ארבעט אונ באקומענ דאָס רעכט אפ פענסיע, פונ וועלכער ער האָט זיכ אופגעבראכט אָפגעזאָגט.

מיט א שווערנ געמיט האָט ער פארלאָזנ זײַנע ווארשטאטנ. אָנגע־שפּארט אפ א שטעקל, איז ער געגאנגענ פּאמעלעכ אונ געפילט שטארקע ווייטעקנ. ניט איינ מאָל האָט צו אים געשריבנ די מאמע, זי האָט אים גע־בעטנ קומענ צוגאסט, אונ איצט האָט ער זיכ דערמאָנט וועגנ זײַנ אלטיטש־קער, וועגנ אירע ווערטער בײַסנ געזעגענענ זיכ:

— איכ זע אײַכ בלויז דאנ, ווענ איר קאליעטשעט זיכ.

אינ גובקאָמ האָט ער באקומענ די צוויי פּערזענלעכע קארטלעכ, פאר־וויקלטע אינ טרײַבלעכ: א קאָמיוגישנ אונ א פּארטייִשנ, אונ קימאט מיט קיינעמ ניט געזעגנט זיכ, קעדיי ניט שיטנ זאלצ אפ די וווּנדנ, איז ער אוועקגעפאָרנ צו דער מוטער. צוויי וואָכנ האָט אימ די אלטיטשקע געפּאַ־רעט אונ געריבנ די געשוואָלענע פיס. אינ א כוידעש ארומ איז ער שוינ ארומגעגאנגענ אָנ א שטעקל, אונ אינ הארצנ האָט גענומענ שלאָגנ א פריידּ, די פינצטערניש איז ווידער פארוואנדלט געוואָרנ אינ טאָג. דער צוג האָט אימ געבראכט אינ גובערניאלנ צענטער. אינ דרײַ טעג ארומ האָט מענ אימ אינ אָרגאָפּטייל געגעבנ א דאָקומענט, אז ער ווערט געשיקט אינ גובמיליט־קאָמיסאריאט אפ אויסנוצנ אימ פאר א פּאָליט־טוער אינ די טיילנ פונ מילי־טערישער לער.

אונ מיט א וואָכ שפּעטער איז ער געקומענ אהער, אינ דעמ מיט שניי פארשאָטענעמ שטעטל, אלס מיליטקאָמבאט 2. אינ קרײַז־קאָמיטעט פונ קאָמיוג האָט ער באקומענ אנ אופגאבע צונויפצוזאמלענ די צעשטויבטע קאָמיוגיסטנ אונ שאפנ אנ אָרגאניזאציע אינעמ נײַעמ ראיאָנ. אָט ווי דאָס לעבנ האָט זיכ א קערעווע געטאָנ.

*

אינדרויסנ איז הייס. אינעמ אָפענעמ פענצטער פונ קאבינעט פונעמ פאָר־זיצער פונ רײַויספּירקאָמ קוקט ארײַנ א קארשנ־צווײַגל. די זונ צינדט אָנ דעמ באגילדעטנ צייכעמ פונעמ גאָטישנ גלאָק־טורעמ אפנ קלויסטער, וואָס שטייט אפ יענער זײַט וועג אנטקעגנ דעמ אויספּירקאָמ. אינ סעדל פארנ פענצטער לויפנ פלינק אומ אונ זוכנ פאר זיכ שפּײַז צארט־פּוכיקע גענדזעלעכ, גרי־נינקע, ווי דאָס ארומיקע גראָז. די גענדזעלעכ געהערנ צו דער וועכטערנ פונ אויספּירקאָמ.

דער פאָרזיצער פונ אויספּירקאָמ האָט פארענדיקט לייענענ די נאָרוואָס באקומענע טעלעגראמע. איבער זײַנ געזיכט איז דורכגעלאָפנ א שאָטנ. די גרויסע ביינערדיקע האנט איז ארײַנגעקראָכנ אינ דעמ פראכטפולנ געקרײַזלטנ קאָפּ האָר אונ איז געבליבנ דאָרטנ שטעקנ.

ניקאָלײַ ניקאָלײַעוויטש ליסיצינ, דער פאָרזיצער פונ בערעזדאָווער אויס־פּירקאָמ, איז סאכאקל אלט פיר אונ צוואנציק יאָר. אָבער קיינער פונ זײַנע מיטארבעטער אונ פונ די פּארטייִשע טוער ווייסנ עס ניט. א גרויסער אונ

שטאַרקער מענטש, אַ שטרענגער און אָפּט אַ גרויזאַמער, זעט ער אויס ווי אַ פינף־און־דרײַסיקיאָריקער. אַ פעסטער גוף, אַ גרויסער קאָפּ, אַרופגעזעצט אַף אַ מעכטיקן האַלדז, ברוינע, קאַלטלעכע, דורכדרינגענדיקע אויגן, און אַן ענערגישע, שאַרפע ליניע פון קין. בלויע רײַטהויזן, אַ גרויער, אַלטער פרענטש, און אַף דער ברוסט אַף דער קעשענע פון לינקס—אַן אָרדען פון דער רויטער פאָן.

ביז אָקטיאַבער האָט ליסיצין „קאָמאַנדעוועט" מיט אַ טאָקער־ווערקשטעל אַפן טולער געווער־זאַוואָד, ווו זײַן זיידע, דער טאַטע און ער אַליין האָבן קימאַט פון די קינדער־יאָרן אָן געשניטן און געטאָקט אײַזן. און זינט יענער האַרבסטיקער נאַכט, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל גענומען אין האַנט דאָס געווער, וואָס ביז איצט האָט ער עס בלויז געמאַכט, איז קאָליע ליסיצין אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין אַ שטורעם. די רעוואָליוציע און די פאַרטיי האָבן אים געוואָרפן פון איין סרייפע אין דער צווייטער. דער טולער געווער־מײַסטער איז דורכגעגאַנגען זײַן רומפולן וועג פון אַ רויטאַרמייער ביז אַ שלאַכט־קאָמאַנדיר און פאָלק־קאָמיסאַר.

די סרייפעס און דאָס קנאַלן פון האַרמאַטן זײַנען אַוועק אין דער פאַרגאַנגענהײַט. איצט, איז ניקאָלײַ ליסיצין דאָ, אין אַ בײַגרענעץ־ראַיאָן. דאָס לעבן גייט פרידלעך. ביז טיף אינדערנאַכט זיצט ער אָפּ איבער די סוואָדקעס וועגן דער גרענעטעניש. נאָר אָט די דאָזיקע טעלעגראַם מאַכט ווידער לעבעדיק אַף אַ ווײַלע דאָס אַמאָליקע. אין אַ קאַרגער טעלעגראַפישער שפּראַך וואָרנט די דעפּעשע:

— „אינגאַנצן געהיים. דעם ברעזדאָווער פאָרזיצער פון אויספירקאָם ליסיצינען. אַף דער גרענעץ איז צו מערקן, אַז די פוילישע וואַרפן אַריבער אַ גרויסע באַנדע, וועלכע קען טעראָריזירן די בײַגרענעץ־ראַיאָנען. נעמט אָן פאָרזיכטיקײַט־מיטלען. עס ווערט פאָרגעלייגט די ווערטפולע כפייצים פונעם פינאַפּטייל אַריבערקשיקן אין קרײַז, ניט פאַרהאַלטן בא זיך די שטײַערן־סומעס".

דורכן פענצטער פון ליסיצינס קאַבינעט זעט מען יעדערן, ווער עס גייט אַרײַן אין רײַויספירקאָם. אַפן גאַנעק איז קאָרטשאַגין. אין אַ מינוט אַרום— אַ קלאַפּ אין טיר.

— זעצט זיך, מירן אַ שמועס טאָן.—און ליסיצין דריקט קאָרטשאַגינען די האַנט.

אַ גאַנצע שאָ האָט דער פאָרזיצער פון אויספירקאָם קיינעם ניט אופגענומען.

ווען קאָרטשאַגין איז אַרויס פון קאַבינעט, איז שוין געווען האַלבער טאָג. פון סאָד איז אַרויסגעלאָפן ליסיצינס קליינע שוועסטערקע ניורע. פאַר־וועל האָט זי גערופן אַניוטקע. אַ שעמעוודיקע און אַן ערנסטע ניט לויט אירע יאָרן, פלעגט דאָס מיידעלע שטענדיק בא אַ באַגעגעניש מיט קאָרטשאַגינען פרײַנטלעך שמייכלען. איצט האָט זי אָפּגעוואָרפן פון שטערן אַ לאָקן געשאָרענע האָר און אומגעשיקט, קינדעריש זיך באַגריסט.

— באַ קאָליען איז קיינער ניטאָ? מאַריע מיכײַלאָוונע וואַרט שוין לאַנג אַף אים צום מיטיק,—האָט ניורע געזאָגט.
— גיי, אַניוטקע, ער איז אַליין.

אַפּמאָרגן, נאָך היפּש פֿאַר דעם זונענפֿאַרגאַנג, זײַנען צום אויספֿירקאָם צוגעפֿאָרן דרײַ פֿורן, אײַנגעשפּאַנט מיט זאַטע פֿערד. די מענטשן אַף די פֿורן האָבן שטיל געשמועסט. פֿון פֿינאָפּטייל האָט מען אַרויסגעטראָגן עט־לעכע פֿאַרכאַסמעטע זעקלעך, אַרופֿגעלייגט זיי אַף אַ וואָגן, און אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן שוין אַפּגן שאָסיי געקלאַפּט די רעדער. דעם וואָגן האָט אַרומגערינגלט אַן אָטריאַד אונטער קאָרטשאַגינס אָנפֿירונג. די פֿערציק קי־לאָמעטער ביזן קרײַז־צענטער (פֿון זיי פֿינף און צוואַנציק מיטן וואַלד) איז מען דורכגעפֿאָרן בעשאָלעם: די ווערטפֿולע זאַכן זײַנען אַריבער אין די סייפֿן פֿון קרײַז־פֿינאָפּטייל. און אין עטלעכע טעג אַרום איז פֿון גרענעץ קיין בערעזדאָוו געקומען צו לויפֿן אַ רײַטער. דעם רײַטער און דעם אין שוים באַדעקטן פֿערד האָבן באַגלייט די פֿאַרכידעשטע בליקן פֿון די שטעטלדיקע לײַדיקגייער.

באַם טויער פֿון אויספֿירקאָם האָט זיך דער רײַטער ווי אַ זאַק אַראָפּגע־קײַקלט אַף דר׳ערד און, אונטערהאַלטנדיק מיטן האַנט דעם שווערד, גע־נומען טופּען אַף די טרעפּלעך מיט זײַנע שווערע שטיוואַלעס. ליסיצין האָט אַ כמורנער צוגענומען באַ אים דעם פּאַקעט, אופֿגעעפֿנט און זיך אונטער־געשריבן אַפּן קאָנווערט. דער גרענעץ־וועכטער האָט ניט געלאָזן דעם פֿערד אויסרוען. ער איז אַרופֿגעשפּרונגען אַפּן זאָטל און זיך באַלד אַ לאָז געטאָן און אַוועקגעריטן אַף צוריק.

קיינער האָט ניט געוווּסט דעם אינהאַלט פֿונעם פּאַקעט, אויסער דעם פּאָרזיצער פֿון אויספֿירקאָם, וואָס האָט אים נאָרוואָס איבערגעלייענט. אָבער באַ די שטעטלדיקע קלײנבירגער איז עפּעס אַ הינטישער שמעק־כוש. צווישן דרײַ קליינע הענדלער זײַנען דאָ צוויי אומבאַדינגט קליינע קאָנטראַבאַנדיסטן. און די דאָזיקע באַשעפֿטיקונג אַרבעט אויס עפּעס אַן אינסטינקטיווע פֿײַקייט צו דערשמעקן אַ געפֿאַר.

*

איבערן טראָטואַר זײַנען צום שטאַב פֿון באַטאַליאָן „וו.וו.אָ.״ אײַליק דורכ־געגאַנגען צוויי מענטשן. איינער פֿון זיי איז קאָרטשאַגין. דעם דאָזיקן קענען די קלײנבירגער: ער איז שטענדיק באַוואָפֿנט. אָבער דאָס, וואָס דער סעק־רעטאַר פֿון פּאַרטקאָם טראָפּימאָוו איז אָנגעטאָן אין די רימענס און אין דעם נאַהאַן,—דאָס איז שוין שלעכט.

אין עטלעכע מינוט אַרום זײַנען פֿון שטאַב אַרויסגעלאָפֿן באַ אָנדער־האַלבן צענדליק מענטשן מיט ביקסן, אַף וועלכע עס זײַנען געווען אָנגעטאָן באַגנעטן, און זיי האָבן זיך געלאָזן לויפֿן צו דער מיל, וואָס איז געשטאַנען

אפנ שיידוועג. די איבעריקע קאָמוניסטנ אונ קאָמיוגיסטנ האָבנ זיכ באוואָפנט אינ פארטקאָם. רײַטנדיק איז דורכגעלאָפנ אינ א קובאנקע אונ מיט דעמ אייביקנ מאוזער אפ דער זײַט דער פאָרזיצער פונ רײַוויספירקאָם. קלאָר, אז דאָ איז עפּעס ניט גלאט, דער גרויסער מארק אונ די פארוואָרפענע געסלעכ זײַנענ ווי אויסגעשטאָרבנ—קיינ איינ לעבעדיקער נעפעש. אינ איינ אויגנבליק האָבנ זיכ אפ די טירנ פונ די קלייִנינקע קרעמלעכ באוויזנ גרויסע פארצײַטיקע שלעסער, מע האָט פארהאקט די לאָדנ. אונ בלויז די הינער, וואָס שרעקנ זיכ פאר גאָרנישט, אונ די כאזיירימ, אויסגעמאטערטע פונ היץ, האָבנ פלײַסיק סאָרטירט די קופּעס מיסט.

הינטערנ שטעטל אינ די סעדער האָט זיכ פארשטעקט א זאסטאווע. פונדאנענ הייבנ זיכ אָנ פעלדער, אונ ווײַט פאָרויס זעט מענ די גלײַכע ליניע פונעמ שליאכ.

די סוואָדקע, וואָס ליסיצינ האָט באקומענ, איז געווענ א קורצע:

„הײַנט באנאכט האָט זיכ אינ ראיאָנ פונ פּאָדובצי אינ א שלאכט דורכגעריסנ דורכ דער גרענעצ אפ דער סאָוועטישער טעריטאָריע א רײַטער־באנדע, אנ ערעכ הונדערט שווערדנ מיט צוויי האנט־קוילנוואַרפערס. נעמט אָנ מיטלענ. די שפּורנ פונ דער באנדע פארשווינדנ אינ די סלאַוווטער וועלדער. איכ וואָרנ, באטאָג וועלנ דורכ בערעזדאָוו דורכגיינ א הונדערט רויטע קאָזאקנ, וועלכע יאָגנ די באנדע. האָט ניט קיינ טאָעס. קאָמבאט פונ באזונדערנ בײַגרענעצדיקנ ג א ו ו ר י ל אָ ו״.

אינ א שאָ ארומ האָט זיכ שוינ אפנ שליאכ צומ שטעטל ארײַנ באוויזנ א רײַטער, אונ אפ א קילאָמעטער הינטער אימ—א רײַטער־גרופּע. קאָרטשאַגינ האָט אופמערקזאמ געקוקט פאָרויס. דער רײַטער איז צוגעפאָרנ פאָרזיכטיק, אָבער די זאסטאווע אינ די סעדער האָט ער ניט באמערקט. דאָס איז געווענ א יונגער רויטארמייער פונ דעמ זיבעטנ פּאָלק פונ די רויטע קאָזאקנ. אינ אויסשפּיר איז ער געגאנגענ דאָס ערשטע מאָל, אונ ווענ עס האָבנ אימ פלוצלינג ארומגערינגלט די מענטשנ, וואָס האָבנ זיכ א שאָט געטאָנ פונ די סעדער אפנ שליאכ, האָט ער, דערזעענדיק אפ די העמדלעכ „קימ״־צייכנס, זיכ צעשמייכלט אינ פארלעגנהײַט. נאָכ א קורצנ געשפּרעכ האָט ער פארקערעוועט דעמ פערד אונ איז אוועקגעריטנ צו דער סאָטניע, וואָס איז אײַליק געריטנ אהער. די זאסטאווע האָט דורכגעלאָזנ די רויטע קאזאקנ אונ זיכ ווידער פארשטעקט אינ די סעדער.

עס זײַנענ אדורכ עטלעכע אומרויִקע טעג. ליסיצינ האָט באקומענ א סוואָדקע, וואָס האָט געגעבנ צו וויסנ, אז די באנדיטנ האָט זיכ ניט אײַנגעגעבנ צו צעוויקלענ די דיווערסיע־טעטיקײַט: פארפאָלגט די גאנצע צײַט פונ דער רויטער קאוואלעריע, איז די באנדע געווענ געצווונגענ אײַליק זיכ אומקערנ אפ יענער זײַט גרענעצ.

א קליינ הײַפעלע באָלשעוויקעס—נײַנצנ מאנ—האָט אינעמ גאנצנ ראיאָנ אָנגעשטרענגט געארבעט אפ דער סאָוועטישער בויונג. דער יונגער, נאָרוואָס

אָרגאניזירטער ראיאָן האָט געפאָדערט, אז אלץ זאָל געשאפן ווערן פונדאָסניי. די נאָענטקייט פון דער גרענעץ האָט געהאלטן אלעמען אין אומופהערלעכער וואכזאמקייט.

איבערוואלן פון די ראטן, קאמפ מיט באנדיטן, קולטארבעט, קאמפ מיט קאָנטראבאנדע, מיליטעריש-פארטייִשע און קאָמיוגישע ארבעט—דאָס איז דער קרייז, אין וועלכן עס האָט זיך געיאָגט פון פרי ביז טיף אין דער נאכט דאָס לעבן פון ליסיצינען, טראָפימאָוון, קאָרטשאגינען און פון דעם ניט-גרויסן אקטיוו, וואָס זיי האָבן געשאפן.

פונעם פערד אראָפ און צום שרייבטיש, פון טיש—אפן פלאץ, ווו עס מארשירן די יוגנטלעכע וווואָדן, וואָס גייען דורך די מיליטערישע לער, אין קלוב, אין שול, צוויי-דריי זיצונגען, און באנאכט—אפן פערד, דעם מאו-זער בא דער זייט און א שארפער אויסגעשריי: „שטיי, ווער גייט?", א רויש פון רעדער פון אן אנטלויפנדיקן וואָגן טכוירע, וואָס פון יענער זייט גרענעץ—אזוי האָבן זיך צונויפגעלייגט די טעג און פיל נעכט פון דעם מיליטקאָמבאט 2.

דער רייקאָמיוג פון בערעזדאָוו—דאָס זיינען קאָרטשאגין, לידע פאָלע-וויק—א מיידל מיט שמאָלע אויגן, פון וואָלגער געגנט, וואָס איז די פארוואל-טערן פון פרויען-אָפטייל. און זשענקע ראזוואליכין—א הויכער, שיינער יאט, נאָך ניט לאנג געווען א גימנאזיסט, „א יונגער, אָבער פון די פרייִקע", א ליבהאָבער פון געפערלעכע פאסירונגען, א קענער פון שערלאָק כאָלמס און לוי בוסענאר. ראזוואליכין האָט געארבעט אלס פארוואלטער מיט די אינ-אָנים פון רייקאָמפארט. ער איז ניט פיר כאדאָשים צוריק ארייננעטראָטן אין קאָמ-יוג, אָבער צווישן די קאָמיוגיסטן האָט ער זיך געהאלטן ווי אן „אלטער באָל-שעוויק". עס איז ניט געווען וועמען צו שיקן קיין בערעזדאָוו, און נאָך לאנגע טראכטענישן האָט דער קרייזקאָם געשיקט ראזוואליכינען אלס „פאָליט-אָפקלער".

*

די זון האָט זיך אויפגעהויבן צום זעניט. די היץ האָט ארייננעדרונגען אין די סאמע באהאלטענע ווינקעלעך. א ליאדע באשעפעניש האָט זיך בא-האלטן אונטער א דאך, און אפילע די הינט זיינען אונטערגעקראָכן אונטער די שפייכלערס און דאָרטן געלעגן, אויסגעמאטערטע פון דער היץ, פוילע און שלעפעריקע. עס האָט זיך געדאכט, אז אין דאָרף איז אלץ אויסגעשטאָרבן, און בלויז אין דער לוזשע באם ברונעם האָט געשמאק געכרוקעט א כאזער, וואָס האָט זיך פארגראָבן אין בלאָטע.

קאָרטשאגין האָט אָפגעבונדן דעם פערד און, פארבייסנדיק א ליפ פונעם ווייטעק, וואָס ער האָט געפילט אין קני, זיך ארייננעזעצט אין זאָטל. די לע-רערן איז געשטאנען אפ די טרעפלעך פון שול און פארשטעלט מיט דער האנט די אויגן פון דער זון.

— צום ווידערזען, כאַווער מיליטקאָם.— און זי האָט א שמייכל געטאָן.

דער פערד האָט אומגעדולדיק א בריק געטאָן מיט דער פוס און, אויס־בייגנדיק דעם האַלדז, א צי געטאָן דאָס צײַמל.

— צום ווידערזען, כאַווערטע ראַקיטינע. אַלזאָ, באַשלאָסן: מאָרגן פירט איר דורך די ערשטע לעקציע.

דער פערד פילט דאָס אָפּגעלאָזענע צײַמל. ער לאָזט זיך מיטאַמאָל לויפן. נאָר דאָ האָט קאַרטשאַגין דערהערט ווילדע געשרייען. אַזוי שרײַען ווײַבער אין דאָרף בײַס א שריפע. די שטײַפע צוים האָט שאַרף פאַרקערעוועט דעם פערד, און דער מיליטקאָם האָט דערזען, אַז פונעם עק דאָרף לויפט סאָפּענ־דיק א יונגע פויערטע. ראַקיטינע איז אַרויס צום מיטן גאַס און האָט זי אָפּגעשטעלט. אַפּ די שוועלן פון די שכייניש[ע] הײַזער האָבן זיך באַוויזן מענטשן, מערסטנטייל אַלטע פויערים און פויערטעס. דער אַרבעטספּייקער אַוילעם איז געווען אין פעלד.

— אָי, גוטע מענטשן, זעט, וואָס ס'טוט זיך דאָרטן! אוי, איך קען ניט, איך קען ניט!

ווען קאַרטשאַגין איז צוגעריטן, זײַנען זיך שוין פון אַלע זײַטן אופגע־לאָפּן מענטשן. דאָס ווײַבל האָט מען באַלאַגערט. מע האָט זי געריסן פאַרן אַרבל פון דעם ווײַסן העמד, פאַרשאָטן מיט איבערגעשראָקענע פראַגעס, אָבער פון אירע ניט־געבונדענע רייד האָט מען גאָרנישט ניט געקענט פאַר־שטיין. „געהאַרגעט! מע שנײַדט זיך ביז אין טויט!" האָט זי געהאַלטן אין איין שרײַען. עפּעס אַן אַלטער מיט א צעפּאַטלטער באָרד, וואָס האָט אונ־טערגעהאַלטן מיט דער האַנט די לײַוונטענע הויזן און אומגעלומפּערט אַרום־געטענצלט, האָט זיך אָנגעזעצט אַפּ דער יונגער פרוי:

— שרײַ ניט, ווי א מעשוגענע! ווו שלאָגט מען? פאַרוואָס האַרגעט מען? הער שוין אויף גראַגערן! טפו, צו אַלדי שוואַרציאָר!

— אונדזער דאָרף שלאָגט זיך מיט פּאָדובעצער... פאַר די מעזשעס! די פּאָדובעצער האַרגענען אונדזערע אַפּ טויט!

אַלע האָבן באַנומען דעם בראָך. אין גאַס האָט זיך אופגעהויבן א ווײַ־בערשער געיאָמער. ווילד האָבן זיך צעריטשעט די אַלטע. און איבערן דאָרף האָט זיך דורכגעטראָגן, האָט זיך אַוועקגעדרייט איבער די הויפן א רוף, ווי א גלעקער־געקלאַנג: „די פּאָדובעצער שנײַדן אויס מיט די קאָסעס אונדזערע פאַר די מעזשעס!" פון די הײַזער זײַנען אַרויסגעלאָפן אַלע, ווער עס האָט נאָר געקענט גיין, און זיך באַוואָפנט מיט ווילעס, מיט העק, אָדער פּאָשעט מיט א פלאָקן פונעם פּאַרקן. זיי זײַנען געלאָפן פון דאָרף אַרויס צו די פעלדער, ווו עס האָבן אין בלוטיקן געשלעג געלייזט זייער יאָר־יאָרלעכן קריג פאַר די מעזשעס צוויי דערפער.

קאָרטשאַגין האָט אַזוי דערלאַנגט דעם פערד, אַז ער איז מיטאַמאָל אַוועק אין גאַלאָפּ. אונטערגעשמיסן פונעם געשריי פון דעם רײַטער, האָט דער פערד

איבערגעיאָגט די לויפנדיקע אונ זיכ א ריס געטאָנ פאָרויס אינ האסטיקנ גאלאָפ. הארט פארלייגט די אויערנ צום קאָפ אונ הויכ ווארפנדיק מיט די פיס, האָט ער אלצ מער פארשנעלערט דעם גאנג. אפנ בערגל האָט די ווינט־מיל פונקט ווי פארצאמענדיק דעם וועג, צעפאָכעט אינ די זייטנ אירע הענט—די פליגלענ. פונ ווינטמיל אפ רעכטס, אינדערנידער, באמ טייכ—לאָנקעס. לינקס, אפ וויפל דאָס אויג פארנעמט, האָבנ זיכ צעוואָרפנ קאָרנ־פעלדער, וואָס האָבנ זיכ דאָ אופגעהויבנ אפ די בערגלעכ, דאָ אראָפגעלאָזנ אינדערנידער. א ווינט איז דורכגעפלויגנ איבערנ רייפנ קאָרנ, פונקט ווי ער וואָלט אימ געגלעט מיט דער האנט. העל האָבנ זיכ גערויטלט די מאָנ־בלומענ באמ וועג. געווענ איז דאָ שטיל אונ אומגעהויער הייס. ערשט אינדערווייטנס, אונטנ, דאָרטנ, ווו דער טייכ האָט זיכ ווי א זילבערנ שלענגעלע געוואָרעמט אפ דער זונ, האָבנ זיכ געהערט געשרייענ.

אראָפצו, צו די לאָנקעס, איז דער פערד געלאָפנ אינ א שרעקלעכנ אליור. „פארטשעפעט ער זיכ מיט א פוס—איז אימ אונ מיר א טויט”, האָט א שווינדל געטאָנ אינ פאוועלס קאָפ. אָבער דעם פערד האָט מענ שוינ ניט געקענט אָפשטעלנ, אונ, צובייגנדיק זיכ צו זיינ האלדז, האָט פאוועל געהערט, ווי אינ די אויערנ האָט געפייפט דער ווינט.

אפ דער לאָנקע האָט ער ארויסגעיאָגט ווי א ווילדער. מיט א טעמפנ, כאישנ צאָרנ, האָבנ זיכ דאָ מענטשנ געמיימעסט. עטלעכע מענטשנ זיינענ שוינ געלעגנ אפ דער ערד, באגאָסנ מיט בלוט.

דער פערד האָט מיט דער ברוסט א זעצ געטאָנ אָנ דר׳ערד עפעס א בערדיקנ פויער, וואָס איז געלאָפנ מיט אנ אָפגעבראָכנ הענטל פונ א קאָסע נאָכ א יונגנ באָכער, בא ועמענ דאָס פאָנעם איז געווענ צעהארגעט ביז בלוט. א פארברוינטער, געזונטער פויער האָט געקנאָטנ אנ אוועקגעלייגטנ קעגנער מיט די שווערע שטיוואלעס אונ אלצ געצילעוועט צו טרעפנ אימ „אינ דער נעשאָמע ארייִנ”.

קאָרטשאגינ האָט זיכ ארופגעוואָרפנ אפ דער מענטשלעכער קופע מיט דער גאנצער שווערקייט פונ זיינ פערד אונ צעוואָרפנ אינ פארשיידענע זייטנ די, וואָס האָבנ זיכ געשלאָגנ. ער האָט ניט געלאָזנ קומענ זיי צו זיכ, היציק געדרייט דעם פערד, אָנגעפאָרנ מיט אימ אפ די צעווילדעוועטע מענטשנ, נאָר פילנדיק, אז צענעמענ דעם דאָזיקנ בלוטיקנ מענטשלעכנ קנויל קענ מענ נאָר מיט דער זעלבער ווילדקייט אונ מיט אָנווארפנ א שרעק, האָט ער ווילד א געשריי געטאָנ:

— צעגייט זיכ אויסוורפנ! איכ וועל אייכ דאָ אלעמענ צעשיסנ, באנדיטישע נעשאָמעס!

ער האָט ארויסגעצויגנ פונ שיידל דעם מאוזער אונ א קנאל געטאָנ איבערנ קאָפ פונ איינעמ מיט א בייז־פארקריפלטנ פאָנעם. א שפרונג מיטנ פערד—אונ ווידער א שאָס. אנדערע האָבנ אוועקגעוואָרפנ די קאָסעס אונ

זיך געלאָזט לויפֿן אַפֿ צוריק. אַזוי אַרום, יאָגנדיק אַפֿן פֿערד ווי אין אַ טי־רעפּ, איבער דער לאָנקע און ניט אופֿהערנדיק צו קנאַלן מיטן מאַוזער, האָט דעם מיליטקאָם דערגרייכט דעם ציל. די מענטשן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן פֿון דער לאָנקע אין פֿאַרשיידענע זײַטן, קעדיי אויסבאַהאַלטן זיך פֿון פֿאַראַנט־וואָרטלעכקײַט און פֿון דעם דאָזיקן, ווער ווייס פֿונוואַנען געקומענעם, שרעק־לעכן, בייזן מענטשן מיט דער „כאָלערישער מאַשינקע", וואָס שיסט אָן אַן עק.

אינגיכּע איז קיין פּאָדרובצי געקומען דער ראַיאָנישער געריכט. לאַנג האָט זיך דער פֿאָלק־ריכטער געמאַטערט באַם אויספֿרעגן די איידעס, אָבער די איניציאַטערס האָט ער פֿאַרט ניט געפֿונען. פֿון דער געשלעג איז קיינער ניט געשטאָרבן, די פֿאַרוווּנדעטע האָבן זיך אויסגעהיילט. אקשאָנעסדיק און מיט אַסאַך געדולד האָט דער ריכטער זיך באַמיט דערקלערן די פּויערים, וואָס זײַנען פֿאַרכמורעטע געשטאַנען קעגן אים, די גאַנצע ווילדקײַט און די ניט־דערלאָזבאַרקײַט פֿון דעם געשלעג, וואָס זיי האָבן געמאַכט.

— די מעזשעס זײַנען שולדיק, כאַווער ריכטער, אונדזערע מעזשעס האָבן זיך פֿאַרפּלאָנטערט! דעריבער שלאָגן מיר זיך אַלע יאָר!

אָבער אייניקע איז פֿאַרט אויסגעקומען צו טראָגן די פֿאַראַנטוואָרט־לעכקײַט.

און אין אַ וואָך אַרום איז איבער דער לאָנקע געגאַנגען אַ קאָמיסיע און אַרײַנגעקלאַפּט פּלעקלעך אין די ערטער, פֿאַר וועלכע ס'האָט זיך גע־קריגט: דער אַלטער ערדמעסטער, אַ באַגאָסענער מיט שווייס, אַן אויסגע־מאַטערטער פֿון דער היץ און פֿונעם לאַנגן אַרומגיין, האָט, פֿאַרוויקלענדיק די רולעטקע, געזאָגט קאָרטשאַגינען:

— שוין דאָס דרײַסיקסטע יאָר, אַז איך מעסט ערד, און אומעטום איז די סיבע פֿון קריגערײַען — די מעזשע. גיט אַ קוק אַפֿ דער גרענעץ־ליניע פֿון די לאָנקעס, דאָס איז דאָך אַן אומגלויבלעכע זאַך! אַ שיקערער גייט דאָך אויך גלײַכער. און אַפֿ די פֿעלדער איז בעסער? אַ פּאַסעק פֿון דרײַ טריט די ברייט. איין פּאַסעק קריכט אַפֿן אַנדערן, וועלן זיי צעטיילן — קען מען פֿון זינען אַראָפּגיין. און דאָס אַלץ ווערט פֿון יאָר צו יאָר אַלץ מער צעברעקלט. האָט זיך אַ זון אָפּגעטיילט פֿון טאַטן — גענומען דעם פּאַסעק ערד און צעטיילט אַפֿ דער העלפֿט. איך פֿאַרזיכער אײַך, אַז אין צוואַנציק יאָר אַרום וועלן די פֿעלדער זײַן דורכויסיקע מעזשעס און זייער וועט ניט זײַן ווו. איצט איז דאָך שוין צען פּראָצענט ערד אונטער די מעזשעס.

קאָרטשאַגין האָט אַ שמייכל געטאָן:

— אין צוואַנציק יאָר אַרום וועט בײַ אונדז קיין איין מעזשע שוין ניט זײַן, כאַווער ערדמעסטער.

דער אַלטער האָט אַ קוק געטאָן אַפֿ קאָרטשאַגינען.

— דאָס מיינט איר די קאָמוניסטישע געזעלשאַפֿט? נו, מאָלט אײַך, דאָס איז נאָך ערגעץ אין דער ווײַטער צוקונפֿט.

— און וועגן דעם בודאנאָווער קאָלווירט האָט איר געהערט?

— אַך, אָט וועגן וואָס איר רעדט!

— יע.

— אין בודאנאָווקע בין איך געווען... פונדעסטוועגן איז דאָס אַן אויסנאַם, כאַווער קאָרטשאַגין.

די קאָמיסיע האָט געמאָסטן. צוויי יאַטן האָבן אַרײַנגעקלאַפּט פּלעקלעך. און פון ביידע זײַטן לאָנקע זײַנען געשטאַנען פּויערים און שטאַרק נאָכגעקוקט, אַז די פּלעקלעך זאָלן אַרײַנגעקלאַפּט ווערן אַפן אָרט פון די פריִערדיקע מעזשעס, וועלכע זײַנען קוים קענטיק געווען לויט די האַלב־צעפוילטע פּלעקלעך, וואָס האָבן געסטאַרטשעט פונעם גראָז.

*

אַ שמיץ געטאָן מיטן בײַטש דעם פּעגירעדיקן פערד, האָט דער פורמאַן זיך אַ קער געגעבן צו די פּאַסאַזשירן, און, אַ מענטש, וואָס האָט ניט פײַנט געהאַט צו כאַפּן אַ שמועס, האָט ער גערעדט:

„דער שוואַרציאָר ווייס, וויאַזוי עס האָבן זיך דאָ געגומען די קאָמסאָמאָלן. פריִער איז דאָס ניט געווען. דאָס האָט זיך אָנגעהויבן, דאַרף מען מיינען, פון דער לערערקע. מע רופט זי ראַקיטינע, עפּשער קענט איר זי. נאָך גאָר אַ יונגע אַזאַ, אָבער מע דאַרף זאָגן—אַ וורעדנע. אַלע ווײַבער אין דאָרף בונטעוועט זי, קלײַבט זיי צוזאַמען און פאַרדרייט אַ קאָלטן. פון דעם האָט מען מער ניט ווי קאַפּווייטעק. מע דערלאַנגט אַמאָל אין אַ הייסער רעגע דער ווײַב אין באַק אַרײַן, וואָרעם ווי אַנדערש,—פריִער פלעגט זי אָפּווישן די ליפּן און פאַרשווײַגן, אָבער איצטער טאָר מען זיך גאָרניט צורירן צו זיי, וואָרעם זי וועט דיר פאַרשרײַען די וועלט. זי קען דיר נאָך געבן אָנצוהערעניש וועגן געריכט אויך און אויב דאָס איז נאָך פון די יונגע, קען זי דיך נאָך רופן זיך געטן אויך און וועט דיר נאָך אָנריידן וועגן אַלע געזעצן. מײַן האַנקע, דאַכט זיך, גאָר אַ שטילינקע, האָט זיך גאָר איצטער אַרײַנגעמאַכט פאַר אַ דעלעגאַטקע. דאָס איז עפּעס אַ מין עלטסטע, אָדער ווייס איך וואָס, איבער די ווײַבער, און מע גייט צו איר פון גאַנץ דאָרף. לעכאַטכילע האָב איך אַפילע געוואָלט האַנקען געבן פאַרזוכן אַביסל די לייצעס, אָבער נאָכדעם האָב איך אַ שפּײַ געטאָן אַף דעם. גייען זיי צו אַלדי קלאָגן! זאָלן זיי פּילדערן. אַ ווײַבל איז זי בײַ מיר דאַפקע ניט קיין שלעכטע, סײַ וואָס שײַעך דער באַלעבאַטישקײַט, סײַ ביכלאַל“.

דער פורמאַן האָט אַ קראַץ געטאָן די האָריקע ברוסט, וואָס האָט זיך אַרויסגעזען פונעם צעעפנטן לײַוונטענעם העמד, און פון יויצע־וועגן אַ שמיץ געטאָן דעם פערד אונטערן בויך. אַפן פור זײַנען געפאָרן ראַזוואַליכין און לידע. אין פּאָדובצי האָט יעדערער פון זיי געהאַט אַן איניען. לידע האָט געוואָלט

דורכפירן א באראטונג פון די דעלעגאטקעס, און ראזוואליכינ איז געפארן אוועקשטעלן די ארבעט פונעם קעמערל.

— צי דען געפעלן אײַך ניט די קאמיוגיסטן? — האט לידע אינ א שפאס א פרעג געטאן דעם פורמאן.

יענער האט א צופ געטאן דאס בערדל און באראכט געענטפערט:

— ניין, פארוואס... יונגערהייט מעג מען א שטיפ טאן. א ספעקטאקל מאכן אדער נאך וואס. איך האב אליין ליב א קוק טאן אפ א קאמעדיע, אויב ס'איז נאר עפעס רעכטס. מיר האבן לעכאטכילע געטראכט, אז די יאטן וועלן דא א שטיפ טאן. ווײַזט זיך אבער ארויס פארקערט. מענטשן זאגן, אז וואס שײַעכ שיקערן, כוליגאנעוועט און דאס גלײַכן, איז בא זיי שטרענג. זיי האלטן מער פון לערנען זיך. מערניט וואס זיי טשעפען זיך צו גאט און האלטן אינ איין העצן אפ צונעמען דעם קלויסטער פאר א קלוב. דאס איז שוין א נארישקייט. די אלטע קוקן אפ דעם קרום און טראגן אפ די קאמיר־גיסטן א קאעס. ווײַטער איז שלעכט בא זיי אט וואס: זיי נעמען צו זיך ארײַן די סאמע שלעפער, וועלכע זײַנען באטראקעס, אדער וועלכע האבן גאר נעבעכדיקע באלעבאטישקײַטן. באלעבאטישע קינדער נעמען זיי ניט ארײַן.

די פור האט זיך אראפגעלאזן פון בערגל און איז צוגעפארן צו דער שול.

די וועכטערקע האט די געסט אויסגעבעט בא זיך, און אליין איז זי אוועק שלאפן אפן היי. לידע און ראזוואליכינ זײַנען נארוואס געקומען פון דער פארזאמלונג, וועלכע האט זיך פארצויגן ביז שפעט. אינ שטוב איז געווען פינצטער. אראפגעווארפן די שיך, איז לידע ארופגעקראכן אפ דער נארע און איז באלד אײַנגעשלאפן. זי האט זיך אופגעכאפט פון דעם, וואס ראזוואליכינס הענט האבן זיך צו איר גראב צוגערירט. עס איז ניט געווען קיין שום סאפעק, וואס פארא ציל ער איז מיט דעם אויסן געווען.

— וואס ווילסטו?

— שטילער, לידקע, וואס שרײַסטו? מיר איז אליין, פארשטייסטו, אומע־טיק אזוי צו ליגן, כאפט עס דער טײַוול! צי דען איז דיר אזוי אינטערע־סאנט נאר ליגן און כראפען?

— נעם צו די הענט און טראג זיך באלד אפ צו אלדי שווארציאר פון מײַן בעט! — האט אים לידע א שטויס געטאן. ראזוואליכינס ציניש שמייכל האט זי פריער אויך ניט געקענט פארלײַדן. איצטער האט לידע געוואלט זאגן ראזוואליכינען עטוואס, וואס זאל אים באליידיקן און אויסלאכן, נאר דער שלאף באהערשט זי, און עס קלעפן זיך איר די אויגן.

— וואס ברעקלסטו זיך? געזוען אביסל, סארא אינטעליגענטישע אופירונג. זײַט איר ניט אמאל פונעם אינסטיטוט פאר די ווילגעבירטיקע פרײַלנס? דו מיינסט, אז אט גלויב איך דיר טאקע! מאכ זיך ניט נאריש. אויב דו ביסט א מענטש א באוווסטזיניקער, איז פריער באפרידיק מײַן באדערפעניש, נאכדעם שלאף וויפל דאס הארצ גלוסט.

האלטנדיק פאר איבעריק צו פארלירן אומזיסטע רייד, האָט ער זיך ווי־דער איבערגעזעצט צו איר אפן בעט און מײַסע באלעבאָס אוועקגעלייגט זײַן האנט אף לידעס אקסל.

— טראָג זיך אָפּ צו אלדי רוכעס!—האָט זי זיך מיטאמאָל אופגעכאפּט און געזאָגט.—אף מײַן ערן וואָרט, איך וועל מאָרגן דערציילן קאָרטשאגינען.

ראזוואליכין האָט זי אָנגעכאפּט פאר דער האנט און אופגערעגט געמורמלט:

— איך שפּײַ אף דײַן קאָרטשאגינען, און דו בריקע זיך ניט, וואָרעם איך וועל דיך סײַוױ נעמען.

צווישן אים און לידען איז פאָרגעקומען א קורצער געראנגל, און אין דער שטילקײַט פון שטוב האָט אָפּגעקלונגען הילכיק איין פּאטש, א צוויי־טער... ראזוואליכין איז אָפּגעלאָפן אָנאזײַט. לידע איז טאפּנדיק אינדערפינצ־טער צוגעלאָפן צו דער טיר, א שטויס געטאָן זי און ארויסגעלאָפן אפן הויף. דאָרטן איז זי געשטאנען, א באגאָסענע פון לעוואָנע־שײַן, אויסער זיך פון אופגעבראכטקײַט.

— גיי אין שטוב, בעהיימע!—האָט בייז א געשריי געטאָן ראזוואליכין.

ער האָט ארויסגעטראָגן זײַן בעטגעוואנט אונטערן דעכל און געבליבן נעכטיקן אין הויף. און לידע, פארמאכנדיק די טיר אפן פארוקער, האָט זיך צונויפגעדרייט אין א קנויל אפן בעט.

אינדערפרי, ווען מע איז געפאָרן צוריק אהיים, איז זשענקע געזעסן אין פור צוזאמען מיטן אלטן פורמאן און געריכערט איין פּאפּיראָס נאָכן צווייטן.

„די דאָזיקע „ריר־מיך־ניט־אָן" קען דאָך אינדערעמעסן אויסברײַען פאר קאָרטשאגינען. אָט האָסטו דיר א פּיירע! וואָלט זי כאָטש געהאט א שיין פּאָנעם. דאָס איז דאָך אָבער א שטיק מיִעסקײַט. מע דארף מיט איר שאָלעם מאכן. עס קען זיך נאָך באקומען א מיִעסע מײַסע. קאָרטשאגין קוקט שוין אף מיר אזוי אויך קרום".

ראזוואליכין האָט זיך איבערגעזעצט צו לידען. ער האָט געמאכט אן אָנשטעל, אז ער איז אין פארלעגנהײַט. זײַנע אויגן זײַנען געווען קימאט טרויעריקע, און ער האָט עפּעס געפּלאָנטערט מיטן צונג אף פארענטפערן זיך. ער האָט קלוימערשט כאראָטע. ראזוואליכין האָט זיך דערשלאָגן דאָס זײַניקע: פארן ארײַנפאָר אין שטעטל האָט אים לידע צוגעזאָגט קיינעם ניט דערציילן וועגן דעם, וואָס נעכטן איז געשען.

*

איינע נאָך די אנדערע האָבן זיך אין די בײַגרענעצדיקע דערפער אויס־געבילדעט קאָמיוגישע קעמערלעך. אסאך קויכעס האָבן די רײַקאָמיוגיסטן אָפּגעגעבן די דאָזיקע ערשטע שפּראָצונגען פון דער קאָמוניסטישער באוועגונג. גאנצענע טעג האָבן קאָרטשאגין און לידע פּאָלעוויך פארבראכט אין די דאָזיקע דערפער.

ראזוואליכינ האָט ניט ליב געהאַט פאָרנ אינ די דערפער. ער האָט זיכ ניט געקענט דערנעענטערנ מיט די פויערישע יאַטנ, געווינענ זייער צוטרוי, אונ ער האָט בלויז שאָדנ געבראכט דער זאכ. אָבער בא פאָלעוויכ אונ קאָרטשאגינענ האָט זיכ דאָס באקומענ גאטירלעכ אונ פּאָשעט. לידע פלעגט צונויפקלײַבנ ארום זיכ די מיידלעכ, אויסזוכנ צווישנ זיי כאווערטעס. זי פלעגט שוינ ניט פארלירנ מיט זיי די פארבינדונג אונ אומבאמערקט פארינטערעסירנ די מיידלעכ מיטנ לעבנ אונ מיט דער ארבעט פונ קאָמיוג. קאָרטשאגינענ האָט אינ ראיאָנ געקענט די גאנצע יוגנט. טויזנט זעקס הונדערט פאָרפריזיוווניקעס האָט ארומגעכאפּט מיט דער מיליטערישער לער דער צווייטער באטאליאָנ „וו.וו.אָ.”, קיינמאָל האָט נאָכ די הארמאָשקע ניט געשפּילט אזא גרויסע ראָליע אינ פּראָפּאגאנדע ווי דאָ, אפ די דאָרפישע וועטשערינקעס, אפנ גאס. די הארמאָשקע האָט קאָרטשאגינענ געמאכט פאר אנ „אייגענעמ יאַט”, ניט איינ שטעגעלע אינ קאָמיוג אריַינ האָט זיכ פאר די טשובאטע יאַטנ אָנגעהויבנ האפקע פונדאנענ, פונ דער זינגעוודיקער צוויבערדיקער הארמאָשקע, וואָס אָט רודערט זי אופ לײַדנשאפטלעכ די הארצ מיטנ האסטיקנ טעמפּ פונ א מארש, אונ אָט שפּילט זי מילד אונ צארט די אומעטיקע קלאנגענ פונ אוקראַינישע לידער. מע האָט געהערט דאָס שפּילנ פונ הארמאָניק, מע האָט אויכ געהערט די רייד פונעמ הארמאָניסט—דעמ ארבעטער, דעמ איצטיקנ מיליטקאָמ אונ קאָמיוגישנ „סעקרעטארטשיק”. הארמאָניש האָבנ זיכ צונויפגעפלאָכטנ אינ די הערצער סײַ די לידער פונעמ הארמאָניק, סײַ דאָס, וועגנ וואָס עס האָט גערעדט דער יונגער קאָמיסאר. מע האָט אָנגעהויבנ הערנ אינ די דערפער נײַע לידער. אינ די הײַזער האָבנ זיכ גענומענ באוויַיזנ אויסער טילימס אונ מײַסע־ביכלעכ אויכ אנדערע ביכער.

די קאָנטראבאנדיסטנ איז געוואָרנ שמאָל. זיי איז אויסגעקומענ צו היטנ זיכ ניט בלויז פאר די גרענעצ־וועכטער: די סאָוועטנמאכט האָט באקומענ יונגע פרײַנט אונ פלײַסיקע מיטהעלפער. אנ אנדערש מאָל פלעגנ די בײַגרענעצ־קעמערלעכ איבערכאפּנ די מאָס דערמיט, וואָס זיי פלעגנ וועלנ אליינ כאפּנ דעמ סוינע, אונ דעמאָלט פלעגט קאָרטשאגינענ אויסקומענ ארויסהעלפנ זײַנע אונטערשעפּישע.

איינמאָל האָט גרישוטקע כאָראָוואָדקאָ, דער בלויויגיקער סעקרעטאר פונ פּאָדובעצער קעמערל, א היציקער יונג, א פארביסענער אפּיקוירעס, באקומענ אפ זײַנעמ א ספּעציעלנ אויפנ יעדיעס וועגנ דעמ, אז באנאכט וועט מענ צומ דאָרפישנ מילנער ברענגענ קאָנטראבאנדע, אונ ער האָט אופגעהויבנ זײַנ גאנצע קעמערל אפ די פיס. דאָס קעמערל האָט זיכ באוואָפנט מיט א לערנ־ביקס, מיט צוויי באגנעטנ, אונ אינ דער שפּיצ מיט גרישוטקענ באלאגערט פאָרזיכטיק באנאכט די מיל אונ געלויערט אפנ סוינע. וועגנ דער קאָנטראבאנדע האָט זיכ דערוווּסט דער בײַגרענעצ־פּאָסט פונ ג.פּ.או., אונ ער האָט ארויסגערופנ זײַנ זאסטאווע. באנאכט האָבנ

זיךביידע צדאָדים צוזאמענגעשטויסן, און בלויז אדאנק דער אויסגעהאלטנ־קײַט פון די גרענעצ־וועכטער, האָט מען בייס דעם דאָזיקן געראנגל ניט צעשאָסן די קאָמיוגיסטן. די יאטן האָט מען בלויז אנטוואָפנט, אוועקגעפירט פאר פיר קילאָמעטער אין דעם שכייניש דאָרפ און אוועקגעזעצט אונטערן שלאָס.

קאָרטשאגין איז אין דער צײַט געווען בא גאווריל׳אָוון. אינדערפרי האָט אים דער קאָמבאט איבערגעגעבן די נאָרוואָס באקומענע סוואָדקע, און דער סעקרעטאר פון ריַיקאָם איז אוועקגעלאָפן ארויסנעמען די יאטן.

דער באפולמעכטיקטער פון ג.פ.או. האָט אים דערציילט מיט א שמייכל וועגן די באנאכטיקע געשעענישן.

— מיר וועלן אָט וואָס טאָן, כאווער קאָרטשאגין. יאטלעך זײַנען זיי גוטע, קיין איניען וועלן מיר דערפון ניט מאכן. אבער קעדיי זיי זאָלן זיך אפ ווײַטער ניט פארנעמען מיט אונדזער טרבעט, א לפ מען זיי אָנלערנען.

דער, וואָס איז געשטאנען אפ דער וואכ, האָט געעפנט די טיר פון שטאל, און עלפ יאטן האָבן זיך אופגעהויבן פון דער ערד, פארשעמט, און זיך קיין אָרט ניט געפונען.

— אָט קוקט זיי אָן,—האָט מיט פארדראָס געזאָגט דער באפולמעכטיקטער.—זיי האָבן אָנגעמאכט צאָרעס, און איך דארפ זיי איצטער אָפשיקן אין קרײַז.

דעמלט האָט גרישוטקע, אן אופגערעגטער, געזאָגט:

— כאווער סאכאראָוו, וואָס האָבן מיר אזוינס געטאָן? מיר האָבן דאָך געוואָלט עפעס אופטאָן פאר דער סאָוועטנמאכט. מיר האָבן דעם דאָזיקן באלעגופל לאנג נאָכגעשפירט, און איר האָט אונדז פארשפארט, ווי באנדיטלעך.—ער האָט זיך א באליידיקטער אָפגעקערט.

נאָך ערנסטע אונטערהאנדלונגען האָבן קאָרטשאגין און סאבאראָוו, קוים מיט צאָרעס אײַנהאלטנדיק זיך, אופגעהערט „אָנצולערנען זיי".

— אויב דו נעמסט זיי אפ דײַן אכרײַעס און זאָגסט אונדז צו, אז זיי וועלן אפ דער גרענעצ מער ניט גיין און וועלן זייער הילפ ארויסווײַזן אפ אן אנדער אופן, וועל איך זיי אָפלאָזן מיט גוטן,—האָט סאכאראָוו זיך גע־ווענדעט צו קאָרטשאגינען.

— גוט, איך בין פאראנטוואָרטלעך פאר זיי. איך האָפ, אז זיי וועלן מיך מער ניט אונטערפירן.

אין פאָדובצי האָט זיך דאָס קעמערל אומגעקערט מיט א געזאנג. דער אינצידענט איז געבליבן א סאָד. אָבער דעם מילנער האָט מען פונדעסטוועגן אינגיכן געפאקט. דאָס מאָל שוין געזעצלעך.

*

רײַכ לעבן די דײַטשישע קאָלאָניסטן אין די וואלדיקע כוטאָרן פון מײַדאן־ווילע. אפ א האלבן קילאָמעטער ווײַט איינער פון דעם אנדערן שטייען אײַנגעפונדעוועטע באלעגופ׳שע הויפן, הײַזער און שפײַכלערס

אלערליי, ווי קלײנינקע פעסטונגען. אין מײַדאַן-ווילע האָט אנטאָניוק באנדע באהאַלטן אירע רעשטן. דער דאָזיקער צארישער פעלדפעבעל האָט ווי עס איז צונויפגעשטעלט פון זײַנע קרוויוים א באנדע פון זיבן מאן און אָנגעהויבן ארבעטן מיטן נאהאַנט אפּ די ארומיקע שליאכן; ער האָט זיך ניט געשעמט צו פארגיסן בלוט, האָט זיך ניט געמישט מיט קיין ספּעקוליאנט, אָבער האָט אויך ניט דורכגעלאָזן סאָוועטישע טוער. געארבעט האָט אנטאָניוק שנעל. הײַנט האָט ער צורעכט געמאכט צוויי דאָרפישע קאָאָפּעראטיוון, מאָרגן האָט ער שוין ערגעץ פאר צוואנציק קילאָמעטער אנטוואָפנט א פּאָטשט-טוער און אָפּגענומען בא אים די לעצטע קאָפּעקע. אנטאָניוק האָט קאָנקורירט מיט זײַנע קאָלעגע גאָרדיי. איינער איז ניט געווען בעסער פון דעם אנדערן, און ביידע צוזאמען האָבן בא דער קרײַזישער מיליציע און ג.פּ.או. אָפּגענומען היפּש צײַט. געארבעט האָט אנטאָניוק בא בערעזדאָוו אונטערן סאמע נאָז. עס איז געוואָרן געפערלעך דורכצופאָרן מיטן שליאך אין שטאָט ארײַן. דעם באנדיט איז געווען שווער צו כאפּן. ווען עס פלעגט האַלטן שמאָל, פלעגט ער אריבערגיין אפּ יענער זײַט גרענעץ, פלעגט דאָרטן אויסוואַרטן און ווידער זיך באווײַזן אקוראט דאָ, ווען מע האָט זיך ווייניקער פאר אַלץ אפּ אים געריכט. בא יעדער יעדיע וועגן א בלוטדורשטיקער שטיקל ארבעט פון דער דאָזיקער געפערלעכער כײַע, וואָס מע האָט זי ניט געקענט כאפּן, האָט ליסיצין נערוועז געביסן די ליפּן.

— ביזוואנען נאָך וועט דער דאָזיקער שלאנג אונדז אַלץ בײַסן? דער סאָפּ וועט זײַן, אז איך אליין וועל זיך נעמען פאר דעם דאָזיקן אויסוואורף, — האָט ער ארויסגעזאָגט פון צווישן די געפּרעסטע ציין. און צוויי מאָל האָט זיך דער פּאָרזיצער פון אויספּירקאָם געוואָרפן אפן פרישן שפּור פונעם באנדיט, מיטנעמענדיק מיט זיך קאָרטשאגינען און נאָך דרײַ קאָמוניסטן. אָבער אנטאָניוק האָט זיך ארויסגעדרייט.

פון קרײַז האָט מען אין בערעזדאָוו צוגעשיקט אן אָטריאד צו קעמפן קעגן באנדיטיזם. קאָמאנדעוועט האָט מיט אים דער פראנטישער פילאטאָוו. א גרויסהאלטער, ווי א יונג הענדל, האָט ער ניט געהאַלטן פאר נייטיק צו רעגיסטרירן זיך באם פאָרזיצער פון אויספּירקאָם, ווי דאָס האָבן געפאָדערט די בײַגרענעצדיקע קלאָלים, און ער האָט אוועקגעפירט זײַן אָטריאד אינעם נאָענטסטן דאָרף סעמאקי. געקומען אהין באנאכט, האָט ער זיך באזעצט מיטן אָטריאד אינעם ערשטן הויז, וואָס אין עק דאָרף. די אומבאקאנטע באוואָפנטע מענטשן, וואָס ארבעטן אזוי געהיים, האָבן צוגעצויגן די אויפמערקזאמקײַט פון דעם שאָכן דעם קאָמיוגיסט, און יענער איז אוועקגעלאָפן צום פאָרזיצער פון דאָרפסאָוועט. ניט וויסנדיק גאָרנישט וועגן דעם אָטריאד, האָט דער פאָרזיצער אים אָנגענומען פאר א באנדע, און אין ראיאָן איז ספּעציעל אוועקגעריטן א קאָמיוגיסט. פילאטאָווס פלאדערײַ האָט שיר ניט אומגעבראכט אסאך מענטשן. ליסיצין האָט זיך וועגן דער באנדע דערוווסט

באנאכט. ער האָט באַלד אופגעהויבן אַפ די פיס די מיליציע און איז מיט א צענדליק מענטשן אוועקגעריטן קיין סעמאקי. זיי זײַנען צוגעלאָפן צום הויף, אראָפגעשפרונגען פון די פערד און איבערן פּארקן זיך געלאָזן צום הויז. דער וואכמאן באַם שוועל, באַקומענדיק א זעץ אין קאָפּ מיטן הענטל פון מאוזער, האָט זיך ווי א זאק אראָפּגעלאָזן אַפ דער ערד. די טיר האָט זיך אונטערן שווערן זעץ פון ליסיצינס אקסל מיטאמאָל צעעפנט, און אינעם צימער, וואָס איז געווען שוואך באַלויכטן פון א לעמפּל אַפן סטעליע, האָבן זיך ארײַנגעריסן מענטשן. ליסיצין האָט פאַרוואָרפן אייג האַנט אַפ הינטן, גרייט א זעץ צו טאָן מיט א האַנט־גראנאטע, דעם מאוזער האָט ער פאַר־דריקט אין דער צווייטער האַנט, און א ריטשע געטאָן אַזוי, אַז עס האָבן א ציטער געטאָן די שויבן:

— גיט זיך אונטער, ווען ניט, צערײַב איך אײַך אַפ אַש!

איינ רעגע—און די ארײַנגעקומענע וועלן פאַרשיטן מיט א האָגל קוילן די פאַרשלאָפענע מענטשן, וואָס זײַנען אופגעשפרונגען פון דיל. דער שרעק־לעכער אויסזען פון דעם מענטשן מיט דער גראנאטע צווינגט אופצוהייבן אינדערהויך צענדליקער הענט. און אין א מינוט ארום, ווען די אָטריאַדניקעס האָט מען ארויסגעטריבן אַפן הויף אין איינע וועש, האָט פילאטאָוו, דער־זעענדיק דעם אָרדען אַפ ליסיצינס פרענטש, באַקומען לאָשן.

ליסיצין האָט א צעקאָכטער א שפּײַ געטאָן און מיט עקל אויסגעשריִען:

— שליאפּע!

*

אין ראיאָן איז דערגאנגען דער אָפּקלאנג פון דער דײַטשישער רעוואָ־ליוציע. עס האָבן זיך דערטראָגן די דונערן פון דער שיסערײַ אַפ די באַרי־קאַדן אין האמבורג. אַפ דער גרענעץ איז געוואָרן אומרויִק. אין אָנגע־שטרענגטער דערוואַרטונג האָט מען געלייענט די צײַטונגען. פון מײַרעוו האָבן געבלאָזן אָקטיאבערישע ווינטן. אין רײַקאָמיוג האָבן זיך א שאָט געטאָן מעלדונגען מיט ביטעס צו שיקן פאַר פרײַוויליקע אין דער רויטער ארמיי. קאָרטשאגין האָט לאַנג איבערצײַגט די שילוכים פון די קאָמערלעך, אַז די פּאָליטיק פון דער סאָוועטנמאכט—דאָס איז א פאָליטיק פון שאָלעם און אַז מילכאָמע האַלטן מיט וועמען־ניט־איז פון אירע שכיינים קלײַבט זי זיך דערווײַל ניט. אָבער דאָס האָט ווייניק געווירקט. יעדער זונטיק האָבן זיך אין שטעטל פאַרזאַמלט די קאָמיוגיסטן פון אַלע קאָמערלעך, און אין דעם פּאָפּס גרויסן סאָד זײַנען פאָרגעקומען ראיאָנע פאַרזאַמלונגען. איינמאָל איז אין גרויסן הויף פון רײַקאָם אינמיטן העלן טאָג ארײַנגעגאנגען מיט א מי־ליטערישן מאַרש, אויסגעשטעלט אין רייען, דער גאַנצער באַשטאַנד פונעם פּאָדובעצער קאָמיוגישן קעמערל. קאָרטשאגין האָט עס באמערקט אין פענצ־טער און איז ארויס אַפן גאַנעק. עלף יאַטן מיט כאָראָוואָדקען אינדערשפּיצ—

אין שטיוול, מיט גרויסע רוקזעק אף די פּלייצעס—האָבן זיך אויסגעשטעלט באַם אַריַנגאַנג.

— גרישע, וואָס באַטיַיט עס?—האָט קאַרטשאַגין געפרעגט פאַרוווּנדערט.

אָבער כאַראַוואָדקע האָט אים א פינטל געטאָן מיטן אויג און איז אַריַן מיט קאַרטשאַגינען אין הויז אַריַן. ווען כאַראַוואָדקע האָבן אַרומגערינגלט לידע, ראַזוואַליכין און נאָך צוויי קאָמיוגיסטן, האָט ער פאַרמאַכט די טיר, ערנסט פאַרקנייטשט די אָפּגעקראָכענע ברעמען און געמאָלדן:

— דאָס מאַך איך, כאַווייריִם, א שלאַכט־קאָנטראָל. איך האָב היַינט מיַינע יאַטן דערקלערט: פון ראַיאָן איז אָנגעקומען א טעלעגראַמע, פאַרשטייט זיך, שטרענג געהיים, אַז עס הייבט זיך אָן א מילכאָמע מיט די דיַיטשישע בורזשויען, און אינגיכן וועט זיך אָנהייבן אויך מיט די פּאַנעס. איז אָט, פאַראַן פון מאָסקווע א באַפעל—אַלע קאָמיוגיסטן שיקן אַפן פראָנט. און ווער עס האָט מוירע, יענער זאָל אָנשריַיבן א מעלדונג—וועט מען אים איבערלאָזן אינדערהיים. כ'האָב פאַרזאָגט, אַז וועגן מילכאָמע זאָל מען קיין וואָרט ניט אויסריידן, נאָר מע זאָל נעמען צו לאַבן ברויט און צו שטיק כאַזער־פעטס, און ווער עס האָט ניט קיין כאַזער־פעטס, זאָל נעמען קנאָבל אָדער ציבעלע, קעדיי אין א שאָ אַרום צונויפקליַיבן זיך געהיים הינטערן דאָרף. מיר וועלן גיין אין ראַיאָן, און פון דאָרטן אין קריַיז, ווו מיר וועלן באַקומען געווער. דאָס האָט געווירקט אף די יאַטן זייער שטאַרק. זיי האָבן מיך אָנגעהויבן אויספרעגן, אָבער איך טיַינע—ניט גערעדט, און א סאָפּ־אַן עק! ווער עס זאָגט זיך אָפּ—זאָל אָנשריַיבן א פּאַפּירל. דער מאַרש איז א פריַיוויליקער. זיַינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיַינע יאַטן. און אין האַרצן בא מיר קלאַפּט: און וואָס וועט זיַין, אויב קיינער וועט ניט קומען? דעמלט דאַרף איך פאַנאַנדערלאָזן דאָס קעמערל, און אַליין ערגעץ אַנדערש־וווהין אַוועקגיין. זיץ איך הינטערן דאָרף און קוק. ערשט מע גייט איינציקוויַיז. בא אַנדערע איז דער פּאָנעם פאַרוויינט, אָבער מע מאַכט אַן אָנשטעל. אַלע צען זיַינען געקומען, קיין איין דעזערטיר. אָט איז עס, דאָס פּאָדובעצער קעמערל!—האָט אַנציקט פאַרענדיקט גרישוטקע און זיך שטאָלץ א זעץ געטאָן אין ברוסט.

און ווען עס האָט אים געגומען אין דער אַרבעט די אויפגעבראַכטע פּאָלעוויך, האָט ער אף איר געקוקט מיט טאַמעוואַטע אויגן.

— וואָס גייסטו מיר זאָגן? דאָס איז דאָך דער בעסטער קאָנטראָל! דאָ זעסטו יעדערן אָן קיין שום פאַלשקיַיט. איך האָב זיי פון אָנשטעל וועגן געוואָלט שלעפּן אין קריַיז, נאָר די יאַטן זיַינען פאַרמאַטערט, זאָלן זיי גיין אַהיים. אָבער דו, קאַרטשאַגין, האַלט פאַר זיי א רעדע אומבאַדינגט, וואָרעם ווי קען אַנדערש זיַין? אָן א רעדע פּאַסט ניט... זאָג, אַז, הייסט עס, די מאָביליזאַציע איז אָפּגעשאַפט, און פאַר זייער העלדישקיַיט קומט זיי קאָוועד און רום.

*

אין קרײַז־צענטער פֿלעגט קאָרטשאַגינ פֿאָרב זעלטנ. די דאָזיקע נעסיעס פֿלעגנ אָפּנעמענ עטלעכע טעג, אונ די ארבעט האָט געפֿאָדערט אַלע טאָג זײַנ אינ ראיאָנ. דערפֿאר איז בא יעדער געלעגנהײַט געפֿאָרנ אינ שטאָט אַרײַנ ראַזוואַליכינ. באוואָפֿנט פֿונ קאָפּ ביז די פֿיס, פֿאַרגלײַכנדיק זיך אינ געדאנק מיט אײנעמ פֿונ קופֿערס העלדנ, האָט ער מיט פֿאַרגעניגנ געמאכט דידאָזיקע רײַזעס. אינ וואַלד פֿלעגט ער אָנהײבנ שיסנ אפ ראָבנ אָדער אפ א זשוואַווער וועוועריקע. ער פֿלעגט אָפּשטעלנ אײנזאמע פֿוסגײער אונ, ווי א געניטער אויספֿאָרשער, אויספֿרעגנ: ווער, פֿונוואַנענ אונ וווהינ ער גײט. נאָענט צומ שטאָט פֿלעגט זיך ראַזוואַליכינ אנטוואָפֿענענ. די ביקס ארונטערוקנ אינ די הײ, דעמ רעוואָלווער — אינ קעשענע אונ אינ קרײַז־קאָמיטעט פֿונ קאָמיוג פֿלעגט ער ארײַנגײנ אינ זײַנ געוויינלעכנ אויסזעענ.

— נו, וואָס הערט זיך נײַס בא אײַך אינ בערעזדאָוו?

בא פֿעדאָטאָוונ, דעמ סעקרעטאר פֿונ קרײַזקאָמ, איז שטענדיק פֿול דער צימער מיט מענטשנ. אַלע ריידנ אונ שרײַענ איבער אײנע די אנדערע. מע דארפֿ קענענ ארבעטנ אינ אזא סוויווע, הערנ מיטאמאָל פֿירע, שרײַבנ אונ ענטפֿערנ דעמ פֿינפֿטנ. אונ פֿעדאָטאָוו איז נאָכ גאָר יונג, אָבער ער האָט א פּארטיי־בילעט פֿונ 1919 יאָר. בלויז אינ יענער אומרויִקער צײַט האָט א פֿופֿצניאָריקער געקענט ווערנ א מיטגליד פֿונ פּארטיי.

אפ פֿעדאָטאָווס פֿראגע האָט ראַזוואַליכינ געענטפֿערט נאכלעסיק:

— אַלע נײַס וועסטו ניט איבערדערציילנ. איכ דריי זיך פֿונ אינדערפֿרי ביז שפּעט אינדערנאכט, אַלע לעכער דארפֿ מענ פֿארשטאָפּנ, עס קומט דאָכ אויס אַלצ מאכנ אפ א ליידיקנ אָרט. ווידער געשאפֿנ צוויי נײַע קעמערלעכ. וואָס האָט איר מיכ ארויסגערופֿנ? — אונ ער האָט זיך געשעפּטלעכ ארײַנגעזעצט אינ פֿאָטעל.

קרימסקי, דער פֿארוואַלטער פֿונ עקאָנאָמ־אָפּטייל, קוקט זיך ארומ, אָפּרײַסנדיק זיך אפ א ווײַלע פֿונ דעמ פּאַק פּאַפּירנ.

— מיר האָבנ קאָרטשאַגינען ארויסגערופֿנ, אינ ניט דיכ.

ראַזוואַליכינ לאָזט ארויס פֿונ מויל א געדיכטנ שטראָמ טאבעק־רויכ.

— קאָרטשאַגינ האָט ניט ליב צו פֿאָרנ אהער. אפֿילע אינ דעמ קומט מיר אויס פֿאר אימ אָפּצוקומענ... ביכלאַל איז גוט אנדערע סעקרעטארנ: זיי טוענ גאָרנישט, אונ אפ אזעלכע אייזלענ, ווי איכ, פֿאָרנ זיי ארויס. קאָרטשאַגינ, אז ער פֿארקלײַבט זיך אפ דער גרענעצ, זיצט ער דאָרטנ א וואָכ צוויי־דרײַ, אונ איכ דארפֿ שלעפּנ אפ זיך די גאנצע ארבעט.

ראַזוואַליכינ האָט גאָר ניט־צווידײַטיק געגעבנ אָנצוהערעניש, אז דאפֿקע ער וואָלט געוועג א פּאסיקער סעקרעטאר פֿונ רײַקאָמיוג.

— מיר געפֿעלט עפּעס ניט דער דאָזיקער פֿויגל, — האָט אָפֿנהערציק פֿעדאָטאָוו געזאָגט צו די כאווײרימ נאָכ דעמ, ווי ראַזוואַליכינ איז אוועק.

ראזוואליכינס הינטערגענגלעך זײַנען אויפגעדעקט געוואָרן צופעליק. אײנמאָל איז צו פעדאָטאָװן ארײַן ליסיצין נאָך דער פּאָטשט. יעדערער, וואָס איז געקומען פון ראיאָן, האָט אָפּגענומען די פּאָטשט פאר אלעמען. פעדאָ־טאָװ האָט געהאט מיט ליסיצינען א דויערנדיקן געשפרעך, און ראזוואליכין איז דעמאסקירט געוואָרן.

— אָבער דו שיק צו פונדעסטוועגן קאָרטשאגינען. מיר זײַנען דאָך מיט אים קימאט ווי ניט באקאנט,—האָט זיך מיטן פּאָרזיצער פון אויספירקאָם געזעגנט פעדאָטאָװ.

— גוט. אָבער מיר מאכן אָפּ: טראכט אפילע ניט וועגן צונעמען אים פון אונדז. מיר וועלן קאטעגאָריש דערווידערן.

*

אין דעם דאָזיקן יאָר זײַנען די אָקטיאבער־פײַערונגען דורכגעגאנגען אף דער גרענעץ מיט גרויס געהויבנקײַט. קאָרטשאגין איז אויסגע־ווײלט געוואָרן אלס פּאָרזיצער פון דער אָקטיאבער־קאָמיסיע אין די בײַ־גרענעצדיקע דערפער. נאָכן מיטינג אין פּאָרובצי האָט זיך א פינפטויזנטיקע מאסע פויערים און פויערטעס פון די דרײַ שכײנישע דערפער אויסגעשטעלט אין א האלב־קילאָמעטערדיקער קאָלאָנע, מיט אן אָרקעסטער און מיטן באטאליאָן „וו.וו.אָ.” אינדערשפּיץ, און מיט צעוויקלטע רויטע פאָנעס זיך געלאָזן הינטערן דאָרף צו דער גרענעץ. אין דער שטרענגסטער אָרדענונג און אָרגאניזירטערהײט האָט די קאָלאָנע אָנגעהויבן איר מארש אף דער סאָ־וועטישער ערד פאזע די גרענעץ־סלופּעס און גענומען די ריכטונג צו די דערפער, וואָס די גרענעץ האָט צעטײלט אפדערהעלפט. אזא בילד האָבן נאָך די פּוילישע קײנמאָל ניט געזען אף דער גרענעץ. פאָרויס פון דער קאָלאָנע פאָרן רײַטנדיק דער קאָמבאט גאווריליאָוו און קאָרטשאגין. פונהינטן הערט זיך דאָס דונערן פון מעש, דאָס שאָרכען פון פאָנעס, און לידער, לידער! יאָנטעוודיק איז אָנגעטאָן די פויערישע יוגנט, עס איז פרײלעך, דאָרפישע מײדלעך, זילבערנער קלאנג פון מײדלשן געלעכטער, ערנסטע פּנעמער פון דערוואקסענע און פײַערלעכע—פון אלטע לײַט. ווײַט, אף ווײפל דאָס אויג פארכאפּט, פליסט דער דאָזיקער מענטשלעכער טײַך. דער ברעג זײַנער איז די גרענעץ, קײן אײן טראָט ניט אף יענער זײַט פון דער סאָוועטישער ערד, קײן אײן פוס האָט ניט געטראָטן אף דער פארווערטער ליניע. קאָרטשאגין לאָזט דורך פארבײַ זיך דעם מענטשן־שטראָם. די קאָמ־יוגישע געזאנגען:

От тайги до британских морей
Красная армия всех сильней!

ווערן פארביטן אף דעם מײדלשן כאָר־געזאנג:

Ой, на гори там жницы жнут...

מיט א פריידיקן שמייכל האָבן באגריסט די קאָלאָנע די סאָוועטישע וועכטער און פארלאָרן-צעטומלט האָבן זי באגעגנט די פּוילישע. די דעמאַר־קאַציע בא דער גרענעץ, כאָטש וועגן איר איז די פּוילישע קאָמאנדירונג געוואָרנט געוואָרן, האָט פונדעסטוועגן ארויסגערופן אף יענער זייט אן אומרויִקייט. איַיליק האָבן געגומען ארומיאָגן רייַטער פון דער פעלד־זשאַנ־דארמעריע. עס האָט זיך אינ פינף מאָל פארשטארקט דער באשטאנד פון די וועכטער, און אין די באלקעס זיַינען אף יעדן פאל געווען פארבאהאלטן רעזערוון. אָבער די קאָלאָנע איז געגאנגען אף איר אייגענער ערד, א רוי־שיקע און א פריידיקע, און פול געמאכט די לופט מיט קלאנגען פון לידער.

אפן בערגל שטייט א פּוילישער גרענעץ־וועכטער. ריטמיש שפּרייַזט די קאָלאָנע. עס דערפליִען די ערשטע קלאנגען פונעם מארש. דער פּוילישער לאָזט אראָפּ פון אקסל די ביקס, ער שטעלט זי צו צום פוס און נעמט „אף קאראול”. קאָרטשאגינ האָט דערהערט גאנץ דייַטלעך:

— ניעך זשיִע קאָמונא![1]

די אויגן פונעם סאָלדאט דערציילן, אז דאָס זיַינען זיַינע ווערטער. פאוועל קוקט אף אים און קען זיך ניט אָפּרייַסן.

א פרייַנט! אונטער דעם סאָלדאטישן שינעל שלאָגט בא אים א הארץ, וואָס קלאפּט אינ אוניסאָן מיט דער קאָלאָנע, און קאָרטשאגינ ענטפערט שטיל אף פּויליש:

— א גרוס דיר, כאַווער!

דער גרענעץ־וועכטער איז געבליבן פונהינטן. ער לאָזט דורך די קאָ־לאָנע, האלטנדיק די ביקס אינ דער זעלבער לאגע. פאוועל האָט זיך עטלעכע מאָל א קער געטאָן אהינטער און געקוקט אף דער דאָזיקער שווארצער קליינינקער פיגור. אָט איז א צווייטער פּוילישער. גרויע וואָנצן. פון אונטער דעם געניקלטן רעמל פונעם דאשעק פון דער קאָנפעדעראטקע קוקן ארויס אומבאוועגלעכע, אָפּגעקראָכענע אויגן. קאָרטשאגינ, וואָס איז נאָך געווען אונטער דעם איַינדרוק פון דעם, וואָס ער האָט געהערט, האָט דער ערשטער ארויסגעזאָגט, ווי פאר זיך, אף פּויליש:

— זיַי געגריסט, כאוועך!

און ער האָט ניט באקומען קיין ענטפער.

גאוורילאָוו האָט א שמייכל געטאָן. ער האָט, ווייַזט זיך ארויס, אלץ געהערט.

— דו האָסט שוין צופיל געוואָלט, — זאָגט ער, — אויסער פּאָשעטע אינ־פאנטעריסטן, שטייט דאָ אויך פוסגייערישע זשאנדארמעריע. האָסט געזען בא אים אפן ארבל א שעוראָן? דאָס איז א זשאנדארם.

דער קאָפּ פון דער קאָלאָנע האָט זיך שוין אראָפּגעלאָזן בארג־אראָפּ צום דאָרף, וואָס איז געווען צעטיילט דורך דער גרענעץ אף העלפט. די

[1] זאָל לעבן די קאָמונע!

סאָוועטישע העלפּט האָט געגרייט פאַר די געסט א פּיַערלעכע באַגעגעניש. באַם גרענעץ-בריקל, אפּן ברעג פון דעם קלײנינקן טײַכל, האָט זיך פאַרזאַמלט דאָס גאַנצע סאָוועטישע דאָרף. די מײדלעך און די יאַטן האָבן זיך אויסגעשטעלט באַ די זײַטן וועג. אפּ דער פּוילישער העלפּט זײַנען אפּ די דעכער פון די הײַזער און שטאַלן געווען פול מענטשן, וואָס האָבן נײַגעריק נאָכגעשפּירט נאָך דעם, וואָס עס קומט פאָר אפּ יענער זײַט טײַך. אפּ די שוועלן פון די כאַטעס און באַ די פאַרקנס זײַנען געשטאַנען מאַכנעס פּויערים. ווען די קאָלאָנע איז אַרײַן אינעם מענטשן-קאָרידאָר, האָט דער אָרקעסטער גענומען שפּילן דעם „אינטערנאַציאָנאַל". אפּ א פּאָשעטער טריבונע, א באַצירטער מיט גרינס, האָבן געהאַלטן הײסע רעדעס סײַ גרינגע יוגנט, סײַ גרויע אַלטע לײַט. עס האָט אויך גערעדט קאָרטשאַגין אפּ דער מוטער־שפּראַך—אוקראַיִניש. זײַנע ווערטער זײַנען אַריבערגעפלויגן די גרענעץ, און מע האָט זײ געהערט אפּ יענער זײַט. דאָרטן האָט מען באַשלאָסן ניט דערלאָזן, אַז די דאָזיקע רעדע זאָל אָנצינדן וועמעס־ניט־איז האַרץ. איבערן דאָרף איז דורכגעפלויגן אַן אָטריאַד זשאַנדאַרמען, וואָס האָט מיט נאַהײַקעס פאַרטריבן די אײַנוווינער אין די הײַזער. איבער די דעכער האָבן זיך צעפּײַפט קוילן.

די גאַסן זײַנען געוואָרן פּוסט. פון די דעכער איז פאַרשוווּנדן די יוגנט, וואָס איז אַראָפּגעטריבן געוואָרן דורך די קוילן, און פונעם סאָוועטישן ברעג האָט מען געקוקט אפּ דעם אַלעמען און זיך געכמורעט. אפּ דער טריבונע האָט זיך אויפגעהויבן מיט דער הילף פון די יאַטן אַן אַלטער טשאַבאַן און, אויפגעבראַכט ביז לעצט, האָט ער אויפגערעגט אָנגעהויבן ריידן:

— גוט! קוקט, קינדער! אָט אַזוי האָט מען אונדז געשלאָגן אַמאָל, אָבער איצטער קען גאָרניט געמאָלט זײַן אין דאָרף, אַז די מאַכט זאָל שלאָגן א פּויער מיטן נאַהײַקע. מע האָט פאַרענדיקט מיט די פּאַנעס—האָט אויך גענומען א סאָף צום טאַנץ פון דער נאַהײַקע איבער אונדזערע פּלײצעס. האַלט, קינדער, פעסט די דאָזיקע מאַכט. איך בין אַלט, ריידן קאָן איך ניט. און זאָגן האָב איך געוואָלט אַסאַך. פאַר אונדזער גאַנצן לעבן, וואָס מיר האָבן באַם קײסער זיך אָפּגעמאַטערט, ווי אַן אָקס, וואָס שלעפּט דעם וואָגן. און עס טוט ווײ אַזוי דאָס האַרץ פאַר יענע!..—און ער האָט א מאַך געטאָן מיט דער בײנערדיקער האַנט אפּ יענער זײַט טײַך און זיך צעוויינט, ווי עס וויינען נאָר קלײנע קינדער און אַלטע לײַט.

נאָכן אַלטן איז אַרויף גרישוטקע כאַראָוואָדקאָ. הערנדיק זײַן צאָרנדיקע רעדע, האָט גאַווריליאָו א קערעווע געטאָן דעם פערד און זיך אײַנגעקוקט—צי פאַרשרײַבט ניט עמעצער אפּ יענער זײַט ברעג. נאָר דער ברעג איז געווען א פּוסטער. אַפילע דער וועכטער באַם בריק איז ניט געווען.

— ווײַזט אויס, אַז מע וועט אויסקומען אָן א נאָטע צום פּאָלקאָמויסערן,—האָט ער זיך געוויצלט.

*

אין א רעגנדיקער הארבסטיקער נאכט, סאָפ נאָיאבער־כוידעש, האָט אופגעהערט איבערלאָזן בלוטיקע שפורן נאָך זיך דער באַנדיט אנטאָניוק און יענע זיבן, וואָס מיט אים. די וועלפישע מישפּאָכע איז ארײַנגעפאלן אפ א כאסענע בא א רײַכן קאָלאָניסט אין מײַדאַן־ווילע. דאָרטן האָבן די כראָלינער קאָמונארן געמאכט מיט זיי א סאָפ.

ווײַבערשע צינגער האָבן געבראכט די יעדיִע וועגן די דאָזיקע געסט אפ דער כאסענע באם קאָלאָניסט. אין איין אויגנבליק האָבן זיך פארזאמלט די יאטן פון קעמערל, סאכאקל צוועלפ מאן, באוואָפנטע מיט וואָס עס האָט זיך געמאכט. אפ פורן האָט מען זיך געלאָזן אין כוטאָר מײַדאַן־ווילע, און קיין בערעזדאָוו איז האסטיק אוועקגעריטן א ספּעציִעלער קוריער. אין סעמאקי האָט זיך דער ספּעציִעלער רײַטער אָנגעשטויסן אפ פילאטאָווס אָטריאַד, און יענער האָט אײַליק זיך א וואָרפ געטאָן מיט זײַנע מענטשן לויט די פרישע שפורן. דעם כוטאָר האָבן באלאגערט די כראָלינער קאָמונארן, וואָס האָבן אָנגעהויבן א ביקסן־געשפּרעך מיט אנטאָניוקס קאָמפּאניע. אנטאָניוק האָט זיך פארקליבן מיט זײַנע כעוורע אינעם קליינעם בײַשטיבל און געשמיסן מיט בלײַ אפ יעדערן, וואָס האָט זיך אים נאָר געמאכט אונטערן האנט. ער האָט זיך געוועגט א ריס געטאָן אפ דורכברעכן די באלאגערונג, אָבער די כראָלינער האָבן אים פאריאָגט צוריק אין בײַשטיבל, אוועקלייגנדיק איינעם פון די זיבן מיט א קויל. ניט איין מאָל איז אנטאָניוק ארײַנגעפאלן אין אזא לאגע און שטענדיק איז ער ארויס א גאנצער: אים האָבן שטענדיק ארויסגעהאָלפן האנט־גראנאטעס און נאכט־פינצטערניש. עס קאָן זײַן, אז ער וואָלט דאָס מאָל זיך אויך אויסגעדרייט. די קאָמונארן האָבן שוין אין דער שיסערײַ פארלאָרן צווייען, אָבער אין כוטאָר איז אָנגעקומען פילאטאָוו. אנטאָניוק האָט פארשטאנען, אז ער איז ארײַנגעפאלן פעסט און אז דאָסמאָל איז ניטאָ קיין אויסוועג. ביז אינדערפרי האָט ער זיך פארטיידיקט פון די פענצטער פונעם בײַשטיבל מיט בלײַ, אָבער אינדערפרי האָט מען אים גענומען. פון די זיבן האָט זיך קיינער ניט אונטערגעגעבן. דער סאָפ פון דער וועלפישער טיטשקע האָט געקאָסט פיר לעבנס. דרײַען פון זיי האָט אָפּגעגעבן דאָס יונגע כראָלינער קעמערל פון קאָמיוג.

*

קאָרטשאגינס באטאליאָן איז ארויסגערופן געוואָרן צו די הארבסטיקע מאנעוורעס פון די טעריטאָריִעלע טיילן. פערציק קילאָמעטער ביז די לאגערן פון דער טעריטאָריִעלער דיוויזיע איז דער באטאליאָן דורכגעגאנגען אין איין טאָג אונטער א גוס־רעגן. ער האָט אָנגעהויבן זײַן מארש אינדערפרי און געענדיקט אים שפּעט אינדערנאכט. דער קאָמבאט גוסיעוו און זײַן קאָמיסאר האָבן דעם דאָזיקן מארש דורכגעמאכט רײַטנדיק. די אכט הונדערט

פאַרפריזיוויקעס זײַנען געפאַלן שלאָפן באַלד, ווי זיי זײַנען אַרײַן אין די קאַזאַרמעס. דער שטאַב פון דער טעריטאָריעלער דיוויזיע האָט פאַרשפּעטיקט אַרויסרופן דעם באַטאַליאָן. אינדערפרי טאַקע האָבן זיך אָנגעהויבן די מאַנעוורעס. דעם נאָרוואַס געקומענעם באַטאַליאָן האָט מען באַדאַרפט שטעלן צום איבערקוק. מע האָט אים אויסגעשטעלט אויפן פּלאַץ. באַלד זײַנען פאַר־נעם דיוויזיע־שטאַב געקומען צו לויפן עטלעכע רײַטער. דער באַטאַליאָן, וואָס האָט שוין געקראָגן אַמוניציע און ביקסן, האָט באַקומען אַ גאַנץ אַנ־דער פּאָנעם. סײַ גוסיעוו — דער שלאַכט־קאָמאַנדיר, סײַ קאָרטשאַגין — ביידע האָבן אָפּגעגעבן זייער באַטאַליאָן אַסאַך קויכעס און צײַט, און זיי זײַנען געווען רויק פאַר דעם טייל, וואָס מע האָט זיי אָנגעטרויט. ווען דער אָפּי־ציִעלער איבערקוק האָט זיך געענדיקט און דער באַטאַליאָן האָט באַוויזן, אַז ער איז פײַיק צו מאַנעווירן און איבערבויען זיך, האָט איינער פון די קאָמאַנדירן מיט אַ שיינעם, אָבער דיקלעכן געזיכט, שאַרף אַ פרעג געטאָן בײַ קאָרטשאַגינען:

— פאַרוואָס זיצט איר רײַטנדיק? די קאָמאַנדירן און מיליטקאָמען פון „וסעאָבוטש"־באַטאַליאָנען דאַרפן ניט האָבן קיין פערד. איך באַפעל אָפּ־געבן די פערד אין שטאַל אַרײַן. די מאַנעוורעס דורכמאַכן צופוס.

קאָרטשאַגין האָט געוווסט, אַז אויב ער וועט אַראָפּקריכן פונעם פערד, וועט ער ניט קענען אָנטיילנעמען אין די מאַנעוורעס. ער וועט אפילו קיין איין קילאָמעטער ניט קענען דורכגיין צופוס. ווי זאָל מען אָבער וועגן דעם זאָגן דעם שרײַיקן פראַנט מיט דעם צענדליק בענדער און רימענס?

— אָן אַ פערד קען איך ניט נעמען קיין אָנטייל אין די מאַנעוורעס.

— פאַרוואָס?

קאָרטשאַגין האָט פאַרשטאַנען, אַז אַנדערש דערקלערן דאָס אָפּזאָגן זיך קען מען ניט, האָט ער כמורנע געענטפערט:

— בײַ מיר זײַנען אָנגעשוואָלן די פיס, און אַ וואָך נאָכאַנאַנד לויפן און גיין וועל איך ניט קענען. כוץ דעם ווייס איך ניט, ווער זײַט איר, כאַווער.

— איך בין דער שטאַב־נאַטשאַלניק פון אײַער פּאָלק — דאָס איז איינס. צווייטנס, באַפעל איך אײַך נאָכאַמאָל אַראָפּקריכן פונעם פערד, און אויב איר זײַט אַן אינוואַליד, בין איך ניט שולדיק, וואָס איר געפינט זיך אין מיליטער־דינסט.

מע האָט קאָרטשאַגינען ווי אָפּגעגאָסן מיט הייסע וואַסער. ער האָט אַ ריס געטאָן דעם פערד פאַרן צוים. אָבער גוסיעווס שטאַרקע האַנט האָט אים אײַנגעהאַלטן. אין פאַוולען האָבן אַ ווײַלע געקעמפט צוויי געפילן: באַ־ליידיקונג און אויסגעהאַלטנקײַט. אָבער פאַוועל קאָרטשאַגין איז שוין גע־ווען ניט יענער רויטאַרמייער, וואָס האָט געקענט אַריבערגיין פון איין טייל אין דער צווייטער, ניט באַטראַכטנדיק זיך וואָס ער טוט. קאָרטשאַגין איז

געווען א מיליטקאָם פון א באטאליאָן. דער דאָזיקער באטאליאָן איז גע־שטאנען דאָ הינטער אים. וואָס פאר א מוסטער פון דיסציפּלין וואָלט ער געוויזן דעם באטאליאָן מיט זיין אופירונג! ניט פאר דעם דאָזיקן פראנט האָט ער דאָך דערצויגן זיין באטאליאָן! קאָרטשא־גין האָט באפרייט די פיס פון די ריט־רינגען, איז אראָפּ פונעם פערד. ער האָט גויוער געווען דעם שארפן ווייטעק אין די געלענקען און איז אוועק צום רעכטן פלאנג.

*

עטלעכע טעג זיינען געווען זעלטן שטילע. די מאנעווערס האָבן זיך שוין דערנענטערט צום סאָף. אפן פינפטן טאָג זיינען זיי פאָרגעקומען ארום שעפּעטאָווקע, ווו עס איז געווען זייער לעצטער פונקט. דער בערעזדאָווער באטאליאָן האָט באקומען אן אופגאבע צו פארכאפּן דעם וואָקזאל פון דער זייט פונעם דאָרף קלעמענטאָוויטשי.

קענענדיק אויסגעצייכנט די דאָזיקע מעקומעס, האָט קאָרטשאגין גע־וויזן גוסיעווען אלע וועגן. דער באטאליאָן, צעטיילט אפ צווייען, איז אומ־באמערקט פארן סוינע ארײַן טיף אין זיין טיל און מיט אן „אורא"־געשריי האָט ער זיך ארײַנגעריסן אין וואָקזאל. לויט דעם באשלוס פון די פארמיט־לער איז די אָפּעראציע דורכגעפירט געוואָרן גלענצנד. דער וואָקזאל איז געבליבן אין די הענט פון די בערעזדאָוועער, און דער באטאליאָן, וואָס האָט אים פארטיידיקט, האָט באדינגלעך פארלאָרן פופציק פראָצענט פון זיין באשטאנד און איז אָפּגעטראָטן צום וואלד.

קאָרטשאגין האָט גענומען אפ זיך די קאָמאנדע מיט א האלבן בא־טאליאָן. ער איז געשטאנען אינמיטן גאס מיטן קאָמאנדיר און פאָליט־אָנפירער פון דער דריטער ראָטע און אָפּגעגעבן א באפעל אויסצושטעלן א קייט.

— כאָווער קאָמיסאר,—איז צו אים צוגעלאָפן א רויטארמייער,—דער קאָמבאט פרעגט, צי האָבן די קוילנוואַרפלער פארנומען דעם אריבערפאָר. באלד וועט אָנקומען א קאָמיסיע,—האָט ער מיט א פארכאפּטן אָטעם אָנגע-זאָגט קאָרטשאגינען.

פאווע איז מיט די קאָמאנדירן אוועק צום אריבערפאָר.

באם אריבערפאָר האָבן זיך פארזאמלט די קאָמאנדירן פון פּאָלק. גוסיעוון האָט מען באגריסט מיט דער געלונגענער אָפּעראציע. די פאָרשטייער פונעם צעקלאפּטן באטאליאָן זיינען געשטאנען צעמישטע און האָבן אפילע ניט געפרווט זיך פארענטפערן.

— דאָס איז ניט מיין פארדינסט, נאָר אָט קאָרטשאגין איז א היגער, האָט ער דאָס אונדז געפירט.

דער נאַטש־שטאַב איז צוגעפֿאָרן האַרט צו פּאַוולען און אַ זאָג געטאָן מיט אַביסל כּויזעק:

— עס ווײַזט זיך אַרױס, אַז איר קענט אױסגעצײכנט לױפֿן, כאַווער. און אָפֿן פֿערד זײַט איר געקומען רײַטנדיק, מיסטאָמע, צוליב אָנשטעל?

ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, האָט אים אָבער אָפּגעשטעלט קאָרטשאַגינס קוק, און ער האָט זיך פֿאַרהאַקט.

װען די קאָמאַנדירן זײַנען אַוועקגעפֿאָרן, האָט קאָרטשאַגין שטיל אַ פֿרעג געטאָן בײַ גוסיעוון:

— דו ווייסט ניט זײַן פֿאַמיליע?

גוסיעוו האָט אים אַ פּאַטש געטאָן איבער דער פּלייצע:

— לאָז צורו. וואָס אַרט דיר דער דאָזיקער קנאַקער? זײַן פֿאַמיליע איז טשוזשאַנין, דאַכט זיך, אַ געוועזענער פּראַפּאָרשטשיק.

עטלעכע מאָל האָט זיך אין דעם דאָזיקן טאָג קאָרטשאַגין געפּרוווט דער־מאָנען, וווּ ער האָט געהערט די דאָזיקע פֿאַמיליע, אָבער ער האָט זיך ניט געקענט דערמאָנען.

*

די מאַנעוורעס האָבן זיך פֿאַרענדיקט. באַקומען אַן אױסגעצײכנטן אָפּ־רוף, איז דער באַטאַליאָן אַוועק קיין בערעזדאָוו, און קאָרטשאַגין, פֿיזיש אײַנגעאַנצן אָפּגעשוואַכט, איז אױף צוויי טעג געבליבן בײַ דער מוטער. זײַן פֿערד איז געשטאַנען בײַ אַרטיאָמען. צוויי טעג איז פּאַוועל געשלאָפֿן צו צוואַנציק שעה, אָפֿן דריטן איז ער געקומען צו אַרטיאָמען אין דעפּאָ. דאָ, אין דעם פֿאַרויכערטן בנין, האָט אַן אָטעם געטאָן מיט אייגנס, לײַבלעכס. ער האָט דורשטיק אַרײַנגעאָטעמט מיט דער נאָז דעם קוילן־רויך. עס האָט אים שטאַרק אַ צי געטאָן צו זיך דאָס באַקאַנטע פֿון קינדווײַז אָן, וווּ ער איז אױסגעוואַקסן און מיט וואָס ער האָט זיך באַפֿרײַנדעט. ער האָט זיך געפֿילט אַזוי, ווי ער וואָלט פֿאַרלאָרן עפּעס זייער אַ טײַערע זאַך. אַזויפֿיל כאַדאָשים ניט געהערט דעם געשריי פֿון לאָקאָמאָטיוו, און פּונקט ווי אַ מאַטראָס ווערט פֿאַרכאַפּט פֿון דער בלויקײַט פֿונעם אומענדלעכן יאַם יע־דער מאָל נאָך אַ לאַנגער צעשיידונג, אַזוי האָט איצט דעם הייצער און מאָנטיאָר געצויגן צו זיך זײַנע לײַבלעכע סטיכיע. ער האָט לאַנג ניט גע־קענט בײַקומען אין זיך דעם דאָזיקן געפֿיל. מיטן ברודער האָט ער גערעדט ווייניק. ער האָט באַמערקט בײַ אַרטיאָמען אַ נײַעם קנייטש אָפֿן שטערן. אַרטיאָם האָט געאַרבעט בײַם באַוועגלעכן האַרן. ער האָט שוין צוויי קינדער. ווײַזט אויס, שווער דאָס לעבן. וועגן דעם רעדט ניט אַרטיאָם, נאָר דאָס איז אַזוי אויך קענטיק.

אַ פּאָר שאָ האָבן זיי געאַרבעט צוזאַמען. זיי האָבן זיך צעשיידט. בײַם אַריבערפֿאָר האָט פּאַוועל אָפּגעשטעלט דעם פֿערד און לאַנג געקוקט אָפֿן וואָק־

זאל, נאָכדעם א שמיץ געטאָן דעם פערד און אוועקגעיאָגט איבערן וואלד־וועג מיט דער גאנצער שנעלקייט.

איצט איז שוין ניט געווען געפערלעך צו פאָרן איבער די וואלד־וועגן. די באָלשעוויקעס האָבן אויסגעראָט די גרויסע און קליינע באנדיטן, אויסגעברענט מיט פייער זייערע נעסטן, און אין די דערפער פון ראיאָן איז געוואָרן רויִקער צו לעבן.

קיין בערעזדאָוו איז קאָרטשאגין געקומען צו פאָרן ארום האלבן טאָג. אפן גאנעק פון ריי־קאָם האָט אים פריידיק באגעגנט פאָלעוויך.

— ענדלעך ביסטו געקומען צו פאָרן! אָן דיר איז אונדז שוין געוואָרן לאנגוויילִיק! — לידע האָט אים ארומגענומען פאר די אקסלען און אריין מיט אים אין שטוב.

— ווּ איז ראזוואליכין? — האָט קאָרטשאגין געפרעגט, אראָפנעמענדיק דעם שינעל.

לידע האָט עפּעס אָן כיישעק געענטפערט:

— איך ווייס ניט, ווּ ער איז. א, יע, איך האָב זיך דערמאָנט! ער האָט אינדערפרי געזאָגט, אז ער וועט גיין אין שול דורכפירן געזעלשאפט־קענטעניש אָנשטאָט דיר... „דאָס איז, זאָגט ער, מיין דירעקטע פונקציע, און ניט קאָרטשאגינס".

די דאָזיקע נייס האָט פּאוולען אומאָנגענעם פארוואונדערט. ראזוואליכין איז אים ביכלאל ניט געווען געפעלן. „וואָס וועט עס דער דאָזיקער טיפּ דאָרטן אָנברייען אין שול?" האָט קאָרטשאגין א טראכט געטאָן מיט אומצופרידנקייט.

— נו, מיילע, דערצייל, וואָס הערט זיך בא אייך פארא גוטס. אין גרושעווקע ביסטו געווען? ווי איז דאָרטן די לאגע בא די כעווריע?

פּאָלעוויך האָט אים אלץ דערציילט. קאָרטשאגין האָט אָפּגערוט אפן דיוואן און געלאָזן אָפּגיין די אויסגעמאטערטע פיס.

— ... אייערנעכטן האָט מען צוגענומען פאר א קאנדידאט אין פארטיי די כאווערטע ראקיטינע. דאָס וועט נאָך מער פארשטארקן אונדזער פּאָדרבעצער קאָמערל. ראקיטינע איז א ווױלע מיידל, זי געפעלט מיר זייער. זעסט, צווישן די לערער האָט זיך שוין אָנגעהויבן אן איבערבראָך. אייניקע פון זיי גייען איינגאנצן אריבער אפ אונדזער זייט.

אָפּטמאָל פלעגן זיך אין די אָוונטן בא ליסיצינען ארום דעם גרויסן טיש פארזיצן ביז שפּעט אין דער נאכט דריי: ליסיצין אליין, קאָרטשאגין און דער נייער סעקרעטאר פון ריי־קאָמפארט ליטשיקאָוו.

די טיר אין שלאָפצימער אריין איז צוגעמאכט. אניוטקע און די פרוי פונעם פאָרזיצער פון אויספירקאָם שלאָפן, און די דרייען באם טיש זיצן אָנגעבויגן איבער פּאָקראָווסקיס בוך „רוסישע געשיכטע". ליסיצין פלעגט געפינען צייט אפ לערנען זיך בלויז באנאכט. אין די טעג, ווען פּאוועל פלעגט זיך אומקערן פון דאָרף, פלעגט ער פארברענגען די אָוונטן בא

ליסיצינען, און מיט פאַרדראָס פלעגט ער זיך דערוויסן, אז ליסיצינ אוב ליטשיקאָוו האָבן אים איבערגעיאָגט.

פון פּאָדובצי איז אָנגעקומען א ידיעה: באַנאַכט האָבן אומבאַוווּסטע דערהאַרגעט גרישוטקע כאַראָוואָדקען. דערהערט וועגן דעם, האָט קאָרטשאַגין זיך א ריס געטאָן צו דעם אויספּירקאָמישן פערד־שטאַל און, פאַרגעסנדיק אָן די ווייטעקן אין די פיס, דערלאָפן אהין פאַר עטלעכע מינוט. ער האָט אין גרויס אײַלעניש אָנגעזאָטלט דעם פערד און אוועקגעיאָגט צו דער גרענעץ, שמײַסנדיק דעם פערד פון ביידע זײַטן מיט א רימענעם קאַנטשיק.

אין דעם ראַכוועסדיקן הויז פון דאָרפסאָוועט איז אפן טיש, וואָס איז געווען פאַרפּוצט מיט גרינס, צוגעדעקט מיט דער פאָן פון סאָוועט, געלעגן גרישוטקע. ביזן קומען פון דער מאַכט האָט מען צו אים קיינעם ניט צוגעלאָזן. באַם שוועל זײַנען געשטאַנען אפ דער וואַך א בײַגרענעצדיקער רויטאַרמייער און א קאָמיוגיסט. קאָרטשאַגין איז אַרײַן אין הויז, צוגעגאַנגען צום טיש און פאַרהויבן די פאָן.

גרישוטקע, בלייך ווי וואַקס, מיט ברייט־צעעפנטע אויגן, אין וועלכע עס האָבן זיך אָפּגעשטעמפּלט די יעסורים פון די לעצטע מינוטן פאַרן טויט, איז געלעגן, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אָנאַזײַט. דער נאַקן, וואָס איז געווען צעשפּאָלטן מיט עפּעס א שאַרפער זאַך, איז געווען צוגעדעקט מיט א יאָדלע־צווײַגל.

ווער האָט גענומען דאָס לעבן פון דעם יונגן, דעם אייניציקן זון פון דער אַלמאָנע כאַראָוואָדקע, וואָס האָט פאַרלאָרן אין דער רעוואָליוציע איר מאַן, דעם באַטראַק פון מיל און דעם שפּעטערדיקן דאָרפישן קאָמבעדטשיק?

די ידיעה וועגן דעם זונס טויט האָט אַרײַנגעלייגט אין בעט די אַלטע מוטער. א האַלב־טויטע, האָבן זי די שכיינעס געהאַלטן אין איין מינטערן. אָבער דער זון איז געלעגן א שווײַגנדיקער, ער האָט געהיט דעם סאָד פון זײַן אומקום.

גרישוטקעס טויט האָט אויפגערודערט דאָס דאָרף. באַם יונגן קאָמיוגישן אָנפירער און פאַרטיידיקער פון די באַטראַקעס האָבן זיך אין דאָרף געפונען מערער פרײַנט, ווי סאָנים.

דערשיטערט פון דעם דאָזיקן טויט, איז ראַקיטינע געזעסן בא זיך אין צימער און געוויינט, און ווען צו איר איז אַרײַן קאָרטשאַגין, האָט זי אפילע ניט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— ווי רעכנסטו, ראַקיטינע, ווער האָט אים געהאַרגעט? — האָט כמורנע געפרעגט קאָרטשאַגין און זיך שווער אַראָפּגעלאָזן אפ א שטול.

— ווער אַנדערש, אויב ניט דעם מילנערס כעווריע? אָט־אָ די קאָנטראַבאַנדיסטן איז דאָך גרישוטקע געשטאַנען ווי א ביין אין האַלדז.

*

אפּ גרישוטקעס לעווײַע זײַנען געקומען צו גיין צוויי דעופּער. קאָר־טשאַגינ האָט געבראַכט זײַן באַטאַליאָן. די גאַנצע קאָמיוגישע אָרגאַניזאַציע איז געקומען אָפּגעבן דעם לעצטן קאָוועד זייער כאַווער. די צוויי הונדערט פּופּציק באַגנעטן פּון דער בײַגרענעצ־ראָטע האָט גאַווריליאָו אויסגעשטעלט אַפּן פּלאַצ פּון דאָרפסאָוועט.

אונטער די טרויעריקע קלאַנגען פּונעם געזעגענונג־מאַרש האָט מען אַרויס־געטראָגן די טרונע, פּאַרוויקלט אינ רויטן, און אַוועקגעשטעלט אפּנ פּלאַצ, ווו עס איז געווען אויסגעגראָבן א קייווער לעבן די קוואָרים פּון די באָלשעוויקעס־פּאַרטיזאַנער, וואָס זײַנען געפאַלן אינ בירגערקריג.

גרישוטקעס בלוט האָט באַהעפּט אַלע יענע, פּאַר וועלכע ער איז שטענ־דיק געשטאַנען ווי א פּעסטע וואַנט. די באַטראַקישע יוגנט און די אָרעמ־שאַפט האָבן צוגעזאָגט שטיצע דעם קעמערל, און אַלע, וואָס האָבן גערעדט, האָבן אויפּגעבראַכט פּון צאָרן, געפּאָדערט טויט־שטראָפּ פּאַר די מערדער. זיי האָבן געפּאָדערט אויסגעפּינען די מערדער און מישפּעטן זיי דאָ, אפּנ פּלאַצ, בא דעם דאָזיקן קייווער, קעדיי יעדערער זאָל זען דעם סוינע אינ פּאָנעם.

דרײַ מאָל האָט מען געגעבן א זאַלפּ, און אפּ דעם פּרישן קייווער זײַנען געפאַלן צווײַגן פּון נאָדל־ביימער. אינ דעם זעלבן אָוונט האָט דאָס קעמערל אויסגעקליבן א נײַעם סעקרעטאַר—ראַקיטינע.

פּון בײַגרענעצ־פּאָסט פּון ג.פּ.או. האָט מען אָנגעזאָגט קאָרטשאַגינען, אַז זיי האָבן אָנגעטאַפּט די שפּורן פּון די מערדער.

אינ א וואָכ אַרום האָט זיכ אינ שטעטלדיקן טעאַטער געעפּנט דער צוויי־טער ראַיאָנישער צוזאַמענפּאָר פּון די סאָוועטן. ליסיצין, א שטרענגער, האָט פּײַערלעכ אָנגעהויבן זײַן פּאָרטראַג.

— כאַווירים, איכ קען מיט באַפּרידיקונג מעלדן דעם צוזאַמענפּאָר, אַז פּאַרן יאָר האָבן מיר אַלע דורכגעפּירט א גרויסע אַרבעט. מיר האָבן טיפּ פּאַרפּעסטיקט אינ ראַיאָן די סאָוועטנמאַכט, אויסגעראָטן מיטן וואָרצל דעם באַנדיטיזם און אונטערגעהאַקט די פּיס דעם קאָנטראַבאַנדע־געשעפּט. אינ די דערפּער זײַנען אויסגעוואַקסן פּעסטע אָרגאַניזאַציעס פּון דער דאָרפּישער אָרעמשאַפט, עס זײַנען אינ צען מאָל שטאַרקער געוואָרן די קאָמיוגישע אָר־גאַניזאַציעס און עס האָבן זיכ פּאַרברייטערט די פּאַרטייִשע. די לעצטע באַ־לעגופּישע אַרויסטרעטונג אינ פּאָדובצי, וואָס איר קאָרבן איז געווען אונדזער כאַווער כאָראָוואָדקאָ, איז אויפּגעדעקט. די מערדער—דער מילנער און זײַן איידעם—זײַנען אַרעסטירט, און די טעג וועט זיי מישפּעטן די אַרויספּאָר־סעסיע פּון גובערניאַלן געריכט. פּון א גאַנצער ריי דאָרפּישע דעלעגאַציעס האָט דער פּרעזידיום באַקומען א פּאָדערונג, אַז דער צוזאַמענפּאָר זאָל אָנע־מען א באַשטימונג וועגן אָנווענדן די העכסטע שטראָפּ פּאַר די באַנדיטן־טע־ראָריסטן...

דער זאַל האָט אופגעציטערט פונ געשרייענ:

— מיר האַלטנ אונטער! א טויט די סאָנים פונ דער סאָוועטנמאַכט!

אינ דער זײַטיקער טיר האָט זיכ באַוויזנ פּאָלעוויכ. זי האָט א רופּ געטאָנ פּאַוולען מיטנ פינגער.

אינ קאָ●דאָר האָט אים לידע איבערגעגעבנ א פּאַקעט מיט דעמ אופשריפט „דרינגענד”. ער האָט אים אופגעעפנט.

„דעמ רײַקאָמיוג פונ בערעזדאָוו. א קאָפּיע דעמ רײַקאָמפּאַרט. לויטנ באַשלוס פונ גובקאָמ־ביוראָ ווערט דער כאַווער קאָרטשאַגינ אָפּגערופנ פונ ראַיאָנ אינ רעשוס פונ גובקאָמ, כּעדיי צו שיקנ אים אפ פאַראַנטוואָרטלעכער קאָמיוגישער אַרבעט”.

*

קאָרטשאַגינ האָט זיכ געזעגנט מיטנ ראַיאָנ, ווו ער האָט אָפּגעאַרבעט א יאָר. אפ דער לעצטער זיצונג פונ רײַפּאַרטקאָמ האָט מענ באַהאַנדלט צוויי פראַגנ: די ערשטע — וועגנ אריבערפירנ פאַר א מיטגליד פונ דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי דעמ כאַווער קאָרטשאַגינ; די צווייטע — באַשטעטיקנ זײַנ כאַראַקטעריסטיק אונ באַפרײַענ אים פונ דער אַרבעט אַלס סעקרעטאַר פונ רײַקאָמיוג.

שטאַרק, ביז ווייטעק, האָבנ פּאַוולען געדריקט די האַנט ליסיצינ אונ לידע. זיי האָבנ אים אַרומגענומענ ווי א ברודער, אונ ווענ דער פערד האָט פאַרקערעוועט פונ הויפ אַרויס אפנ שליאַכ, האָבנ א צענדליק רעוואָלווערנ פּאַוולען סאַליוטירט.

פינפטער קאפיטל

דער טראמווײַ־וואגאָן האָט אָנגעשטרענגט געהודיעט מיטן עלעקטרעמאָ־טאָר און געקלעטערט ארויף אפ דער פונדוקלייעווער גאס. באם אָפּערע־טע־אטער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. פון אים איז ארויס א גרופּע יוגנט, און דער וואגאָן איז ווײַטער געקראָכן בארג־ארויף.

פאנקראטאָוו האָט אונטערגעיאָגט די אָפּגעשטאנענע:

— נו, געגאנגען, כעוורע. א פאקט, אז מיר האָבן פארשפּעטיקט.

אָקוניעוו האָט אים אָנגעיאָגט שוין באם סאמע ארײַנגאנג אין טעאטער.

— געדענקסט, גענקע, מיט דרײַ יאָר צוריק זײַנען מיר מיט דיר געקר־מען אהער אפ דעם זעלבן אויפן. דעמלט האָט זיך דובאווע צוריקגעקערט צו אונדז פון דער „ארבעטער־אָפּאָזיציע". א גוטער אָוונט געווען. און הײַנט וועלן מיר זיך ווידער שלאָגן מיט דובאווען.

פאנקראטאָוו האָט אָקוניעוון שוין געענטפערט אין זאל, וווהין זיי זײַנען ארײַן, באווײַזנדיק די מאנדאטן דער קאָנטראָל־גרופּע, וואָס איז געשטאנען באם טיר:

— יע, מיט מיטיאיען כאזערט זיך די געשיכטע איבער ווידעראמאָל אפ דעם זעלבן אָרט.

מע האָט צו זיי אָנגעהויבן שיקען. עס איז אויסגעקומען צו פארנעמען די נאָענטסטע ערטער—די אָוונט־זיצונג פון דער קאָנפערענץ האָט זיך שוין געעפנט. אפ דער טריבונע איז געשטאנען א פרויען־פיגור.

— געקומען צו דער ריכטיקער שאָ. זיץ און הער, וואָס דאָס ווײַבעלע וועט זאָגן,—האָט פאנקראטאָוו א שושקע געטאָן, שטורכענדיק אָקוניעוון מיטן עלנבויגן אין זײַט.

— ... עמעס, די דיסקוסיע האָט בא אונדז אָפּגענומען אסאך קויכעס, אָבער דערפאר האָט זיך די יוגנט, וואָס האָט זיך באטייליקט אין איר, פיל אויסגעלערנט. מיר פארצייכענען מיט גרויס באפרידיקונג דעם פאקט, וואָס אין אונדזער אָרגאניזאציע זײַנען טראָצקיס אָנהענגער צעקלאפט געוואָרן. זיי קענען זיך ניט באקלאָגן, אז מע האָט זיי ניט געלאָזן ארויסזאָגן זיך,

פולשטענדיק פאַרמולירן זייערע געדאַנקען. ניין, עס האָט זיך אפילו באַקו־מען פאַרקערט: די פרייהייט פון טאַט, וואָס זיי האָבן באַ אונדז באַקומען, האָט געבראַכט צו אַ גאַנצער ריי פאַלן, ווען זיי האָבן אָפן גראָבסטן אויפן געבראָכן די פאַרטיי־דיסציפּלין.

טאַליע איז געווען אויפגערעגט, אַ לאָקן האָר איז אַראָפּגעפאַלן אויפן פּאַ־נים און איר געשטערט ריידן. זי האָט האַסטיק אָפּגעוואָרפן דעם קאָפּ אַהינטער.

— מיר האָבן דאָ אויסגעהערט אַסאַך כוואַליעס פון די ראַיאָנען, און אַלע האָבן זיי גערעדט וועגן די מעטאָדן, מיט וועלכע די טראָצקיסטן האָבן זיך באַ־נוצט. דאָ, אויף דער קאָנפערענץ, זיינען זיי פאַרגעשטעלט אין אַ היפּשער צאָל. די ראַיאָנען האָבן זיי בעקיוון געגעבן מאַנדאַטן, כדי נאָכאַמאָל דאָ — אויף דער שטאָטישער פאַרטיי־קאָנפערענץ, אויסהערן זיי. ס'איז ניט אונדזער שולד, וואָס זיי טרעטן ווייניק אַרויס. דאָס, וואָס מע האָט זיי פולשטענדיק צעקלאַפּט אין די ראַיאָנען און אין די קעמערלעך, האָט זיי עפּעס אויסגע־לערנט. עס איז שווער איצט פון אָט דער דאָזיקער טריבונע אַרויסטרעטן און איבערכאַזערן דאָס, וואָס זיי האָבן נאָך גערעדט ערשט נעכטן.

פונעם רעכטן ווינקל אין פּאַרטער האָט טאַליען איבערגעריסן עמעצנס אַ שאַרפע שטימע:

— מיר וועלן נאָך זאָגן!

לאַגוטינע האָט זיך געגעבן אַ קער:

— נו, איז וואָס, דובאַווע, גיי אַרויס און רייד, מיר וועלן הערן, — האָט זי פאַרגעלייגט.

דובאַווע האָט אָנגעשטעלט אויף איר זיין שווערן בליק און נערוועז גע־קרימט מיט די ליפּן:

— עס וועט קומען די צייט — וועלן מיר זאָגן! — האָט ער אַ געשריי גע־טאָן און זיך דערמאָנט אָן דער נעכטיקער שווערער מאַפּאָלע אין זיין ראַ־יאָן, ווו מע האָט אים געקענט.

איבערן זאַל האָט זיך דורכגעטראָגן אַ טומל. פּאַנקראַטאָוו האָט ניט אויסגעהאַלטן:

— וואָס, איר ווילט נאָכאַמאָל טרייסלען די פּאַרטיי?

דובאַווע האָט דערקענט זיין קאָל, ער האָט זיך אָבער אפילו ניט אַ קער געטאָן אַהינטער. ער האָט בלויז ווייטעקדיק פאַרביסן אַ ליפּ און אַראָפּגע־לאָזן דעם קאָפּ.

טאַליע האָט ווייטער גערעדט:

— אַלס בוילעטער ביישפּיל פון דעם, וויאַזוי די טראָצקיסטן ברעכן די פּאַרטיי־דיסציפּלין, קען דינען כאַטשבי דובאַווע. ער איז אונדזערער אַן אַלטער קאָמיוגישער טוער, אַסאַך קענען אים, באַזונדערס די אַרסענאַלער. דובאַווע איז אַ סטודענט פון כאַרקאָווער קאָמוניסטישן אוניווערסיטעט. אָבער מיר אַלע

ווייסן, אז שוין דרײַ וואָכן, ווי ער געפינט זיך דאָ צוזאַמען מיט שומסקין. וואָס האָט זיי געבראַכט אַהער אין סאַמע בֿרען פֿון די לימודים אין אוני־ווערסיטעט? ניטאָ קיין איין ראַיאָן אין שטאָט, וווּ זיי זאָלן ניט האָבן אַרויס־געטראָטן. עמעס, מיכײַלע האָט זיך פֿאַר די לעצטע טעג אָנגעהויבן אויסניכ־טערן. ווער האָט זיי אַהער געשיקט? אויסער זיי, זײַנען באַ אונדז פֿאַראַן אַ גאַנצע רײ טראָצקיסטן פֿון פֿאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס. אַלע האָבן זיי דאָ אַמאָל געאַרבעט און איצט זײַנען זיי געקומען, קעדײ צו צעפֿלאַקערן דעם פֿײַער פֿונעם אינערלעך־פּאַרטייִשן קאַמף. צי ווייס די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע וווּ זיי געפֿינען זיך? פֿאַרשטייט זיך, אַז ניט. די קאָנפֿערענץ האָט געוואָרט, אַז די טראָצקיסטן וועלן דאָ אַרויסטרעטן און אָנערקענען זייערע פֿעלערן.

טאַליע האָט געפּרוּווט שטויסן זיי אַפּן וועג פֿון אָנערקענען די פֿעלערן, און זי האָט גערעדט ניט ווי פֿון טריבונע, נאָר ווי אין אַ כאַווערישן שמועס:

— איר געדענקט, מיט דרײַ יאָר צוריק האָט זיך אַהער אין דעם זעלבן טעאַטער אומגעקערט דובאַווע מיט דער געוועזענער גרופּע פֿון דער „אַר־בעטער־אָפּאָזיציע”. איר געדענקט זײַנע ווערטער: „מיר וועלן קיינמאָל פֿון אונדזערע הענט ניט אַרויסלאָזן די פּאַרטיי־פֿאָן”, און עס זײַנען ניט דורכגעגאַנ־גען קיין דרײַ יאָר, ווי דובאַווע האָט די דאָזיקע פֿאָן אַרויסגעלאָזן. זײַנע ווערטער „מיר וועלן נאָך זאָגן” ריידן דאָ וועגן דעם, אַז ער און זײַנע כאַווײרים וועלן גיין ווײַטער.

פֿון די הינטערשטע שטולן האָט מען געשריִען:

— זאָל טופּטאַ זאָגן וועגן דעם באַראָמעטער, ער איז דאָך באַ זיי דער מעטעאָראָלאָג.

עס האָבן זיך דערהערט אויפֿגערעגטע שטימען:

— גענוג צו וויצלען זיך!

— זאָלן זיי ענטפֿערן: זיי הערן אויף דעם קאַמף מיט דער פּאַרטיי אָדער ניט?

— זאָלן זיי זאָגן, ווער האָט אָנגעשריבן די אַנטיפּאַרטייִשע דעקלאַ־ראַציע!

די אויפֿרעגונג איז געשטיגן. דער פּאָרזיצער האָט לאַנג געקלונגען.

טאַליעס ווערטער זײַנען דערטרונקען געוואָרן אין דעם געפּילדער פֿון די שטימען. אָבער באַלד איז דער שטורעם שטילער געוואָרן, און מע האָט ווידער געהערט לאַגוטינעס רייד:

— מיר באַקומען פֿון דער פּעריפֿעריע בריוו פֿון אונדזערע כאַווײרים,— זיי זײַנען מיט אונדז, און דאָס באַגײַסטערט אונדז. דערלויבט מיר דורכ־לייענען אַן אויסצוג פֿון איינעם אַ בריוו. דאָס איז פֿון אָלגע יורעניעווע, אַסאַך קענען זי דאָ. זי איז איצטער דער פֿאַרוואַלטער פֿון אָרגאָפּטײל פֿונעם קאָמיוגישן קרײַזקאָם.

טאליע האָט ארויסגענומענ פונ א פעקל פאפירנ א בויגעלע אונ גענומענ אינ אימ נישטערנ מיט די אויגנ. זי האָט געלייענט:

— „די פראקטישע ארבעט איז פארלאָזנ, שוינ דעמ פערטנ טאָג זיצט די גאנצע ביוראָ אינ די ראיאָנענ, די טראָצקיסטנ האָבנ צעוויקלט א קאמפ מיט אנ אומגעהויערער שארפקײט. נעכטנ איז פאָרגעקומענ א געשעעניש, וואָס האָט אופגעבראכט די גאנצע אָרגאניזאציע. די אָפּאָזיציאָנערנ, וועלכע האָבנ ניט באקומענ אינ שטאָט קיינ מערהײט אינ קיינ איינ קעמערל, האָבנ באשלאָסנ ארויסצוטרעטנ מיט פארייניקטע קויכעס אינעמ קעמערל פונ קרײזמיליטקאָמאט, וווהינ עס גייענ אויכ ארײַנ די קאָמוניסטנ פונ קרײַזפלאנ אונ בילדונג־טוער. אינ קעמערל זײַנענ דאָ צוויי אונ פערציק מאנ, אָבער אהער האָבנ זיכ פארזאמלט אלע טראָצקיסטנ. מיר האָבנ נאָכ ניט געהערט אזעלכע אנטיפארטייִשע רעדעס, ווי דאָ אפ דער זיצונג. איינער פונ די, וואָס ארבעטנ אינ מיליטקאָמאט, איז ארויסגעטראָטנ אונ האָט פאָשעט געזאָגט: „אויב דער פארטייִשער אפאראט וועט זיכ ניט אונטערגעבנ, וועלנ מיר אימ צעברעכנ מיט גוואלד”. די אָפּאָזיציאָנערנ האָבנ די דאָזיקע מעלדונג אופגענומענ מיט אפלאָדיסמענטנ. דעמלט איז ארויסגעטראָטנ סאָרטשאגינ אונ געזאָגט: „ווי האָט איר עס געקענט אפלאָדירנ דעמ דאָזיקנ פאשיסט, אינ דער צײַט ווענ איר זײַט מיטגלידער פונ דער פארטיי?” קאָרטשאגינענ האָט מענ מער ניט געלאָזט ריידנ, מע האָט געקלאפט מיט די שטולנ, געשריִענ. די מיטגלידער פונ קעמערל, וואָס זײַנענ געווענ אופגעבראכט פונ דער טראָצקיסטישער כוליגאנערײַ, האָבנ געפאָדערט, מע זאָל אויסהערנ קאָרטשאגינענ, אָבער ווענ פאוועל האָט גענומענ ריידנ, האָט מענ אימ ווידער געמאכט אנ אָבסטרוקציע. פאוועל האָט צו זיי געשריִענ: „א שײַנע דעמאָקראטיע בא אײַכ! איכ וועל סײַוויסײַ ריידנ!” דעמלט האָבנ עטלעכע מענטשנ אימ א נעמ געטאָנ אונ געװאָלט ארונטערשלעפנ פונ דער טריבונע. עס האָט אויסגעזענ מאָדנע ווילד. פאוועל האָט זיכ ארויסגעריסנ אונ ווײַטער גערעדט, אָבער מע האָט אימ ארויסגעשלעפט אפ דער סצענע, געעפנט די זײַטיקע טיר אונ אימ ארויסגעוואָרפנ אפ די טרעפ. עפעס אנ אויסוווּרפ האָט אימ צעמאזיקט דעמ פּנימ ביז בלוט. קימאט דאָס גאנצע קעמערל איז אוועק פונ דער פארזאמלונג. דער דאָזיקער פאל האָט געעפנט אסאכ מענטשנ די אויגנ...”

טאליע איז אראָפּ פונ דער טריבונע.

*

סעגאל האָט שוינ צוויי כאָדאָשימ געארבעט אלס פארוואלטער פונ אגיטפראָפּ פונ גובקאָמפארט. איצט איז ער געזעסנ אינ פרעזידיומ לעבנ טאָקארעווּ אונ אופמערקזאמ געהערט די ארויסטרעטונגענ פונ די דעלעגאטנ אפ דער שטאָטישער פארטיי־קאָנפערענצ. דערווײַל האָט גערעדט אויסשליסלעכ די יוגנט, וועלכע איז נאָכ געווענ אינ קאָמיוג.

„ווי זיי זײַנענ דאָס אויסגעוואקסנ פאר די דאָזיקע יאָרנ!” האָט סעגאל געטראכט.

— די אָפּאָזיציאָנערנ איז שוינ הייס, — האָט ער געזאָגט צו טאָקארעוונ. — כאָטש די שווערע ארטילעריע איז נאָכ ניט ארײַנ אינ דער ארבעט: די יוגנט קלאפט די טראָצקיסטנ.

אפנ טריבונע איז ארופגעשפרונגענ טופטא. אינ זאל האָט מענ זײַנ ארויס־

טרעטונג באגעגנט מיט אן אומצופרידענעם טומל, מע האָט א לאַך געטאָן. טופטא האָט זיך אויסגעקירעוועט צום פרעזידיום. ער האָט געוואָלט פּראָטעס־טירן קעגן אזא באַגעגעניש, אָבער אין זאַל איז שוין געווען רויק.

— דאָ האָט מיך עמעצער אָנגערופן מעטעאָראָלאָג. אָט ווי איר, כאַוויי־רים פון דער מערהייט, טרייַבט כויזעק פון מייַנע פּאָליטישע אָנשויונגען, — האָט ער מיטאמאָל ארויסגעפּראַלט.

אן אלגעמיינער געלעכטער האָט פאַרהילכט זייַנע ווערטער. טופטא האָט מיט אופּרעגונג אָנגעוויזן דעם פּרעזידיום אפן זאַל.

— איר מעגט לאַכן וויפל איר ווילט, און איך וועל נאָכאַמאָל זאָגן, אז די יוגנט איז דער באַראָמעטער. לעניִן האָט עטלעכע מאָל וועגן דעם געשריבן.

אין זאַל איז מאָמענטאל געוואָרן שטיל.

— וואָס האָט ער געשריבן? — האָט מען געפרעגט פון זאַל.

טופטא איז לעבעדיקער געוואָרן:

— ווען עס האָט זיך געגרייט דער אָקטיאבער־אופשטאנד, האָט לעניִן געגעבן א דירעקטיוו צונויפצוזאמלען די מוטיקע ארבעטער־יוגנט, באַוואָפענען זי און צוזאמען מיט די מאטראָסן ווארפן אפ די סאמע פאַראנטוואָרטלעכע באצירקן. איר ווילט, וועל איך אייַך איבערלייענען דאָס דאָזיקע אָרט? בא מיר זייַנען אלע ציטאטעס אויסגעשריבן אפ קאַרטלעך. — און טופטע האָט גע־נומען זוכן אין פּאָרטפעל.

— מיר וויסן עס!

— און וואָס האָט לעניִן געשריבן וועגן אייניקייט?

— און וועגן פאַרטייִשער דיסציפּלין?

— ווו האָט לעניִן אנטקעגנגעשטעלט די יוגנט דער אלטער גוואַרדיע?

טופטא האָט פאַרלאָרן דעם פאָדעם פון זייַן געדאנק און איז אריבער צו א צווייטער טעמע:

— דאָ האָט לאַגוטינע געלייענט יורעניעוועס א בריוו. מיר קענען ניט זייַן פאַראנטוואָרטלעך פאַר אייניקע אומנאָרמאלקייטן אין דער דיסקוסיע.

צוועטאיעוו, וואָס איז געזעסן לעבן שומסקין, האָט א מורמל געטאָן צע־קאָכטערהייט:

— שיק א נאַר צו גאָט זיך בוקן, וועט ער צעברעכן דעם רוקן!

שומסקי האָט אויך שטיל געענטפערט:

— יע! דער דאָזיקער גוילעם וועט אונדז איינגאנצן באַגראָבן.

טופטאס דינע, שרייַענדיקע שטים האָט ווייַטער געגעבערט די אויערן:

— אויב איר האָט אָרגאניזירט א פראקציע פון דער מערהייט, האָבן מיר דאָס רעכט צו אָרגאניזירן א פראקציע פון דער מינדערהייט.

אין זאַל האָט זיך אופגעהויבן א שטורעם.

טופטען האָט מען פאַרשאָטן מיט א האָגל אופגערעגטע אויסרופן:

— וואָס? ווידער באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס?

— די ר.ק.פ. איז ניט קיין פּאַרלאַמענט.

— זיי סטאַרען זיך פאַר אַלעמען—פון מיאַסניקאָוון ביז מאַרטאָוון!

טופטאַ האָט אַ מאַך געטאָן מיט די הענט, ווי ער וואָלט זיך געלאָזן שווימען, און גענומען שליידערן ווערטער מיט אימפּעט:

— יע, עס דאַרף זיין פריַיהייט פאַר גרופּירונגען. אויב ניט, איז ווי וועלן מיר אַנדערש־דענקענדיקע, קענען קעמפן פאַר אונדזערע אָנשויונגען קעגן אַזאַ אָרגאַניזירטער, באַהעפטער דיסציפּלין פון דער מערהייט?

אין זאַל איז אַלץ געוואַקסן דער גערויש. פּאַנקראַטאָוו האָט זיך אופגעהויבן און אויסגעשריען:

— לאָזט אים זיך אַרויסזאָגן. מע דאַרף עס וויסן. טופטאַ פּלאַפּלט אַרויס דאָס, וועגן וואָס אַנדערע שווייגן.

עס איז געוואָרן שטיל. טופטאַ האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט איבערגעזאַלצן. וועגן דעם האָט ער גאָרניט געוואָלט צו ריידן איצטער. זיין געדאַנק האָט אַ שפּרונג געטאָן אָנאַזייט, און אַז ער האָט פאַרענדיקט די אַרויסטרעטונג, האָט ער די צוהערער פאַרשאָטן מיט אַ באַרג ווערטער:

— איר קענט אונדז אוואַדע אויסשליסן און פאַרשטופּן אין ווינקל. דאָס הייבט זיך שוין טאַקע אָן. מיך האָט מען שוין אַרויסגעשטויסן פון גובקאָמיוג. נישקאָשע, אינגיכן וועלן מיר זען, ווער עס איז געווען גערעכט.—און ער האָט זיך אַראָפּגעקייַקלט פון דער טריבונע אין זאַל אַריין.

דובאַווע האָט באַקומען פון צוועטאיעוון אַ צעטעלע:

„מיטיאַי טרעט איצט אַרויס. עמעס, דאָס וועט ניט ענדערן די לאַגע, עס איז קלאָר, אַז מיר באַקומען דאָ אַ מאַפּאָלע. מע דאַרף פאַריכטן טופטען. דאָס איז דאָך אַ גוילעם און אַ פּלאַפּלער“.

דובאַווע האָט געבעטן אַ וואָרט, און מע האָט אים באַלד געגעבן.

ווען ער איז אַרויף אַף דער סצענע, איז אין זאַל געוואָרן אַן אָנגעשטרענגטע שטילקייט. אַף דובאַווען האָט אַ בלאָז געטאָן פון דער דאָזיקער גאַנצער געוויינלעכער שטילקייט פאַר אַן אַרויסטרעטונג מיט אַ קעלט פון אָפּגעפרעמדקייט. ער האָט שוין ניט געהאַט אָט דעם ברען, מיט וועלכן ער איז אַרויסגעטראָטן אין די קאַמערלעך. וואָס אַ טאָג ווייטער, איז אַלץ מער באַ אים אויסגעלאָשן געוואָרן דער פייער. און איצט איז ער געווען ווי אַ שייטער, וואָס מע האָט פאַרגאָסן מיט וואַסער און וואָס איז איינגעוויקלט אין ביטערן רויך. דער דאָזיקער ביטערער רויך איז געווען זיין קרענקלעכע אייגנליבע, וואָס האָט באַקומען אַ קלאַפּ, אַדאַנק דער אָפענער מאַפּאָלע און דעם העפטיקן ווידערשטאַנד מיצאַד די אַלטע כאַווייריִם, און אויך דאָס, וואָס ער האָט אַקשאָנעסדיק ניט געוואָלט אָנערקענען, אַז ער איז אומגערעכט. ער האָט באַשלאָסן גיין אין אָפענעם קאַמף, כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז דאָס וועט אים נאָך מער דערווייטערן פון דער מערהייט. ער האָט גערעדט נידעריק, אָבער דייטלעך:

— איך בעט ניט איבעררײַסן מיך און ניט שטערן מיט קיין רעפּליקעס. איך וויל פאַרמולירן אונדזער פּאָזיציע פּולקום, כאָטש איך ווייס פאָרויס, אַז דאָס איז אומנוצלעך: איר זײַט די מערהײַט.

ווען ער האָט געענדיקט, האָט זיך אין זאַל ווי אופגעריסן א גראַנאַטע. א דונער פון געשרייען האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אױף דובאַווען. פּונקט ווי מיט בײַטשן האָבן דמיטריִען געשמיסן איבער די באקן צעקאָכטע אויסגעשרייען:

— א שאַנדע!

— נידער מיט די שפּאַלטער!

— גענוג! גענוג צו גיסן שמוץ!

ווען דמיטרי איז אַראָפּ פון דער סצענע, האָט אים באַגלייט א געלעכטער פול מיט כויזעק, און דער דאָזיקער געלעכטער האָט אים געשלאָגן אױף טויט. ווען מע וואָלט געשריִען מיט אופרעגונג און צאָרן, וואָלט עס אים באַפרידיקט. אָבער אים האָט מען דאָך אויסגעלאַכט, ווי אַן אַרטיסט, וואָס האָט גענומען א פאַלשן טאָן און זיך דערפאַר איבערגעריסן.

— א וואָרט האָט שומסקי, — האָט דער פּאָרזיצער געזאָגט.

ביכײַליע האָט זיך אופגעהויבן.

— איך זאָג זיך אָפּ פון דער אַרויסטרעטונג.

אין די הינטערשטע רייען האָט א רעווע געטאָן פּאַנקראַטאָוואַ באַס:

— איך בעט א וואָרט!

לויטן טעמבער פון דער שטים האָט דובאַווע דערפילט פּאַנקראַטאָוואַס געמיט־צושטאַנד. דער טרעגער פלעגט אזוי ריידן דאַן, ווען עמעצער האָט אים שווער באַליידיקט. באַגלייט מיט א פינצטערן בליק איגנאַטס עטוואָס געהויקערטע פיגור, וואָס איז גיך געגאַנגען צו דער טריבונע, האָט דובאַווע געפילט א שווערע אומרויִקײַט. ער האָט געפילט, וואָס אזוינס איגנאַט וועט זאָגן. ער האָט זיך דערמאָנט אָן זײַן נעכטיקער באַגעגעניש מיט זײַנע אַלטע פרײַנט אױף סאָלאָמענקע, ווען די יאַטן האָבן אין א פרײַנטלעכן שמועס געפּרוווט צווינגען אים איבעררײַסן מיט דער אָפּאָזיציע. צוזאַמען מיט אים זײַנען געווען צוועטאַיעוו און שומסקי. זיי האָבן זיך צונויפגעקליבן בא טאָקאַרעוון. דאָרטן זײַנען געווען איגנאַט, אָקוניעוו, טאַליע, וואָלינצעוו, זעליאָנאָווע, סטאַראָוועראָווע, אַרטיוכין. דובאַווע איז געווען טויב און שטום צום דאָזיקן פּרווו אופצושטעלן די אייניקײַט. אין ברען פון שמועס איז ער מיט צוועטאַיעוון אוועק, אונטערשטרײַכנדיק דערמיט, אַז ער וויל ניט אָנערקענען די פעלערהאַפטיקײַט פון זײַנע אָנשויונגען. שומסקי איז דאַן געבליבן: איצט ווידער האָט ער זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוטרעטן. „א ווייכלײַביקער אינטעליגענט! זיי האָבן אים, פאַרשטייט זיך, אײַנגעפּראָפּאַגאַנדירט", האָט דובאַווע בייז א טראַכט געטאָן. אין דעם דאָזיקן פאַרביסענעם קאַמף האָט ער פאַרלאָרן אַלע פרײַנט. אין קאָמוווז איז איבערגעריסן געוואָרן זײַן לאַנגיאָריקע פרײַנטשאַפט מיט זשאַרקין, וואָס איז אין ביוראָ שאַרף אַרויסגע־

טראָטנ קעגנ דער מעלדונג פונ די „זעקס אונ פערציק“. שפעטער, ווענ די מיינונג־פארשיידנהײַטנ האָבנ זיכ פארשארפט, האָט ער אופגעהערט ריידנ מיט זשאַרקינ. עטלעכע מאָל האָט ער זשארקינ געטראָפנ בא זיכ אינ דירע — בא אנענ. אנע באָרכארט איז שוינ א יאָר צײַט געווענ זײַנ פרוי. ער אונ אונ אנע האָבנ געהאט באזונדערע צימערנ. דובאווע האָט געהאלטנ, אז זײַנע אָנגעצויגענע באציִונגענ מיט אנענ, וועלכע האָט ניט אונטערגעהאלטנ זײַנע אָנשויונגענ, פארערגערנ זיכ פונ טאָג צו טאָג אויכ דערפאר, וואָס זשארקי איז געוואָרנ בא אנענ אנ אָפטער אײַנגייער. דאָס איז ניט געווענ קיינ אײַפערזיכט, אָבער אנעס פרײַנטשאפט מיט זשארקינ, מיט וועלכנ דובאווע האָט ניט גערעדט, האָט אימ געערגערט. ער האָט דאָס געזאָגט אנענ. עס איז פאָרגעקומענ א גרויסער געשפרעכ, אונ די באציִונגענ צווישנ זיי זײַנענ געוואָרנ נאָכ מער אָנגעצויגנ. ער איז אוועקגעפאָרנ אהער אונ איר ניט געזאָגט וועגנ דעמ.

זײַנע געדאנקענ האָט איבערגעריסנ איגנאט. ער האָט אָנגעהויבנ זײַנ רעדע.

— כאווײרימ! — האָט פעסט ארויסגערעדט פאנקראטאָוו דאָס דאָזיקע וואָרט. ער איז ניט ארופ אפ דער טריבונע, נאָר ער האָט זיכ אוועקגעשטעלט ניט ווײַט פונעמ סופליאָרישנ בײַדל, בא דער סאמע ראמפע. — כאווײרימ! נײַנ טעג האָבנ מיר געהערט ארויסטרעטונגענ פונ די אָפאָזיציאָנערנ. איכ וועל זאָגנ אָפנ: זיי זײַנענ ארויסגעטראָטנ ניט ווי מיטקעמפער, ווי רעוואָליוציאָנערע קעמפער, ווי כאווײרימ לויטנ קלאס אונ לויטנ קאמפ, — זייערע ארויסטרעטונגענ זײַנענ געווענ טיפ פײַנטלעכע, אומבעשאָלעמדיקע, בייזע אונ רעכילעסדיקע. יע, כאווײרימ, רעכילעסדיקע! אונדז, באָלשעוויקעס, האָט מענ געפרוּווט ארויסשטעלנ ווי אָנהענגער פונ א שטעקנ־רעזשימ אינ דער פארטיי, ווי מענטשנ, וואָס פאראטנ די אינטערעסנ פונ אונדזער קלאס אונ פונ דער רעוואָליוציע. דעמ בעסטנ, ארויסגעפרוּווטסטנ אָטריאד פונ אונדזער פארטיי, די רומפולע אלטע באָלשעוויסטישע גווארדיע, יענע, וועלכע האָבנ ארויסגעשמידט, ארויסגעכאָוועט די ר. ק. פ., יענע, וועמענ עס האָט געמאטערט אינ די טפיסעס די צארישע דעספאָטיע, יענע, וועלכע האָבנ אינדערשפיצ מיטנ כאווער לענינ געפירט אנ אומראכמאָנעסדיקנ קאמפ מיטנ צווישנפעלקערלעכנ מענשעוויזמ אונ מיט טראָצקינ, האָט מענ זיכ געפרוּווט ארויסשטעלנ ווי פאָרשטייער פונעמ פארטייִשנ ביוראָקראטיזמ. ווער אנדערש, אויב ניט פײַנט, האָבנ געקענט זאָגנ אזעלכע ווערטער? צי דענ איז די פארטיי אונ איר אפאראט ניט אייִנ גאנצעס? דאָס איז דאָכ אומדערהערט! ווי וואָלטנ מיר אָנגערופנ די, וואָס וואָלטנ אָנגערייצט יונגע רויטארמייער אפ זייערע קאָמאנדירנ אונ קאָמיסארנ, אפנ שטאב — אונ דאָס אלצ אינ דער צײַט, ווענ דער אָטריאד איז ארומגערינגלט מיט סאָנימ! איז וואָס? אויב איכ בינ הײַנט א שלאָסער, קענ איכ נאָכ, לויט דער מיינונג פונ די טראָצ־

קיסטנ, רעכענענ זיכ פאר אָנ „אָרגטלעכנ", נאָר אויב איכ וועל מאָרגנ ווערנ א סעקרעטאר פונ קאָמיטעט, בינ איכ שוינ א „ביוראָקראט" אונ אנ „אפּאַראַטשיק"?! ניט טשיקאווע, כאוויי רימ, וואָס צווישנ די אָפּאָזיציאָנערנ, וועלכע קעמפנ קעגנ ביוראָקראטיזמ, פאר דעמאָקראטיע, זײַנענ דאָ אזעלכע פּערזאָנענ, צומ בײַשפּיל, ווי טופּטא, וואָס איז ניט לאנג ארויפגענומענ געוואָרנ פונ דער ארבעט פאר ביוראָקראטיזמ, ווי צוועטאיעוו, וואָס איז גוט באוווּסט די סאָלאָמענקער מיט זײַנ „דעמאָקראטיע", אָדער אפּאנאסיעוו, וואָס דער גובקאָמ האָט אימ דרײַ מאָל ארויפגענומענ פונ דער ארבעט פאר זײַנ קאָמאנדעווענ אונ שטיקנ אינעמ פּאָדאָלער ראיאָנ? עס איז דאָכ א פאקט, אז אינ קאמפּ קעגנ דער פּארטיי האָבנ זיכ פאראייניקט די אלטע, וועמענ די פּארטיי האָט געשלאָגנ. וועגנ טראָצקיס „באָלשעוויזמ" זאָלנ זאָגנ אלטע באָלשעוויקעס. איצט, ווענ דעמ דאָזיקנ נאָמענ האָט מענ אנטקעגנגעשטעלט דער פּארטיי, איז נייטיק, אז די יוגנט זאָל וויסנ די געשיכטע פונ טראָצקיס קאמפּ קעגנ די באָלשעוויקעס, זײַנ שטענדיקנ איבערלויפנ פונ איינ לאגער אינ צווייטנ. דער קאמפּ קעגנ דער אָפּאָזיציע האָט באהעפט אונדזערע רייענ, ער האָט אידייִש פארפעסטיקט די יוגנט. אינ קאמפּ קעגנ די קליינבירגערלעכע שטרעמונגענ האָט זיכ פארהארטעוועט די באָלשעוויסטישע פּארטיי אונ דער קאָמיוג. די היסטערישע פּאניקיאָרנ פונ דער אָפּאָזיציע זאָגנ נעוויִעס וועגנ אונדזער פולשטענדיקנ עקאָנאָמישנ אונ פּאָליטישנ קראכ. אונדזער מאָרגנ וועט ווײַזנ, וואָס עס איז ווערט די דאָזיקע נעוויִעס. זיי פאָדערנ, מע זאָל שיקנ אונדזערע אלטע, צומ בײַשפּיל, טאָקארעוונ אונ דעמ כאווער סעגאל צומ ווארשטאט, אונ אפ זייער אָרט אוועקשטעלנ אזא צעשרויפטנ באראָמעטער ווי דובאווע, וועלכער וויל דעמ קאמפּ קעגנ דער פּארטיי אויסמאָלנ ווי א מינ העלדישקייט. ניינ, כאווירימ, מיר וועלנ אפ דעמ ניט אײַנגיינ. די אלטע וועלנ האָבנ א פארבײַט, נאָר פארבײַטנ זיי וועלנ ניט די, וועלכע אטאקירנ ווילד די ליניע פונ דער פּארטיי בא יעדער שוועריקייט. מיר וועלנ די אייניקייט פונ אונדזער גרויסער פּארטיי ניט דערלויבנ פארניכטנ. קיינמאָל וועט זיכ ניט צעשפּאלטנ די אלטע אונ די יונגע גווארדיע. אינעמ אומבעשאָלעמדיקנ קאמפּ מיט די קליינבירגערלעכע שטרעמונגענ, אונטער לענינס פאָנ, וועלנ מיר קומענ צומ זיג!

פּאנקראטאָוו איז אראָפּ פונ דער טריבונע. מע האָט אימ געוואלדיק אפּלאָדירט.

*

אפּמאָרגנ האָבנ זיכ בא טופּטענ צונויפגעזאמלט א מענטשנ צענ. דורבאווע האָט גערעדט:

— איכ מיט שומסקינ פאָרנ הײַנט אָפּ קיינ כארקאָוו. דאָ האָבנ מיר מער ניט וואָס צו טאָנ. זעט זיכ ניט צעברעקלענ. אונדז בלײַבט בלויז אויס־

ווארטן, ווי וועלן זיך אנטוויקלען די געשעענישן. קלאָר, אז די אלרוסלענ־דישע קאָנפערענץ וועט אונדז פארורטיילן. אָבער מיר דוכט זיך, אז דער־ווארטן רעפּרעסיעס איז נאָך פריצײַטיק. די מערהייט האָט באשלאָסן נאָכא־מאָל דורכקאָנטראָלירן אונדז אף דער ארבעט. אָפּן פאַרזעצן דעם קאמפּ איצט, באזונדערס נאָך דער קאָנפערענץ,—הייסט ארויספליען פון דער פּאר־טיי, און דאָס גייט ניט אריין אין פּלאן פון אונדזער טעטיקייט. עס איז שווער צו זאָגן, וואָס וועט זײַן ווײַטער. ריידן ווײַטער איז, דאכט זיך, ניטאָ וועגן וואָס.—און דובאווע האָט זיך אופגעהויבן, קלײַבנדיק זיך אוועקגיין.

סטאראָווערעאָוו, א דארער, מיט דינע ליפּן, איז אויך אופגעשטאנען.

— איך פארשטיי דיך ניט, מיטיאי,—האָט ער אָנגעהויבן ריידן ווי פון גאָרגל און עטוואָס שטאמלענדיק.—הייסט עס, די באשלוסן פון דער קאָנ־פערענץ וועלן פאר אונדז ניט זײַן אָבליגאטאָריש?

צוועטאיעוו האָט אים שארף אָפּגעהאקט:

— פאָרמעל וועלן זיי זײַן אָבליגאטאָריש, אניט וועט מען בא דיר דעם פּארטיי־בילעט צונעמען. מיר וועלן אָקאָרשט א קוק טאָן, וואָס פאר א ווינט עס וועט נעמען בלאָזן, און דערווײַל לאָמיר זיך פאנאנדערגיין.

טופּטא האָט זיך אומרויִק א ריר געטאָן אפן שטול. שומסקי, א כמור־נער און בלייכער, מיט בלויע קרײַזן ארום די אויגן פון שלאָפלאָזע נעכט, איז געזעסן באם פענצטער און געביסן די נעגל. בייס צוועטאיעווס לעצטע ווערטער האָט ער זיך אָפּגעריסן פון זײַן פײַנלעכער באשעפטיקונג און זיך א קער געטאָן צו דער פארזאמלונג.

— איך בין קעגן אזעלכע קאָמבינאציעס,—האָט ער געזאָגט כמורנע, פּלוצים ווערנדיק צערייצט.—איך פערזענלעך האַלט, אז די באשטימונגען פון דער קאָנפערענץ זײַנען פאר אונדז אָבליגאטאָריש. מיר האָבן אונדזערע איבערצײַגונגען פארטיידיקט, אָבער די באשטימונגען פון דער קאָנפערענץ דארפן מיר זיך אונטערווארפן.

סטאראָווערעאָוו האָט א קוק געטאָן אף אים מיט באוויליקונג.

— איך האָב עס אליין געוואָלט זאָגן,—האָט ער אויסגעשטאמלט.

דובאווע האָט א קוק געטאָן שומסקין גלײַך אין די אויגן אריין און מיט אונטערגעשטראָכענעם כויזעק ארויסגערעדט צווישן די ציין:

— דיר לייגט ביכלאל קיינער גאָרנישט ניט פאָר. דו האָסט נאָך די מעגלעכקייט זיך „מיסוואדע זײַן" אף דער גובערניִעלער קאָנפערענץ.

שומסקי איז אופגעשפּרונגען:

— וואָס איז דאָס פארא טאָן, דמיטרי! איך וועל זאָגן אָפן, דײַנע ווערטער שטויסן מיך אָפּ פון דיר און צווינגען מיך דורכטראכטן די נעכ־טיקע פּאָזיציעס.

דובאווע האָט א מאך געטאָן אף אים מיט דער האנט.

— דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס דיר בלײַבט נאָך צו טאָן. גיי זײַ זיך מיסוואָדע, קאַלזמאַנ עס איז נים שפּעט.

דובאָווע האָט זיך געזעגנט, דערלאַנגט די האַנט טופּטע און די אי־בעריקע.

נאָך אים זײַנען אינגיכן אַוועק שומסקי און סטאַראָוועראָוו.

*

דאָס טויזנט נײַן הונדערט פיר און צוואַנציקסטע יאָר האָט באַצייכנט זײַן אַרײַנטרעטן אין דער געשיכטע מיט אַ מוירעדיקן פראָסט. יאַנוואַר איז אין גרימצאָרן אָנגעקומען אין דעם פאַרשנייטן לאַנד און האָט פון דער צוויי־טער העלפט אַ יאָמער געטאָן מיט בורהאַנען און מיט זאַווערוכע אָן אַ סאָף.

אף די דאָרעם־מײַרעווודיקע אײַזנבאַנען זײַנען די רעלסן געלעגן פאַר־שאָטן אין שניי. די מענטשן האָבן געקעמפט מיט דער צעווילדעוועטער סטי־כיע. אין די בערג שניי האָבן זיך אַרײַנגעשניטן די שטאָלענע עגבערס פון די שניירײַניקער, עפּענענדיק אַ וועג פאַר די צוגן. פונעם פראָסט און פון די זאַווייעס האָבן זיך איבערגעריסן די אײַז־באַדעקטע טעלעגראַף־דראָטן. פון צוועלף ליניעס האָבן געאַרבעט בלויז דרײַ: דער אינדאָ־אייראָפּייִשער טעלעגראַף און צוויי ליניעס פון דער דירעקטער פאַרבינדונג.

אין טעלעגראַף־צימער פון דער סטאַנציע שעפּעטאָווקע I הערן ניט אויף די דרײַ מאָרזע־אַפּאַראַטן זייער שטענדיקן געשפּרעך, וועלכער איז פאַר־שטענדלעך בלויז פאַר אַ געניטן אויער.

די טעלעגראַפיסטקעס זײַנען יונג, די לענג פון דער סטענגע, וואָס זיי האָבן אָפּגעקלאַפּט פון זינט זיי זײַנען דאָ, איז ניט גרעסער פון צוואַנציק קילאָמעטער, בײַס דער עלטער, זייער קאָלעגע, האָט שוין אָנגעהויבן די דריטע מייע קילאָמעטערס. ער לייענט ניט די סטענגע ווי זיי. ער קנייטשט ניט דעם שטערן בײַסן אופשטעלן די שווערע בוכשטאַבן און פראַזן. ער פאַרשרײַבט אף בלאַנקען אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט, צוהערנדיק זיך צום קלאַפּן פונעם אַפּאַראַט. ער נעמט אוף לויטן געהער: „אַלעמען, אַלעמען, אַלעמען!“

דער טעלעגראַפיסט פאַרשרײַבט און טראַכט: „מיסטאָמע ווידער אַ ציר־קוליאַר וועגן קאַמף מיט דער זאַווערוכע“. הינטערן פענצטער איז אַ שטו־רעם. דער ווינט וואַרפט אין די שויבן הויפנס שניי. דעם טעלעגראַפיסט האָט זיך אויסגעדוכט, אַז עמעצער האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין פענצטער, ער האָט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ און איז ניט ווילנדיק אַנציקט געוואָרן פון דעם שיינעם אײַזיקן געמעל אפן גלאָז. קיין איין מענטשלעכע האַנט וואָלט ניט געקענט אויסשנײַדן די דאָזיקע דינסטע גראַווירונג פון מעשונעדיקע בלעטער און שטענגלעך.

פאַרטאָן מיטן דאָזיקן בילד, האָט ער אופגעהערט אופנעמען די קלעפּ

פונעם אפאראט און, ווען ער האָט אָפּגעקערט דעם בליק פון פענצטער, האָט ער גענומען די סטענגע אין האַנט, קעדיי איבערלייענען די ווערטער, וואָס ער האָט דורכגעלאָזן.

דער אפאראט האָט איבערגעגעבן:

„איינ־און־צוואַנציקסטער יאַנוואַר זעקס אַזייגער מיט פופציק מינוט..."

דער טעלעגראַפיסט האָט שנעל פאַרשריבן דאָס איבערגעלייענטע. ער האָט אָפּגעוואָרפן די סטענגע, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אף דער האַנט און אָנגעהויבן זיך צוהערן.

„נעכטן איז אין גאָרקי געשטאָרבן..." דער טעלעגראַפיסט האָט לאַנגזאַם פאַרשריבן. וויפל האָט ער עס פאַר זײַן לעבן אויסגעהערט פרײַדיקע און טראַגישע ידיעות. ער פלעגט דער ערשטער זיך דערוויסן די ליידן און פרייד פון אַנדערע. ער האָט שוין לאַנג אויפגעהערט זיך אַרײַנטראַכטן אין דעם טאָכ פון די קאַרגע, אָפּגעריסענע פראַזן, ער האָט זיי אויפגעכאַפּט מיטן גע־הער און מעכאַניש פאַרשריבן אפן פּאַפּיר, ניט טראַכטנדיק וועגן זייער אינהאַלט.

אָט איז איצטער עמעצער געשטאָרבן. עמעצן זאָגט מען אָן די דאָזיקע ידיעה. דער טעלעגראַפיסט האָט פאַרגעסן אָן דעם טיטל: „אַלעמען, אַלעמען, אַלעמען". דער אפאראט האָט געקלאַפּט. „וו־ל־א־ד־י־מ־י־ר א־י־ל־י־ט־ש־,— האָט דער אַלטיטשקער טעלעגראַפיסט איבערגעזעצט די קלעפּ פונעם הע־מערל אף דער שפּראַך פון בוכשטאַבן. ער איז געזעסן רויִק, עטוואָס אַ מי־דער. ערגעץ־וווּ איז געשטאָרבן עמעצער וולאַדימיר איליטש. עפּעס עמעצן וועט ער הײַנט אָנשרײַבן די טראַגישע ווערטער, עמעצער וועט זיך צעיאָ־מערן פון ווייטעק און ליידן, און פאַר אים איז דאָס אַלץ פרעמד, ער איז אַ זײַטיקער איידעס. דער אפאראט קלאַפּט אויס פּונקטן, בינדצייכנס, ווידער פּונקטן, ווידער בינדצייכנס, און פון די באַקאַנטע קלאַנגען האָט ער שוין אויפגעשטעלט דעם ערשטן אָס און אים אַרופגעשריבן אפן בלאַנק,—דאָס איז געווען אַ „ל". נאָכ אים האָט ער אָנגעשריבן אַ צווייטן—אַן „ע". דאָ טאַקע נעבן אים האָט ער פּינקטלעך אָנגעשריבן אַ „נ", צוויי מאָל אונטערגע־שטראָכן דאָס שטריכל צווישן די שטעקעלעך איגעם רוסישן „נ". באַלד טאַקע פאַררייניקט צו אים אַן „י" און אווטאָמאַטיש אופגענומען דעם לעצטן אָס—„נ".

דער אפאראט האָט אָפּגעקלאַפּט אַ פּאַוזע, און דער טעלעגראַפיסט האָט אַ איין צענטל סעקונדע זיך אָפּגעשטעלט מיט זײַן בליק אף דעם וואָרט, וואָס ער האָט אָנגעשריבן:—לעניִן.

דער אפאראט האָט ווײַטער געקלאַפּט. אָבער דער צופעליק פאַרהאַלטע־נער געדאַנק אפן באַקאַנטן נאָמען האָט זיך ווידער אומגעקערט צו אים. דער טעלעגראַפיסט האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אפן לעצטן וואָרט—

„לעניני". וואָס? לענין? דער אויג־אַפּל האָט אָפּגעשפּיגלט אין פּערספּעקטיוו דעם גאַנצן טעקסט פֿון דער טעלעגראַמע. אַ ווײַלע האָט דער טעלעגראַפֿיסט געקוקט אויפֿן פּאַפּירל, און צום ערשטן מאָל פֿאַר זײַן צוויי־און־דרײַסיק־יאָריקער אַרבעט האָט ער ניט געגלייבט אין דעם, וואָס איז געווען אָנגעשריבן.

ער האָט דרײַ מאָל דורכגעקוקט שנעל די שורות, אָבער די ווערטער האָבן זיך אַקשאָנעסדיק איבערגעכאַזערט: „געשטאָרבן וולאַדימיר איליטש לענין". דער אַלטער איז אויפֿגעשפּרונגען, ער האָט אויפֿגעהויבן דעם ספּיראַל־אַרטיקן קנויל פֿון דער סטענגע און זיך אײַנגעגעסן אין איר מיט די אויגן. דאָס צוויימעטערדיקע פּאַסיקל האָט באַשטעטיקט דאָס, וואָס ער האָט ניט געקענט גלייבן! ער האָט אַ קער געטאָן צו זײַנע כאַווערטעס זײַן פּאָנעם, וואָס איז געווען בלייך ווי דער טויט, און האָט דערשראָקן אויסגע־שריִען:

— לענין איז געשטאָרבן!

*

די ידיעה וועגן דעם גרויסן פֿאַרלוסט איז אַרויסגעקראָכן פֿונעם אַפּאַראַט־צימער דורך דער צעפּראַלטער טיר און מיט דער שנעלקייט פֿון אַ שטורעם־ווינט זיך פֿאַרדרייט איבערן וואָקזאַל, זיך אַרײַנגעריסן אין דער זאַווערוכע אַרײַן, גענומען דרייען איבער די רעלסן און סטרעלקעס און מיט אַ פּראָסטיקן צוגווינט זיך אַרײַנגעריסן אין די האַלב־אָפֿענע, אײַזן־געשמידטע טויערן פֿון דעפּאָ.

אין דעפּאָ איז אויף דער ערשטער רעמאָנט־טראַנשיי געשטאַנען אַ לאָקאָמאָטיוו. אַ בריגאַדע פֿון לײַכטן רעמאָנט האָט אים פֿאַריכט. דער אַלטער פּאָלענטאָווסקי איז אַליין אַרײַנגעקראָכן אין טראַנשיי אונטערן בויך פֿון זײַן לאָקאָמאָטיוו און האָט די שלאָסערס אָנגעוויזן די קראַנקע ערטער.

זאַכאַר ברוזשאַק מיט אַרטיאָמען האָבן אויסגעגלײַכט די זיפּן פֿון די קאָלאָסניקעס, וואָס האָבן זיך פֿאַרבויגן אויף אינווייניק. ברוזשאַק האָט געהאַלטן די זיפּ אויף דער קאָוואַדלע, אונטערשטעלנדיק זי אונטער אַרטיאָמס האַמער־קלעפּ.

זאַכאַר איז עלטער געוואָרן פֿאַר די לעצטע יאָרן. די איבערלעבונגען האָבן איבערגעלאָזן אַ טיפֿן קנייטש אויפֿן שטערן, און די שלייפֿן האָבן זיך געזילבערט פֿון גרויקייט. די פּלייצע האָט זיך געהויקערט, און אין די טיף פֿאַרזעצטע אויגן איז געשטאַנען אַ טונקלקייט.

אין דער ליכטיקער ראַם פֿון דער דעפּאָ־טיר האָט אַ שווינדל געטאָן אַ מענטש, און די פֿאַרנאַכטיקע שאָטנס האָבן אים פֿאַרשלונגען. די קלעפּ

איבערן אײַזן האָבן פאַרטויבט דעם ערשטן אויסגעשריי, אָבער ווען דער מענטש איז צוגעלאָפן צו די ארבעטער באַם לאָקאָמאָטיוו, האָט ארטיאָם שוין ניט אַראָפּגעלאָזן דעם פאַרהויבענעם האַמער.

— כאַווײַרים! לעניִן איז געשטאָרבן!

דער האַמער האָט זיך פּאַוואָליע אַראָפּגעגליטשט פון אַקסל, און ארטיאָמס האַנט האָט אים שטיל אַראָפּגעלאָזן אַפן צעמענטענעם דיל.

— וואָס האָסטו געזאָגט?—ארטיאָמס האַנט האָט ווי מיט צוואַנגען אָנגענומען פאַרן פּעלץ יענעם, וואָס האָט געבראַכט די שרעקלעכע ידיעה.

און יענער, א פאַרשאָטענער מיט שניי, האָט, שווער עטעמענדיק, איבערגעכאַזערט, איצט שוין כמורנע און הייזעריק:

— יע, כאַווײַרים, לעניִן איז געשטאָרבן.

און דערפאַר, וואָס דער מענטש האָט שוין ניט געשריִען, האָט ארטיאָם פאַרשטאַנען דעם גרויליקן עמעס, און ערשט איצט האָט ער דערזען דאָס געזיכט פונעם מענטשן: דאָס איז געווען דער סעקרעטאַר פון פּאַרט־קאָלעקטיוו.

פון דער טראַנשיי זײַנען אַרויסגעקראָכן מענטשן. שווײַגנדיק האָבן זיי געהערט וועגן דעם טויט פון יענעם, וועמעס נאָמען עס האָט געוווּסט די גאַנצע וועלט.

און בײַ די טויערן האָט זיך א לאָקאָמאָטיוו אַזוי צערעוועט, אַז ער האָט אַלעמען געצווונגען אויפציטערן. אים האָט געענטפערט פון עק וואָקזאַל א צווייטער, א דריטער... אין זייער מעכטיקן און מיט אומרו געזאַפּטן רוף האָט זיך אַרײַנגעשניטן די סירענע פון דער עלעקטרעסטאַנציע, א הויכער און שנײַדיקער געשריי, ווי דער פײַף פון א שראַפּנעל. מיט א ריינעם קלאַנג פון קופּער האָט זיי איבערגעשריִען דער שנעלגייענדיקער פּראַכטפולער „ס"— דער לאָקאָמאָטיוו פונעם פּאַסאַזשיר־צוג אַפּ קיִעוו, וועלכער איז געשטאַנען גרייט אָפּצופאָרן.

דער אַגענט פון ג.פּ.או. האָט אויך א זיפץ געטאָן פון אומדערוואַרטונג, ווען דער מאַשיניסט אַפן פּוילישן לאָקאָמאָטיוו פון דירעקטער פאַרבינדונג שעפּעטאָווקע—וואַרשע האָט, דערוויסנדיק זיך וועגן דער סיבע פון דער פּײַפעריַי, זיך צוגעהערט א מינוט, נאָכדעם אויפגעהויבן פּאַמעלעך די האַנט און א ציִ געטאָן אַפּ אַראָפּ דאָס קייטעלע, וואָס עפנט דעם קלאַפּאַן פון דער סירענע. ער האָט געוווּסט, אַז ער פײַפט צום לעצטן מאָל, אַז מער וועט ער שוין ניט אַרבעטן אַפּ דער דאָזיקער מאַשין, אָבער זײַן האַנט האָט זיך ניט אָפּגעריסן פון דעם קייטל, און דאָס רעווען פון זײַן לאָקאָמאָטיוו האָט אויפגעהויבן פון די ווייכע קופּע־דיוואַנעס די איבערגעשראָקענע פּוילישע קוריערן און דיפּלאָמאַטן.

די דעפּאָ איז פול געוואָרן מיט מענטשן. זיי האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין

אַלע פיר טויערן, און ווען די גרויסע געבײַדע איז שוין געווען פול, האָבן זיך אינעם טרויעריקן שווײַגן דערהערט די ערשטע ווערטער.

עס האָט גערעדט דער סעקרעטאַר פון שפּעפּעטאָווקער קרײַזקאָם פון פּאַרטיי, דער אַלטער באָלשעוויק שאַראַבורין.

— כאַווײרים! עס איז געשטאָרבן דער פירער פונעם אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט, — לענין. דער פּאַרטיי האָט געטראָפן אַ פאַרלוסט, וואָס וועט זיך ניט אומקערן. עס איז געשטאָרבן יענער, וואָס האָט געשאַפן און דערצויגן די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי צו זײַן אומבעשאָלעמדיק צו די סאָנים... דער טויט פונעם פירער פון פּאַרטיי און קלאַס רופט די בעסטע זין פונעם פּראָלעטאַריאַט צו אונדז אין די רייען...

קלאַנגען פון טרויער־מאַרש, הונדערטער אַנטבלויזטע קעפּ. אַרטיאָם, וואָס האָט פאַר די לעצטע פופצן יאָר קיין טרער ניט אַרויסגעלאָזן, האָט דערפילט, ווי עס האָט אים גענומען שטיקן אין האַלדז, און זײַנע מעכטיקע אַקסלען האָבן גענומען ציטערן.

עס האָט זיך געדאַכט, אַז די ווענט פונעם אײַזנבאַנישן קלוב וועלן ניט אויסהאַלטן דעם דראַנג פון דער מענטשן־מאַסע. אין דרויסן איז אַ מוירעדיקער פראָסט. די צוויי ברייט־צעצווײַגטע יאָדלעס באַם אַרײַנגאַנג שטייען אָנגעטאָן אין שניי און אין פראָסטיקע נאָדלען. אָבער אין זאַל איז דערשטיקט צו ווערן פון דעם אָנגעהייצטן האָלענדישן אויוון און פון דעם אָטעמען פון זעקס הונדערט מאַן, וואָס ווילן זיך באַטייליקן אין דער טרויער־זיצונג פון פּאַרטקאָלעקטיוו.

אין זאַל איז ניט געווען קיין טומל, קיין רייד, ווי אַלעמאָל. אַ גרויסער טרויער האָט פאַרפּרעסט די שטימען. מענטשן האָבן גערעדט שטיל. און ניט אין איין הונדערט אויגן האָט מען געקענט אויסלייענען טרויעריקן אומרו. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַהער האָט זיך פאַרזאַמלט אַן עקיפּאַזש פון אַ שיף, וואָס האָט פאַרלאָרן זײַן אויסגעפּרוּווטן שטורמאַן, ווען די כוואַליעס האָבן אַוועקגעטריבן אים יאַם אַרײַן.

פּונקט אַזוי שטיל האָבן פאַרנומען זייערע ערטער באַם פּרעזידיום־טיש די מיטגלידער פון ביוראָ. דער פעסט־געבויטער סיראָטענקאָ האָט פאָרזיכטיק אויפגעהויבן דאָס גלעקל, קוים־קוים אַ קלונג געטאָן מיט אים און עס צוריק אַוועקגעשטעלט אויפן טיש. דאָס איז געווען גענוג, און ביסלעכווײַז איז אין זאַל געוואָרן אַן אָנגעשטעלטע שטילקייט.

*

באַלד נאָכן פאָרטראַג האָט זיך אויפגעהויבן פונעם טיש דער פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר פון קאָלעקטיוו סיראָטענקאָ. דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, האָט קיינעם ניט פאַרוווּנדערט, כאָטש עס איז

געוועג אויסערגעוויינלעכ אפ א טרויער־פארזאמלונג. סיראָטענקאָ האָט אָט וואָס געזאָגט:

— א רײַי ארבעטער בעטנ, אז די זיצונג זאָל באהאנדלענ זייער מעלדונג, וואָס איז אונטערגעשריבנ פונ זיבנ אונ דרײַסיק כאווײרים.— אונ ער האָט איבערגעלייענט די מעלדונג:

„אינ אײַזנבאנישנ קאָלעקטיוו פונ דער קאָמוניסטישער פארטיי באָלשעוויקעס פונ סטאנציע שעפעטאָוקע, דאָרעמ־מײַרעווידיקער אײַזנבאנ.

„דער טויט פונעמ פירער רופט אונדז אינ די רייענ פונ די באָלשעוויקעס, אונ מיר בעטנ דורכקאָנטראָלירנ אונדז אפ דער הײַנטיקער זיצונג אונ צונעמענ אינ לענינס פארטיי“.

באלד נאָכ די דאָזיקע קורצע ווערטער זײַנענ געשטאנענ צוויי רייענ אונטערשריפטנ.

סיראָטענקאָ האָט געלייענט די אונטערשריפטנ אונ אָפגעשטעלט זיכ בא יעדערער אפ עטלעכע סעקונדעס, קעדיי די פארזאמלונג אינ זאל זאָל פארגעדענקענ די באקאנטע נעמענ.

— פאָלענטאָווסקי סטאניסלאוו זיגמונדאָוויטש — א לאָקאָמאָטיוו־מאשיניסט, זעקס אונ דרײַסיק יאָר ארבעט־סטאזש.

איבערנ זאל האָט זיכ דורכגעטראָגנ א גערויש פונ באווילִיקונג.

— קאָרטשאגינ ארטיאָמ אנדרייעוויטש, א שלאָסער, זיבעצנ יאָר ארבעט־סטאזש.

— ברוזשאק זאכאר פיליפאָוויטש, א לאָקאָמאָטיוו־מאשיניסט, איינ אונ צוואנציק יאָר ארבעט־סטאזש.

דער גערויש אינ זאל איז געוואָקסנ, אונ דער מענטש באמ טיש האָט אלצ אָנגערופנ די פאמיליעס. דער זאל האָט געהערט די נעמענ פונ די קאדרעווע ארבעטער פונעמ אײַזנ־מאזוטישנ שטאמ.

גאָר שטיל איז געוואָרנ אינ זאל, ווענ צומ טיש איז צוגעגאנגענ דער, וואָס האָט דער ערשטער געגעבנ זײַנ אונטערשריפט.

דער אלטער פאָלענטאָווסקי האָט ניט געקענט בלײַבנ רויִק, בייס ער האָט דערציילט דער פארזאמלונג די געשיכטע פונ זײַנ לעבנ.

— ...וואָס נאָכ זאָל איכ זאָגנ, כאווײרימ? וואָס דאָס לעבנ פונ אנ ארבעטער איז אמאָליקע צײַט געווענ, איז באוווסט. ער האָט געלעבט פארשקלאפט אונ אפ דער עלטער אומגעקומענ אינ דאכקעס. איכ בינ זיכ מוידע, אז ווענ עס איז געוואָרנ די רעוואָליוציע, האָב איכ זיכ געהאלטנ פאר אנ אלטנ מאנ. דאָס געזינד איז געלעגנ ווי א יאָכ אפ די פלייצעס, אונ איכ האָב פארזענ דעמ וועג צו דער פארטיי. אונ כאָטש אינ געשלעג האָב איכ קיינמאָל ניט געהאָלפנ דעמ סוינע, האָב איכ זיכ אָבער אינ שלאכט זעלטנ־ווענ ארײַנגעמישט. אינ נײַנ הונדערט פינפטנ בינ איכ געווענ אינ די וואַרשעווער ווארשטאטנ אינעמ שטרײַק־קאָמיטעט אונ בינ געגאנגענ האנט בא האנט מיט די

באָלשעוויקעס. דעמלט בינ איכ געווענ יונג אונ היציק. צו וואָס דערמאָנענ וואָס אמאָל איז געווענ! איליטשס טויט האָט מיר א זעצ געטאָנ אינ סאמע הארצ ארייַנ. פארלאָרנ האָבנ מיר אפ אייביק אונדזער פרייַנט אונ פארזאָרגער, אונ מער וועל איכ ניט ריידנ וועגנ אלטקייַט!.. זאָל עמעצער זאָגנ בעסער, איכ בינ ניט קיינ מאכער אפ ווערטער. איינס נאָר זאָג איכ: מייַנ וועג איז מיט די באָלשעוויקעס, אונ בעשומויפנ ניט קיינ אנדערער.

דעמ מאשיניסטס גרויער קאָפ האָט זיכ אקשאָנעסדיק א בייג געטאָנ, אונ דער בליק פונ אונטער די גראָע ברעמענ האָט געקוקט פעסט אונ אָנגעשטרענגט אפנ זאל, פונוואנענ ער האָט אזוי ווי דערווארט א באשלוס.

קיינ איינ האנט האָט זיכ ניט אופגעהויבנ אָפצופרעגנ די קאנדידאטור פונ דעמ דאָזיקנ נידעריטשקנ מענטשנ מיט דעמ גרויענ קאָפ אונ קיינ איינער האָט זיכ ניט אָפגעהאלטנ באמ שטימענ, ווענ די ביוראָ האָט געבעטנ די אומפארטייִשע, זיי זאָלנ ארויסזאָגנ זייער מיינונג.

פונ טיש איז שוינ פאָלענטאָווסקי אוועק א קאָמוניסט.

איטלעכער אינ זאל האָט פארשטאנענ, אז איצט קומט פאָר עפעס אויסערגעוויינלעכעס. דאָרטנ, ווו עס איז נאָרוואָס געשטאנענ דער מאשיניסט, איז שוינ געשטאנענ ארטיאָמס פיגור. דער שלאָסער האָט ניט געוווסט, וווהינ אהינצוטאָנ זייַנע לאנגע הענט, אונ ער האָט מיט זיי צונויפגעדריקט דאָס היטל. דאָס פאנאנדערגעעפנטע שעפסענע פעלצל, וואָס איז געווענ אויסגעריבנ בא די זייַטנ, אונ דאָס קראגעלע פונ דער סאָלדאטישער גימנאסטיאָרקע פארשפיליעט אפ די צוויי מעשענע קנעפלעכ, האָט צוגעגעבנ דעמ שלאָסער אנ אויסזענ פונ יאָנטעוודיקער ציכטיקייַט. ארטיאָמ האָט א קער געטאָנ דעמ פאָנעמ צומ זאל אונ באלד דערזענ א באקאנטע פרויענ־געזיכט: צווישנ די כאוורטעס פונ שנייַדערשנ ווארשטאט איז געזעסנ האלינע, דעמ שטיינהעקערס טאָכטער. זי האָט צו אימ געשמייכלט, ווי זי וואָלט אימ מויכל געווענ. אינ איר שמייכל איז געווענ באליידיקונג אונ נאָכ עפעס אזוינס ניט־דערזאָגטעס, וואָס בלייַבט באהאלטנ אינ די ווינקעלעכ פונ די ליפנ.

— דערצייל דייַנ ביִאָגראפיע, ארטיאָמ! — האָט דער שלאָסער דערהערט סיראָטענקאָס שטימע.

מיט מאטערניש האָט קאָרטשאגינ דער עלטערער אָנגעהויבנ דערציילנ זייַנ געשיכטע. ער איז ניט געוווינט געווענ צו ריידנ אפ גרויסע פארזאמלונגענ. ערשט איצט האָט ער דערפילט, אז אלצ, וואָס ער האָט דורכגעמאכט אינ לעבנ, איז שווער איבערצוגעבנ. די ווערטער זייַנענ ארויס שווער. כוצ דעמ האָט די אופרעגונג געשטערט צו ריידנ. קיינמאָל האָט ער נאָכ ניט געהאט אזא געפיל. ער האָט בוילעט געפילט, אז זייַנ לעבנ מאכט איצט א שארפנ קער, אז ער, ארטיאָמ, מאכט איצט דעמ לעצטנ טראָט צו עטוואָס אזוינס, וואָס וועט דערווארעמענ אונ צוגעבנ א זינ זייַנ הארבער אונ שטרענגער עקזיסטענצ.

— בא דער מאמען זײַנען מיר געווען פיר כעוורע, — האָט ארטיאָם אָנגעהויבן.

אין זאַל איז שטיל. זעקס הונדערט מענטשן הערן זיך צו אופמערקזאַם צו די רייד פון דעם הויכן ארבעטער מיט דער אָדלער־נאָז און מיט אויגן, באהאלטן אונטער שווארצע, דיקע ברעמען.

— די מאמע איז געווען א קעכן בא באַלעבאַטים. דעם טאטן געדענק איך קנאַפּ. מיט דער מאמען האָט ער געלעבט ניט בעשאָלעם. ער פלעגט נעמען אין מויל אַרײַן מער ווי מע האָט באדארפט. מיר האָבן געלעבט מיט דער מאמען. זי האָט ניט געקענט שפּײַזן אזויפיל מײַלער. די באַלעבאַטים האָבן איר געצאָלט פיר רובל א כוידעש מיט עסן. זי האָט געבויגן דעם קארק פון פרימאָרגן ביז באנאכט. מיר האָט אָפּגעגליקט, און צוויי ווינטערס בין איך געגאנגען אין דער אָנפאנג־שול. מע האָט מיך אויסגעלערנט לייענען און שרײַבן. ווען איך בין אלט געוואָרן נײַן יאָר, האָט די מאמע ניט געהאט קיין אנדער אויסוועג, און מע האָט מיך אָפּגעפירט לערנען זיך אין א שלאָסער־ווארשטאט, אָן געהאלט אף דרײַ יאָר — מער ניט פארן עסן... דער באַלעבאָס פון ווארשטאט איז געווען א דײַטש, מע האָט אים גערופן פערסטער. ער האָט מיך אפילע ניט געוואָלט צונעמען, ווײַל איך בין צו קליין, אָבער א יאט בין איך געווען א געזונטער, און די מאמע האָט מיר צוגעגעבן א פּאָר יאָר. באם דאָזיקן דײַטש בין איך געווען דרײַ יאָר. ארבעטן האָט מען מיך ניט געלערנט, מע האָט מיך נאָר געשיקט גאנגען אין דער באַלעבאטישקײַט און נאָך בראַנפן. געטרונקען האָט ער אָן א שיר... ער האָט מיך ארומגעיאָגט סײַ נאָך קוילן, סײַ נאָך אײַזן... די באַלעבאָסטע האָט מיך געמאכט פאר איר דינסט: איך פלעג איר טראָגן די טעפּ און שיילן קארטאָפל. יעדערער האָט געזוכט עפּעס, וויאַזוי א זעץ טאָן מיר מיטן פוס, אָפט אָן קיינשום סיבע — גלאט אזוי, פון געוווינהײַט: טרעפסט עפּעס ניט צו דער באַלעבאָסטע — זי איז אף אַלעמען געווען אין קאס, פאַרוואָס דער באַלעבאָס האָט געשיקערט — דערלאנגט זי דיר איין מאָל און א צווייטן מאָל אין באק אַרײַן. רײַסטו זיך ארויס פון איר אינדרויסן. וווהין אָבער גייט מען, פאר וועמען וועסטו זיך קלאָגן? די מאמע איז פאר פערציק ווערסט ווײַט, און בא איר איז אפילע ניטאָ ווו דעם קאָפּ אָנצושפּארן... אין ווארשטאט איז אויך ניט בעסער. דאָרטן האָט געבאַלעבאטעוועט דעם באַלעבאָס א ברודער. דער דאָזיקער אויסוואורף האָט ליב געהאט כויזעק מאכן פון מיר. „דערלאנג מיר, — זאָגט ער, — אָט יענע שײַבע“, — און ער ווײַזט מיר אָן אף דער ערד אין ווינקל, באם הארן. איך לאָז זיך אהין, כאפּ אין האנט אַרײַן די שײַבע, אָבער זי איז נאָרוואָס פון האָרן ארויס. ערשט איצט האָט ער זי אָפּגעשמידט. אף דער ערד ליגט זי א שווארצע, אָבער, אז דו נעמסט זי אָן, — ברענט זי דיר אָפּ די פינגער ביזן ביין. איך שרײַ פון ווייטעק, און ער הירזשעט, קײַכט פון געלעכטער. מער האָב איך ניט געקענט אויסהאלטן און

בין אנטלאָפן צו דער מאמען. אָבער זי האָט מיך ניט ווי אהינצוטאָן האָט זי מיך געבראכט צום דײַטש צוריק, אוועקגעפירט מיך און געווײנט. אפן דריטן יאָר האָט מען מיך אָנגעהויבן עטוואָס לערנען שלאָסערײַ. אָבער דערלאנגען אין באק האָט מען נאָך אלץ דערלאנגט. בין איך ווידער אנטלאָפן. כ'בין אוועק קיין סטאראָקאָנסטאנטינאָוו. דאָרטן האָב איך זיך פארדונגען אין א ווורשט־ווארשטאט און אָפגעהאָרעוועט דאָרטן, געוואשן קישקעס מער ווי אָנדערהאלבן יאָר. אונדזער באלעבאָס האָט פארשפילט זײַן געשעפט, ער האָט אונדז ניט אָפגעצאָלט פאר פיר כאדאָשים קיין איין קאָפּעקע און איז אינערגעץ פארשוווּנדן געוואָרן. אזוי בין איך דאָס פּאָטער געוואָרן פון דעם דאָזיקן העק. כ'האָב זיך ארײַנגעזעצט אין א צוג, בין אראָפּגעגאנגען אין זשמערינקע און אוועק זוכן ארבעט. כ'האָב צו פארדאנקען איינעם פון די דעפּאָ־ארבעטער, וועלכער האָט מיטגעפילט מײַן לאגע. ער האָט זיך דערוווּסט, אז איך קען אביסל שלאָסערײַ, און ער האָט אָנגעהויבן זיך מישטאדל זײַן בא דער נאטשאלסטווע פאר מיר, ווי פאר זײַנעם א פּלימעניק. נאָך מײַן ווּקס האָט מען מיר געשאצט זיבעצן יאָר, און איך בין געוואָרן געהילף־שלאָסער. דאָ ארבעט איך דאָס נײַנטע יאָר. אָט דאָס איז וועגן אמאָליקן לעבן, און וועגן דעם לעבן הי ווייסט איר אליין אלץ.

ארטיאָם האָט אָפּגעווישט מיטן היטל דעם שטערן און האָט טיף אָפּגעעטעמט. מע האָט נאָך געדארפט זאָגן דאָס סאמע וויכטיקע, דאָס, וואָס איז אים געווען באזונדערס שווער, און ניט ווארטנדיק ביזוואנען עמעצער וועט פרעגן. ער האָט שטײַפער אראָפּגערוקט די געדיכטע ברעמען און גערעדט ווײַטער:

— יעדערער קען מיר שטעלן די פראגע: פארוואָס בין איך ניט געוואָרן קיין באָלשעוויק נאָך דעמאלט, ווען דער פײַער האָט זיך צעפלאקערט? וואָס זאָל איך אפ דעם ענטפערן? כ'וויים, צו אן אלטן מענטשן בין איך נאָך ווײַט, און דעם וועג אהער האָב איך געפונען ערשט הײַנט. וואָס האָב איך דאָ אויסצובאהאלטן? מיר האָבן פארזען דעם דאָזיקן וועג, שוין אין אכצנטן יאָר, ווען עס איז געווען דער שטרײַק קעגן די דײַטשן, האָבן מיר באדארפט אָנהייבן. זשוכרײַ, א מאטראָס, האָט מיט אונדז ניט איין מאָל געשמועסט. ערשט אין צוואנציקסטן יאָר האָב איך גענומען די ביקס אין האנט. ווען עס האָט זיך געענדיקט דער שטורעם און מיר האָבן ארײַנגעוואָרפן די ווײַסע אין שווארצן יאם ארײַן, האָבן מיר זיך אומגעקערט צוריק. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אן אייגענע געזינד, קינדער... איך בין פארזונקען געוואָרן אין די שטוביקע זאכן. אָבער ווען אונדזער כאווער לענין איז געשטאָרבן און די פארטיי האָט געוואָרפן א רוף, האָב איך א קוק געטאָן אפ מײַן לעבן און פארשטאנען, וואָס עס פעלט אין אים. עס איז ווייניק פארטיידיקן די אייגענע מאכט, מע דארף צוזאמען אלע איינינעם גיין אָנשטאָט לענינען, קעדיי

די מאַכט די סאָוועטישע זאָל הױ א וואַנט אַן אײַזערנע שטײן פעסט. מיר מוזן ווערן באָלשעװיקעס—די פּאַרטײ איז דאָך אונדזערע!

פּאָשעט, אָבער מיט טיפער אופריכטיקײט, שעמענדיק זיך פאַרן מאָדנעם לאָשן פון זײַן רעדע, האָט דער שלאָסער פאַרענדיקט, און ווי ער וואָלט אַראָפּגעוואָרפן א מאַסע פון די אַקסלען, האָט ער אויסגעגלײַכט דעם קערפּער און געוואַרט אַף פראַגעס.

— עפּשער וויל עמעצער עפּעס פרעגן?—האָט סיראָטענקאָ איבערגעריסן די שטילקײַט.

די מענטשן־רייען האָבן זיך גענומען באַוועגן. אָבער פון זאַל האָט מען זיך ניט באַלד אָפּגערופן. א הייצער, א שוואַרצער ווי א זשוק, וועלכער איז געקומען אַף דער פאַרזאַמלונג גלײַך פון לאָקאָמאָטיוו, האָט אַנטשײדן געזאָגט:

— וואָס זאָל מען אים פרעגן? מיר קענען אים ניט, וואָס? געבן אים א צעטל, און גאָר!

דער שמיד גיליאַקאַ, א ברייטבייניקער, א רויטער פון היץ און אָנשטרענגונג, האָט א זאָג געטאָן מיט א כריפּ:

— אַזוי וועט פון דער ליניע ניט אַראָפּגיין, ער וועט זײַן א כאַווער א פעסטער. שטים אָפּ, סיראָטענקאָ.

אין די הינטערשטע רייען, ווו עס זײַנען געזעסן די קאָמיוגיסטן, האָט זיך אופגעהויבן אײנער, וואָס מע האָט אים ניט אַרויסגעזען צוליב דער טונקלקײַט, און געפרעגט:

— זאָל דער כאַווער קאָרטשאַגין זאָגן, פאַרוואָס האָט ער זיך באַזעצט אַף ערד און צי רײַסט אים ניט אָפּ זײַן פויערישע ווירטשאַפט פון דער פּראָלעטאַרישער פּסיכאָלאָגיע?

איבערן זאַל האָט זיך דערהערט א לײַכטער רויש פון אומצופרידנקײַט, און עמעצנס א שטים האָט פּראָטעסטירט:

— רייד פּראָסט, געפונענע ווו צו קלינגען אין גלאָק...

אָבער אַרטיאָם האָט שוין געענטפערט:

— נישקאָשע, כאַווער. דער דאָזיקער יאַט זאָגט ריכטיק וועגן דעם, וואָס איך האָב זיך באַזעצט אַף ערד. דאָס איז ריכטיק, אָבער איך האָב פון דעם דעם אַרבעטער־געוויסן ניט פאַרלאָרן. הײַנט וועט עס נעמען א סאָף. איך קלײַב זיך איבער מיט דער געזינד נעענטער צו דער דעפּאָ, דאָ איז זיכערער, וואָרעם פון אָט דער ערד איז מיר שוין שווער צו עטעמען.

ווידער האָט אַרטיאָמס האַרץ אופגעציטערט, ווען ער האָט געקוקט אַף דעם וואַלד אופגעהויבענע הענט, און שוין ניט פילנדיק דעם יאָך פון זײַן קערפּער, מיט אַן אויסגעגלײַכטער פּלייצע, איז ער אַוועק אַף זײַן אָרט. פון הינטן האָט ער דערהערט סיראָטענקאָס שטים:

— אײנשטימיק!

דער דריטער האָט זיכ באַם טיש פונ פּרעזידיום אַוועקגעשטעלט זאַכאַר ברוזשאַק. דער שווײַגעוודיקער אַמאָליקער געהילפ פּאָלענטאָווסקיס, וועלכער איז שוינ פונ לאַנג אַליינ געוואָרנ אַ מאַשיניסט, האָט פאַרענדיקט די געשיכטע פונ זײַנ האָרעפּאַשנעם לעבנ, אונ ווענ ער איז צוגעקומענ צו דער לעצטער צײַט, האָט ער געזאָגט שטיל, נאָר אַלע האָבנ געהערט:

— איכ באַדאַרפ פאַר מײַנע קינדער גיינ טאָנ אונ דערפירנ ביזנ סאָפ. ניט אַפּ דעם האָבנ זיי דאָס לעבנ אָפּגעגעבנ, אַז איכ זאָל בלײַבנ שטעקנ מיט מײַנ אומגליק אינ די הינטערגעסלעכ. זייער אומקום בינ איכ ניט געגאַנגענ פאַרבײַטנ מיט זיכ, אָבער דער טויט פונעם פירער האָט מיר געעפנט די אויגנ. פאַר דעם אַמאָליקנ לעבנ מאָנט בא מיר ניט, דאָס עמעסע לעבנ אונדזערס הייבט זיכ אָנ פונ דאָסניי.

אופגערעגט פונ די דערינערונגענ, האָט זאַכאַר זיכ פינצטער אָנגעכמורעט, אָבער ווענ מע האָט אָפּגעשטימט אימ צונעמענ אינ פּאַרטיי אונ אים דערבײַ ניט אָנגערירט מיט קיינ איינ שאַרפער פראַגע, האָבנ זיכ זײַנע אויגנ אויסגעלײַטערט, אונ דער גראָ־ווערנדיקער קאָפּ האָט זיכ שוינ מער ניט אַראָפּגעלאָזנ.

ביז שפּעט אינדערנאַכט איז אינ דעפּאָ געגאַנגענ דער איבערקוק פונ יענע, וואָס זײַנענ געגאַנגענ אינ פאַרבײַט.

צוגעלאָזנ אינ פּאַרטיי האָט מענ נאָר די בעסטע, וואָס מע האָט זיי גוט געקענט, וואָס מע האָט זיי דורכגעקאָנטראָלירט פאַרנ גאַנצנ לעבנ.

לעבינס טויט האָט הונדערטער טויזנטער אַרבעטער געמאַכט פאַר באָלשעוויקעס. דער טויט פונעם פירער האָט ניט צעשטערט די רייענ פונ דער פּאַרטיי. אַזוי איז אויכ מיט אַ בוים, וואָס איז טיפ אַרײַנ אינ באָדנ מיט זײַנע מעכטיקע וואָרצלענ, ער קומט ניט אום, ווענ מע שנײַדט בא אים אָפּ די קרוינ.

זעקסטער קאפיטל

באם אריַינגאנג אין קאָנצערט־זאל פון האָטעל זיַינען געשטאנען צווייען. אפן ארבל פון דעם הויכן אין פענסנע — א רויט בענדל מיט דער אופשריפט „קאָמענדאנט״.

— דאָ איז די זיצונג פון דער אוקראַיִנישער דעלעגאציע? — האָט ריטע געפרעגט.

דער הויכער האָט געענטפערט אָפיציִעל:

— יע! וואָס באדארפט איר?

— דערלויבט דורכגיין.

דער הויכער האָט אפ העלפט פארצאמט דעם דורכגאנג. ער האָט באַטראכט ריטען און געזאָגט:

— איַיער מאנדאט? מע לאָזט דורך נאָר דעלעגאטן מיט שטימרעכט־ און בארעטונגרעכט־מאנדאטן.

ריטע האָט ארויסגענומען פון טעשל א גאָלד־געדרוקטן בילעט. דער הויכער האָט איבערגעלייענט: „מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט״. די אָפיציִעל־קיַיט איז באלד פארשוואונדן. ער איז מיטאמאָל געוואָרן העפלעך, מיַיסע אייגענער מענטש.

— ביטע, גייט אריַין, אָן דאָרטן, לינקס, זיַינען דאָ פריַיע ערטער.

ריטע איז דורכגעגאנגען צווישן די רייען שטולן און, דערזעענדיק א פריַיַ אָרט, האָט זי זיך צוגעזעצט. די בארעטונג פון די דעלעגאטן האָט שוין, וויַיזט אויס, געהאלטן באַם סאָף. ריטע האָט זיך צוגעהערט צו דער שטימע פון פאָרזיצער. די שטימע האָט איר געשיַינט צו זיַין באקאנט.

— אלזאָ, כאווירים, פאָרשטייער פון די דעלעגאציעס אין סעניאָרן־קאָנווענט פון אלרוסלענדישן צוזאמענפאָר זיַינען אויסגעוויילט. דאָסגלײַכן אויך אין ראט פון די דעלעגאציעס. ביזן אָנהייב בליַיבט צוויי שאָ. דערלויבט נאָכאַמאָל דורכקאָנטראָלירן דעם צעטל פון די דעלעגאטן, וואָס זיַינען געקומען אפן צוזאמענפאָר.

ריטע האָט דערקענט אקימען: דאָס האָט ער איַיליק געלייענט דעם צעטל פאמיליעס.

אים אלס ענטפער האָבן זיך אופגעהויבן הענט מיט רויטע אָדער ווײַסע מאַנדאַטן.

ריטע האָט געהערט מיט אָנגעשטרענגטער אופמערקזאַמקײַט.

אָט איז איינע א באַקאַנטע פאַמיליע: — פּאַנקראַטאָוו.

ריטע האָט געכאַפּט א קוק אף דער אופגעהויבענער האַנט, אָבער צווישן די רייען זיצנדיקע מענטשן האָט זי ניט געקענט דערזען דאָס געזיכט פון איר באַקאַנטן טרעגער. עס לויפן נעמען, און צווישן זיי ווידער א באַקאַנטער — „אָקוניעוו", און באַלד נאָך אים א צווייטער — „זשאַרקי".

זשאַרקין זעט ריטע. ער זיצט דאָ ניט ווײַט האַלב מיטן פּאָנעם צו איר. אָט איז טאַקע זײַן באַקאַנטער פּראָפיל... יע, דאָס איז וואַניע, עטלעכע יאָר האָט זי אים ניט געזען.

דער צעטל פון די נעמען איז געלאָפן ווײַטער, און פּלוצעם האָט איינער פון זיי געצווונגען ריטען אופצוציטערן:

— קאָרטשאַגין.

ווײַט פאָרויס האָט זיך אופגעהויבן און אראָפּגעלאָזן א האַנט, און מאָדנע — אוסטינאָוויטש האָט פײַנלעך געוואָלט זען יענעם, וואָס האָט געהאַט די זעלבע פאַמיליע, ווי איר אומגעקומענער כאַווער. נאָכאַנאַנד האָט זי געקוקט אהין, פונוואַנען עס האָט זיך אופגעהויבן די האַנט, אָבער אַלע קעפּ האָבן אויסגעזען ווי איינע און די זעלבע. ריטע איז אופגעשטאַנען און איז אוועק לענגאויס דעם דורכגאַנג באַם וואַנט צו די פאָדערשטע רייען. אקים האָט אופגעהערט לייענען. עס האָבן געגומענע קלאַפּן די אָפּגערוקטע שטולן. די דעלעגאַטן האָבן זיך הויך צערעדט. עס האָט זיך צעשאָטן א יונגער געלעכטער, און אקים האָט, וועלנדיק איבערשרײַען דעם גערויש פון זאַל, אויסגעשריגן:

— פאַרשפּעטיקט ניט!.. אין גרויסן טעאַטער... זיבן אזייגער!..

בא דער ארויסגאַנג־טיר האָט מען זיך געגומענע שטופּן.

ריטע האָט פאַרשטאַנען, אז אין דעם דאָזיקן שטראָם וועט זי ניט געפינען קיינעם פון די, וועמעס נעמען זי האָט נאָרוואָס געהערט. עס איז איר געבליבן בלויז איין זאַך — ניט פאַרלירן פון אויגן אקימען און דורך אים געפינען די איבעריקע. זי איז צוגעגאַנגען צו אקימען, דורכלאָזנדיק פאַרבײַ די לעצטע גרופּע דעלעגאַטן.

— נו, קאָרטשאַגין, לאָמיר פאָרן, גוטער ברודער! — האָט זי דערהערט פונהינטן, און געענטפערט האָט א שטים, אזא באַקאַנטע, וואָס ליגט איר אזוי אין זיקאָרן:

— גייען מיר.

ריטע האָט זיך שנעל ארומגעקוקט. פאַר איר איז געשטאַנען א הויכער, פאַרברוינטער יונגערמאַן אין א גימנאַסטיאָרקע פון כאַקי־קאָליר, פאַרגאַרטלט מיט א דינעם קאַווקאַזער פּאַס, און אין בלויע רייטהוזן.

מיט ברייט צעעפנטע אויגן האָט ריטע געקוקט אַף איִם, און ווען עס האָבן זי ווארעמע ארומגענומענע הענט און אַ ציטערדיקע שטימע האָט שטיל געזאָגט: „ריטע", האָט זי פארשטאנען, אַז דאָס איז פּאַוועל קאָרטשאַגין.

— דו לעבסט?

פון די דאָזיקע ווערטער האָט ער אַלץ פארשטאנען. זי האָט ניט געוווּסט, אַז די יעדיע וועגן זיין טויט איז געווען אַ פאלשע.

דער זאַל איז געוואָרן פּוסט. אין דעם צעעפנטן פענצטער האָט זיך גע־הערט דער רויש פון טווערסקאַיאַ,—די דאָזיקע מעכטיקע שטאָטישע ארטע־ריע. דער זייגער האָט הילכיק געשלאָגן זעקס מאָל, אָבער ביידן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז באַגעגנט האָבן זיי זיך ערשט מיט עטלעכע מינוט צוריק. דער זייגער האָט אָבער גערופן אין גרויסן טעאַטער. ווען זיי זיינען גע־גאַנגען איבער די ברייטע טרעפ צום ארויסגאַנג, האָט זי נאָכאַמאָל באַ־טראַכט מיטן בליק קאָרטשאַגינען. ער איז איצט געווען אַף אַ האַלבן קאָפּ העכער פון איר. אַלץ דער זעלבער, ווי אַמאָל, נאָר מענלעכער און איינגע־האַלטענער.

— זעסט, איך האָב אפילע באַ דיר ניט געפרעגט, וווּ דו ארבעטסט.

— איך בין אַ סעקרעטאַר פון קרייזקאָם פון קאָמיוג, אָדער, ווי דובאַווע זאָגט, אַן „אפּאַראַטטשיק",—און פּאַוועל האָט אַ שמייכל געטאָן.

— דו האָסט אים געזען?

— יע, געזען, און די דאָזיקע באַגעגעניש האָט איבערגעלאָזן ניט קיין געשמאַקע דערינערונגען.

זיי זיינען ארויס אַפן גאַס. די פארביילויפנדיקע אויטאָס האָבן געהודעט מיט די סירענעס. עס האָט זיך באַוועגט און געפילדערט דער המונ. ביזן גרויסן טעאַטער זיינען זיי דורכגעגאַנגען קימאַט שווייגנדיק, טראַכטנדיק וועגן איינס און דאָס זעלבע. דער טעאַטער איז געווען באַלאַגערט פון אַ יאַם מענטשן, וואָס האָט גערודעט און זיך געשטופּט צום אַריינגאַנג. די מענטשן האָבן זיך געריסן צו דעם ריזיקן טעאַטער, געפּרוּווט זיך דורכרייסן אין די געגאַרטע אַריינגאַנגען, וואָס זיינען געווען באַוואַכט פון רויטאַרמייער. אָבער די שטרענגע וואַכליַיט האָבן דורכגעלאָזן בלויז דעלעגאַטן, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען דורך אַ פארצאַמונג־קייט, באַווייזנדיק שטאָלץ זייערע מאַנ־דאַטן.

דער יאַם ארום טעאַטער איז אַ קאָמיוגישער. דאָס זיינען אַלץ יאַטן, וואָס האָבן ניט געקראָגן קיין גאַסט־בילעטן, נאָר וואָס שטרעבן אום יעטווי־דער פּריַיז ביַיזיַין אַף דער עפענונג פונעם צוזאַמענפאָר. פלינקע קאָמיוגיסטן פּלעגן זיך אַריינרוקן צווישן אַ גרופּע דעלעגאַטן און אויך באַווייזן עפּעס אַ רויט פּאַפּירל, וואָס האָט געדאַרפט שפּילן די ראָליע פון אַ מאַנדאַט. זיי פלעגן אָפט דורכקריכן ביז דער סאַמע טיר. אָבער דאָ פלעגן זיי אַריינפאַלן צום דעזשורנעם מיטגליד פון צ. ק. אָדער צום קאָמענדאַנט, וועלכע האָבן

אָפּגעשיקט די געסט אַף די יאַרוסן, און די דעלעגאַטן אין פּאַרטער. און דעמלט פּלעגט מען זיי אַרויסשטעלן הינטערן טיר, צום גרויסן נאַכעס־רוועך פון די איבעריקע „אַנבילעטניקעס".

דער טעאַטער האָט ניט געקענט אַרײַנעמען אַפילו קיין צוואַנציקטל־חלק פון די, וואָס האָבן געוואָלט אַהין אַרײַן.

ריטע און פּאַוועל האָבן זיך מיט גרויס מי דורכגעשטופּט צו דער טיר. דעלעגאַטן זײַנען אַלץ צוגעקומען: זיי זײַנען געקומען צו פאָרן מיט די טראַמווײַען און אויטאָמאָבילן. בײַ דער טיר איז אַ שפּאַרעניש. די רויטאַרמייער — אויך קאָמיוגיסטן — איז געוואָרן שווערלעך, מע האָט זיי צוגעשפּאַרט צום סאַמע וואַנט, און פון פּלאַץ פאַרן טעאַטער האָט זיך געהערט אַ מעכטיקער געשריי:

— קוועטשט, באַומאַנער, קוועטשט!

— רופט אַרויס טשאַפּלינען, סאַשע קאָסאַרעוון, זיי וועלן אונדז דורכלאָזן!

— קוועטשט, כעוורע, מיר נעמען אײַן!

— ד־ע־ר־ל־א־נ־ג!..

אין טיר איז צוזאַמען מיט קאָרטשאַגינען און ריטען דורכגעקראָכן ווי אַ שלענגל אַ יאַטל מיט פלינקע אויגן מיט אַ קים־צייכן, אַרויסגעדרייט זיך פון קאָמענדאַנט און האַסטיק געלאָזן זיך אין פּאָיע אַרײַן. אַ רגע — און ער איז פאַרשוואונדן אין דעם שטראָם פון די דעלעגאַטן.

— לאָמיר זיך זעצן דאָ, — האָט ריטע אָנגעוויזן אַף די „ערטער הינטער די פּאָטעלן", ווען זיי זײַנען אַרײַן אין פּאַרטער.

זיי האָבן זיך געזעצט אין ווינקל.

— איך וויל באַקומען פון דיר אַן ענטפער אַף איין פראַגע, — האָט ריטע געזאָגט, — כאָטש דאָס איז געווען אַמאָל, אָבער איך מיין, אז דו וועסט מיר זאָגן: פאַרוואָס האָסטו דעמלט, אַמאָל, איבערגעריסן אונדזער לערנען זיך און אונדזער פרײַנטשאַפט?

די דאָזיקע פראַגע האָט ער דערוואַרט פון ערשטן מאָמענט אָן, זינט זיי האָבן זיך באַגעגנט, און פונדעסטוועגן האָט ער זיך אַביסל פאַרלאָרן. זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט, און פּאַוועל האָט פאַרשטאַנען: זי ווייס.

— איך רעכן, אַז דו ווייסט אַלץ, ריטע. דאָס איז געווען מיט דרײַ יאָר צוריק, און איצט קען איך בלויז פאַרורטיילן פּאַווקען פאַר אַזאַ טאַט. בכלל אָבער האָט קאָרטשאַגין געמאַכט אַף זײַן לעבן גרעסערע און קלענערע פעלערן, און איינער פון זיי איז געווען יענער, וועגן וועלכן דו פרעגסט.

ריטע האָט אַ שמייכל געטאָן.

— דאָס איז אַ גוטער פאָרוואָרט. אָבער איך וואַרט אַף אַן ענטפער!

פּאַוועל האָט אָנגעהויבן ריידן שטיל:

— אין דעם איז שולדיק ניט נאָר איך, נאָר אויך די „בינ", די רעוואָ־

ליוציאָנערע ראָמאנטיק פון בוך. ביכער, אין וועלכע עס זײַנען געווען בא־שריבן מוטיקע, גײַסטיק־שטארקע און ווילנסקרעפטיקע רעוואָליוציאָנערן, דרייסטע, געטרײַ־איבערגעגעבענע אונדזער זאך, האָבן אף מיר געמאכט אן אומפארגעסלעכן אײַנדרוק און ארויסגערופן א ווילן צו זײַן אזוינע, ווי זיי. לויטן בוך „די בינ" האָב איך אופגענומען מײַן געפיל צו דיר. איצטער קומט מיר דאָס אויס קאָמיש, אָבער נאָך מער ערגערט עס מיך.

— הייסט עס, אז „די בינ" שאצסטו איצטער אנדערש?

— ניין, ריטע, אין גרונט ניט! איך האָב נאָר אָפּגעוואָרפן דעם אומנייטיקן טראגיזם פון דער פײַנלעכער אָפּעראציע אויסצופרווון דעם אייגענעם ווילן. אָבער איך בין פאר דעם איקער פון „דער בינ"—פאר מוטיקײַט, פאר קענען אויסהאלטן אָן א סאָף, פאר דעם דאָזיקן טיפּ מענטשן, וואָס קען איבער־טראָגן לײַדן אין ניט באווײַזן עס יעדן און אלעמען. איך בין פאר דער דאָ־זיקער געשטאלט פון א רעוואָליוציאָנער, פאר וועלכן דאָס פּערזענלעכע איז גאָרניש אין פארגלײַך מיט דעם אלגעמיינעם.

— בלײַבט בלויז צו באדויערן, פּאוועל, וואָס דער דאָזיקער שמועס קומט פּאָר אין דרײַ יאָר ארום נאָך דעם, ווי ער האָט געדארפט פּאָרקומען,—האָט ריטע געזאָגט, שמייכלענדיק עפּעס פארטראכט.

— צי ניט דערפאר איז עס עפּשער א שאָד, ריטע, וואָס איך וואָלט פאר דיר קיינמאָל ניט געוואָרן מער, ווי א כאווער?

— ניין, פּאוועל, האָסט געקענט ווערן אויך עפּעס מער.

— דאָס קען מען פאריכטן.

— אביסל צו שפּעט, כאווער „בינ".

ריטע האָט א שמייכל געטאָן פון איר וויץ און אים דערקלערט:

— איך האָב א פּיצינק טעכטערל. זי האָט א טאטן, ער איז מײַנער א גרויסער פרײַנט. אלע דרײַען זײַנען מיר זייער באפרײַנדעט, און די דאָזיקע טריאָ איז דערווײַל שווער צו צערײַסן.

אירע פינגער האָבן אָנגערירט פּאוועלס האנט. איר באוועגונג האָט גע־זאָלט באדײַטן, אז זי איז וועגן אים פארזאָרגט, אָבער באלד האָט זי פאר־שטאנען, אז איר באוועגונג איז איבעריק. יע, ער איז פאר די דאָזיקע דרײַ יאָר אויסגעוואקסן ניט נאָר פיזיש. זי האָט געוווסט, אז אים טוט איצט ווײ,—וועגן דעם האָבן גערעדט זײַנע אויגן,—אָבער ער האָט געזאָגט אָן קיין שום זשעסט, עמעסדיק:

— פּונדעסטוועגן בלײַבט מיר נאָך איבער אסאך מערער, ווי דאָס, וואָס איך האָב נאָרוואָס פארלאָרן.

פּאוועל און ריטע זײַנען אופגעשטאנען. עס איז שוין געווען צײַט צו פארנעמען ערטער נעענטער צו דער סצענע. זיי זײַנען אוועקגעגאנגען צו די שטולן, ווו עס האָט זיך באזעצט די אוקראַינישע דעלעגאציע. דער אָר־קעסטער האָט גענומען שפּילן. עס האָבן רויט געברענט גיגאנטישע טראנס־

פאראנטנ, אונ פײַערדיקע בוכשטאבנ האָבנ געשריבנ: „די צוקונפט געהערט אונדז". טויזנטער מענטשנ האָבנ פול געמאכט דעמ פארטער, די לאָזשעס, די יארוסנ. די דאָזיקע טויזנטער האָבנ זיכ דאָ צוזאמענגעגאָסנ אינ אנ אײנהײַטלעכנ מעכטיקנ טראנספאָרמאטער פונ אײביקער ענערגיע. דער ריזיקער טעאטער האָט ארײַנגענומענ אינ זײַנע ווענט דאָס שענסטע פונ דער יונגער גווארדיע פונ דעמ גרויסנ אינדוסטריעלנ שטאמ. טויזנטער אויגנ, און אינ יעדער פאָר שפיגלט זיכ אינ פונקענ אָפ דאָס, וואָס ברענט איבער דעמ שווערנ פאָרהאנג: „די צוקונפט געהערט אונדז". און דער אָנפלוס דויערט ווײַטער. נאָכ עטלעכע מינוט—און דער שווערער סאמעט פונעמ פאָרהאנג וועט זיכ לאנגזאמ צעעפענענ, טשאפלינ וועט אָנהייבנ, אנ אופגערעגטער, ער וועט אפ א רעגע זיכ ניט קענענ באהערשנ אנטקעגנ דער אומגעהויערער פײַערלעכקײַט פונעמ מאָמענט:

— דעמ זעקסטנ צוזאמענפאָר פונ אלרוסלענדישנ קאָמוניסטישנ יוגנטפארבאנד דערקלער איכ פאר אָפנ.

קײנמאָל האָט קאָרטשאגינ ניט געפילט שטארקער, טיפער די גרויסקײַט און מעכטיקײַט פונ דער רעוואָליוציע, די שטאָלצ און גרויסע פרייד, וואָס מע קענ עס מיט ווערטער ניט אויסדריקנ, וועלכע דאָס לעבנ האָט אימ געגעבנ; דאָס לעבנ, וואָס האָט אימ ווי א קעמפער און בויער געבראכט אהער, אפ דעמ דאָזיקנ טריומפ פונ זיג פונ דער יונגער באָלשעוויסטישער גווארדיע.

*

דער צוזאמענפאָר האָט אָפגענומענ בא זײַנע אָנטיילנעמער די גאנצע צײַט פונ פרימאָרגנ ביז שפעט אינ דער נאכט, און פאוועל האָט ווידער באגעגנט ריטען ערשט אפ אײנער פונ די לעצטע זיצונגענ. ער האָט זי דערזענ צווישנ א גרופע אוקראינער.

— מאָרגנ נאָכנ שליסנ דעמ צוזאמענפאָר פאָר איכ גלײַכ אוועק,—האָט זי געזאָגט.—איכ ווייס ניט, צי וועט זיכ אונדז אײַנגעבנ א שמועס טאָנ פארנ אָפפאָרנ. דעריבער האָב איכ הײַנט צוגעגרייט פאר דיר צוויי העפטנ מיט מײַנע נאָטיצנ, וואָס האָבנ א שײַכעס צו דער פארגאנגענהײַט, און א קליינ בריוול. דו לייענ זיי איבער און שיק מיר אָפ צוריק מיט דער פאָסט. פונ דעמ, וואָס איז דאָרטנ אָנגעשריבנ, וועסטו זיכ דערוויסנ אלצ, וועגנ וואָס איכ האָב דיר ניט דערציילט.

ער האָט איר געדריקט די האנט און א קוק געטאָנ אפ איר לאנג, ווי ער וואָלט וועלנ פארגעדענקענ אירע שטריכנ.

זיי האָבנ זיכ באגעגנט, ווי זיי האָבנ אָפגערעדט, אפ מאָרגנ באָמ צענטראלנ ארײַנגאנג, און ריטע האָט אימ איבערגעגעבנ א פעקל און א פארכאסמעטנ בריוו. ארומ זײַנענ געווענ מענטשנ, דעריבער האָבנ זיי זיכ גע-

עגנט זייער אײַנגעהאלטן, און בלויז אין אירע אויגן, אביסל מאטע, האָט ער דערזען גרויסע ווארעמקײַט און עטוואָס טרויער.

אין א טאָג ארום האָבן די צוגן זיי אוועקגעפירט אין פארשיידענע ריכטונגען.

די אוקראַינער זײַנען געפאָרן אין עטלעכע וואגאָנעס. קאָרטשאגין איז געווען אין דער גרופּע פון די קיִעווער. אינאָווגט, ווען אלע האָבן זיך צוגעלייגט, און אָקוניעוו אפן שכײַנישן בעטל האָט צוגעפײַפט פון שלאָף מיט דער נאָז, האָט קאָרטשאגין זיך צוגערוקט נעענטער צו דער שײַן און געעפנט דעם בריוו.

„פּאווּלושע, ליבער!

איך האָב דיר דאָס געקענט זאָגן אין די אויגן, אָבער אזוי וועט זײַן בעסער. איך וויל בלויז איינס: אז דאָס, וועגן וואָס מיר האָבן מיט דיר גערעדט פארן אָנהייב פונעם צוזאַמענפאָר, זאָל ניט איבערלאָזן קיין שווערן שפור אין דײַן לעבן. איך ווייס, דו האָסט אסאך קויכעס, דעריבער גלויב איך אין דעם, וואָס דו האָסט געזאָגט. איך קוק ניט אפן לעבן פאָרמעל, אמאָל קען מען מאכן אן אויסנאם, עמעס, זייער זעלטן, אין די פּערזענלעכע באציִונגען, אויב זיי ווערן ארויסגערופן פון גרויסע, טיפע געפילן. דו פאַרדינסט עס, אָבער איך האָב אָפּגעוואָרפן דעם ערשטן פארלאנג אָפּגעבן דיר דעם כויוו פון אונדזער יוגנט. איך פיל, אז דאָס וואָלט אונדז ניט פארשאפט קיין גרויסע פרייד. מע דארף ניט זײַן אזוי שטרענג צו זיך, פּאווּעל. אין אונדזער לעבן איז פאַראַן ניט בלויז קאמף, נאָר אויך די פרייד פון א גוטן געפיל.

וועגן דײַן איבעריקן לעבן, דאָס הייסט וועגן דעם גרונט־אינהאלט, בין איך אפ קיין האָר ניט אומרויִק. איך דריק פעסט דײַן האנט. ר י ט ע."

פּאווּעל האָט פאַרטראכטערהייט צעריסן דעם בריוו, ארויסגערוקט די הענט אין פענצטער און געפילט, ווי דער ווינט רײַסט די שטיקלעך פּאפּיר פון זײַנע פינגער.

ביז אינדערפרי האָט ער ביידע העפטן איבערגעלייענט, ווידער פארוויקלט אין פּאפּיר און פארבונדן. אין כארקאָוו איז א טייל פון די אוקראַינער ארויס פון צוג, צווישן זיי אָקוניעוו, פּאנקראטאָוו און קאָרטשאגין. ביקאָלײַ האָט געדארפט פאָרן קיין קיִעוו נאָך טאליען, וואָס איז געבליבן בא אנען. פּאנקראטאָוו, וועמען מע האָט אויסגעוויילט אין צ.ק. פון אוקראַיִנישן קאָמיוג, האָט געהאט זײַנע איניאָנים. קאָרטשאגין האָט באשלאָסן פאָרן מיט זיי ביז קיִעוו, פאריינוועגס זײַן בא זשארקין און בא אנען.

ער האָט זיך פארהאלטן אין דער פּאָסט־אָפּטיילונג פון וואָקזאל, אָפּגעשיקט ריטען די העפטן, און ווען ער איז ארויס צום צוג, איז שוין קיינער פון די כאווירים ניט געווען. דער טראמוויַי האָט אים געבראכט צום הויז, וווּ עס האָבן געוווינט אנע און דובאווע. פּאווּעל איז מיט די טרעפּ ארויף אפן צווייטן שטאָק און האָט אָנגעקלאפּט אין טיר, וואָס אפ לינקס—צו אנען. אפן קלאפּ האָט זיך קיינער ניט אָפּגערופן. עס איז געווען גאנץ פרי, און אוועקגיין אפ דער ארבעט האָט נאָך אנע ניט געקענט. „זי שלאָפט מיס־

טאַמע", האָט ער א טראַכט געטאָן. די טיר דערנעבן האָט זיך אופגעעפנט, און פון דאָרטן איז א פארשלאָפענער ארויס אין קאָרידאָר דובאווע. א גרויו פּאָנעם, מיט בלויע רייפלעך אונטער די אויגן. פון אים האָט געטראָגן מיט א שארפן גערוך פון ציבעלע, און,—דאָס האָט קאָרטשאגין באַלד דער־פילט מיט זײַן גוטער נאָז,—מיטן רייעך פון בראנפן. דורך דער צעעפנטער טיר האָט קאָרטשאגין דערזען אפן בעט עפּעס א דיקע פרוי, ריכטיקער גע־זאָגט,—איר פעטע הוילע פוס און די אקסלען.

באמערקט זײַן בליק, האָט דובאווע א שטויס געטאָן מיטן פוס די טיר און זי צוגעמאכט.

— וואָס האָסטו געוואָלט, צו דער כאווערטע באָרכארט?—האָט ער הייזעריק געפרעגט, קוקנדיק ערגעץ־ווו אין ווינקל.—זי איז שוין דאָ ניטאָ. צי דען ווייסטו ניט וועגן דעם?

דער כמורנער קאָרטשאגין האָט פאַרשנדיק געקוקט אף אים.

— איך האָב עס ניט געוווּסט, וווהין איז זי אריבערגעפאָרן?—האָט ער געפרעגט.

דובאווע איז פּלוצלינג בייז געוואָרן.

— דאָס אינטערעסירט מיך ניט.—ער האָט אָפּגעגרעפּצט און צוגעגעבן מיט א פארשטיקטן קאַעס:—דו ביסט זי געקומען טרייסטן? וואָס דען, די סאמע ריכטיקע צײַט. די וואקאנסיע האָט זיך באפרײַט, נעם זיך פאר דער זאך. נאָך מער, קיין אָפּזאָג וועסטו ניט באקומען. זי האָט דאָך מיר ניט איין מאָל געזאָגט, אז דו געפעלסט איר, אָדער עפּעס ענלעכס, ווי די ווײַבער דריקן זיך דאָרטן אויס. נוץ אויס די לאגע, וועט איר האָבן אן אייניקײַט אי פון דער נעשאָמע, אי פון גוף.

פּאווער האָט דערפילט, ווי עס האָבן זיך בא אים אָנגעצונדן די באקן. ער האָט זיך גענומען אין די הענט און שטיל געזאָגט:

— אָט צו וואָס דו ביסט דערגאנגען, מיטיאַי! איך האָב ניט געמיינט, אז איך וועל דיך טרעפן אזא אויסוווּרף. ביסט דאָך אמאָל געוועזן א גוטער יאט. פאַרוואָס ווערסטו אזוי פאַרווילדעוועט?

דובאווע האָט זיך אָנגעשפארט אָן וואנט. אים איז, קענטיק, געווען קאלט צו שטיין מיט די באָרוועסע פיס אפן צעמענטענעם דיל, און ער האָט זיך אײַנגענורעט.

די טיר האָט זיך געעפנט, און עס האָט זיך ארויסגערוקט א פארשלאָפענע פרוי מיט פּוכלע באקן.

— קעצעלע, קום אהער, וואָס שטייסטו דאָ?

דובאווע האָט איר ניט געלאָזן ענדיקן, פאַרהאקט די טיר און פארשפּארט זי מיט זײַן קערפּער.

— א גוטער אָנהייב...—האָט פּאווער געזאָגט.—וועמען לאָזטו צו זיך ארײַן און צו וואָס וועט עס דיך ברענגען?

דובאָווען האָט, ווײַזט אויס, דערעסן די רייד, און ער האָט א געשריי געטאָן:

— איר וועט מיר נאָך אָנווײַזן, מיט וועמען איך זאָל שלאָפן! געגנוג לייענען מיר מוסער! קענסט זיך אָפּטראָגן אהין, פון וואַנען דו ביסט געקומען! גיי און דערצייל, אז דובאָווע טרינקט און שלאָפט מיט אַן אויסגעלאַסענער מויד.

פאַוועל איז צוגעגאַנגען צו אים און אופגערעגט געזאָגט:

— מיטיאַי, ווײַז דעם וועג דער דאָזיקער פרוי. איך וויל נאָך איין מאָל, דאָס לעצטע מאָל א שמועס טאָן מיט דיר...

דובאָווס פּנים איז פינצטער געוואָרן. ער האָט זיך א קער געטאָן אהינטער און איז אוועק אין צימער.

— עך, אויסוואורף! — האָט קאָרטשאַגין א מורמל געטאָן און איז לאַנגזאַם אראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּ.

*

עס זײַנען דורכגעגאַנגען צוויי יאָר. די צײַט, וואָס וויים פון גאָרנישט, האָט געציילט אירע טעג און כאַדאָשים. אָבער דאָס לעבן האָט געשטראָמט אין זײַנע טויזנטער פאַרבן און אָנגעפילט שטענדיק די דאָזיקע טעג (לויט זייער אויסזען איינאַרטיקע) מיט עפּעס נײַס, וואָס איז ניט געווען ענלעך אף דעם נעכטיקן. די הונדערט זעכציק מיליאָן פונעם גרויסן פאָלק, וואָס איז געוואָרן צום ערשטן מאָל אין דער וועלט א באַלעבאָס פון דער גרויסער ערד און פון אירע אומגעהויערע נאַטור־רײַכטימער, האָבן אין העלדישער און אָנגעשטרענגטער מי ווידער אופגעשטעלט די פאָלק־ווירטשאַפט, וואָס איז רויִנירט געוואָרן דורך דער מילכאָמע. דאָס לאַנד איז שטאַרקער געוואָרן, האָט זיך אָנגעגאָסן מיט קויעך, און צווישן די קוימענס פון די זאַוואָדן, וועלכע זײַנען נאָך ערשט ניט לאַנג געשטאַנענע פאַרוואָרפענע, טויטע און מאָרעשכוירעדיקע, זײַנען שוין ניט געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך ניט גערויכערט.

די דאָזיקע צוויי יאָר זײַנען פאַר קאָרטשאַגינען דורכגעגאַנגען האַסטיק, און ער האָט זיי אפילע ניט באַמערקט. ער האָט ניט געקענט לעבן רויִק, מיט א רעגלמעסיק־פוילן געגעניץ באַגעגענען דעם פרימאָרגן און זיך לייגן שלאָפן פונקט צען. ער האָט געאײַלט לעבן. און ניט נאָר אַליין האָט ער געאײַלט, ער האָט אויך אונטערגעיאָגט אַנדערע.

אף שלאָפן איז אויסגעטיילט געוואָרן ווייניק צײַט. מע האָט געקענט אָפט זען, אז ביז טיף אינדערנאַכט איז דאָס פענצטער פון זײַן צימער געווען באַלויכטן און אינווייניק זײַנען געזעסן מענטשן, איבערגעבויגן איבערן טיש. דאָס האָט מען זיך געלערנט. פאַר צוויי יאָר האָט מען דורכגעאַרבעט דעם דריטן באַנד „קאַפּיטאַל“. עס איז געוואָרן פאַרשטענדלעך די איידלסטע מעכאַניק פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע.

*

אינעם קרײַז, ווו קאָרטשאגינ האָט געארבעט, איז אראָפּגעקומענ ראז־וואליכינ. אימ האָט צוגעשיקט אהער דער גובקאָמ אונ פאָרגעלייגט אויס־נוצנ פאר א סעקרעטאר פונ א רײַקאָמיוג. קאָרטשאגינ איז ניט געווענ הי, אונ אינ זײַנ אָפּוועזנהײַט האָט די ביוראָ אָפּגעשיקט ראזוואליכינענ אינ איי־נעמ א ראיאָנ. קאָרטשאגינ איז געקומענ, ער האָט זיכ דערוווּסט וועגנ דעמ אונ גאָרנישט ניט געזאָגט.

עס איז אדורכ א כוידעש, אונ קאָרטשאגינ האָט זיכ אראָפּגעלאָזנ צו ראזוואליכינענ אינ ראיאָנ. ער האָט געפונענ ווייניק פאקטנ, אָבער צווישנ זיי זײַנענ שוינ געווענ אזעלכע: ראזוואליכינ שיקערט. ער האָט געשאפנ א גרופּקע אונטערלעקער ארומ זיכ אונ האָט אָפּגעטריבנ פונ דער ארבעט גוטע יאטנ. קאָרטשאגינ האָט דאָס אלצ געשטעלט צומ באהאנדלענ אפ דער ביוראָ, אונ ווענ אלע האָבנ זיכ ארויסגעזאָגט, אז ראזוואליכינענ דארפ מענ ארויסטראָגנ א שטרענגנ אויסרייד, האָט קאָרטשאגינ פּלוצעמ געזאָגט:

— אויסשליסנ אָנ דאָס רעכט ווידער ארײַנצוטרעטנ.

דאָס האָט אלעמענ פארוווּנדערט, עס האָט אויסגעזענ צו שארפ, אָבער קאָרטשאגינ האָט איבערגעכאזערט:

— אויסשליסנ דעמ אויסוווּרפ. דעמ דאָזיקנ גימנאזיסטל האָט מענ גע־געבנ די מעגלעכקײַט צו ווערנ א מענטש, אָבער ער האָט זיכ פּאָשעט צו־געשמירט.—אונ פאוועל האָט דערציילט וועגנ בערעזדאָוו.

— איכ פּראָטעסטיר קאטעגאָריש קעגנ קאָרטשאגינס מעלדונג. דאָס זײַ־נענ פּערזענלעכע כעזשבוינעס. מאלע וואָס ער קענ נעמענ דערציילנ וועגנ מיר מײַסעס. זאָל קאָרטשאגינ צושטעלנ דאָקומענטנ, אָנגאבנ, פאקטנ. איכ קענ אויכ אויסטראכטנ, אז ער האָט זיכ פארנומענ מיט קאָנטראבאנדע. הייסט עס, אז מע דארפ אימ אויסשליסנ? ניינ, זאָל ער געבנ דאָקומענטנ!—האָט ראזוואליכינ געשריִענ.

— ווארט צו, מיר וועלנ אָנשרײַבנ א דאָקומענט אויכ,—האָט אימ קאָרטשאגינ געענטפערט.

ראזוואליכינ איז ארויס. אינ א האלב שאָ ארומ האָט זיכ קאָרטשאגינ דערשלאָגנ, עס זאָל אָנגענומענ ווערנ א רעזאָליוציע: „אויסשליסנ, ווי א פרעמדנ עלעמענט, פונ די רייענ פונ קאָמיוג".

*

זומער זײַנענ די כאווירימ איינע נאָכ די אנדערע אוועק אינ אורלויב. ווער עס איז געווענ שוואכער אינ געזונט, איז געפאָרנ צומ יאמ. זומער האָט אלעמענ ארומגעכאפּט דער טרוימ וועגנ אָפּרו, אונ קאָרטשאגינ האָט

אָפּגעלאָזן זייַנע יאַטן אָפּ אָפּרו, באַקומען פאַר זיי סאַנאַטאָריע־אָרדערס און מיטלען. זיי פלעגן אַוועקפאָרן בלייכע, אויסגעמאַטערטע, אָבער פריי־דיקע. זייער אַרבעט איז געפאַלן אָפּ זייַנע אַקסלען, און ער האָט זי גע־שלעפּט, ווי אַ גוטער פערד שלעפּט דעם וואָגן באַרג־אַרויף. זיי פלעגן צוריק־קומען פאַרברוינטע, לעבנלוסטיקע, פול מיט ענערגיע. דעמלט פלעגן פאָרן אַנדערע. אָבער אַ גאַנצן זומער האָט ווער ניט איז געפעלט, און דאָס לעבן האָט אַלץ געקאָכט, און עס האָט דעריבער גאָרניט געקענט געמאָלט זייַן, אַז קאַרטשאַגין זאָל אַפילו איין טאָג ניט זייַן בא זיך אין צימער.

אַזוי איז אַריבער דער זומער.

דעם האַרבסט און דעם ווינטער האָט פּאַווען ניט ליב געהאַט. זיי האָבן אים געבראַכט פיל פיזישע ליידן.

דעם דאָזיקן זומער האָט ער דערוואַרט מיט אַ באַזונדערן אומגעדולד. אים איז געווען פייַנלעך־שווער אַפילו פאַר זיך אַליין זיך מודה צו זייַן, אַז וואָס אַ יאָר גייען אים אַלץ מער אויס די קויכעס. עס זייַנען געווען צוויי אויסוועגן: אָדער דערקלערן זיך פאַר אומפייִק אַריבערטראָגן די שווע־ריקייַטן פון דער אָנגעשטרענגטער אַרבעט, אַנערקענען זיך פאַר אַן אינ־וואַליד, אָדער בלייַבן אָפּן פּאָסטן ביז וואַנען דאָס וועט נאָר זייַן מעגלעך. און ער האָט אויסגעקליבן דאָס צווייטע.

איינמאָל האָט זיך אָפּ דער פּאַרטיי־ביוראָ פון קרייַז־קאָמיטעט אַוועק־געזעצט נעבן אים אַן אַלטער טוער פון אונטערערד, דאָקטער באַרטעליק, דער פאַרוואַלטער פון קרייַזישן געזונט־אָפּטייל.

— זעסט אויס שלעכט, קאָרטשאַגין. אין דער מעד־קאָמיסיע ביסטו גע־ווען? ווי פילסטו זיך אין געזונט? ביסט אַוואַדע ניט געווען? איך געדענק עפּעס ניט, אָבער מע דאַרף דיך אַ קוק טאָן, כאַווערל. קום דאָנערשטיק אינאָוונט.

פּאַוועל איז אין קאָמיסיע ניט געקומען—ער האָט קיין צייַט ניט גע־האַט. אָבער באַרטעליק האָט אָן אים ניט פאַרגעסן און האָט אים איינמאָל פאַרפירט צו זיך. נאָך דעם, ווי מע האָט איבער אים געמאַכט אַ גענויע מעדיצינישע אונטערזוכונג (באַרטעליק האָט פּערזענלעך גענומען אין דעם אַן אָנטייל אַלס נעוורָאפּאַטאָלאָג), איז פאַרשריבן געוואָרן:

„די הייל־קאָמיסיע האַלט פאַר נייטיק געבן אַ באַלדיקן אורלויב מיט אַ דויערנדי־קער היילונג אין קרים און ווייַטער ערנסט היילן זיך. אַניט זייַנען אומפאַרמייַדלעך שווערע פאָלגן“.

פאַר דעם איז געגאַנגען אַ לאַנגער צעטל פון קראַנקייַטן, געשריבן אָפּ לאַטייַן, פון וועלכן קאָרטשאַגין האָט פאַרשטאַנען בלויז דאָס, אַז די הויפּט־צאָרע איז ניט אין די פיס, נאָר אין דער שווערער קראַנקייַט פון דער צענטראַלער נערוון־סיסטעם.

באַרטעליק האָט דורכגעפירט די באַשטימונג פון דער קאָמיסיע דורך דער פאַרטביוראָ, און קיינער האָט ניט דערווידערט קעגן דעם, אַז מע זאָל באַלד באַפרײַען קאָרטשאַגינען פון דער אַרבעט. אָבער קאָרטשאַגין אַליין האָט פאַרגעלייגט וואַרטן, ביז עס וועט קומען פון אורלויב דער פאַרוואַלטער פון אָרגאָפּטייל פון קאָמיוגישן קרײַזקאָם סביטניאָוו.

קאָרטשאַגין האָט מוירע געהאַט, אַז דער קאָמיטעט וועט בלײַבן אָן טוער. מ׳האָט מיט אים אײַנגעשטימט, כאָטש באַרטעליק האָט דערווידערט.

עס איז געבליבן דרײַ וואָכן ביזן ערשטן אורלויב פאַרן מעשעך פונעם גאַנצן לעבן. אין טישקעסטל איז שוין געלעגן אַ סאַנאַטאָריע־אָרדער קיין יעווּפּאַטאָריע.

קאָרטשאַגין האָט אין די דאָזיקע טעג אינטענסיוו געאַרבעט. ער האָט דורכגעפירט אַ פּלענום פון קרײַז־קאָמיוג און, ניט זשאַלעווענדיק די קויכעס, פאַרענדיקט פאַרשיידענע איניאַנים, קעדיי אַוועקצופאָרן רויִק.

און דאָ, ערעוו זײַן אָפּרו און ערעוו זײַן באַגעגעניש מיטן ים, וואָס ער האָט אים נאָך קיינמאָל אין לעבן ניט געזען, האָט זיך געטראָפן דער דאָזיקער אומגעלומפּערטער און עקלהאַפטער צופאַל, אַף וועלכן ער האָט זיך ניט געריכט.

פּאַוועל איז געקומען אין צימער פון אַגיטפּראָפּ פון פּאַרטיי נאָך דער אַרבעט, זיך אַוועקגעזעצט באַם צעעפנטן פענצטער אַפן פענצטער־ברעטל הינטערן ביכער־שראַנק און געוואַרט, עס זאָל זיך אָנהייבן די באַראַטונג פון אַגיטפּראָפּ. ווען ער איז אַרײַן, איז אין צימער קיינער ניט געווען. באַלד זײַנען געקומען עטלעכע מענטשן. פּאַוועל האָט הינטערן ביכער־שראַנק זיי ניט געזען, אָבער איין שטים האָט ער דערקענט. דאָס איז געווען פײַלאָ, דער פאַרוואַלטער פון קרײַז־אָפּטייל פאַר פאָלקווירטשאַפט, אַ הויכער, שיינער יונג, מיט אַ פיגור פון אַ מיליטערמאַן. וועגן אים האָט פּאַוועל ניט איין מאָל געהערט, ווי וועגן אַ מענטשן, וואָס האָט ליב אויסטרינקען און האָט ליב אַ שטיפּ טאָן מיט יעדן פײַנעם מיידל.

פײַלאָ איז אַמאָל געווען אַ פּאַרטיזאַן, און בּאַ אַ פּאַסיקער געלעגנהײַט פלעגט ער מיט אַ געלעכטער דערציילן, ווי ער האָט געהאַקט קעפּ פון מאַכנאָווצעס—אַ צענדליק קעפּ אַ טאָג. קאָרטשאַגין האָט אים ניט געקענט פאַרטראָגן. איינמאָל איז צו קאָרטשאַגינען געקומען אַ קאָמיוגיסטקע און זיך פאַנאַנדערגעוויינט. זי האָט דערציילט, אַז פײַלאָ האָט צוגעזאָגט מיט איר כאַסענע האָבן, אָבער ער האָט אָפּגעלעבט מיט איר אַ וואָך און נאָכדעם אַפילע אויפגעהערט צו גריסן זיך מיט איר. אין קאָנטראָל־קאָמיסיע האָט זיך פײַלאָ אַרויסגעדרייט, קיין באַווײַזן האָט דאָס מיידל ניט געהאַט, אָבער פּאַוועל האָט איר געגלויבט. קאָרטשאַגין האָט זיך צוגעהערט. די, וועלכע זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אין צימער, האָבן ניט כוישעד געווען, אַז ער איז דאָ.

— נו, פײַלאָ, װי גײען דײַנע געשעפֿטן? װאָס האָסטו עפּעס אױפֿגעטאָן עפּעס?

דאָס האָט געפֿרעגט גריבאָװ, פּײַלאָס א פֿרײַנט, װאָס איז געװען ניט בעסער פֿאַר אים. גריבאָװ האָט זיך עפּעס געהאַלטן פֿאַר א פּראָפּאַגאַנדיסט, כאָטש ער איז געװען שרעקלעך ניט אַנטװיקלט, באַגרענעצט און איז געװען זײער א טעמפּער. אָבער מיטן נאָמען פּראָפּאַגאַנדיסט האָט ער שטאָלצירט און עס דערמאָנט בא יעדער פּאַסיקער און ניט־פּאַסיקער געלעגנהײט.

— קענסט מיך באַגריסן. איך האָב נעכטן באַאַרבעט קאַראַטאַיעװען. און דו האָסט געזאָגט, אַז עס װעט גאָרנישט ניט אַרױסקומען. נײן, גוטער ברודער, אױב איך טו זיך שױן א נעם פֿאַר א װעלכער־ניט־איז, מעגסטו שױן זײַן זיכערלעך,—און פּײַלאָ האָט צוגעגעבן א גראָבן װאָרט.

קאָרטשאַגין האָט דערפֿילט א נערװעזן שױדער—א סימען, אַז ער איז שטאַרק אױפֿגערעגט. קאַראַטאַיעװא איז געװען די פֿאַרװאַלטערן פֿון קרײַזישן פֿרױען־אָפּטײל. זי איז געקומען אהער אין אײן צײַט מיט אים, און פּאַװעל האָט זיך אָפּ דער געמײנזאַמער אַרבעט באַפֿרײַנדעט מיט דער דאָזיקער פּאַרטײיִשער אַרבעטערן, װאָס איז געװען זײער פֿילבאַר און אױפֿמערקזאַם צו יעדער פֿרוי און צו די אַלע, װאָס פֿלעגן קומען צו איר זוכן שוץ אָדער נאָך אַן אײצע. די טױער פֿון קאָמיטעט האָבן זיך באַצױגן צו קאַראַטאַיעװען מיט אָפּשײַ. זי האָט ניט געהאַט קײן מאַן. פּײַלאָ האָט עס אַן סאָפּעק גערעדט װעגן איר.

— דו זאָגסט אָבער ניט קײן ליגן, פּײַלאָ? עפּעס גלױבט זיך ניט אָפּ איר.

— איך װעל זאָגן ליגן? פֿאַר װעמען האַלטסטו מיך, אױב אַזױ? איך האָב אײַנגעבראָכן שטאַרקערע פֿאַר איר. מע דאַרף נאָר קענען. יעדערע פֿאָדערט א באַזונדערן צוגאַנג. אײנע גיט זיך אונטער שױן אױפֿן צװײטן טאָג, אָבער דאָס איז גאָרנישט מיט גאָרנישט. נאָך אַן אַנדערער קומט אױס נאָכלױפֿן א גאַנצן כױדעש. דעריקער איז—מע דאַרף פֿאַרשטײן די פּסיכאָלאָגיע. אומעטום דאַרף מען צוגײן אַנדערש. דאָס איז, גוטער ברודער, א גאַנצע װיסנשאַפֿט, אָבער איך בין אין דער דאָזיקער זאַך א פּראָפֿעסער. כאַ־כאַ־כאַ־כאָ!..

פּײַלאָ האָט זיך פֿאַרכלינעט פֿון זעלבסטצופֿרידנקײַט. דאָס הײַפֿל צוהערער האָט אים אונטערגעװאַרעמט, ער זאָל װײַטער דערצײלן. כעװרע האָט געװאָלט װאָס גיכער דערװיסן זיך װעגן די אײנצלהײַטן.

קאָרטשאַגין האָט זיך אױפֿגעהױבן מיט פֿאַרדריקטע פֿױסטן. ער האָט געפֿילט, אַז זײַן האַרץ האָט אָנגעהױבן קלאַפּן פֿון אױפֿרעגונג.

— קאַראַטאַיעװען נעמען אַזױ זיך „אָפּן צימבל” איז געװען אינגאַנצן אומעגלעך, אָבער אַרױסלאָזן זי האָב איך אױך ניט געװאָלט, באַזונדערס אָפּ װיפֿל איך האָב זיך געװאָטן מיט גריבאָװן אָפּ א טוץ פּאַרטװײן. נו, האָב איך

טאקע אָנגעהויבנ א דיווערסיע. ארייַנגעגאנגענ איינ מאָל, א צווייטנ מאָל. איכ זע, זי קרימט זיכ. דערבייַ פארשפרייט מענ דאָכ דאָ וועגנ מיר פליאָטקעס,— קענ זייַנ, אז ס'איז צו איר אויכ דערגאנגענ... מיט איינ וואָרט, אפ די פלאנגענ כאפ איכ קלעפ. דעמלט בינ איכ אוועק מיט ארומיקע וועגנ; ארומ אונ ארומ, כא־כא!.. פארשטייסט, זאָג איכ, כ'בינ געווענ אפ מילכאָמע. א גאנצע קופע מענטשנ אויסגעהארגעט, זיכ ארומגעשליאָנדערט איבער דער וועלט, צאָרעס, הייסט עס, געהאט גענוג, אונ קיינ פרוי עפעס א רעכטע ניט געפונענ. כ'לעב, ווי אנ איינזאמער הונט,—ניט קיינ צערטלעכקייַט, ניט קיינ ליבע... אונ אזוי ווייַטער געהאלטנ אינ אָיינ ברייַענ אלצ אינ דעמ זעלביקנ שניט. מיט איינ וואָרט, איכ האָב געקלאפט איבער די שוואַכע ערטער. לאנג האָב איכ מיט איר געהאט צו טאָנ. איינמאָל האָב איכ שוינ געטראכט א שפּײַ טאָנ אפ דעמ אינגאנצנ, זאָל עס נעמענ דער רועכ, אונ פארענדיקנ די קאָמעדיע. אָבער דאָ גייט דאָכ שוינ די זאכ אינ פרינציפ, בינ איכ פונ איר ניט אָפגעטראָטנ... ענדלעכ האָב איכ זיכ דערשלאָגנ מייַנס. פאר מייַנ געדולד האָב איכ אָנשטאָט א פרוי—א מיידל געפאקט. כא־כא!.. מע קענ שטארבנ פונ געלעכטער!—אונ פייַלאָ האָט ווייַטער געצויגנ דעמ נידערטרעכטיקנ שמועס.

קאָרטשאגינ קענ זיכ ניט דערמאָנענ, וויַאזוי ער איז געבליבנ שטיינ אנטקעגנ פייַלאָ'נ.

— מיַעסע בריַע!—האָט פאוועל א רעווע געטאָנ.

— דאָס בינ איכ די מיַעסע בריַע אָדער דו, וואָס הערסט אונטער פרעמדע שמועסנ?

פאוועל האָט מיסטאָמע געזאָגט נאָכ עפעס, וואָרעמ פייַלאָ האָט אימ אָנגעכאפט פארנ הארצנ:

— דו וועסט מיכ באליידיקנ?!

אונ ער האָט קאָרטשאגינענ דערלאנגט מיטנ פויסט. ער איז געווענ שיקער.

קאָרטשאגינ האָט א כאפ געטאָנ א דעמבענעמ טאבורעט אונ מיט איינ זעצ אנידערגעלייגט פייַלאָ'נ אפ דער ערד. קאָרטשאגינ האָט ניט געהאט אינ קעשענע קיינ רעוואָלווער, אונ נאָר דאָס האָט געראטעוועט פייַלאָס לעבנ.

אָבער דאָס אומגעלומפערטע איז פונדעסטוועגנ געשענ: אינ דעמ טאָג, ווענ ער האָט געדארפט אָפפאָרנ קיינ קרימ, איז קאָרטשאגינ געשטאנענ פארנ פארטיי־געריכט.

אינ שטאָטישנ טעאטער האָט זיכ צונויפגעקליבנ די גאנצע פארטיי־אָרגא־ניזאציע. די פאסירונג אינ אגיטפראָפ האָט אלעמענ אופגערודערט, אונ דער געריכט האָט זיכ צעוויקלט אינ א שארפער פאָלעמיק וועגנ שטייגער. פראגנ

פון שטייגער, פון פערזענלעכע צווישנבאַציִונגען און פון פּאַרטיי־ישער עטיק האָבן אָפּגערוקט אָנאַזייַט דעם איניען, וואָס איז דאָ באַהאַנדלט געוואָרן. דער איניען איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א סיגנאַל. פּײַלאָ האָט זיך אפּגעריכט אופגעפּירט כוצפּעדיק, פּרעכ געשמייכלט. ער האָט געזאָגט, אז זייַן איניען וועט באַהאַנדלען דער פּאָלק־געריכט און קאַרטשאַגין וועט פאַר זייַן צעשפּאָלטענעם קאָפּ באַקומען צוואַנג־אַרבעט. ענטפערן אף די פראַגן האָט ער זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט.

— וואָס, איר ווילט זיך שאַרפן די צינגעלעך אף מייַן אדרעס? זייט מויכל! איר קענט מיר צוקלעפּן וואָס איר ווילט. איי דאָס, וואָס דאָ זייַנען אף מיר אופגעבראַכט די ווייַבער, איז עס דערפאַר, וואָס איך לייג אף זיי קיין אכט ניט. דער איניען איז ניט ווערט קיין אויסגעבלאָזענע איי. ווען דאָס טרעפט אין אכצנטן יאָר, וואָלט איך זיך מיט דעם דאָזיקן צעדרייטן קאָרטשאַגינ אָפּגערעכנט, ווי איך וואָלט געוואָלט. און איצטער וועט זיך די זאַך באַגיין אָן מיר אויכ.—און ער איז אוועק.

ווען דער פּאָרזיצער האָט פּאָרגעלייגט קאָרטשאַגינען דערציילן וועגן דער געשעעניש, האָט פּאַוועל אָנגעהויבן ריידן רויִק, אָבער ער האָט געפּילט, אז ער האַלט זיך איין מיט מאַטערניש.

—.אַלץ, וועגן וואָס דאָ גייט א רייד, איז געשען דערפאַר, וואָס איך האָב זיך ניט איינגעהאַלטן. עס איז שוין לאַנג אוועק יענע צייט, ווען איך האָב מערער געאַרבעט מיט די פויסטן, ווי מיטן קאָפּ. עס איז אָבער פּאָר־געקומען אַן אוואַריע, און איידער איך אליין האָב באַגריפן, וואָס איך טו, האָט פּייַלאָ באַקומען איבערן קאָפּ. פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר איז דאָס בא מיר דער איינציקער פאַל פון פּאַרטיזאַנערייַ, און איך פּאַרורטייל אים, כאָטש באַקומען האָט ער דאָס זייַניקע ווי ער האָט פּאַרדינט. פּײַלאָ איז אַן עקלהאַפטע דערשייַנונג אין אונדזער קאָמוניסטישן שטייגער. איך קען ניט באַנעמען, איך וועל קיינמאָל ניט שאָלעם מאכן דערמיט, אז א רעװאָליוציאָנער א קאָמוניסט קען גלייַכצייַטיק אויכ זייַן א גראָבעריונג און אַן אויסוואורף. דער דאָזיקער פאַל האָט אונדז געצוואונגען אָנהייבן ריידן וועגן שטייגער, דאָס איז דאָס איינציק פּאָזיטיווע אין דעם גאַנצן איניען.

מיט אַן איבערוועגנדיקער מערהייַט האָט דער פּאַרטיי־קאָלעקטיוו גע־שטימט פאַר אויסשליסן פּייַלאָ'ן פון פּאַרטיי. גריבאָוו האָט מען געגעבן א שטרענגן אויסרייד מיט א וואָרענונג פאַר זייַנע פאַלשע באַווייַזן. די איבע־ריקע אָנטיילנעמער פון דעם שמועס האָבן זיך מוידע געווען. זיי האָבן באַקומען א פּאָרוואורף.

באַרטעליק האָט דערציילט וועגן דעם צושטאַנד פון פּאַוועלס נערוון. די פּאַרזאַמלונג האָט שטורמיש פּראָטעסטירט, ווען דער פּאַרטיי־אויספּאָרשער האָט פּאָרגעלייגט געבן קאָרטשאַגינען אַן אויסרייד. דער אויספּאָרשער האָט אָראָפּגענומען זייַן פּאָרשלאַג. פּאַוולען האָט מען פּריייַגעשפּראָכן.

*

אין עטלעכע טעג ארום האָט דער צוג געפירט קאָרטשאַגינען קיין כאַר־קאָוו. דער קריַיז־קאָמיטעט פון פּאַרטיי האָט אײַנגעשטימט אַפ זײַן אײַנגע־שפּאַרטער ביטע אָפּצולאָזן אים אין רעשוס פון צ.ק. פון אוקראַיִנישן קאָמיוג. מע האָט אים געגעבן ניט קיין שלעכטע כאַראַקטעריסטיק, און ער איז אַוועק־געפאָרן. איינער פון די סעקרעטאַרן פון צ.ק. פון קאָמיוג איז געווען אַקים. צו אים איז פּאַוועל אַרײַן און דערציילט וועגן אַלצ.

אין דער כאַראַקטעריסטיק האָט אַקים נאָך די ווערטער „אומבאַגרענעצט איבערגעגעבן דער פּאַרטיי" איבערגעלייענט: „איז פּאַרטייִיש אויסגעהאַלטן, בלויז אין אויסשליסלעכע, זעלטענע פאַלן ווערט ער אופגעבראַכט און פאַר־לירט דעם קאָנטראָל איבער זיך. די סיבע דערפון איז די שווערע קראַנקייט פון דער נערוון־סיסטעם".

— פונדעסטוועגן האָט מען דיר, פּאַוולושע, אַרײַנגעשריבן דעם דאָזיקן פאַקט אין א גוטן דאָקומענט. דו ערגער זיך ניט, עס טרעפן זיך אַמאָל אַזעלכע זאַכן אַפילע מיט געזונטע מענטשן. פאָר אַוועק אַפ דאָרעם, קלײַב אָן קויכעס. ווען סט קומען, וועלן מיר דעמלט ריידן, ווו דו זאָלסט אַרבעטן. און אַקים האָט אים פעסט געדריקט די האַנט.

*

די סאַנאַטאָריע פון צ.ק.—„קאָמונאַר". קלומבעס רויזן, א פינקלדיקער רעגנבויגן פונעם פאָנטאַן, קאָרפּוסן אין סאָד, וואָס זײַנען פאַרהאַנגען מיט ווײַנטרויבן. ווײַסע כאַלאַטן און באָד־קאָסטיומען פון די אָפּרוענדיקע. א יונגע פרוי א דאָקטער פאַרשרײַבט די פאַמיליע, דעם נאָמען. א ראַכוועס־דיקער צימער אין ווינקלדיקן קאָרפּוס, בלענדנדיקע ווײַסקייט פון דעם בעטגעוואַנט, ריין און אַבסאָליוט רויִק. אן איבערגעטאָנענער, אן אָפּגעפרישטער פון דער געוועזענער וואַנע, האָט זיך קאָרטשאַגין געלאָזן צום יאַם.

אַפ ווײַל דאָס אויג פאַרכאַפּט— הערלעכע רויִקייט פון דער בלוי־שוואַר־צער יאַם־ראַכוועס ווי פאָלירטער מאַרמאָר. ערגעץ דאָרט—אין דעם בלויען רויכל—האָבן זיך פאַרלאָרן זײַנע גרענעצן, די צעשמאָלצענע זון האָט זיך געשפּיגלט אין זײַן אויבערפלאַך מיט א סריפע פון ליכט־פלעקן. ווײַט־ווײַט האָבן זיך דורכן פרימאָרגנדיקן נעפּל אויסגעמאָלט די מאַסיווע פעלזן פונעם באַרג־קאַם. די ברוסט האָט טיף אַרײַנגעאָטעמט די כּיִעסדיקע פרישקייט פון דעם יאַם־בריז, און די אויגן האָבן זיך ניט געקענט אָפּרײַסן פון דער גרוי־סער רויִקייט פון דעם בלויען יאַם.

עס האָט זיך מילד געפּלעסקעט בא די פיס א שלעפעריקע כוואַליע, זי האָט געלעקט דעם גאָלדענעם זאַמד פונעם ברעג.

זיבעטער קאפיטל

הארט לעבן דער סאנאטאָריע פון צעקאָ — א גרויסער סאָד פון דער צענטראלער פּאָליקליניק. דורך אים פלעגן די קאָמונאראָוועס דורכגיין צו זיך, ווען זיי פלעגן גיין פון יאם. דאָ, אונטערן שאָטן פון א געדיכטער טשינארע, בא דער הויכער וואנט פון גרויע קאלכשטיין, האָט קאָרטשאגין ליב געהאט אָפּצורוען. אהער האָט זעלטן־ווער ארײַנגעקוקט. פונדאנען האָט מען געקענט באטראכטן די לעבהאפטע באוועגונג פון די מענטשן איבער די אלייעס און שטעגלעך פונעם סאָד, מע האָט געקענט אין די אָוונטן הערן מוזיק, בלײַבנדיק פונדערווײַטנס פונעם טומל אין א גרויסן קוראָרט.

אויך הײַנט האָט זיך קאָרטשאגין פארקליבן אהער. מיט פארגעניגן האָט ער זיך צוגעלייגט אף דעם געפלאָכטענעם וויג־בעטל, און, א מידער פון דער יאם־וואנע און פון דער זון, האָט ער אײַנגעדרעמלט. דער האָריקער האנטעך און דער ניט־דערלייענטער בוך — פורמאנאָווס „אופשטאנד“ — זײַנען געלעגן אף דעם שכיינעסדיקן וויג־בעטל. די ערשטע טעג איז ער אין סאנאטאָריע געווען אין א צושטאנד פון אָנגעשטרענגטער נערוועזקײַט, עס האָבן ניט אופגעהערט די קאָפּ־ווייטעקן. די פּראָפעסאָרן האָבן נאָך אלץ דערלערנט זײַן קאָמפּליצירטע און זעלטענע קראנקײַט. אָט דאָס, וואָס מע פלעגט אים נאָכאנאנד אויסקלאַפּן און אויסהערן, האָט אים דערעסן און אײַנגעמאטערט. די אָרדינאטערן, וואָס האָט געהאט א מאָדנע פאמיליע — יערוסאלימטשיק, א סימפּאטישע פארטיי־כאווערטע, פלעגט מיט מאטערניש אופזוכן איר פּאציִענט און פלעגט אים געדולדיק אײַנריידן גיין מיט איר צו דעם אָדער יענעם ספּעציִאליסט.

— אף מײַן וואָרט, איך בין שוין פון דעם אליין פארמאטערט געוואָרן, — האָט פּאוועל געזאָגט. — פינף מאָל אין טאָג דערציילן איינס און דאָס זעלבע. צי איז ניט געווען אמאָל מעשוגע אײַער באָבע, צי איז ניט געווען קראנק אף רעוומאטיזם אײַער עלטער־זיידע? דער רוּעך ווייס אים, אף וואָס ער האָט געקרענקט. איך האָב אים דאָך אפילע אין די אויגן ניט געזען! ווײַטער פּרוּווט יעדערער מיך אײַנריידן, אז איך בין געווען קראנק אף גאָנאָרייע אָדער נאָך אף עפּעס ענלעכס, און מיר ווילט זיך פאר אזעלכע פראגן, דעם עמעס גערעדט, דערלאנגען עמעצן איבערן פּליך. גיט מיר די מעגלעכקײַט

אָפּצוּרוּען! וואָרעם אויב מע וועט מיך דערלערנען די גאַנצע אָנדערהאַלבן כאַדאָשים, וועל איך ווערן אַ סאָציִאַל געפערלעכער.

ירוּסאַלימטשיק האָט געלאַכט. זי האָט געענטפערט מיט אַ וויץ, אָבער שוין אין עטלעכע מינוט אַרום פלעגט זי אים פירן צום כירורג, נעמענדיק אים אונטערן האַנט און דערציילנדיק אונטערוועגס עפעס אַן אינטערעסאַנטע זאַך.

היַינט האָט קיינע באַזוך באַם דאָקטער ניט געדאַרפט זיַין. ביז מיטיק איז נאָך פאַראַן אַ שאָ. אין דרעמל האָט פּאַוועל דערפילט, אַז עמעצער גייט. די אויגן האָט ער ניט געעפנט: „מ׳וועט מיינען, אַז איך שלאָף, און מ׳וועט אוועקגיין". אַן אומזיסטע האָפענונג: דאָס וויג־בעטל האָט אַ סקריפּ געטאָן, עמעצער האָט זיך אוועקגעזעצט. אַן איידעלער גערוך פון פּאַרפומען האָט געגעבן צו פילן, אַז דערנעבן זיצט אַ פרוי. ער האָט געעפנט די אויגן. דאָס ערשטע, וואָס ער האָט דערזען, איז — אַ בלענדנדיק וויַיסע קלייד און פּאַרבּרוינטע פיס אין סאַפיאַנעווע שטעקשיך, נאָכדעם אַ יִינגלש־געשוירן קעפּל, אַ פּאָר גרויסע אויגן, אַ ריי שאַרפע ציינער, ווי באַ אַ מיַיזל. זי האָט אַ שמייכל געטאָן פאַרשעמט.

— אַנטשולדיקט, איך האָב איַיך, דאַכט זיך, געשטערט.

קאָרטשאַגין האָט ניט געענטפערט. דאָס איז געווען ניט גאָר העפלעך. אָבער ער האָט נאָך געהאַט די האָפענונג, אַז די שכיינע וועט אוועקגיין.

— דאָס איז איַיער בוך?

זי האָט געבלעטערט דעם בוך „אויפשטאַנד".

— יע, מיַינער.

אַ מינוט איז געווען שטיל.

— זאָגט, כאַווער, איר זיַיט פון דער סאַנאַטאָריע פון צ.ק.?

פּאַוועל האָט זיך אומגעדולדיק אַ קער געטאָן. „פונוואַנען האָט זי זיך דאָ גענומען? אַ פיַינער אָפּרו! באַלד וועט זי, מיסטאָמע, פרעגן, אָפּ וואָס איך בין קראַנק. מע וועט דאַרפן אוועקגיין". ער האָט געזאָגט ניט שטאַרק איידל:

— ניין.

— און איך האָב איַיך, דאַכט זיך, דאָרטן געזען.

פּאַוועל האָט זיך שוין געהאַט אויפגעהויבן, נאָר פונהינטן האָט אַ פרויען־שטים אַ פרעג געטאָן:

— וואָס ביסטו עפּעס געקומען אַהער, דאָרע?

אָפן ברעג פון וויג־בעטל האָט זיך צוגעזעצט אַ דיקע בלאָנדינקע אין אַ סאַנאַטאָרישן פּליאַזש־קאָסטיום. זי האָט שנעל אַ בליק געטאָן אָפּ קאָרטשאַגינען.

— איך האָב איַיך ערגעץ געזען, כאַווער. איר אַרבעט ניט אין כאַרקאָוו?

— יע, אין כאַרקאָוו.

קאָרטשאגינ האָט באשלאָסנ פארענדיקנ די דאָזיקע פארצויגענע אונטער־האנדלונגענ.

— אפ וואָס פאר אנ ארבעט?

— אינ אסעניזאציע־אָבאָז!— אונ ער האָט אזש א ציטער געטאָנ פונ זייער געלעכטער.

— מע קענ ניט זאָגנ, אז איר זײַט זייער העפלעכ, כאווער.

אזוי האָט זיכ אָנגעהויבנ זייער פרײַנטשאפט, אונ דאָרע ראָדקינע, דער ביוראָ־מיטגליד פונ כארקאָווער שטאָטקאָמ פונ דער פארטיי, האָט ניט אייג מאָל נאָכדעמ דערמאָנט דעמ קאָמישנ אָנהייב פונ זייער באקאנטשאפט.

*

אומגעריכט האָט קאָרטשאגינ אייגמאָל אינ סאָד פונ סאנאטאָריע „טאַ־לאסא", ווּהינ ער איז געגאנגענ אפ א נאָכמיטיק־קאָנצערט, זיכ באגעגנט מיט זשארקינ. אונ, ווי דאָס זאָל ניט אויסזענ מאָדנע, צונויפגעבראכט האָט זיי דער פאָקסטראָט.

נאָכ דער דיקער זינגערנ, וואָס האָט מיט א גוואלדיקער זשעסטיקוליאציע אָפגעזונגענ „געפלאקערט האָט די נאכט מיט אנציקונג פונ טײַוּוע", איז אפנ עסטראדע ארויסגעשפרונגענ א פאָרל. ער — אינ א רויטנ צילינדער— א האלב־נאקעטער, מיט עפעס פארביקע בלעכלעכ אפ די היפטנ, נאָר מיט א בלענד־ווײַסער מאנישקע אונ אינ א שניפס. מיט אייג וואָרט — א שלעכטע פאראָדיע אפ א ווילדנ. זי — א שיינינקע, מיט א שפּאָר ביסל קליידער אפנ קערפּער. דאָס דאָזיקע פאָרל האָט זיכ גענומענ דרייענ אפ דער עסטראדע אינ א שאָקלדיקנ פאָקסטראָט, געטאנצט אונטערנ באגײַסטערטנ געפילדער פונ דער מאסע נעפלײַט מיט די אָקסענע קארקנ, וואָס זײַנענ געשטאנענ הינטער די שטולנ אונ בעטלעכ פונ די סאנאטאָריע־קראנקע. א מער עקלהאפט בילד איז זיכ שווער געווענ פאָרצושטעלנ. דער אָפּגעפרעסענער מאנצביל אינ דעמ אידיאָטישנ צילינדער אונ די פרוי האָבנ זיכ געקרימט אינ העס־לעכע פּאָזעס, קלעפנדיק זיכ איינער צומ אנדערנ. הינטער פּאווּלענ האָט געסאָפּעט עפעס א פעט שטיק פלייש. קאָרטשאגינ האָט זיכ געווענ א קער געטאָנ אפ אוועקצוגיינ. אָבער דאָ האָט זיכ אינ דער פאָדערשטער ריי, באַמ סאמע עסטראדע, עמעצער אופגעהויבנ אונ שארפ אויסגעשריִענ:

— גענוג פראָסטיטוירנ! צומ טײַוול!

פּאווּל האָט דערקענט זשארקינ.

דער טאפּיאָר האָט אופגעהערט שפּילנ, די פידל האָט א קוויטש געטאָנ צומ לעצטנ מאָל אונ איז אנשוויגנ געוואָרנ. דאָס פאָרל אפ דער עסטראדע האָט זיכ אופגעהערט צו דרייענ אונ קרימענ. אפ דעמ, וואָס האָט געשריִענ, האָט מענ בייז גענומענ שיקענ הינטער די שטולנ:

— סארא גראָבקײַט — איבערײַסנ א נומער!

— גאנץ אייראָפּע טאנצט!

— אַן אומגעהערטע זאַך!

אָבער פון דער גרופּע קאָמונאַראָווצעס האָט א פּײַפ געטאָן ווי א גאזלען אַפ פיר פינגער דער סעקרעטאר פון טשערעפּאָוועצער אוקאָמאָל סעריאָזשע זשבאנאָוו. אים האָבן אונטערגעהאלטן נאָך אנדערע, און דאָס פּאָרל איז פון עסטראדע פארשוווּנדן, ווי דער ווינט וואָלט זיי אראָפּגעבלאָזן. דער פּלאַפּלער דער קאָנפעראנסיע, וואָס איז געווען ענלעכער אַפ א דורכגעטריבענעם לאקיי, האָט געמאָלדן דעם פּובליקום, אז די טרופּע פאָרט אוועק.

— קײַקל זיך אָפּ פונדאנען ווי א קאָלבאסקע איבער קליין־ספּאסקע! גיב איבער דעם זיידן, אז מיר וועלן אין מאָסקווע מיט אים ריידן,—האָט אים באגלייט פון עסטראדע עפּעס א יונג יאטל אין א סאנאטאָרישן כאלאט, און דער גאנצער אוילעם האָט דערבײַ געקײַכט פון געלעכטער.

קאָרטשאגין האָט אָפּגעזוכט זשארקין אין די פאָדערשטע רייען. לאנג זײַנען זיי געזעסן בא פּאוולען אין צימער. וואניע האָט געארבעט אלס אגיטפּראָפּ אין איינעם א קרײַזקאָם פון דער פּארטיי.

— ווייסט, איך האָב א ווײַב. אינגיכן וועט זי האָבן אָדער א טאָכטער אָדער א זון,—האָט זשארקי געזאָגט.

— אָהאָ, ווער איז עס דײַן ווײַב?—האָט זיך קאָרטשאגין געוווּנדערט.

זשארקי האָט ארויסגענומען פון דער זײַטיקער קעשענע א פאָטאָגראפיע און געוויזן זי פּאוולען.

— דערקענסט?

אפן בילד איז געזעסן ער און אנע באָרכארט.

— און דובאווע ווו איז?—האָט מיט נאָך גרעסערער פארווונדערונג געפרעגט פּאוועל.

— דובאווע איז אין מאָסקווע. ער איז אוועק פון קאָמוווז נאָך דעם, ווי מע האָט אים אויסגעשלאָסן פון פּארטיי, און איצטער לערנט ער זיך אין דער מאָסקווער טעכנישער הויכשול. מע זאָגט, אז מע האָט אים אופגעשטעלט, אָבער דאָס איז דאפקע א שאָד! ער איז א פארסאמטער מענטש... ווייסט, ווו איגנאט איז? ער איז איצט פארטרעטער פונעם דירעקטער פון א שיפבוי־זאוואָד. וועגן די איבעריקע ווייס איך ווייניק וואָס. מיר האָבן זיך אָפּגעריסן איינער פונעם אנדערן. מיר ארבעטן אין פארשיידענע ווינקעלעך פון לאנד, און פונדעסטוועגן איז אזוי אָנגענעם זיך באגעגענען און דערמאָנען די אמאָליקע צײַטן,—האָט זשארקי געזאָגט.

אין צימער איז ארײַן דאָרע און מיט איר נאָך עטלעכע מענטשן. א הויכער טאמבאָווער האָט פארמאכט די טיר. דאָרע האָט א קוק געטאָן אַפ זשארקיס אָרדען און געפרעגט בא פּאוולען:

— דײַנער א כאווער? א פּארטיי־מיטגליד? ווו ארבעט ער?

ניט פארשטייענדיק װעגן װאָס עס האנדלט זיך, האָט קאָרטשאגין בע־קיצער איר דערציילט װעגן זשארקין.

— אויב אזוי, מעג ער בלײַבן. נאָרװאָס זײַנען פון מאָסקװע געקומען כאוויירים. זיי װעלן אונדז דערציילן די לעצטע פארטייִשע נײַס. מיר האָבן באשטימט פארזאמלען זיך בא דיר אפ א מין פארמאכטער זיצונג,—האָט דאָרע דערקלערט.

קימאט אלע פארזאמלטע זײַנען געװען אלטע באָלשעװיקעס, אויסער פאװלען און זשארקין. דער מיטגליד פון מ.ק.ק. בארטאשאָװ האָט דער־ציילט װעגן דער נײַער אָפּאָזיציע, װאָס װערט אָנגעפירט פון טראָצקין, זינאָװיעװ און קאמעניעװ.

— אונדזער אָנװעזנהײַט אפ די ערטער אין אזא אָנגעשטרענגטן מאָמענט איז אומבאדינגט נייטיק,—האָט בארטאשאָװ פארענדיקט.—איך פאָר מאָרגן ארויס.

אין דרײַ טעג ארום נאָך דער פארזאמלונג בא פאװלען אין צימער איז די סאנאטאָריע פארן טערמין פוסט געװאָרן. פאװעל איז אויך אװעקגעפאָרן, ניט פארענדיקנדיק זײַן צײַט.

אין צ.ק. פון קאָמיוג האָט מען אים לאנג ניט פארהאלטן. קאָרטשאגין האָט באקומען א באשטימונג פאר א סעקרעטאר פון א קרײַז־קאָמיטעט פון קאָמיוג אין איינעם פון די אינדוסטריִעלע קרײַזן, און שוין אין א װאָך ארום האָט דער שטאָטישער אקטיװ פון דער אָרגאניזאציע געהערט זײַן ערשטע רעדע.

שפּעט אין הארבסט איז דער אװטאָמאָביל פון קרײַז־קאָמיטעט פון דער פארטיי, אין װעלכן קאָרטשאגין און נאָך צװיי טוער זײַנען געפאָרן אין א װײַטן ראיאָן, אראָפּ אין א גראָבן באם װעג און זיך איבערגעקערט.

אלע האָבן זיך צעקאליעטשעט. קאָרטשאגין האָט צעקװעטשט די קני פון דער רעכטער פוס. אין עטלעכע טעג ארום האָט מען אים געבראכט אין כארקאָװער כירורגישן אינסטיטוט. א קאָנסיליום פון דאָקטוירים האָט באטראכט די געשװאָלענע קני און די רענטגענישע פאָטאָגראפיעס און האָט אויסגעפונען, אז מע דארף באלד מאכן אן אָפּעראציע.

קאָרטשאגין האָט אײַנגעשטימט.

— אויב אזוי, איז מאָרגן אינדערפרי,—האָט צום סאָף געזאָגט דער דיקער פּראָפעסער, װעלכער האָט אָנגעפירט מיטן קאָנסיליום, און ער האָט זיך אופגעהויבן. באלד נאָך אים זײַנען אויך ארויס די איבעריקע.

א קליינינקע ליכטיקע פּאלאטע אפ איין מענטשן. א זױלטעגע ציכטיקײַט און דער שוין לאנג פארגעסענער ספּעציפישער רייעך פון שפּיטאָל. קאָר־טשאגין האָט זיך אומגעקוקט. א טומבע מיט א שניי־װײַסן טישטעכל, א װײַסער טאבורעט—און גאָר.

א סאניטארקע האָט געבראכט אָונט־ברויט.

פאוועל האָט זיך פון אים אָפּגעזאָגט. האַלב־זיצנדיק אַפן בעט, האָט ער געשריבן בריוו. דער ווייטעק אין פוס האָט געשטערט טראַכטן. עסן האָט זיך ניט געוואָלט.

ווען דער פערטער בריוו איז שוין געווען אָנגעשריבן, האָט זיך די טיר אין פאַלאַטע שטיל געעפנט, און קאָרטשאַגין האָט דערזען בײַ זײַן בעט א יונגע פרוי אין א ווײַסן כאַלאַט און אין א ווײַס היטעלע.

אין דער אָוונטיקער טונקלקײַט האָט ער דאַן דערזען אירע דינע ברעמען און גרויסע, דאַכט זיך, שוואַרצע אויגן. אין איין האַנט האָט זי געהאַלטן א פּאָרטפעל, אין דער צווייטער—א בויגן פּאַפּיר און א בלײַער.

— איך בין אײַער אָרדינאַטער,—האָט זי געזאָגט,—הײַנט בין איך דעזשורנע. איצט וועל איך זיך פאַרנעמען מיט אויספרעגן אײַך, און אײַך וועט אויסקומען, צי איר ווילט, צי איר ווילט ניט, אַלץ דערציילן וועגן זיך.

די פרוי האָט פרײַנטלעך געשמייכלט. דער שמייכל האָט אָפּגעשוואַכט די אומאָנגענעמקײַט פון „פאַרהער". א שאָ נאָכאַנאַנד האָט קאָרטשאַגין דערציילט ניט נאָר וועגן זיך, נאָר אפילו וועגן די עלטער־באָבעס.

*

אין אָפּעראַציע־צימער געפינען זיך עטלעכע מענטשן, וואָס די נעזער בײַ זיי זײַנען פאַרבונדן מיט מאַרליע.

עס גלאַנצט דער ניקל אַף די כירורגישע אינסטרומענטן, א שמאָלער טיש, אונטער אים א ריזיקער בעקן. ווען קאָרטשאַגין האָט זיך געלייגט אַפן טיש, האָט דער פּראָפעסער געענדיקט וואַשן די הענט. הינטער אים איז געגאַנגען אַן אײַליקע צוגרייטונג צו דער אָפּעראַציע. קאָרטשאַגין האָט זיך אומגעקוקט. די שוועסטער האָט אויסגעלייגט לאַנצעטן, צווענגלעך. זײַן אָרדינאַטער באַזשאַנאָווע האָט אָפּגעוויקלט דעם בינט פון פוס.

— קוקט ניט אַהין, כאַווער קאָרטשאַגין, דאָס רופט זיך אָפּ שלעכט אַף די נערוון,—האָט זי שטיל א זאָג געטאָן.

— וועגן וועמעס נערוון רעדט איר, דאָקטער?—און קאָרטשאַגין האָט כויזעקדיק א שמייכל געטאָן.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט א פעסטע מאַסקע אים צוגעדעקט דאָס געזיכט. דער פּראָפעסער האָט געזאָגט:

— זײַט ניט אויפגערעגט, באַלד וועלן מיר געבן כלאָראָפאָרם. אָטעמט טיף, דורך דער נאָז און ציילט.

א פאַרשטיקטע שטימע האָט פון אונטער דער מאַסקע רויק געענטפערט:

— גוט. איך בעט פאָרויס אַנטשולדיקן פאַר די מעגלעכע ניט־צענזורירטע אויסדרוקן.

דער פּראָפעסער האָט ניט געקענט אײַנהאַלטן דעם שמייכל.

די ערשטע טראָפּנס כלאָראָפאָרם. א שטיקנדיקער, עקלהאַפטער רייעך.

קאָרטשאגינ האָט טיף אָפּגעזיפצט. ער האָט געגומענ ציילנ אונ געמיט זיכ צו ריידנ קלאָר. אזוי איז ער אריינגעטראָטנ אינ ערשטנ אקט פונ זיינ טראגעדיע.

*

ארטיאָם האָט צעריסנ דעם קאָנווערט קימאט אפ דער העלפט אונ עפּעס אופגערעגט געעפנט דעם בריוו. ער האָט מיט די אויגנ א לייענ געטאָנ די ערשטע שורעס אונ געיאָגט איבער זיי נאָכאנאנד.

„ארטיאָם, מיר שרייבנ זייער זעלטנ איינער דעם אנדערנ. איינ מאָל, אָדער עס טרעפט—צוויי מאָל א יאָר! ניט שוינ־זשע איז די זאכ אינ דער צאָל? דו שרייבסט, אז דו ביסט אוועקגעפאָרנ פונ שעפּעטאָווקע מיט דער געזינד אינ קאזאטינער דעפּאָ, קעדיי זיכ אָפּרייסנ פונ די וואָרצלענ. איכ פארשטיי, אז די דאָזיקע וואָרצלענ, דאָס זיינענ סטעשעס אָפּגעשטאנענע, קליינייגנטימערישע פּסיכאָלאָגיע, איר מישפּאָכע אונ דאָס גלייכנ. איבערמאכנ מענטשנ פונ סטעשעס טיפּ איז א זאכ א שווערע. איכ האָב מוירע, אז דיר וועט זיכ עס אפילע ניט איינגעבנ. דו זאָגסט „שווער צו לערנענ זיכ אפ דער עלטער". אָבער בא דיר גייט עס ניט שלעכט. דו ביסט ניט גערעכט, וואָס דו זאָגסט זיכ אזוי אקשאָנעסדיק אָפּ אוועקצוגייג פונ דער פּראָדוקציע אפ ארבעט אלס פּאָרזיצער פונ שטאָטסאָוועט. דו האָסט געקעמפּט פאר דער מאכט? איז נעמ־זשע זי. מאָרגנ טאקע נעמ דעם שטאָטסאָוועט אונ הייב אָנ ארבעטנ.

איצט וועגנ זיכ. מיט מיר קומט פּאָר עפּעס ניט קיינ גלאטע מייסע. איכ האָב אָנגעהויבנ אָפּט וואנדערנ איבער שפּיטאָלנ. מע האָט מיכ שוינ צוויי מאָל געשניטנ, ניט ווייניק בלוט האָב איכ שוינ פארלאָרנ, אסאכ קויכעס געפּאטערט, אונ קיינער האָט מיר נאָכ ניט געענטפערט, ווענ וועט צו דעם נעמענ א סאָפ.

איכ האָב זיכ אָפּגעריסנ פונ דער ארבעט. כ'האָב באקומענ א נייע פּראָפעסיע פונ א „קראנקנ", אריבערגעטראָגנ גאנצע בערג צאָרעס, אונ דער רעזולטאט דערפונ איז — פארלאָרנ די באוועג-פייִקייט פונ דער קני פונ דער רעכטער פוס, באקומענ עטלעכע נעט אפנ קערפּער, אונ, ענדלעכ, די לעצטע מעדיצינישע אנטדעקונג: מיט זיבנ יאָר צוריק האָב איכ באקומענ א קלאפּ אינ רוקנ־ביינ, אונ איצטער זאָגט מענ מיר, אז דער דאָזיקער קלאפּ קענ מיר טייער קאָסטנ. איכ בינ גרייט אריבערטראָגנ אלצ, אבי אומקערנ זיכ צוריק אינ די רייענ.

עס איז ניטאָ פאר מיר קיינ שרעקלעכערע זאכ אינ לעבנ, ווי ארויספאלנ פונ די קאמפּ־רייענ. וועגנ דעם קענ איכ אפילע ניט טראכטנ. אָט פארוואָס איכ גיי איינ אפ אלצ. אָבער קיינ בעסערונג זעט זיכ ניט, אונ די וואָלקנס ווערנ אלצ געדיכטער. נאָכ דער ערשטער אָפּעראציע האָב איכ באלד, ווי נאָר כ'האָב גענומענ גיינ, זיכ אומגעקערט אפ דער ארבעט, אָבער אינגיכנ האָט מענ מיכ געבראכט צו פירנ אפ צוריק. איצט האָב איכ באקומענ א בילעט אינ סאנאטאָריע „מייִנאק" אינ יעווּפּאטאָריע. מאָרגנ פאָר איכ ארויס. פאל ניט אראָפּ בא זיכ, ארטיאָם, מיכ איז דאָב שווער אומצוברענגענ. לעבנ וועט בא מיר סטייענ פאר דרייענ. מיר וועלנ נאָכ אנ ארבעט טאָנ, גוטער ברודער. היט דעם געזונט, הייב ניט קיינ צענפּודיקע מאסעס. דער פּארטיי קאָסט נאָכדעם טייער דער רעמאָנט. די יאָרנ גיבנ אונדז דערפארונג, די לערע—וויסנ. אונ דאָס אלצ איז ניט צוליב דעם, אז מע זאָל ארומפאָרנ איבער די שפּיטאָלנ. איכ דריק דיינ האנט.

פּאַוועל קאָרטשאגינ".

אין דער צײַט, ווען ארטיאָם האָט אָנגעכמורעט די ברעמען און געלייענט דעם ברודערס בריוו, האָט זיך פאוועל אין שפּיטאָל געזעגנט מיט באַזשאנאָווען. זי האָט אים געגעבן די האַנט און געפרעגט:

— אין קרים פאָרט איר מאָרגן? וואָס זשע ווערט איר פארברענגען דעם הײַנטיקן טאָג?

קאָרטשאגין האָט געענטפערט:

— באַלד וועט קומען די כאַווערטע ראָדקינע. הײַנטיקן טאָג און הײַנטיקע נאַכט וועל איך פארברענגען בא אירע עלטערן, און אינדערפרי וועט זי מיך באַגלייטן צום וואָקזאַל.

באַזשאַנאָווע האָט געקענט דאָרען, וועלכע פלעגט אָפט קומען צו פאָרן צו פאַוועלען.

— איר געדענקט, כאַווער קאָרטשאגין, אונדזער געשפּרעך וועגן דעם, אַז איר וועט פארן אָפּפאָרן זיך זען מיט מײַן פאָטער? איך האָב אים געגעבן דערציילט וועגן אײַער געזונט. מיר ווילט זיך, אַז ער זאָל אײַך באַטראַכטן. דאָס קען מען טאָן הײַנט אינאָווענט.

קאָרטשאגין האָט באַלד אײַנגעשטימט.

אין דעם זעלבן אָוונט האָט אירינע וואַסיליעוונע אַרײַנגעפירט פאַוועלען אין איר טאַטנס ראַכוועסדיקן קאַבינעט.

דער באַרימטער כירורג האָט אין דער אָנוועזנהײַט פון זײַן טאָכטער באַטראַכט קאָרטשאגינען. אירינע האָט געבראַכט פון קליניק די רענטגענישע פאָטאָגראַפיעס און אַלע אַנאַליזן. פאַוועל האָט ניט געקענט ניט באַמערקן, ווי אירינע איז פּלוצלינג בלייך געוואָרן נאָך אײנער א לאַנגער רעפּליק פון איר פאָטער אין לאַטיין. קאָרטשאגין האָט געקוקט אפּ דעם גרויסן פליכעוואַטן קאָפּ פונעם פּראָפעסער. ער האָט זיך געפּרוווט וואָס־ניט־איז ארויסלייענען אין זײַנע דורכבויערנדיקע אויגן, אָבער באַזשאַנאָוו איז געווען ניט־דורכדרינגלעך.

ווען פאַוועל האָט זיך אָנגעטאָן, האָט זיך באַזשאַנאָוו מיט אים העפלעך געזעגנט; ער איז אַוועקגעפאָרן אפּ עפּעס א זיצונג און האָט איבערגעגעבן דער טאָכטער, זי זאָל פאַוועלען איבערגעבן דעם דיאַגנאָז.

אין אירינע וואַסיליעוונעס צימער, וואָס איז געווען אויסגעשטאַט מיט א ראַפינירטן געשמאַק, האָט זיך קאָרטשאגין צוגעלייגט אפּן דיוואַן, וואַרטנדיק, אַז באַזשאַנאָווע זאָל אָנהייבן ריידן. אָבער זי האָט ניט געוווּסט, ווי אָנצוהייבן, וואָס צו זאָגן; איר איז געווען זייער שווער. דער פאָטער האָט איר געזאָגט, אַז די מעדיצין האָט דערווײַל ניט קיין מיטלען, וואָס זאָלן קענען אָפּשטעלן די פאַרניכטנדיקע אַרבעט פון דעם אָנצינדונג־פּראָצעס, וואָס קומט פאָר אין קאָרטשאגינס אָרגאַניזם. ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן כירורגישע מיטלען. „אפּ דעם דאָזיקן יונגן מאַן לויערט די טראַגעדיע פון ניט קענען רירן זיך פון אָרט, און מיר זײַנען אָנמעכטיק עס ניט צו דערלאָזן".

ווי א דאָקטער און ווי א פרײַנט, האָט זי ניט געפונען פאר מעגלעך צו זאָגן אים אַלץ, און אין פאַרזיכטיקע אויסדרוקן האָט זי קאַרטשאַגינען איבערגעגעבן בלויז א קליינעם טייל פונעם עמעס.

— איך בין זיכער, כאַווער קאַרטשאַגין, אז די יעוופאַטאָריער בעדער וועלן מאכן אין אײַך אן איבערברוך, און איר וועט זיך אין הארבסט קענען אומקערן צו דער ארבעט.

ביים זי האָט גערעדט, האָט זי פארגעסן, אז נאָך איר שפירן נאָך די גאַנצע צײַט צוויי שארפע אויגן.

— פון אײַערע רייד, בעסער געזאָגט, פון דעם אַלעמען, וואָס איר דערעדט ניט, זע איך די גאַנצע ערנסטקײַט פון דער לאַגע. איר געדענקט, איך האָב אײַך געבעטן שטענדיק ריידן מיט מיר אָפנהערציק. פון מיר דארף מען קיין זאך ניט באהאלטן, איך וועל ניט פאלן אין כאַלאַשעס און וועל זיך ניט קוילענען, אָבער איך וויל זייער וויסן, וואָס עס דערווארט מיך אין דער צוקונפט,—האָט פאוועל געזאָגט. באַזשאַנאָווע האָט זיך ארויסגעדרייט מיט א גלײַכווערטל.

אין דעם דאָזיקן אָוונט האָט זיך פאוועל פונדעסטוועגן ניט דערוווּסט דעם עמעס וועגן זײַן מאָרגנדיקן טאָג. ווען זיי האָבן זיך געזעגנט, האָט באַזשאַנאָווע שטיל געזאָגט:

— פארגעסט ניט וועגן מײַן פרײַנטשאפט צו אײַך, כאַווער קאַרטשאַגין. אין אונדזער לעבן זײַנען מעגלעך פארשיידענע לאַגעס. אויב אײַך וועט זײַן נייטיק מײַן הילף אָדער אן אײַצע, שרײַבט מיר אָן. איך וועל טאָן אַלץ, וואָס עס וועט נאָר זײַן אין מײַנע קויכעס.

זי האָט געקוקט דורכן פענצטער, ווי א הויכע פיגור אין א לעדערנער קורטקע, איז געגאַנגען, שווער, אָנגעשפארט אַף א שטעקל צום פורמאַנס דראָזשקע.

*

ווידער יעוופאַטאָריע. דאָרעמדיקע היצן. פילפארבנדיקע פארברוינטע מענטשן אין גאָלד אויסגענייטע טיובעטייקעס. אן אויטאָמאָביל ברענגט צו פירן פאר צען מינוט.די פאסאזשירן צו דער סאַנאַטאָריע „מײַנאַק״—א צוויי-שטאָקיק הויז פון גרויען קאַלכשטיין.

דער דעזשורנער דאָקטער פירט אָפּ די געקומענע אין זייערע צימערן.

— לויט וואָס פאר אן אָרדער זײַט איר געקומען, כאַווער?—האָט ער געפרעגט בא קאַרטשאַגינען און זיך אָפּגעשטעלט לעבן צימער נום. 11.

— פון צ.ק. ק.פּ.(ב)או.

— דעמלט וועלן מיר אײַך געבן א צימער צוזאַמען מיטן כאַווער עבנער. ער איז א דײַטש און ער בעט געבן אים פאר א שאָכן א רוסישן,—האָט דער

דאָקטער דערקלערט און אָנגעקלאַפּט. פֿון צימער האָט זיך דערהערט אַן ענטפֿער אויף אַ געבראָכענעם רוסיש.

— אַרײַן.

אין צימער האָט קאַרטשאַגין אויסגעשטעלט זײַן טשעמאָדאַן און זיך אַ קער געטאָן צום בלאָנדן מאַנצביל מיט שײנע לעבעדיקע בלויע אויגן, וועלכער איז געלעגן אויפֿן בעט. דער דײַטש האָט אים באַגעגנט מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל.

— גוט מאָרגן, גענאָסע [1]. כ'האָב געוואָלט זאָגן זשדראַווסטוווי, — האָט ער זיך פֿאַריכט און דערלאַנגט פּאַוולען אַ בלײכע האַנט מיט לאַנגע פֿינגער.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז פּאַוועל געזעסן לעבן זײַן בעט, און צווישן זיי איז פֿאָרגעקומען אַ לעבהאַפֿטער געשפּרעך אויף יענער „צווישנפֿעלקערלעכער" שפּראַך, אין וועלכע ווערטער שפּילן בלויז אַ הילפֿ־ראָליע און וווּ אַן אומפֿאַרשטענדלעכע פֿראַזע ווערט דערגאַנצט מיט אַ מין אָנשטויסן זיך, מיט זשעסטן, מיט מימיק, — ביכלאַל מיט אַלע מיטלען פֿון דער ניט־געשריבענער עספּעראַנטאָ. פּאַוועל האָט שוין געוווּסט, אַז עבנער איז אַ דײַטשישער אַרבעטער.

אין דעם האַמבורגער אויפֿשטאַנד פֿון 1923 יאָר האָט עבנער באַקומען אַ קויל אין היפּט, און אָט האָט זיך איצט די אַלטע וווּנד געעפֿנט און האָט אים אַרײַנגעשלײַדערט אין בעט. ניט געקוקט אויף די יעסורים, האָט ער זיך געהאַלטן האָפֿערדיק און דערמיט האָט ער באַלד אַרויסגערופֿן באַ פּאַוולען אַכטונג צו זיך.

קיין בעסערן שכן האָט קאָרטשאַגין גאָרניט געקלערט צו האָבן. דער וועט ניט דערציילן וועגן זײַנע קראַנקײַטן פֿון אינדערפֿרי ביז אײַנאָוונט און וועט ניט קלאָגן. פֿאַרקערט, מיט אים פֿאַרגעסטו אָן דײַנע אייגענע צאָרעס.

„אַ שאָד נאָר, וואָס אויף דײַטש פֿאַרשטיי איך אַ קרענק", האָט ער אַ טראַכט געטאָן.

*

אין ווינקל פֿון סאָד זײַנען פֿאַראַן עטלעכע וויגבעטלעך, אַ טיש פֿון באַמבוק, צוויי וועגעלעך. דאָ פֿלעגן נאָך די הייל־פּראָצעדורן פֿאַרברענגען זייער צײַט פֿינפֿען, וואָס די קראַנקע האָבן זיי אַ נאָמען געגעבן „אויספֿירקאָם פֿון קאָמינטערן".

אין איין וועגעלע איז האַלב געלעגן עבנער, אין צווייטן — קאָרטשאַגין, וואָס מע האָט אים פֿאַרוואָרט אַרומגיין. די איבעריקע דרײַ זײַנען געווען: דער שווערלײַביקער עסטאָנער ווײַמאַן — אַ טוער פֿון פֿאָלקאָמהאַנדל פֿון דער קרימער רעפּובליק, מאַרטע לאַורין — אַ לעטן, אַ יונגע פֿרוי מיט קאַרע אויגן,

[1] כאַווער.

וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן אַכצניאָריק מיידל, און לעדעניאָוו — אַ הויכער ריז מיט גרויע שלייפֿן, אַ סיביריאַק. דאָ זײַנען אינדערעמעכן געווען פֿינף נאַציאָנאַליטעטן: אַ דײַטש, אַן עסטאָנער, אַ לעטן, אַ רוס און אַן אוקראַינער. מארטע און ווײַמאַן האָבן געקענט די דײַטשישע שפּראַך, און עבנער האָט זיי אויסגענוצט ווי איבערזעצער. פּאווּלע און עבנערן האָט באַפרײַנדעט דער געמיינזאַמער צימער, מארטען און ווײַמאַנען האָבן דערנענטערט מיט עבנערן דאָס, וואָס זיי האָבן געקענט די שפּראַך, און לעדעניאָוון מיט קאָר־טשאַגינען — די שאַך־שפּיל.

ביז אינאָקענטי פּאַוולאָוויטש לעדעניאָוו איז געקומען, איז קאָרטשאַגין געווען דער שאַך־„טשעמפּיאָן" אין סאַנאַטאָריע. ער האָט דעם דאָזיקן נאָמען אָפּגענומען בײַ ווײַמאַנען נאָך אַן אײַנגעשפּאַרטן קאַמף פֿאַר דעם ערשטן אָרט. ווײַמאַן איז באַזיגט געוואָרן, און דאָס האָט דעם פֿלעגמאַטישן עסטאָנער ארויסגעפּירט פֿון די קיילים. ער האָט לאַנג ניט געקענט מוחל זײַן קאָרטשאַגינען די מאַפּאָלע. אָבער אינגיכן האָט זיך אין סאַנאַטאָריע באַוויזן אַ הויכער אַלטער מאַן, וועלכער האָט זייער יונג אויסגעזען פֿאַר זײַנע פֿופֿציק יאָר, און ער האָט פֿאָרגעלייגט קאָרטשאַגינען שפּילן אַ פּאַרטיע. קאָרטשאַגין, ניט פֿילנדיק קיין געפֿאַר, האָט רויִק אָנגעהויבן אַ פֿערד־גאַמ־ביט, אָפּ וועלכן לעדעניאָוו האָט געענטפֿערט מיט אַ דעביוט פֿון די צענט־ראַלע פּעשקעס. ווי אַ „טשעמפּיאָן", האָט פּאווּעל געדאַרפֿט שפּילן מיט יעדן נײַ־געקומענעם שאַכמאַטיסט. קוקן אָפּ די דאָזיקע פּאַרטיעס האָט זיך שטענ־דיק צונויפֿגעקליבן אַ גרויסער עולם. שוין נאָכן נײַנטן גאַנג האָט קאָר־טשאַגין דערזען, אַז לעדעניאָווס פּעשקעס, וואָס גרײַפֿן אָן גאַנץ סיסטעמאַ־טיש, פּרעסן אים צונויף. קאָרטשאַגין האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט צו טאָן מיט אַ געפֿערלעכן קעגנער: אומזיסט האָט ער זיך באַצויגן צו דער דאָזיקער שפּיל אַזוי ניט־פֿאָרזיכטיק.

נאָך אַ דרײַשאָיִקער שלאַכט איז פּאווּעל, ניט געקוקט אויף אַלע אָנשטרענ־גונגען, געווען געצוווּנגען זיך אונטערגעבן. איידער ווער־עס־איז פֿון די אַרומיקע, האָט ער אַליין דערזען, אַז ער פֿאַרשפּילט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זײַן פּאַרטניאָר. לעדעניאָוו האָט געשמייכלט פֿאָטערלעך־מילד. קלאָר, אַז ער האָט אויך געזען פּאווּעלס מאַפּאָלע. דער עסטאָנער, וואָס איז אויך גע־ווען אופגערעגט און וואָס האָט געוואָלט, אַז קאָרטשאַגין זאָל פֿאַרלירן, האָט נאָך גאָרנישט ניט באַמערקט.

— איך האַלט זיך שטענדיק ביז דער לעצטער פּעשקע, — האָט פּאווּעל געזאָגט, און לעדעניאָוו האָט אײַנשטימיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַלס ענטפֿער אויף דער דאָזיקער פֿראַזע, וואָס נאָר ער אַליין האָט פֿאַרשטאַנען.

קאָרטשאַגין האָט מיט אינאָקענטי פּאַוולאָוויטשן געשפּילט צען פּאַרטיעס אין פֿאַרלויף פֿון פֿינף טעג. פֿון זיי האָט ער זיבן פֿאַרשפּילט, צוויי געוווּנען און איינע געמאַכט רעמי.

ווײַמאַנ האָט טריומפירט:

— אײַ א דאַנק, כאַווער לעדעניאָוו! אַכ, האָט איר אימ דערלאַנגט! ער האָט עס פאַרדינט! אונדז, אַלטע שאַכמאַטיסטנ, האָט ער אַלעמענ אויסגעשטעלט א נאָז. אָבער אַליינ האָט ער אויכ באַקומענ א מאַפּאַלע אונ דאַפקע פונ אנ אַלטנ. כאַ־כאַ־כאַ!..

— וואָס, עס איז ניט געשמאַק צו פאַרשפּילנ?—האָט ער זיכ געריצט מיט זײַנ באַזיגטנ זיגער.

קאָרטשאַגינ האָט פאַרלאָרנ דעמ נאָמענ „טשעמפּיאָנ". אָבער אָנשטאָט דעמ דאָזיקנ קינדערשנ קאָוועד האָט ער אינ אינאָקענטי פּאַוולאָוויטשנ דערוואָרבנ א מענטשנ, וואָס איז אימ נאָכדעמ געוואָרנ נאָענט אונ טײַער. קאָרטשאַגינס מאַפּאַלע אפ דער שאָכ־ברעט איז געווענ ניט קיינ צופעליקע. ער האָט באַהערשט בלויז די אויבערפלעכלעכע סטראַטעגיע פונ שאָכ־שפּיל, דער שאָכ־שפּילער האָט פאַרשפּילט באַמ שאָכ־מײַסטער, וואָס האָט געוווּסט אַלע סוידעס פונ דער שפּיל.

קאָרטשאַגינ אונ לעדעניאָוו האָבנ געהאַט איינ געמיינזאַמע דאַטע: קאָרטשאַגינ איז געבוירנ געוואָרנ אינ יענעמ יאָר, ווענ לעדעניאָוו איז אַרײַנגעטראָטנ אינ פּאַרטיי. ביידע זײַנענ געווענ טיפּישע פאָרשטייער פונ דער יונגער אונ דער אַלטער באָלשעוויסטישער גוואַרדיע. איינער האָט געהאַט—א גרויסע דערפאַרונג אינ לעבנ אונ אינ דער פּאָליטיק, יאָרנ אונטערערדישע אַרבעט הינטער זיכ, צאַרישע טורמעס, נאָכדעמ—א גרויסע מעלוכישע אַרבעט; דער צווייטער האָט פאַרמאָגט א פלאַמיקע יוגנט אונ סאַכאַקל אכט יאָר קאַמפ, וואָס האָבנ געקענט פאַרברענענ ניט איינ לעבנ. אונ זיי ביידע—דער אַלטער אונ דער יונגער—האָבנ געהאַט הייסע הערצער אונ זײַנענ געווענ שוואַכ אינ געזונט.

אינאָוונט ווערט עבנערס אונ קאָרטשאַגינס צימער פאַרוואַנדלט אינ א קלוב. פונ דאַנענ פלעגנ אַרויסגיינ אַלע פּאָליטישע נײַעס. אינאָוונט איז אינ צימער נומ. 11 געווענ טומלדיק. געווייגלעכ פלעגט ווײַמאַנ פּרווונ דערציילנ עפעס א פעטנ אַנעקדאָט, וואָס ער האָט זייער ליב געהאַט, אָבער ער פלעגט באַלד כאַפּנ פונ צוויי זײַטנ—פונ מאַרטענ אונ קאָרטשאַגינענ. מאַרטע האָט פאַרמאָגט די פייקײַט אָפּצושטעלנ אימ אפ אנ איידעלנ אופנ פול מיט כויזעק; אָבער ווענ דאָס האָט ניט געהאָלפנ, פלעגט זיכ אַרײַנמישנ קאָרטשאַגינ:

— ווײַמאַנ, וואָלסט עפשער פריִער געבעטנ א דערלויבעניש, ס'קענ זײַנ, אַז אונדז איז גאָרניט אינטערעסאַנט אויסצוהערנ דײַנ „שאַרפזינ"...

— איכ פאַרשטיי ביכלאַל ניט, ווי פאַרט זיכ עס בא דיר...—פלעגט קאָרטשאַגינ אָנהייבנ מיט אנ אופגערייצטנ טאָנ.

ווײַמאַנ פלעגט אַראָפּלאָזנ די פליישיקע ליפּ, אונ זײַנע שמאָלע אייגלעכ פלעגנ נעמענ כויזעקדיק אַרומקוקנ די פּנעמער.

— עס וועט אויסקומענ אײַנפירנ אנ עטיק־אינספּעקטור באַמ הויפּט־

שאָליט־אופּקלער און רעקאָמענדירן קאָרטשאַגינען אַלס עלטסטן אינספּעקטער. איך פֿאַרשטיי נאָך מאַרטען, זי איז אין אַ פּראָפעסיאָנעלער פּרויען־אָפּאָזי־ציע, אָבער קאָרטשאַגין וויל מאַכן דעם אָנשטעל פֿון אַן אומשולדיק יינגל, עפּעס פֿון אַ מין קאָמיוגיש אויפֿעלע... און כּוצדעם האָב איך ביכלאַל ניט ליב, ווען די אייער לערנען די הינער.

נאָך אַזאַ היציקן שטרײַט וועגן קאָמוניסטישער עטיק איז די פֿראַגע וועגן פּעטען אַנעקדאָטן געשטעלט געוואָרן צו פּרינציפּיעלער באַהאַנדלונג. מאַרטע האָט עבנערן איבערגעזעצט די פֿאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן:

— עראָטישע אַנעקדאָטן—דאָס איז ניט גאָר גוט, איך בין סאָלידאַר מיט פּאַוולושען,—האָט אַדאַם געזאָגט.

ווײַמאַנען איז אויסגעקומען אָפּטרעטן. ער האָט זיך אַרויסגעדרייט מיט וויצן, אַף וויפֿל דאָס האָט זיך געלאָזן, אָבער מער האָט ער שוין קיין אַנעקדאָטן ניט דערציילט.

מאַרטען האָט קאָרטשאַגין געהאַלטן פֿאַר אַ קאָמיוגיסטקע. אַפֿן קוק האָט ער זי געשאַצט 19 יאָר. אָבער ווי פֿאַרוווּנדערט ער איז געווען, ווען איינ־מאָל אין אַ געשפּרעך מיט איר האָט ער זיך דערוווּסט, אַז זי איז אַ מיטגליד פֿון פּאַרטיי פֿון זיבעצנטן יאָר, אַז זי איז אַלט איין און דרײַסיק יאָר און אַז זי איז געווען איינע פֿון די אַקטיווע טוער פֿון דער קאָמפּאַרטיי פֿון לעט־לאַנד. אין אַכצנטן יאָר האָבן זי די ווײַסע פֿאַרמישפּעט צום שיסן. און נאָך־דעם האָט די סאָוועטישע רעגירונג אויסגעביטן זי צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע. איצט האָט זי געאַרבעט אין „פּראַוודאַ" און גלײַכצײַטיק געהאַלטן בײַ ענ־דיקן אַ הויכשול. וויאַזוי די דערנעענטערונג זייערע האָט זיך אָנגעהויבן, האָט פּאַוועל אַליין ניט געפֿילט, אָבער די קליינע לעטן, וואָס איז אָפֿט געווען צו גאַסט בײַ עבנערן, האָט זיך געהאַלטן שטאַרק אָן „פּינפֿלינג".

דער אונטערערדישער טוער עגליט, אויך אַ לעט, האָט כיטרע זיך גע־וויצלט איבער איר:

— מאַרטעטשקע, און וואָס איז מיטן אָרעמינקן אָזאָל אין מאָסקווע? מע טאָר דאָך ניט אַזוי!

אינדערפֿרי, אַ מינוט פֿאַרן קלונג, האָט אין סאַנאַטאָריע הילכיק געקרייט אַ האָן. עבנער האָט אים אַף אַן אידעאַלן אויפֿן קאָפּירט. אַלע באַמיִונגען פֿונעם פּערסאָנאַל אופּצווזוכן דעם האָן, וואָס האָט זיך ווער־ווייס וויאַזוי פֿאַר־קליבן אין סאַנאַטאָריע, האָבן ניט געגעבן קיינע שום רעזולטאַטן. עבנער האָט דערפֿון געהאַט גרויס פֿאַרגעניגן.

צום סאָף כוידעש האָט קאָרטשאַגין זיך דערפֿילט שלעכט. די דאָקטוירים האָבן אים געהייסן זיך לייגן אין בעט. עבנערן האָט עס זייער געערגערט. ער האָט ליב געקראָגן דעם דאָזיקן יונגן באָלשעוויק, וואָס איז קיינמאָל ניט אַרײַנגעפֿאַלן אין ייִעש, איז געווען לעבנספֿריידיק, האָט פֿאַרמאָגט אַזויפֿיל ענערגיע, נאָר ער האָט אַזוי פֿרי פֿאַרלאָרן דעם געזונט. אָבער ווען מאַרטע

האָט דערציילט עבנערג, אז די דאָקטוירים ריידן וועגן קאָרטשאגינס טראַגישער צוקונפט, איז אדאַמ געוואָרן צעטראָגן.

ביזן סאמע אָפּפאָרן פון סאנאטאָריע האָט מען קאָרטשאגינען ניט דערלויבט ארומגיין.

פּאוולען האָט זיך איינגעגעבן אויסבאַהאלטן זײַנע יעסורים פון די ארומיקע, בלויז מארטע האָט זיך אָנגעשטויסן, ווײַל ער האָט אויסגעזען זייער בלייך. א וואָך פארן אָפּפאָרן האָט פּאוועל באקומען פון אוקראַיִנישן צעקא א בריוו, אין וועלכן מע האָט אים געגעבן צו וויסן, אז דעם אורלויב האָט מען אים פארלענגערט אף צוויי כאדאָשים און אז אין העסקעם מיט די אויספירן פון דער סאנאטאָריע קען ער זיך בא דעם איצטיקן געזונט־צושטאנד ניט אומקערן אף דער ארבעט. צוזאמען מיטן בריוו האָט מען אים ארויסגעשיקט געלט.

פּאוועל האָט אופגענומען דעם דאָזיקן ערשטן קלאַפּ, ווי ער האָט אמאָל אופגענומען זשוכרײַס קלעפּ, ווען יענער האָט אים געלערנט באָקס: ער פלעגט דעמלט אויך פאלן און באלד זיך אופהייבן צוריק.

אומגעריכט איז אָנגעקומען א בריוו פון דער מאמען. די אלטיטשקע האָט געשריבן, אז ניט ווײַט פון יעווּפּאטאָריע, אין האפן־שטאָט, וווינט אירע אַן אלטע פרײַנט, אלבינע קיוצאם, מיט וועלכער די מאמע האָט זיך שוין ניט געזען א פופצן יאָר, און אז זי בעט זייער דעם זון, ער זאָל ארײַנפאָרן צו איר. דער דאָזיקער צופעליקער בריוו האָט געשפּילט א גרויסע ראָליע אין פּאוועלס לעבן.

אין א וואָך ארום האָט די סאנאטאָרישע כעווּרע באגלייט קאָרטשאגינען צום האפן. באם געזעגענען זיך האָט עבנער הייס ארומגענומען און א קוש געטאָן פּאוולען, ווי א ברודער. מארטע אָבער איז פארשוווּנדן געוואָרן, און פּאוועל איז אוועקגעפאָרן און ניט געזעגנט זיך מיט איר.

אפמאָרגן אינדערפרי איז דער פאעטאָן, וואָס האָט קאָרטשאגינען געבראכט פון האפן, צוגעפאָרן צו א קליין הײַזל אין א קליינעם סאָד, און קאָרטשאגין האָט אוועקגעשיקט זײַן באגלייטער פרעגן, צי דאָ וווינט קיוצאם.

דאָס געזינד קיוצאם איז באשטאנען פון פינף מענטשן: אלבינע קיוצאם — די מוטער, אַן עלטערע פולע פרוי מיט א שווערן קוק אין די שווארצע אויגן און מיט שפּורן פון געוועזענער שיינקײַט אפן אלטן געזיכט, אירע צוויי טעכטער — ליאָליע און טײַע, א קליין זונעלע ליאָליעס און דער אלטער קיוצאם, א זלידנער דיקער מענטש, ענלעך אפ א כאזער.

דער אלטער האָט געארבעט אין קאָאָפּעראטיוו, די ייִנגערע טאָכטער — טײַע — איז געגאנגען אף שווארצארבעט, די עלטערע, ליאָליע, א געוועזענע מאשיניסטקע, איז ניט לאנג זיך פאנאנדערגעגאנגען מיט איר מאַן, וואָס איז געווען א שיקער און א כוליגאן, און איז איצט געזעסן אָן ארבעט. די

צײַלט האָט זי פאַרבראַכט אינדערהיים, האָט זיך געייסעקט מיטן קינד, געהאָלפן דער מאַמען אין דערווירטשאַפט.

אויסער די טעכטער, איז נאָך געווען א זון זשאָרזש, אָבער איצטער איז ער געווען אין לענינגראַד.

דאָס געזינד קיוצאַם האָט קאָרטשאַגינען וואַרעם אויפגענומען. בלויז דער אַלטער פלעגט אַמאָל כאַפּן א בייזן, פאַרשפּיצטן קוק אפן גאַסט.

קאָרטשאַגין האָט געדולדיק אויסגעדערציילט אַלבינען אַלץ, וואָס ער האָט געוווּסט פון דער מישפּאָכע־כראָניק פון די קאָרטשאַגינס, פאַרײַנוועגס האָט ער אַליין אויסגעפרעגט וועגן איר לעבן.

ליאָליע איז אַלט געווען צוויי און צוואַנציק יאָר. א פּאָשעטע שאַטענקע, מיט געשוירענע האָר, מיט א ברייט אָפענעם פּאָנעם, איז זי מיט פּאָולען באַלד געוואָרן באַפרײַנדעטע און געגעבן אים אויסדערציילט אַלע מישפּאָכע־סוידעס. פון איר האָט זיך קאָרטשאַגין דערוווּסט, אַז דער אַלטער האָט דעספּאָטיש גראָב געדריקט דאָס גאַנצע געזינד, ער האָט ניט דערלאָזן קיין פרײַע מינע, די קלענסטע אַנטפּלעקונג פונעם ווילן. א באַגרענעצטער, א שמאָלקעפּיקער, אַזא וואָס טשעפּעט זיך צו יעדער קלייניקײַט, האָט ער געהאַלטן דאָס געזינד אין אייביקער שרעק, און דעריבער האָבן זיך די קינדער געפילט צו אים פרעמד און די פרוי, וואָס האָט די גאַנצע פינף און צוואַנציק יאָר געקעמפט קעגן זײַן דעספּאָטיזם, האָט אים שטאַרק פײַנט געהאַט. די טעכטער האָבן זיך שטענדיק געשטעלט אפן דער מאַמעס צאַד, און די דאָזיקע שטענדיקע מישפּאָכע־קריגערײַען האָבן זיי פאַרסאַמט דאָס לעבן. אַזוי זײַנען געגאַנגען די טעג, פול מיט אָן א שיר קליינע און גרויסע פאַרדרוסן.

דער צווייטער הויקער אין דער פאַמיליע איז געווען זשאָרזש. לויט ליאָליעס רייד איז ער געווען א טיפּישער פלאַדער, א שרעקלעכער באַרימער, וואָס האָט ליב געהאַט גוט אָפּצועסן, אָנטאָן זיך מײַסע פראַנט און דערצו נאָך האָט ער ניט פײַנט געהאַט דעם ביטערן טראָפּן. געענדיקט די נײַניאָריקע שול, האָט זשאָרזש—דער מאַמעס ליבלינג—געבעטן, מע זאָל אים געבן געלט און ער וועט פאָרן אין דער הויפּטשטאָט.

— איך וועל פאָרן אין אוניווערסיטעט. זאָל ליאָליע פאַרקויפן איר רינג, און דו פאַרקויף דײַנע זאַכן. איך דאַרף האָבן געלט, און ווו איר וועט זיי קריגן—איז מיר אַלצאיינס.

זשאָרזש האָט גוט געוווּסט, אַז די מאַמע וועט אים אין קיין זאַך ניט אָפּזאָגן, און דאָס האָט ער אויסגענוצט אפן סאַמע פּרעכן אויפן. צו די שוועסטער האָט ער זיך באַצויגן פון אויבן אַראָפּ, ער האָט געהאַלטן, אַז זיי שטייען נידעריקער פון אים. אַלץ, וואָס עס האָט זיך אײַנגעגעבן אַרויסרײַסן באַם אַלטן, און אויך טײַעס פאַרהאָרעוועטע געלט האָט די מאַמע אָפּגעשיקט דעם זון, און יענער, וואָס איז דורכגעפאַלן מיט א קנאַק אפּ די עקזאַמענעס,

האָט זיך גאנץ פריילעך געלעבט בא זײַן פעטער און אַלץ טעראָריזירט די מאמע מיט טעלעגראַמעס וועגן ארויסשיקן געלט.

די ייִנגערע טאָכטער, טײַבע, האָט קאָרטשאגין דערזען ערשט שפּעט אינאָוונט. די מוטער האָט איר אין פּירהויז דערציילט וועגן דעם גאַסט, וואָס איז געקומען. זי האָט זיך באַגריסט מיט פּאַוולען, פאַרשעמט געגעבן אים די האַנט און איז, שטייענדיק פאַרן אומבאַקאַנטן יונגן באָכער, רויט געוואָרן ביז אריבער די אויערן. פּאַוועל האָט ניט באַלד אָפּגעלאָזן איר פעסטע האַנט, אַף וועלכער ער האָט געפילט בערגלעך פון מאָזאָליעס.

טײַבע איז געגאַנגען דאָס נײַנצנטע יאָר. זי איז ניט געווען קיין שיינהייט, אָבער די גרויסע קאַרע אויגן, דער דינער מאָנגאָלישער געמעל פון די ברעמען, די שיינע ליניע פון דער נאָז און די פרישע פאַראַקשנטע ליפּן האָבן איר צוגעגעבן כיין; איר יונגער שטײַפער ברוסט איז געווען ענג אונטער דער געשטרײַפטער אַרבעט-בלוזע.

די שוועסטער האָבן געוווינט אין צוויי פּיצינקע צימערלעך. אין טײַבעס צימער איז געשטאַנען אַ שמאָלע אײַזערנע בעט, אַ קאָמאָד, פאַרשטעלט מיט פאַרשיידענע קליינינקייטן, אַף אים אַ קליינע שפּיגל, און אַף דער וואַנט — אַ דרײַ צענדליק פאָטאָגראַפיעס און קאַרטלעך. אַפן פענצטער צוויי בלומענטעפּ מיט צונטער-רויטע געראַנען און ווײַסראָזלעכע אַסטערס. די דורכזיכטיקע פאָרהאַנקע איז געווען איבערגעבונדן מיט אַ בלויער סטענגע.

— טײַבע האָט ניט ליב ארײַנלאָזן צו זיך אין צימער פאַרשטייער פון די מאַנצביל, און פאַר אײַך, ווי איר זעט, מאַכט זי אַן אויסנאַם, — האָט זיך געוויצלט ליאָליע אַף דער שוועסטערס כעזשבן.

אַפמאָרגן אינאָוונט האָט דאָס געזינד געטרונקען טיי אין דער העלפט שטוב פון די אַלטע. טײַבע איז געווען בא זיך אין צימער און פון דאָרטן האָט זי זיך צוגעהערט צום אַלגעמיינעם געשפּרעך. קיוצאַם האָט פלײַסיק געמישט דאָס צוקער אין גלאָז און געוואָרפן בייזע בליקן פון אונטער די ברילן אַפן גאַסט, וואָס איז געזעסן קעגן אים.

— איך האַלט ניט פון די איצטיקע געזעצן וועגן מישפּאָכע, — האָט ער געזאָגט. — עמעצן האָט זיך פאַרוואָלט — האָט ער כאַסענע, עס האָט זיך אים, ווידער, איבערגעוואָלט — נעמט ער און גייט זיך. אַ פרײַער פויגל.

דער אַלטער האָט אָנגעהויבן פּירכען און זיך צעהוסט. ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און געוויזן אַף ליאָליען.

— אָט איז זי זיך צונויפגעגאַנגען מיט איר העכט, ניט געפרעגט בא קיינעם און איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אויך אַזוי. און איצטער נאָט אײַך, קאָרמע זי און דערצו נאָך עמעצנס אַ קינד. אַ סקאַנדאַל!

ליאָליע איז שטאַרק רויט געוואָרן און האָט אויסבאַהאַלטן פון פּאַוולען אירע אויגן, וועלכע זײַנען פול געוואָרן מיט טרערן.

— איז וואָס, לויט אײַער מיינונג, האָט זי געדאַרפט לעבן מיטן דאָזיקן

פּאַראַזיט?—האָט פּאַוועל געפּרעגט און ניט אַראָפּגענומען פונעם אַלטן זײַן בליק, וואָס האָט זיך געצונדן מיט ווילדע פֿײַערלעך.

— מע האָט געדאַרפט זען, מיט וועמען מע האָט כאַסענע.

אין געשפּרעך האָט זיך אַרײַנגעמישט אַלבינע. זי האָט קוים אײַנגעהאַלטן איר קאַעס און גענומען ריידן האַסטיק:

— הער נאָר, אַלטער, צוליב וואָס רעדסטו עס פאַר אַ פרעמדן מענטשן אין די אויגן? האָסט ניט וועגן וואָס אַנדערש צו ריידן, דאַפקע וועגן דעם?

דער אַלטער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אַף איר.

— איך ווייס, וואָס איך רייד! פון ווען אָן האָט מען עס מיר אָנגעהויבן זאָגן, וואָס איך האָב צו טאָן?

באַנאַכט האָט פּאַוועל לאַנג געטראַכט וועגן דעם געזינד קיוצאַם.

צופעליק געקומען אַהער, איז ער ניט ווילנדיק געוואָרן אַן אָנטייל־נעמער פון אַ פאַמיליען־דראַמע. ער האָט געטראַכט וועגן דעם, ווי צו העלפן דער מוטער און די טעכטער זיך אַרויסבאַפרײַען פון דער דאָזיקער שקלאַפערײַ. זײַן אייגענער פערזענלעכער לעבן האָט זיך פאַרבראָכן, פאַר אים אַליין זײַנען אופגעשטאַנען ניט־געלייזטע פראַגן, און איצט איז אים שווערער געווען ווי ווען־עס־איז פריִער אונטערצונעמען אַנטשלאָסענע טריט.

עס איז געווען איין אויסוועג: צעשפּאַלטן די מישפּאָכע—די מוטער און די טעכטער זאָלן אַף שטענדיק אוועקגיין פון דעם אַלטן. אָבער דאָס איז געווען ניט אַזאַ פּאָשעטע זאַך. פאַרנעמען זיך מיט דער דאָזיקער מישפּאָכע־רעוואָליוציע איז ער ניט געווען בעקויעך, אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער געדאַרפט אָפּפאָרן און, קען זײַן, מער קיינמאָל זיך ניט באַגעגענען מיט די דאָזיקע מענטשן. עפּשער לאָזן אַלץ אַזוי ווי עס איז און ניט אָנמאַכן קיין טומל אין דעם דאָזיקן נידעריקן שמאָלן שטיבל? אָבער דער מיִעסער אַלטער האָט אים ניט געלאָזן צורו. פּאַוועל האָט זיך געשאַפן עטלעכע פּלענער, אים האָט זיך אָבער אויסגעדוכט, אַז קיין איינער פון זיי קען ניט ווערן אויסגעפירט.

אַפּמאָרגן איז געווען אַ זונטיק־טאָג, און ווען קאָרטשאַגין האָט זיך אומגעקערט פון שטאָט, האָט ער אין שטוב געטראָפן טײַע אַליין. די איבעריקע זײַנען אוועק צו קרוויוים צוגאַסט.

פּאַוועל איז אַרײַן צו איר אין צימער און אַ מידער האָט ער זיך אוועקגעזעצט אַף אַ שטול.

— פאַרוואָס גייסטו עפּעס אינערגעץ ניט שפּאַצירן, פאַרברענגען?—האָט ער זי געפרעגט.

— מיר ווילט זיך ניט גיין אין ערגעץ,—האָט זי שטיל געענטפערט.

ער האָט זיך דערמאָנט אָן זײַנע באַנאַכטיקע פּלענער און באַשלאָסן אויספּרובירן זיי.

אַפּגיך, אַז קיינער זאָל ניט שטערן, איז ער צוגעטראָטן גלײַך צו דער זאַך:

— הער נאָר, טײַע, לאָמיר זאָגן איינע די אַנדערע „דו",—צו וואָס דאַרפן

מיר די דאָזיקע כינעזישע צערעמאָניעס? איך וועל אינגיכנ אוועקפאָרנ. באַגעגנט האָב איך זיך מיט אײַך אקוראט אינ א שלעכטער צײַט, ווענ איך אַליינ בינ, נעבעך, אינ קלעמ, אניט וואָלטנ מיר די זאַך אוועקגעשטעלט גאָר אנדערש. ווענ דאָס טרעפט מיט א יאָר צוריק, וואָלטנ מיר פונדאנענ אוועקגעפאָרנ אַלע צוזאמענ. פאר אזעלכע הענט, ווי בא דיר אונ בא ליאָליענ, קענ מענ נאָך געפינענ ארבעט! מיטנ אַלטנ דארפ מענ מאכנ א סאָפ, אימ וועט מענ ניט איבערמאכנ. אָבער איצט איז דאָס אומעגלעך צו טאָנ. איך וויס נאָך אַליינ ניט, וואָס מיט מיר וועט זײַנ, אָט פארוואָס איך בינ, אזוי צו זאָגנ, אנטוואָפנט. וואָס־זשע טוט מענ איצטער? איך וועל זיך דערשלאָגנ, אז איך זאָל זיך ווידער שטעלנ ארבעטנ. די דאָקטוירימ האָבנ אָנגעשריבנ דער שווארציאָר וויס וואָס וועגנ מיר, אונ די כאוויירימ צווינגענ מיך היילנ זיך אָנ א סאָפ. נו, מיט דעמ וועלנ מיר ווי עס איז דורכקומענ... איך וועל זיך צונויפשרײַבנ מיט מײַנ מוטער, אונ מיר וועלנ זיך אנ אייצע געבנ, וויאזוי ארויסקריכנ פונ דער דאָזיקער קלאָג... איך וועל פונדעסטוועגנ אזוי אײַך ניט איבערלאָזנ. מערניט אָט וואָס, טאיושע: אײַער לעבנ אונ ביפראט דײַנ לעבנ וועט איר דארפנ איבערניצעווענ אפ דער לינקער זײַט. צי האָסטו קויעך אונ כיישעק דאָס צו טאָנ?

טײַע האָט אופגעהויבנ דעמ אראָפגעלאָזענעמ קאָפּ אונ שטיל געענטפערט:

— כיישעק איז בא מיר דאָ, אָבער קויעך—וויס איך ניט.

די דאָזיקע ניט־פעסטקײַט אינ איר ענטפער האָט קאָרטשאגינ גאנצ גוט פארשטאנענ.

— נישקאָשע, טאיושע! דערמיט וועלנ מיר זיך אנ אייצע געבנ, זאָל נאָר זײַנ כיישעק. אָבער זאָג מיר נאָר, דו ביסט שטארק צוגעבונדנ צו דער מישפאָכע?

טײַע האָט ניט באלד געענטפערט. די פראגע איז פאר איר געקומענ אומדערווארט.

מיר איז זייער א שאָד די מוטער,—האָט זי ענדלעך געזאָגט,—דער פאָטער האָט זי דאָס גאנצע לעבנ געפײַניקט. איצט טרייבערט איר די אָדערנ זשאָרקע, אונ מיר איז אפ איר א גרויסער ראכמאָנעס... כאָטש זי האָט מיך ניט אזוי ליב, ווי זשאָרקענ...

אינ דעמ טאָג האָבנ זיי אסאך גערעדט, אונ קורצ פאר דעמ, ווי די איבעריקע זײַנענ געקומענ, האָט פאווועל אינ שפאס א זאָג געטאָנ:

— א וווּנדער, וואָס דער אַלטער האָט דיך ניט געבייט כאסענע האָבנ פאר וועמענ ניט איז!

טײַע האָט דערשראָקנ א מאכ געטאָנ מיט דער האנט.

— איך וויל ניט כאסענע האָבנ. איך האָב זיך גענוג אָנגעזענ אפ ליאָליענ. איך וועל בעשומויפנ ניט כאסענע האָבנ!

פּאַוועל האָט אַ שמייכל געטאָן:

— הייסט עס, אַ נײדער אַפּן גאַנצן לעבן! און אויב עס וועט זיך מאַכן עפּעס אַ זעלטענער יאַט, מיט איין וואָרט, אַ גוטער באָכער—דעמלט וואָס?

— כ׳וועל ניט כאַסענע האָבן! אַלע זײַנען זיי גוטע, קאָלומאַן זיי שפּאַצירן הינטער די פענצטער.

פּאַוועל האָט פרידלעך אוועקגעלייגט זײַן האַנט אַף איר אַקסל.

— נו, מיילע, מע קען גאַנץ פײַן לעבן אָן אַ מאַן אויך. אָבער דו ביסט שוין אַכיסל צו בייז אַף די יאַטן. נאָך גוט, וואָס דו ביסט מיך ניט כווישער אין שאַדכענען זיך צו דיר. ווען ניט, וואָלט איך שוין דאָ געכאַפּט דעם עמעסן פּסאַק,—און ער האָט כאַוועריש אַ גלעט געטאָן איבער דער האַנט פון דעם פאַרשעמטן מיידל מיט זײַן קאַלטער דלאָניע.

— אַזעלכע, ווי דו, זוכן זיך אויס אַנדערע ווײַבער. צו וואָס באַדאַרפן זיי אונדז?—האָט זי שטיל געזאָגט.

*

אין עטלעכע טעג אַרום האָט דער צוג אַוועקגעפירט קאַרטשאַגינען קיין כאַרקאָוו. אַפן וואָקזאַל האָבן אים באַגלייט טײַע, ליאָליע און אַלבינע מיט איר שוועסטער ראָזע. באַם געזעגענען זיך האָט אַלבינע בײַ אים גענומען אַ וואָרט ניט פאַרגעסן אירע טעכטער, העלפן זיי אַרויסקריכן פון דער גרוב. מע האָט זיך מיט אים געזעגנט, ווי מיט אַן אייגענעם, און אין טײַעס אויגן זײַנען געשטאַנען טרערן. לאַנג האָט ער פון פענצטער געזען דאָס ווײַסע טיכעלע אין ליאָליעס הענט און טײַעס געשטרײַפטע בלוזקע.

אין כאַרקאָוו האָט ער זיך אָפּגעשטעלט בײַ זײַן כאַווער פּעטיע נאָוויקאָוו. ער האָט ניט געוואָלט באַאומרויִקן דאָרען. ער האָט אָפּגערוט און איז אוועקגעפאָרן אין צעקאַ. ער האָט אָפּגעוואַרט אַקימען, און ווען זיי זײַנען געבליבן אַליין, האָט ער געבעטן, מע זאָל אים טייקעף שיקן אַף אַרבעט. אַקים האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַף ניין.

— דאָס טאָר מען ניט טאָן, פּאַוועל! מיר האָבן אַ באַשטימונג פון דער מעד־קאָמיסיע און פון צעקאַ פון דער פּאַרטיי, ווו עס שטייט געשריבן: „צו־ליבן שווערן געזונט־צושטאַנד שיקן אין נעווראָפּאַטאָלאָגישן אינסטיטוט אַף היילונג, ניט דערלאָזן אומקערן זיך צו דער אַרבעט״.

— מאַלע וואָס זיי וועלן אָנשרײַבן, אַקים! איך בעט דיך—גיב מיר די מעגלעכקײַט צו אַרבעטן! דאָס שליאָנדרען זיך איבער די קליניקעס ברענגט ניט קיינע נוצן.

אַקים האָט זיך אָפּגעזאָגט.

— מיר קענען ניט ברעכן די באַשטימונג. דאַרפסט, פּאַוולושע, פאַרשטיין, אַז דאָס איז צוליב דײַן טויווע וועגן.

אָבער קאָרטשאַגינ האָט אזוי שטארק געפּאָדערט, אז אקים האָט ניט געקענט בײַשטײן און ענדלעכ האָט ער אײַנגעשטימט.

אפמאָרגנ האָט קאָרטשאַגינ שוינ געארבעט אינ דעם געהײמענ אָפּטײל פונ סעקרעטאַריאַט פונ צעקא. אים האָט זיכ געדאכט, אז עס איז גענוג אָנצוהײבנ ארבעטנ, קעדײ די פארלאָרענע קויכעס זאָלנ זיכ באלד אומקערנ. אָבער פונ ערשטנ טאָג אָנ האָט ער דערזענ, אז ער האָט א טאָעס געהאט. ער פלעגט אָפּזיצנ אינ זײַנ אָפּטײל אָנ איבעררײַס אכט שאָ ניט קײנ געגעסענער, װײַל אראָפּגײנ עסנ אָנבײַסנ אונ מיטיק פונ דעמ דריטנ עטאַזש אינ דער שכײנעסדיקער גאָרקיכ איז געװענ ניט פאר זײַנע קויכעס: אָפּט האָט אים אָפּגענומענ אָדער א האנט אָדער א פוס. אמאָל פלעגט דער גאנצער קערפּער פארלירנ די פײַיקײַט זיכ צו באװעגנ, אונ עס פלעגט זיכ בא אים הײבנ די טעמפּעראטור. װענ מע האָט געדארפט פאָרנ אפ ארבעט, פלעגט ער פּלוצים פארלירנ די מעגלעכקײַט אופצוהײבנ זיכ פונ בעט. ביזװאנענ דאָס פלעגט איבערגײנ, פלעגט ער זיכ א פארצװײפלטער איבערצײַגנ, אז ער האָט פארשפּעטיקט אפ א גאנצער שאָ. ענדלעכ האָט מענ אים געשטעלט צו קענטעניש פאר די פארשפּעטיקונגענ, אונ ער האָט פארשטאנענ, אז דאָס איז אנ אָנהײב פונ דאָס סאמע שרעקלעכע אינ זײַנ לעבנ—ארויס פונ דער רײ.

אקים האָט אים נאָכ א פּאָר מאָל געהאָלפנ—איבערגעשיקט אפ אנ אנדער ארבעט, אָבער עס האָט געטראָפנ דאָס אומפארמײַדלעכע: אפנ צװײטנ כוידעש האָט זיכ פּאװעל ארײַנגעלײגט אינ בעט. דעמלט האָט ער זיכ דערמאָנט באזשאנאָװעס װערטער בײַס זײער געזעגענענ זיכ אונ אָנגעשריבנ איר א בריװ. זי איז געקומענ צו פאָרנ דעמ זעלבנ טאָג. ער האָט פונ איר זיכ דערװוסט דעמ סאמע איקער: אז לײגנ זיכ אינ א קליניק איז פאר אים ניט קײנ מוז־זאכ.

— הײסט עס, אז די געשעפטנ מײַנע זײַנענ אזעלכע גוטע, אז עס לוינט זיכ אפילע ניט צו הײלנ,—האָט ער זיכ געפּרוװט װיצלענ. אָבער דער װיצ האָט זיכ ניט אײַנגעגעבנ.

הי נאָר די קויכעס האָבנ זיכ טײלװײַז אומגעקערט צו אים, איז פּאװעל װידער אװעק אינ צעקא. דאָס מאָל איז אקים געװענ אומדערבארעמדיק. אפ זײַנ קאטעגאָרישנ פאָרשלאָג לײגנ זיכ אינ קליניק, האָט קאָרטשאַגינ כמורנע געענטפערט:

— איכ װעל אינ ערגעצ ניט גײנ. דאָס איז ארויסגעװאָרפנ. איכ װײס עס פונ אויטאָריטעטע קװעלנ. מיר בלײַבט איבער נאָר אײנס—באקומענ פּענסיע אונ אָנגעבנ אינ דעמיסיע. אָבער דאָס װעט מענ בא מיר ניט פּויעלנ. איר קענט מיכ ניט אָפּרײַסנ פונ דער ארבעט. איכ בינ אינגאנצנ אלט פיר אונ צװאנציק יאָר, אונ איכ קענ ניט אויסלעבנ מײַנע יאָרנ מיט א ביכעלע פונ אנ ארבעט־אינװאליד, װאנדערנ איבער די שפּיטאָלנ אונ װיסנ, אז דאָס

איז ארויסגעוואָרפן. איר דאַרפט מיר געבן אַן אַרבעט, וואָס זאָל זײַן פּאַ־סיק פאַר מײַן לאַגע. איך קען אַרבעטן אינדערהיים, אָדער ווינען ווו ניט איז אין אַן אַנשטאַלט... אָבער נאָר ניט פאַר אַ שרײַבערל, וואָס שטעלט נאָר־מערן פאַר די ארויסגאַנג־פּאַפּירן. די אַרבעט דאַרף מיר זײַן צום האַרצן, איך זאָל זיך ניט פילן ווי אַן ארויסגעוואָרפענער.

פּאַוועלס שטים האָט געקלונגען אַלץ אופגערעגטער און קלײנגעוודיקער.

אַקים האָט פאַרשטאַנען, וואָס פאַרא געפילן עס קאָכן אין אים, אין אָט דעם יונג, וואָס האָט נאָך גאָר ניט לאַנג געבראָכן אַף דער אַרבעט. ער האָט פאַרשטאַנען פּאַוועלס טראַגעדיע, ער האָט געוווּסט, אַז פאַר קאָרטשאַגינען, וואָס האָט אָפּגעגעבן זײַן יונגן לעבן דער פּאַרטיי, איז געווען שרעקלעך אָפּצורײַסן זיך פון קאַמף און אַוועקגײן טיף אין הינטערלאַנד, און ער האָט באַשלאָסן טאָן אַלץ, וואָס ער קען.

— גוט, פּאַוועל, זײַ ניט צעטראָגן, מאָרגן איז בײַ אונדז אַ סעקרעטאַ־ריאַט. איך וועל שטעלן די פראַגע וועגן דיר. איך גיב דיר אַ וואָרט, אַז כ׳וועל טאָן אַלץ.

קאָרטשאַגין האָט זיך שווער אופגעהויבן און אים דערלאַנגט די האַנט.

— צי דען קען דיר אײַנפאַלן, אַקים, אַז דאָס לעבן וועט מיך פאַר־יאָגן אין אַ ווינקל און צעקוועטשן, ווי אַ פּלעצל? קאָלזמאַן עס קלאַפּט נאָך בײַ מיר דאָ אַ האַרץ,—ער האָט שטאַרק אַ צי געטאָן אַקימס האַנט צו זײַן ברוסט, און אַקים האָט בולעט דערפילט טויבע, האַסטיקע קלעפּ,— קאָלזמאַן עס קלאַפּט, קען מען מיך פון דער פּאַרטיי ניט אָפּרײַסן, פון די רייען וועט מיך ארויספירן נאָר דער טויט. נעם זיך דאָס אַרײַן אין קאָפּ, גוטער ברודער.

אַקים האָט געשוויגן. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס איז געווען ניט קײן קאָנאַקעדיקע פראַזע, נאָר אַ געשריי פון אַ פאַרווונדעטן קעמפער. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַנדערש ריידן און פילן קענען ניט אַזעלכע מענטשן.

אין צוויי טעג אַרום האָט אַקים איבערגעגעבן פּאַוועלן, אַז מע גיט אים די מעגלעכקײַט צו פאַרנעמען אַ פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט אין דער רעדאַקציע פון אַ צענטראַלן אָרגאַן, אָבער צוליב דעם דאַרף מען זען, צי איז מעגלעך אויסצונוצן אים אַפן ליטעראַרישן פראָנט. אין רעדאַקציע־קאָ־לעגיע האָט מען פּאַוועלען באַגעגנט פּאָרזיכטיק. דער פאַרטרעטער פונעם רעדאַקטער, אַן אַלטע אונטערערדישע טוערן, אַ מיטגליד פון פּרעזידיום פון צ.ק.ק. פון אוקראַינע, האָט אים פאַרגעבן עטלעכע פראַגן:

— אײַער בילדונג, כאַווער?

— דרײַ יאָר אָנפאַנג־שול.

— אין פּאַרטיי־פּאָליטישע שולן זײַט איר ניט געווען?

— ניין.

— נו, מיילע, עס טרעפט, אַז אָן דעם אַרבעט זיך אויך אויס אַ גוטער

זשורנאַליסט. ווענן אײַך האָט אונדז דערציילט דער כאַווער אַקים. מיר קענען אײַך געבן אַרבעט ניט דאַפקע דאָ, נאָר אַפ אינדערהיים, און ביכלאַל שאַפן אײַך פּאַסיקע באַדינגונגען. אָבער די דאָזיקע אַרבעט פּאָדערט פונדעסטווענן אַסאַך וויסן, באַזונדערס אין געביט פון ליטעראַטור און שפּראַך.

דאָס אַלץ האָט פּאַוולען פּאַרויסגעזאָגט, אַז ער וועט דאָ ליַידן אַ מאַפּאָלע. נאָך אַ האַלבשאָעיקן שמועס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט קנאַפּ וויסן, און אין דעם אַרטיקל, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, האָט די פרוי אונטערגעשטראָכן מיט אַ רויטן בלײַשטיפט מער ווי אַ דרײַ צענדליק סטיליסטישע און ניט ווייניק אָרטאָגראַפישע גרײַזן.

— כאַווער קאָרטשאַגין! איר האָט גרויסע מעגלעכקייטן. בא אַ פּאַרטיפּטער אַרבעט איבער זיך קענט איר אין דער צוקונפט ווערן אַ ליטעראַרישער טוער. אָבער איצטער שרײַבט איר אַנאַלפאַבעטיש. פונעם אַרטיקל איז קענטיק, אַז איר באַזיצט ניט די רוסישע שפּראַך. דאָס איז ניט קיין וווּנדער, איר האָט קיין צײַט ניט געהאַט זיך צו לערנען. אָבער אויסנוצן אײַך קענען מיר ניט, צום באַדויערן. נאָר איך כאַזער איבער נאָכאַמאָל: איר האָט גרויסע מעגלעכקייטן. אויב מע זאָל אײַער אַרטיקל באַאַרבעטן, ניט בײַטנדיק דעם אינהאַלט, וועט ער זײַן פּראַכטפול. און מיר באַדאַרפן מענטשן, וועלכע קענען באַאַרבעטן פרעמדע אַרטיקלען.

קאָרטשאַגין איז אויפגעשטאַנען, אָנגעשפּאַרט אַפן שטעקל. די רעכטע ברעם האָט קראַמפּהאַפטיק געציטערט.

— אַוואַדע, איך בין מיט אײַך אײַנשטימיק. וואָס פאַרא ליטעראַטער בין איך? איך בין געווען אַ גוטער הייצער, ניט קיין שלעכטער מאָנטיאָר. איך האָב געקענט גוט פאָרן רײַטנדיק, געראָדערט אין קאָמיוג, אָבער אַפ אײַער פראָנט בין איך ניט קיין פּאַסיקער מאַכער.

ער האָט זיך געזעגנט און איז אַרויס.

אין קאָרידאָר באַם פאַרקירעווען זיך, איז ער שיר ניט געפאַלן. עפּעס אַ פרוי מיט אַ פּאָרטפעל האָט אים אונטערגעכאַפּט.

— וואָס איז מיט אײַך, כאַווער? איר זעט אויס ווי אַ טויטער!

עס האָט אַ ווײַלע געדויערט, ביז קאָרטשאַגין איז געקומען צו זיך. נאָכדעם האָט ער שטילערהייט אָפּגערוקט פון זיך די פרוי און איז אַוועק, אָנשפּאַרנדיק זיך אַפן שטעקל.

זינט אָט דעם טאָג איז פּאַוולס לעבן געגאַנגען באַרג־אַראָפּ. וועגן אַרבעט האָט אפילע ניט געקענט זײַן קיין רייד. אַלץ אָפטער איז ער גאַנצענע טעג געלעגן אין בעט. דער צ.ק. האָט אים באַפרײַט פון אַרבעט און געבעטן דעם הויפּט־סאָצסטראַך באַשטימען אים אַ פּענסיע. מע האָט אים געגעבן פּענסיע צוזאַמען מיט אַ ביכל, פון אַן אַרבעט־אינוואַליד. דער צ.ק. האָט אים אַרויסגעגעבן געלט, זײַן פּערזענלעכע קאַרטל און דאָס רעכט אַרויסצופאָרן, וווּהין ער וועט וועלן. פון מאַרטען איז אָנגעקומען אַ בריוו.

זי האָט אים געבעטן צו זיך צוגאַסט אַף אָפּרו. פאַוועל האָט כאָטש דעם זיך געקליבן פאָרן קיין מאָסקווע צו געפינען גליק אין אַלפאַרבאַנדישן צ.ק., דאָס הייסט געפינען אַן אַרבעט, וואָס פאָדערט ניט קיין באַוועגונג. אָבער אין מאָסקווע האָט מען אים אויך פאָרגעלייגט זיך היילן, מע האָט אים צוגעזאָגט אַוועקליגן אין אַ גוטן שפּיטאָל. ער האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט.

עס זײַנען אומבאַמערקט דורכגעלאָפן די נײַנצן טעג, וואָס ער האָט פאַרבראַכט בײַ מאַרטען און בײַ איר כאַווערטע נאַדיע פּעטערסאָן. גאַנצע טעג פלעגט ער בלײַבן אַליין. מאַרטע און נאַדיע פלעגן אַוועקגיין אינדערפרי און קומען אינאָוונט. פאַוועל האָט זיך ניט אָפּגעריסן פון בוך — בײַ מאַרטען זײַנען געווען אַסאַך ביכער, און אינאָוונט פלעגן קומען כאַווערטעס און אויך ווער ניט איז פון פרײַנט.

פון דער האַפּן־שטאָט זײַנען אָנגעקומען בריוו. די מישפּאָכע קיוצאַם האָט אים גערופן צו זיך. דאָס לעבן האָט פאַרקניפּט אַ פעסטן קניפּל. דאָרטן האָט מען געוואַרט אַף זײַן הילף.

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן איז קאָרטשאַגין פאַרשוווּנדן פון דער שטילער דירע אין גוסיאַטינער געסל. דער צוג האָט אים געטראָגן אַף דאָרעם, צום יאַם, אַוועקגעפירט פון דעם פײַכטן, רעגנדיקן האַרבסט צו די וואַרעמע ברעגן פון דאָרעמדיקן קרים. ער האָט נאָכגעשפּירט, ווי פאַרבײַ דעם פענצטער זײַנען דורכגעפלויגן די סלופּעס. זײַנע ברעמען זײַנען געווען פעסט צונויפגענומען, און אין די טונקעלע אויגן איז געלעגן פאַרטײַעט אַקשאָנעס.

אכטער קאַפּיטל

אונטן, דאָרטן ווו עס ליגן אָנגעשליידערט אין אומאָרדענונג קופּעס שטיינער, פלעסקעט דער יאַם. עס בלאָזט אין פּאָנעם א טרוקן ווינטל, וואָס קומט אָן אַהער אַזש פון דער ווײַטער טערקײַ. דער האַפן האָט זיך אין ברעג אַרײַנגעשניטן, ווי א צעבראָכענע דוהע, אָפּגעגרענעצט פון יאַם מיט אן אײַזנבעטאָנישער האַפן־דאַמבע. די באַרג־קייט האָט באַם יאַם אָפּגע־האַקט איר קאַם. און ווײַט אינדערהויך, אין די בערג, האָבן אַרופגעקלעטערט פּיצינקע ווײַסע הײַזעלעך פון די פאָרשטעט.

אין דעם אַלטן הינטערשטאָטישן פּאַרק איז שטיל. די שוין לאַנג ניט־גערייניקטע שטעגעלעך זײַנען פאַרוואַקסן מיט גראָז, און לאַנגזאַם פאַלט אַפ זיי דער געלער, פון האַרבסט דערשלאָגענער קליאָן־בלאַט.

קאָרטשאַגינען האָט אַהער געבראַכט צו פירן פון שטאָט אַן אַלטער פור־מאַן, א פּערס. בײַס ער האָט אַרויסגעזעצט דעם מאָדנעם פּאַסאַזשיר, האָט ער זיך ניט אײַנגעהאַלטן און געזאָגט:

— צו וואָס געפאָרן? מיידלעך דאָ ניטאָ, טעאַטער ניטאָ. נאָר שאַקאַלן בראָדזשען... וואָס וועסטו דאָ טאָן, כ׳פאַרשטיי ניט? לאָמיר פאָרן צוריק, הער כאַווער!

קאָרטשאַגין האָט אים באַצאָלט, און דער אַלטער איז אַוועקגעפאָרן.

דער פּאַרק איז געווען ליידיק, אָן מענטשן. פּאַוועל האָט אָפּגעזוכט א בענקל אַפּ א הויכן אָרט, האָט זיך אַוועקגעזעצט און אויסגעשטעלט דאָס געזיכט צו די שטראַלן פון דער זון, וואָס איז שוין געווען ניט הייס.

אַהער, אין דער דאָזיקער שטילקײַט, איז ער געקומען, כּדי א טראַכט צו טאָן וועגן דעם, ווי אַזוי דאָס לעבן לייגט זיך פאַר אים אויף און וואָס צו טאָן מיט דעם דאָזיקן לעבן. שוין צײַט געווען אונטערפירן א סאַכאַקל און אַרויסטראָגן א באַשלוס.

צו זײַן צווייטן אָנקומען אַהער איז די קריגערײַ אין דער מישפּאָכע קויצאַם דערגאַנגען ביזן העכסטן גראַד. דער אַלטער, אַז ער האָט זיך דערוווּסט וועגן זײַן קומען, איז ער געוואָרן אויסער זיך און געמאַכט א שרעקלעכן טומל. קאָרטשאַגינען איז בעמיילע אויסגעקומען אָנפירן מיט דעם ווידערשטאַנד. אומדערוואַרט האָט דער אַלטער באַקומען א ווידער־

שטאַנד מיצאַד די טעכטער און דער ווײַב, און פון דעם ערשטן טאָג אָן, זינט קאַרטשאַגין איז געקומען צו פאַרן דאָס צווייטע מאָל, האָט זיך דאָס הויז צעטיילט אף צווי העלפטן, פײַנטלעכע איינע די אַנדערע. דער אַרײַנגאַנג צו די אַלטע אין דירע איז פאַרקלאַפּט געוואָרן, איינעם פון די זײַטיקע צימערלעך האָט מען אָפּגעגעבן קאַרטשאַגינען, ווי אַ קוואַרטיראַנט. געלט פאַר דער דירע האָט מען דעם אַלטן אַרײַנגעטראָגן פאַרויס, און אינגיכן האָט ער זיך אפילע קלוימערשט באַרויִקט, ווײַל די טעכטער, וועלכע האָבן זיך פון אים אָפּגעטיילט, וועלן ניט פאָדערן קיין מיטלען צום לעבן.

אַלבינע איז צוליב דיפּלאָמאַטישע צילן געבליבן וווינען אין דעם אַלטנס העלפט. צו די יונגע האָט דער אַלטער ניט אַרײַנגעשמעקט, ער האָט ניט געוואָלט באַגעגענען זיך מיט דעם מענטשן, וואָס ער האָט אים ניט געקענט אָנזען. דערפאַר אָבער האָט ער געפּירכעט איבערן הויף, ווי אַ לאָקאָמאָטיוו, ווײַזנדיק דערמיט, אַז ער איז דאָ באַלעבאָס.

ביז דער אַרבעט אין קאָאָפּעראַטיוו האָט דער אַלטער געוווּסט פון צווי פּראָפעסיעס—שוסטערײַ און טעסלערײַ—און אין די פרײַע שאָען פלעגט ער צואַרבעטן אין דעם וואַרשטאַט, וואָס ער האָט זיך געמאַכט אין שטאַל. אינגיכן האָט ער זײַן וואַרשטאַט אַריבערגעטראָגן צום שאָכן אונטערן סאַמע פענצטער, קעדיי אים דערמיט פאַרשאַפן פאַרדראָס. ער האָט האַסטיק געקלאַפּט די טשוועקלעך, און געקליבן נאַכעס. ער האָט גוט געוווּסט, אַז ער שטערט קאַרטשאַגינען לייענען.

— וואַרט נאָר, איך וועל דיך פונדאַנען דורכיאָגן...—האָט ער געשיפּעט אונטער דער נאָז.

פונדערווײַטנס, קימאַט אפן האָריזאָנט, האָט, ווי אַ טונקל וואָלקנדל, זיך געשפּרייט דער רויכיקער שפּור פון אַ דאַמפּ-שיף. אַ טשאַטע מעווס האָט זיך געוואָרפן אין יאַם און מוירעדיק געשריִען.

קאַרטשאַגין האָט אַרומגעכאַפּט דעם קאָפּ מיט די הענט און זיך שווער פאַרטראַכט. פאַר די אויגן איז אים דורכגעלאָפן זײַן גאַנץ לעבן, פון קינדהײַט אָן ביז די לעצטע טעג. גוט צי שלעכט האָט ער אָפּגעלעבט זײַנע פיר און צוואַנציק יאָר? בלעטערנדיק אין געדאַנק איין יאָר נאָכן אַנדערן, האָט ער דורכגעקוקט זײַן לעבן, ווי אַן אָביעקטיווער ריכטער, און מיט טיפער באַפרידיקונג באַשלאָסן, אַז דאָס לעבן האָט ער דורכגעמאַכט גאָרניט אַזוי שלעכט. עס זײַנען געווען ניט ווייניק גרײַזן, וועלכע ער האָט געמאַכט צוליב נאַרישקײַט, צוליב יונגקײַט, נאָר מער פון אַלץ — צוליב קנאַפּן וויסן. דעריקער אָבער—ער האָט ניט פאַרשלאָפן די הייסע טעג, ער האָט געפונען זײַן אָרט אין דעם אײַזערנעם געראַנגל פאַר דער מאַכט, און אף דער רויטער פאָן פון דער רעוואָליוציע זײַנען אויך פאַראַן עטלעכע טראָפּנס פון זײַן בלוט.

פון דער שלאַכט־רײ איז ער ניט אַרויס, קאַלזמאַנ עס האָבן אים ניט פאַרלאָזן די קויכעס. איצטער, אַ צעקלאַפּטער, קען ער ניט שטיין אינ־פראָנט, און אים איז געבליבן בלויז אײנס—די שפּיטאָלן אין הינטערלאַנד. ער האָט זיך דערמאָנט אַ פאַל: ווען מע איז געגאַנגען אין שטורעם אַפּ וואַרשע, האָט אַ קויל געטראָפן אַ רויטאַרמייער, און דער רויטאַרמייער איז אַראָפּגעפאַלן אַפּ דער ערד, דעם פערד אונטער די פיס. די כאַווײרים האָבן שנעל פאַרבאַנדאַזשירט דעם פאַרוווּנדעטן, אים איבערגעגעבן די סאַניטאַרן און זיינען אַוועק ווײַטער—אָניאָגן דעם סוינע. דער עסקאַדראָן האָט ניט אָפּגעשטעלט זײַן מאַרש צוליבן פאַרלוסט פון אַ קעמפער. אינעם קאַמף פאַר דער גרויסער זאַך איז אַזוי געווען און אַזוי דאַרף זײַן. עמעס, עס זײַנען געווען אויסנאַמען. ער האָט אויך געזען אָנפּיסיקע רויטאַרמייער אַפּ טאַ־טשאַנקעס—דאָס זײַנען געווען מענטשן שרעקלעכע פאַרן סוינע, ווייערע קוילנוואַרפערס האָבן געטראָגן טויט און פאַרניכטונג. צוליב זייער אײַזער־נער אויסגעהאַלטנקײַט און טרעפלעכן אויג, זײַנען זיי געוואָרן דער שטאָלץ פון די פאָלקן. אָבער אַזעלכע זײַנען געווען אַ זעלטנהײַט.

וואָס־זשע דאַרף ער טאָן מיט זיך איצט, נאָך דעם, ווי ער האָט זיך דערפילט צעקלאַפּט, ווען עס איז ניטאָ קײַן האָפענונג זיך אומקערן אין דער רײ פון די קעמפער? אָט איז ער דעו־גאַנגען בא באַזשאַנאָווען, אַז די צוקונפט, וואָס שטייט אים פאָר, קען זײַן נאָך שרעקלעכער. וואָס־זשע זאָל ער טאָן? ווי אַ דראָענדיקע פינצטערע פּוסטקײַט איז פאַר אים געשטאַנען די דאָזיקע ניט־געלייזטע פראַגע.

צו וואָס לעבן, וויבאַלד ער האָט שוין פאַרלאָרן דאָס סאַמע טײַערע—די מעגלעכקײַט צו קעמפן? מיט וואָס קען ער באַרעכטיקן זײַן לעבן איצט און אין דעם האָפענונגלאָזן מאָרגן? מיט וואָס פאַרפילן דאָס לעבן? פּאָשעט עסן, טרינקען און עטעמען? בלײַבן אַ הילפלאָזער איידעס פון דעם, ווי די כאַווײרים וועלן קעמפנדיק זיך רוקן פאָרויס? ווערן אַ לאַסט פאַרן אָטריאַד? וואָס, עפשער פאַרענדיקן מיטן גוף, וואָס האָט אים פאַראַטן? אַ קויל אין האַרצן—און געענוג! ווער וועט פאַרורטײלן אַ קעמפער, וואָס וויל ניט גוי־סעסן?

זײַן האַנט האָט אָנגעטאַפּט אין קעשענע דעם פלאַכן קערפּער פונעם בראַונינג. די פינגער האָבן, ווי צוגעוווינט, אָנגענומען דאָס הענטל. ער האָט פּאַמעלעך אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער.

— ווער וואָלט עס געקענט טראַכטן, אַז דו וועסט דערלעבן צו אַזאַ טאָג?

די רער האָט מיט פאַראַכטונג אים אַ קוק געטאָן אין די אויגן. פּאַוועל האָט אַוועקגעלייגט דעם רעוואָלווער אַפּ די קני און זיך ביטער אויסגעזידלט.

דאָס אַלץ איז פּאַפּירענע העלדישקײַט, גוטער ברודער! דערשיסן זיך קען יעדער נאַר. ער קאָן דאָס טאָן שטענדיק און אַלעמאָל. דאָס איז דער

סאמע פּאַכדאָנישער און לײַכטער אויסוועג פֿון דער לאַגע, עס איז שווער צו לעבן—דערשיס זיך! אָבער צי האָסטו אָבער צי האָסטו געפּרוּווט דאָס דאָזיקע לעבן באַזיגן? צי האָסטו אַלץ געטאָן, קעדיי ארויסרײַסן זיך פֿונעם אײַזערנעם רינג? האָסט שוין פֿאַרגעסן, אַז אונטער נאָוואָגראַד-וואָלינסק איז מען זיבעצן מאָל א טאָג געגאַנגען אין אַטאַקע און טאַקע אײַנגענומען אַפֿ צולאָכעס אַלץ? באַהאַלט דעם רעוואָלווער און דערצייל קיינמאָל קיינעם ניט וועגן דעם! זײַ פֿײַיק לעבן אויך דאַן, ווען דאָס לעבן ווערט אומדערטרעגלעך. מאַך עס נוצלעך.

ער האָט זיך אופגעהויבן און איז אוועק צום שליאַכ. א באַרג-אײַנוווינער האָט אים צוגעפֿירט אַפֿ זײַן אַרבע ביז צו דער שטאָט. דאָרטן האָט ער אַפֿ איינעם א ראָג גאַס געקויפֿט אַן אָרטיקע צײַטונג. אין דער צײַטונג איז געווען געמאָלדן וועגן א פֿאַרזאַמלונג פֿון שטאָטישן פּאַרטקאָלעקטיוו אינעם קלוב אַפֿן נאָמען פֿון דעמיאַן בעדני. אַהיים האָט זיך פּאַוועל אומגעקערט שפּעט באַנאַכט. ער האָט געהאַלטן אַפֿן אַקטיוו, אַליין ניט וויסנדיק עס, זײַן לעצטע רעדע אַפֿ א גרויסער פֿאַרזאַמלונג.

*

טײַע איז ניט געשלאָפֿן. זי איז געווען אומרויִק, וואָס קאָרטשאַגין איז אַזוי לאַנג ניטאָ. וואָס איז מיט אים? וווּ איז ער? עפּעס אַזוינס האַרבעס און קאַלטס האָט זי הײַנט איבערגעלייענט אין זײַנע אויגן, וועלכע זײַנען פֿריִער געווען שטענדיק האָפֿערדיקע. ער האָט וויניק דערציילט וועגן זיך, אָבער זי האָט געפֿילט, אַז ער לעבט איבער עפּעס אַן אומגליק.

דער זייגער אין דער מאַמעס האַלבער שטוב האָט געקלאַפּט צוויי, ווען דאָס פֿערטל האָט א קלאַפּ געטאָן, און טײַע, אַרופֿוואַרפֿנדיק אַפֿ זיך א זשאַקעט, איז אוועק עפֿענען די טיר. ליאָליע איז געשלאָפֿן בא זיך אין צימער און עפּעס געמורמלט פֿון שלאָף.

— און איך בין שוין געווען אומרויִק,—האָט זי געמורמלט, ווען קאָרטשאַגין איז אַרײַן אין פֿירהויז, דערפֿרייט פֿון דעם, וואָס ער איז געקומען.

— מיט מיר וועט גאָרנישט ניט טרעפֿן ביזן סאַמע טויט, טאַיושע. ליאָליע שלאָפֿט, וואָס? ווייסט, מיר ווילט זיך גאָרניט שלאָפֿן. איך וויל דיר עפּעס דערציילן וועגן דעם הײַנטיקן טאָג. קום צו דיר אין צימער, וואָרעם מיר קענען אופֿוועקן ליאָליען,—האָט ער אויך שטילערהייט געענטפֿערט.

טײַע האָט זיך געוואַקלט. וואָס הייסט, באַנאַכט וועט זי מיט אים ריידן? און אויב די מאַמע וועט זיך וועגן דעם דערוויסן, וואָס קען זי דעמלט וועגן איר א טראַכט טאָן? אָבער אים טאָר מען דאָך דאָס ניט זאָגן, ער וועט זיך דאָך באַליידיקן. און וועגן וואָס וויל ער עס דערציילן? זי האָט געטראַכט וועגן דעם, אָבער זי איז שוין געגאַנגען צו זיך אין צימער.

— די זאכ איז אָט אינ וואָס, טײַע, — האָט פּאַוועל אָנגעהויבנ מיט א פאַרשטיקטער שטימ, ווענ זיי האָבנ זיכ אוועקגעזעצט אינ דעמ פינצטערנ צימער אײנע אנטקעגנ די אנדערע אזוי נאָענט, אז זי האָט געפילט זײַנ עטעמענ, — דאָס לעבנ גיט זיכ איצט אזוי א קער, אז מיר איז אפילע אביסל מאָדנע. איכ האָב אָט די לעצטע טעג דורכגעמאַכט ניט גוואַלדיק. מיר איז געווענ ניט קלאָר, ווי זאָל איכ ווײַטער לעבנ אפ דער וועלט. קיינמאָל איז נאָכ אינ מײַנ לעבנ ניט געווענ אזוי פינצטער, ווי אינ די דאָזיקע טעג. אָבער הײַנט האָב איכ געמאַכט א זיצונג פונ „פּאָליטביוראָ" אונ אדויסגעטראָגנ א באַשטימונג, וואָס האָט א גרויסע באַדײַטונג. דו וווּנדער זיכ ניט, וואָס איכ דערצייל דיר וועגנ דעמ.

ער האָט איר דערציילט אלצ, וואָס ער האָט איבערגעלעבט פאַר די לעצטע כאָדאָשימ, אונ אסאַכ פונ דעמ, וועגנ וואָס ער האָט געטראַכט אינעמ הינטערשטאָטישנ פּאַרק.

— אזא איז די לאַגע. איכ טרעט צו צו דעמ איקער. די מישענינע אינ אײַער געזינד הייבט זיכ ערשט אָנ. פונדאַנענ דאַרפ מענ זיכ ארויסקלײַבנ אפ דער פרישער לופט, וואָס ווײַטער פונ דעמ דאָזיקנ נעסט. דאָס לעבנ דאַרפ מענ אָנהייבנ פונדאָסנײַ. ווײַבאַלד איכ בינ שוינ אינ דעמ דאָזיקנ געשלעג אַרײַנגעקראָכנ, וועלנ מיר שוינ דאָס דערפירנ ביזנ סאָפ. סײַ בא דיר, סײַ בא מיר איז איצט דאָס פּערזענלעכע לעבנ גיט קיינ פריילעכס. איכ האָב באַשלאָסנ אונטערצינדנ דאָס דאָזיקע לעבנ. דו פאַרשטייסט, וואָס דאָס באַטײַט? דו וועסט ווערנ מײַנ כאַווערטע, מײַנ פרוי?

טײַע האָט אימ ביז איצט געהערט מיט טיפער אופרעגונג. באַמ לעצטנ וואָרט האָט זי א ציטער געטאָנ פונ אומדערוואַרטונג.

— איכ פאָדער בא דיר ניט הײַנט קיינ ענטפער, טײַע. דו גיב וועגנ אלצ גוט א טראַכט. דו באַנעמסט ניט, ווי קענ מענ דאָס מיטאַמאָל, ניט האָבנדיק פריִער געשפּילט קיינ ליבע, ריידנ אזעלכע זאַכנ. די דאָזיקע אלע שטיק זײַנענ קיינעמ ניט נייטיק. איכ גיב דיר מײַנ האַנט, מיידעלע. אָט איז זי. אויב דו וועסט דאָס מאָל גלויבנ, וועסטו זיכ ניט אָפּנאַרנ. איכ פאַרמאָג אסאַכ דערפונ, וואָס דו האָסט נייטיק, אונ פאַרקערט. איכ האָב שוינ באַשלאָסנ: אונדזער פאַרבאַנד ווערט געשלאָסנ ביז דעמ מאָמענט, ביזוואַנענ דו וועסט ניט אויסוואַקסנ אונ ווערנ אנ עכטער, אנ אונדזעריקער מענטש, אונ איכ וועל דאָס מאַכנ. ווענ ניט, בינ איכ ניט ווערט קיינ צעבראָכעגעמ גראָשנ. ביז דעמאָלט דאַרפנ מיר אונדזער פאַרבאַנד ניט רײַסנ. אונ ווענ דו וועסט אויסוואַקסנ — ביסטו פרײַ פונ וועלכע־ניט־איז פליכטנ. ווער ווייס, עס קענ טרעפנ, אז איכ וועל פיזיש ווערנ גאָר א כורווע, איז געדענק, אז אויכ בא אזא פאַל וועל איכ ניט בינדנ דײַנ לעבנ.

ער האָט א ווײַלע געשוויגנ אונ נאָכדעמ פאָרגעזעצט וואַרעמ, מילד:

— איצט לייג איכ דיר פאָר כאַווערשאַפט אונ ליבע.

ער האָט ניט ארויסגעלאָזן אירע פינגער פון זײַן האנט און איז געווען אזוי רויִק, פונקט ווי זי וואָלט אים שוין געענטפערט, אז זי איז מאסקים.

— אָבער דו ווייסט מיך ניט אָפּנארן, וועסט מיך ניט אוועקוואַרפן, ווי נאָר איך וועל דיר דערעסן?

— ווערטער, טײַערע, זײַנען ניט קיין באַווײַז. דיר בלײַבט איבער איינע זאַך: גלויבן, אז אזעלכע ווי איך, פאַראַטן ניט זייערע פרײַנט... זאָלן זיי נאָר מיך ניט פאַראַטן,—האָט ער ביטער צוגעגעבן.

— איך וועל דיר הײַנט גאָרנישט ניט זאָגן, דאָס אַלץ איז אזוי אומגע־ריכט,—האָט זי געענטפערט.

קאָרטשאגין האָט זיך אויפגעהויבן.

— לייג זיך שלאָפן, טײַערע, באַלד איז שוין טאָג.

און ער איז אוועק אין זײַן צימער. ער האָט זיך געלייגט אין די זאַכן, און ווי נאָר דער קאָפּ האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַפן קישן, איז ער אײַנגע־שלאָפן.

בא קאָרטשאגינען אין צימער, אַפן טיש, וואָס באַם פענצטער, ליגן קו־פּעס ביכער, גענומענע אין דער פאַרטייִשער ביבליאָטעק, א פּאַק צײַטונגען, עטלעכע פאַרשריבענע בלאָקנאָטן. אין צימער שטייט א באַלעבאַטישע בעט, צוויי שטולן, און אַפן טיר, וואָס פירט צו טײַעס אין צימער, הענגט א רי־זיקע קאַרטע פון כינע, וואָס איז אָנגעפּיקעוועט מיט שוואַרצע און רויטע פענדלעך. אין פאַרטיי־קאָמיטעט האָט זיך קאָרטשאגין דערעדט, אז מע וועט אים באַזאָרגן מיט ליטעראַטור פונעם פאַרטקאַבינעט. אויסערדעם האָט מען צוגעזאָגט צופּעסטיקן צו אים אַלס שעף אין דעם איניען ביכער דעם פאַר־וואַלטער פון דער האַפּן־ביבליאָטעק, וואָס איז געווען די סאַמע גרעסטע אין שטאָט. אינגיכן האָט ער אָנגעהויבן באַקומען פונדאָרטן גאַנצע פּעק ביכער. ליאָליע האָט פאַרכידעשט נאָכגעשפּירט נאָך דעם, ווי ער האָט פון אינדערפרי אָן, מיט א קליינעם איבערײַס אַפּ פרישטיק און מיטיק, געלייענט און נאָטירט, אזוי ביז סאַמע אָוונט, ווען זיי פלעגן שטענדיק פאַרברענגען אין איר צימער צוזאַמען—זאַלבעדריט. קאָרטשאגין האָט מיט די שוועסטער געשמועסט וועגן דעם, וואָס ער האָט איבערגעלייענט.

ווײַט נאָך האַלבע נאַכט פלעגט דער אַלטער, ארויסגייענדיק אַפן הויף, שטענדיק זען א ליכטיק פּאַסעקל צווישן די לאָדן פון די פענצטער בא זײַן ניט־געבעטענעם שאָכן. שטיל, אַפּ די שפּיץ פינגער, פלעגט דער אַלטער צו־גיין צום פענצטער און דערזען דורכן שפּעלטל דעם קאָפּ, וואָס איז געווען אָנגעבויגן איבערן טיש.

„מענטשן שלאָפן, און דער דאָזיקער ברענט ליכט א גאַנצע נאַכט נאָכא־נאַנד. ער שפּאַצירט איבערן שטוב, ווי א באַלעבאָס. אפילע די מיידלעך האָבן אויך גענומען עפּעס א מויל", האָט דער אַלטער ביי זיך געטראַכט און איז אוועקגעגאַנגען.

צום ערשטן מאָל פאַר די לעצטע אַכט יאָר האָט קאַרטשאַגין געהאַט אַזויפיל פרייע צייט און קיינע שום פליכטן. און ער האָט געלייענט מיט דער הונגעריקער דאָרשטיקייט פון אַ מענטשן, פאַר וועמען עס האָבן זיך אופגעעפנט נייע וועלטן. ער פלעגט זיצן בא דער אַרבעט צו אַכצן שאָ אין מעסלעס. וועד ווייס, ווי דאָס וואָלט געווירקט אַפ זיין געזונט, ווען ניט עטלעכע ווערטער, וועלכע טייע האָט איינמאָל אַזוי פאַרבייגייענדיק אַ זאָג געטאָן:

— איך האָב איבערגעטראָגן דעם קאַמאָד אין אַן אַנדער אָרט. די טיר אין מיין צימער עפנט זיך איצטער. אויב דו וועסט האָבן נייטיק וועגן עפּעס מיט מיר צו ריידן, קאָנסטו דורכגיין גלייך, ניט אַריינגייענדיק צו ליאַליען.

פּאַוועל האָט זיך אָנגעצונדן. טייע האָט פריילעך אַ שמייכל געטאָן— דער בונד צווישן זיי איז געשלאָסן געוואָרן.

*

מער האָט שוין דער אַלטער ניט געזען אין די שפּעטע נאַכט־שאָען קיין פּאַסיקלעך שיין אינעם ווינקלדיקן פענצטער, און די מאַמע האָט אָנגעהויבן באַמערקן אין טייעס אויגן אַ שלעכט־אויסבאַהאַלטענע פרייד. אונטער די אויגן, וואָס האָבן געגלאַנצט פון אינוויינינקסטן פייער, האָט זיך אויסגעלייגט אַ ראַנד, ווי אַ שטריכעלע קוים צו זען—דאָס האָבן זיך אָפּגערופן די שלאָפלאָזע נעכט.

אָפטער האָט מען אָנגעהויבן הערן אין דער קליינינקער דירע דעם קלאַנג פון אַ גיטאַרע און טייעס לידער.

די פרוי, וואָס האָט אין איר דערוואַכט, האָט געליטן פון דעם, וואָס איר ליבע איז געווען עפּעס ווי אַ גנבאָנוועטע. זי פלעגט אופציטערן פון יעדער שאָרך. איר האָבן זיך אַלץ אויסגעדוכט דער מאַמעס טריט. זי האָט געליטן פון דעם, וואָס זי האָט ניט געוווסט וואָס צו ענטפערן, אויב מע וועט פרעגן, פאַרוואָס האָט זי באַנאַכט אָנגעהויבן פאַרמאַכן אַפ אַ קייטל די טיר פון איר צימער. קאָרטשאַגין האָט עס געזען און ער האָט צו איר געזאָגט צאַרט, באַרויקנדיק:

— וואָס האָסטו מורא? אויב מע זאָל זיך נעמען פאַנאַנדערקלייבן, זייענ מיר מיט דיר דאָ די באַלעבאַטים. שלאָף רויק. אין אונדזער לעבן איז פאַר פרעמדע דער אַריינגאַנג פאַרבאָטן.

זי פלעגט צודריקן די באַק צו זיין ברוסט און, אַ באַרויקטע, איינשלאָפן, אַרומנעמענדיק איר געליבטן. ער פלעגט זיך לאַנג צוהערן צו איר אָטעמען און ניט רירן זיך פון אָרט, קעדיי ניט שטערן איר רויקן שלאָף; אים פלעגט אַרומכאַפּן אַ טיפע צאַרטקייט צו דעם דאָזיקן מיידל, וואָס האָט אים אָנפאַרטרויט איר לעבן.

די ערשטע האָט זיך דערוווסט די סיבע, פאַרוואָס בא טייען ברענט שטענדיק אַ פייער אין די אויגן, די שוועסטער, און פון דעם טאָג אָן האָט

זיך צווישן די שוועסטער דערפילט אן אָפּגעפרעמדטקייט. די מוטער האָט זיך אויך דערוווּסט. ריכטיקער—זי האָט זיך אָנגעשטויסן, האָט זי זיך גענו־מען ארומקוקן. ניט דאָס האָט זי דערוואַרט פון קאַרטשאַגינען.

— טאַיושע איז פאַר אים ניט קיין פּאָר,—האָט זי איינמאָל א זאָג גע־טאָן ליאָליען.—וואָס ווערט פון דעם ארויסקומען?

בא איר האָבן אָנגעהויבן ווימלען אומרויִקע געדאַנקען, אָבער ריידן מיט קאַרטשאַגינען האָט זי זיך אלץ ניט געקענט באַשליסן.

צו קאַרטשאַגינען האָט אָנגעהויבן גיין די יוגנט. אָפּטמאָל פלעגט אינעם קליינעם צימערל ווערן ענגלעך. פּונקט ווי דאָס זשומען פון א בינען־רוי פלעגט זיך דערטראָגן צום אלטנס אויער דער טומל. ניט איין מאָל האָבן זיי געזונגען אלע אין כאָר:

Нелюдимо наше море,
День и ночь шумит оно...

און אויך פּאַוועלס באַליבטע ליד:

Слезами залит мир безбрежный...

דאָס פלעגט זיך פאַרזאַמלען אן ארבעטער־קרייזל פון פּאַרטיי־אַקטיוו, וואָס דער פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט געגעבן קאַרטשאַגינען נאָך זיין בריוו, וו־עך האָט געפאָדערט, מע זאָל אים אָנלאָדן מיט פּראָפּאַגאַנדיסטישער ארבעט. אזוי איז דורכגעגאַנגען פּאַוועלס צייט.

קאַרטשאַגין האָט זיך ווידער איינגעקלאַמערט מיטביידע הענט אין רו־דער, און דאָס לעבן, וואָס האָט געמאַכט עטלעכע שאַרפע זיגזאַגן, האָט ער א קערעווע געטאָן צו א נייעם ציל. דאָס איז געווען דער טרוים אומקערן זיך אין דער קעמפער־ריי דורך לערע און דורך דער ליטעראַטור.

אָבער דאָס לעבן האָט אָנגעוואַלגערט איין שטערונג נאָך דער אנדערער, און ער פלעגט בייס יעדער נייער שטערונג אומרויִק טראַכטן וועגן דעם, אף וויפל זי וועט פאַרהאַלטן זיין גאַנג צום ציל.

אומגעריכט איז פון מאָסקווע געקומען דער שלימאַזלדיקער סטודענט זשאַרזש מיט דער פרוי. ער האָט זיך באַזעצט בא זיין שווער, א געשוואָ־רענעם אדוואָקאַט, און פון דאָרטן פלעגט ער קומען אויספּאָמפּען בא דער מאַמען געלט.

זשאַרזשס קומען האָט אף אסאַך פאַרערגערט די באַציִונגען אינווייניק אין דער מישפּאָכע. זשאַרזש האָט לאַנג ניט געטראַכט און זיך געשטעלט אפן טאַטנס צאַד און צוזאַמען מיט דער אַנטיסאָוועטיש געשטימטער מישפּאָכע פון זיין פרוי האָט ער אַנטוויקלט אן אונטערערדישע ארבעט, שטרעבנדיק מיט אלע מיטלען ארויסיאָגן קאַרטשאַגינען פון שטוב און אָפּרייסן טייען פון אים.

אין צוויי וואָכן ארום נאָך זשאַרזשס קומען האָט ליאָליע באַקומען ארבעט אין איינעם א נאָענטן ראַיאָן. זי איז אוועקגעפאָרן אהין מיט דער מוטער

און מיט איר זון, און קאָרטשאגין מיט טײַערע זײַנע אריבערגעפאָרן אין א ווײַטן שטעטעלע באַם יאַם.

*

זעלטן ווען ארטיאָם פלעגט באקומען א בריוו פון דעם ברודער, אָבער דאן, ווען ער פלעגט אפ זײַן טיש אין שטאָטסאָוועט געפינען א גרויסן קאָנווערט מיט דער באקאנטער שפיציקער האנטשריפט, פלעגט ער באַם לייענען די בייגעלעך פאַפיר פארלירן די געוויינלעכע רויִקײַט. איצט, עפענענדיק דעם קאָנווערט, האָט ער א טראכט געטאָן מיט באהאלטענער צארטקײַט:

„עך, פאַוולושע! כײַ וואָלטן מיר לעבן מיט דיר ערגעץ נאָענט. עס וואָלטן מיר איצט צוניץ געקומען, יאַטל, דײַנע אייצעס".

„ארטיאָם, איך וויל דיר דערציילן, וואָס איך האָב איבערגעלעבט. אויסער דיר שרײַב איך, דאכט זיך, אזעלכע בריוו קיינעם ניט. דו קענסט מיך און וועסט פארשטיין יעדן וואָרט. דאָס לעבן האָט זיך נאָך אלץ אפ מיר אָנגעזעצט אפן פראָנט פון קאמפ פארן געזונט.

איך באקום א קלאפ נאָך א קלאפ. איך באוויַז קוים זיך אופצושטעלן אפ די פיס פון איינעם, ווי א נײַער, נאָך מער אָנראכמאָנעסדיק פון דעם ערשטן, וואַלגערט זיך אפ מיר ארופ. דאָס סאמע שרעקלעכע איז אין דעם, וואָס איך בין אָנמעכטיק זיך קעגנצושטעלן. עס האָט זיך אָפגעזאָגט צו דינען די לינקע האנט. דאָס איז געווען א שווערער קלאפ, אָבער באלד דערנאָך האָבן מיך פאראטן די פיס, און אויב איך האָב זיך פריִער קוים באוועגט (אין צימער), קריך איך איצטער קוים מיט מאטערניש צו פון בעט צום טיש. אָבער דאָס איז נאָך מיסטאָמע ניט אלץ. וואָס דער מאָרגנדיקער טאָג וועט מיר ברענגען—איז אומבאוווּסט.

פון שטוב גיי איך שוין מער ניט ארויס און דורכן פענצטער זע איך מער ניט, ווי א שטיקל יאַם. צי קען זײַן נאָך א שרעקלעכערע טראגעדיע, ווי די, ווען אין איין מענטשן האָבן זיך פארייניקט א פארעטערישער קערפּער, וואָס זאָגט זיך אָפ צו דינען, מיט א באָלשעוויטיש הארץ, מיט א ווילן, וואָס ציט אָן אופהער צו ארבעט, צו אײַך, אין דער טעטיקער ארמיי, וועלכע גרײַפט אָן איבער'ן גאנצן פראָנט, אהין, ווו עס צעגיט זיך די אײַזערנע שטורעם-כוואליע?

איך גלויב נאָך, אז כ'וועל זיך אומקערן אין די רייען, אז אין די שטורעם-קאָלאָנעס וועט נאָך אויך זײַן מײַן באגנעט. איך טאָר ניט ניט גלויבן. אפ דעם האָב איך קיין רעכט ניט. צען יאָר האָבן די פארטיי און דער קאָמיוג אין מיר דערצויגן די קונסט פון ווידערשטאנד, און די ווערטער פון דעם פירער באציִען זיך אויך צו מיר: „ניטאָ אזעלכע פעסטונגען, וועלכע באָלשעוויקעס זאָלן ניט אײַנעמען".

מײַן לעבן איצטער—דאָס איז לערנען, ביכער, ביכער און נאָכאמאָל ביכער. כ'האָב שוין אופגעטאָן אסאך, ארטיאָם. כ'האָב דורכגעארבעט די גאנצע קינסטלערישע קלאסישע ליטעראטור. כ'האָב פארענדיקט און אָפגעגעבן די ארבעטן איבערן ערשטן קורס פונעם אונטערוויגיקן קאָמוניסטישן אוניווערסיטעט. אין די אָוונטן—א קרײַזל פון פארטייִשער יוגנט. די פארבינדונג מיט דער פראקטישער ארבעט פון דער אָרגאניזאציע האַלט איך דורך די דאָזיקע כאווײרים. נאָכדעם גייט טאיושע, איר וווּקס און פארשריט, און די ליבע, די מילדע צערטלעכקײַט פון מײַן כאוועריטע. מיר לעבן מיט איר גוט. די עקאָנאָמיק איז בא אונדז א פראָסטע און אן איינפאכע—צוויי און דרײַסיק רובל מײַן פענסיע און דערצו טײַעס פארדינסט. אין דער פארטיי קומט טײַע מיט מײַן וועג: זי האָט געדינט אלס הויז-ארבעטערין, איצטער וואשט זי געפעס אין א גאָרקיך (דאָ אין שטעטל איז ניטאָ קיין אינדוסטריע).

די פּעג האָט מיר טײַע באַוויזן מיט טריומף איר ערשטן דעלעגאַטן-בילעט פון פּרויען־אָפּטייל. פאַר איר איז עס ניט קיין פּאַשעטער שטיקל קאַרדאָן. איך שפּיר נאָך, ווי אין איר ווערט געבוירן דער נײַער מענטש, און איך העלף אונטער מיט וואָס איך קען דעם דאָזיקן געבורט. עס וועט קומען די צײַט, און אַ גרויסער זאַוואָד, אַן אַרבעטער-קאָלעקטיוו וועט פאַרענדיקן איר אויספאָרמירונג. קאָלזמאַן מיר זײַנען דאָ, גייט זי איבער דעם איינציק-מעגלעכן וועג.

צוויי מאָל איז געקומען צו פאָרן טײַעס מוטער. די מאַמע ציט טײַען צוריק,— כאָטש זי פילט עס אַליין ניט,—צוריק אין דעם לעבן, וואָס באַשטייט פון קלייניקײַטן, וווּ עס הערשט דאָס ענג־פּערזענלעכע, דאָס אייגנטימערישע, דאָס אָפּגעזונדערטע. איך האָב זיך געסטאַרעט איבערצײַגן אַלבינען, אַז די פינצטערניש פון איר לעבן דאַרף ניט פאַלן ווי אַ שאָטן אויף דער טאָכטערס וועג. אָבער עס איז אַרויסגעוואָרפן. איך פיל, אַז די מוטער וועט וועג-ניט־איז שטעלן זיך דער טאָכטער אינמיטן וועג צו אַ נײַעם לעבן און אַז דעם קאַמף מיט איר וועט מען ניט קענען אויסמײַדן.

איך דריק דײַן האַנט. דײַן פּ א וו ע ל״.

*

דאָס לעבן איז געגאַנגען ווי פריִער. טײַע האָט געאַרבעט. קאָרטשאַגין האָט זיך געלערנט. ער האָט ניט באַוויזן נעמען זיך צו דער קרײַזל־אַרבעט, ווי עס האָט זיך שטילערהייט אונטערגערוקט אַ נײַע צאָרע. אַ פּאַראַליטש האָט אָפּגענומען די פיס. איצט האָט אים געפאָלגט בלויז די רעכטע האַנט. ביז בלוט האָט ער צעביסן די ליפּן, ווען ער האָט נאָך אומזיסטע אָנשטרענגונגען פאַרשטאַנען, אַז באַוועגן זיך איז ער שוין ניט פייִק. טײַע האָט מוטיק אויסבאַהאַלטן איר פּײַן און דעם ביטערן געפיל, וואָס זי איז אָנמעכטיק אים צו העלפן.

און ער האָט געזאָגט מיט אַ שולדיקן שמייכל:

— מיר דאַרפן, טאַיושע, זיך צעשיידן. עס איז דאָך ניט געווען בײַ אונדז קיין אָפּמאַך אַזוי דורכצופאַלן. דאָס וועל איך, מיידעלע מײַנס, הײַנט דורכטראַכטן ווי עס באַדאַרף צו זײַן.

זי האָט אים ניט געלאָזן ריידן. איר איז געווען שווער אײַנצוהאַלטן די טרערן. זי האָט געוויינט און געיאָמערט, דריקנדיק צום האַרצן פּאַוועלס קאָפּ.

אַרטיאָם האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם ברודערס נײַעם אומגליק, ער האָט אָנגעשריבן דער מאַמען, און מאַריע יאַקאָוולעוונע האָט איבערגעלאָזן אַלץ מיטאַנאַנדער און איז געקומען צו פּאַוולען. זיי האָבן אָנגעהויבן לעבן צאַלבעדריט. די אַלטע האָט מיט טײַען געלעבט גוט.

קאָרטשאַגין האָט פאָרגעזעצט זיך לערנען.

אין איינעם אַן אָוונט, ווינטער־צײַט, האָט טײַע געבראַכט די יעדיִע וועגן איר ערשטן זיג—אַ מיטגליד־בילעט פון שטאָטסאָוועט. זינט דעמלט האָט זי קאָרטשאַגין אָנגעהויבן זען זעלטן. פון דער סאַנאַטאָריע־קיך, ווו זי האָט געוואַשן געפעס, פלעגט טײַע אוועק אין פרויען-אָפּטייל, אין סאָוועט, זי פלעגט קומען שפּעט אינאָוונט, אַ מידע, נאָר אַ פולע מיט אײַנדרוקן. עס

האָט זיך דערנעענטערט דער טאָג, ווען מע האָט זי געדאַרפט צונעמען אַלס קאַנדידאַט פון דער פּאַרטיי. זי האָט זיך געגרייט צו אים מיט אַסאַך שפּאַ־נונג. אָבער דאָ איז אָנגעקומען א נייַע צאָרע. די קראַנקייַט האָט געטאָן איר זאַך. מיט א ווייטעק, וואָס האָט געברענט ווי פייַער, האָט זיך אָנגע־צונדן קאָרטשאַגינס רעכטע אויג, פון אים האָט זיך אויך אָנגעצונדן דאָס לינקע. און צום ערשטן מאָל אין לעבן האָט פּאַוועל דערפילט, אַז ער ווערט בלינד—מיט א פינצטערן שלייער האָט זיך פאַרדעקט אַלץ אַרום אים.

איבער דער גאַנצער ברייט פון וועג האָט זיך שטילערהייט אַרויסגערוקט א שטערונג, וואָס איז געווען שרעקלעך צוליב דער אוממעגלעכקייַט זי בייַ־צוקומען, און זי האָט פאַרצאַמט דעם וועג. די מוטער און טייַע האָבן ניט געוווסט צו וואָס צו כאַפּן זיך, אָבער ער האָט מיט קאַלטער רויִקייַט באַשלאָסן: „מע דאַרף אָפּוואַרטן. אויב עס איז ווירקלעך שוין ניטאָ מער קיין מעגלעכקייַט זיך רוקן פאָרויס, אויב אַלץ, וואָס איז געטאָן געוואָרן, קעדיי זיך אומקערן צו דער אַרבעט, האָט די בלינדקייַט אויסגעשטראָכן און זיך אומקערן אין דער רייִ איז שוין אוממעגלעך,—דאַרף מען מאַכן א סאָף".

קאָרטשאַגין האָט אָנגעשריבן צו זייַנע כאַווייִרים. פון די כאַווייִרים זייַנען אָנגעקומען בריוו, וואָס האָבן אים גערופן צו פעסטקייַט און צו פאָר־זעצן דעם קאַמף.

אין די דאָזיקע שווערע טעג האָט אים טייַע, אַן אויפגערעגטע און פרייַ־דיקע, אָנגעזאָגט:

— פּאַווליושע, איך בין א קאַנדידאַט פון דער פּאַרטיי.

זי האָט דערציילט, וויאַזוי דאָס קאַמערל האָט אַרייַנגענומען אין זייַנע רייען א נייַעם כאַווער. פּאַוועל האָט געהערט און האָט זיך דערמאָנט אָן זייַנע ערשטע פּאַרטייִשע טריט.

— אַלזאָ, כאַווערטע קאָרטשאַגינע, איך מיט דיר בילדן איצטער א קאָ־מוניסטישע פראַקציע,—האָט ער געזאָגט, דריקנדיק איר האַנט.

אָפּמאָרגן האָט ער אָנגעשריבן א בריוו צום סעקרעטאַר פון רייַקאָם און געבעטן, ער זאָל אַרייַנקומען צו אים. אינאָוונט האָט זיך באַם הויז אָפּ־געשטעלט א פאַרקויטיקטער אווטאָמאָביל, און וואָלמער, א באַיאַרטער לעט, מיט א פאַרוואַקסענער באָרד ביז די אויערן, האָט קאָרטשאַגינען געטרייסלט די האַנט.

— נו, וואָס מאַכסטו? וואָס פירסטו זיך עפּעס אַזוי מיִעס אויף? שטיי אָקאָרשט אויף, מיר וועלן דיך גלייַך שיקן אַף ערד,—און ער האָט זיך צעלאַכט.

דער סעקרעטאַר פון רייַקאָם האָט בא קאָרטשאַגינען פאַרבראַכט צוויי שאָ. ער האָט אַפילע פאַרגעסן, אַז ער האָט א באַראַטונג אינאָוונט. דער לעט איז אומגעגאַנגען איבערן צימער, געהערט פּאַוועלס באַגייַסטערטע רייד, און צום סאָף האָט ער געזאָגט:

— גענוג דיר צו ריידן וועגן קרייַזל. דו דאַרפסט אָפּרוען, און נאָכדעם

אויך קלאָר מאַכן וועגן די אויגן. עפשער איז נאָך ניט אַלץ פאַרפאַלן. עפשער וואָלסטו צוגעפּאָרן קיין מאָסקווע, האַ? גיב א טראַכט...

קאָרטשאַגין האָט אים איבערגעשלאָגן:

— איך דאַרף האָבן מענטשן, כאָטש וואָלמער, לעבעדיקע מענטשן! אין איינזאַמקייט קען איך ניט לעבן. איצטער זײַנען זיי מיר נייטיק מער ווי ווען־ניט־איז. גיט אהער יוגנט, די סאַמע רויע. באַ דיר אין די דערפער בייגן זיי אַפּ לינקס, אין קאָמונע ארײַן—אין די קאָלווירטשאַ איז זיי ענג. דער קאָמיוג איז דאָך אַזאַ, אַז אויב מע זאָל אַפּ אים ניט אַכטונג געבן, האָט ער גאַנץ אָפט ליב אַרויסקריכן פאָרויס, פאַר דער ריי. איך בין אַליין אויך אַזוי געווען, איך ווייס.

וואָלמער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— פונוואַנען האָסטו זיך וועגן דעם דערוווּסט? מע האָט דאָך ערשט הײַנט געבראַכט פון ראַיאָן די דאָזיקע ידיעה.

קאָרטשאַגין האָט א שמייכל געטאָן.

— עפשער געדענקסטו מײַן ווײַבל? נעכטן האָט מען זי צוגענומען אין פאַרטיי, זי האָט עס מיר דערציילט.

— א, קאָרטשאַגינע, די, וואָס וואַשט די געפעס? זי איז עס דײַן ווײַבל? כאַ, און איך האָב גאָרניט געוווּסט!—וואָלמער האָט א ווײַלע א טראַכט געטאָן און זיך א פּאַטש געטאָן מיט דער האַנט אין שטערן.—ווייסט, וועמען מיר וועלן דיר שיקן?—לעוו בערסעניעוון. קיין בעסערן כאָטש דאַרף מען גאָרניט. איר זײַט אפילו לויטן כאַראַקטער אויך צוגעפּאַסט. עס וועט זיך באַקומען א מין צווײ טראַנספאָרמאַטערן פון הויכער פרעגענץ. איך בין, פאַרשטייסטו מיך, אַמאָל געווען א מאָנטיאָר, פונדאַנען שטאַמען מײַנע ווערטלעך, די פאַרגלײַכן. לעוו וועט דיר אויך ראַדיאָ ארײַנפירן, ער איז א פּראָפעסער אין געביט פון ראַדיאָ. איך זיץ אָפּ, פאַרשטייסטו מיך, גאַנץ אָפט באַ אים ביז צוויי אזייגער באַנאַכט מיט די טרײַבלעך אַפּ די אויערן. די ווײַב מײַנע האָט אפילו אָנגעהויבן וואַרפן א כשאַד: וואוהין, הייסט עס, ווערסטו פאַרפאַלן, אַלטער טײַוול, גאַנצענע נעכט?

קאָרטשאַגין האָט אים שמייכלענדיק געפרעגט:

— ווער איז בערסעניעוו?

וואָלמער איז מיד געוואָרן פונעם אומגיין, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט און דערציילט:

— בערסעניעוו איז אונדזער נאָטאַריוס: אָבער ער איז אַזאַ נאָטאַריוס, ווי איך בין א באַלעט־טענצערן. נאָך גאָר ניט לאַנג איז בערסעניעוו געווען א גרויסער טוער. אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג איז ער פון צוועלפטן יאָר, אין פּאַרטיי פון אָקטיאַבער אָן. אין בירגער־קריג האָט ער געאַרבעט אין אַרמייישן מאַסשטאַב, געווען אין רעוואָטריבונאַל פון דער צווייטער רײַטערישער; מיט זשלאָבען האָט ער אַפּ קאַווקאַז געקנאַקט די

וויַסע לײַז. געווען אי אין צאריצין, אי אפן דאָרעמדיקן. אפן ווײַטן מיזרעך האָט ער אָנגעפירט מיטן העכסטן מיליטער־געריכט פון דער רעפובליק. ער האָט געהאט אי קאלט, אי ווארעם. נאָר טובערקוליאָז האָט דעם יאט אנידערגעלייגט. ער איז געקומען פון ווײַטן מיזרעך אהער. דאָ, אין קאווקאז, איז ער געווען א פאָרזיצער פון גובערניעלן געריכט, א פארטרעטער פונעם פאָרזיצער פון קרײַז־געריכט. די לונגען זײַנען זיך בא אים אינגאנצן צעפאָרן. איצט האָט מען אים פאריאָגט אהער, ווײַל זײַן לעבן איז אין געפאר. אָט פונוואנען עס נעמט זיך צו אונדז אזא טשיקאווער נאָטאריוס. א שטעלע איז עס א רויִקע, נו, איז אָטעמט ער נאָך. דאָ האָט מען אים פאוואָלינקע געגעבן א קעמערל, נאָכדעם ארײַנגעפירט אין רײַקאָם, אונטערגערוקט א פאָליטשול, נאָכדעם אין ק.ק., ער איז א שטענדיקער מיטגליד פון אלע פאראנטוואָרטלעכע קאָמיסיעס איבער פארפלאָנטערטע און פארדרייטע איניאָנים. אויסער דעם, איז ער א יעגער, נאָכדעם א לײַדנשאפטלעכער ראדיאָ־ליבהאָבער, און כאָטש אים פעלט שוין איין לונג, אָבער עס איז שווער צו גלויבן, אז ער איז א קראנקער. פון אים שפריצט מיט ענערגיע. שטארבן וועט ער מיסטאָמע אויך, לויפנדיק ערגעץ פון רײַקאָם אין געריכט.

פאוועל האָט אים איבערגעשלאָגן מיט א שארפער פראגע:

— פארוואָס־זשע האָט איר אים אזוי אָנגעלאָדן? ער ארבעט דאָך בא אײַך מערער ווי פריִער.

וואָלמער האָט פון א זײַט א קוק געטאָן אפ קאָרטשאגינען מיט צוגעזשמורעטע אויגן:

— אָט זאָל מען דיר געבן א קרײַזל און נאָך עפעס, וועט לעוו בא א געלעגנהײַט זאָגן: „וואָס לאָדט איר אים אָן?" און אליין זאָגט ער: „בעסער איין יאָר לעבן אפ הייסער ארבעט, איידער פינף יאָר ליגן פארגליווערט אין דער לאגע פון א קראנקן". אָפהיטן מענטשן וועלן מיר מיסטאָמע קענען דאן, ווען מיר וועלן אויסבויען דעם סאָציאַליזם.

— דאָס איז ריכטיק. איך שטים אויך פאר איין יאָר לעבן קעגן פינף יאָר גליווערן, אָבער אויך דאָ פאטערן מיר אָפט אסאך קויכעס. און אין דעם, ווי איך פארשטיי איצט, ליגט ניט אזויפיל העלדישקײַט, וויפל סטיכיישקײַט און אומפאראנטוואָרטלעכקײַט. איך האָב ערשט איצט גענומען פארשטיין, אז איך האָב ניט געהאט קיין שום רעכט אזוי אכזאָריעסדיק זיך באציִען צו מײַן געזונט. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז אין דעם איז ניטאָ קיין העלדישקײַט. עס קען זײַן, אז איך וואָלט זיך נאָך געהאלטן עטלעכע יאָר, ווען ניט די דאָזיקע ספארטאנערײַ. מיט איין וואָרט, די קינדערקראנקײַט פון לינקײַט—אָט איז איינע פון די גרונט־געפארן פאר מײַן לאגע.

„געהערט, סארא ווערטער דאָס רעדט. אָבער לאָזט אים שטעלן זיך אפ די פיס—וועט ער פארגעסן אלץ אין דער וועלט", האָט וואָלמער א טראכט געטאָן, אָבער ער האָט פארשוויגן.

אפמאַרגן אינאָוונט איז צו פּאוולען געקומען לעוו. זיי האָבן זיך צע־שיידט ערשט ארום האלבער נאכט. לעוו איז אוועק פון זיין נייעם כאַווער מיט א געפיל, פונקט ווי ער וואָלט באגעגנט א ברודער, וואָס ער האָט פארלאָרן מיט אסאך יאָרן צוריק.

אינדערפרי זיינען איבערן דאך ארומגעקראָכן מענטשן, וואָס האָבן פאר־פעסטיקט דעם ראַדיאָ־מאסט, און לעוו האָט מאָנטאזשירט אינווייניק אין שטוב, דערביי האָט ער דערציילט טשיקאווע געשיכטעס פון זיין פארגאנ־גענהייט. פּאוועל האָט אים ניט געזען, נאָר פון טייעס רייד האָט ער גע־וווּסט, אז לעוו איז א בלאָנדער מיט ליכטיקע אויגן, א שלאנקער, א האסטיקער, דאָס הייסט טאקע אזא, ווי פּאוועל האָט זיך פאָרגעשטעלט פון די ערשטע מינוטן פון זייער באקאַנטשאפט.

פארנאכט־צו האָבן זיך אין צימער אָנגעצונדן דריי „מיקראָען". לעוו האָט פּייערלעך דערלאנגט פּאוועלען די אויערן־דעקלעך. אין עפּיר האָט גע־הערשט א כאָאָס פון קלאנגען. ווי פייגעלעך האָבן געצוויטשעט די יאַמישע „מאָרזיקעס", ערגעץ־ווו (קענטיק, דאָ נאָענט אפן יאם) האָט געשטרייפט א „פונקלער" פון א דאמפשיפ. אין דעם דאָזיקן קנויל פון גערוישן און קלאנגען האָט דאָס שפּולכל פון וואַריאָמעטער אָפּגעזוכט און געבראכט א רויִקע און זיכערע שטימע:

— הערט, הערט, עס רעדט מאָסקווע...

דער קליינינקער אפּאראט האָט אף זיין אָנטענע אופגעכאפּט זעכציק סטאנציעס פון דער וועלט. דאָס לעבן, וואָס פּאוועל איז פון אים ארויסגע־שטויסן געוואָרן, האָט זיך ארייַנגעריסן דורך דער שטאָלענער מעמבראַנע, און ער האָט דערפילט זיין מעכטיקן אָטעמען.

זעענדיק, ווי עס האָבן זיך אָנגעצונדן זיינע אויגן, האָט דער מידער בערסעניעוו א שמייכל געטאָן.

*

אינעם גרויסן הויז שלאָפט מען. טייע שעפּטשעט עפּעס אומרויִק פון שלאָף. זי קומט שפּעט אהיים, א מידע און א דורכגעפראָרענע. פּאוועל זעט זי ווייניק. וואָס טיפער זי גייט ארייַן אין דער ארבעט, האָט זי אַלץ זעל־טענער אירע פרייַע אָוונטן. און פּאוועל דערמאָנט זיך אָן בערסעניעווס ווערטער:

„אויב א באָלשעוויק האָט א וויַב — א כאַווער לויט דער פּארטיי, זעען זיי זעלטן איינער דעם אנדערן. דאָ זיינען צוויי פּליוסן: זיי דערעסן ניט איינע די אנדערע, און זיי האָבן אויך ניט ווען צו קריגן זיך!"

וואָס־זשע קען ער האָבן קעגן דעם? דאָס האָט מען געדאַרפט דער־ווארטן. עס זיינען געווען צייַטן, ווען טייע האָט אים אָפּגעגעבן אַלע אירע אָוונטן. דעמאָלט איז געווען צווישן זיי מערער וואַרעמקייַט, מערער צערט־

לעכקײַט. דעמלט איז זי אָבער געווען נישט מער ווי א כאַווער, א ווײַב, איצטער האָט די פאַרטיי זי דערצויגן און זי איז געוואָרן אויך א כאַווער לויט דער פאַרטיי.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז וואָס מער טײַע וועט וואַקסן, אַלץ ווייניקער שאָען וועלן אים אָפּגעגעבן ווערן, און ער האָט עס אויפגענומען ווי א נאַטירלעכע זאַך.

פּאַוועל האָט באַקומען א קרײַזל.

אין שטוב איז ווידער געוואָרן טומלדיק אײַנגעוואונט. די שאָען, וואָס פּאַוועל האָט פאַרבראַכט מיט דער יוגנט, האָבן אים אָנגעלאָדן מיט מוט.

אין דער איבעריקער צײַט פלעגט די מאַמע בײַ אים מיט גוואַלד אָפּנעמען די אויערן־דעקלעך, קעדיי אים געבן עסן.

די ראַדיאָ האָט אים געגעבן דאָס, וואָס עס האָט בײַ אים אָפּגענומען די בלינדקײַט — די מעגלעכקײַט צו לערנען זיך, און אין דער דאָזיקער שטרעבונג, וואָס האָט ניט געהאַט קיין גרענעצ, האָט ער פאַרגעסן אָן די פּײַנלעכע ווייטעקן פון זײַן קערפּער, וואָס האָט געהאַלטן אין איין ברענען. ער האָט פאַרגעסן אָן דעם בראַנד אין די אויגן און אָן דעם גאַנצן לעבן, וואָס האָט זיך באַצויגן צו אים אַזוי האַרב.

ווען א פונק פון דער אַנטענע האָט געבראַכט פון מאַגניטאָגאָרסק די ידיעה וועגן די העלדנטאַטן פון דער יונגער כעוורע, וואָס האָט אונטער דער פאָן פון קים פאַרביטן קאַרטשאַגינס דאָר, איז פּאַוועל געווען טיף גליקלעך.

עס האָט זיך אים פאָרגעשטעלט א שניי־שטורעם, א גרויזאַמער, ווי א טשאַטע וועלף, אוראַלער ברענענדיקע פרעסט. עס בלאָזט דער ווינט, און א מאַכנע פון דעם צווייטן דאָר קאָמיוגיסטן, א פאַרווייעטע מיט שניי, לאָזט אָן באַנאַכט, באַם שײַן פון בויגן־לאַמטערנס, די דעכער פון גיגאַנטישע קאָרפּוסן, און ראַטעוועט פון שניי און קעלט די ערשטע פאָזיציעס פון דעם וועלט־קאָמבינאַט. קליין האָט אויסגעזען די וואַלד־בויונג, אַף וועלכער עס האָט מיטן שניי־שטורעם געקעמפט דער ערשטער דאָר פון דעם קיעווער קאָמיוג. עס איז אויסגעוואַקסן דאָס לאַנד. עס זײַנען אויך אויסגעוואַקסן די מענטשן.

אַפן דניעפּער האָט דאָס וואַסער דורכגעריסן די שטאָלענע צאַמען, א פלייץ געטאָן און פאַרטרונקען די מאַשינעס און די מענטשן. און ווידער האָט דער קאָמיוג זיך געוואָרפן אַנטקעגן דער סטיכיע און נאָך א פאַרביסענעם צווייוואָכיקן געראַנגל, אָן שלאָף און אָפּרו, האָט ער פאַרטריבן די סטיכיע צוריק אַהינטער די שטאָלענע צאַמען. אין דעם דאָזיקן גראַנדיעזן קאַמף איז פאָרויסגעגאַנגען דער נײַער דאָר פון קאָמיוג. צווישן די נעמען פון די העלדן האָט פּאַוועל מיט פרייד דערהערט דעם לײַבלעכן נאָמען — איגנאַט פּאַנקראַטאָוו.

27. ווי שטאָל האָט זיך פאַרהאַרטעוועט

צוויינטער קאַפּיטל

עטלעכע טעג האָבן זיי אין מאָסקווע געוווינט אין אַן אַרכיוו־סקלאַד פון עפּעס אַן אַנשטאַלט, וואָס זיין שעף האָט געהאָלפן איינאָרדענען קאָר־טשאַגינען אין אַ ספּעציעלער קליניק.

ערשט איצט האָט פּאַוועל פאַרשטאַנען, אַז זיין שטאַנדהאַפטיק בייס מען איז קרעפטיק און יונג אַנז גאַנצע לייכט און כּאָשעט, אָבער איינשטיין איצט, ווען דאָס לעבן פּרעסט צונויף מיט אַן אייזערנעם רייף,—דאָס איז אַ זאַך פון קאָוועד.

— ווייסט, פּאַוועל, די מאַמע האָט מיר פאַרן אָפּפאָרן געשריבן, אַז דעם טאַטן האָט מען אָפּגעזאָגט פון קאָאָפּעראַטיוו, און ער אַרבעט איצט אַלס סטאָליער אַף דער בויונג.

*

עס זיינען אַדורך אָנדערהאַלבן יאָר זינט דעם אָוונט אינעם אַרכיוו־סקלאַד. אַכצן כאָדאָשים פון אומגעהערטע יעסורים.

אין קליניק האָט דער פּראָפעסער אַווערבאַך אָפן געזאָגט פּאַוולען, אַז אויסהיילן די בלינדקייט איז אומעגלעך. אין דער נעפלדיקער צוקונפט, ווען די אָנצינדונג וועט אויפהערן, וועט די כירורגיע מאַכן אַ פּרווו צו אָפּערירן די שוואַרצאַפּלען. קעדיי אויסהיילן די אָנצינדונג, האָט מען פּאָרגעלייגט אָנעמען כירורגישע מיטלען.

מע האָט געפרעגט, צי ער איז איינשטימיק, און פּאַוועל האָט דערלויבט מאַכן מיט אים אַלץ, וואָס די דאָקטוירים וועלן געפינען פאַר נייטיק.

אין די שאָען, ווען ער איז געלעגן אַפן אָפּעראַציע־טיש, ווען די לאַנ־צעטן האָבן געשעטשקעוועט דעם האַלדז און אַראָפּגענומען די פּאַראַשילד־דריז, האָט אים דער טויט דריי מאָל אָנגערירט מיט זיין שוואַרצן פליגל. אָבער דאָס לעבן האָט זיך אין קאָרטשאַגינען געהאַלטן פעסט. נאָך די שרעקלעכע שאָען פון וואַרטן, פלעגט טייע געפינען איר פריינט אַ טויט־בלאַסן, נאָר אַ לעבעדיקן און, ווי שטענדיק, אַ רויק־צערטלעכן.

— זײַ ניט צעטראָגנ, מײדעלע, מיכ איז אזוי ניט לײַכט אוועקשיקנ אפ יענער וועלט. איכ וועל נאָכ לעבנ אונ קערנ די וועלט כאָטשבי אפ צולאָכעס די אריפמעטישע כעזשבוינעס פונ די געלערנטע עסקולאפנ. זיי זײַנענ אינ אלצ גערעכט וואָס שײַעכ מײַנ געזונט, אָבער זיי האָבנ א גרויסנ טאָעס, ווענ זיי האָבנ אָנגעשריבנ א דאָקומענט, אז איכ בינ אפ הונדערט פראָצענט אומפײיִק צו ארבעטנ. דאָס וועלנ מיר נאָכ זענ.

פאוועל האָט זיכ פעסט אויסגעקליבנ א וועג, מיט וועלכנ ער האָט באַשלאָסנ אומצוקערנ זיכ אינ די רייענ פונ די בויער פונעמ נײַעמ לעבנ.

*

דער ווינטער האָט זיכ געענדיקט. דער פרילינג האָט צעעפנט די פענצטער, אונ דער אָפגעצערטער קאָרטשאגינ, וואָס איז ארויס גאנצ פונ דער לעצטער אָפעראציע, האָט פארשטאנענ, אז ווײַטער בלײַבנ אינ לאזארעט קענ ער ניט. לעבנ אזויפיל כאדאָשימ אינ דער סוויווע פונ מענטשלעכנ פײַנ, צווישנ קרעכצנ אונ קלאָגערײַענ פונ פארורטײלטע מענטשנ איז געווענ אסאכ שווערער, ווי אריבערטראָגנ די אייגענע לײַדנ.

אונ ווענ מע האָט אימ פאָרגעלײגט צו מאכנ א נײַע אָפעראציע, האָט ער געענטפערט קאלט אונ שארפ:

— גענוג. פאר מיר ועט קלעקנ. פאר דער וויסנשאפט האָב איכ אָפגעגעבנ א טייל פונ מײַנ בלוט, אונ דאָס, וואָס איז געבליבנ, דארפ איכ האָבנ פאר עפעס אנדערש.

אינ דעמ זעלבנ טאָג האָט פאוועל אָנגעשריבנ א בריוו אינ צ. ק. מיט דער ביטע העלפנ אימ פארבלײַבנ וווינענ אינ מאָסקווע, ווו עס ארבעט זײַנ כאווערטע, ווײַל וואנדערנ ווײַטער האָט ניט קיינ צוועק. צומ ערשטנ מאָל האָט ער זיכ געווענדעט צו דער פארטיי נאָכ הילפ. אלס ענטפער אפ זײַנ בריוו האָט אימ דער מאָסקווער סאָוועט געגעבנ א צימער. אונ פאוועל האָט פארלאָזנ דעמ לאזארעט מיט דער אײנציקער ווונטש, מער ניט אומקערנ זיכ אהינ.

דער באשײדענער צימער אינ א שטילנ געסל ארומ קראָפאָטקינ־גאס האָט אימ אויסגעזענ, ווי דער גרעסטער לוקסוס. אונ אָפט האָט פאוועל, אופכאפנדיק זיכ באנאכט, ניט געגלויבט, אז דער לאזארעט איז געבליבנ ערגעצ דאָרטנ פונהינטנ.

טײַע איז געוואָרנ א מיטגליד פונ דער פארטיי. ניט געקוקט אפ דער גאנצער טראגעדיע פונ איר פערזענלעכנ לעבנ, איז זי, אנ אײַנגעשפארטע אינ דער ארבעט, ניט אָפגעשטאנענ פונ די שלאָגלערנס, אונ דער קאָלעקטיוו האָט אָפגעמערקט די דאָזיקע שווײַגנדיקע ארבעטערנ מיטנ צייכנ פונ צוטרוי: זי איז אויסגעוויילט געוואָרנ פאר א מיטגליד פונ פאבקאָמ. דער שטאָלצ פאר דער כאווערטע, וואָס ווערט פארוואנדלט אינ א באָלשעוויק, האָט מילדער געמאכט פאוועלס שווערע לאגע.

*

צו אימ איז געקומענ צוגאסט באזשאנאָווע, וואָס איז דאָ געווענ אינ א קאָמאנדירונג. זיי האָבנ אסאך געשמועסט. פאוועל האָט מיט היצ דערציילט וועגנ דעמ וועג, מיט וועלכנ ער וועט אינ דער נאָענטער צוקונפט זיך אומ־קערנ צוריק אינ די רייענ פונ די קעמפער.

באזשאנאָווע האָט באמערקט די זילבערנע האָר אינ קאָרטשאגינס שלייפנ אונ זי האָט שטיל געזאָגט:

— איך זע, איבערלעבונגענ האָט איר געהאט היפשע, אָבער איר האָט פונדעסטוועגנ ניט פארלאָרנ דעמ ניט־אויסגעלאָשענעמ ענטוזיאזמ. וואָס דארפ מענ נאָך? דאָס איז גוט, וואָס איר האָט באשלאָסנ אָנהייבנ די ארבעט, צו וועלכער איר האָט זיך געגרייט פינפ יאָר. אָבער וויאזוי וועט איר אר־בעטנ?

פאוועל האָט בארויקנדיק געשמייכלט.

— מאָרגנ וועט מענ מיר ברענגענ א טראנספאראנט, אויסגעשניטנ פונ קאר־דאָנ. אָנ אימ וועל איך ניט קענענ שרייבנ. א שורע וועט ארופקריכנ אפ א שורע. איך האָב לאנג געזוכט אנ אויסוועג אונ געפונענ—פאסקעס אויסגע־שניטענע פונ קארדאָנ וועלנ ניט לאָזנ מיינ בלייַשטיפט ארויסגייג פונ די ראַ־מענ פונ א גלייכער שורע. שרייבנ אונ ניט זענ וואָס עס איז אָנגעשריבנ, איז שווער, אָבער ניט אומעגלעך. איך האָב זיך אינ דעמ איבערצייַגט. זייער לאנג האָט זיך געאָרנישט באקומענ, אָבער איצטער האָב איך אָנגעהויבנ שרייבנ לאנגזאמער, איך שרייַב אָנ דייַטלעך יעדנ בוכשטאב, אונ עס באקומט זיך גאנצ גוט.

פאוועל האָט אָנגעהויבנ ארבעטנ. ער האָט פארטראכט אָנצושרייַבנ א דערציילונג, געווידמעט קאָטאָווסקיס העלדישער דיוויזיע. דער נאָמענ איז גע־קומענ פונ זיך אליינ:

„געבוירענע אינ שטורעמ".

פונ דעמ דאָזיקנ טאָג אָנ האָט זיך זייַנ גאנצער לעבנ איבערגעשלאָסנ אפ דער שאפונג פונעמ בוך. פאמעלעך, שורע נאָך שורע, זייַנענ געבוירנ געוואָרנ זייַטלעך. ער האָט פארגעסנ אָנ אלצ. ער האָט זיך געפונענ אונטערנ אייַנדרוק פונ די בילדער אונ צומ ערשטנ מאָל איבערגעלעבט שאפונגס־ליידנ, ווענ די העלע אומפארגעסלעכע בילדער, וואָס ער האָט אזוי דייַטלעך געפילט, האָט זיך ניט אייַנגעגעבנ אָפשפיגלענ אפנ פאפיר אונ די שורעס האָבנ זיך באקומענ בלייכע, אָנ פייַער אונ לייַדנשאפט.

אלצ, וואָס ער האָט געשריבנ, האָט ער געדארפט געדענקענ וואָרט אינ וואָרט, ווענ ער פארלירט דעמ פאָדעמ, בלייַבט שטעקנ די גאנצע ארבעט.

די מאמע האָט געקוקט מיט שרעק אפ איר זונס באשעפטיקונג.

אינ פראָצעס פונ דער ארבעט איז אימ אויסגעקומענ צו לייענענ אפ אויסווייניק גאנצע זייַטלעך, אָפט אפילע קאפיטלענ, אונ דער מאמענ האָט

זיך אָפּטמאָל געדוכט, אַז דער זון איז אַראָפּ פון זינען. קאָלומאַן ער האָט געשריבן, האָט זי ניט געוואָגט צוצוגיין צו אים, נאָר ווען זי האָט צו־נויפגעקליבן פון דיל די אַראָפּגעפאַלענע בויגנס פּאַפּיר, האָט זי אומזיכער א זאָג געטאָן:

— וואָלטסט זיך בעסער מיט עפּעס אַנדערש פאַרנומען, פּאַוולושע, וואָרעם ווי איז דאָס געהערט געוואָרן שרײַבן אָן א סאָף...

ער האָט האַרציק געלאַכט איבער איר אומרויִקײַט און פאַרזיכערט דער אַלטיטשקער, אַז ער איז נאָך ניט אײַנגאַנצן „אַראָפּ פון די רעדער".

*

דרײַ קאַפּיטלען פון דעם פאַרטראַכטן בוך זײַנען געווען פאַרענדיקט. פּאַוועל האָט זיי אָוועקגעשיקט אין אָדעס צו אַלטע קאַמאַראַדעס אַף מעווי־נעס. און אײַנגיכן האָט ער פון זיי באַקומען א בריוו מיט פּאָזיטיווע אָפּרופן, אָבער דער מאַנוסקריפּט איז אַפּצוריקוועגס פאַרפאַלן געוואָרן אַף פּאָטשט. די אַרבעט פון זעקס כאָדאָשים איז פאַרלאָרן געגאַנגען. דאָס איז פאַר אים געווען א גרויסער קלאַפּ. ער האָט ביטער באַדויערט, וואָס ער האָט גע־שיקט דעם איינציקן עקזעמפּליאַר, און ניט איבערגעלאָזן קיין קאָפּיע. ער האָט דערציילט לעדעניאָוון וועגן זײַן פאַרלוסט.

— פאַרוואָס האָסטו אַזוי אומפאָרזיכטיק געהאַנדלט? באַרויִק זיך. איצ־טער איז שוין ניטאָ וואָס צו שרײַען. הייב אָן פון אָנהייב.

— אײַנאָקענטי פּאַוולאָוויטש! אָבער עס איז דאָך בא מיר אָוועקגערויבט געוואָרן די מי פון זעקס כאָדאָשים. יעדער טאָג, דאָס איז אַכט שאָ אָנ־שטרענגונגען! אָט ווי עס זײַנען די פּאַראַזיטן, זאָל זיי כאַפּן די ניכפּע!

לעדעניאָוו האָט זיך באַמיט אים צו באַרויִקן.

עס איז אויסגעקומען אַלץ אָנהייבן צוריק פון אָנהייב. לעדעניאָוו פלעגט אים קריגן פּאַפּיר. ער האָט געהאָלפן איבערדרוקן דאָס אָנגעשריבענע. אין אַנדערהאַלבן כאָדאָשים אַרום איז ווידער געבוירן געוואָרן דער ערשטער קאַפּיטל.

אין איינע דירע מיט זיי האָט געוווינט די מישפּאָכע אַלעקסייעוו. דער עלטערער זון, אַלעקסאַנדער, האָט געאַרבעט אַלס סעקרעטאַר אין איינעם פון די שטאָטישע רײַקאָמען פון קאָמיוג. ער האָט געהאַט אַן אַכצניאָריקע שוועסטער גאַליע, וועלכע האָט געענדיקט די פאַבזאַוושול. גאַליע איז גע־ווען א לעבנסלוסטיקע מיידל. פּאַוועל האָט געזאָגט דער מאַמען, זי זאָל א רעד טאָן מיט איר, צי וועט זי ניט אײַנשטימען העלפן אים אַלס „סעקרע־טאַר". גאַליע האָט מיט גרויס כיישעק אײַנגעשטימט. זי איז געקומען צו גיין, א שמייכלדיקע און א פרײַנטלעכע, און אַז זי האָט זיך דערוווּסט, אַז פּאַוועל שרײַבט א דערציילונג, האָט זי געזאָגט:

— איך וועל אײַך העלפן מיט פאַרגעניגן, כאָטש קאָרטשאַגין. דאָס

איז דאָך ניט דאָס זעלבע, וואָס שרײַבן פּאַרן טאַטן לאַנגווײַליקע צירקו־ליאַרן וועגן רייַן האַלטן די דירעס.

פון דעם טאָג אָן האָבן זיך די ליטעראַרישע איניאַנים א רוק געטאָן פאָרויס מיט א דאָפּלטער שנעלקייט. פאַר איין כוידעש איז אזויפיל אופגעטאָן געוואָרן, אַז פּאַוועל האָט זיך מאמעש געוווּנדערט. גאַליע האָט מיט איר שטאַרקן אָנטייל און מיטגעפיל געהאָלפן אים אין ארבעטן. שנעל האָט געשאָרכט איר בליַישטיפט איבערן פּאַפּיר, און דאָס, וואָס איר איז באַזונדערס געווען געפעלן, האָט זי איבערגעלייענט עטלעכע מאָל, און זיך אופריכטיק געפרייט מיט זײַן דערפאָלג. אין שטוב איז זי געווען קימאַט דער איינציקער מענטש, וואָס האָט געגלויבט אין פּאַוועלס ארבעט, די איבעריקע האָט זיך אויסגע־דאַכט, אַז עס וועט גאָרנישט ארויסקומען און אַז ער סטאַרעט זיך נאָר אָנ־פילן מיט עפּעס זײַן געצוווּנגענע אומטעטיקייט.

אין מאָסקווע איז צוריקגעקומען לעדעניאָוו, וועלכער איז געווען אוועק־געפאָרן אין א קאָמאַנדירונג, און אַז ער האָט איבערגעלייענט די ערשטע קאַפּיטלען, האָט ער געזאָגט:

— שרײַב ווײַטער, פּרײַנט. דער זיג איז געזיכערט. דו וועסט נאָך האָבן גרויס פרייד, כאַווער פּאַוועל. איך גלויב פעסט, אַז דײַן טרוים אומצוקערן זיך אין די קאַמפּ־רייען וועט גיך צו שטאַנד קומען. פאַרליר ניט די האָפע־נונג, זון מײַנער!

דער אַלטער איז אוועק א צופרידענער: ער האָט געטראָפן פּאַוועלען פול מיט ענערגיע.

עס פלעגט קומען גאַליע. איר בליַישטיפט האָט געשאָרכט איבערן פּאַפּיר, און עס זײַנען אויסגעוואַקסן רייען ווערטער וועגן דער אומפאַרגעסלעכער פאַרגאַנגענהייט. אין די מינוטן, ווען פּאַוועל פלעגט זיך פאַרטראַכטן, ווען ער איז באַהערשט געוואָרן פון דערינערונגען, האָט גאַליע געזען, ווי עס ציטערן אויף זײַנע וויִעס, ווי עס בײַטן זיך זײַנע אויגן, וואָס שפּיגלען אָפּ דעם לויף פון די געדאַנקען, און עס האָט זיך עפּעס ניט געגלויבט, אַז ער זעט ניט: אין די ריינע שוואַרצאַפּלען, וואָס האָבן ניט געהאַט אַפ זיך קיין איין פלעק, איז געווען לעבן.

נאָכן ענדיקן די ארבעט פלעגט זי לייענען דאָס, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן פאַרן טאָג, און זי האָט געזען, ווי ער הערט זיך שטאַרק צו און כמורעט זיך.

— וואָס כמורעט איר זיך, כאַווער קאָרטשאַגין? עס איז דאָך אָנגע־שריבן גוט!

— ניין, גאַליע, שלעכט.

נאָך אומגעלונגענע זײַטלעך פלעגט ער אָנהייבן אַליין שרײַבן. פאַרקלאַ־מערט אין דעם שמאָלן פּאַסיק פון טראַנספּאַראַנט, פלעגט ער אָפט ניט אויס־האַלטן און אוועקוואַרפן. און דעמאָלט, אין זײַן קאַעס אָן א שיר אַפן לעבן,

וואָס האָט בא אים אָפּגענומען די אויגן, האָט ער געבראָכן די בלײַפעדערס, און אָפּ די פּאַרביסענע ליפּן פלעגן זיך באַווײַזן טראָפּעלעך בלוט.

צום סאָף פון דער אַרבעט האָבן זיך אָפטער ווי געוויינלעך אָנגעהויבן אַרויסרײַסן פון צווישן די קלאַמערן פון דעם וואַכן ווילן פאַרוועדטע געפילן. עס איז געווען פאַרווערט—טרויער און א גרויסע צאָל פּאַשעטע מענטשלעכע געפילן, הייסע און מילדע, וואָס האָבן רעכט אויף לעבן קימאַט פאַר יעדערן, אָבער ניט פאַר אים. אויב ער וואָלט זיך אונטערגעגעבן אפילו איינעם פון זיי, וואָלט זיך די זאַך געענדיקט מיט א טראַגעדיע.

שפּעט באַנאַכט פלעגט קומען טײַע פון פאַבריק, זי פלעגט שטילערהייט איבערכאַפּן א וואָרט מיט מאַריע יאַקאָוולעוונע און לייגן זיך שלאָפן.

*

פאַרענדיקט דער לעצטער קאַפּיטל. עטלעכע טעג האָט גאַליע געלייענט קאָרטשאַגינען די דערציילונג.

מאָרגן וועט דער מאַנוסקריפּט אָפּגעשיקט ווערן קײַן לענינגראַד אין קולטפּראָפּ פון געגנט־קאָמיטעט. אויב דאָרטן וועט מען דעם בוך געבן „אַן אָרדער אויף לעבן", וועט דאָס אַוועקגיין אין א פאַרלאַג—און דאַן...

דאָס האַרץ האָט אומרויִק געקלאַפּט. דעמלט... אַן אָנהייב פון א נײַעם לעבן, וואָס איז דערוואָרבן געוואָרן דורך יאָרן שווערער און אָנגעשטרענג־טער אַרבעט.

דער גורל פון בוך האָט באַשטימט פּאַוועלס גורל. אויב דער מאַנוס־קריפּט וועט דורכפאַלן, וועט עס זײַן זײַן לעצטע דעמערונג. אויב אָבער דער דורכפאַל וועט זײַן א טיילווײַזער, אַזאַ, וואָס מע קען גויווער זײַן דורך דעם, וואָס ער וועט ווײַטער אַרבעטן איבער זיך, וועט ער באַלד טאַקע אָנהייבן א נײַעם אָנגריף.

די מוטער האָט אַוועקגעטראָגן דאָס פּעקל אויף פּאָטשט. עס זײַנען אַוועק טעג פון אָנגעשטרענגטער דערוואַרטונג. קיינמאָל אין לעבן האָט נאָך קאָר־טשאַגין ניט געוואַרט אויף בריוו מיט אַזאַ אומגעדולד, ווי אין די דאָזיקע טעג. פּאַוועל האָט געלעבט פון דער אינדערפרײַקער פּאָטשט ביז דער אָוונ־טיקער. לענינגראַד האָט געשוויגן.

דאָס שווײַגן פון דעם פאַרלאַג איז געווען דראָענדיק. מיט יעדן טאָג האָט זיך דער פאָרגעפיל פון א מאַפּאָלע פאַרשטאַרקט, און קאָרטשאַגין האָט מודע געווען פאַר זיך אַליין, אַז אויב זײַן בוך וועט קאַטעגאָריש אָפּגע־וואָרפן ווערן, וועט עס זײַן זײַן סאָף. דעמלט איז מער ניט מעגלעך צו לעבן. ניטאָ צוליב וואָס.

אין אַזעלכע מינוטן איז אַרויפגעקומען אויף זינען דער הינטערשטאָטישער פּאַרק באַם יאַם, און נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל איז אויפגעקומען די פראַגע:

— צי האָסטו אַלץ געטאָן, קעדיי אַרויסרײַסן זיך פונעם אײַזערנעם

רינג, קעדיי אומקערן זיך אין די קאמפ־רייען, קעדיי מאכן דאָס ל נוצלעך?

און ער האָט געענטפערט:

— יע, דאכט זיך, אלץ!

אין אסאך טעג ארום, ווען דאָס ווארטן איז שוין געוואָרן אומד טרעגלעך, איז די מאמע אריין אין צימער און אופגערעגט ניט ווייני פונעם זון, האָט זי אויסגעשריען:

— פּאָטשט פון לענינגראד!

דאָס איז געווען א טעלעגראם פון געגנט־קאָמיטעט. עטלעכע אָפּגז טענע ווערטער אפּ א בלאנק: „די דערציילונג איז הייס אופגענומען וואָרן. מע טרעט צו זי ארויסצוגעבן. מיר באגריסן מיטן זיג״.

דאָס הארץ האָט אָפּטער געגומען קלאפּן. אָט איז ער, דער געגארו טרוים, וואָס איז געוואָרן א ווירקלעכקייט! עס איז צעריסן דער אייזער רינג, און ער קערט זיך ווידער אום — שוין מיט א נייעם געווער — אין קאמפּ־רייען און אין לעבן.

אינהאַלט

ערשטער טייל

ערשטער קאפיטל 11
צווייטער קאפיטל 29
דריטער קאפיטל 47
פערטער קאפיטל 75
פינפטער קאפיטל 92
זעקסטער קאפיטל 109
זיבעטער קאפיטל 143
אכטער קאפיטל 169
נײַנטער קאפיטל 192

צווייטער טייל

ערשטער קאפיטל 209
צווייטער קאפיטל 232
דריטער קאפיטל 267
פערטער קאפיטל 306
פינפטער קאפיטל 343
זעקסטער קאפיטל 364
זיבעטער קאפיטל 380
אכטער קאפיטל 403
נײַנטער קאפיטל 418

★

רעדאקטער פונ דער איבערזעצונג — י. ליווש יצ

טעכרעדאקטער — א. בעלקינ

קאָרעקטער — א. גאָלדשטיינ

אָפּגעגעבנ אינ דרוק — 4/VIII 1936 י.

אונטערגעשריבנ צומ דרוק — 5/XII 1936 י.

צאָל דרוקבויגנ — 26 3/4

טיראַזש 3185 עקז. באשט. נומ. 888

גלאַווליטבעל 1443 №-Б

פאראנטוואָרטלעכער קאָרעקטער

פונ דרוקעריי — קאראסיק

דרוקעריי א. נ. סטאלינ —

מינסק

★

פרייַז 3 ר. 60 ק. אייַנבונד 75 ק.

באמערקטע דרוקפעלערן

זייט	שורה	אָפּגעדרוקט	דאַרף זײַן	וועמעס שולד
21	1 פֿון ױבן	האלב יאָר	א האלב יאָר	דרוקערײַ
98	4 פֿון ױבן	פּיל	פּילנדיק	„
98	5 „	אווע	אוועק	„
98	6 „	נישט	גאָרנישט	„
138	14 פֿון אונטן	יז	הויז	„
178	11 „	אפ	אפּן	„
196	13 פֿון ױבן	שפּימאָל־באלקאָן	שפּיטאָל־באלקאָן	„
289	3 פֿון אונטן	פּוי	פּון	„
297	1 „	געפּרעכ	געשפּרעכ	„
307	18 פֿון אונטן	פּעדעראטקע	א קאָנפּעדעראטקע	„
327	12 פֿון ױבן	טרבעט, אלפ	ארבעט, דארפּ	„
370	1 „	עגנט	זעגנט	„
417	14 פֿון אונטן	לאָזט	גלאָזט	„